This Belongs To

ספריה עממית בטורונטו
יודישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

גראף לעא טאלסטאי.

געזאמעלטע ווערק

ערשטער באנד.

1923

היברו פאבלישינג קאמפאני
52-50 עלדרידזש סט., ניו יארק.

אינהאלט־פערצייכניס:

1. טאָלסטאָי'ס ביאָגראַפיע.
2. דיא קרייצער סאנאטא.
3. איך און מיין מאַן.
4. מיין פריינד'ס פרוי.
5. איוואַן איליטש'עס טוידט.

Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/gewehltework0001coun

טאָלסטאָי'ס ביאָגראַפיע.

ערשטעס קאַפּיטעל.

זיינע עלטערען.

נוטע אונד געשמאַקע פריכטע וואַקסען וויא געוועהנליך אויף א שעהנעם בוים. אבער דיא פריכטע זעלבסט, זיינען זעהר פיעל אונטערוואָרפען דעם וועטער. דיא זונן, דער נעבעל, דיא קאַלטע אָדער וואַרעמע נעכט, מאַכען פערשיעדענע ווירקונגען. דיא פרוכט אָבער, וועלכע וואַקסט אויף א שעהנעם אונד געזונדען בוים, איז ערשטענס בעסער אימשטאַנדע איבערצוטראַגען דיא פערשיעדענע וועטערן, אונד, צווייטענס, ווען דאָס גינסטיגע וועטער קומט, איז דיא פרוכט א וואונדערבאַרער פּראָדוקט.

גראַף לעאָ (ליאָוו) ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי, איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1828, אויף דעם גוט (אימעניע) יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, אין דער טולאַשען גובערניע.

זיין פאַטער, וועלכער איז שפּעטער בעקאַנט געוואָרען אין דעם ראַנג פון קאָלאָנעל (פּאָלקאָווניק,) אין דער רוסישער אַרמעע, איז געוועזען א מענש פון זעלטענע פעהיגקייטען, א שאַרפען פּראַקטישען פערשטאַנד, אונד, אבוואָהל איינער פון דעם שטאָלצען רוסישען אַדעל, איז ער געוועזען איין אנשטענדיגער אונד ליעבענסווירדיגער מענש. ער האָט געקעמפפט אין דיא רוסישע מלחמות געגען דיא פראַנצויזען אין דיא יאָהרען 1812 אונד 1813, אונד אויף'ן שלאַכטפעלד, האָט ער זיך אויסגע־צייכענט אַלס בראַוו, מוטהיג אונד אונערשראָקען. נאַפּאָלעאָן דעם גרויסען'ס סאָלדאַטען, וואָס האָבען איינגעדרונגען ביז נאָך מאָסקווא, האָבען ניט געהאַט נאָר צו קעמפפען מיט דיא שרעקליכע רוסישע פרעסט, זאָנדערן, אזעלכע מענער וויא דעם יעטצטיגען בעריהמטען טאָלסטאָי'ס פאַטער, האָבען דעם וועלט־עראָבערער פעראורזאַכט גרויסע צרות.

דיא מוטער פון גראַף לעאָ טאָלסטאָי איז געוועזען דיא פירסטין (קניאַזין) וואָלקאָנסקי. דיעזע פרוי, וועלכע האָט אויף דער וועלט געבראַכט רוסלאַנד'ס גרעסטען פילאָזאָף אונד רעאַליסטישען ליטעראַט, איז געוועזען, אין איהר יוגענד, א בעריהמטע שעהנהייט, אונד איהר קערפּערליכע קראַפט, האָט געהאַט א שם ניט נאָר אונטער איהרע חבר'טעס, זאָנדערן אויך אונטער מאַנכע יונגע לייט וואָס

געוויזען אלס נערעכט אונד עהרליך, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען א
שטרייטיגקייט מיט אנדערע קינדער.

ביז צום יאהר 1837, אדער, ביז נאהענט פון דעם 10טען יאהר אין זיין לעבען
האט ער ניט נעקענט זיין גרויסע, רוישענדע אונד קאָכענדע שטאדט. אבער א
יאהר 1837, האט זיך דיא פאמיליע ארויס געצויגען נאך מאָסקווא, אונד דיא
גרעפין אסטען-זאקען, זיין טאנטע, איז געווארען דיא זאָגענאנטע פערוואלטערין פון
דיא קינדער.

דער קאָלאָנעל, לעאָ'ס פאטער, האט צוגענומען פאר זיינע זיהן צוויי
לעהרער, איינעם א פראנצויז אונד דעם צווייטען א דייטש, וועלכע, אויסער דיא
רוסישע לעהרערס, האבען זייא אנגעפאנגען אויפצרוועקען אין רוסלאנד'ס צו־
קינפטיגען גרעסטען מאן, זיין גייסט אונד געשמאק צום לערנען אונד וויסען.

לעאָ איז געוועזען א פלייסיגער שיללער, אבער זיין פלייסיגקייט איז ניט געוועזען
קיין בעשטענדיגע. אמאל האט ער געקענט צוברענגען טעג אונד נעכט איבער זיינע
לעקציאָנען, אונד אנאנדער מאל האט ער וואָכענלאנג גאר ניט געוואלט אנקוקען
זיינע ביכער.

ווען זיינע לעהרער האבען איהם דערפאר פאָרווירפע געמאכט, האט ער זיך
ענטוועדער אויסגעלאכט, אדער מיט א פעראכטענדען שטאָלץ זיך פון זייא אָב־
געווענדעט.

דיעזער ארט שטודיום, וועלכער איז געוועזען זעהר אונרעגעלמעסיג, האט נער־
רויערט בלויז דרייא יאהר, דען אין יאהר 1840 איז לעאָ'ס פאטער געשטאָרבען,
אונד אלס קינד פון 12 יאהר, האט זיך דער יונגער גראף טאָלסטאָי, געפונען א
יתום אָהן א פאטער אונד אָהן א מוטער.

אבער אָבוואהל ער האט קיין רעגעלמעסיגען אונטעררעכט גענאָסען, האט
ער דאָך באלד איבערראשט איינינע פראָפעסאָרען. ער איז אוועק נאך קאזאן
אונד ערקלערט, אז ער וויל אריין אין דער דאָרטיגער אוניווערזיטעט. ער
האט בלויז א פאאר מאָנאט געארבייט אין פאָרבערייטען זיך, אונד ווען ער איז
עקזאמינירט געווארען, האט ער געקענט אלעס וואס מען האט געקענט פון איהם
פאָרדערן.

זיינער א לעהרער האט דאן געזאגט:

„ליאָוו ניקאָלאיעוויטש טאָלסטאָי, דארף קוקען א האלבע שטונדע דאָרט,
וואו עלטערע פון איהם, מוזען שטודירען מאָנאטע־לאנג."

ער האט געהאט א מערקווירדיגען גוטען קאָפּ.

האבען געהאט דיא געלעגענהייט צו שפירען א דריק פון איהר האנד, וועלכען מען האט אזוי לייכט ניט געקענט פערגעסען.

ביידע, דער אלטער גראף אונד זיין פרוי, זיינען געוועזען א מוסטער פון מענשליכער שעהנהייט אונד קראפט, וועלכע איז ניט אבגעשוואכט געווארען פון אויסגעלאסענהייט אונד פערדארבענהייט, וויא יעטצט איז דיא מאדע אין רוסלאנד אונטער דעם אדעל.

זיא איז געוועזען דער בוים, אויף וועלכען דיא פרוכט לעא ניקאלאיעוויטש טאלסטאי איז אויסגעוואקסען.

פירסטין וואלקאנסקי האט געבוירען פאר איהר מאן פיער זיהן אונד איין טאכטער. דער פיערטער זוהן איז געוועזען לעא טאלסטאי, אונד דיא טאכטער האט געפאלגט נאך איהם.

אבער ווען דער יונגער לעא איז אלט געווארען קוים צווייא יאהר, איז ערשיענען דער טויט אונד פון איהם אוועק גערויבט זיין מוטער.

ער האט אלזא קיין געלעגענהייט געהאט זיך צו עראינערן אין מוטערליכער צערטליכקייט, אונד, ניט נאר איינמאל האט לעא טאלסטאי, אין דעם לויף פון זיין לעבען, בעמערקט מיט א זיפץ:

„איך האב מיין מוטער ניט געקענט, אונד איך האב ליידער ניט געוואוסט דעם טעם פון זיסער מוטער־ליעבע. אך! איך בעדויער דאס זעהר!“

טאלסטאי האט אויך געהאט אורזאכע שפעטער צו בעדויערן ווארום זיין מוטער איז איהם אזוי יונג אבגעשטארבען, ווייל דאס אויספעהלען פון מוטערליכער צערטליכקייט, האט איהם ניט נאר איינמאל געפיהרט אויף קרומע וועגען.

צווייטעס קאפיטעל.

דיא ערציהונג.

נאך דעם טויט פון זיין מוטער, איז לעא מיט זיינע ברידער אונד זיין שוועסטער, פערבליעבען אויף זיין פאטער׳ס גוט, וואו זייא האבען גענאסען דיא ערשטע ערציהונג.

פעלד אונד וואלד זיינען געוועזען דיא ליעבלינגס־קאמפאניאנען פון דעם יונגען קינד לעא, אונד שטונדענלאנג פלעגט ער אבליגען אונטער בוימער, בליקענדיג אין דעם בלויען הימעל, אונד טרוימען.

ער איז אונטערדעסען ניט געוועזען קיין רוהיגעס קינד. אין שפיעל האט ער געצייגט ווילדהייט, ארפרעגונג אונד קאפריזען. אונטערדעסען האט ער זיך אויך

אימער ליעב געהאט אנצוגיסען דעם בעכער פון פערגנינענן פול אונד איהם אויס־טרינקען ביז צום לעטצטען טראָפּען.

„וויין, ווייב אונד געזאנג," וויא א דייטשער דיכטער זאגט, איז געוועזען זיין בעסטער צייט־פּערטרייב, אונד ניט האבענדיג ווער עס זאל איהם זאגען, אז דאס וואס ער טהוט איז אונרעכט, האט ער זיך געפונען פאָלקאמען בערעכטיגט אין זיינע טהאטען; ערשטענס, ווייל ער איז נעגאנגען בלויז ביז דאהין וואו עס איז ערלויבט, אונד, צווייטענס, האט ער קיינע אויסנאהמע געמאכט אונטער זיינע קאָלענען. יעדער איז געוועזען פערדאָרבען, אונד ער איז געוועזען גלייך מיט דיא אנדערע.

אימער ווייטער, אימער טיעפער איז ער געזונקען אין אויסגעלאסענהיים, ביז זיינע פּראָפעסארען זאגאר האבען זיך געזעהן געצוואונגען איהם אויפמערקזאם צו מאכען אויף זיין פערנאכלעסיגונג פון שטודיום.

לעאָ טאָלסטאָי האט זיך ערבליקט אלס א שעהנער אונד געזונדער יונגער־מאַן, אפילו אבי־על רואינירט פון דער אויסגעלאסענהייט, אבער דענגאך שטארק נענוג אום פאָרטצוזעטצען דיא לומפעריא. ער האט זיך דערמאָהנט, אז באלד ווער ער פולייעהריג אונד ער וועט קענען איבערנעהמען האָס חלק ירושה פון זיין פאטער, מיט וועלכען מען קען הולטייעווען א היבשע צייט אונגעשטערט.

וואס טויג איהם שטודירען? האט ער זיך געטראכט. ער האט אלזא פּלוצלינג אויפגעגעבען דאס שטודיום אונגעריכט, אונד בעשלאָסען א גאנץ נייעם וועג איינצושלאָגען, וואו „וויין, ווייב אונד געזאנג" איז לייכטער צו געפינען.

פיערטעס קאפּיטעל.

דאס סאָלדאַטען לעבען.

א סאָלדאט! דער יונגער גראף טאָלסטאָי האט זיך פאָרגעשטעלט, אז א רויטער מונדיר, מיט מעשענע קנעפּ אונד קלינגענדע שפּאָרען, איז אונגעפעהר דאס העכסטע ציעל אין לעבען, אדער דורך וועלכען מען קען עררייכען דאס העכסטע ציעל.

אין יאהר 1851 איז ער אוועק געפאהרען נאך קאווקאז אום דאָרט צו בעזוכען זיין ברודער, וועלכער איז געוועזען אָפיציר אין דער ארטיללעריע־בריגאדע.

פאר אלעמען האט איהם קאווקאז שטארק אנגעצויגען, אונד דאן, האט ער געבעטען זיין ברודער ער זאל איהם זעהן אריין נעהמען אויך אין דער ארטיללעריע־בריגאדע.

דריטעס קאפיטעל.

דאס סטודענטען לעבען.

לעאָ טאָלסטאָי האט אנגעפאנגען צו שטודירען אָריענטאַלישע שפּראכען, אונטער וועלכע עס איז אריין גערעכענט געווארען אראביש, העברעאיש, קאלדעאיש אונד סיריש. אויסער דעם, נאטירליך, האט ער געמוזט לערנען גריכיש, לאטייניש, פראנצויזיש, ענגליש, דייטש אונד ניט פערנאכלעסיגען דיא קליינע אונד דאמאלס זעהר ארעמע רוסישע ליטעראטור.

וואס איינענטליך דער יונגער גראף האט בעאבזיכטיגט מיט דעם שטודיום פון אָריענטאלישע שפּראכען, האט ער דאמאלס געגוי ניט געקענט וויסען, אבער שפּעטער האט ער זיך ערקלערט, אז דאס איז געווען דערפאר, ווייל זיין נייסט איז אימער געווען גענייגט רעליגיעז.

וואס טאָלסטאָי האט פערשטאנען אונטער רעליגיאָן אונד וואס ער פער־שטעהט יעטצט דארונטער, וועלען מיר שפּעטער האבען א געלעגענהייט צו דער־צעהלען, נאָר פאָרלויפיג וועלען מיר שענקען אביסעל מעהר אויפמערקזאמקייט זיין סטודענטען־לעבען.

דיא רוסישע סטודענטען האבען זיך אימער אויסגעצייכענט מיט פיעל טרינקען, אומגעהן מיט שעהנע מיידלעך אונד בענעהן אזוי פיעל קומפּעריייא וויא נאָר מעגליך. זייא מאכען אפילו ניט קיין גרויסע אויסנאהמע פון דיא פראנצויזישע אונד דייטשע סטודענטען, אָבער, יעדענפאלס, אין דיעזער בעציהונג, שטעהען זייא ניט ניעדריגער.

נאטירליך האט דער רוסישער סטודענט, פון דער העכערער פאמיליע, געוויסע גראדען אָדער גרענעצען, ביז וואנען דיא זאָגענאנטע מאָראל אָדער עטיקעטע ער־לויבט איהם, אבער וועה איז דיעזער מאָראל אונד עטיקעטע, ווען זיא קען אזוי ווייט ערלויבען.

יעדענפאלס, איז דער יונגער גראף לעאָ טאָלסטאָי געווען איינער פון דיא וואוילע יונגען אונטער דיא סטודענטען, אונד אזוי וויא זיין פאטער האט איהם צוריק געלאזען היבשע איינקינפטע, האט ער זיך ערלויבט צו געהען ביז צו ער העכסטער שטופע וואס דיא זאָגענאנטע מאָראל אונד עטיקעטע האבען איהם ערלויבט.

ער האט זיך אריין געוואָרפען אין דעם שטורם פון לעבען אונד ער האט

לעק טאָלסטאָי איז אוועק אין קריעג פון דער קרים, אונד ער האט צום ערשטען מאל אין זיין לעבען פערזוכט דעם טעם פון ביטערער אונד שרעקליבער נויט

ער איז געשלאפען אונטער דעם בלויען הימעל סאי זומער, סאי ווינטער; געגעסען שווארצעס ברויט, פערעלטערטעס פלייש, געטרונקען וואס עס האט זיך געמאכט, אונד געליטען אזוי פיעלע צרות, ביז זיין לעבען איז איהם נמאס געווארען.

דיעזער קריעג אבער, האט טאָלסטאָי'ן אויפגעוועקט פון א טיעפען שלאף. טאָלסטאי'ס נשמה, וויא עס שיינט, איז ביז דאמאלס געלעגען אין היהנער־פלעט, אונד ערבליקענדיג ארום זיך אזוי פיעל עלענד אונד אונגליק, האט ער אין א טאָג אויסגעשריען:

„גרויסער גאָט! צו וועלכען צוועק איז דאס? ווארום ליידען דיעזע מענשען? איך, וועניגסטענס, ווייס אפילו ניט דיא אורזאכע פון דעם גאנצען קריעג, אונד דאָך בין איך דאָ אום צו אָפּפערן מיין לעבען?“

יא, טאָלסטאָי, האט דאן פיעל געדענקט. ער האט זיך ערשטענס געפרעגט, צו וואס קריעג אין אלגעמיינעם איז נעטהיג, אונד, ווען יא, וואָלט עס ניט געווען א יושר מען זאָל פריהער פרעגען יעדען מענשען אויב ער איז בערייט צו אָפּפערן זיין לעבען פיר א געוויסער אורזאכע.

זיינע געדאנקען האבען אנגעפאנגען אויסצוברעכען וויא פון אונטער א פינסטערן וואָלקען אונד פראגען אין דיא טויזענדער, זיינען ענטשטאנען אין זיין קאָפּ, וואו עס האבען זיך געדרונגען אידעען איבער דער גאָטטהייט, וועלטס־רעגיערער, פעלקער־רעכט אונד געזעלשאפטליכעס לעבען.

אונטערדעסען אבער, האט ער געוואוסט, אז ער איז סאָלדאט, אונד אלס זאָלכער האט ער פּאָרלויפיג ערפילט זיינע פליכטען.

בייא דעם טייבעל טשערנאיא האט ער געפיהרט א קאָמפּאניע סאָלדאטען אונד מיט זיין שארפזינן, האט ער ערשטוינט זיין גענעראל. ער האט מיט זיין הויפּענדעל מענשען, אבגעהאלטען דעם שונא'ס דרייא רעגימענטען.

דאן ערבליקען מיר איהם בייא דער פערטהיידיגונג פון סעוואסטאָפּאָל, וואו זיין מוטה, איבערלעגונג אונד מיליטערישע קונסט, האבען איהם געבראכט צום ראנג פון באטאליאָנס־קאָמאנדאנט.

אז שפּעטער וויא דער קריעג איז געווען צו ענדע, האט דער יונגער מאן

ער האט אלזא שוין געהאט דעם רויטען מונדיר מיט די מעשענע קנעפ און קלייגנערע שפּאָרען.

לעאָ טאָלסטאָי, אבשטאמלינג פון אדעל, רייך, געבילדעט, און אלס סאָל-דאט, האט ווירקליך געפונען צוטריט אין דער העכסטער געזעלשאפט, וואו, נא-טירליך, קיין זאך האט איהם אזוי פיעל אינטערעסירט וויא דער גענוס וואס ער האט דאדורך געקענט קריגען.

ער האט זיך פון קיין זאך געוואלט שטערען, זאָלאנג ער האט געזעהן די מעגליכקייט זיין ציעל צו ערררייכען. דאס האט איהם געפיהרט צו זעהר פיעלע סקאנדאלען און ניט נאָר איינמאל האט ער געמוזט זיך פערטהיידיגען אויף׳ן פעלד דער עהרע — דורך דועל.

ווען לעאָ איז געווען זאט פון „וויין, ווייב און געזאנג,“ האט ער געהאט מאָמענטען, ווען זיין נאטירליכעס „איך“ פלעגט צו איהם צוריק קעהרען. ער האט דאמאלס געלעזען, געדענקט און ערשטוינט די עלטערע און אינטעליגענטערע מענשען, מיט זיין שארפזינן און בעוואנדערונג אין פיעלע צווייגען דער וויסענ-שאפט און אלגעמיינע בילדונג.

אבער זיין אונרוהיגע נאטור, האט ניט געקענט אויף לאנג פערבלייבען שטאנדהאפט, און אזוי שנעל וויא ער האט זיך אויסגערוהט, האט ווידער צוריק געקעהרט זיין אויפבראַזענדער גייסט און ער האט זיך נאך אמאל אריין געווארפען אין שטראָם פון פערגניגען און גענוס.

ער האט אונטערדעסען אויך פּראָבירט צו שרייבען, און שטודירט דעם סטיל פון פראנצויזישע קלאסיקער, וועלכע האבען אויף איהם געמאכט א טיעפען איינדרוק.

פינפטעס קאַפּיטעל.

טאָלסטאָי אין קריעג.

עס איז געווען אין א הערריכען אבענד, ווען דער יונגער גראף איז געווען שטארק פערטיעפט אין טאנצען און מונטער זיין אויף א באלל, אלס מען איז איהם געקומען אנזאגען, אז קריעג איז ערקלערט געווארען, און זיין רעגימענט דארף אברייזען נאך דער קרים.

„ווירקליך!“ האט ער אויסגעשריען ערפרייט, „קריעג? דאס איז א גוטע בשורה! עס איז שוין די העכסטע צייט דיעזעס שלעפעריגע לעבען זאָל אויפ-הערען, און איך זאל הערען אביסעל קאנאָנען-מוזיק.“

אויסגעלאַסענער, בּיז ער האָט זיך פערשאַפט א גרויסען קרייז פון פערעהרער ארום זיך.

ער האָט הויפּטזעכליך פערבּראַכט זיין צייט אין מאָסקוואַ, אבער פעטערס־בורג אונד זיין גוט, האָבּען אויך געהאַט איין אנטהייל אין זיין לעבען. ער האָט אונטערדעסען געמאַכט איינינע רייזען נאַך איטאַליען אונד פראַנקרייך, וואו ער האָט געשענקט דיא גרעסטע אויפמערקזאַמקייט דיא דאָרטיגע שולען, מיט דער אבזיכט, דאָס ער זאָל עהנליכע עררכטען פיר זיינע אונגליקליכע לאַנדסלייטע, וועלכע האָבּען געלעבּט אין פינסטערניס.

ער איז אימער געוועזען פרייא אונד פראַנק מיט זיינע אידעען אונד פיינד געהאַט זיך צו פערבּאָרגען. דיעזער פאַקט, איז דיא הויפּט אורזאַכע, וואָרום דיא רוסישע רעגיערונג האָט איהם ניט חושד געוועזען אין עפענטליכער פיינדשאַפט געגען איהר.

אין דער וואַהרהייט געשפּראָכען אבער, האָט דיא רוסישע רעגיערונג נאָך ניעמאַלס געהאַט א גרעסערן שונא, וויא זיא האָט געהאַט אין טאָלסטאָי'ן.

אבער רוסלאַנד האָט איהם צום אנפאַנג ניט פערשטאַנען, אונד ווען דעם צאַר'ס הערשאַפט האָט איהם בּעגריפען, איז עס שוין געוועזען צו שפּעט, אום געגען איהם אויפצוטרעטען, ווייל ער האָט זיך געוואָנען צו פיעל פריינדע, אונד מען האָט מורא געהאַט צו מאַכען אזא געוואַגטען שריט.

אין יאהר 1862, איז ער פערלאָבּט געוואָרען מיט דער שעהנער סאָפיא אנדרעיעוונא בּעהר, דיא טאָכטער פון א מאָסקווער ארצט.

זיעבּעטעס קאַפּיטעל.

טאָלסטאָי אַלס שריפטשטעלער.

דיא שריפטשטעלערישע טהעטיגקייט פון גראף לעאָ טאָלסטאָי, האָט אנגע־פאַנגען ווען ער איז נאָך געוועזען אין קאַווקאַז, נאָר, וויא דער פאַל איז מיט מייסטענס גרויסע ליטעראַטען, זיינען אנפאַנגס זיינע שריפטען ניט פיעל בּעאַכטעט געוואָרען פון אנדערע, אויסער דיעזע וואָס האָבּען זיך אינטערעסירט מיט זיינע נעראַנקען.

טאָלסטאָי, אַלס פערהייראַטעטער מאַן, האָט אנגעפאַנגען צו פיהרען א מוסטער־לעבּען. ער איז ניט נאָר געוועזען א צערטליכער מאַן, זאָנדערן אויך א הימאַטה־ליעבּענדער מענש. אונד ער האָט אין זיין שעהנער אונד יונגע פרוי ניט

פערלוירען יעדע לוסט צום סאָלדאַטען־לעבען, אונד ער האט רעזיגנירט פון זיין הויכעס אמט אונד זיך צוריק געצויגען אין פריוואט.

זעקסטעס קאפיטעל.

טאָלסטאָי'ס רעליגיאָן.

יעדער האט זיך געוואונדערט איבער דער ענדערונג וואס איז געקומען איבער דיעזען יונגען מענשען, אבער א טהאטזאכע איז עס, אז דאס בלוטיגע שלאכטפעלד האט איהם גענצליך פערוואנדעלט.

ער האט אנגעהויבען צו שטודירען דיא פערשיעדענע רעליגיאָנען, אונד לויט נאך זיינע אנזיכטען, האט ער געפונען אין דער פערזאָן פון יעזוס קריסטוס, א מאָדעל פון מענשליכער דולדזאמקייט אונד ליידען פיר זיין מיט־מענשען.

טאָלסטאָי האט צו יענער צייט ניט בעטראכט יעזוס קריסטוס אלס א גאָט; ער האט איהם אויך ניט גערעכענט אפילו אלס געטליך, אבער ער האט אין איהם געזעהן א מוסטער פון מאָראל אונד זיטען.

אבער אויך דיעזער איינדרוק, איז ניט געוועזען פיעל דויערהאפט, אונד אָבוואהל ער האט איינינע פון זיינע ווערקע געבויעט אויף קריסטליכער מאָראל, האט ער שפעטער זעהר פיעלעס פערוואָרפען פון דעם וואס עס האט זיך איהם פריהער גע־דאכט אלס גוט אונד ערהאבען אין קריסטענטהום.

דער געדאנק פון פרייהייט, אין דעם העכסטען זינן פון מאָראליטעט, האט בייא איהם אנגעפאנגען אנצונעהמען דיא פאָרמע פון א רעליגיאָן, אונד דארויף געשטיצט, האט ער ערגריפען זיין פעדער אונד אנגעפאנגען צו שרייבען ווערקע, וואו ער האט אויסגעדריקט זיינע אידעען.

דער צושטאנד פון דיא אונגליקליכע בויערן, האט איהם געריהרט ביז צו זיין טיעפער זעעלע, אונד טראָטץ דעם וואס ער גרייפט זייא אָן אָהן רחמנות אין מאנכע פון זיינע ווערקע, איז דאס ניט מעהר געוועזען וויא אויפצו־ווייזען, אז דיא אורזאכע פון זייער פערדאָרבענהייט, ליעגט אין אונוויסענהייט, אונד אין זייער אונוויסענהייט איז קיינער מעהר ניט שולדיג וויא דיא פערדאָרבענע רעגיערונג.

דעם לעטצטען געדאנק האט ער אימער אויסגעדריקט אינדירעקט, דאמיט דער רוסישער צענזאָר זאל איהם ניט קענען שטערען, אבער יעדער פערנינפטיגער מענש אין רוסלאנד, האט איהם אימער גוט פערשטאנען.

אלץ רוהיגער אונד געלאסענער איז געוואָרען דער אמאליגער ווילדער יונגער מענש; אלס אנשטענדיגער אונד מאָראלישער איז געוואָרען דער אמאליגער

מאנכע האבען איהם שטארק קריטיקירט, אנדערעז האבען איהם פערדאמט, אבער מענשען מיט שכל האבען אין איהם געזעהען א גוטען אונד עהרליכען לעהרער, וואס ליעבט דיא וואהרהייט פיעל מעהר וויא פאלשען כבוד.

דאן זיינען ערשיענען זיינע ראמאנען „קריעג אונד פריעדען,“ אונד „אננא קארעניניא“, וועלכע זיינען איבערזעטצט געווארען אין דייטש אונד פראנצויזיש אונד זאפארט געפונען איין אבקלאנג אין אויסלאנד.

ער איז באלד אנערקענט געווארען אלס א טיעפער דענקער אונד א שרייבער פון דער עמיל־אלא־שולע, וועלכער זוכט אויפצודעקען דאס, וואס אנדערע זוכען צו בעהאלטען, אונד זיין אבזיכט איז, צו צייגען דיא מענשען וויא שמוטציג אונד פערדארבען זייא זיינען, מיט דער אבזיכט, אז זייא וועלען זיך בעסערן.

אכטעס קאפיטעל.

זיין פריוואט לעבען.

אונטער דיא צאהלרייכע פריינדע וואס האבען זיך צו איהם אנגעפרענט, האבען זיך געפונען אזעלכע, וועלכע האבען פערלאנגט זיין הילפע אונד אונטער־שטיצונג. אונטער דעם קרייז ארמע אונד אונגליקליכע בויערן אונד אנדערע קלאסען מענשען, האט ער געזעהען מאנגעל־לײדענדע אונד גלאט ארעמע נויטבע־דארפטיגע.

בייא זאלכע סצענען איז זיין הערץ געריהרט געווארען, אונד טאלסטאי האט געוויעזען, אז ער בעלאנגט ניט צו דיעזער קלאסע פרעדיגער, וועלכע רעדען מיט'ן מויל אונד מיינען אנדערש מיט'ן הערצען. אדער, וויא דאס ווערטעל געהט: „דער גנבֿ דרשה'ענט נאר פאר אנדערע.“ ניין, טאלסטאי איז אויך געווארען איינער פון דיעזעלבע כאראקטערע וואס ער האט ליעב געהאט צו שילדערן אין זיינע ראמאנען, אלס מוסטער־פערזאנען.

זיין טיש איז געשטאנען פרייא פאר יעדען, זיין טאשע אפען פיר סאי־וועמען אונד זיין הילפע האט אירגענד א מענש געקענט פערלאנגען אונד זיא קריעגען.

דיא רוסישע רעגיערונג האט ענדליך דערזעהען, אז זיא האט אין טאלסטאי'ן א געפעהרליכען שונא, אבער עס איז שוין געוועזן צו שפעט. דיא רוסישע טיראנייא וואלט זיך אפילו גאנץ ווענינ בעקימערט אום דער מיינונג אין רוסלאנד זעלבסט, אבער טאלסטאי'ס נאמען איז בעקאנט געווארען אין אויסלאנד, אונד רוסלאנד האט זיך געשעהמט פיר דיא פרעמדע נאציאנען, וועלכע וואלטען געזאגט: „רוסישער

נעוואלט בעטראכטען א פרוי אין דיעזען זינן וויא מייסטענס פון זיין גלייכען טחח איף דער גאנצער וועלט, זאנדערן, ער האט אין איהר געזעהען א קאמפאניאן, א שוועסטער אונד א וואהרע לעבענס־בעגלייטערין, מיט וועלכער ער האט געפונען דאס גרעסטע פערגניגען צו בעשפרעכען דיא מענשליכע ליידענשאפטען, מענשליכע מיאוסע מדות אונד זאנסט איינגעפיהרטע שלעכטע מנהגים, וועלכע מען בעטראכט אין דער וועלט אלס גוט אונד פיין.

אז רוסלאנד איז א פינסטערע מדינה, אז רוסלאנד ברענגט אונגליס צו צעהנדלינער מילי. נען מענשען, אז אויף דעם טראָהן פון דיא ראָמאנאָוס געהט איין שופט ארונטער אונד דער אנדרערער געהט ארויף — דאס אלעס האט ער אָנגע־פאנגען יעדעס מאל בעסער צו בעגרייפען אונד פערשטעהען.

דיא מענשליכע ליידען, אָהנע אונטערשיעד פון גלויבען, ראַסע אונד סעקטע, האבען איהם געריהרט ביז צו זיין טיעפער אונד עדעלער זעעלע, אונד ער פלעגט ציימענווייז ארויסלאָזען אזא זיפץ מיט זיין פעדער, וועלכער האט אָבגעקלונגען איבער גאנץ רוסלאנד.

טאָלסטאָי האט אָנגעפאנגען צו האסען דעם נערוויש פון דער שטאדט מיט דיא פאלשע פערגניגענס אונד דומע אונטערהעלטע. וואהרעס לעבען, ריינעס פערגניגען אונד זויבערע עדעלקייט, האט ער געפונען אין שאטען פון דיא בוימער, אויף'ן גרינעם גראָז, אונטער'ן בלויען הימעל אונד אין דער ארבייט מיט דעם שוויים פון דעם געזיכט.

ער האט זיך אלזאָ צוריק געצויגען אויף זיין גוט, אונד זיינע געדאנקען, אָנגע־זאמעלט זייט יאָהרען, האבען אָנגעפאנגען ארוים צו פליעסען וויא א קוועל פון זיין פעדער.

א רייהע ארטיקלען איבער דעם לעבען פון דיא בויערן, איבער דיא געזעל־שאפטליכע פערהעלטניסע אונד איבער פאָליטישע אינטערעסען, זיינען בעהאנדעלט געוואָרען אין א מיכדע טאָן אונד זייא זיינען ערשיענען אין דער פרעסע.

עס איז אויך געווען אין יענער צייט פון אלעקסאנדער דעם 2טען'ס צייטען, ווען דער טיראן האט געמיינט, אז מיט א געוויסען גראד פרייהייט, וועט ער קענען שטילען דיא נויטען אונד ליידען פון זיינע אונטערהאנען.

דיא רוסישע צייטונגען האבען אויפגענאָמען מיט פערגניגען אלעס וואס ער האט געשריעבען, אונד זיין איינפאכער, אָבער שעהנער סטיל, אימער מיט איין אביכט צו לערנען דיא מענשען, האט געפונען איין אָבקלאנג אין דיא הערצער פון דיא רוסען.

עס איז קיין צווייפעל, אז זיינע לעטצטע ווערקע, וועלכע ווערען בעשולדיגט אין אונמאָראַליטעט, האבען מעהר מאָראַל פערברייטעט, וויא מיליאָנען מוסר־ביכער פון 10 רעגימענטען רעליגיעזע מאָראַל־פּרעדיגער.

נאָר אזוי וויא דיא זונן האט פלעקען, האט גראף טאָלסטאָי אין זיך אויך מאנכע איינפעלע, וועלכע זעהן אויס אביסעל לעכערליך, אדער, אום צו זיין מילדער מיט דעם אויסדרוק, זיינען זייא זעהר אונפּראַקטישע געדאנקען.

ער זאגט, צום ביישפּיעל, אז דער ציעל פון דער מענשהייט איז, צו עררייכען דיא פאָלקאָמענהייט, אונד נאכדעם וויא מיר וועלען האבען עררייכט דיא פאָלקאָמענהייט, וועלען מיר האבען אונזער ציעל דורכגעפיהרט אונד אלזא מוזען אויפהערען צו עקזיסטירען. דערפאַר, איז זיין ראטה, מיר זאלען זיך בעאיילען מיט דער פאָלקאמענהייט, דאמיט מיר זאלען שנעלער אויפהערען צו עקזיסטירען.

דאס קען זיין א גאנץ גוטע טהעאָרעטישע פילאָזאָפיע, אבער צו פּרעדיגען דיעזע פילאָזאפיע פיר אונזער לעבענס־לוסטיגע וועלט, איז אונפּראקטיש אונד לעכערליך.

יעדענפאלס אבער, האבען דיא שטראהלען פון דעם רוסישען גלענצענדע שטערען, יעטצט בעליכטעט פיעלע פינסטערע ווינקלען אויף דעם ערד־קוגעל.

גראף לעאָ טאָלסטאי, טראָטץ זיינע הויכע יאהרען, זעהט ער אויס נאך פאָלקאָמען געזונד אונד קרעפטיג, ארבייטענדיג זעהר פלייסיג אויף זיין גוט, אונד צור פריידע פון זיינע פערעהרער, איז צו האָפען, אז ער וועט נאך בעשענקען דיא וועלט מיט זיינע ליטעראַרישע פערל, צום וואָהל אונד בעסטען פון דער גאנצער מענשהייט.

ווילהעלם הענקעל.

צאריזמוס איז אזוי ניעדערטרעכטיג, אז ער האט זיך ניט געשעהמט צו ערמארדען זיין גרעסטען מענשען.״

טאלסטאי האט זיך לאנגזאם אויסגעצויגען פון דעם גאנצען שטאדטישען לעבען, אונד ער, צוזאמען מיט זיינע קינדער, האבען אנגעצויגען איינפאכע בויערן־קליידער אונד אנגעפאנגען צו בעארבייטען דאס פעלד.

אביוואהל ער האט זעהר וועניג בענוטצט, אבוואהל ער איז געוועזען רייך אונד טראץ דעם וואס זיינע ראמאנען אונד שריפטען האבען איהם איינגעבראכט אונגעהייערע סומען געלד, זעהען מיר איהם יעטצט אלס איין ארמען מאן. אלעס איז אוועק אום צו העלפען דיא נויטבעדארפטיגע.

ווען טאלסטאי האט ניט געארבייט אין פעלד אדער ניט געזעסען בייא זיין שרייב־טיש, האט ער זיך בעשעפטיגט אין גרינדען פאלקס־שולען, ארונטער ברענגען לעהרער אונד אויפהויבען דעם טרויעריגען גייסטיגען צושטאנד פון דעם געזונקענעם רוסישען פאלק.

נייגטעם קאפיטעל.

זיינע לעטצטע ווערקע.

טאלסטאי׳ס נאמען האט געוואקסען איבער דער גאנצער וועלט, וואו מען לעזט נאר ביכער. קיין פאלק וואס האט א שפראכע אונד לעזט אין איהר, האט אויסגעפעהלט צו איבערטראגען טאלסטאי׳ס געדאנקען אונד זייא לעזען אונד שטודירען.

זיין ווערק „איך אונד מיין מאן,״ האט ארויס גערופען א שטורם אין דער וועלט, נאר זיין ווערק דיא „קרייצער סאנאטע,״ האט אויפגעקאכט מיליאנען מענשען.

דיעזער עדעלער, גייסטרייכער אונד הויכדענקענדער מענש, וועלכער האט מקריב געוועזען זיין לעבען פיר זיינע מיט־מענשען, איז בעשולדיגט געווארען אין אונמאראליטעט דורך זיינע לעטצטע ווערקע.

אבער דיא דומהייט פון אזא אורטהייל, קען ארויס זעהען אירגענד יעמאנד וואס האט נאר אביסעל געהירן מיט דענקונגס־קראפט אין זיך.

גראף לעא טאלסטאי׳ס אביזיכטען זיינען, ארונטער צו רייסען דיא מאסקע פון דער פערדארבענער מענשהייט, אויפדעקען דיא שאנדע, ערקלערען דיא פערבארגענע געמיינהייטען, אונד צייגען דער גאנצער וועלט, אז מען לעבט אין א ים שמוטץ, בלאטע, ניעדריגקייט אונד אבשייליכע אויסגעלאסענהייט.

די קרייצער סאנאטא.

1.

רייזענדע. וועלכע האבען בעדארפט פאָהרען נאָר קורצע שטרעקען, זיינען אריין אונד ארויס פון וואגאָן, נאָר דרייא פערזאָנען זיינען געפאָהרען גלייך מיט מיר פון דעם פלאַטץ פון וואנען דער צוג איז אָבגעגאנגען. פון דיא דרייא פערזאָנען איז געוועזן איינע איין עלטערע אונד ניט קיין שעהנע פרוי; איהר בעקאנטער, א מאַן פון א יאָהר 40, גאַנץ אנשטענדיג געקליידעט, אונד א ניעדריגער זעהר נערוועזער מאַן פון מיטעלע יאָהרען. דער לעטצטער האט צוגעצויגען מעהר אויפמערקזאמקייט מיט זיינע גלענצענדע אויגען, וועלכע האבען אויסגעזעהען אויף איינמאָל צו בליקען איבעראל. דיעזער נערוועזער מאַן האט אויף דער גאנצער רייזע מיט קיינעם קיין בעקאַנשאפט ניט געשלאָסען. ווען יעמאנד האט צו איהם גערעדט, האט ער געענטפערט קורץ אונד שארף, אונד דאַן האבען זיינע אויגען באלד געוואנדערט צום פענסטער. דעננאך האט עס מיר אויסגעזעהען, אז דיא איינזאמקייט איז איהם ניט גאַנץ אנגענעהם. עס שיינט, אז ער האט זיך אָנגעשטויסען, אז איך פערשטעה איהם, אונד ווען אונזערע בליקען האבען זיך בעגעגענט, האט ער זיך אָבגעווענדעט, כדי ער זאָל אויסמיידען א געשפרעך מיט מיר.

פאַרנאַכט איז דער צוג געבליעבען שטעהען פאר א גרויסער סטאַציאָן. דער אנשטענדיג־געקליידעטער הערר, איין אדוואָקאט, וויא איך האב שפעטער ערפאהרען איז ארונטער געגאנגען מיט זיין בעגלייטערין אין ווארטע־זאאל אום צו טרינקען טהעע. וועהרענד דעם זיינען אריין אין וואגאָן עטליכע אנדערע פאסאזשירען. אונטער דיעזע איז געוועזן איין אלטער מאַן, אונד לויט נאך זיין קליידונג האט ער אויסגעזעהען צו זיין א קויפמאַן. ער האט זיך געזעטצט גראדע געגענאיבער וואו דער אדוואָקאט מיט דער פרוי זיינען פריהער געזעסען, אונד ער האט אויך באלד אנגעהאנגען א שטיקעל ויכוח מיט א יונגען מאַן, וועלכער האט אויסגעזעהען א האנדעלס־רייזענדער. דער לעטצטער האט בעמערקט, אז דער פלאַטץ געגען איבער איז פערנומען. דער אלטער האט געענטפערט, אז ער פאָהרט נאָר ביז צו דער נעכסטער סטאַציאָן, אונד פון דעם האט זיך אויך אָנגעפאנגען דאס געשפרעך.

האט אויך אויסגעזעהען נייגיעריג, אונד ניט צו פערלאָזענדיג זיין פלאטץ, האט ער זיך צוגעבוינען.

„וואָס האט עס עפּעס צו טהון מיט דער ציוויליזאציאָן אָדער בילדונג?“ האט דיא דאמע געפרעגט. „איז עס דען בעסער חתונה צו האבען וויא אין דיא אלטע צייטען, ווען דער חתן מיט דער כלה האבען זיך נאָר ניט געזעהען? זייא האבען ניט געוואוסט אויב זייא ליעבען זיך, אויב זייא וועלען זיך ליעבען, אונד אזוי האט מען חתונה געהאט מיט סאַמוועטען אונד מען איז פערשוואָרצט געוואָרען דאס גאנצע לעבען. מיינט איהר אפשר, אז דאס איז בעסער געוועזען?“

„מען איז צו פיעל ציוויליזירט געוואָרען!“ האט דער אלטער געענטפערט וואָרפענדיג אַ שטיקעל פעראכטענדען בליק אויף דער דאמע.

„איך וואָלט געוואָלט וויסען,“ האט דער אדוואָקאט בעמערקט, „וויא אזוי איהר קענט מיר ערקלערען דיא בילדונג מיט דער אונאייניגקייט צווישען מאן אונד ווייב.“

דער קויפמאן האט געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער דיא דאמע האט אונטער־געכאפּט:

„ניין, דיעזע צייטען זיינען פאָראיבער“...

„ערלויבט איהם,“ האט זיא דער אדוואָקאט אונטערבראָכען, „זיינע געדאנקען אויסצושפּרעכען.“

„ווייל דיא פרוי האט מעהר קיין מורא ניט פאר'ן מאן,“ האט דער קויפמאן געענטפערט.

„ווא איז עס דען מעגליך,“ האט זיך דיא דאמע אריין געמישט, „אז פער־היראטעטע פערזאָנען זאָלען זיך ניט ליעבען? נאָר בהמות ווערען געפּאָרט פון זייערע בעלי־בתים; אָבער מענשען האבען זייערע סימפּאטהיען אונד בעשטענדיגקייט אין דער ליעבע.“

דער האנדעלס־רייזענדער האט זיך דערווייל אָנגעלעהנט אויף דער זייט פון דעם זיץ, אונד מיט אַ שמייכעלע זיך צוגעהערט.

„איהר האט ניט קיין אורזאכע אזוי צו רעדען, מאדאם,“ האט ער געזאָגט, „ווייל אַ בהמה איז אַ בהמה, אָבער דעם מענשען איז געגעבען געוואָרען דאס געזעטץ.“

„וויא קען מען אָבער לעבען מיט אַ מענשען וואָס מען ליעבט ניט?“ האט זיא געפרעגט.

איך בין געזעסען בייא דער זייט, אונד אזוי וויא דער צוג איז געשטאנען, האב איך געקענט עפּעס הערען פון זייער געשפּרעך. זייא האבען פריהער גערעדט וועגען פרייזען פון סחורות דאן איבער מסחר, ירידען. דערפון איז מען איבערגעגאנגען צו געשיכטען, אונד דער יונגער מאן האט הערצליך געלאכט. דאס אלעס האט מיך ניט אינטערעסירט. אונד איך האב אנגעפאנגען צו שפּאצירען איבער דעם וואגאן צו מאכען אביסעל בעוועגונג, ביז דער צוג וועט אנפאנגען צו געהען. גראדע בייא דער טיהר האב איך בעמערקט דעם אדוואקאט מיט זיין בעגלייטערין.

„איהר וועט שוין קיין צייט ניט האבען ארונטער צו געהען,“ האט ער צו מיר געזאגט. „באלד קלינגט מען שוין צום צווייטען מאל.“

עס איז טאקי אזוי געוועזען. וויא איך בין נאר צוגעקומען צום ענדע פון וואגאן, האב איך געהערט דעם גלאק. וואו איך האב מיך אומגעווענדעט, האב איך שוין געטראפען דעם אדוואקאט מיט דער דאמע שטארק פערטיעפט אין געשפּרעך. דער אלטער קויפמאן איז געזעסען גענען איבער אונד האט געשוויעגען.

„דארויף האט זיא ערקלערט איהר מאן,“ האב איך געהערט דעם אדוואקאט זאגען, „אז זיא קען מיט איהם ניט לעבען אונד וויל ניט, ווייל“...

וואס ער האט ווייטער דערצעהלט, האב איך ניט געקענט הערען, ווייל דער קאנדוקטאר איז גראדע דורכגעגאנגען מיט א נייעם פּאסאזשיר. וויא עס איז שטילער געווארען, האב איך ווייטער געהערט דעם אדוואקאט:

„מען האט זיך אנגעהויבען צו קריעגען, איבער געלד־זאכען, אונד גלאט אזוי, ביז זייא האבען זיך געמוזט שיידען. אין דיא אלטע צייטען איז דאס ניט פארגעקומען, ניט אזוי?“ דיא לעטצטע פראגע איז שוין געשטעלט געווארען צום קויפמאן, וועלכער האט זיך אויסגעזעהען צו אינטערעסירען מיט דעם וואס דער אדוואקאט דערצעהלט.

גראדע דאמאלס, האט אבער דער צוג אנגעפאנגען צו געהען. נאך א פּויזע האט דער אלטער קויפמאן געענטפערט:

„עס איז אפילו ניט קיין נייעס. פריהער איז עס אויך פארגעקומען, אבער, נאטירליך, זעלטענער. יעטצט, מיין הערר, איז דיא וועלט צו שטארק ציוויליזירט געווארען.“

דער אדוואקאט האט עפּעס געענטפערט, נאר דער צוג, האט צו שטארק גערוישט אונד איך האב ניט געהערט וואס ער האט געזאגט. עס האט מיך אבער אינטערעסירט ווייטער צו הערען דעם אלטען'ס ווערטער. מיין שכן, דער געדרעהטער,

„אונד ווען דיא פרוי ווערט דעם מאן אונטריי, וואס איז דאן?" האט דער אדוואקאט געפרעגט.

„דאס דארף ניט זיין. דאס מוז מען פערהיטען."

„אבער ווען עס פאסירט דאך, וואס טהוט מען? עס קען דאך פאר-קומען."

„יא, עס פאסירט, אבער ניט בייא אונז. אונד ווען עס קומט דאך פאר וואס א נאכלעסיגער מאן קען ניט זיין פרוי האלטען אין צום, דאן איז א מצוה אויף איהם. דערפון דארף אבער יעדענפאלס קיין סקאנדאל ניט ענטשטעהען. זאל זיא ליעבען דעם מאן אדער ניט. אבער דאס הויז דארף ניט געשטערט ווערען. יעדער מאן קען זיין פרוי בעהעררשען, אונד מאקי דערצו האט ער דיא קראפט. נאר א דומקאפ קען ניט!"

אלע האבען געשוויעגען, אונד מיט א שמייכעלע אויף זיינע ליפען, האט דער האנדעלס-רייזענדער געזאגט:

„מיט אונזער יונגען בעל-הבית איז אויך ענטשטאנדען א סקאנדאל; עס איז זעהר שווער צו אורטהיילען דאריבער. ער איז איין ערנסטער אונד געבילדעטער מענש, אונד ער האט זיך פעראייניגט מיט א לייכטזיניגער פרוי. ער האט פאר איהר אלעס מעגליכע געטהאן, נאר זיא איז קיין לייט ניט, אונד חוץ איהרע אנדערע געמיינהייטען, האט זיא איהם אויך בעגנב'עט. ער האט זיא דערפאר געשלאגען. אונד וואס מיינט איהר איז געווארען? נאך ערגער, זיא האט זיך פערליעבט אין איינעם. וואס האט דער מאן געקענט טהון? ער האט געמוזט זיך אבשיידען פון איהר, אונד זיא לעבט יעטצט אין אויסגעלאסענהייט."

„ער איז א דומקאפ!" האט דער אלטער געזאגט. „ווען דער מאן וואלט דיא פרוי פון אנפאנג אן שטרענג געהאלטען, וואלט עס גאר קיינמאל דערצו ניט געקומען. איהר ווילען מוז פון אנפאנג אן געבראכען ווערען. מען בעדארף ניט גע-טרויען דעם פערד אויף'ן פרייען פעלד אונד דער פרוי אין הויז."

דער קאנדוקטאר איז דעריבייא צוגעגאנגען צום אלטען אונד בייא איהם אוועק גענומען זיין בילעט.

„יא, דיא ברויען מוזען צו דער רעכטער צייט געהאלטען ווערען פעסט אין צום, זאנסט איז אלעס פערלוירען."

„אונד איהר אליין," האט דער אדוואקאט בעמערקט לייכטזיניג, „זייט ניט צוריק געטרעטען פון שעהנע פרויען, אויף דיא ירידען. לויט וויא איך האב אייך געהערט דערצעהלען."

„פריהער האט מען דארויף נים געקוקט,“ האט דער אלטער געזאגט. „מען האט עס ערשט יעטצט איינגעפיהרט, אז דיא פרוי זאגט: „איך וועל דיך איבער־לאזען!“ ביי דיא בויערן איז שוין אויך אזוי. זייא האבען אויך אנגענומען דיא מאדע: — „דא האסטו דיין העמד מיט דיינע הויזען,“ זאגט זיא, „איך וועל מיר געהן מיט וואניא'ן, ער האט שענערע האאר אלס דוא!“ עס איז ניטא וואס צו רעדען: דיא פרוי מוז פאר אלעמען, מורא האבען פאר'ן מאן!“

„וואס פאר א מורא?“ האט דיא דאמע געפרעגט.

„גאנץ איינפאך: דיא פרוי זאל אנערקענען איהר מאן אלס בעל־הבית, דאס הייסט מורא האבען.“

„ניין, אלטעטשקער, דיעזע צייטען זיינען שוין פאראיבער.“

„ניין, ניין, דיעזע צייטען זיינען נאך נים פאראיבער. חוה, דיא פרוי, איז גע־נומען געווארען פון דעם מאן'ס ריפען; אזוי וועט עס בלייבען אויף אייביג!“ דער אלטער האט געזאגט דיעזע ווערטער שאקלענדיג שטארק מיט'ן קאפ, אונד דער האנדעלס־רייזענדער האט איהם צוגעשטימט אונד געלאכט.

„אזוי דענקט איהר, מענער,“ האט דיא דאמע געענטפערט. „איהר האט אייך אליין גענומען פרייהייטען אונד ווילט האלטען דיא פרוי געפאנגען. איהר ערלויבט אייך אלעס.“

„מיר מענער — יא, אבער דאס איז א גרויסער חילוק.“

„איהר מיינט אלזא, אז דיא מענער איז עס שוין אלעס ערלויבט?“

„פון ערלויבנים איז גאר קיין רעדע נים,“ האט דער אלטער וויעדער געזאגט, „אבער דער מאן מוז זיין בעל־הבית ביי זיך אין שטוב, ווייל דיא פרוי איז א שברי־כלי.“

„איך גלויב וויעדער, אז איהר וועט מיר מודה זיין, דאס דיא פרוי איז גראדע אזא מענש אונד האט אויך אזעלכע געפיהלע וויא דער מאן. וואס קען זיא טהון ווען זיא ליעבט נים איהר מאן?

„זיא ליעבט איהם נים?“ האט דער אלטער געפרעגט אין כעס ווערענדיג. „וואס הייסט זיא ליעבט איהם נים? דערפאר זאלט איהר זיך שוין נים זארגען. זיא וועט איהם שוין ליעבען.“

„ניין, זיא קען איהם קיינמאל נים ליעבען,“ האט דיא דאמע געענטפערט. „ליעבע קען מען נים מאכען, ווען זיא איז ניטא. צווינגען צו ליעבען, איז אונ־מעגליך.“

„אונד דאָך... האָט דער אַדוואָקאַט אָנגעפאַנגען, אָבער דער נערוועזער הערר האָט איהם אונטערבראָכען:

„גוט. אָבער וואָס פערשטעהט איהר אונטער דער ליעבע וואָס היילינט די פעראייניגונג?"

„יעדער מענש ווייסט וואָס עס הייסט ליעבע!" האָט זיך די דאַמע אריין געמישט.

„איך ווייס אָבער ניט, אונד איך וואָלט זעהר געוואָלט וויסען וויא אַזוי איהר ערקלערט דאָס."

„וויא אַזוי? זעהר איינפאַך. ליעבע! ליעבע איז אַזאַ מין אַנציהונג, וואָס מאַכט אונז פאָרציהען איין זאַך, דאָס וואָס מיר ליעבען, פאַר אַלעס אַנדערע."

„פאָרציהען אויף וויא לאַנג? אויף א מאָנאַט? אויף צוויא טעג? אויף א האַלבע שטונדע?" האָט געפרעגט דער נערוועזער הערר.

„אויף וויא לאַנג? אויף זעהר לאַנג. אָפט פיר דאָס גאַנצע לעבען."

„אָבער דאָס קומט נאָר פאָר אין א ראָמאַן. אין לעבען, קיינמאָל ניט. אין לעבען בעשטעהט דיעזעס פאָרציהען זעהר זעלטען יאָהרען לאַנג. מייסטענטהיילס געדויערט עס נאָר מאָנאַטע, וואָכען, טעג אָדער בלויז שטונדען."

„וואָס זאָגט איהר? ניין, ניין, דאָס קען ניט זיין!" האָבען מיר אַלע דרייא אויסגערופען כמעט אויף איינמאָל. זאָגאַר דער האַנדעלס-רייזענדער האָט אויך שוין ניט געקענט דערמיט איינשטימען.

„איך ווייס, איך ווייס," האָט אונז אריבער געשריען דער נערוועזער הערר, „איהר האָט געשפּראָכען פון איין „עפּעס", וואָס איהר נעהמט אָן, אַז עס עקזיס־טירט, וועהרענד ווען איך רעדט דערפון, וויל איך וויסען וואָס עס איז אין דער ווירקליכקייט. יעדער מאַן שפּירט דאָס, וואָס איהר רופט ליעבע, צו א שעהנעם פרויענצימער, אָבער וועניגער וויא פיר אַלע אַנדערע, שפּירט ער עס פיר זיין איינענע פרוי."

„דאָס וואָס איהר זאָגט, איז שרעקליך! דער מענש האָט דאָך א געפיהל, וואָס מען קען ניט אָבלייקענען, אונד דיעזעס געפיהל, רופט מען ליעבע, וועלכעס געדויערט ניט מאָנאַטען אָדער יאָהרען, זאָנדערן דאָס גאַנצע לעבען."

„ניין, אַזאַ זאַך עקזיסטירט ניט. עס איז גראַדע דאָסזעלבע וויא מען זאָל זאָגען, אַז א ליכט קען ברענען א גאַנצעס מענשען־לעבען. יאָ, דאָס ליכט ברענט, א געוויסע צייט, אונד דאַן נעהמט עס אויס. עס איז דאָסזעלבע מיט דעם וואָס איהר רופט ליעבע."

„דאס איז שוין א גאנץ אנדערע זאך,“ האט דער קויפמאן געזאגט. „דערפאר בין איך דאך א מאן.“

2.

דאן איז דער צוג געבליעבען שטעהן בייא דער סטאציאן אונד דער אלטער האט פערלאזען דעם וואגאן.

„דאס איז זעהר א טרויעריגער אונד שלעכטער בעגריף פון א פרוי!“ האט דיא דאמע בעמערקט.

„יא,“ האט דער אדוואקאט געענטפערט. „מיר זיינען נאך זעהר וויט פון דער אייראפעאישער מיינונג איבער פרויען. מיר האבען נאך דרייא פראגען צום אויפלעזען; ערשטענס: דיא פרויען־רעכטע; צווייטענס: דיא ציוויל־חתונות; אונד דריטענס: דעם גט.“

„וואס אזעלכע מענשען פערשטעהן ניט איבערהויפט,“ האט דיא דאמע ווייטער געזאגט, „איז, אז נאר דיא ליעבע מאכט הייליג דיא פעראייניגונג צווישען מאן אונד ווייב, אונד ערשט דאן ווערט דיא חתונה א ריכטיגע.“

„וואס איז דאס פאר א ליעבע וואס הייליגט דיא פעראייניגונג אדער חתונה?“ האט פלוצלינג געפרעגט דער נערוועזער מאן.

„וואס דאס איז פאר א ליעבע?“ האט דיא דאמע געענטפערט, „דיא גע־וועהנליכע ליעבע צווישען מאן אונד ווייב.“

„וויא קען דען א געוועהנליכע ליעבע פערהייליגען דיא פעראייניגונג?“ האט ווייטער געפרעגט דער נערוועזער הערר. ער האט אויסגעזעהען זעהר אויפ־געריגט.

„וויא אזוי? גאנץ איינפאך“... אבער איידער דיא דאמע האט געהאט צייט נאך עפעס צו זאגען, האט דער נערוועזער הערר געמורמעלט:

„ניין, גאר ניט אזוי איינפאך!“ —

„זיא מיינט,“ האט דער אדוואקאט זיך אריין געמישט, „אז דיא פעראייניגונג קומט ערשטענס פון סימפאטהיע, אדער פון ליעבע ווען איהר ווילט עס אזוי רופען, אונד, נאטירליך, אין דעם פאל, ווען עס איז עפעס פערהאנדען ליעבע, דאן איז אין דער פעראייניגונג אויך דא הייליגעס. דיא פעראייניגונג אבער, ווען זיא קומט ניט פון סימפאטהיע אדער ליעבע, דאן איז זיא ניט מאראליש אדער פערבינדענד. האב איך אייך ריכטיג פערשטאנען?“ האט ער געפרעגט דיא דאמע.

זיא האט געשאקעלט מיט'ן קאפ, צום צייכען, אז אזוי האט זיא גע־מיינט.

צונעבונדען גראדע צו איין ווייב, ניט מעהר וויא דאס צוריק־קעהרען צו דיא נאטור־געזעטצע פון אלטע צייטען, אז מען זאָל קענען האבען א פרייען פערקעהר צווישען אללע מענער אונד פרויען, (ענטשולדיגט מיר דעם אויסדרוק,) אדער, בעסער גע־זאגט, צו דער זינד נענען דאס 7-טע געבאָט פון דיא עשרת הדברות. דאס וואס איז געוועזען ביז אהער, איז שוין אָבגעדראָשען, עס ניצט ניט מעהר. מיר מוזען עפּעס אנדערש אויסגעפינען, אז מען זאָל ניט דארפען דערבייא פרעדיגען קיין פער־דאָרבענהייט.״

ער איז אזוי אויפגערעגט געווארען, אז אלע האבען איהם ערשטוינט בע־טראכט.

„אונד דיעזע איבערגאַנגס צייט איז שרעקליך. דיא מענשען פיהלען, אז מען דארף ניט צולאָזען דיא זינד וועגען דעם 7־טען געבאָט, אונד דיא בעציהונגען צווישען מאַן אונד פרוי מוזען פעסטגעשטעלט ווערען נאך א געוויסער רעגעל, אָבער עס איז נימאָ דערבייא קיין אָרדנונג, אויסער דיא אלטע, אין וועלכע מען גלויבט ניט מעהר. דיא מענשען האבען חתונה נאך׳ן אלטען מנהג, אונד גלויבען אבער ניט אין דעם וואס זייא טהון, פון וואנען עס ענטשטעהט בעטרוג אונד געמיינהייט. מאַן אונד פרוי מאכען נאָר דיא מענשען גלויבען, אז זייא לעבען בלויז איינער מיט אנאנדער, אָבער אין אמת׳ן לעבען זייא מיט פיעלע אנדערע. דאס איז ניעדער־טרעכטיג, אבער עס איז דאך אזוי. ווען אָבער מאַן אונד פרוי פערפליכטען זיך, אז איינער איז צוגעבונדען צום צווייטען אונד זייא מוזען אזוי אָבלעבען אלע זייערע יאָהרען, אונד ווען עס פּאסירט, אז צום צווייטען מאָנאט קענען זייא צוזאמען ניט לעבען אונד בלייבען דאך צוזאמען — דאַן קומט דערפון ארויס א גיהנום, וועלכעס פיהרט דערצו ענטוועדער צו ווערען א שיכור, בעגעהן זעלבסטמאָרד אָדער זיך אונד אנדערע צו פערגיפטען.״

אלע זיינען געזעסען שטיל אָהנע צו וויסען וואס צו ענטפערן. דער אדוואָקאַט האט ענדליך בעמערקט:

„יא, עס זיינען פערהאנדען טרויעריגע געשיכטען אין פערהייראַטעטען לעבען. דאָס איז צום בייספּיעל דיא געשיכטע פון פּאָזדניטשעוו, וועלכער האט אויס אייפערזוכט, ערמאָרדעט זיין אייגענע פרוי, — האט איהר דאריבער גע־לעזען ?״

דיא דאמע האט געענטפערט, אז זיא האט דאריבער ניט געלעזען. דער נערוועזער הערר האט נאר ניט געזאגט, אָבער דער אויסדרוק אויף זיין געזיכט, האט זיך שטארק געענדערט.

„עס זעהט אוים, אז איהר רעדט נאָר פון דער קערפערליכער ליעבע. קענט איהר ניט צו געבען, אז עס עקזיסטירט ליעבע, דערפאר וואס מען רעכענט גלייך אונד דערפאר וואס דיעזע אנציהונג איז נעגרינדעט אויף דער פערוואנדטשאפט פון איין מענשען'ס זעעלע צו דער צווייטער?"

„ווער זאגט איך וויל דאס ניט צו געבען? אבער אין אזא פאל וואָלט עס גאר ניט נעטהיג געווען צוזאמען צו שלאָפען (ענטשולדיגט מיין אויסדרוק.) גלייכע אידעען טהיילט מען אבער ניט מיט אלטע פרויען, זאָנדערן אימער נאָר מיט שעהנע אונד יונגע."

ער האט דעריבער געלאכט אויף איין אונהיימליכער ארט.

„יא," האט ער ווייטער געזאגט, „איך בעהויפטע, אז דיא ליעבע, דיא ווירק־ליכע ליעבע, ווערט ניט געהיילינט דורך פעראייניגונג אדער חתונה האבען, אין גע־גענטהייל, זיא ווערט דערפאר צערשטערט."

„ערלויבט מיר," האט דער אדוואָקאט געזאגט, „דאס לעבען איז גראדע א ווידערשפרוך צו אייער בעהויפטונג. מיר זעהען, אז עס עקזיסטירען פעראייניגונגען בייא דער מעהרצאָהל אונטער דער מענשהייט, וואס ווערען גראדע געהיילינט וויל מען איז זיך צוזאמען געקומען, אָדער געהייראטהעט, אונד מאן מיט ווייב לעבען זיך אָב גליקליך אלע זייערע יאהרען."

דער נערוועזער הערר האט ארויס געלאָזען א בעזען געלעכטער.

„ווא איז דאס מעגליך? איהר זאגט, אז דיא פעראייניגונגען זיינען נעגרינדעט אויף ליעבע. איך ווידער, צווייפעל נאר א ן דער עקזיסטענץ פון ליעבע, מיט דער אויסנאהמע, נאטירליך, פון דער קערפערליכער ליעבע — איהר ווידער ווילט מיר אונבעדינגט בעווייזען דיא עקזיסטענץ פון דער ליעבע אין דער הייראטהע. דיא הייראטהע אדער פעראייניגונג, איז, אין אונזער צייט, בלויז א בעטרוג, א געצוואונ־גענע זאך."

„ניין, ערלויבט מיר," האט דער אדוואָקאט נאך אמאל אנגעפאנגען, „איך האב נאָר געזאגט, אז עס זיינען געווען אונד עס זיינען נאך דא הייראטהען"...

„אבער וויא אזוי עקזיסטירען זייא? זייא זיינען בעשטאנען אונד בעשטעהען נאך עד־היום אונטער דיא מענשען, וועלכע זעהן אין דעם עפעס געהיימניספאָלעס,— א היילינטהום, וועלכעס פערבינדעט פאר גאָט. אמת, בייא אזעלכע עקזיסטירט דיא הייראטהע, אָבער ניט בייא אונז. פיר אונז איז זיא נאָר א שווינדעל אונד א נויט־זאך. דאס פיהלען מיר, אונד אום אונז צו בעפרייען דערפון, פרעדיגען מיר דיא ליעבע. איינענטליך איז דיא פרייע ליעבע, דאס הייסט, מען זאל ניט זיך

„ניין, איך בין נאָך ניט שלעפעריג."

„דאַן, ווען איהר ווילט... וועל איך אייך דערצעהלען מיין לעבענס־געשיכטע."

זיין געזיכט האָט אָנגענומען אַ שעהנע מיענע, אָבער פול מיט אַ ריהרענדען אונד טרויעריגען אויסדרוק.

4.

„איך וועל אייך אַלזאָ דערצעהלען איבער מיין לעבען אונד דיא גאַנצע שרעקליכע געשיכטע. שרעקליך, אונגעהייער שרעקליך! דיא געשיכטע זעלבסט, איז נאָך שרעקליכער אַלס איהר ענדע."

ער האָט געשוויעגען, אונד אַלס ער האָט זיך אויסגעווישט דיא אָבגעווענדעטע אויגען, האָט ער אָנגעפאַנגען:

„ווען איך וויל אייך דערצעהלען, דאַן מוז איך קורץ פאַר דעם אָנפאַנג אָנ־הייבען, דאַמיט איך זאָל אייך אָבשילדערן, וויא עס קומט וואַרום איך האָב גע־הייראַטעט. ערשטענס וועל איך אייך זאָגען ווער איך בין. מיין פאַטער איז געווען אַ רייכער עדעלמאַן. איך האָב געשטודירט אין דער אוניווערזיטעט אונד געוואָרען אַדוואָקאַט. ווען איך בין אַלט געוואָרען 30 יאָהר, האָב איך חתונה געהאַט. איידער אָבער איך רעדט פון מיין חתונה, מוז איך אייך פריהער אָבשילדערן, וויא אַזוי איך האָב געלעבט אונד וואָס איך האָב געדענקט פון פאַמיליען־לעבען.

איך האָב געלעבט, וויא אַלע יונגע קינדער פון רייכע עלטערן, אין אויסגע־לאַסענהייט. אונטערדעסען בין איך בייא מיר געווען איבערצייגט, אַז איך מאַך אַיין אויסנאַהמע, אונד בין מאָראַליש. דאָס איז נאָר געווען דערפאַר, ווייל איך בין ניט אַריבער געגאַנגען דיא מאָאָס. זייענדיג ערצויגען אין אַ פאַמיליע וואו דער פאַטער אונד דיא מוטער זיינען זיך קיינמאָל ניט געווען אונטרייא, האָב איך מיר אויך פאָרגעשטעלט אַזאַ אידעאַלעס פאָטישעס פאַמיליענלעבען. מיין פרוי זאָל זיין, האָב איך מיר געטראַכט, פאָלקאָמען, אונד מיר זאָלען זיך לעבען וויא דיא טויבען. טראָטץ דעם האָב איך געלעבט 10 יאָהר אַלס ערוואַקסענער מענש אונד מיך ניט געאיילט חתונה צו האָבען. מיין מעלה איז געווען, וואָס איך האָב קיין מיידלעך ניט פערפיהרט אונד מיך ניט הינגעגעבען צו אוננאַטירליכע פערגניגענס. דערמיט האָב איך מיך שוין גערופען, אַ פאָלקאָמענער מאָראַלישער מענש. דיא פרויען, מיט וועלכע איך פלעג מיך צוזאַמען קומען, זיינען נאָר געווען מיינע, כלומר׳ זיי. האָבען מיר געקענט פערשאַפען פערגניגען. איך האָב אין דעם גאָר קיין שלעכטס ניט געזעהן אין געגענטהייל. ווייל איך האָב ניט געוואָלט פעריהרען זייערע הערצער

„איך זעה,“ האט ער פלוצלינג אָנגעפאנגען, „אז איהר האט מיך דער־קענט!“

„ניין, איך האב גראדע ניט געהאט דאס פערגניגען אייך צו קענען“.

„דאס פערגניגען איז ניט זעהר גרויס. איך בין פּאָזדניטשעוו“.

אלע האבען וויעדער געשוויעגען. דער נערוועזער הערר, וועלכער האט זיך גערופען פּאָזדניטשעוו, איז רויט אונד בלאס געוואָרען.

„עס בלייבט זיך גלייך“, האט ער דאן געמורמעלט. „ענטשולדיגט מיר, איך וויל אייך ניט שטערען“.

ער האט זיך בייא דיעזע ווערטער אומגעווענדעט אונד זיך אוועק געזעטצט אויף זיין פּלאטץ.

3.

איך האב מיך אויך אוועק געזעטצט אויף מיין פריהערינען פלאטץ. איך בין געזעסען נעבען פּאָזדניטשעוו'ן אונד געשוויעגען. איך האב זעהר גערן מיט איהם געוואָלט רעדען, אבער איך האב ניט געוואוסט וויא איך זאָל דאס אָנפאנגען. אזוי זיינען פאראיבער איינינע מינוטען אין א טיעפעס שטילשווייגען, ביז מיר זיינען אָנ־געקומען צו דער נעכסטער סטאציאָן, וואו דער הערר אונד די דאמע, וויא אויך דער האנדעלס־רייזענדער, האבען אויסגעשטיעגען. איך בין דאן געבליעבען גאנץ אליין אין וואגאָן מיט פּאָזדניטשעוו'ן.

„אונד דיעזע מענשען רעדען! ענטוועדער זייא זאגען ליעגען, אָדער זייא פער־שטעהן זיך אליין ניט!“ האט ער פלוצלינג אויסגערופען.

„דאס הייסט... פון וואס רעדט איהר?“

„נאך אימער איבער דאסזעלבע.“

ער האט זיך דאבייא אָנגעשפּארט מיט זיין קאָפּ אויף די הענד, אונד זיינע פינגער האבען שטארק צונעדריקט זיינע שלייפען.

„ליעבע, הייראטה, פאמיליע! אלעס איז ליעגען, ליעגען, ליעגען!“

ער איז אויפגעשטאנען אונד זיך דאן אָנגעשפּארט אן דעם קישען פון זיין זיטץ. ער האט צוגעמאכט זיינע אויגען, אָבער אין איין אויגענבליק ארום האט ער געזאגט:

„איז אייך מיין געזעלשאפט ניט אונאנגענעהם זייט דעם איהר ווייסט ווער איך בין?“

„אָח, ניין!“

„ווילט איהר ניט שלאפען?“

א פרוי, אלס עפעס זיסעס; די פרויען, אירגענד א פרוי, אונד איהר נאקעטקייט...
ווען איך בין געבליעבען אליין אונד נעקלערט, האב איך ניט געקענט זיין ריין:
איבערינענס בין איך געוועזן, אין דיעזער בעציהונג, ניט בעסער אלס 99 פראצענט
פון די איבריגע אינגלעך. מיין נאטור, אדער דאס ביסעל גוטע אין מיר, האט
פראטעסטירט, זיך ניט געוואָלט לאָזען אזוי טיעף זינקען. אָבער קיין זאך האט גע-
האָלפען. איך בין געוועזן פערדאָרבען אי אין מיינע געדאנקען, אי אין מיינע
טהאטען. אָבער דעם לעצטען שריט, דאס הייסט, די פערדאָרבענהייט צו בעטריי-
בען מיט א פרויענצימער, האב איך נאך ניט אָנגעפאנגען. איך האב מיך בלויז אליין
רואינירט אונד קיינע אנדערע געשאדעט. אבער איך האב מיך בעקאנט געמאכט
מיט א סטודענט, מיין ברודער'ס א פריינד, אונד דיעזער איז געוועזן, וויא מען זאגט,
א „וואוילער יונג" ועלכער איז געוועזן אין דער ווירקליכקייט א חברה־מאַן וואס האט
צו קיין זאך געטויגט, אונד געקענט גוט טרינקען, וויא אויך גרויסע פאַרטשריטען
געמאכט אין קאַרטען שפיעלען. מיין ברודער איז נאך אויך געוועזן אונשולדיג,
אָבער מיר האבען דעם „וואוילען יונג" ניט געקענט ענטזאגען. ער האט אונז גע-
רופען אונד מיר זיינען געגאנגען. נאטירליך וואָלט ער פון אונז געלאכט ווען מיר
וואָלטען ניט געגאנגען. דאן האבען מיר דאך אליין אויך עפעס געוואָלט ווערען
„וואוילע יונגען". קורץ, איך האב שוין צו מיין פערדאָרבענהייט צוגענומען א שותף.
איך האב אפילו קיין אווינענבליק געדאכט, אז איך טהו אונרעכט. קיינער האט עס
מיר אויך ניט געזאגט, אז מען טאָר ניט. דאס וואס עס שטעהט אין די עשרת
הדברות, איז מעהר נים נוט געוועזן צו וויסען, וויא אבצוגעבען עקזאמען אויך אין
רעליגיעזע זאכען.

דאן האב איך אויך ניט געהערט פון עלטערע מענשען, אז דאס וואס
איך האב געטהאָן אונד אָנגעפאנגען צו טהון, איז ניט גוט אָדער עס איז פערבאָ-
טען. גראדע אומגעקעהרט, איך האב נאר געהערט פון מענשען, וועלכע איך האב
געאכטעט, אז דאס איז גאנץ גוט פיר דער געזונדהייט, דאס הייסט, די וויסענ-
שאפט האט עס ערלויבט אָדער געהייסען טהון.

„די וויסענשאפט?" האב איך געפרעגט.

„יא, וואס זיינען דען די ערצטע? זייא זיינען דאך די פריעסטער פון
דער וויסענשאפט. ווער טהוט דען דער יונגענד מעהר שלעכטעס וויא דער דאָקטאָר
וואס זאגט, אז אזא זאך איז נעטהיג צו דער געזונדהייט? יא, ווען אנשטאט דעם
וואס מען פרעדיגט, אז פערדאָרבענהייט איז גוט צו דער געזונדהייט, זאל מען
בעסער פרעדיגען מאָראל אונד זיטטען, וואָלט דאן די וויסענשאפט פיעל שענערע

אונד בעצאָהלט פיר מיין פערגניגען, האב איך מיך שוין געהאַלטען אלס גענוג מאָראַליש אונד בין געווען שטאָלץ דאַרויף. עס איז מעגליך, אז איך האב געבראַכט קינדער אויף דער וועלט, אבער איך ווייס ניט דערפון, אונד איך האב עס קיינמאָל ניט בעאַבזיכטיגט. איך האב ניט בעגריפען, אז דאס פערברעכען ליעגט ניט אין דער קערפערליכער צופריעדענהייט, זאָנדערן אין דעם ענטזאגען זיך פון יעדער מאָראַלישער פליכט. איך עראינער מיך זעהר גוט וואס עס האט אמאל פּאַסירט, אז עס איז מיר גאר ניט אויסגעקומען איינער צו בעצאהלען. דאס איז וואהרשיינליך געווען, ווייל זיא האט מיך ליעב געהאט. איך האב מיך אבער ערשט שפּעטער בערוהיגט, ווען איך האב איהר אָבגעשיקט דאס געלד, אום איהר צו בעווייזען, אז איך האב צו איהר קיינע מאָראַלישע פליכטען.

„שאָקעלט ניט אזוי מיט'ן קאָפּ, גלייך וויא איהר וואָלט מיט מיר דאָ געווען איינפערשטאַנען," האט ער פּלוצלינג אויסגעשריען. אלע אונד אויך איהר זייט פון דערזעלבער מיינונג וויא איך בין דאמאלס געווען. יעטצט דענק איך אַנדערש. ווען איך וואָלט עס דאמאלס געוואוסט, דאן וואָלט ניט געשעהען דאס, וואס עס איז געשעהן. אָבער עס בלייבט זיך גלייך — ענטשולדיגט מיר — יעדענפאלס איז עס שרעקליך, שרעקליך, שרעקליך! אין וואס פאר א פערדרעהעניש פון פערברעכען מיר זיינען, ווען מיר קומען צו דער איינענטליכער פרויען פראַגע"...

„אונד וואס רופט איהר דיא איינענטליכע פרויען פראַגע?"

„עס איז דיא פראַגע, אויב דיא פרוי איז ניט אזא בריאה וויא דער מאַן, אונד וויא אזוי זיא אליין אונד דער מאַן דאַרף זיא בעטראַכטען."

5.

צעהן יאהר האב איך געחלום'ט פון א חתונה אונד ערהאַבענער ליעבע, אבער נאָר פון דעם נאָמען אליין, אונד איך בין דערווייל געשוואומען אין שמוטציגסטען זומפּף פון אויסגעלאַסענהייט. יא, איך וועל אייך דערצעהלען וויא אזוי איך בין געקומען דערצו, צו הרג'ענען מיין פרוי. פריהער אָבער זאָלט איהר וויסען וויא אזוי איך בין פערדאָרבען געוואָרען. ערשט נאך דיא צרות וואס איך האב דורכגעמאַכט, האב איך ערפאהרען דעם אמת. עס איז געווען צור צייט ווען איך בין אלט געוואָרען 16 יאהר. מיין עלטערער ברודער איז אריין אין דער אוניווערזיטעט אונד איך בין געבליעבען אין גימנאזיום. איך האב נאך דיא פרויען ניט געקענט. אָבער איך בין געווען, וויא אלע אונזערע אונגליקליכע קינדער, קיין אונשולדיגער מעהר. נאך מיט צווייא יאהר צוריק בין איך פערדאָרבען געוואָרען דורך אַנדערע איינגלעך. עס האט מיך שוין געקוועהלט דיא פרוי — ניט קיין בעשטימטע פרוי — זאָנדערן גלאט

דערמאַהנען, האָב איך צוריק געוויזען, אַלס ניט פּאַסענד פיר מיר. ענדליך האָט פּאַסירט וואָס איך בין גראַדע אונגעריכט אריין געפאַלען. עס איז געוועזען דערבייא א שטיקעל ראָמאַנטישע געשיכטע. דיעזע וואָס האָט מיך געפאַנגען, איז געוועזען דיא טאָכטער פון א פּעראַרעמטען גוטס-בעזיטצער. דער פאָטער איז שוין געוועזען טויט, אונד דיא מוטער האָט געזוכט אַלערלייא מיטלען וויא אזוי מיך אריין צו נארען. עס איז איהר ענדליך געלונגען. איך בין איינמאל געפאָהרען שפּאַצירען אין א שיפעל אויף'ן וואסער. דאָס איז געוועזען בייא דער נאַכט, ווען דיא לבנה האָט ארונטער געוואָרפען א שטראָם מיט זילבערנע שטראַהלען. אונד ווען מיר זיינען אהיים געקומען אונד זיך אוועק געזעטצט, האָב איך גאר ניט געקענט גענוג בעוואונדערן איהר שלאַנקע טאַליע, איהר ענג איינגעפּאַסטען בוזים אין דעם דזשערזי קלייד, אונד דאַמאַלס איז מיר איינגעפאַלען, אז דאָס איז דיעזע, וועלכע פּאַסט פאַר מיר. עס האָט מיר אויסגעזעהן אין יענעם אבענד, אז זיא האָט פערשטאַנען אַלעס וואָס איך האָב געדענקט אונד געפיהלט. איך האָב געטראַכט, אז דאָס איז דיא ליעבע. אין דער וואַהרהייט אבער, איז דאָס מעהר ניט געוועזען וויא דיא דזשערזי אונד דיא צעפּ, וועלכע זיינען אזוי שעהן אריבער געהאַנגען איבער איהרע שולטער. עס האָט זיך מיר געוואָלט אימער פערבלייבען נעבען איהר.

איך בין אהיים געקומען זעהר בעגייסטערט, אונד בין געוועזען פאָלשטענדיג איבערציינגט, אז זיא איז דאָס פאָלקאָמענסטע פרויענצימער, אונד, דערפאַר, נאַטירליך, דאַרף זיא זיין מיינע. אויף'ן צווייטען טאָג האָב איך פערלאַנגט איהר האַנד צור הייראַטהע מיט מיר.

איהר קענט זאָגען וואָס איהר ווילט. דאָס אלעס בעווייזט, אז מיר שטעקען אין אזא זומפּף פון ליעגען אונד בעטרוג, אז מיר האָבען אפילו אליין אויך קיין צייט ניט נאָכצודענקען, אויב דאָס וואָס מיר טראַכטען, נאַרט ניט אָב אונזערע איינענע געפיהלע. עס איז געווים ניט געוועזען קיין ריינע אונד קלאַרע איבערלעגונג, זאָנדערן, ווייל איך בין שוין געוואָהנט געוועזען צו שעהנע פרויענצימער פיר מיין ליידענשאַפט. האָט מיך איהר קערפּער בערוישט. ניט מעהר.

וויא איך האָב אייך פריהער געזאָגט, האָב איך מיך געהאַלטען כלומר'שט אַלס איין אנשטענדיגען מענש, אונד איך האָב בעשלאָסען, אז מיין קינפטיגע לעבענס-בעגלייטערין, זאָל עפּעס וויסען איבער מיין פערגאַנגענהייט. צו דיעזען צוועק האָב איך איהר געגעבען לעזען מיין טאָגע-בוך, וואָס האָט איהר געקענט געבען עפּעס א בעגריף איבער מיין פערדאָרבענהייט. איך קען מיך ערינערן וואָס פאַר א שרעק אונד פערצווייפלונג עס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אויף איהר געזיכט. איך

אונד ערנקערע ציעלען נעהאם. איך אלזאָ בין אויך נעוועזן איין אָפּפער פון דיעזער וויסענשאפט. איך בין זיכער, דאס ווען דיא אומשטענדען וואָלטען אנדערס נעוועזן, דאס הייסט, ווען יעדער איינער וואָלט זיך נעפיהרט בראוו אונד אנשטענדיג, וואָלט איך אויך דיעזען וועג נענומען אונד ניט בעדארפט דיעזעס מיטעל צו מיין נעזונד־הייט. עס איז א טרויעריגע נעזונדהייט. מען מעג זיא בעסער רופען מיט דעם פאסענדען נאמען שמוטציגע קראנקהייט. ווען איך האב דאמאלס דאס צימער פער־לאָזען אונד מיך דערמאָהנט, אז מיין אונשולד איז אוועק אונד איך וועל קיינמאל מעהר ניט קענען צוטרעטען ריין אונד אונפערדאָרבען צו מיין איינענער פרוי, האב איך נעוויינט פאר שמערץ.

אבער אזוי וויא דעם שיכור איז שווער בלויז זיך צום ערשטען מאל צו בעזויפען, אזוי איז עס מיט מיר אויך נעוועזן. עס איז דאסזעלבע מיט דעם וואס רויכט אָפּיום אָדער טאבאק. מען נעוועהנט זיך צו, אונד דאן איז מען שוין ליידענשאפטליך. איך בין נעוואָרען איינער פון דיעזע.

6.

דאס איז מיין אורטהייל איבער מיר אליין. איך בין נעוואָרען א שמוטציגער ישופט, אבסאָלוט ניט אכטענדיג אויף דעם אונגליק פון דיא ארעמע פרויענצימער. איך האב זייא בעטראכט אלס דאס מיטעל פון ליידענשאפט, אונד ניט מעהר. שוידערהאפט איז עס, וויא מיר 30־יעהריגע זינדער, וועלכע האבען הונדערטע פון פערשיעדענע פערברעכען נעגען אונגליקליכע פרויען אויף אונזער נעוויסען, פערגעסען פלוצלינג אין אלעמען. מיר ציהען זיך אָן אין א שעהנעם אנצוג, מיט ווייסער וועש, אונד מיר שטעלען פאָר א בילד פון ריינהייט אונד אנשטאנד. אונטען אָבער, אונטער דיעזע ריינע קליידער, ליענט א הויפען מיט שמוטץ, נעמיינהייט אונד פער־ראָרבענהייט.

אזוי האב איך אויך נעלעבט ביז צו מיין 30־טען יאהר. דעם נעדאנק פון דער הייראטהה מיט א ריינעס אונד אידעאלעס פאמיליען־לעבען, האב איך אונטערדריקט ניט אויפנענעבען. איך האב דאן אָנגעפאנגען צו שטודירען דיא מיידלעך ארום מיר, אום מיר אויסצוקלייבען איינע, וועלכע זאָל מיר נעפעלען ווערען אלס פאסענד פיר מיינע פרוי. איך, דער פערדאָרבענער, מיט אונצעהליגע פערברעכען אויף מיין נע־וויסען נענען אונגליקליכע פרויענצימער, האב נעוואָלט הייראטהען מיט א שעהנער, ריינער אונד זיטטליכע פרוי. איך האב א סך נעזוכט, אונד פיעלע מיידלעך, אונ־שולדינע קינדער, וועלכע׳ס נאמען איך האב אפילו ניט ווערטה נעהאט צו

שולטערן אונד ארעמס. זייא ליעבען גליין דיא גלאַט אויסגעצוויגענע אונד געפּאַסטע קליידער; זייא האבען דעמזעלבען חשק צו קאָלירטע, גלענצענדע אונד פינקלענדע קאָסטבאַרע שטיינער. אויך דיזעלבע פערגניגענס: טאַנצען, מוזיק אונד געזאַנג. זיינע וויא דיא אנדערע ציהט אן דעם מאַן מיט דיעזעלבע חן׳דעלעך, אונד עס איז אבסאָלוט קיין אונטערשיעד צווישען זייאביידע, אויסער וואס איינע קען יעדער קויפען אונד פיר א געוועהנליכען פרייז, אונד דיא אנדערע איז געשטעלט געוואָרען צוצוטהיילען פערגניגען נאָר איינעם, ווען זיא האט קיין אנדערע געלעגענהייט.

אונד אויף דיעזער ארט, פערשטעהט איהר, האט מיך אויך דיא געפּאַסטע רזשערזי צוגעצויגען אונד מיך געפאַנגען גענומען אין דער געטץ, וואוהין כמעט אלע מענער פאַלען אריין.

8.

מיך צו פאַנגען, איז איבערהויפּט ניט שווער געוועזען. דיא אורזאַכע דערפון איז, וויל איך בין אויפגעצויגען געוואָרען אויף אזא ארט, װאו מען טרייבט דיא יונגע לייטע אויף א געקינסטעלטען אויפן צו דער ליעבע. דיא צופיעלע שפּייז וואס רייצט אויף דאס בלוט, איז דאס בעסטע מיטעל אויפצורעגען אונזער תאוה, איבער־הויפּט ווען מען געהט ארום לעדיג אונד דער קערפּער איז אויסגערוהט מעהר וויא ער בעדאַרף.

מיר לעבען אקוראַט וויא דיא בהמות וואס מען האט אוועק געשטעלט זייא זאָלען פעט ווערען. מיר פרעסען, זויפען, טהון ניט א האַנד אין קאַלט וואסער, אונד דערפאַר, ווען א יונגער מאַן וויל אפילו אמאל זיך צוריק האלטען, קומט באַלד א פייניגענדע אונרוהע, דורך דער אוננאַטירליכקייט פון אונזער לעבען. אלע אונזערע ליעבעס אונד תתונות, האבען מייסטענטהיילס צו טהון מיט אונזערע שפּייזען אונד ארט לעבען.

איהר וואונדערט זיך? יא, עס איז פיעל מעהר וואונדער ווארום מיר זעהן ניט ריעזע וואהרהייט. דער בויער, דער שווערער ארבייטער, וועלכער געניעסט גע־וועהנליכעס ברויט, פּרוכטען אונד עפּעס פליישׁ, ניט איבער דער מאאס, דיעזער איז ניט אונטערוואָרפען צו דיעזע געדאַנקען, וועלכע ערשיינען בייא דעם לעדיג־געהער אין קאָפּ. דאָן, פערגעסט ניט, אז אויסער דיא פיעלע אויפרעגענדע שפּייזען, זיינען נאָך בייא אונז דאָ אנדערע פערמיטלער צור אויפרעגונג. מיר קומען זיך אָפּט צו־זאַמען אין פלוידערענדע געזעלשאַפטען, מען רעדט איבער פּרויען, מען זאָגט א טראַבען מיטאָג, מען דערצעהלט א געזעלשאפט פון שטערן א פרט, פון

תאב זיכער געמיינט, אז זיא וועט אָבלאָזען דעם שידוך. אונד, ווירקליך, וואס פאר א גליק דאס וואָלט געווען פאר אונז ביירע!

7.

„איבערינענס ווייס איך ניט, פיעללייכט איז עס טאקי אזוי בעסער“, האט ער ווייטער געזאגט מיט א זיפץ. „איך, וועניגסטענס האב מיר עהרליך פערדיענט מיינע צרות. אבער ניט דאס בין איך אויסען. איך האב דאָ בלויז געוואָלט בעמערקען, אז אין אזא פאל, זיינען אימטער דיא ארעמע מיידלעך דיא בעטראָגענע. דיא מוטערס ווייסען אבער אַלעס, איבערהויפּט אזעלכע מוטערס, וועלכע האבען גענאָסען דיא ערפאהרונג פון זייערע אייגענע מענער. זייא, דיעזע מוטערס, ווייסען דיא טויזענדער מיטלען וויא אזוי צו פאַנגען דיא מענער פיר זייערע טעכטער. זייא בעגרייפען, אז אונזער ליעבע בעשטעהט ניט גראדע אין איינפערשטעהען זיך אין דער ריינהייט פון גייסט, זאָנדערן וויא דיא האאר זיינען געקאמט, וויא אזוי דאס קלייד איז צוגעשניטען אונד וויא דאס ליעגט. מיט איינעם וואָרט, מען זוכט נאָר איבעראַל צו ערוועקען דיא קערפּערליכע לוסט, אין דערזעלבער צייט מיט ליעגען אונד בעטרוג. ווען דאס אונשולדיגע מערכען ווייס נאך אפילו פון גאָר ניט, דאן לערנט זיא אויס איהר מוטער, דאמיט וואס זיא ציהט איהר איין דיא טאליע, שטעקט ארויס דעם בוזים, לאָזט אריבער הייגען דיא האאר אונד דעקט אויף איהר שולטער. עס איז נאָר צו אויפצורעגען דיא געפיהלע, אונד ניט מעהר.

דיא פרויען וואס האבען שטודירט בייא דיא מענער, ווייסען גאנץ גוט וואס עס הייסט ערהאבענהייט. זייא ווייסען, אז דיא מענער קוקען אויף קיין אנדער זאך אזוי פיעל וויא אויף דער שעהנהייט פון דעם קערפּער, אונד אַלעס וואס קען דיעזען קערפּער מאַכען פערפיהרעריש. דיעזע פרויען טהון אַלזאָ דאס, וואס דיא מענער פערלאַנגען אונד בענעטהיגען. ווען מען בליקט צו דיעזע אלע אויפפיהרונגען אונטער דיא הויכע אונד ניעדריגע קלאסען, דאן מוז מען קומען צום בעשלוס, אז מיר לעבען אין א ריעזיגעם עפענטליכעם הויז. דאס אלע מענשען צוזאמען, בילדען איין גרופּע פון אויסגעלאַסענע ברואים, מיט דער איינציגער אבזיכט, צו ערפיללען דיא קערפּערליכע מיאוס'ע תאוה. שאָקעלט ניט אזוי מיט'ן קאָפּ, מיין העררּ, איך וועל דאס אייך בעווייזען. זעהט, צום ביישפּיעל, מיט וואס עס בעשעפטיגט זיך דיא פּראָפעסיאָנעלע אויסגעלאַסענע אונד מיט וואס עס בעשעפטיגט זיך דיא זאָגענאַנטע אַנשטענדיגע פרוי. ביידע טראָגען איינערלייא קליידער, פון דעמזעלבען שנים. מיט דערזעלבער מאָדע, דיעזעלבע ציערונג, פּארפום, אונד נאקעטע, אויסגעשניטענע

זאגט צום ביישפּיעל א מוטער אָדער א מטרבען, אז זייא זיינען נאָר בעשעפּ־טינט אריין צו נארען א יונגען מאן אין זאק אריין. זאָל נאָט אבהיטען! זייא וועלען אייך פערברענגען מיט זייערע מיילער! דאס איז אבער נאך אמאל וויא איך האב שוין פריהער געזאגט, שווינדעל אונד בעטרוג איבעראל.

״פ

„גלויבט מיר,״ האט ער ווייטער אָנגעפאנגען, „אָט דערפון שטאמט דיא הערשאפט פון דיא פרוי אונד אזוי מוז ליידען דיא וועלט.״

„וויא?״ האב איך געפרעגט ערשטוינט, „איהר רעדט פון דער פרוי׳ס הערשאפט? איהר האט דאָך זייא ערשט בעקלאגט, אז זייא זיינען שקלא־פינען?״

„אָט דאס האב איך טאקי געוואָלט זאגען. דאס ערקלערט אויך דעם גאנצען צושטאנד. וועהרענד דיא פרוי ווערט פון איין זייט ערניעדריגט, איז זיא ווידער אויף איין אנדערן אופן דיא הערשערין. דיא פרויען זיינען געוואָרען גלייך מיט דיא אידען. מען האט בייא דיא אידען אלעס אוועק גענומען אום זייא זאלען זיך ניט קענען ערנעהרען. דערמיט האט מען זייא ערניעדריגט. נאָר אזוי וויא זייא מוזען דאָך פיהרען דעם קאמפף צו עקזיסטירען, האבען זייא זיך גענומען צום געלד־האנדעל. מיט דיזען געלד אָבער, בעהערשען זייא דיא וועלט. דאס איז אויך מיט דיא פרויען. מען ערניעדריגט זייא אונד מען זאגט, אז זייא זיינען צו קיין אנדער זאך פעהיג, אויסער שעהן צו זיין אונד פערשאפען דעם מאן פערגניגען. זאָ נעהמען זייא דיזע שעהנהייט אונד פערוואנדלען זיא אין א מאכט, מיט וועלכער זייא הערשען.

מען זאגט דער פרוי אז זיא האט קיין רעכט צו שטימען אין פּאָליטישע זאכען, אונד דארף קיין ריכטער ניט זיין. אין דערזעלבער צייט אבער, שטעלט מען זיא אויף דעם גלייכען פוס מיט דעם מאן, וואס איז נוגע קערפּערליכעם פערגניגען. פון דאנען בילדעט זיא אויס אזא קראפט, אז זיא רעכענט זיך העכער אלס דער מאן, אין דעם וואס זיא וואַרפט איהם צו איהרע פיס, ווען ער בעדארף צו איהר האבען.

ווען דיא פרוי וואָלט אבער אין אלע בעציהונגען געווען גלייך צום מאן, וואָלט זיא אויך, אין דיעזער בעציהונג, צו איהם געווען גלייך, אונד ניט געהאט דיא איינ־ציגע בעשעפטיגונג צו זוכען אויפצורעגען דעם מאן, אָדער זיך מיט איהם רייצען

בעטרייבען שמוטציגע אויסגעלאסענהייט; מען לעזט אויפרעגענדע אונד רייצענדע ראמאנען, ערצעהלונגען, געדיכטע; מען הערט מוזיק, מען געניעסט אויפרעגענדע שפייזען, אונד נאך טויזענדער אנדערע זאכען, וועלכע פיהרען נאר צום פערליעבען זיך.

איך האב מיך אויך פערליעבט וויא אלע אנדערע. איך האב געשפירט אלעס: בעוואונדערונג, ריהרונג, פאעזיע! אין דער וואהרהייט געשפראכען אבער, איז מיין ליעבע ניט מעהר געוועזען וויא א רעזולטאט פון דער קינסטליכע שניידערין, וואס האט אויפגענצהט אזא גוט קלייד, וועלכעס האט ארויס געבראכט אלע גליעדער צים פארשיין אום מיך אויפצורעגען. ווען מיר וואלטען ניט געפאהרען אויף'ן שיפעל, ווען עס וואלט סיין שניידערין געוועזען אונד מיין פרוי וואלט ערשיינען בלויז אין אונגעקינסטעלטע קליידער, דאן וואלט איך מיך ניט פערליעבט.

דאס שענדליכסטע איז, וויא דיא עלטערן, וועלכע האבען הייראטהס-פעהיגע מיידלעך, אויף וועלכער ארט מען זוכט זייא צו פערהייראטען. איך זאג ניט חלילה, אז עס איז איין עולה פון דיא עלטערן וואס זייא ווילען זייערע קינדער זאלען הייראטען, אדער פון דיא מיידלעך זעלבסט, וואס זייא זוכען א חתן. מיין הויפט אויפמערקזאמקייט ווערט נאר דא צוגעצויגען, וויא אזוי דיא יונגע לייט געהן ארום פון הויז צו הויז אנקוקען כלות. דיא מוטער פוצט אויס איהר טאכטער אונד ווייזט וואס פאר א סחורה זיא האט. דאס מעדכען ווידער טראכט זיך: אה, נעהמט מיך, ווירקליך, איך בין ניט מיאוס אונד וועל זיין א גוטע פרוי. עקעלהאפט! אונד מיר מענער האבען נאך דיא חוצפה, אין דערזעלבער צייט, ארום צו געהען אונד רעדען איבער דיא רעכטע פון דיא פרויען, איבער פרייהייט, איבער דער הויכער בילדונג וואס זייא דארפען געניעסען.

„איך פערשטעה ניט," האב איך מיך אבגערופען, „וואלט איהר פיעללייכט געוואלט, אז פרויען זאלען געהן זוכען דיא מענער?"

„איך וויים ווירקליך ניט. אבער ווען מען רעדט פון גלייכהייט זאל מען אויך מיינען גלייכהייט. דיא ארט אונד וויזע וויא א מאן געהט ארום זוכען א פרוי, איז אבשייליך. ווען עס האנדעלט זיך שוין יא אין זוכען אונד קלייבען, דאן זאל מען ניט אויסשטעלען קיין סחורות פאר'ן מאן זיך צו קלייבען, זאנדערן דיא פרוי מיט דעם מאן זאלען זיך אבזוכען אויף א גלייכען אופן, אז זיא אונד ער זאלען זיך בעקענען אונד האבען דיא גלייכע דעות. אבער ניט אויסשטעלען דיא וואארע, וויא א קרעמער טהוט אין זיין געשעפט.

מיט דעם רייץ פון א מהיער, אונד מיינע נעדאנקען האבען געוואנדערט צום איינ־ציגען ציעל ויא צו בעזיטצען.

יא, יא, איהר קענט עס גאנץ גוט פערשטעהן, אז עס גיבט קוים איין מאן פון הונדערט, וואס איז ניט געוועזן שוין פריהער פערהייראטעט, זייענדיג א חתן, אונד עס גיבט אויך קוים איינער פון פערציג, וועלכער, זיטצענדיג נעבען זיין כלה, האט ניט אויך אין זינען מיט אויסגעלאסענע געדאנקען, איין אנדערעס פרויענ־צימער.

דיא הייראטה ווערט בעטראכט ניט מעהר וויא א נארישע צערעמאָניע, אום וואס שנעלער צו קענען האבען דיא פרוי נעבען זיך אונד מיט איהר טהון וואס מען וויל. אזוי ווערען אונשולדיגע מיידלעך פערקויפט צו איין אויסגעלאסענעם שוטה.

11.

אזוי האבען כמעט אלע חתונה, אונד אזוי האב איך אויך חתונה געהאט.

דיא יונגע לייטע טרוימען אונד פלוידערן פון דיא פליטער-וואָכען, אדער דיא קורצע צייט נאך דער חתונה, ווען מען בעהויפטעט, אז עס איז דיא שענסטע טעג אין מענשען'ס לעבען. אָבער דיעזע וואס זאגען עס, זיינען ענטוועדער פאנ־טאסטען, אָדער זייא רעדען איבער זאכען וואס זייא קענען ניט. אויך איך האב געהאט פליטער־וואָכען, אבער איך האב אין זייא ניט געפונען דאס פערגניגען פון וועלכען מען האט מיר דערצעהלט.

דיא שעהנע אויפרעגונגען זיינען ניטאָ. אין געגענטהייל, מען שעהמט זיך, מען איז טרויעריג, עפּעס ניעדערגעשלאָגען אונד פערצווייפעלט. נאך דעם וויא מען בער־פריעדיגט דיא שמוטציגע תאוה זעהט אלעס אוים אבגעלעבט, אָבגעדראָשען אונד אונמוטהיג. עס זעהט אוים גראדע וויא א איננעל וואס פאנגט ערשט אָן צו רויכען אונד אָבוואָהל ער שפּייט, דער קאָפּ דרעהט זיך איהם אונד פיהלט שלעכט אויף'ן הארצען, דעננאך דערצעהלט ער אייך, אז דאס איז גוט, אנגענעהם. דיא יונגע פערהייראטעטע מענשען, זיינען אונגעפעהר אויך אויף אזא ארט, אונד זייא מוזען, גלייך מיט דעם איננעל, אזוי וויים רויכען, ביז עס פערשאפט זייא פער־גניגען.

„איך פערשטעהע אייך ניט,״ האב איך איהם אונטערבראָכען. „וואס דערצעהלט איהר דאָ פאר א ווערטער? עס איז דאָך דער נאטירליכער גענוס פון מענשען —

אונד זוכען, אז די קערפערליכע בעציהונגען מוזען דורך געוויסע צערעמאָניען דורכ־געמאַכט ווערען.

דערפאַר וואס די פרוי, האט נאָר דיזע איינציגע בעשעפטיגונג צו געפעלען דעם מאַן אונד איהם מאַכען פערגניגען, פאַלט זיא זעהר פיעלע מאל אונטער צו דער ניעדריגסטער שטופע פון אויסגעלאַסענהייט אונד פערדאָרבענהייט. איהר בעשעפטיגונג אום צו געפעללען די מענער, גרייכט פיעלע מאל אַזוי ווייט, אז זיא ערניעדריגט זיך ביז צום עקעלהאפטעסטען שמוטץ.

וואס קען א פרוי ניט טהון אום צו געפעללען א מאַן? אָה, זיא איז צו אלעמען פעהיג! זיא קען זאָוואס טהון, דאס ווען מיר זיינען ניט בערוישט מיט דער בעסטיאַלישער תאוה אונד מיר האבען צייט צו דענקען, דאַן מוזען מיר שוידערן.

10.

אָבער וויא דיא זאַך איז, איך בין אריין געפאַלען. איך האב געזעהן אין מיין כלה דיא גרעסטע פאָלקאָמענהייט, אונד מיך אליין האב איך בעטראַכטעט, אלס ד״ם פאָלקאָמענסטען מענשען. עס איז ניטאָ קיין שלים-מזל אין דער גאַנצער וועלט, וועלכער זאָל זיך ניט שפּירען דום געגוג אונטער אַזעלכע אומשטענדען, ביי זיך אויסצוזעהען דער צופריעדענסטער אונד גליקליכסטער מענש אין דער וועלט. איך בין נאַטירליך אויך ניט בעסער געוועזן. איך האב אלזאָ ניט חתונה געהאט פיר געלד, וויא דער שטענגער איז מיט פיעלע אנדערע, זאָנדערן פיר ליעבע. איך בין געוועזן רייך, אונד זיא ארעם. דיא ליעבע אליין האט אונז אלזאָ פעראייניגט. וואס פאר א דומ־קאָפּ איך בין געוועזן!

איך בין געוואָרען א חתן. ווען איך עראינער מיך אן דיזער צייט, שעהם איך מיך פאר מיר אליין. כל־זמן יעמאַנד אויסער דער כלה איז נאָך געוועזן אין הויז, האב איך געפונען עפּעס איבער וואס צו רעדען. זיינען מיר אָבער נאָר געבליעבען אליין, זיינען מיר געוואָרען שטום. איך האב שוין מיט איהר איינמאל אָבגערעדט איבער דיא איינריכטונגען פון הויז, פון דער צוקונפט אונד אנדערע קלייניגקייטען. ווען איך האב דאָך געוואָלט עפּעס פּלוידערן, האב איך טאַקי ווירקליך ניט מעהר וויא געפּלוידערט. אירגענד א ריכטיגער אינהאַלט פון איין אינטערעסאַנטעס געשפּרעך, האט מיר געפעהלט.

מיך מיט איהר איינצופערשטעהען אין אונזער גייסט, אין אונזער לעבען, איז מיר גאָר ניט איינגעפאַלען. מיינע אויגען זיינען נאָר געווען אויף איהר געריכטעט

עס קומט איהר פאַר עפּעס אונהיימליך, וויא אזוי דאס אלעס זאָל בּטל ווערען ער קען זיך איבערהויפּט ניט פאָרשטעלען, אז דאס לעבען איז ווערטה צו לעבע־ אָהן תאוה.

דיא געוואָהנהייט צו פערדאָרבּענהייט איז שוין אזוי גרויס, אז מען קען נאר עפּעס אנדערש ניט פערשטעהן אונטער חתונה האבען וויא צו ערפילען דיא תאוה דעם ריכטיגען ציעל אונד צוועק פון דער נאַטור אום ווייטער צו עקזיסטירען, פּער־ געסט מען, אונד מען האט בלויז חתונה כדי צו האבען פערגניגען. עס איז פּאָזיטיוו ניט מעהר, דאס פריהער האט דער אונפערהייראטעטער מאן עטליכע אָדער א סך פרויען אונד איז איבער זייא ניט אייפערזיכטיג, אונד נאכדעם נעהמט ער זיך איי־ פרוי וואס זאָל ערפיללען זיין תאוה מיט דעם בעדינג, אז זיא איז נאָר פיר איהם אליין. ווען דאס פרומע אונד אנשטענדיגע פרויענצימער קוקט זיך פלוצלינג ארום נאָך דער חתונה, צו וועלכען צוועק זיא איז געשטעלט געוואָרען, דאן פּראָטעסטירט אין איהר דיא נאַטור. זיא איז אזוי צוגעוואָהנט צו זעהן דאסזעלבע אונטער אַנדערע. אז זיא קען איהר פּראָטעסט ניט ארויס רעדען אין ווערטער, אָבער זיא פיהלט איהם דאָך. אבער נאכדעם וויא דיא פערדאָרבענהייט איז אזוי גוט פערברייטעט, פאַנגט זיא אָן זיך איינצוגעוואָהנען דערצו, אונד פערוואנדעלט עס מיט דער צייט אין פער־ גניגען. עס איז דאסזעלבע, וויא איך האב פריהער געזאגט, מיט דעם אינגעל וואס פאַנגט אָן צו רויכען.

עס איז געוועזען, דאכט מיר, דעם דריטען אָדער פיערטען טאָג נאך מיין חתונה, ווען איך האב פּלוצלינג בעמערקט, וויא מיין פרוי איז טרויעריג. איך האב זיא געפרעגט איבער דער אורזאכע, זיא אומארמט, געקושט אונד געטהאָן אלעס מעגליכע וואס זיא האט געקענט פון מיר ערווארטען. אָבער זיא האט מיך אָבגע־ שטויסען אונד אָנגעפאַנגען צו וויינען. פאַר וואס זיא האט געוויינט, האט זיא ניט געקענט ערקלערען, אָבער זיא איז דאָך געוועזען בעזאָרגט אונד בעטריעבט. זיא האט עס געשפירט אין דער טיעפקייט פון איהר זעעלע, אבער זיא האט עס ניט געקענט ארויס ברענגען אין ווערטער. זיא האט מיר געזאגט תירוצים, אָבער איך האב דער־ קענט, אז זייא זיינען ליגען. דערפון, נאַטירליך, האט אָנגעהויבען א קליינע קריע־ געריייא אונד מיר זיינען ביידע אין כעס געוואָרען. איך בין געוועזען ווימהענד אונד אויפגערעגט.

„וויא ?" האב איך בייא מיר אליין געפרעגט. „וויא איז דאס מעגליך זיא זאָל געגען מיר האבען טענות? האב איך ניט געטהאָן אלעס וואס איך בעדאַרף טהון ? איך האב זיא געקושט, געהאַלזט, אונד אנשטאט ליעבע, געפין איך נאר תאוה !

„גאטירליך?“ האט ער געפרענט שפּאָטיש. „נאַטירליך? — ניין, איך בין איבערצייגט גראדע פון דעם געגענטהייל. איך זאג, אז עס איז אוננאַטירליך, אונד צו דיזער איבערצייגונג, בין איך, אויסגעלאסענער אונד פערדאָרבענער, געקומען.“

„דאס איז מערקווירדיג,“ האב איך ווייטער אָנגעווענדעט. „ווען מיר זאָלען ניט האבען דיזע תאוה, וואס איהר בעקעמפּפט, וויא אזוי וואָלט אלזאָ געקענט דיא וועלט האבען א קיום?“

„צו וואס דארפען מיר דען האבען א קיום?“

„צו וואס? וויא אזוי דען וואָלטען מיר געקענט עקזיסטירען?“

„ווער זאגט דען, אז מען מוז עקזיסטירען?“

„מיר עקזיסטירען אבער כדי מיר זאָלען עקזיסטירען.“

„אָט דאָ ליענט טאקי דער הונד בעגראָבען. דיא גאנצע מענשליכע עקזיס־טענץ איז איבריג. דאס העכסטע גליק אין מענשען, האבען נאך דיא אלטע אינדישע פילאָזאָפען געלערענט, איז דיא נירוואנא, דאס הייסט, דאס ניט-זיין, מען זאָל אויפהערען צו עקזיסטירען. דאס מענשליכע לעבען קען קיינמאל ניט פיהרען דערצו, אז מיר זאָלען ניט דארפען ליידען, אונד כל־זמן מיר קענען קיינמאל דיזען ציעל ניט עררייכען, צו וואס דארפען מיר זיך פּלאגען אונד נאך ברענגען קינדער אויף דער וועלט, זייא זאָלען זיך פּלאגען? איהר וועט דאָך צוגעבען, אז דאס ציעל פון דעם איינצינגען מענשען וויא אויך פון דעם כלל, איז צו זיין גריקליך. אָבער אום דיזעס ציעל צו עררייכען, ליענט אונז אזאָ שטיין אין וועג. אז מיר מוזען זיך פריהער צר־ברעכען דיא קעפּ, איידער מיר קענען עפּעס דערגרייכען. דיא שמוטציגע תאות שטערט אונז אלעס. ווען אָבער דאס זאָל אויפהערען, דאס הייסט, מיר זאָלען בע־הערשען דיא תאוה, דאן וואָלטען מיר געקענט עררייכען אונזער ציעל, אונד דאס עקזיסטירען וואָלט שוין מעהר ניט נעטהיג געוועזן.“

12.

„דאס איז א מערקווירדיגע לעהרע,“ האב איך בעמערקט.

„איך ווייס ניט וואס איהר זעהט דאָ פאר א מערקווירדיגעס? דאכט זיך עס איז גאנץ איינפאך אונד פערשטענדליך? אָט זעהט צום בייספּעל: אלע רעליגיאָנען זאגען, אז עס וועט אמאל קומען א צייט ווען דיעזער עולם וועט חרוב ווערען, אתה יעטצט קומט דיא וויסענשאפט, אונד זאגט אויך דאסזעלבע. עס איז נאר מערקווירדיג פאר דעם, וועלכער איז פערזונקען אין דיא מיאוסע תאוות, אונד

האבען מיר זיך געריסען וויא דיא הינט. אונד ווען יעמאנד איז יא געווען דערבייא, האבען מיר געלעבט וויא דיא טויבען. אויף אזא אופן האבען מיר זיך אויסגעלערענט אונז זעלבסט צו בעטריעגען אונד דיא גאנצע וועלט צו נארען.

דאס ניעדערטרעכטיגסטע וואס איך קען מיך עראינערן איז, דאס מיר האבען קיינמאל ניט געפונען קיין ווערטער זיך איבערצובעטען. נאך דיא ערגסטע בעליידיגונגען, נאך דיא שמוטציגסטע ווערטער וואס מיר האבען איינער דעם צווייטען געזאגט, איז פלוצלינג געקומען א שטומער בליק, א שמייכעלע, א קוש, איין אומ־ ארמונג אונד — פע! שמוטציג! איך ווייס גאר ניט ווארום איך בין אזוי דום געווען, דאס דאמאלס ניט צו זעהען!

13.

בייא אלע מענער אונד בייא אלע פרויען עקזיסטירט א מין עהרפורכט פאר דער ליעבע, אדער, בעססער געזאגט, פאר דעם געפיהל וואס מען רופט ליעבע. דיא נאטור, אין דערזעלבער צייט, האט ניט אומזיסט געגעבען דעם מענשען אין דער ליעבע אויך בושה. אבער דיא מענשען טהון ניט אזוי וויא דיא נאטור וויל אונד וויא דיא זאך ווירקליך איז. מיט מיר איז אויך געווען דאסזעלבע; אנשטאט מיך צו שעהמען אונד פיהלען איין עהרפורכט, בין איך גאר געווען שטאלץ דארויף וואס איך קען מיין פרוי בעזיטצען צו ערפיללען מיין תאוה. מיך האט גאר ניט בעקימערט דיא גייסטיגע אונד קערפערליכע שמערצען פון מיין פרוי.

איך פלעג מיך נאר וואונדערן דאריבער וויא עס קומט וואס מיין פרוי איז מיט מיר ניט צופריעדען. אבער איהר אונצופריעדענהייט איז מעהר ניט געווען וויא א פראטעסט פון מענשליכער נאטור געגען דער טהירישער. בעססער געזאגט, עס איז געווען דער האס וואס צווייא פערברעכער פיהלען איינער געגען צווייטען ווען זייא בעגעהען צוזאמען א פערברעכען. עס איז פאזיטיוו געווען א פערברעכען, אונד אונזער מענשליכע אויפפיהרונג, איז געווען נאך ערגער אלס דיא טהירישע, ווייל מיין פרוי איז אין ערשטען מאנאט שוואנגער געווארען, אונד מיר האבען אונזער פערקעהר נאך אימער פארטגעזעטצט. יא, עס איז ערגער וויא טהיעריש, ווייל אפילו בהמות טהון עס אויך ניט.

איהר מיינט פיעללייכט, אז איך נעה ארונטער פון וועג דער ערצעהלונג וויא אזוי איך האב מיין פרוי ערמארדעט? חלילה וחס, איך שילדער אייך נאר געוויססע אורזאכען, וועלכע האבען זיך געשלאסען וויא א קייט אונד געפיהרט צו דעם שרעק־ ליכען רעזולטאט. אבער, אין דער וואהרהייט געשפראכען, האב איך מיין פרוי פיעל

תאוים? דאס איז אונמעגליך! עס איז מעהר נים דיעזע פרוי וואס איך האב געקענט !"

ווען איך האב מיך בערוהיגט, האב איך מיך ווייטער בעמיהט זיא איבערצר־בעטען, גוט צו מאכען, אָבער וויא איין ארבעס אן וואנדט. איך האב געלעזען מיט מיינע ערפאהרענע מענער-אויגען, האס, פעראכטונג אונד אבשייא אין יעדער פון איהרע מיענעס. עס האט מיר נאטירליך נים פיעל גענומען צו אורטהיילען, אז מירביידע זיינען גאנץ צווייא בעזונדערע מענשען, יעדער מיט א בעזונדערער ליעבע אונד אינטערעסע פיר זיך אליין, אונד דאס איינער ליעבט נאָר דעם צווייטען דאן, ווען ער קען זיין איינענע צופריעדענהייט בעפריעדיגען. קוים האבען מיר אָבער זיך בעפרייע־דיגט איינער פון דעם צווייטען, האבען מיר זיך אויף א קורצער אָדער לענגערער צייט נים בענעטהיגט, אונד פאָלגליך קיין אינטערעסע געהאט מיט אנאנדער אפילו צו פערקעהרען.

עס האט אָבער נים געדויערט פיעל, אונד מיר האבען זיך איבערגעבעטען. דיא תאוה האט דאס ווידער פעראורזאכט, אונד איך, דומקאָפּ, האב בשעת מעשה גערעכענט, אז מיר זיינען ווידער אזוי גוט אונד פעראייניגט וויא פריהער אין ריינער ליעבע אונד גייסטינע צופריעדענהייט.

צום ענדע פון דעם ערשטען מאָנאט איז עס אונטערדעסען געקומען צו א גאנץ אנדערע צייט. מיר זיינען זיך איינער דעם צווייטען גמאס געוואָרען אונד א צווייטע צאנקערייא איז ענטשטאנדען. דאס האט מיך שוין געפיהרט אביסעל ערנסטער צו דענקען. איך האב גערעכענט, אז דער ערשטער שטרייט צווישען אונז, איז מעהר נים געווען קיין צופאל, וויא איך האב מיר איינגעבילדעט. איך האב איינ־געזעהן, אז מיר קריעגען זיך דערפאר, ווייל זאָ שנעל וויא דער תאוה־פלאם לעשט זיך אוים, דאן האבען מיר זיך איינפאך פיינד. איך עראינער מיך, אז איך האב מיך אמאל געקריעגט מיט מיין ברודער, פריינד אונד מיין פאטער. אָבער נים איך אונד נים זייא האבען דאמאלס געשפירט אזא האס איינער געגען צווייטען וויא איך אונד מיין פרוי.

עס האט נים פיעל געדויערט, אונד ליעבע איז ווידער געקומען, דאס הייסט תאוה האט פערטרעטען דיעזע שטעלע פון ליעבע. אָבער עס איז געקומען א דריטער שטרייט, א פיערטער אונד אזוי ווייטער. איך אונד אויך זיא, האבען זיך לאנגזאם אנגעהויבען דערצו צו געוועהנען. איך האב מיך אפילו געחידוש׳ט אויב בייא אנדערע איז אויך דאסזעלבע, אָבער נים וויסענדיג גאנץ גענוי איין ענטפער דערצו, האב איך פאר אַלעמען געזעהן דאס צו פערבאָרגען. דאס הייסט, ווען קיינער איז נים געווען,

דאן פיעל ניעדרינער וויא א בהמה, אונד איז גראדע דיזועלבע פראָסטיטוטקע וויא פון דיא עפענטליכע הייזער. מיט דעם איינציגען אונטערשיער, וואס יענע דארף פערשאפען פערגניגען פיר מעהרערע מענער אונד דיזע נאָר פיר איינעם.ביידע האבען מעהר ניט צו טהון מיט דיא געזעטצע דער נאַטור. דערפון ענטשטעהט, אין פיעלע, א גייסטיגע קראנקהייט, נערוועז־ליידען אינד דיא שקלאַפין האט מעהר ניט דיא מעגליכקייט צו עררייכען א גייסטיגע אויסבילדונג.

„אונד ווארום איז דאס?“ האב איך געפרעגט.

„עס איז גאנץ איינפאך. דער מאן וויל געניעסען אונד וויל ניט וויסען פון דעם נאטירליכען רעזולטאט וואס דאס דארף ברענגען, דאס הייסט, קינדער. מיר שטרייטען אונד ווילען בעקעמפפען דיא נאטור, אָבער דיא נאטור איז שטארקער אלס מיר. פיר דיא מענער, איז עס דאסזעלבע, עס קען בייא איהם הייסען נאטיר־ליך, אונד ער בעקימערט זיך ניט, אויב קינדער קומען נאך דעם. אָבער פאר דער פרוי איז עס א גרויסער אונטערשיעד. זיא קעמפפט מיט דער נאטור אונד ווערט פון איהר בעזיעגט. אונד דיא נאטור שטראָפט זעהר ביטער. ווען דיא מענער זאָלען אָבער וועלען לעבען נאטירליך מאָראליש, דאן וואָלטען זייא געוואוסט, אז מיר האבען נאָר נאכצופאָלגען דיא געזעטצע דער נאטור.“

„לויט וויא איהר זאגט,“ האב איך מיך אריין געמישט, „דארף א מאן לעבען מיט זיין פרוי נאָר איין מאָל אין צווייא יאָהר, אָדער עטוואס מעהר. דיא צייט פון שוואנ־גערשאפט אונד זויגען א קינד, דארף אונגעפעהר אזוי פיעל דויערן, אָבער דער מאן קען דאך ניט“...

„אהא! איך וויים וואס איהר ווילט זאגען, דיא מענער קענען ניט אזוי פיעל ווארטען! דיא אויסגעלאסענע שופטען ברענגען נאך בעווייזע דאריבער, אז דיא ערצטע זאָגען אויך דאסזעלבע. דיא מענער ברויכען אָפט פרויענצימער, אזוי בע־הויפטען זייא. עס איז דאסזעלבע, וויא מען רעדט איין איינעם, אז ער בעדארף שנאפס, טאבאק, אָפיום אונד ז. וו. דערפון קומט ארויס, אז דיא נאטור וואס האט אונז געשאפען, ווייסט ניט וואס עס איז נויטהווענדיג, אונד זיא דארף זיך ערשט דאריבער בעראטהען מיט אונזערע דאָקטוירים. עס איז ליעגען! דיא דאָק־טוירים זיינען ענטוועדער אליין אויסגעלאסענע שופטען, אָדער גלאט דומקעפ. אלעס איז ניט מעהר וויא א געוואָהנהייט. איינער וועט אייך זאגען, דאס ער קען פאָזיטיוו ניט לעבען אָהן שנאפס, טאבאק אָדער אָפיום. אין דערזועלבער צייט זעהט אָבער וויא פיעלע אנדערע לעבען אויך אָהן דעם. דורך דיא פערדאָרבענע געוואָהנהייטען אבער, נעהען מיר ארויס מדרך הטבע, אונד דיזע פרוי, וואס דארף זיין אונטער

פריהער ערמאָרדעט וויא מיר האָט זיך גערדאַכט; איך האב דאסזעלבע גענומען וויא אלע אנדערע.

• שטעלט זיך פאָר, אז אין דער גאנצער וועלט איז איינגעפיהרט, אז דיא פרוי מוז דעם מאַן פערשאפען גענוס (וואהרשיינליך איז עס אויך אומגעקעהרט, נאָר איך רעדט יעצט פון מיר אליין.) וויין, ווייב, אונד געזאנג, זינגען דיא דיכטער. מען טהוט אלעס מעגליכע צו ערוועקען דיא תאוה, אויפרעגען דאס בלוט, וועןעס ליעגט אפילו דערבייא ניט קיין נאטירליכער צוועק. גענוס, גענוס, דאס איז דיא הויפט־זאכע. וואוהין איהר וועט זיך קעהרען אונד ווענדען, קומט איהר צום בעשלוס, אז דיא פרוי איז ניט מעהר וויא א גענוס־מיטעל.

אונד דיא פרוי אליין, וויס דאס גאנץ גוט. הייסט דאס ניט שקלאפערייא? וואס איז דען דיא שקלאפערייא ווען ניט דיא אויסניטצונג פון דער ארבייטס־קראפט פון פיעלע פיר איינצעלנע פערזאָנען? אום דיא שקלאפערייא זאָל אויפהערען, זאָלען עס דיא מענשען בעטראַכטען אלס אונרעכט אונד שאנדע, אויסצוניטצען דיא ארבייטס־קראפט פון אנדערע. איהר געפינט אפילו געזעטצע וואס פערביעטען דיא שקלאפערייא, אָבער דער שקלאפען־האנדעל ווערט דאָך בעטריעבען, ווייל מענשען ליעבען, זיך צו בעדיענען מיט ארביימס־קראפט פון אנדערע.

עס איז דאסזעלבע איבער דער עמאנציפאציאָן פון דיא פרויען. דיא שקלאַ־פערייא פון דיא פרויען בעשטעהט אין דעם, וואס דיא מענער פערלאנגען קיין אנדערע זאך פון זייא, אויסער זייא צו האבען אלס גענוס־מיטעל. מען דערצעהלט, פלוידערט איבער דיא פרייהייטען פון דער פרוי, אָבער זיא בלייבט דאָך ניט מעהר וויא א מיטעל צו דער מענער־תאוה. מען ערציהט זיא זאָגאר אויף אזא ארט פון קינדוויין אויף. זיא ווערט ערגיעדרינגט, געבויגען, אונד אריין געבראכט אין א יאָך פון א שקלאפערייא, וואו זיא מוז וויסען, אז זיא לעבט אונד עקזיסטירט ניט אליין אלס מענש, זאָנדערן צום פערגנינגען פון דיא מענער. דאס פיהרט וואס דיא פרויען־עמאנציפאציאָן ברייטעט זיך ניט אויס אין אונזערע בילדונגס-אנשטאלטען אָדער בירגערליכע טהעטיגע וועלט, זאָנדערן אין איהר שלאָף־צימער. דיא אויסגעלאסענ־הייט ברייטעט זיך דערפאר ניט נאָר אויס אין דיא עפענטליכע הייזער, זאָנדערן אין אונזער איינענע טאמיליע. דיא פרוי, וועלכע איז ניט געשטעלט געוואָרען צו ברענגען אזוי פיעלע קינדער אויף דער וועלט וויא דיא נאטור וויל, טהוט אלע מעג־ליכע דיא פרוכט אין איהר לייב צו פערדערבען. דערצו ווערט פערווענדעט דיא קונסט פון א לומפיגען אַרצט אָדער אירגענד איין ערפינדונג, ביז דיא פרוי לעבט נאָר אויסדריקליך צו דעם איינציגען צוועק, איהר מאַן צו בעפריעדיגען. זיא שטעהט

חיננעריסען פון דער ליידענשאפט אונד נעבען זיך איבער דער פערדארבענהייט, נאך איידער זייא האבען קענען נעלטרענט א מאן נעבען זיך.

אונד אזוי איז עס מיט אלע, אהן אויסנאהמע, מיט דעם איינציגען אונטערשיעד ואס איינע האט מעהר נעלענענהייט פערדארבען צו ווערען אונד דיא אנדערע וועניגער. אבער אלע, פערגעסט ניט, שפירען אונד שטודירען צו וועלכען צוועק זייא זיינען בעשטימט.

מיין פרוי, צום ביישפיעל, ניט וויסענדיג פון קיין בעסערער ערציהונג, האט זיא ראסזעלביז נעטהאן מיט מיינע קינדער.

דערבייא ערשיינען נאך דיא ערצטע. ריעזע דומקעפ, וואס ריהמען זיך, אז זיא זיינען שוין דיא קלינסטע, האבען זיך נעמאכט א רעגעל צו קעמפפען געגען דער נאטור. ווען מיין פרוי האט געבוירען דאס ערשטע קינד, איז זיא, נאטירליך, פון איהר אוננאטירליכעס לעבען, ניט געווען גאנץ פאסענד צו לעבען וויא מען בעדארף. זיא האט זיך ניט גוט נעפיהלט. באלד איז נעקומען א דאקטאר, וועלכער האט זיא אויסנעצויגען נאקעט, בעטראכט פון קאפ ביז פיס, אונד פאר דיעזער געמיינהייט, האב איך איהם נאך נעמוזט בעצאהלען. דאן האט ער ערקלערט, אז זיא איז ניט אימשטאנדע צו זייגען איהר קינד.

דער שופט! מיין פרוי, א פראדוקט דער נאטור, איז ניט אימשטאנדע צו זייגען נאטירליך! מיין קינד, א צווייטעס פראדוקט דער נאטור, איז ערקלערט געווארען, אז עס דארף ניט לעבען נאטירליך! אזוי האט מען זאפארט בערויבט מיין פרוי פון דער מעגליכקייט זיך אויף א קורצער צייט ניט איבערצונעבען צו דער אקסעטריע, אונד זיא האט אנגעפאנגען ווידער אמאל צו שפיעלען דיא פאל- שענדינע ראלע פון א ווערקצייג צו פערשאפען פערגניגענען פיר איהר מאן.

פיר אונזער קינד, האבען מיר ווידער נעדונגען איין אמע. דאס הייסט, מיר האבען זיך בעדיענט מיט דער ארמוטה אונד נויט פון איין אונגליקליכער, זיא אוועק נענומען פון איהר איינענעס קינד, אונד... שרעקליך! מיר האבען אלע צוזאמען געלעבט נעגען דעם ווילען פון דער נאטור אונד געגען דעם שכל פון פערנינפטיגע מענשען.

15.

צו דיא אלע צרות איז פערהאנדען איין מכה, וואס זיא איז דיא גרעסטע אונד שרעקליכסטע פון אלע אונטער אונזערע היינטיגע פערהייראטעטע מענשען. איך מיין דערמיט דיא אייפערזוכט.

פרייהייט, אונזער לעבענס־בעגלייטערין, ווערט ניט מעהר וויא א שטוטציגעס ווערק צייג צו אונזערע פערדארבענע געוואָהנהייטען!“

14.

עס איז קיין צווייפעל, אז דער מענש שטעהט ניעדריגער וויא דיא בהמה, ווען ער לעבט ניט אלס מענש. אונד אזעלכער בין איך אויך געווען. דאס ערגסטע דערבייא איז, וואס איך האב נאך בייא מיר געטראכט, אז איך בין גאנץ מאראליש, דערמיט וואס איך האב ניט געזוכט קיין אנדערע פרויען אויסער מיינער. דאס הייסט, איך האב מיר צופריעדען געשטעלט וואָס איך בעטרייב פערברעכען בלויז מיט מיין אייגענער שקלאפין.

זיא וויעדער, איז געוועזען א פרוי, גלייך מיט אלע פרויען ערצויגען אין איהר שטאנד. מיט דעם גאנצען פראָטעסט אין איהר נאטור געגען דער ארט לעבען וואס זיא האט מיט מיר געפיהרט, איז זיא דאָך געוועזען אבגעריכטעט צור שקלאפערייא פון פערשאפען דעם מאן פערגניגונגען. דאס הייבט אידעאל אלס מענש, האט איהר געפעהלט. אונד זאָלאנג עס וועט זיך אזוי פיהרען, בלייבט אלץ דיא פרוי א שקלאפין. ווען מען בערעכענט וויא אזוי מען ווערט ערצויגען, קען מען זיך גאר ניט וואונדערן איבער דער פערדאָרבענהייט, אין געגענטהייל, מען דארף זיך גאָר וואונדערן וויא אזוי עס איז ניט נאך ערגער.

דער קערפער פון דער פרוי ווערט אבגעריכטעט צור שעהנהייט, גראציעזעס־אויסזעהען, טאנץ, מוזיק, אונד דער גייסט ווערט פערדאָרבען מיט לעזען ווילדע געדיכטע, איבערשפאנטע ראָמאנען, טהעאטער, קאָנצערט, אונד צו דעם אלעמען, לאָזט מען דעם קערפער צו פיעל רוהען אונד מען גיבט איהם ניט זיין געהעריגע ארבייט אונד איבונג. דאן שטאָפט מען איבער דעם קערפער מיט זיסע זאכען, אייפרעגענדע שפייזען, אונד אלעס פיהרט נאָר דערצו צו מאכען פון דער פרוי דאס שטוטציגע ווערקצייג פיר תאוות.

מיר קענען זיך קוים א בעגריף מאכען וואס דיא יונגע מיידלעך ליידען בשעת זייערע קערפערס פאנגען אן זיך צו ענטוויקלען, אונד וואס פאר א שמערצען זייא ציהען זיך צו שיין נאך דעם 20־טען יאָהר ווען זייא זיינען נאך ניט פערהייראטעט. זייער גאנצעס לעבען איז א פאָרבערייטונג צו קאָקעטירען אין דער געגענווארט פון א מאן, אונד וויא אונשולדיג דאס מעדכען זאָל נאך זיין, מוז זיא דאס פיעל אָדער מעהר בעגרייפען צו וועלכען צוועק דאס פיהרט. אונזערע מיידלעך פון דעם רייכען שטאנד, וועלכע האבען צייט צו פוילענצען אויף זייערע ווייכע בעטען, ווערען

א רעכט נאר צו דענקען אָדער געלוסטען איבער איהר! דיא ווידער, איז גאנץ צופריעדען פון דער אויפמערקזאמקייט וואס דער יונגער מאן שענקט איהר. אין דער טיעפקייט פון מיין זעעלע שטיינט אויף א חאָס, א ביטערע פעראכטונג, א ווידערהעגדער כעס, אָבער איך מוז נאך שווייגען. איך האב קיין רעכט עפּעס צו זאגען. דיא עטיקעטע הייסט מיר בלייבען רוהיג, ווייל אזוי פיהרט זיך דיא וועלט.

דיא וועלט! אך, דיא פערפלוכטע וועלט! מיין פרוי ווידער, וועלכע קען מיך גאנץ גוט, האט גאנץ גוט בעגריפען וואס אין מיר נעהט פאָר, אונד זיא נעהמט אן איין אונשולדיגע מיענע, אום מיך צו בערוהיגען. דאס שטעכט מיך נאָך מעהר. איך וויים זיא פערשטעלט זיך פאר מיר, וועהרענד אין איהר הערץ, אין איהרע געדאנקען, געהט פאָר עפּעס גאנץ אנדערש וויא איהר געזיכט דריקט אוים.

דיא סצענע שפיעלט זיך אָב איינמאל, צווייא מאל, מעהרערע מאל, אונד דאן קומט ווידער דיא רייהע צו מיין פרוי. דאס הייסט, איך טהו דאסזעלבע געגען איין אנדערער פרוי, וויא דער יונגער מאן האט געטהאָן געגען מיינער. עס איז דאָך דיא עטיקעטע, אזוי פיהרט זיך דיא וועלט!

דאס געפיהל ווערט פערמישט מיט גאל אונד גיפט. דיא געדאנקען יאָגען אין קאָפּ, דאס בלוט שטייגט אונד שטורמט דורך דיא אדערן, אונד — אך, פערפלוכטע וועלט! מען מוז נאך ארויף צווינגען אויף דיא ליפּען א שמייכעלע מיט א געלעכטער פון צופריעדענהייט.

דער מאן בעטריגט אונד נארט דיא פרוי אונד דיא פרוי טהוט דאסזעלבע געגען איהר מאן. ניין, ניין, עס איז ניט נעטהיג מען זאָל נאך האבען א בענרינדעטען פערדאכט איבער אייפערזוכט, אָבער מען טרייבט איהם דערצו. עס איז דאסזעלבע, ווען מען נעהמט איין אונשולדיגעס מעדכען, וועלכע וויים פון נאָר ניט, אונד מען מאכט זיא לאנגזאם אויפמערקזאם. זיא מערקט זיך, דענקט, טראכט אונד איהרע געדאנקען, וואס האבען פריהער געוואנדערט אין גאנץ אנדערע ריכטונגען, געפינען נייע וועגען מיט אונענטדעקטע ווינקלען.

עס איז נאטירליך איבריג צו דערצעהלען, אז מיט מיר איז אויך געווען דער-זעלבער פאַל. איך האב ניט נאָר איינמאָל אָבגעגאָסען מיין פרוי מיט דעם גיפט פון אייפערזיכטיגען האסס. עס איז נאך געווען דאמאלס, ווען איך האב נאָר קיין אורזאכע געהאט, אָבער דאָך האב איך איהר שוין צוגעשריעבען אזעלכע זאכען.

דיא מכה אייפערזוכט. וואס איך מיין אז מיין ווייב איז מיר ניט געטרייא, אונד מיין ווייב מיינט, אז איך בין איהר ניט געטרייא, ערשיינט אין פערהייראטעטען לעבען געהיימניספאל אונד פערבלייבט אויך א געהיימניס.

ראכט זיך עס איז גאר ניטא קיין גרונד אייפערזיכטיג צו זיין, אונד דאך רייסט זיך, קלערט זיך, אונד יעדער בליק פון מאן אונד ווייב זיינען פער־דעכטיג.

עס איז נאך א מערקווירדיגע זאך דערבייא, וואס כמעט יעדער מאן אדער פרוי, וואס זיינען אייפערזיכטיג, דענקען, אז נאר בייא זייא אין פאמיליען לעבען איז אזוי, אבער עס איז ניט אמת, איבעראל איז דאס זעלבע, נאר יעדער זעהט בלויז פערדעסען זיין איינענע צרות.

עס איז אבער אויך קיין חידוש ניט וואס אייפערזוכט עקזיסטירט, אפילו אהן א גרונד. שטעלט זיך פאר, ווען א מאן אונד פרוי, קענען ניט אויסלאזען זייער בעסטיאלישעס פערגניגען אפילו צוליעב דעם, אום זייער קינד זאל געזונד זיין. וואס איז אלזא דא פאר א וואונדער, ווען דיעזע צווייא פערברעכער דענקען איינער איבער דעם צווייטען, אז צוליעב פערגניגען זוכט מען זיך אויף אויך פרעמדע? איך מיין דא, אז דער מאן מיט דער פרוי, צור צייט פון שוואנגערשאפט און זיינען א קינד, ווילען זייא ניט וויסען, אז דיא נאטור פארדערט ניט קיין צוזאמען זיין. זאנדערן, צוליעב זייער תאוה, שלאגען זייא מיט אלעמען כפרות, אבי זיך נאכצוגעבען. מענשען וואס טרעטען מיט דיא פיס דיא נאטירליכע מאראל, וועלען זיך געוויס ניט צוריק שרעקען פון דער מענשליכער מאראל. דאס, דענק איך, איז דיא הויפט אורזאכע פון דער אייפערזוכט, וואס פליעסט אריין אזוי פיעל גיפט אין לעבענס־בעכער.

אונד וויא שרעקליך דיא אייפערזוכט איז! איך רעדט שוין ניט פון דער ווירקליכער אייפערזוכט, וויל דאפיר גיבט עס נאך א גרונד, אונד דאן, וויסענדיג פאזיטיוו ווארום מען איז אייפערזיכטיג, קען מען זיך נאך דערפון בעפרייען. אבער דיא רעדע איז, פון דער אונבעגרינדעטער אייפערזוכט. עס איז דיא אונזיכערע, דיא אונבעוואוסטע, דיא פערדעכטיגע אייפערזוכט. מען מיינט, מען קלערט, מען טראכט אונד עס קומט פאר טויזענדערלייא געדאנקען. דיעזע ארט אייפערזוכט, זעהט בייא מיר אויס וויא א צאהן־שמערץ, וועלכער לאזט ניט נאך, ניט בייא טאג אונד ניט בייא נאכט.

שטעלט זיך פאר! א יונגער מאן רעדט מיט מיין פרוי, שמייכעלט צו איהר, זאגט איהר איין אינדירעקטען קאמפלימענט, אונד מיר דאכט זיך, אז ער בעטראכט מיין ווייב איהר שעהנעם קערפער. מיין בלוט ווערט אויפגעקאכט. וויא האט ער

גערדאנקען. אבער מיר האבען ניט געוואגט זייא ארויס צו רעדען וויא אמת'ע פער טרויעטע פריינד, אום זיך צו זאגען דיא וואהרהייט עפענטליך.

דער האס אונד פערדאכט איז ניט נאר געבליעבען דערזועלבער, זאנדערן נאך פערשטערקערט געווארען. אונד אלעס, מערקט זיך, איז בלויז געווען פערדאכט; פערברעכען אין געדאנקען, אבער ניט אין דער ווירקליכקייט.

אבער וויא אזוי האט מיין פרוי ניט געקענט זיין אין פערדאכט איבער מיר, ווען זיא האט מיך אזוי גוט געקענט? האט זיא דען ניט געוואוסט, אז אום מיין תאוה צו ערפיללען, וועל איך ווייניג קוקען אויף ערלויבטעס אונד אונערלויבטעס? איז זיא דען ניט גענוג איבערצייגט, אז איך בין פערדארבען אונד לעב נאר צוליעב דער תאוה? אונד איך אליין, מיט מיין גאנצער מאראלישע אויפפיהרונג, בין נאר געווען איינער פון דיעזע, וואס איז ניט נעגאנגען זוכען קיין פרעמדע פרויענצימער, אבער ווען דיא געלעגענהייט וואלט זיך מיר אויפגעדרונגען, וואלט איך געוויס קיין צדיק ניט געבליעבען. דאס האט מיין פרוי גאנץ גוט געוואוסט איבער מיר, אונד זיא האט געמענגט האבען א פערדאכט. אונד איך? איך אנערקען יעטצט, אז זיא האט קיין טעות געהאט אין איהר אורטהייל.

אבער דאסזעלבע האב איך אויך געדענקט איבער איהר. זיא האט דאך בעגאנגען דיעזעלבע פערברעכען געגען דער נאטור גלייך מיט מיר. איך בין געווען פאָרשטענדיג איבערצייגט, אז זיא פערלאנגט דעם קערפערליכען גענוס, אהן איין אנדערען צוועק, בלויז פיר גענוס. איך האב זיא דערצו צוגעוועהנט, אונד דאס בעווייזט אלזא, אז מיין אייפערזיכטיגער פערדאכט, האט אויך געהאט זיינע גוטע גריינדע.

זיא איז ניט געווען פרימער אלס איך אונד איך ניט פרימער אלס זיא. ווען איך בין אימשטאנדע צו פערקעהרען מיט אנדערע/ פרויענצימער, ווארום זאל זיא ניט קענען פטרקעהרען מיט אנדערע מענער?

וויפיעלע פרויען זיינען פערהאנדען וואס לעבען מיט מענער, אונד טויטען דיא קינדער אין זייערע איינענע לייבער! איך בין זיכער, אז פיעלע פון דיעזע פרויען, זיינען זיך פריהער צוזאמען געקומען מיט דעם מאן, פאזיטיוו אום דעם איינציגען צוועק, פיר קערפערליכען גענוס. זיא האט דאן געטויטעט דעם נאטירליכען רעזולטאט, בלויז צום איינציגען צוועק, אום נאך אמאל צו קענען פערברעכעריש פערקעהרען מיט איהר מאן. אונד אזעלכע פרויען זיינען צו אלעמען אימשטאנדע, אבי נאר זייער תאוה צו ערפיללען. מיין פרוי איז ניט בעסער געווען.

וואס האבען זיא, בייא מיר אין דיא אויגען, געמאכט פאר דער ניעדריגסטע אונד אויסגעלאסענסטע.

איך מעג מיך שעהמען פיר מיר אליין זיך דערמאָהנענדיג אן אלעמען. עס האט בייא מיר אויסגעזעהן, אז זיא איז אזוי וויא יענע פרינצעסין פון „טויזענד אונד איין נאכט," וועלכע האט צו טהון געהאט מיט א שקלאף. מיט איהר איז אויך דאסזעלבע געוועזן. אויך זיא האט איבער מיר געדענקט דאס ערגסטע אין דער וועלט, ווען איך בין אין דער וואהרהייט געוועזן גאנץ אונשולדיג.

אָבער דיעזע געפיהלע — דיעזע אונבעגרינדעטע אייפערזיכטיגע געפיהלע! וויא האבען געגרייכט ביז צו אונזערע טיעפסטע זעעלען אונד אונז שרקליך געמאַרטערט. עס איז מעיקווירדיג, זיא איז נאך געוועזן אייפערזיכטיגער אלס איך. דאָ איז א ביישפיעל:

עס האט אמאל פאסירט, אז עס איז געוועזן גאנץ שטיל אונטער אונז. מיר זיינען געזעסען, גערעדט אונד דערצעהלט איינער דעם אנדערן פערשיעדענע אונ־שולדיגע זאכען. פלוצלינג האט זיא עפעס מיט מיר ניט איינגעשטימט, אונד גראדע איבער אזא זאך, פון וועלכער מיר האבען אימער געדענקט גלייך. זיא האט אָנגע־הויבען אויפגערעגט צו ווערען, אונד איך, וועלכער האט געוואָלט אויסמיידען כעס אונד רוגז, האב אומגעווענדעט דאס געשפרעך אויף עפעס אנדערש. אָבער זיא האט דערבייא אויך געפונען איין אורזאכע בעז צו ווערען. איך האב דאס ניט גע־קענט פערשטעהען אונד געפרעגט וואס עס איז מיט איהר געשעהען, ווארום זיא געפינט נאָר פעהלער אין אלעמען וואס איך זאג. דארויף האט זיא ניט באלד גע־ענטפערט. א פינסטערער בליק פון איהרע אויגען אונד א מורמלען, האט מי־אָנגעצייגט, אז דער הונד ליעגט ערגעץ אנדערש בעגראָבען. איך האב אָנגעהויבע נאכצוקלערען אונד ענדליך האב איך דערראטהען, אז דאס מוז עפעס צו טהון האבען מיט דעם שפאציר־גאנג וואס איך האב געמאכט מיט איהר קוזינע. נאטיר־ליך האב איך עס ניט געוואָלט עפענטליך ארויס רעדען וואס איך האב דערראטהען אין קאָפ, ווייל איך האב געוואוסט, אז דאס וועט נאך איהר פערדאכט מעהר בע־פעסטיגען. איך האב מיך ניט געמאכט וויסענדיג אונד זיא געפרעגט:

„וואס איז מיט דיר? וואס זוכסטו אלץ בלבולים?"

„גאר ניט." האט זיא געענטפערט, „עס איז גאר ניט מיט מיר, אונד איך זוך ניט קיין בלבולים."

אָט דאָ האט איהר דאס בעסטע ביישפיעל פון דער פאלשקייט וואס מאן אונד ווייב שפיעלען געגען אנאנדער. מיר האבען ביידע געוואוסט איינער דעם אנדערן'ס

שפּיעלצייג, ווען עס ווערט נעפּאָרדערט פון דעם טויט. איז עס אָבער נים אַזוי שעהן, אָדער נאר פּיעללייכט א קאליקע, דאן טראַכטען מיר אין האַרצען: עס איז קיין גרויסעס אונגליק.

ווירקליך, איך האָב אמאל געזעהען איין ארמע קוה שרעקליך שרייען נאך איהר קאלב וואס מען האט פון איהר אוועק גענומען. עס איז קיין צווייפעל, אז זיא האט מעהר געבענקט נאך איהר קאלב, וויא אונזערע דאמען נאך א קינד וואס איז געשטאָרבען.

ערגער, יא, פּיעל ערגער אלס דיא שטומע בהמות, זיינען דיא אוננאטירליכע מענשען!

דיא קינדער־ליעבע, דיא וואהרע קינדער־ליעבע, דאס היילינגסטע געפיהל ביי א מענשען, דאס איז ניטאָ, עס פערשווינדעט. מיר טהון אלעס מעגליכע אונזער בעסטיאליטעט נים צו שטערען.

אין דערזעלבער צייט ווידער, קומט דיא פערצערטלונג אתטער דיא קינדער. זייא ווערען ערצויגען געגען דער נאַטור, אונד דערפאר זיינען זייא שוואך, אונד קענען נים איבערטראָגען קיין צופעלליגע קראַנקהייט אזוי לייכט.

אך! דיא פרויען פון דיא אלטע צייטען, זייא האבען נים געוואוסט וואס עס הייסט בעזיעגען דיא נאטור. דערפאר זיינען אויך זייערע קינדער אימער געוועזען געזונד, שטארק אונד מונטער. אונד ווען עס האט פאסירט איין אונגליק, האט דיא פרוי פון אלטע צייטען, וועלכע האט געליעבט מעהר איהר קינד וויא דיא היינטיגע, געזאגט מיט העלדישער פאסונג: „גאָט האט געגעבען, גאָט האט אוועק גענומען — געלויבט איז גאָט דערפאר!“

זיא האט אָנגעווענדעט אלעס מעגליכע אום דאס קינד צו ראטעווען, אָבער ווען אלעס איז שוין געוועזען פאַראיבער, האט זיא געזעהן, דאס אָבוואָהל איהר הערץ איז געבראָכען, דארף זיא דאך זיך נים אָבלאָזען צום שמערץ אונד פערצווייפלונג, ווען דאס קען מעהר נים העלפען.

דיא בילדונג פון אונזערע פרויען, אין גראדע אזוי איבערגעקעהרט וויא זייער נאַנצע ערציהונג. זייא גלויבען נים אין גאָט, דערפאר אָבער, גלויבען זייא אין א מכשפה, שפּרעכערין, אונד אין א דאָקטאָר וואָס קומט אין א שעהנער דראָזשקע, אונד לאָזט זיך בעצאָהלען הונדערט רובעל פאר א וויזיט.

איך האב דאס אייך בלויז אָבגעשילדערט, כדי איהר זאָלט פערשטעהען, אז דיא קינדער וואס מיין פרוי האט מיר געבוירען, האבען אונזער לעבען נאך נאר נים פערבעסערט. איך בין געוועזן זעהר ווענינ פאטער אונד זיא נים פיעל מוטער.

16.

מיר וועלען זיך אומקעהרען צו מיין איינגענער טרויעריגער לעבענס־געשיכטע. טראָטץ דעם וואס מיין ווייב האט ניט געוואָלט אונזער פאמיליע זאָל זיך פערגרע־סערן, האבען דאָך דיא קינדער זיך שנעל פערמעהרט.

אונד ווען מען האט קינדער, דאַן מוז מען זייא דאָך נאטירליך ע־ציהען. דאס איז ניט אין גאנצען זעהר לייכט. אונד עס פאסירט אָפט וואס א קינד ווערט קראנק. אין אזא פאל, נאטירליך, רופט מען באַלד דעם דאָקטאָר.

עס איז ניט נאָר אינטערעסאנט דאָ צו שטודירען דיא מוטער־ליעבע, זאָנדערן עס איז אויך זעהר וויכטיג. דיא נאטור האט זיא געמאכט פאר א מוטער, אונד איהר נעגעבען ליעבע, צערטליכקייט אונד א שטארקען ווילען דיעזע קינדער צו בע־היטען, דערפאר ווייל זייא זיינען נאך שוואך. דיא פרוי אָבער אין אונזער שטאנד, מיט איהר גאנצער מוטער־ליעבע, נעפינט זיא זיך אין זעהר א שלעכטער לאגע, דיא קינדער זיינען פיר איהר א זאָרג, א מארטער, א קוועלען אונד איין ערגערנים. גע־בוירען, ערנעהרען, פפלעגען אונד אויפציהען, צו וועלכען זייא זיינען געצוואונגען פון דער נאטור, ליעגט אויף זייא וויא א שווערער שטיין. זייא וואָלטען געוואָלט האבען קינדער, זיין זייערע מוטערס, זייא ליעבען מוטערליך, אָבער זייא ווילען אין דערזעל־בער צייט ניט געשטערט זיין אונד ציטערן פאר דיא קראנקהייטען אונד טויט פון דיא קינדער. וואס טהון זייא אָבער דאָך ? אָה, אונזערע רייכע דאמען געבען זיך עצות : ווען דאָס קינד קומט טראָטץ איהרע אנשטרענגונגען דאס ניט צו ברענגען אויף דער וועלט, דאַן וועט איהר זיא הערען זאגען : „איך וויל דערפאר מיין קינד ניט זייגען, כדי איך זאָל עס ניט צופיעל ליעבען, ווייל טאָמער שטארבט דאס קינד, זאָל עס ניט זיין צו טיעף איינגעוואָרצעלט אין מיין הערצען, אונד איך וועל מיך ניט דארפען אזוי פיעל ערגערן.“

אויף אזא אופן געפינען זייא איין אנדערן אויסוועג וויא צו בעזיעגען דיא נאַ־טור. אז א קינד ווערט קראנק, ווערט גערופען דער דאָקטאָר ; דיא אמע אָדער ערציהערין שטעהט דערבייא. דער דאָקטאָר, וועלכער וויל פערדיענען געלד בייא דיא רייכע הערשען, האט מעהר אין זינען זיין וויזיט אלס דעם פאציענט. ער פער־שרייבט דאָרט זיין מעדיצין, גיבט אָב א בעריכט צו דיא רייכע הערשאפטען, אונד... שרעקליך ! אויב דאס קינד איז קראנק, לעבט, שטארבט, מאכט עס א קליינעם אונטערשיעד. דאס קינד שפיעלט נאָר בייא אונז א ראָלע אלס א שעהנעס שפיעלצייג. איז דאס שעהנער, דאַן טהוט אונז מעהר באנג נאָך דעם שעהנעם

אונד האבען ניט אזעלכע שלעכטע חברים; דאן, אין דעם וואס אנבעטרעפט דער תאוה, זיינען זייא פיעל ריינער אלס דיא איינגלעך. פרויענצימער איבערהויפט, פון קינדרווייז אויף, שטעהען זייא העכער אלס דיא מענער אין יעדער בעציהונג פון אנ־שטאנד. איך רעדט דא נאטירליך פון אזעלכע, וועלכע מען קען צו שרייבען אנשטאנד.

יעדענפאלס, ווייס דאס פרויענצימער מיט געפיהל, אז זיא שטעהט העכער אלס דער מאן, וועלכער האט זיך גענומען דאס רעכט צו רעגיערען, הערשען אונד פערוואלטען. זיא פיהלט אין איהר טיעפסטער זעעלע, אז ניט נאר וואס עס וואלט פאר איהר געפאסט צו הערשען, זאנדערן זיא וואלט עס אויך געקענט טהון. מיט אונזערע מענער איז אבער דער פאל אנדערש; זייא שטעלען דיא פרוי פיעל ניעדריגער אלס זיך זעלבסט.

וויא דיא זאך איז, אין דער ליעבע צו מיינע מידלעך, האט מיין פרוי גע־לערענט, אז זיא האט א רעכט צו שטעהען העכער אלס איך. ווייל זיא איז געוועזען אמאל אזוי אונשולדיג וויא מיינע מיידלעך, אונד איז דאן אויך געוואָרען א מוטער— א מוטער מיט פיעלע פעראנטוואָרטליכקייטען. אָבער וואס מעהר זיא האט זיך ארום געקוקט וואו זיא איז אין דער וועלט, אלץ בעסער האט זיא ארויס געזעהען, וויא ווייט מיר שטעהן איינער פון אנאנדער. דאס הייסט, צום פיערטען יאהר נאך אונזער חתונה, איז זיא געוועזען פאָלשטענדיג איבערצייגט, אז אונז ביידע פערבינדעט אבסאָלוט קיין גייסטיגע זאך.

עס איז מערקווירדיג, אז מיט גאנץ פרעמדע פערזאָנען, האט יעדער פון אונז בעזונדער, געקענט רעדען איבער גאנץ פערנינפטיגע אונד גייסטיגע געגענשטענדע. צווישען אונז אליין אָבער, האט נאָר עקזיסטירט דער קערפערליכער גענוס, וועלכער האט אונז געקענט צוזאמען ברענגען. איך בין זיכער, אז ווען ניט דיא תאוה, וואָלטען מיר געקענט זיין ברוגז חדשים־לאנג. אזוי אָבער, האבען מיר זיך באלד איבערגע־בעטען. דיא צייט נאטירליך, האט נאך דיא פארבען פון אונזערע קערפערליכע בע־ציהונגען, אויך געענדערט. מיר האבען שוין מעהר ניט בעזעסען יענע ערשטע שעהמעדיגע צוזאמענקונפט, זאנדערן, מיר זיינען געוועזען גראָב, געמיין אונד אונפער־שעהמט. אָבער דאס האט אויך דערווייל געפיהרט צו נאך שרעקליכערע פאָלגען אונטער אונז. דיא אונפערשעהמטהייט האט אונז געמאכט אזוי גלייכגילטיג איינער צו אנאנדער, אונד מאנכע מאָל אזוי זאט איינער פון אנאנדער, אז מיר האבען זיך געהאסט אונד פעראכטעט, וויא א הונד מיט א קאטץ. איך פלעג אין איהר זעהען

אין געגענטשטייל, דיא קינדער האבען אונז גאר נאך פיעל געשאדעט, דען זייא זיינען געווען איין אורזאכע צו שטרייט אונד קריעגערייא. מיט דער צייט גאָר, ווען דיא קינדער זיינען אונטערגעוואקסען, האט זיך יעדער פון אונז אבגעקליעבען א ליעבלינג, גלייך וויא עס וואָלט געווען איין אונטערשיעד פון איינעם צום צווייטען. איך, צום ביישפּיעל, האב מיר גענומען, וויא געוועהנליך, דאס עלטעסטע קינד, וואסיא׳ן, אונד מיין פרוי האט זיך אָבגעקליעבען ליזא׳ן. מיט דער צייט איז יעדעס קינד געוואָרען דער טהייל־נעהמער פון דעם וואס האט זייא אָבגעקליעבען. דיא אונשולדיגע קינדער האבען שרעקליך געליטען ראדורך. וואסיא פלעגט זיין דער מוטער׳ס געגנער, גלייך מיט מיר, אונד דאסזעלבע איז אויך געווען מיט ליזא׳ן. שפּעטער האבען זיך דיא ארמע קינדער געביטען. דאס מיידעל איז איבערגעגאנגען צו מיר, אונד וואסיא, דער זוהן, איז איבערגעגאנגען צו דער מוטער.

17.

מיר האבען פריהער געלעבט אויף א גוט, אונד דאן האבען מיר זיך אריין געצויגען אין שטאָדט. ווען דאס וואָלט ניט פּאסירט, איז עס מעגליך, אז איך וואָלט מיר אזוי אויסגעלעבט מיינע יאָהרען, אונד נאך אימער געדענקט, אז איך בין א גאנץ אנשטענדיגער מענש, אָדער, וועניגסטענס אזוי אנשטענדיג, וויא אלע אנדערע זיינען. איך האב נאך ביז דאמאלס ניט בעגריפען דעם תהום פון אונגליק אונד שקר, אין וועלכען מיר זיינען אריין געפאלען. איך מוז אָבער מודה זיין, דאס אָבוואָהל איך האב ניט אין גאנצען בעגריפען, האב איך דאָך עפּעס געפיהלט, אז ניט אלעס איז ריכטיג.

איך האב געפיהלט, אז איך, אלס מאן, וואָלט בעדארפט הערשען, אָבער אנשטאט דעם, האב איך מיך געזעהן, וויא מען זאגט, גאר אונטער דעם פּאנטאָפעל פון מיין ווייב. אָבער וואס מיך האט געטריעבען דערצו, איך זאָל ליעגען אונטער דעם פּאנטאָפעל, זיינען געווען דיא קינדער. דאס ביסעל האלב־נאטירליכע ליעבע צו מיינע קינדער, האט מיך צוריק געהאלטען פון מאכען פון אלעמען איין ענדע. אבער זיא האט דאס אלעס באלד ערפאהרען, אונד זיא האט געוואוסט וויא מיך צו בע־הערשען, מיט דער קראפט פון מיין ליעבע צו דיא קינדער.

ווען מען האט מיידלעך מיט אינגלעך, ציהט מען אימער פאָר דיא מיידלעך. וועניגסטענס אזוי רעכען איך איז דער פאַל מיט מענשען, וועלכע שפּירען דיא פערדאָרבענהייט פון דער וועלט. מיידלעך זיינען ניט אונטערוואָרפען אזוי דער פערדאָרבענהייט וויא דיא אינגלעך. זייא שפּיעלען ניט קיין קאָרטען, רויכען ניט.

19.

יא, מיין פרוי איז געוואָרען פעט, געזונד אונד שעהן. אין דערזעלבער צייט, האט עס אויסגעזעהען, אז זיא האט פלוצלינג ערוואכט וויא פון א לאנגריעהרינען חלום, אויפגעמאכט דיא אויגען אונד ערבליקט ארום זיך א וועלט וואו מען דארף לעבען, געניעסען אונד האבען פערגניגען.

„איין מינוט, איין אויגענבליק פערלירען, איז א שאדע.“ האט זיא זיך גע־טראכט. „נים אימער איז מען יונג אונד שעהן, אונד וואס מען פערזאמט יעטצט, קעהרט שוין מעהר קיינמאל נים צוריק.“

יא, לעבען אונד האבען פערגניגען האט זיך איהר געוואָלט. זיא האט אויפגע־הערט צו זיין דאס ווערקצייג פון דער נאטור צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט, אונד איהר אייגענע נאטור האט זיך אויך געוועקסעלט. נים מוטער, נים נאטירליכע פרוי, זאָנדערן א מענש צום געניעסען אלעס בלויז צום פערגניגען אליין, אונד זיך נים לאזען שטערען פון דעם, צו וואס מיר זיינען בעשאפען געוואָרען.

זיא האט זיך אָנגעפאנגען ארום צו קוקען אונד פלוצלינג ערבליקט, אז זיא האט זעהר פיעלעס פערזאמט אונד זיא האט בעשלאָסען דאס אלעס צוריק צו קריגען, ווען מעגליך. זיא האט, צום ביישפיעל, איינגעזעהן, אז זיא האט נים גע־נאָסען דיעזע ליעבע פון וועלכער זיא האט געטראכט אונד געטרוימט אלס מיידכען.

אונטער זאָלכע אומשטענדען האט זיא אָבער נים פראָבירט דיעזע ליעבע ביי מיר צו געפינען. איך בין איהר ענטוועדער נמאס געוואָרען, אָדער זיא האט א געזעהען, אז איך בעזיטץ נים דאס וואס זיא וויל אונד פערלאנגט. דערפאר, פלעג איך זיא זעהען רעדען צו אנדערע מענער, האלב אין שפאס אונד האלב אין ערנסט, אזעלכע ווערטער, וועלכע האבען, דורך רעכט, צו מיר בעלאנגט. איך האב געלעזען אין איהרע בליקען פייער, פלאם אונד אויפרעגונג צו אנדערע.

דיא קינדער האבען זיא מעהר גאר נים אינטערעסירט, אונד עס האט אויס־געזעהען, אז זיא האט געפאסט דעם ענטשלוס, אז זיא דארף נים לעבען פיר דיא קינדער, זאָנדערן פיר זיך אליין, וועלכעס איז דאס וויכטיגסטע. אָט דאס איז געווען דער אנפאנג פון דעם גאנצען אונגליק.

דאן איז ערשיענען יענער „מענש“!

(ביי דיעזע ווערטער האט ער געברומט וויא איין אויפגערעגטע חיה, אונד פון זיין ברוסט האט זיך ארויס געריסען א זיפץ, וויא פון א שטערבענדען.) (עס

דיא גרעסטע פעהלער, דאסזעלבע זיא אין מיר, אונד דאס האט געפיהרט צו בעליידיגונג, קריגערייא אונד אבשייליכע קללות.

אום מיך צו פערגעסען, אום מיך צו צערשטרייען, האב איך געטרונקען, גע־שפיעלט קארטען, נעגאנגען אויף דער יאגד, געהוליעט אונד געלומפט. איך האב געמיינט, אז איך בין דער איינציגער אונגליקליכסטער מענש אין דער וועלט, אונד נאך ניט געוואוסט, דאס וועניגסטענס 99 פראָצענט דער מענשהייט, לעבען גראדע אזוי אונגליקליך וויא איך, אונד כמעט בייא יעדען אין הויז, איז אזא גיהנום.

18.

ביז דאמאלס האבען מיר נאך געלעבט אויף מיין גוט, אונד דאן האב איך מיך מישב געווען אונד זיך אריין געצויגען אין שטאדט. איך ווייס ניט אויב איך האב דערביי געהאט עפעס איין אבזיכט, אָבער אזוי איז עס געווען. מיר זיינען גע־וואָרען שטאדטס-לייט.

מיט דעם שטעדטישען לעבען, איז אויך געקומען דער שטעדטישער לוקסוס. בעלער, אונטערהעלטע, טהעאטער, מוזיק, ווין אונד מאָדעס. דאן האט אָנגעהויבען מיין ווייב צו קריינקען — וואהרשיינליך אויף נאכצוקומען דער מאָדע. דיא דאָק־טוירים האבען געזאגט, אז זיא טאָר קיין קינדער ניט האבען, אונד זייא האבען איהר נעגעבען מיטלען דאפיר. איך האב אנפאנגס פראָטעסטירט, אָבער ענדליך האב איך נאכגעגעבען. עס איז געווען דיא איינציגע צייט דאמאלס, וואס איך האב אביסעל ריכטיג געדענקט. מיר איז פאָרגעקומען, אז ניט האבען קיין קינדער, גיבט מיר קיין רעכט צו לעבען, ווייל מיין גאנצע עקזיסטענץ זאָל דאך זיין וועגען קיום העולם. אָבער איך האב מיך דאמאלס ניט צופיעל געפלאגט מיט אזעלכע רעיונות, אונד איך בין באלד געווען צופריעדען צו בעטרייבען מיין בעסטיאליטעט אָהן א שום אנדערע אורזאכע, אויסער צו ערפיללען מיין תאוה.

אזוי זיינען פאָראיבער צווייא יאהר, אין א לעבען פון רעש, דומהייט אונד נאר ניט. דאס מיטעל פון דיא דאָקטוירים האט באלד געווירקט. אויסער דעם וואס זיא האט קיין קינדער ניט געהאט, האט זיא אָנגעפאנגען פעטער צו ווערען, אונד האט געקריגען זעהר א שעהנעס געזיכט. זיא איז דאמאלס געווען אונגעפעהר 30 יאָהר אלט, אונד אין איהר געזיכט אונד קערפער, האט זיך געזעהען עפעס אויפ־רעגענדעס, גענוס־זוכענדעס אונד אויפפאָרדערונג. בעסער געזאגט, זיא האט אויס־געזעהן וויא א גוט געהאָדעוועטעס יונגעס פערד, וואס איז א לאנגע צייט געשטאנען אָהן א צוים. 99 פראָצענט פון אונזערע פרויען האבען אויך ניט קיין צוים.

האט אבסאָלוט קיינע בעדייטונג. דאס האט אויך געמענט זיין אויף אירגענד איין ארט. דיעזע בעציהונגען האבען מיך ניט גונע געוועזען אונד אויך ניט זייא. דער וואהרער גרונד פון דעם גאנצען אונגליק, איז נאר געלעגען אויף איין אנדערן פלאַטץ.

אלסדיינג איז געשעהען דערפאר, ווייל ער איז ערשיענען גראדע צו יענער צייט אונטער אונז ביידע, ווען מיר האבען זיך שרעקליך געהאסט אונד א קריזיס האט בעדארפט איינטרעטען אין אונזער לעבען.

אונזערע צאַנקערייען זיינען דאמאלס געווען העפטיגער וויא אימער, אונד שמוטציגער דערפאר, ווייל זייא האבען געהאט איין אָפטערע אבוועקסלונג דורך אונזער טהיערישער ליידענשאפט. איך בין זיכער, דאס ווען ניט דיא אייפערזוכט וואָלט גראדע דאמאלס ערשיענען, וואָלט איך געפונען עפעס איין אנדערע אורזאכע וויא אזוי אויסצודריקען מיין האס.

עס איז יענע צייט אין איין אונגעוועהנליכעס פאמיליען־לעבען, וואס א מאן געהט זוכען צו דערטרינקען זיין ערביטערונג אין שיכרות, אויסגעלאַסענהייט, פער־דאַרבענהייט, אָדער נאָר זעלבסטמאָרד. איך האב געהאלטען מעהרערע מאָל דער־בייא מיר צו נעהמען מיין לעבען, אונד מיין פרוי האט זיך געוואָלט פער־גיפטען.

20.

אום איהר זאָלט האבען א בעגריף וויא אזוי אזעלכע סצענען פון פערצווייפ־לונג האבען געקענט ענטשטעהען, וועל איך פאר אייך אָבשילדערן א ביי־שפיעל.

מיר זיינען געזעסען אין הויז, יעדער פערטיעפט אין איינענע געדאנקען, אונד ניט אין זינען האבענדיג דעם צווייטען. פלוצלינג האט זיא אָדער איך עפעס געזאגט. איבער דיא קינדער, איבער דעם הויז, אָדער איבער אירגענד א זאך. ווען איינער האט געזאגט „יא," האט דער אנדערער געמוזט ענטפערן „ניין." ניט דערפאר ווייל עס איז יא אזוי געווען אָדער ניט, זאָנדערן גלאט, ווייל יעדער פון אונז האט גע־שפראָכען מיט שטעך־ווערטלעך, אונד דער אנדערער האט אימער געמוזט זיין ראַגעגען.

„דוא פערשטעהסט ניט," פלעג איך אָנפאנגען.

„מעהר פון דיר," איז געווען איהר ענטפער.

„פענגסט דיך נאָר פרעגען."

האָט אויסגעזעהען, אַז עס שמערצט איהם זעהר צו עראינערן יענעם „מענשען,“ אָבער זיין ערצעהלונג האָט איהם געצוואונגען דערצו. דאַן האָט ער פאָרטגעזעטצט:

נאָך מיינער אַנזיכט איז ער געווען איינער פון דיא ניעדרינגסטע ברואים. איך זאָג עס ניט נאָר דערפאַר ווייל ער האָט מיך רואינירט, זאָנדערן, איך בין איבערציינט, אַז דאָס איז ער ווירקליך געווען, אפילו, ווען ער וואָלט מיך ניט בעריהרט. דערמיט וואָס ער האָט מיך בעריהרט ווידער, איז ער וועניגער שולדיג אַלס מיין לייכטזיניגע פרוי.

ער איז געווען אַ מוזיקער. ניין, ער האָט געשפּיעלט פיעדעל, פון מוזיק אַליין איז ער ניט געווען קיין גרויסער מייסטער. זיין פאָטער איז געווען אַ גוטס־בעזיטצער פון אונזער נאַכבאַרשאַפט. ער האָט פערלוירען זיין פערמעגען אונד זיינע זיהן האָבען זיך אַרום געוואָלגערט. זיין אינגסטער זוהן איז געקומען צו זיינער אַ קרובה נאָך פּאַריז, אונד אַזוי וויא ער האָט געהאַט חשק צו מוזיק, האָט ער דאָרט בעזוכט אַ קאָנסערוואַטאָריום, אונד איז פון דאָרטען אַרויס אַלס פיעדלער אונד אָנגעפאַנגען צו געבען קאָנצערטען.

איך ווייס ניט גענוי וויא אַזוי ער האָט געלעבט אין פּאַריז. אַזוי פיעל איז מיר בעקאַנט, אַז ער איז אין יענעם יאָהר געקומען נאָך מאָסקווא אונד איז בייא מיר ערשיענען. ער האָט געהאַט רונדע פייכטע אָדער גלענצענדע אויגען, אימער אַ שמייכעלע אויף זיינע ליפּען. זיינע וואָנצעס זיינען געווען גאַנץ פעסט אויסגעצווינגען אונד זיינע האָאר געקעמט נאָך דער לעטצטער מאָדע. זיין געזיכט איז געווען אָהן געשמאַק, אָבער שעהן אויף אַזאַ אַרט, וואָס זאָל מאַכען איין איינדרוק אויף פרויען. ער איז געווען שוואַך, אָבער ניט מיאוס געבוים. זיך בענומען אַנשטענדיג אין געזעלשאַפט, אָבער אימער מיט צו פיעל פרייהייט. זיין קליידונג, האַלטונג אונד ערשיינען, זיינען אַלע געווען אום נאָר פאָרצושטעלען דעם פּאַריזער קאַוואַליער.

דאָס איז געווען דער מאַן, וועלכער האָט מיט זיין מוזיק אַלעס פעראורזאַכט. דאָס געריכט־הויז האָט פערשטאַנען, אַז אייפערזוכט איז געווען דיא אורזאַכע; אָבער דאָס איז ניט געווען אין גאַנצען ריכטיג. אונד דיא ריכטער האָבען געפסק'ענט, אַז איך, דער בעטראָגענער מאַן, האָב דערפאַר געהרג'עט מיין פרוי, ווייל איך האָב בלויז געוואָלט פערטהיידיגען מיין אָנגעגריפענע עהרע (אַזוי רופען זיא עס!) אונד דערפאַר האָט מען מיך בעפרייעט. איך האָב מיר ניט דיא מיה געגעבען אַלעס צו דערצעהלען פאַר דעם געריכט, אָבער דאָרט האָט מען זיך עס אַזוי טרפלערט. דאָס וואָס זיא האָט אָבער צו טהאָן געהאַט מיט דעם מוזיקער,

אין מיין צימער וואו איך האב גערויכט אונד גערויכט איין ציגארעטע נאך דער אנדערער.

טויזענדער פערשיעדענע געדאנקען אונד פלענער האבען דורך געשאָסען אין מיין געהירן, ביז איך בין געקומען דערצו מיך פון איהר צו בעפרייען אונר חתונה האבען מיט איין אנדערער, א שעהנע אונד א רוהינע. וויא אזוי זיך פון איהר צו בעפרייען, האב איך געזעהען צווייא וועגען: דעם ערשטען דורך דעם טויט, אונד דעם צווייטען דורך א גט. אבער דיא געדאנקען זיינען יעדעס מאָל פערמישט גע־וואָרען, אונד איך קען מיך עראינערן, אז איך האב ניט אימער געדענקט דאס, וואס איך האב געוואָלט. דאַן האב איך ווייטער גערויכט.

אָבער דאס לעבען אין הויז געהט דערווייל פאָרווערטס. דיא גאָווערנאנטע ערשיינט אונד פרעגט אויף פראנצויזיש:

„וואו איז דיא מאדאם?" דער דיענער פרעגט אויב מען זאָל אויפגעבען טהעע. איך געה אריין אין עסס צימער, זעטץ מיך אוועק, אונד ליזא, אונזער עלטערעס מיידעלע, בליקט צו מיר ערשראָקען אונד מיט א פראגע אויף איהרע ליפּעלעך. מיין פרוי איז אלץ ניטאָ. דער גאנצער אבענד געהט אוועק אונד זיא איז ניט צוריק געקומען.

צווייא פערשיעדענע געפיהלע וועקסלען זיך אין מיר: האס, וויל זיא קוועלט מיך אונד דיא קינדער דורך איהר אבוועזענהייט, אונד מורא, וויל, לויט וויא איך קען איהר אויפגערעגטען כאראקטער, פיעללייכט וועט זיא זיך נאר נעהמען דאס לעבען

אָבער וואו זאָל מען זיא זוכען אזוי שפּעט ביי נאכט? ביי איהר שוועס־טער? אונד ווען זיא איז דאָרט ניטאָ? עס וועט דאָך אויסזעהען זעהר דום נאך איהר צו פרעגען. עס ווערט 11, 12 אונד 1 אוהר. איך פּרוביר אפילו ניט צו שלאָפען. איך וויל שרייבען, לעזען, אָבער דיא אויפרעגונג איז שטארקער אונד איך קען גאר נים מהון.

פארטאָג האט דיא נאטור געזיעגט אונד איך האב איינגעדרעמעלט. ווען איך האב ערוואכט, איז שוין געוועזען גרויסער טאָג, אָבער זיא איז נאך אלץ ניטאָ. אין הויז איז אימער דאסזעלבע, נאָר דיא קינדער בליקען צו מיר מיט א פּאָרוואורף. איך ווער אונרוהיגער, א יפגערעגטער אונד צאָרן פּילט אויס מיין זעעלע. דאן פער־טרעסערט זיך דער האס אין א שרעקליכער ביטערקייט.

אונגעפעהר אום 11 אוהר פארמיטאג, איז ערשיענען איהר שוועסטער, אלס שליח. זיא תריבט אן מיט דיא געוועהנליכע ווערטער:

„איך ווייס, אז דאס שמעכט דיך.“

„עס שמעכט מיך נים.“

„עס שמעכט דיך יא.“

„דאן בין איך א ליגנער.“

„דוא ביסט אלסדינג.“

ביי אזא אויפטרים האבען מיר נעזוכט זיך צו טרעפען מיט די מיאוס'ע ווערטער, אונד איינער זאָל דעם צווייטען אָנריהרען דאָרט וואו עס שמערצט אם מייסטען. דאן פלעג איך אויסשרייען:

„שווייג!“

דערבייא פלעגט זיא זיך אויפהויבען אונד וועלטן ארויס לויפען אין קינדער־צימער. איך האב זיא צוריק געהאלטען, אום איך זאָל קענען אויסרעדען אַלעס וואס איך האב איהר געוואָלט זאגען.

זיא האלטענדיג בייא דער האנד, האט זיא אָנגעהויבען צו שרייען:

„קינדער! אייער פאטער שלאָגט מיך!“

„זאג נים קיין ליגען!“ האב איך געענטפערט, אונד זיא, אָהנע זיך צו בע־זימערן, האט ווייטער געזאגט אום מיך נאך מעהר צו קריינקען:

„עס איז דאָך נים דאס ערשטע מאל וואס דוא לעגסט אויף מיר דיינע גראָבע הענד!“

„שפיעל נים קיין קאָמעדיע!“ האב איך געענטפערט.

„בייא דיר איז אַלעס קאָמעדיע,“ האט זיא געזאגט, „וואס מען טהוט פער־שטעלט מען זיך. הלואי זאָל איך פון דיר פטור ווערען! פלאַטצען זאָלסטו!“

איך קען מיך ערא‌ינערן, וויא איך האב מיך דערשראָקען פאר דיעזע ווערטער. מיין קערפער איז פולל געוואָרען מיט איין איבערנאטירליכען צאָרן, איך האב גאָר נים געוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט, אונד זיא איז דערבייא פערשוואונדען געוואָרען.

נאך אזא סצענע בין איך אריין אין מיין שטודיר־צימער, מיך אוועק געזעטצט ליכען. דאָן האב איך געהערט וויא זיא מאכט זיך רייזע־פערטיג. איך בין אויפגע־שפרונגען.

„וואוהין געהסטו?“ האב איך געפרעגט.

זיא האט געשוויעגען.

„דאָן געה צום טייפעל!“ האב איך מיך געטראכט, אונד בין אריין צוריק

צוזאמען, אונד דער שליסעל פון אינוועניג האט צוגעשלאָסען. איך האב גע־קלאפּט אין דער טהיר, גערופען, אָבער איך האב קיין ענטפער געקריגען.

מיין ערבּיטערונג איז געוועזען שוידערהאפט, אונד אזוי בין איך אוועק פון דער טהיר.

מיט א האלבע שטונדע שפּעטער איז צו מיר אריין געלאָפען ליזא, איהרע אויגעלעך פול מיט טרערען, אונד עפּעס געזאגט וואס איך האב ניט באלד פער־שטאנען.

„וואס איז ליזא? וואס איז געשעהען?“

„מאמא הערט זיך גאר ניט!“

איך בין באלד אויפגעשטאנען אונד מיט איהר געגאנגען. איך האב מיט אלע מיינע קרעפטען אויפגעריסען דיא טהיר אונד בין אריין אין צימער. איך בין גלייך צוגעגאנגען צום בעט.

זיא איז דארט געלעגען. זיא, מיין פרוי, איז געלעגען אין איהרע קליידער אונד שיך, אונד איז געוועזען בעזינונגס־לאָז. אויף׳ן טיש איז געשטאנען א פלעשעלע מיט אפּיום. עס איז דאס מיטעל פון וועלכע אונזערע רייכע דאמען ווייסען אזוי גוט, אום זיך צו ווארפען אין א בעציוּבערענדער אָהנמאכט.

איך בליק אויף ליזא׳ן, אויף מיין קינד, אינד איהרע טרערען ריהרען מיך. איך בליק דאן אויף דעם בלאסען געזיכט פון מיין פרוי — אונד איך האב זיא אָנ־גפאנגען צו דערמינטערן. דאן האט זיא געוויינט אונד ענדליך האבען מיר זיך איבערגעבעטען. עס איז ניט גראדע געוועזען אין גאנצען איבערגעבעטען, ווייל דיא געפיהלע פון האס אין אונזערע הערצער האבען זיך ניט געקענט בייטען. אבער פארלויפיג האבען מיר גערעדט, זיך ניט אזוי אויסגעמיעדען, אונד דאס אלטע לעבען האט ווידער אָנגעפאנגען. יא, דאס אלטע לעבען פון בעטרוג, שווינדעל אונד ניעדערטרעכטיגקייט מיט דעם גאנצען שמוטץ נאך פיעלרייכט פערדאָ־פּעלט...

אזעלכע קריענערייען אונד נאך אפשר ערגערע, זיינען פאָרגעקומען זעהר אָפט. איין מאל אין וואָך, איין מאל אין מאָנאט אונד אמאל אלע טאג. אין איין צייט האב איך שוין בעשלאָסען צו ענטלויפען, אָבער איך האב ניט געהאט גענוג מוטה דעם לעטצטען שריט צו מאכען.

אונטער אזעלכע צושטענדען איז יענער מענש געקומען אין אונזער הויז. ער איז געווען א געמיינער שופט — אָבער זיינען מיר דען בעסער?

„דיא געפינט זיך אין א שרעקליכען צושטאנד!"

„פאר וואס? עס האט דאך מיט איהר גאר ניט פאסירט."

ראן דערצעהלט איך דער שוועסטער, אז מיין פרוי האט א שרעקליכען כא־ראקטער, אונד איך פערזיכער זיא, אז איך האב איהר גאר ניט געטהאן, אונד איך האב דערפאר אויך קיין אורזאכע. ווארום איך זאל זיא געהען איבערבעטען. איך הויב דאן אן צו רעדען פון גט'ן זיך, אבער דיא שוועגערין וויל אזא געשפרעך ניט צו לאזען, אונד דערבייא איז זיא אויך אוועק געגאנגען.

עס איז אמת, איך האב דער שוועגערין ערקלערט, אז איך וויל זיא ניט געהן איבערבעטען. אבער וויא איז זיא ארויס געגאנגען פון הויז אונד איך האב ערבליקט דיא ערשראקענע געזיכטער פון מיינע קינדער, בין איך באלד פערטיג געוועזען צוריק צו ציהען מיין ווארט; אבער איך האב דאך איינמאל געזאגט, אונד אלס עהרענמאן האב איך ניט געקענט ברעכען מיין ווארט. דאן האב איך וויעדער גערויכט. ווען מיר ויינען געגאנגען עסען מיטאג, האב איך געטרונקען שנאפס אונד וויין, דאן וויעדער שנאפס, ביז איך האב ענדליך ערהייכט דעם פונקט וואס איך האב געוואלט: איך בין בערוישט געווארען אונד מעהר ניט געוואוסט וויא ניעדריג איך בין געזונקען אונד מיין לאגע האט מיך שוין ניט געקענט ערגערן.

אום 3 אוהר נאכמיטאג איז מיין פרוי אהיים געקומען. ווען זיא האט מיך בעגעגענט, האט זיא געשוויגען. מיינענדיג, אז זיא איז שוין בערוהיגט, האב איך אנגעפאנגען איהר צו ערקלערען, אז ניט איך בין שולדיג, זאנדערן זיא האט מיך ארויס געפאדערט צום גאנצען אויפרוהר.

דער ענטפער דארויף איז געוועזען, ניט וואס איך האב ערווארטעט. דיא מיענע אויף איהר געזיכט איז געווארען פול מיט האסס אונד ארום איהרע ליפען האט זיך אבגעשפיעגעלט עפעס פעראכטענדעס, וואס האט דורכגעבויערט מיין הערץ.

„איך בין זיך ניט געקומען אויסטענה'ען," האט זיא געענטפערט, „איך וויל נאר מיטנעהמען דיא קינדער, ווייל איך קען מיט דיר מעהר ניט לעבען."

איך האב געוואלט עפעס ענטפערן, נאר איך האב ניט געקענט.

„רעד ניט מעהר," האט זיא ווייטער געזאגט. „דוא וועסט עס בערויען."

ענדליך האב איך איהר וויעדער געזאגט, אז איך האב פיינד דיא פערשטעל־לונגען מיט דיא קאמעדיען.

פלוצלינג האט זיא ארויסגעלאזען א געשרייא, עפעס געזאגט וואס איך האב ניט פערשטאנען אונד אריין געלאפען אין איהר צימער. איך בין איהר נאכגעלאפען; אבער נאך איידער איך האב געקענט אריבער דיא שוועל, האט זיך דיא טהיר שנעל

ארויס קומען פון דער בעקאנטשאפט מיט דיעזען מענשען, אונד דאך האב איך ניט נעקענט איהם בעהאנדלען אונפריינדליך.

איך האב איהב פארנעשטעלט מיין פרוי. עס איז קיין צווייפעל, אז זיא האט זיך דאריבער נעפרייט. אנפאנגס, וואהרשיינליך, בלויז דערפאר, ווייל זיא וועט האבען דיא געלעגענהייט, אז א פידעל־שפיעלער זאל בעגלייטען איהר פיאנא־מוזיק, וועלכעס זיא האט זעהר נעליעבט; זיא האט אמאל ספעציעל נעדונגען דאפיר א פידעל־שפיעלער פון טהעאטער. אבער וויא זיא האט מיך אנגעקוקט, האט זיא באלד דערראטהען מיין נעפיהל. זיא האט אין מיר נעלעזען א וועלט מיט אייפערזוכט.

מיט א זעלטענער קונסט פון בטהאלטען דיא נעפיהלע, האט זיא באלד פער ענדערט דעם פרייליכען אויסדרוק פון איהר איינענעס נעזיכט, אונד זיא האט מיך ווידער אנגעפאנגען צו בעטריגען אונד נארען. איך ווידער, האב אויך אנגעהויבען צו שפיעלען דיא ראלע פון א בעטריגער, אונד איך האב געלאכט פריינדליך, גראד וויא איך וואלט נעהאט דיא גרעסטע הנאה פון אלעמען.

טרוכאטשעווסקי'ס בליק האב איך גוט שטודירט. ער האט נעבליקט אויף מיין פרוי, אונד זיא בעטראכט מיט דערזעלבער מיענע וויא יעדער איינגעלאדענער גאסט, בעוואונדערענדיג איהר ענטוויקעלטען בוזים, איהרע ברייטע שולטער, איהר רונדעס אונד שעהנעס נעזיכט, אונד איהרע גלענצענדע אויגען.

מיין פרוי האט זיך שטארק בעמיהט צו ערשיינען גלייכגילטיג, אבער זיא האט ניט נעקענט פיעל סעמפפען דאגעגען. דער תאוה־בליק פון דעם מוזיקער, האט זיא זויא דורכנעשטאכען. איך האב גאנץ גוט בעמערקט, דאס ווען זייערע בליקע האבען זיך בענעגענט, האבען זייערע אויגען וויא אויפגעפלאקערט.

מיר האבען נערעדט פון מוזיק, פון פאריז, פון אלעס אונד פון גאר ניט, דאס הייסט, מיר האבען געפלוידערט. ווייל יעדען'ס נעדאנקען זיינען געווען בעשעפטיגט מיט עפעס אנדערש: מיינע מיט אייפערזוכט; מיין פרוי'ס צו שטיקען מיין אייפער־זיכטיגען צארן, אונד טרוכאטשעווסקי'ס מיט מיין פרוי'ס קערפער.

דאן האט ער זיך אויפגעהויבען, אום אוועק צו געהען. ער האט נענומען דעם הוט אין זיין האנד אונד נעשטאנען מיט א שמייכעל אויף זיינע ליפען, ווארטענדיג צו הערען ואס מיר וועלען זאגען.

איך קען מיך ערהינערן אן יענעם אויגענבליק, ווייל איך האב דאמאלס גאנץ גוט נעקענט אויספיהרען, איהם מעהר ניט איינצולאדען, אונד ער וואלט שוין ניט שטום. אבער איך האב פריהער נעקוקט אויף מיין פרוי אונד דאן צו איהם.

K. S. a.

ייעדער הערר איז געקומען נאך מאסקווא, זיין נאמען איז געוועזן טרוכאטשעווסקי. אין א פריה־מארגען איז ער ערשיענען אין מיין הויז. מיר האבען זיך אמאל אין דער יונגענד גערופען „דוא“ איינער דעם צווייטען, אונד ער האט פרובירט, אין אונזער געשפרעך דאמאלס צו דער צווייטער בעקאנטשאפט, מיר אמאל צו זאגען „דוא“ אונד אמאל „איהר.“ דאס איז געוועזן אום צו עטאבלירען זיין אלטע בעקאנטשאפט אונד מיך אימער רופען „דוא.“ אבער איך האב איהם אנגעשפראכען מיט דעם ווארט „איהר,“ אונד אזוי איז עס געבליעבען.

ער איז מיר גאר ניט געפעלען געווארען פון דער ערשטער מינוט אן, האב איך אין איהם דערקענט א מיאוס'ן לומפ, אונד דיא אייפערזוכט האט זיך באלד אין מיר ערוועקט. פערגעסט ניט, אז דאס איז געוועזן, נאך איידער ער האט געזעהן מיין פרוי.

אבער עס איז געוועזן מערקווירדיג. א וואונדערבארע אונד געהיימניספאלע קראפט האט מיך געטריעבען דערצו איך זאל איהם ניט דערווייטערן פון מיין הויז. אין נעגענטהייל, איהם נאך מקרב צו זיין. איך האב גאנץ לייכט געקענט אויספיהרען, ער זאל צו מיר מעהר ניט קומען. איך האב נאר בעדארפט מיט איהם גאנץ קאלט רעדען אונד איהם ניט פארשטעלען מיין פרוי. אויף אזוי פיעל װאלט ער שוין נעוויס פערשטאנען, אז איך ווינש איהם ניט אלס קיין גאסט, אונד ער וואלט געוויס מעהר ניט געקומען. אבער ניין! איך האב אנגעהויבען צו רעדען פון זיין פידעל־שפיעלען. ער האט מיר אפילו געזאגט, אז ער האט שוין אויפגעגעבען פידעל־שפיעלען, נאר איך האב גראדע געהערט, אז ער האט מעהר וויא אימער נעשפיעלט.

ער האט זיך דערווייל עראינערט, אז איך האב אויך אמאל געשפיעלט פידעל, אבער איך האב געענטפערט, דאס איך האב שוין זייט יאהרען דעם פידעל אין דער האנד ניט גענומען, וועהרענד מיין פרוי אבער, איז מוזיקאליש אונד שפיעלט ציעמליך גוט פיאנא.

אויב דאס איז אמת אדער ניט, אז ביים מענשען גיבט א פארגעפיהל פיר שפעטערע צוטרעפונגען, וויל איך דאריבער יעטצט ניט רעדען. אזוי פיעל ווייס איך אבער, אונד איך געדענק עס גאנץ גוט, אז איך האב דאמאלס געשפירט, דאס עטוואס שוידערהאפטעס, פיעל שרעקליכערעס חיא איך האב נאך ביז דאמאלס ביינעוואהנט, קומט איבער מיין הויז. יא, דאס אלעס האב איך געשפירט ווען

קיין שווערע זאכען אין שפּיעלען זיינען איהם ניט געווען בעקאַנט. ער האט אלעס געקענט שפּיעלען. איך האב אָפט געשטוידירט זיין געזיכט, אונד וויא ער האט אָנגעפאַנגען צו שפּיעלען, איז דאס געוואָרען ערנסט אונד זעהר סימפּאַטיש.

עס איז קיין צווייפעל, אז ער איז געשטאַנען פיעל העכער אין דער מוזיק אלס מיין פרוי. ער האט איהר מעהרערע מאָל אויסגעהאָלפען, געראַטהען, אונד דאָך, אויף א העפליכער ארט, געלויבט איהר שפּיעלען. מיין פרוי וויעדער האט אויסגעזעהען, זיך צו אינטערעסירען נאָר מיט דער מוזיק, אונד איז דערבייא געווען גאַנץ נאַטירליך ליעבענסווירדיג.

איך האב דעם גאַנצען אבענד געשפּיעלט קאָמעדיע. איך האב מיך פערשטעלט ניט נאָר פאר זייא, זאָנדערן אויך פאר מיר אליין. איך האב אָנגענומען א מיענע, גראדע וויא אלעס וואס געהט פאָר, אינטערעסירט מיך אויסעראָרדענטליך. אין אמת'ן אָבער, האט דיא אייפערזוכט מעהרערע מאָל אָנגעכאַפּט מיין הערץ, וויא מיט אייזערנע צוואַנגען, אונד פון איין אנגריף צום צווייטען, האט דער שמערץ ניט נאַכגעלאָזען.

פון דער ערשטער מינוט אָן, וואס ער האט זיך בעגעגענט מיט מיין פרוי, האב איך גאַנץ גוט בעמערקט, אז ער האט אין איהר געזעהען א פרויענצימער מיט וועלכער עס וואלט נאָר ניט שלעכט געווען זיך גוט בעקאַנט צו מאַכען, אונד דאבייא אויסניטצען עפּעס א געלעגענהייט.

וויא אזוי איך האב דאס דערראַטהען, קען איך נאָר זאָגען, אז עס שטאַמט דערפון, וואס איך אליין בין אויך אמאל אזוי געווען, אונד איך האב פערשטאַנען צו געבען דעמזעלבען אורטהייל איבער אנדערע. וואָלט איך געווען פון אימער איין אנשטענדיגער אונד אונבעפלעקטער מענש אין דיעזער בעציהונג, בין איך זיכער, אז איך וואָלט נאָר ניט געהאט אזעלכע געדאַנקען. אָבער איך האב בעטראַכט דיא פרוי וויא מייסטענס מענער טהון עס, דערפאָר האב איך איהם פערשטאַנען אונד מיך געקוועלט.

עס האט מיך איבערהויפּט נאָך מעהר געערגערט דאריבער, ווייל איך האב געוואוסט, אז מיין פרוי האט מיך, אין גרונד גענומען, געהאַסט, אונד דיעזעס גע-פיהל איז נאָר אונטערבראָכען געוואָרען דורך אונזערע קערפּערליכע תאוות.

דיעזער מענש האט וויעדער געוואוסט, אז ער קען מיין פרוי ניט נאָר פאַנגען, זאָנדערן אויך בעזיעגען אונד בעהערשען. ער האט גאַנץ גוט פערשטאַנען וואס פאר איין איינפלוס זיין שעהנער קערפּער קען מאַכען, אונד ער האט בעגריפען, אז דורך דעם שפּיעלען צוזאַמען אונד דורך דעם איינפלוס פון זיין זיסער וויאָגיקטמיט, מען

„דענק ניט, אז איך בין אייפערזיכטיג,“ האט בעדייטעט מיין בליק צו מיין פרוי. דאן האב איך איהם איינגעלאדען, ער זאל נאך קומען אין דעמזעלבען אבענד מיט זיין פידעל, אונד ער מיט מיין פרוי וועלען שפיעלען צוזאמען.

זיא האט מיך אנגעקוקט פערוואונדערט, דאן איז זיא עטוואס רויט געווארען אונד אויסגעזעהען מורא צו האבען פאר מיר. זיא האט בעהויפטעט, אז זיא שפיעלט ניט גוט גענוג. דאס האט מיך נאך מעהר אנגעטריעבען, איך זאל איהם גראדע נאך אמאל ערזובען ער זאל קומען, כדי איך זאל זעהען וואס עס טען זיין.

בליקענדיג צו איהם, בין איך פולל געווארען מיט האסס. אלעס אין דעם מענשען האט אין מיר ארויס גערופען פעראכטונג. זיין נאקען, זיין ווייסער האלז, איבער וועלכען עס זיינען אריבער געהאנגען קויל־שווארצע האאר, זיין לייכטער אונד שפרינגענדער גאנג מיט וועלכען ער איז ארויס, האבען מיך אויפגערייצט וויא א פייער. איך האב מיר געמוזט אליין צו געבען, אז זיין געגענווארט פייניגט מיך אונד איך האב צו מיר געמורמעלט:

„איך וועל עס אזוי איינריכטען, אז איך זאל איהם ניט זעהען ווען ער וועט דא זיין.“

„איז דאס מעגליך, אז איך האב מורא פאר איהם?“ האב איך מיך אליין געפרעגט. „ניין, איך האב פאר איהם קיין מורא ניט, דאס וואלט געווען צו ניעדריג פון מיין זייט; איך וואלט מיך אליין בעדארפט פעראכטען.“

מיט אזעלכע ווערטער אונד געדאנקען האב איך מיך געטרייסט, אונד איהם בעגלייטענדיג אין קארידאר, האב איך איהם נאך אמאל איינגעלאדען צו קומען אבענד מיט דעם פידעל. איך וויים, אז מיין פרוי האט געהערט מיין שטימע. ער האט מיר פערשפראכען צו קומען, אונד איז אוועק.

אבענד איז ער ערשיענען מיט דער וויאלין. אבער אלעס איז ניט צוגעגאנגען גלאט. ער האט ניט געבראכט דיעזע נאטען וואס זייא האבען בעדארפט, אונד דיא נאטען וואס ער האט געהאט, האט מיין פרוי ניט געקענט שפיעלען, אהנע פריהער איבונג צו מאכען

איך האב זעהר ליעב געהאט מוזיק. איך האב אלזא געגעבען איין עצה וואס פאר א נאטען זייא זאלען אויסקלייבען אונד שפיעלען. זייא האבען געשפיעלט עטליכע ליעדער אהן ווערטער.

דאן א סאנאטע פון מאצארט.

ער האט געשפיעלט אויסגעצייכענט. דער טאן פון דער וויאלין איז געווען פראכטיג, אבער ראך זיס אונד צערטליך.

איך בין אריין אין פראנט־צימער. דארט האב איך געטראגען מיין ליזא׳ן זיטצענדיג איבער א בוך. דאס קינדער־מעדכען האט זיך געשפיעלט מיט דיא קלענערע קינדער. פון דעם זאלאן זיינען געקומען מחיק־טענער פון דער פיאנא

דאן האב איך געהערט זיין שטימע. מיין פרוי האט געענטפערט, אונד ער האט ווידער געזאגט גאנץ דייטליך:

„אבער, ניין, ניין!" אונד נאך עפעס. עס האט אויסגעזעהען, אז ער האט געוואלט אריבער שרייען איהרע פיאנא־טענער.

נאט אין הימעל! עס איז געוועזען א שרעקליכער מארטער. ווילד, שטירמיש אונד ברויזענד האט אין מיר געקאכט דאס אויפגערעגטע בלוט. נאך ביז צום היינטיגען טאג שרעק איך מיך פאר יענע געדאנקען.

מיין הערץ איז פלוצלינג געבליעבען שטעהן; זיך צוזאמענגעפרעסט, אונד דאן ווידער אנגעפאנגען צו קלאפען וויא מיט א האמער.

דאס שטארקסטע געפיהל, וואס בעגלייטעט אימער א מענשען נאך א פירכ־טערליכען צארן, איז געוועזען מיטלייד מיט מיר זעלבסט.

איך האב געוואלט וויינען.

„זיא בעליידיגט מיך," האב איך געמורמעלט, „פאר מיינע קינדער אונד פאר מיין דיענערשאפט."

איך האב געוואלט געהען, נאר איך האב ניט געקענט. איך האב אליין ניט געוואוסט וואס אנצופאנגען. דאס קינדער־מעדכען האט מיך אנגעקוקט מיט א בליס, גלייך וויא זיא וואלט מיך פערשטאנען.

„יא, איך מוז אריין געהען," האב איך מיר געטראכט. אונד דערבייא האב איך געעפענט דיא טיהר, אהנע צו וויסען וואס איך טהו.

ער איז געזעסען נעבען פיאנא, מיט זיינע לאנגע אונד ווייסע פינגער אויף דיא קלאפערס, אונד עס האט אויסגעזעהען, אז ער האט זיך נאר וואס דארט אוועק געזעטצט, אום צו צייגען מיין פרוי דיא טענער. זיא איז געשטאנען נעבען איהם מיט א געעפענטעס נאטען־בוך. זיא האט מיך בעמערקט, אדער, וואהר־שיינליך פריהער געזעהען קומען, אונד זיא האט מיך אנגעקוקט מיט איהרע גרויסע אויגען. אויב זיא האט זיך דערשראקען אונד אזוי קונסטפאל צוריק געהאלטען דיא שרעק, אדער מיין אונערווארטעטעס ערשיינען האט איבער איהר קיין איינדרוק גע־מאכט, קען איך יעטצט געווי ניט וויסען. איך האב געזעהען, אז זיא איז רויט געווארען, אבער ניט באלד, זאנדערן ערשט שפעטער.

ער ווירקליך איבערהויפט אויף מיין פרוי, וועלכע איז געווען פון איין אויפרעגענדער נאַטור.

יא, אונד איך האב דאס אויך געוואוסט. איהר קענט זיך מערקען מיינע שרעקליכע ליידען.

איך האב אונגעהייער געליטען פון דער אייפערזוכט. אבער א געהיימניספאָלע מאכט, געגען מיין ווילען, האט מיך געטריעבען דערצו איך זאָל שווייגען. איך בין צו איהם ניט נאָר געווען העפליך, זאָנדערן אויך פריינדליך.

אויב איך האב עס געטהאן צוליעב מיין פרוי אום איהר צו צייגען, אז איך בין ניט אייפערזיכטיג, אָדער צוליעב מיר אליין, כדי מיך אָבצונארען, וויים איך יעטצט ניט גענוי. דאס איז בייא מיר פעסט געשטעלט, אז איך בין ניט אימשטאנדע געווען איהם ארויס צו צייגען וויא ווייט איך האס אונד פעראכטע איהם. ווען איך וואָלט איהם ווירקליך געקענט ארויס צייגען מיינע געפיהלע, דאן האב איך איהם בעדארפט דורכבויערן מיט מיין קינזשאַל.

ווען מיר זיינען געגאנגען צו טיש, האב איך איהם נאך אליין דערלאנגט וויין, געשפּראָכען זעהר בעגייסטערט פון זיין שפּיעלען, מיך מיט איהם אונטערהאלטען אונד זעהר געלאכט פון זיינעם א וויטץ, אונד דאן האב איך איהם איינגעלאדען: ער זאָל קומען נעכסטען זונטאג צו מיטאג אונד עפּעס שפּיעלען. איך האב איהם געזאגט, אז איך וועל נאך איינלאדען איינינע בעקאנטע, זייא זאָלען קומען אונד איהם הערען שפּיעלען.

מיט א פּאאר טעג שפּעטער, בשעת איך בין אהיים געקומען מיט מיינעם א בעקאנטען, איז מיר פּלוצלינג שטארק שווער געוואָרען אויף'ן הארצען. איך האב עס מיר אליין ניט געקענט ערקלערען פון וואנען עס קומט. אלס איך בין דורך געגאנגען דעם קאָרידאָר, האב איך מיך אן עטוואס דערמאָהנט. ווען איך בין אריין אין מיין צימער, האב איך מיך ניט געקענט צוריק האלטען, אונד זיך ענטשולדיגענדיג בייא מיין פריינד, בין איך ארויס געגאנגען נאכצוזעהען, אויב מיין פערדאכט איז ריכטיג.

יא, איך האב קיין טעות ניט געהאט. זיין אויבער־ראָק איז דאָרט געהאנגען, דאס בלוט איז אין מיר באלד אויפגעקאָכט געוואָרען.

וואס טהוט ער דאָ? ווער האט איהם גערופען? קומט ער שוין אליין, אהן מיין איינלאדונג?

אלע דיעזע פראגען האבען געפונען פערשיעדענע אנטוואָרטען אין מיינע געדאנקען.

דיא בעריהרונג אויף בעללער, דיא בעריהרונג פון דעם ארצט (אין נאמען דער קונסט!) אונד דיא בעריהרונג בייא דער מוזיק.

אין אזעלכע פעלע קען מען דאך פערשטעהן, אז עס איז אונמעגליך זיך אויסצומיידען. אין 99 פעללע קען אויף דיא בעריהרונג קיין אונאנשטענדיגע בעדייטונג האבען. אבער שכל אונד לאָגיק פערשווינדען בייא איין אייפערזיכטיגען מאן. אזא צוזאמענקונפט בויערט איהם דורך וויא מיט גיפטיגע פיילען.

פון דער אנדערער זייט וויעדער, איז דיעזע אייפערזוכט גאנץ גוט בעגרינדעט. אין מייסטען פעלע, וואו עס האט געפיהרט, אז א מאן אָדער א פרוי זאָל ברעכען דיא הייראטהס־טרייהייט, איז דאס נאָר געווען דורך מוזיק.

דיא מוזיק! דיעזע זיסע נעטטין וואס פיללט אויס אונזער זעלע מיט הימלישעס פערגניגען, ווערט אויך אריין געשלעפט אלס א ווערקצייג פיר אונזערע תאוות. עס ווערען פערפאסט אונד געשפיעלט אויפרעגענדע טענער, איינדרינגענדע, אויפריהרישע אונד בלוט אויפקאָכענדע סאָנאטען, ביז מיר פערגעסען אין דער ריינהייט אונד נעבען זיך איבער דעם שמוטץ.

אָבער זיך צוריק קעהרענדיג צו מיין בענעגנונג, האט עס אויסגעזעהען, אז זייא זיינען זעהר אונרוהיג געוואָרען. דאס איז געווען דערפאר, ווייל איך בין א היבשע צייט געשטאַנען וויא א גולם אונד גאר ניט געוואוסט, אָדער גאר ניט געקענט רעדען. איך בין געווען גראדע וויא איין איבערגעקעהרטע פלאש, וועלכע, דערפאר וואס זיא איז צו פול, קען פון איהר גאר ניט ארויס רינען. איך האב איהם געוואָלט זידלען, בעליידיגען, ארויס ווארפען אונד שלאָגען, אבער איך האב גאר ניט געקענט טהון; אין גענענטהייל, דיא עטיקעטע — דיעזע אונפערשעהמטע פראָסטיטוטקע! — איז ערשיענען פאר מיינע געדאנקען, אונד מיר געמאַכט פאָרווירפע דערפאר וואס איך האב זייא געשטערט.

איך האב געקעמפפט שווער מיט מיר אליין, אונד זיך בערוהיגט. דאס הייסט איך האב בערוהיגט מיין געזיכט אונד מיין האלטונג. אָבער דיא אייפערזוכט האט אין מיר געברענט וויא א העלישעס פייער.

ער איז אונטערדעסען נאך געבליעבען אזוי לאנג, וויא עס איז נעטהיג געווען, אום אָבצוּשוואכען דעם איינדרוק פון מיין אויפגערעגטעס ערשיינען. דאן האט ער פערלאָזען דאס הויז, אונגעפעהר מיט אזא בעשלוס, אז ער ועט מאָרגען נאך אמאל קומען אום מיט מיין פרוי עפּעס איינצושטודירען. איך האב איהם בעגלייטעט מיט העפליכקייט ביז צום קאָרידאָר. אונד איך האב הערצליך געדריקט זיין ווייכע אונד ווייסע האנד.

„ווייא דאס פרייט מיך טאקי, וואס דוא ביסט געקומען,“ האט זיא געזאגט מיט איין אונפערשטעהמטער מיענע, פערשטעהענדיג גאנץ גוט דעם אונרוהיגען אויס־דרוק אויף מיין געזיכט. „מיר האבען בעשלאָסען עפּעס אנדערש צו שפּיעלען, ניט דאס וואס מיר האבען געשפּיעלט לעטצטען זונטאג.“

דאס וואָרט „מיר,“ מיינענדיג זיך אונד איהם, האט מיך געשטאָכען ווייא מיט מעסערס. זייא זיינען שוין אלזאָ געווען א פּאאר מחותנים, וועלכעס איך האב ניט געוואָלט דערלאָזען.

איך האב ווידער אנגעפאנגען מיך צו פערשטעללען, אונד איהם בעגריסט. וואס דען האב איך געקענט טהון? עס איז דאָך אזוי דיא מאָדע!

וואס איך האב געפיהלט, האב איך ניט בעדארפט ארויס צייגען, ווייל איך האב דאָך קיין אורזאכע געהאט. דאן, פערשטעהט איהר, האב איך אלץ געוואָלט ווייזען, אז איך בין ניט אייפערזיכטיג, אָבוואָהל דיא אייפערזוכט האט געריסען שטיקער פון מיין הארץ.

ער האט זיך באלד אויפגעהויבען, מיר געגעבען דיא האנד, אונד האט אָנ־געפאנגען מיר צו ערקלערען דיא מוזיק־שטיק וואס ער האט געבראכט. ער האט דערבייא געשמייכעלט, אונד איך בין זיכער, אז מיינע ערפאהרענע אויגען האבען אין זיין שמייכעלע ענטדעקט שפּאָט. אלס ענטשולדיגונג פון זיין ערשיינען, האט עס געהייסען, אז ער איז געקומען בלויז צוליעב דעם, אום זייא זאלען קענען זיך איינפערשטעהען אין דער מוזיק וואס זייא זאָלען שפּיעלען נעכסטען זונטאג, אונד אזוי האט ער געבליקט צו מיין פרוי, אונד זיא האט צוגעשטימט מיט א בליק.

דאכט זיך אלעס איז געווען אזוי נאטירליך אונד איינפאך, אז איך האב אבסאָלוט קיין אורזאכע געהאט מיך אויפצורעגען. אָבער דאָך בין איך געווען אין מיר איבערצייגט, אז זייא זאגען ביידע ליגען, אונד זייא האבען זיך פעראייניגט אום מיך צו בעטריגען אונד נארען.

דיא מענער פון אונזער גראד, זיינען אלע אייפערזיכטיג. זייא האבען טויזענדער אורזאכען, אָדער זייא זוכען טויזענדער אורזאכען, אום אייפערזיכטיג צו זיין. דער אנגריף פון אייפערזוכט, איז עפּעס ווייא א שום דורך'ן קערפּער אונד הארץ, בלויז מיט דער אויסנאהמע פון דעם שמערץ. דאס רייסט, אמאל טהוט עס מעהר וועה, אונד אמאל וועניגער. דער שמערצליכסטער אנגריף פון אייפערזוכט אויף דעם מאן איז, ווען ער זעהט זיין פרוי מיט דעם מאן אויף וועלכען ער איז אייפערזיכטיג, אין אַזא צוזאמענקונפט, וואו זייא מוזען זיך בעריהרען. איך רעדען אונטער דעם

פערשווינדעט פון ארום מיר. דאן בין איך געבליעבען וויא אהנמעכטיג. קיין גליעד אונד קיין אדער האט זיך אין מיר געריהרט, בלויז איהרע שריט האבען זיך אלץ געהערט נעהנטער אונד נעהנטער. איך האב געטראכט, אז זיא געהט נאר פארביי נעבען מיין טיהר צום זאלאן. אבער מיין טיהר האט זיך געעפענט, אונד פאר מיר איז ערשיענען דיא גראציעזע, אונד הויכע געשטאלט פון מיין פרוי. אויף איהר געזיכט איז געלעגען א מיענע פון ערשראקענער נאכפארשונג, וועלכעס זיא האט זעהר געוואלט פערבארגען, אבער איך האב דאס גאנץ גוט געזעהען אונד אויך געוואוסט דיא אורזאכע.

איך האב געמיינט, אז איך ווער דערשטיקט, אזוי האט זיך אין מיר אנגעזאמעלט דער אטהעם. ענדליך האב איך ארויס געלאזען א גרויסען אונד לאנגען זיפץ, אויסגעשטרעקט מיין האנד אויף'ן טיש, גענומען א ציגארעטע מיט איין האנד, אונד מיט דער אנדערער זיא אנגעצונדען.

„וואס איז דאס?“ האט זיא געפרעגט. „אזוי וויא איך בין נאר אריין געקומען, האסטו שוין אנגעפאנגען צו רויכען?“

זיא האט זיך אוועק געזעטצט נעבען מיר אויף דער סאפע אונד אנגעלעהנט איהר קאפ אן מיין שולטער. איך האב מיך אבגעווענדעט, אום זיך מיט איהר ניט צו בעריהרען.

„איך זעה,“ האט זיא אנגעפאנגען, „אז דו ביסט אונצופריעדען דערמיט, דאס איך זאל שפיעלען נעכסטען זונטאג?“

„געוויס ניט!“ האב איך שנעל געענטפערט.

„מיינסטו, אז איך פערשטעה ניט?“

„דאן גראטוליר איך דיך וואס דו פערשטעהסט. עס איז שוין ווירקליך צייט געווען. דיר איז אבער ליעב יעדע געמיינהייט, וועלכע איך האסס אונד פעראכטע.“

„ווען דו פאנגסט אן צו זידלען, דאן געה איך מיר אוועק.“

„געה! געה! קענסט געהען וואוהין דו ווילסט! זאלסט אבער וויסען, אז ווען דיא עהרע פון דער פאמיליע איז ביי דיר ניט טהייער, דאן וויל איך מעהר דיין פנים ניט זעהען — געה דיר צום טייפעל! — אבער, מערק דיר, דיא עהרע פון דער פאמיליע“...

„וואס איז? וואס!“

„געה! האב איך דיר געזאגט. געה! אום גאטעס ווילען, געה אוועק פון דאנען, איך זאל דיך ניט זעהען!“

וואס װען האב איך נעקענט טהון? יא, דיא עטיקעטע האט מיר געהייסען, אז דער מאן וואס איז ערשיענען צו רויבען מיין גליק, צערשטערען מיין רוה, שענדען מיין נאמען אונד רואינירען מיין פאמיליע — דיזען מוז איך בעגלייטען, דריקען זיין האנד אונד זיין פריינדליך!

פוי! א מיאוס'ע וועלט!

XV.

דעם גאנצען טאג אבער, האב איך ניט געשפראכען מיט מיין פרוי, טראטץ דעם וואס מאדאם עטיקעטע האט מיר איינגעראמט אין אויער, אז איך האב קיין רעכט, אז איך האב קיין אורזאכע, האבען דאך מיינע אינערע געפיהלע מיך בע־זיענט. דער מוטה האט מיר געפעהלט זיך וויטער צו פערשטעללען.

זיא ווידער האט געפונען איוסריידען זיך צו מיר צו דערנעהנטערן. אבער א בליק אויף איהר, האט אין מיר ארויס גערופען אזא האס, אז איך האב מיך פאר מיר אליין דערשראקען.

ווען מיר זיינען געגאנגען עסען, האט זיא מיך געפרעגט, אין דער גענענוואַרט פון דיא קינדער, ווען איך וועל ווידער פאהרען, ווייל זיא האט געוואוסט, אז געשעפטען רופען מיך אוועק. איך האב איהר דארויף געענטפערט. דאן האט זיא מיך געפרעגט, אויב איך בעדארף ניט עפעס אויף דער רייזע. דארויף האב איך שוין ניט געענטפערט, זאנדערן איך בין געזעסען שטילל, קיין וואָרט גערעדט אונד אזוי האב איך צוריק געקעהרט אין מיין צימער.

אין דער לעטצטער צייט האט זיא אויסגעמידען מיין צימער, איבערהויפט אבענד. פלוצלינג האב איך געהערט איהרע טריט. אין מיר איז ענטשטאנדען דער שמוטציגער אונד שרעקליכער געדאנק, אז מיין פרוי קומט דערפאר צו מיר אונגע־ריכט, ווייל איהרע זינד מיט דעם מוזיקער טרייבט זיא אין מיין גענענוואַרט, אום מיט איהר העסליכע ליעבע צו מיר צו פערבארגען איהר פערברעכען.

איך האב געשווידערט. איך האב געשפירט דיא טראפענס שווייס ארויס װעטצען אויף מיין שטערן, אונד דאן ארונטער קאפען אויף מיינע קליידער. איך האב ארויס געצויגען מיין טאשענטוך אונד מיך אבגעווישט.

„קומט זיך ווירקליך?" האב איך מיך געפרעגט. „ווען דאס איז דער פאלל, דאן איז מיין פערדאכט ריכטיג"...

דער האסס האט אין מיר געשטיגען מיט יעדען אויגענבליק. איך האב גע־שפירט ווי א עפעס שטיקט מיך אין האלז. עס האט ארינגעזועהן, אז דיא קופט

איך האב מיך אבגעלאָזען צום שנעון פון מיין ווילדער אויפרעגונג. איך האב געוואָלט עפּעס טהון, וואס איך האב נאך ניט בעגאנגנען זיים איך האב מיט איהר חתונה געהאט. ראטים, וויא איך האב שוין פריהער בעשלאָסען, זיא איבערצר שרעקען.

דאס זיינען דיא מענער, כמעט אלע — זייא ווילען נים זייערע פרויען זאָלען פאר זייא האבען רעספּעקט, זאָנדערן מורא; ציטערן פאר זייא וויא דיא ניעדריגע שקלאפין פאר איהר הערן.

עס איז אין מיר ענטשטאנדען א וואונש זיא צו שלאגען, אונד שלאגען אזוי לאנג, ביז זיא זאָל שטארבען אונטער מיינע הענד. דאמאלס איז אין מיר ענט־שטאנדען א געדאנק, אז איך דארף דאס ניט טהון. ניט דערפאר ווייל איך וועל דערמיט טויטען דיעזע וואס האט מיר אנפערטרויעט איהר עהרע, יונגער אונד לעבען, זאָנדערן ווייל איך אליין וואָלט דערפאר געהאט א שווארצען סוף.

איך בין צוגעלאָפען צום טיש, געכאפּט א שווערען געגענשטאנד פון מיין שרייב־טיש, וואס האט געדיענט אלס שווער־געוויכט אויף מיינע פאפּירען, אונד דאס געשליידערט געבען איהר אויף דער ערד. דאן האב איך געכאפּט א לייכטער אונד איהם געשמיסען געבען איהרע פיס, אונד צום שלוס האב איך דאסזעלבע גע־טהאן מיט א באראָמעטער וואס איך האב ארונטער געריסען פון דער וואנד.

„געה !" האב איך געשריען מיט פערטרוקענטע ליפּען אונד א הייזעריגער שטימע, „געה ! שטעה מיר ניט פאר דיא אויגען, ווייל איך בין מעהר ניט פער־אנטווארטליך פאר מיינע טהאטען !"

איך קען מיך גאנץ גוט עראינערן אן יענעם בליק וואס זיא האט מיר צוגע־וואָרפען. ער איז געווען מיט אזוי פיעל האס אונד פעראכטונג, אז איך שווידער נאך יעטצט מיך דערמאָהנענדיג אן איהם.

אונד, ווירקליך, וואס דען האט געקענט ליעגען אין יענעם בליק ווען ניט האס אונד פעראכטונג ? עס איז ניט געטהיג צו וויסען דיא אורזאכע וואס האט זיא געפיהרט אין מיין צימער. זיא איז יעדענפאלס געקומען, אונד צערטליכקייט פון מיין זייט, וואלט געוויס געענדערט דעם שמוטציגסטען בעשלוס, ווען זיא וואָלט אפילו אזעלכען געהאט.

זיא האט מיר געגעבען יענעם שרעקליכען בליק, אונד איז ארויס פון צימער. מיין וואוטה אונד אויפרעגונג, האבען זיך באלד אבגעקיהלט. איך בין געוואָרען רוהיג. נאר מיין הערץ איז מיר געווען טרויעריג. איך האב אליין ניט געוואוסט

אָבער זיא איז ניט געגאנגען. זיא איז געבליעבען. האט זיא געוואָלט שפּיעלען דיא ראָלע גלייך וויא זיא פערשטעהט מיך ניט וואס איך מיין, אָדער האט זיא מיך ווירקליך ניט פערשטאנען? דאס קען איך גענוי ניט וויסען. זיא האט יעדענפאלס פאָרגעשטעלט דיא אונשולדיגע בעליידיגטע.

„איך קען שוין פון דיר ניט אויסהאלטען, דוא ביסט אונערטרעגליך," האט זיא געזאגט, אָדער נאך עטוואס שרעקליכעס, אום מיך צו ערגערן. „נאכדעם וויא דוא האסט דיך געקענט אזוי בענעהמען געגען מיר ווען מיין שוועסטער איז דערביי געוועזען, דאן וואונדערט מיך שוין ניט איבער קיין זאך."

זיא האט מיך דאָ דערמאָהנט אן א פאלל, ווען איך האב זיא בעליידיגט אין דער געגענוואַרט פון איהר שוועסטער, אונד זיא האט געוואוסט, אז דאס האט מיך נאכהער זעהר געערגערט.

„יא," האב איך מיר געטראכט, „זיא בעליידיגט, בעשמוטצט אונד קריינקט מיך ביז צו טויט, אונד צום סוף האלט זיא מיך נאך פאַר דעם שולדיגען."

מיין צאָרן האט געשטיעגען נאך מעהר וויא פריהער. צום ערשטען מאל, זייט איך בין געוועזען פערהייראטהעט, האב איך געפיהלט דעם וואונש, אויסצודריקען דיעזען צאָרן אין טהאטען. איך בין אויפגעשפּרונגען, גלייך וויא א שלאנג וואָלט מיך געביסען. אָבער אין דעמזעלבען אויגענבליק האב איך מיך דערמאָהנט וואו איך בין אין דער וועלט, אונד מיך געפרעגט:

„איז דאס רעכט, אז איך זאָל מיך לאָזען הינרייסען פון מיין צאָרן?"

„יא, עס איז גאנץ רעכט," האב איך מיר געענטפערט, „דאס וועט זיא ווענינסטענס דערשרעקען." איך האב אָבגעלאָזען מיין וואוטה וויא דעם דאמפּף פון א מאשין, אונד איך האב מיך נאך געפרייט דאָריבער, וואס איך קען ווערען אזוי אויפגערעגט.

„געה ארויס פון דאנען!" האב איך געדונערט, „אָדער איך ערמאָרדע דיך!" איך האב זיא אָנגענומען ביי איהר האנד, אָבער זיא איז דאָך געבליעבען. דאן האב איך זיא פעסט געפּאקט, אומגעדרעהט אונד איהר געגעבען א העפטיגען שטויס.

„וואס איז מיט דיר?" האט זיא געפרעגט דערשראָקען בליקענדיג אין מיינע ווילדע אויגען. „ביסטו משוגע געוואָרען?"

„ארויס!" האב איך געשריען נאך שטארקער, „דוא מאכסט מיך משוגע מיט דיין געגענוואָרט! געה! זאג איך דיר, געה! אָדער איך בין ניט פעראנטוואָרטליך פאַר מיר!"

נאכט. איך האב ציים נעהאט, וועהרענד איהרע ליידען, מעהרערע מאל צו בע־טראכטען איהרע שעהנע גליעדער, איהר גראציעזען קערפער, אונד, מיט דיא גע־פיהלען פון א בעסטיע האט מיר באנג געטהאן אזא גוטעס אונד ניטצליכעס ווערקציינג צו פערלירען...

ארום פארטאג איז זיא רוהיג געוואָרען, אונד מיר האבען זיך איבערגעבעטען. עס איז נאטירליך איבריג צו דערצעהלען, אז דיעזעס איבערבעטען איז ווידער גע־קומען אויף גרונד פון אונזער אלט-בעקאנטע „ליעבע.“

מיר האבען דאן גערעדט, געשפראָכען, אונד אין מיינער אונפערשעהמטהייט, האב איך איהר מודה געווען אז איך בין אייפערזיכטיג אויף טרוכאטשעווסקי׳ן. צו מיין ערשטוינונג, האט דאס זיא גאר ניט איבערראשט. זיא האט געלאכט, אונד מיר האט עס אויסגעזעהען, אז אין דיעזען געלעכטער ליעגט אונגעפעהר דיא מיינונג: „שעהנע פערליעבעניש! האב איך שוין ניט געפונען קיין בעסערן תכשיט?“

„זאג מיר נאָר, איך בעט דיך,“ האט זיא אָנגעפאנגען. „ביסטו ניט א גרויסער נאר? מיט וואס קען אזא מין מענש געפעלען איין אנשטענדיגער פרוי, אויסער מיט זיין שפּיעלען? אָבער ווען דוא זעהסט אין זיין ערשיינען בייא אונז אין הויז עפּעס וואס ערגערט דיך, זאָל עס מיר בלייבען דיא לעטצטע ראגה וואס ער וועט אהער מעהר ניט קומען. עס וועט מיך ניט קימערן, ווען ער וועט דאָ ניט זיין אפילו געכסטען זונטאג, ווען מיר וועלען דאָ האבען ספעציעל איינגעלאדענע געסט. שרייב איהם, אז איך בין קראנק, אונד דערמיט איז צו אלעמען א סוף. איין זאך קימערט מיך בלויז, וואס פרעמדע קענען איבער מיר דענקען, אז אזא חברה־מאן קען מיר געפעהרליך זיין, אונד דאפיר בין איך צו שטאָלץ מען זאָל דאס אפילו מיינען.“

זיא האט געשפראָכען וואס זיא האט געמיינט. זיא האט געגלויבט אין יעדעס וואָרט וואס זיא האט ארויס געבראכט פון איהר מויל. זיא האט גערעכענט, אז זיא וועט זיך קענען איינרעדען געגען איהם א פעראכטונג. אָבער אין דעם האט זיא געהאט א טעות. אַלסדינג איז געווען געגען איהר ענטשלוס. ערשטענס מיין אויפ־מערקזאמקייט מיט דער אייפערזוכט, אונד צווייטענס זיין מחיק.

איך ווידער, האב נאך אזא לעטצטע סצענע, ניט געהאט דעם מוטה צו פאָלגען איהר ראטה אונד איהם שרייבען אזא מין בריעף, וואס זאָל איהם אויף אימער דערווייטערן פון הויז. זונטאג האבען זיך פערזאמעלט דיא געסט אין אונזער הויז אונד מען האט געשפּיעלט.

וואס צו טהון. פון איין זייט האט מיך גערייצט דער סקאנדאל, אונד פון דער אנדערער זייט האב איך חרטה גהאט.

„וואס וויל איך האבען פון איהר?“ האב איך מיר געטראכט. מיינע פעד־פלאנטערטע געדאנקען האבען מיר געזאגט: „א מצוה אויף איהר, זיא האט עס עהרליך פערדיענט; זיא ווייס גאנץ גוט, אז מיך קרייגקט איהר אויפפיהרונג, אונד זיא דארף עס ניט טהון.“ דאן האט זיך מיר ווידער געדאכט: „האב איך איהם דען ניט אליין אריין געבראכט אין הויז? האב איך ניט מיט איהם גע־שפראכען וויא מיט איין אלטען פריינד? איז זיא ניט מיין פרוי אונד דיא מוטער פון קינדער, וועלכעס איז דער בעסטער שוטץ געגען פרעמדע מענער? וואס איז פאר איין אונטערשיעד אויב ער שטודירט מיט איהר מחיק, אדער א פידלער פון טהעאטער האט בעגלייטעט איהר פיאנא־שפיעלען?“

אבער איך בין ניט אימשטאנדע געווען צו ענטשיידען צווישען רעכט אונד אונרעכט. אייפערזוכט, איבערהויפט, האט ווענינ צו טהון מיט לאגיק. מיין בלוט האט געקאכט אין מיר, אהנע איך זאל נאכקלערען אויב דאס איז ריכטיג אדער ניט.

מיט א שטונדע שפעטער, האט דאס קינדער־מעדכען מיר געמעלדעט, אז מיין פרוי האט געקריגען איין אנפאלל פון היסטעריקע.

פראסטע, איינפאכע ארביטס־פרויען, ווייסען ניט פון דיעזער קראנקהייט. זיא עקזיסטירט אבער אזוי אפט אונטער אונזערע רייכע אונד וואהלהאבענדע דאמען, גראדע וויא הונגער אונטער דיא קבצנים. איך האב ניט פיעל געטראכט אונד בין באלד צו איהר אריין געגאנגען. זיא איז געלעגען אויף׳ן בעט, געוויינט, געכליפעט, געלאכט אונד געציטערט, אונד האט ניט געקענט ארויס רעדען א ווארט. עס האט אויסגעזעהען, אז איהרע אויגען ווילען ארויס שפרינגען פון קאפ.

ניין, זיא האט זיך ניט פערשטעלט, ווענינסטענס ניט דיעזעס מאל. זיא האט ווירקליך געליטען; דיא היסטעריקע האט זיא ערגריפען.

האב איך מיט איהר געהאט מיטלייד? איך קען ניט גענוי בעשטימען, אבער איין זאך ווייס איך, אז איך האב געפיהלט, דאס מיין אויפרעגונג האט גע־ווירקט, אז איך בין דער הערשער, אונד איך האב געשפירט א שטיקעל פליכט צו לינדערן איהר שמערץ.

איך האב באלד געשיקט נאך א דאקטאר, דיעזער האט עפעס געגעבען צו בערוהיגען איהרע נערווען, אונד איך האב געוואכט נעבען איהר בעט דיא גאנצע

ראמענהאנד: דאן האט ער אויפגעהויבען דיא וויאָלין, אנגעפאנגען צו פּראָבירען דעם טאָן פון דיא סטרונעס. איך געדענק, וויא מיין פרוי האט זיך שטארק בעמיהט צו זיין כּאָלטבּליטיג, אונד איך עראינער מיך גאנץ גוט וויא איך האב אין איהר בעמערקט א לייכטעס ציטערן. איהרע פינגער האבען בעריהרט דיא קלאפּען פון דער פּיאנאָ; זיא האט ארויס געבראכט א טאָן, אום ער זאָל קענען אָבשטימען זיין אינסטרומענט. דאן האבען זייא געוועקסעלט א בליק, וועלכער האט געקענט הייסען „אָנפאנגען,“ אונד אויך עפּעס אנדערש, וואס האט סיך אויפגעקאָכט מיט איפּערזוכט.

זייא האבען זיך אומגעקוקט צו דיא געסט, ער האט זיך געזעטצט, אונד זייא האבען אָנגעהויבּען צו שפּיעלען.

„זייא האבען געשפּיעלט דיא קרייצער־סאָנאטע פון בעטהאָפען. קענט איהר דעם ערשטען אנשלאג פון דיעזער מוזיק? איז אייך בעקאנט דיא קרייצער סאָנאטע?“

פּאָזדנישעוו האט מיך אָנגעקוקט ווילד אונד אויפגערעגט בייא דיעזע פראגען. דאן איז ער שטילל געבליעבען א לענגערע צייט, אונד פּלוצלינג, וויא ער־וואכענדיג פון א מארטערענדען חלום, האט ער געזאגט:

„עס ליעגט עטוואס שרעקליכעס אין דיעזער קרייצער סאָנאטע פון בעטהאָפען! איך מיין דעם ערשטען טהייל. איבערהויפּט — עס ליעגט עפּעס שרעקליכעס אין דער מוזיק! וואס איז דיא מוזיק? איך ווייס נים. וואס וויל זיא? וויא אזוי ווירקט זיא אונד אויף וועלכער ארט מאכט זיא דעם איינדרוק? עס הייסט, אז דיא מוזיק ווירקט אויף אונזער זעעלע, אונד הויבט אויף אין זיסע, פאנטאסטישע וועלטען. וויא אזוי זאָל איך אייך דיעזעס געפיהל פאָרשטעלען? דיא מוזיק ווירקט וואס מיר פערגעסען זיך אן זיך זעלבסט, אונד מיר שפּירען זיך זאנפט אם הערצען, געהויבען, געטראגען אונד שוועבענדיג אזוי וויא איבער דיא וואָלקען. אונטער דעם איינדרוק פון מוזיק דאכט זיך אונז אז מיר פיהלען עפּעס וויא מיר פיהלען זאָנסט נים אין אלטעגליכען לעבען; אז מיר פערשטעהען זאכען, וואס זיינען אונז זאָנסט אונפערשטענדליך; אז עס איז אונז מעגליך, וואס עס איז אייגענטליך אונמעגליך. דיא מוזיק ווירקט וויא דאס געגעצען אונד לאכען: אפילו ווען מיר זיינען נים שלעפעריג, ווילט זיך אונז דאָך געגעצען, ווען מיר זעהן אנדערע געגעצען, אונד ווען מיר זעהן אנדערע לאכען, לאכען מיר אויך, אפילו ווען עס איז גאָר נימאָ פון וואס צו לאכען.

23.

זונטאג בין איך געוואָרען א גאַנץ אנדערער מענש, גלייך וויא עס וואָלט גאר ניט געשעהען. איך אליין האב מיך בעשעפטיגט פאָרצובערייטען דיא שפּייזען אונד געטרענקע, גראדע וויא עס פּאסט פיר א מוזיקאלישען אבענד. איך האב אליין אלעס איינגעקויפט אונד איינגעלאדען דיא געסט. אום 6 אוהר האט זיך יעדער פערזאמעלט.

„ער" איז ערשיענען אין א פראק אונד דיאמאנטען האבען ארונטער געגלאנצט פון זיין ברוסט אונד זיינע שעהנע פינגער. ער האט אויסגעזעהען א הערליכער מאן, פּאסענד פיר דער גרעסטער געזעלשאפט. ער האט אלעס געטהאָן קאוואליער־מעסיג; צו יעדען געשפּראָכען שעהן, אנגענעהם, אונד פאר אלעמען געהאט איטער א צושטימענדעס שמייכעלע, גראדע וויא ער איז אויך פון דער זעלבער מיינונג וואס יענער האט אויסגעשפּראָכען. אלסדינג וויעדער, וואס מען האט אין איהם ניט בעדארפט ריהמען, דאס הייסט, זיינע חסרונות, האב איך נאך ארויס געזעהן מעהר וויא זיינע מעלות. אונד דאס האט מיך זעהר געפרייט, דען איך האב גאנץ גוט איינגעזעהען, אז ער שטעהט פיעל ניעדריגער אלס מיין פרוי. איך בין צופריעדען גע־ווען אין מיר זעלבסט מיט איהרע ווערטער, וואס זיא האט מיר געזאגט, אז זיא איז צו שטאָלץ דאריבער זאָגאר צו געבען יעמאנדען דיא געלעגענהייט, מען זאָל עפּעס מיינען, אז זיא האט אירגענד וועלכע ניעדריגע געדאנקען צו ריעזען מענשען.

עס האט אָבער ניט פיעל געדויערט, אונד מיין אונרוהע איז וויעדער ענט־שטאנדען. איך האב איינגעזעהען, אז איך וויל מיך אליין טרייסטען אונד מיר איינרעדען פיעל מעהר וויא איך דענק אין דער וואהרהייט.

אָבער דיא עטיקעטע! איך האב געמוזט זיין מונטער, פריינדליך, אונד אויך איהם האב איך געמוזט זאגען שמייכעל־ווערטער. וויא דאס האט מיך געשטאָכען, ווייסט נאר איין גאָט דעם אמת, אָבער איך האב געמוזט! ניט ווילענדיג האבען זיינע אויגען, וויא אויפגעפּאסט וועהרענד דער גאַנצער צייט פון זיטצען ביים טיש, אונד דאן האט מען אָנגעפאנגען צו שפּיעלען.

ער האט ארויס גענומען זיין וויאָלין, אונד מיין פרוי, וועלכע איז צוגענאנגען פּיאנא האט אָנגעפאנגען צו בלעטערן דיא נאָטען. יא, איך געדענק יעדע [illegible] פון יענעם אבענד! איך ערמאָנער מיך וויא ער האט געעפענט זיין [illegible] דיא וויאָלין איז געווען צוגעדעקט מיט א געשטריקטען דעקעל פון א

ברוסטען. דיא מוזיק ווערט אויס היא פייער צו לויפען איבער אונזער בלוט, אונז וועקט, מונטערט אונד רופט ארויס געפיהלע פון אויפרעגונג...

איך ווייס ניט אויב מען דארף אין גאנצען פערביעטען אזא מוזיק, אבער עס איז זיכער, אז אונטער א רוהינער אונד אנשטענדינער געזעלשאפט, זאל זיא ניט געשפיעלט ווערען. זיא האט דארט ניט מעהר קיין צוועק. אויף מיר האט דיא קרייצער סאנאטע שרעקליך געווירקט. איך האב געשפירט אין מיר זיך ערוועקען נייע געפיהלע אונד נייע פעהינקייטען, וועלכע זיינען מיר געוועזן אונבעקאנט. וואס דיא ריכטיגע בעדייטונג איז דערפון געוועזן, האב איך מיר אליין ניט געקענט ערקלערען.

יא, דאס ווייס איך גאנץ גענוי, אז איך האב מיך געשפירט אזוי הויך, אזוי ערהייבען, אז דאס געפיהל פון אייפערזיכט איז פון מיר פלוצלינג פערשוואונדען, אונד עס האט אויסגעזעהען גאר אהן א שום ווערטה פאר מיר.

נאך דעם ערשטען טהייל פון דער קרייצער סאנאטע, האבען זייא געשפיעלט דעם צווייטען טהייל, וועלכער איז שוין ניט אזוי אויפרעגענד, אונד דאן דעם שלוס, וועלכער ווירקט זאנפט, שטיל אונד בערוהיגענד.

אויף דעם ערזוכען פון דיא געסט, האבען זייא נאך עפעס אנדערש גע־שפיעלט. אלעס איז געוועזן גאנץ שעהן, אבער קיין זאך האט אויף מיר געווירקט אפילו א הונדערטען טהייל וויא דיא קרייצער סאנאטע. עפעס בין איך געוועז דעם גאנצען אבענד פריילי ך אונד מונטער. מיין פרוי וויעדער, האב איך נאך קיינמאל ניט געזעהען וויא אין דיעזען אבענד. וועהרענד זיא האט געשפיעלט, האבען איהרע אויגען געפינקעלט וויא צווייא קוילען פייער. איהרע געזיכטס־ציגע זיינען געווארען ערנסט אונד שעהן, אונד עס האט אויסגעזעהען, גלייך וויא איהר גאנצע זעעלע שווימט אין א ים זיסעס פערגניגען. נאכדעם וויא זיא האט געענדיגט, איז געלעגען א ריהרענדער אונד גליקליכער שמייכעלע אויף איהרע ליפען. איך האב דאס אלעס געזעהען, אבער איך האב אין דעם קיינע אנדערע בעדייטונג געפונען, אויסער דעם־ זעלבען איינדרוק וויא עס האט אויף מיר געמאכט. דעם רעסט פון דעם אבענד, בין איך כמעט נאר ניט אייפערזיכטיג געוועזן.

ביים אבשיעד, ווען טרוכאטשעווסקי האט צהאמען גענומען זיינע נאטען, האט ער מיך געפרעגט, ווען איך דענק צוריק צו קומען פון מיין רייזע, ווייל ער וויל זיך מיט מיר געזעגענען, איידער ער פאהרט אוועק. איך האב מיר דערפון געערגערט, אז ער רעכענט עס ניט פיר פאסענד, וועהרענד מיין אבוועזענהייט צו קומען בעזוכען מיין ווייב.

דיא מוזיק ברענגט אונז אין דעמזעלבען זעעלען־צושטאנד, אין וועלכען דער יעניגער איז געווען, וועלכער האט זיא פערפאסט. אונזערע זעעלען שמעלצען זיך צוזאמען, אונד שוועבען, פליהען אונד דריקען זיך אין א זיסער פעראייניגונג.

אבער וואס דאס איז, וויים איך נים. דער פערפאסער — לאמיר נעהמען בעטהאפען, וועלכער האט פערפאסט דיא מוזיק פון דער קרייצער־סאנאטע — האט געוואוסט דעם זעעלען־צושטאנד וואס איהם האט געפיהרט דיא מוזיק אויפצו־שרייבען. דיעזער צושטאנד האט איהם געטריעבען אזא מוזיק ארויס צו ברענגען; פיר איהם האט דיא קרייצער סאנאטע געהאט א געוויסע בעדייטונג. פיר אונז האט עס קיינע בעדייטונג; מיר ווייסען בלויז, אז מיר פיהלען אונהיימליכע, אונגעוועהנליכע, מערקווירדיגע אויפרעגונגען אין אונזערע זעעלען.

ווען מען שפיעלט צום ביישפיעל א קריעגס־מארש, דאן געהען דיא סאלדאטען נאך דעם טאקט פון דיא טענער, אונד דער מארש האט זיין צוועק ערפיללט. שפיעלט מען וויעדער א טאנץ אונד מען טאנצט, דאן האט דיא מוזיק אויך איהר צוועק ערפיללט. ווען דיא מוזיק האט אבער נים קיין שייכות מיט א געוויסער האנדלונג, דאן ווירקט זיא בלויז אויפצורעגען, אונד גיבט אונזערע געפיהלע קיין איינציגע מעגליכקייט צו געפינען א בעשטימטען צוועק. אונד דערפאר ווירקט דיא מוזיק אמאל אזוי שרעקליך אונד פירכטערליך.

אין כינא בעלאנגט דיא מוזיק צו דער רעגיערונג. זיא בעשטימט וואס מען זאל שפיעלען אונד וויא אזוי מען זאל שפיעלען. איך בעטראכט דאס פאר פאל־קאמען רעכט. קיינער האט קיין רעכט נים צו היפנאטיזירען יעמאנדען אונד מיט איהם טהון וואס ער וויל. איבערהויפט, וויא דארף מען אזא היפנאטיסט ערלויבען צו טהון וואס ער וויל, ווען ער איז איין אונמאראלישער מענש? ביי אונז אבער, ליעגט דיעזעס שרעקליכע מיטעל פרייא ביי יעדען אין דיא הענד.

דיא מוזיק האט דיא קראפט אונז צו היפנאטיזירען, אונד דער מוזיקאלישער־היפנאטיסט, קען טהון מיט אונזערע געפיהלע וואס ער וויל. ער מעג אונז טרייבען צו אירגענד איין אויפרעגונג, אונד מיר, וויא איך האב שוין פריהער געזאגט, געהען איהם נאך אונד פיהלען ענטוועדער וואס ער האט געפיהלט אדער וואס ער האט אונז געמאכט פיהלען. מאראליש אדער אונמאראליש, בלייבט זיך דאסזעלבע.

אויב אייך איז בעקאנט דער ערשטער טהייל פון דער קרייצער סאנאטע, דאן וועט איהר זיך געוויס גוט עראינערן אן דיא שטירמישע אונד אויפרעגענדע געפיהלע וואס זיא ערוועקט. שטעלט זיך פאר, ווען דיעזע קרייצער סאנאטע ווערט גע־שפיעלט אין א זאלאן, וואו עס געפינען זיך דאמען מיט נאקעטע, ווייסע הענד אונד

„איז דאס ניט נאָר איין אויסרייד?" האב איך מיך אליין געפרעגט. „יא, געוויס, אזוי איז עס. ער איז צו איהר געקומען באלד וויא איך בין אוועק געפאָהרען. זיא ווידער, מורא האבענדיג, דאס ווען איך וועל אהיים קומען וועל איך פיעללייכט ערפאהרען, אז ער איז דאָרט געוועזען, כאפט זיא דיא פיש פאר דער גנעטץ, אונד דערצעהלט מיר פאָראויס א פוסטען תירוץ. ניין! איך בין זיכער, אז ער האט איהר קיינמאל ניט פערשפראָכען צו ברענגען נאָטען בייא דער לעטצטער בעגעגנונג. נאך מעהר, איך בין איבערצייגט, אז ער האט פון מיין פרוי אבשיעד גענומען אונד זיך געזעגענט גלייך וויא מיט מיר. זיא בעטריגט אונד בעשווינדעלט מיך!"

דיעזע זיינען געוועזען מיינע געדאנקען, אונד איין אונרוהע איז אין מיר ענטשטאנדען, אז איך האב ניט געקענט איינזיטצען אויף מיין פלאטץ. איך האב מיך אויפגעהויבען, ארום געשפאצירט איבער דעם צימער אונד געדענקט שנעל, האסטיג אונד שטירמיש. איך האב דעם בריעף עטליכע מאל דורכגעלעזען. עס האט זיך מיר געדאכט, אז איך האב בעמערקט אין יעדער שורה, אין יעדען וואָרט אונד אין יעדען אות, עפעס מורא, אויפרעגונג אונד אונזיכערעס. מיין הערץ האט ווידער אנגעהויבען יענע בעקאנטע בעוועגונג פון קלאפען שטארק אונד ווייטהענד.

דאן האט מיר אנגעהויבען צו שווינדלען פאר דיא אויגען אונד בילדער האבען אנגעפאנגען צו ערשיינען. איך האב געזעהען, געפאנטאזירט, מיר פאָרגעשטעלט אונד געטרוימט וואכענדיג. דיא ווילדע חיה פון אייפערזוכט, וועלכע האט אויסגעזעהן ביז דאמאלס ערגיץ פערשפארט: האט פלוצלינג אויסגעבראָכען פון איהר שטייג, אונד האט געריסען שטיקער פון מיר. עס איז געוועזען א העפטיגער אנגריף, אָבער איך האב געקעמפפט, געשטריטען אונד ענדליך געזיעגט. איך האב דיא ווילדע חיה, אייפערזוכט, אנגעכאפט ביים נאָרגעל, זיא פעסט אונד שטארק צוגעדריקט אונד אריין געוואָרפען צוריק אין איהר שטייג.

איך האב אָנגעהויבען רוהיג אונד איבערלעגט צו דענקען.

„וואס בין איך אזוי אויפגערעגט?" האב איך מיך געפרעגט. „ווארום זאָל עס ניט זיין וויא מיין פרוי שרייבט מיר? אלץ וויא איינפאך אונד אונשולדיג יעדעס וואָרט איז! עס איז דאך ניט נויטהווענדיג איך זאָל געדענקען יעדעס וואָרט וואס מען האט גערעדט. געוויס, ער האט איהר וואהרשיינליך פערשפראָכען צו ברענגען נאָטען ווען איך האב ניט געהערט, דאן געבראכט דיא נאָטען, זיא געבעטען ווייטער צו שפיעלען, אונד זיא, אום מיין פעררוקטע אייפערזוכט ניט אויפצורייצען, האט זיא איהם ענטזאגט. דאס איז גאנץ איינפאך, אונד עס איז זעהר בראוו פון איהר

ניין, איך בין כמעט נאָר ניט מעהר אייפערזיכטיג געוועזען, אָבער דער לעטצטער געדאַנק, האט מיך געפרייט.

על־פי־חשבון איז עס אויסגעקומען, אז איך וועל ניט צוריק קעהרען פריהער איידער ער וועט אוועק פאָהרען. צום ערשטען מאל האב איך איהם הערצליך געדריקט זיין האנד, אונד איהם געדאנקט פאר דעם פערגניגען וואס ער האט אונז פערשאַפט.

ער האט זיך אויך געזעגענט מיט מיין פרוי, אונד איך האב גאנץ גוט בעמערקט, אז דיעזער אבשיעד איז ניט געוועזען קיין פערשטעלטער, אויסער וואס מיין פרוי אונד מיך, האט עס זעהר געפרייט פון דיעזען מוזיקאלישען אבענד.

דאן האב איך מיט מיין פרוי געשפראָכען גאנץ רוהיג איבער דעם איינדרוק פון דער מוזיק, אונד אונזערע בעציהונגען אין יענעם אבענד, זיינען געוועזען דיא גליקליכסטע, זייט מיר האבען חתונה געהאט.

24.

מיט צווייא טעג שפעטער, האב איך אבשיעד גענומען פון מיין פרוי אונד אבגערייזט אום צו בעזאָרגען מיינע געשעפטען. איך בין געוועזען רוהיג אונד גליקליך.

איך האב געהאט זעהר פיעל צו טהון. וועהרענד דיא ערשטע 2 טעג, האב איך געהאט צו ארבייטען גאנצע 10 שטונדען יעדען טאג. ווען איך בין אבענד אהיים געקומען אויף מיין לאָזשיע, האב איך געטראָפען א בריעף פון מיין פרוי.

זיא האט מיר געשריעבען איבער דיא קינדער, איבער דעם אָנקעל, איבער דאס קינדער־מערבען, איבער זאכען וואס זיא האט איינגעקויפט, אונד אנדערע קליינינקייטען וואס א פרוי בעזאָרגט פיר א הויז. צום שלום האט זיא בעמערקט, אז טרוכאטשעווסקי איז דאָרט געוועזען אונד געבראכט דיא נאָטען וואס ער האט פערשפראָכען צו ברענגען. ער האט איהר, אין דערזעלבער צייט, פאָרגעשלאָגען, וויא זאָלען נאך צוזאמען שפיעלען, נאָר זיא האט זיך ענטזאגט.

וויא א דונער־שלאָג האט מיך געטראָפען דיא לעטצטע בעמערקונג. דאכטזיך איך בין גאנץ גוט געוועזען דערבייא ווען ער האט זיך מיט מיר לעטצטענס געזעגענט אונד איך געדענק כמעט יעדעס וואָרט וואס ער האט מיט איהר אונד מיט מיר געשפראָכען. איך עראינער מיך בשום אופן ניט ווען ער האט איהר פערשפראָכען צו ברענגען נאָטען.

געוואָלט איינרעדען א הונגעריגען, אז דער מענש לעבט ניט אויף דער וועלט נאָר צו עסען. „יא," האט זיך דער הונגעריגער געטראכט, „דאס איז שוין ריכטיג גענוג, אבער דערווייל בין איך דאך הונגריג און מיין מאגען לאזט מיך ניט רוהען!"

צווישען אלע מיינע טרייסט־געדאנקען, האט מיר איינגערוימט א געהיימע שטימע: „אמת, זיא איז טאקי מיין פרוי, אונד, דערפאר, דארף שוין קיין אנדערער צו איהר קיין חשק ניט האבען? דאסזעלבע וואס טרייבט מיך פון איהר צו האבען א קערפערליכען גענוס, קען איין אנדערן אויך אויפרעגען. איבערהויפט, ביי טרו־באטשעווסקי'ן, איז זיא דאך א נייע זאך, אונד ער, אלס אונפערהייראטעטער, גע־זונטער אונד שעהנער מאן, דערצו נאך אויסגעלאסען, ווארום זאל ער ניט וועלען מיט איהר פערקעהרען? דאריבער איז קיין צווייפעל, איך בין נאך אויך איבער־צייגט, אז ער וואלט קיין געלעגענהייט אויסגעלאזען, אום זיך צו פערשאפען פער־גניגען. און וואס זאל זיא איינענטליך צוריק האלטען ניט צו מאכען אזא שריט? נאָר ניט. אלעס אין איהר צייגט גראדע דעם געגענטהייל. זיא איז—א געהיימניס! זיא איז עס אימער געוועזען און איז אויך אזוי געבליעבען. איך קען זיא גאָר ניט; זיא איז מיר בלויז בעקאנט פון דער טהירישער זייט, קיין זאך זאל אונד דארף זיא צוריק האלטען!"

יעטצט ערשט האב איך נאך אמאל אנגעהויבען צו שטודירען זייערע געפיהלע פון יענעם אבענד, ווען זייא האבען געשפיעלט דיא קרייצער סאָנאטע. איך האב געזעהן, אז איך בין דאמאלס געוועזען צו פיעל פערטיעפט אין מיינע אייגענע גע־דאנקען איבער דער ווירקונג פון דער קרייצער סאָנאטע.

זייערע געזיכטער זיינען פאר מיר ערשיענען אין דער אויפרעגונג אונד לוסט, אין דער קאָכעדיגער ליידענשאפט אונד גענוס.

ווארום האב איך דאס דאמאלס ניט געזעהן? אונד וויא האב איך געקענט נאך אזא סצענע אוועק פאהרען? איז עס דען ניט דייטליך גענוג, אז אין יענעם אבענד האבען זיך זייערע געפיהלע פעראייניגט? יא, איך געדענק עס גאנץ גוט, מיין פרוי האט אויסגעזעהן צו שפירען דיא פערברעכערישע געדאנקען אונד זיא האט דיעזע אויסגעדריקט אויף איהר פלאַמענדעס געזיכט אין א געפיהל פון שאנדע. איך געדענק אקוראט יענעם גליקליכען שמייכעלע אויף איהרע ליפען, ווען זיא האט אָבגעווישט דעם שוויס פון איהר שטערן. דאן האבען זייא זיך ביידע ניט געקענט קוקען אין דיא אויגען דעם גאנצען אבענד. ווען ער האט איהר אָנגעגאָסען א גלאָז וואסער, האבען זיך בעגעגענט זייערע בליקען מיט דעמזעלבען גליקליכען שמייכעלע.

דיים. וואס זיא שרייבט מיר אַלעס ארויס, וויא א גוטע, עהרליכע אונד אנשטענ־
דיגע פרוי!"

עס האט זיך מיר נעדאכט, אז איך האב מיך בערוהיגט, אונד מיך אויס־
ציהענדיג, האב איך מיך אריין געלעגט אין בעט. איך האב מיט געוואלט פער־
טריבען דיא אייפערזיכטיגע געדאנקען פון מיר, אונד האב איפערהויפט געשטרעבט
גאר ניט צו דענקען איבער מיין היים. איך האב מיך פערטראכט אין דיא גע־
שעפטען וואס איך דארף מאָרגען דורכפיהרען; מיר אויסגעארבייט א פלאן, אונד
אזוי, קלערענדיג אונד טראַכטענדיג וועגען אנדערע זאכען, ניט איבער מיין פרוי,
בין איך איינגעשלאָפען.

איך געדענק, אז זייענדיג אויף דער רייזע אונד ליעגענדיג ניט אין מיין גע־
וועהנליכעם בעט, פלעגט מיר אימער שווער זיין איינצושלאָפען. אָבער דיעזעס מאָל,
איז געוועזען איין אויסנאהמע. עס איז קיין צווייפעל, אז דיא שרעקליכע אויפרעגונג
אונד פלעטצליכע בערוהיגונג, האט אויף מיר אזוי געווירקט, אז איך בין פערמאַ־
טערט געוואָרען אונד דער שלאָף האט מיך בעזיעגט.

מעהרערע מאל האט עס פאסירט וואס איך האב פלוצלינג ערוואכט. אויך
דאמאלס איז מיט מיר דאסזעלבע געשעהען. איך האב אָבער דאן ערוואכט, גלייך
וויא איין עלעקטרישער פונק וואָלט מיך בעריהרט. איך בין אויפגעשטאנען זאָפאָרט,
נאָר ניט פערשלאָפען, אונד דער ערשטער געדאנק איז געוועזען וועגען מיין פרוי. איך
האב מיך דערמאָהנט אן מיין קערפערליכע ליעבע צו איהר, אן טרוכאטשעווסקי'ן,
אונד איך האב געקלערט, אז צווישען זייאביידע איז שוין געוויס עפעס געשעהען,
פאר וועלכען איך דארף פערבאָרגען מיין געזיכט פון חרפה. צאָרן אונד שרעק
האבען צוזאמענגעדריקט מיין ברוסט, אונד אין דיעזען צושטאנד, האב איך ווידער
אָנגעהויבען מיט מיין לאָגיק מיך צו בערוהיגען.

„איך בין א דומקאָפּ!" האב איך צו מיר אליין געזאגט. „עס איז גאר ניט
געוועזען אונד עס איז גאָר ניט געשעהען. וויא קומען צו מיר אזעלכע געדאנקען?
וואס פאר איין אורזאכע האב איך דערצו? ניין, ניין, איך דארף גאָר אזוי ניט
רענקען, אום מיך אונד זיא אויף אזא אופן צו ערניעדריגען! ער — איין איינפאכער
מוזיקער, ביעדנער פידלער, וועלכער איז בעקאנט אלס א שלעכטער מענש, — אונד
זיא, א סאָלידע, געאכטעטע פרוי אונד מוטער פון קינדער, מיין פרוי! פוי! וויא
דום איך בין!"

דום אהין, דום אהער, אָבער עס האט מיך דאָך ניט געלאָזען רוהען. עס
האט מיר אויסגעזעהען וויא דיא מאָראל פון א געוויסען פרעדיגער, וועלכער האט

דאס וועטער שעהן אונד דיא לופט ריין אונד קרעפטיגענד. מיינע אויגען האבען געבליקט אויף דער שעהנער אונד הערליכער נאטור, אונד עס האט מיר אויסגעזעהן, אז איך מאך א לוסט-רייזע. איך בין געוועזען העכסט צופריעדען מיך צו פערגעסען אויף א קורצער צייט. ווען דער געדאנק איז מיר געקומען צו וואס איך פאהר אונד צו וועלכען צוועק, האב איך אויף איינמאל געשפירט, גראדע וויא דיא פעלט האט דורכגעבלאזען דורך מיין גאנצען קערפער, אונד עס האט מיך געשוידערט. דאן האב איך געדענקט, געטראכט אונד האב אליין נאר ניט געוואוסט וויא אזוי איך זאל רעגולירען מיינע געדאנקען צום שלום האב איך צו מיר געזאגט:

„ווארט, מענש, האב געדולד, דענק יעטצט ניט אן דעם, באלד וועסטו דיך איבערצייגען. דוא וועסט אלעס זעהען מיט דיינע אייגענע אויגען.“

גראדע אין מיטען ווען האט עפעס פאסירט וואס האט מיך צוריק געהאלטען. אבער דאס האט מיך אביסעל צערשטרייעט. עס האט עפעס געבראכען בייא א ראד פון דער דראשקע, אונד מיר האבען געמוזט ווארטען דאס צו פעררינכטען. דיא ראד האט דאן געמוזט אונטערגעשפארט ווערען מיט א שטיק האלץ, אונד וועהרענד דיא דראשקע האט זיך געשלעפט, האבען מיר געמוזט נאכגעהען צו פוס, ביז מיר זיינען אנגעקומען צו א קרעטשמע, וואו מיר האבען געטראפען א מאן, וועלכער האט אלעס פעררינכט. דערווייל, נאטירליך, האט מען שוין געטרונקען טהעע, גערעדט, געמאכט שפאס, געלאכט אונד זיך אונטערהאלטען. דאס האט געווירקט וואס איך האב צייטענווייז פערגעסען אן מיין ציעל אונד אבזיכט. געגען אבענד, איז ווידער אלעס געווען אין ארדנונג, אונד מיר האבען פארטגעזעטצט דיא רייזע.

בייא נאכט איז דיא רייזע געווען נאך שווערער, דערפאר אבער אנגענעהמער פאר מיר, ווייל איך האב פערגעסען צו ביסלעך אן מיינע מארטערענדע געפיהלע. דער טרייבער איז געווען א פראסטער, אבער א לוסטיגער יונג, אונד זיין נאטירליכער וויטץ, איז אימער געווען זעהר אונטערהאלטענד.

אבער אונגעריכט זיינען ערשיינען געדאנקען אין מיין קאפ — געדאנקען, וועלכע האבען שיער איבערגעקעהרט מיין געהירן. עס האט זיך מיר געדאכט, אז דאס קייכטע ווינטעלע טורמעלט אין מיינע אויערן:

„נאר, פרעה דיך, פרעה דיך יעטצט, ווייל דוא געהסט שוין איין אייבינען אבשיעד פון דעם לעבען. זעה אונד אטהעם איין אזוי פיעל פרישע לופט וויא נאר מעגליך; זעטט דיינע אויגען מיט דער שעהנהייט דער נאטור, ווייל באלד וועט דיך אננעמען, עלענד אונד אייבינעס אומגליק שטיקען, ווערגען, פערפינסטערן אונד פערטרויערן ביז צום פינסטערן קבר.“

איך האב מיך ערראינערט מיט א שוידערן אן יענעם שטייבעלע וואס האט מיר דא־מאלס פערראורזאכט אזוי פיעל אונשולדיגעס פערגניגען.

„יא, אלעס איז פאָראיבער!“ האט צו מיר גערופען יענע געהיימניספאָלע שטימע. דאן, ווידער אין איין אנדערן טאָן: „וואס איז מיט דיר? דאס קען דאָך ניט מעגליך זיין!“

איך האב אָנגעהויבען עפּעס וויא מורא צו האבען צו ליגען אין דער פינסטער. איך האב אָנגעצונדען א שוועבעלע, אונד דיא געלע גארדינען, האבען איבער מיר געמאכט איין אונהיימליכען איינדרוק. דערווייל האב איך פערררויכט א ציגארעטע, אונד אָנגעפאנגען צו ציהען שטארק דעם רויך מיט מיין גאנצען אטהעם.

איהר קענט זיך אלזאָ מערקען דעם לויף פון מיינע געדאנקען. זייא זיינען געווען א ווידערשפּרוך, אָהן איין ענטשלוס, אָהן א בעשטימונג — א נערוועזע אונ זיכערהייט. אין אזעלכע פעללע רויכט מען, פיעל, שטארק, שנעל, אָהן אויפהערליך. דיא געדאנקען יאָגען, פליהען, שוועבען אונד זעהען אוים צו פערשווינדען מיט'ן רויך. אנדערע ווערען געבוירען, ערשיינען אונד פלאגען. אָבער דער רויך האט מיך אביסעל וויא בערוישט אונד אָבגעהאלטען דעם שטורם פון דיא גע־דאנקען.

פון שלאָפען איז אונטערדעסען קיין רעדע ניט געווען. אום 5 אוהר, אלס עס איז נאך דונקעל געווען, האב איך בעשלאָסען איין ענדע צו מאכען פון מיין אונרוהע, אונד איך האב געדענקט זאָפאָרט אהיים צו פאָהרען.

איך האב מיך שנעל אָנגעצויגען, אויפגעוועקט דעם וועכטער, וועלכער איז אויך געווען מיין דיענער, אונד איהם געשיקט ברענגען פערד. דאן האב איך מי־ וועק געזעטצט, אָבגעשריעבען א בריעף צו דיא געשעפטסלייט מיט וועלכע איך בין געשטאנען אין פערבינדונג, אונד זייא אָנגעצייגט, אז עטוואס אונערווארטעטעס איז מיר בעקאנט געוואָרען, אונד איך מוז זאָפאָרט צוריק קעהרען נאך מאסקווא. דעם בריעף האב איך גלייך געלאָזען אוועק טראָגען, אונד אום 8 אוהר, האב איך מיך אויפגעזעטצט אויף דער דראָשקע אונד בין אוועק געפאָהרען.

25.

איך האב בעדארפט פאהרען 35 ווערסט מיט דער דראָשקע אונד 8 שטונדען אויף דער אייזענבאהן. דיא רייזע איז מיר געווען זעהר אנגענעהם.

דיא געגענד איז געווען בעלייכטעט מיט העלער זונענשיין, אונד דער ערשטער לייכטער פראָסט פון דעם ווינטער האט זיך געשטארט. דער וועג איז געווען גלאַט.

וואו איך בין אין דער וועלט, ווען סעהרערע פאססאזשירען האבען זיך צו מיר אומ־נעקוקט, אונד איינער האט מיך געפרעגט:

„איהר האט וואהרשיינליך זיסע חלומות, וואס איהר לאכט אזוי?“

זיסע חלומות! מיין געזיכט האט ניט דערצעהלט דעם סוד פון מיין פער־וואונדעטער ברוסט. איך האב געשוויגען, נאָר ניט געענטפערט, אונד מיך אזוי וויא רערמינטערט.

דאָן איז דיא באהן ווייטער געלאָפען, אונד דיא פינסטערע געדאנקען האבען יד ווידער אָנגעהויבען צו דענקען.

איך האב ערבליקט מרובאטשעווסקי׳ן. ער האט אויסגעזעהען צו ענטלויפען אבער מיט איין שפרונג בין איך געווען נעבען איהם. איך האב איהם אָנגעפאקט ביי זיין ווייסען האלז מיט מיינע אייזערנע הענד; געדריקט, אלץ שטארקער אונד שטארקער; זיינע שעהנע אויגען האבען אָנגעפאנגען ארויס צו קריכען פון זיין האפ, אבער איך האב ווייטער געדריקט ביז איך האב געהערט א כאָרכלען, נד ער איז געבליעבען ליעגען אויסגעשטרעקט, פערשטארצט אונד טויט נעבען מיינע פיס...

דער שמערץ אין מיינע צוזאמענגעדריקטע פויסטען, האט מיך ווידער דערוואכט.

איך האב מיך אויפגעשטעלט אויף מיינע פיס, אויסגעצויגען מיינע גליעדער, אונד איך האב געשפירט איין אונגעהייערן שמערץ אין מיין ברוסט. איך בין צוריק געפאלען, אונד מיינע געדאנקען האבען זיך אביסעל אויסגעלייטערט.

בילדער פון איהר מיט איהם זיינען נאך אמאל ערשיענען, אָבער שוין ניט אזוי ווילד וויא פריהער, זאָנדערן קלאר, דייטליך אונד איינפאך, וועלכע האבען מיר גע־צייגט אויף דער אבשייליכסטער ארט, אז איך וועל בעטראָגען.

„איז דאס וואהר?“ האב איך מיך געפרעגט. „צייגט דיא פאנטאזיע א ווירקליכקייט? ניין, ניין! עס איז אונמעגליך! דיא פאנטאזיע נארט, בעטריגט אונד בעשווינדעלט, אונד איך בין נאך דומער מיך צו לאָזען פערפיהרען פון דער נארישער פאנטאזיע. אָבער ווארום דרינגען זיך אין מיר אזעלכע בילדער? ווארום זעה איך ניט בעסער אנדערע, בערוהיגענדע אונד טרייסטענדע בילדער?“

איך האב ניט געוואוסט וואס איך זאָל מיר ענטפערן, אונד ווילענדיג אָדער אונווילענדיג, האט מיין אייפערזוכט אין מיר געברענט וויא אין א קאָלך־אויווען.

ביי אזעלכע מאָמענטען פלעגט זיך מיר דאכטען, אז אין מיין קאָפּ ברענט א פייער, מיינע אויגען האבען פערלוירען דיא קראפט צו זעהען, אונד ויא א גרויסער שטיין פּרעסט מיין הערץ.

דאן האט מיך ערוואכט דעם טרייבער'ס געשרייא צו דיא פערד אונד א וויטץ פון זיין מויל אום מיך אויפמערקזאם צו מאכען.

אָבער דער צושטאנד האט זיך באלד געענדערט. איך האב ערריכט דיא אייזענבאהן, אויסגעשטיעגען פון דער דראָשקע אונד בין אריין אין וואגאָן. דיא רייזע האט דאָרט געדויערט גאנצע 8 שטונדען, אָבער וויפיעל איך וועל לעבען, וועל איך ניט פערגעסען אן דיא מארטערניסע וואס איך בין דאָרט אויסגעשטאנען.

מיר דאכט יעטצט — אונד איך בין אויך זיכער דאריבער — אז עס גיבט פאר קיין מאן קיין ערגערע שטראפע וויא צו ליידען פון אייפערזוכט.

מערסט זיך גוט, איך האב קיין געוויע אהנונג געהאט איבער דעם וואס מיך ערווארטעט צו הויזע. אונד דאָך האבען זיך פאר מיר געוואָרפען אזעלכע בילדער, וועלכע האבען מיך יעדעס מאל געמאכט איך זאָל אויפשפּרינגען פון מיין זיטץ וויא א משוגענער.

אויב דאס איז געווען דורך מיינע אויפגערעגטע נערווען פון א גאנצען טאָג, אימער שוועבענדיג אין פינסטערע געדאנקען אונד אונזיכערהייטען, אָדער דערפאר וויל איך האב געשפירט, אז אָט באלד וועל איך שוין אלעס ערפאהרען, — יעדענ־פאלס האב איך געקעמפפט געגען מיין פאנטאזיע מיט אלע כחות, אונד איך האב פון מיר ניט געקענט פערטרייבען דיא שוידערהאפטע געדאנקען.

איינמאל האט זיך מיר געדאכט, אז איך זעה מיין פרוי, האלב נאַסעט, ליעגענדיג אין דיא ארעם פון דעם מוזיקער. זיא האט געשמייכעלט — א גליקליכען שמייכעל, אונד דערמאָהנט מיין נאמען, ביי וועלכען זיא האט זיך צולאכט. איך האב געשפירט וויא דיא פינגער פון מיין רעכטער האנד האבען זיך אויסגעצויגען וויא שפּיזען, אונד מיט דיא לייכטע שריט פון א קאטץ, האב איך מיך דערנעהנטערט, זיא ערגריפען מיט דער לינקער האנד ביים האלז, אונד דיא פינגער פון מיין רעכטער האנד האב איך אריין געשטאָכען אין איהר ווייסע ברוסט אונד גענרייכט, טיעף, וויים, ביז צום הערצען... דאס איז געווען רונד, ווארעם, אונד איך האב דאס ארויס געריסען אונד איך האב מיך צולאכט...

ווירקליך, איך האב געלאכט, א ווילדען, שוידערהאפטען לאך, וועלכער האט פערפרווירען דאס בקוט פון מיינע אדערן. דאן האב איך מיך פלוצלינג דערמאָהנט

איינבילדונג, אונד קיין זאך פון אלעמען וואס איך רעדע האט פאסירט ; איך האב אויך גאר קיין גרונד אזוי צו דענקען. האט זיא מיר דען ניט געזאגט, אז בלויז דער געדאנק איך זאָל איבער איהר אייפערזיכטיג זיין, איז שוין אויך ערניעדריגענד פאר אזא פרויענציממער וויא זיא איז ?"

„אָבער זיא זאגט דאָך א ליגען !" האט דער טייפעל נאָך אמאל מיך דערמאָהנט.

ווען איך האב מיך אומגעקוקט, האב איך געזעהען, דאס בלויז צוויא פאס-סאזשירען זיינען נאָך געבליעבען אין וואגאָן, אונד אלס דיא באהן איז שטעהען געבליעבען בייא דער סטאציאָן, זיינען זייא אויך ארונטער געגאנגען.

אליין ! איך בין געבליעבען זיטצען אליין ! איך בין אויפגעשפרונגען אונד צוגעלאָפען צום פענסטער. איך האב בייא מיר אויסגעזעהען וויא א ווילדער מענער וואס וויל ארויס שפרינגען פון זיין שטייג.

(בייא דיעזע ווערטער איז פאָזדניטשעוו, דער ערצעהלער, אויפגעשפרונגען פון זיין זיטץ. דיא שילדערונג אונד דיא עראינערונג אן אלעמען, האט איהם צופיעל אנגעשטרענגט. ער איז אָבער באלד צוריק געפאלען אין זיין זיטץ, ווען ער האט זיך דערמאָהנט אן אלעמען וואס געהט יעטצט פאָר מיט איהם.)

„דיא אייזענבאהן !" האט ער נאָך אמאל אָנגעפאנגען, „זיא שווינדעלט מיך, ווייל מיט איהר קומען אזוי פיעל טרויעריגע עראינערונגען ! אָבער אום פאָרטצר זעטצען מיין ערצעהלונג וועל איך זאגען, אז גראדע וויא יעטצט, אזוי האב איך מיך דאמאלס אויך צוריק געזעטצט. איך האב אָנגעפאנגען אנצושטרענגען מיין גרעסטע קראפט צו פערטרייבען דיא רעיונות פון מיר. איך האב מיך מיט געוואלט דער-מאָהנט אן דעם ווירטה פון דער קרעטשמע, אן מיין טרייבער, אן דעם טהעע וואס איך האב געטרונקען, אונד דאן אום א אינגעלע וואס איך האב דאָרט געזעהען זיך שפיעלען. דערבייא האב איך מיך אויך עראינערט אן מיין וואסיא'ן.

מיין וואסיא ? ווער זאגט מיר דען מיט גענוג זיכערהייט, איך זאָל דאס קענען גלויבען, אז ער איז מיינער ? אונד ווען יא, פיעללייכט שטעהט ער יעטצט, מיט זיין אונשולדיגען פנים'ל אונד איז איין עדות דערבייא וויא טרובאטשעווסקי קושט זיין מוטער, מיין פרוי ! וואס קען דאס קינד פיהלען בייא אזא סצענע ?

וואס איך האב געליטען, איז קיין מענשליכע פעדער אימשטאנדע צו בע-שרייבען.

צאָרן, האס אונד פערצווייפלונג; וואוטה, ווילדהייט אונד אויפרעגונג האבען מיך נעפלאגט אונד מיך אלץ הייסער אונד מוטהינער נעמאכט.

איז דאָ א טייפעל אויף דער וועלט? איך ווייס ניט. אָבער אויב איינער עקזיסטירט, דאן האט ער זיך דאמאלס איינגעקווארטירט אין מיין גאנצען קערפער אונד מיך ניט נעלאָזען רוהען אפילו איין מינוט.

פלוצלינג איז מיר נעקומען אויף דיא נעדאנקען א נעשפרעך וואס איך האב נעהאט מיט טרוכאטשעווסקי'ס ברודער. ער האט מיר אמאל דערצעהלט, אום צו בעוויזען זיין „וואוויליונגשאפט," דאס ער האט ניט נעטהיג צו נעהן אין עפענט־ליכע הייזער. דיא אורזאכע דערפון איז גאנץ איינפאך, ערשטענס האט ער מורא, אז דאדורך קען ער אננעשטעקט ווערען מיט א מיאוס'ע קראנקהייט, אונד, צוויי־טענס, גיבט עס נענוג פרויען פון מענער, וועלכע האלטען זיך ריין אונד זויבער, אונד פון זייא האט מען ניט צו ערווארטען אזעלכע קראנקהייטען.

דאס איז שוין נעוועזען זעהר לאנג, זייט ער האט מיר דיא נעשיכטע דערצעהלט, אָבער דער טייפעל אין מיר, האט מיך אן אלעמען דערמאָהנט. אונד מיר נעזאגט, אז דער מוזיקער, דער ברודער פון יענעם שופט, האט יעטצט נעפונען מיין פרוי, וועלכע ערפיללט זיין לוסט, אונד ער האט דאבייא קיין מורא ניט פאר קיין מיאוס'ער קראנקהיים.

„אזוי איז דאס!" האט מיר דער טייפעל אייננעראמט אין מיינע אויערן. „נעוויס, אָהנע צווייפעל! מיט דעם מוזיקער טרוכאטשעווסקי... אונד ווארום זאָל ער עס ניט טהון מיט מיין פרוי? איז זיא עפעס אין דיר אזוי שטארק פערליעבט? האט זיא אפשר מורא פאר איין עבירה? זיא איז דאָך זעהר פרייא, גלויבט ניט אין גאָט, בלויז אין טייפעל, וועלכער קלאפט נאך „בראוואָ" דערפאר. טרוכא־טשעווסקי וויעדער, אָבוואָהל א שעהנער מאן, האט אין איהר א נאנץ פאסענדע; עס פעהלט איהר אפילו איין צאהן אונד זיא איז אביסעל צו דיק — אָבער זיא איז דאָך ניט מיאוס, אונד, איבריגענס, זיא איז דאָך יעדענפאלס ליעבער פאר איין עפענטליכעס פרויענצימער, וועלכע קען ברענגען קראנקהייט... מענער איבערהויפט, קוקען ניט זעהר פיעל אויף פאָלקאָמענע שעהנהייט, זאָלאנג זייא קענען נאָר ער־פילען זייער תאוה"...

מיין אטהעם האט מיך וויעדער נעשטיקט, אונד א לאנגער זיפץ האט מיך אביסעל פערלייכטערט.

„ניין!" האב איך אויסנעשריען נענוג הויך אום דיא פאססאזשירען זאָלען אויף מיר קוקען. „עס איז ניט מעגליך! עס איז שרעקליך! דאס איז נאָר איין

פון אנגעשטעקטע אונגליקליכע, זאָנדערן איהם נאָר ציינען דאס גליהענדע פייער אין מיין הערץ, וואס איז דאמאלס אָפּט אויפגעשארט געוואָרען פון טייפעל־הענד מיט אייזערנע גראבלעס.

דאס שרעקליכסטע איז געווען, וואס איך, אלס מאן, האב מיך געדעכענט צו בעזיטצען דאס גאנצע רעכט איבער איהר קערפער. גראדע וויא איבער א טהייל פון מיר אליין, אונד דאָך, נאכקלערענדיג האב איך געמוזט איינזעהען, אז זיא קען טהון מיט איהר קערפער, וואס זיא וויל. איך האב מיך געשפירט קראפטלאָז אום צו פערהינדערן דאס ער, טרוכאטשעווסקי, וועלכען איך האב געהאסט מעהר וויא דעם טויט, זאָל ניט בעזיטצען אונד טהון מיט מיין פרוי אלעס וואס איז אין מיינע אויגען שווידערהאפט אונד שרעקליך.

26.

פאר דער לעטצטער סטאציאָן, איז דער קאָנדוקטאָר אריין געקומען אונד בייא מיר אָבגענומען מיין בילעט. איך האב מיך גלייך אויפגעהויבען, צוזאמען גע-נומען מיינע זאכען אונד ארויס אויף דער פלאטפאָרמע פון דעם וואגאָן. איך בין געווען זעהר אונגעדולדיג אונד איך האב מיך שוין געוואָלט זעהען בייא מיין ציעל. עס איז מיר קאלט געוואָרען. איך האב געציטערט אונד געשפירט, אז עס האט מיר געקלאפּט א צאהן אן א צאהן. דאן איז דיא באהן געבליעבען שטעהען, אונד איך בין שנעל ארויס. וויא אזוי איך בין ערשיענען אויף דער גאס, געדענק איך ניט, נאָר איך ווייס, אז איך האב דערזעהען א פוהרמאן מיט א דראָשקע אונד איך האב איהם געהייסען, ער זאָל מיך אָבפיהרען אהיים. וועהרענד דעם פאָהרען, האב איך געבליקט אויף דיא פערביינעהענדע אונד איך האב געלעזען דיא שילדער אויף דיא געשעפטען.

וויא איך בין אָבגעפאָהרען אונגעפעהר א האלבע ווערסט, האב איך גע־שפירט, אז מיינע פיס פרירען מיר. איך האב מיך דערמאָהנט, אז זיטצענדיג אין וואגאָן, האב איך מיר אויסגעצויגען מיינע וואָלענע זאָקען אונד אריין געלעגט אין רייזע־טאש. אָבער וואו איז דער רייזע־טאש? האב איך איהם געהאט? יא. אונד וואו איז דער גרויסער קאָרב? איך האב מיך דערמאָהנט, אז איך האב פער־געסען דאס געפעק. אָבער איך האב געהאט א קוויטונג, אונד איך האב מיר גע-טראכט, אז דאס וועט ניט פערפאלען ווערען.

ווען איך דערמאָהן מיך יעטצט, דאן זעה איך ניט איין דיא אורזאכע, ווארום איך האב מיך דאמאלס אזוי געאיילט. עס איז בייא מיר קיין צווייפעל געווען, אז

דאן איז מיר פלוצלינג איינגעפאלען א נייער געדאנק: איך זאָל ארויס געהן פון דעם וואגאָן בייא דער נעכסטער סטאציאָן, מיך אוועק לעגען אויף דיא שינעס מיט מיין קערפער — ניין! מיט מיין האלז, אונד דיא ברייטע אונד שווערע ראד וועט ארויף, א שפריטץ בלוט, א קליינער שמערץ, א בליק, א געדאנק, אונד אלעס איז פאָראיבער.

אָבער ווארום זאָל איך דאס טהון? ניין, איך דארף אזא שריט ניט מאכען, פיעללייכט איז זיא נאר גאנץ אונשולדיג? וואס פאר א בעוויז האב איך דען פון איהר שולד? אונד ווען זיא איז יא שולדיג, דאן ווארום זאָל איך איהר פרייא מאכען דעם וועג? ניין, איך מוז לעבען אונד זיא זאָל ליידען — אזוי פיעל ליידען, ביז זיא זאָל האבען א בעגריף פון מיינע שמערצען.

דענקען, טראכטען, דענקען! איך האב ווידער געדענקט. איך האב בעשלאָסען רוהיג צו איבערלעגען יעדע איינצעלהייט אונד זעהען מיט א קלאָרען פערשטאנד, ווארום איך בין אזוי אויפגערעגט. אָבער איך האב ווידער געהאט א טעות אין מיר אליין. איך האב נאָר ניט געקענט האבען קיין קלאָרען פערשטאנד דאמאלס, אונד רוהיגע איבערלעגונג, האט מיר געפעהלט.

דאן זיינען געקומען אנדערע געדאנקען. איך האב מיך עראינערט, אז עס האט שוין אמאל פאסירט, וואס איך בין אויך געווען אויפגערעגט מיט אייפערזוכט (נאַטירליך ניט אזוי פיעל וויא דאמאלס), אונד אלס איך בין געלאָפען, געפלויגען אונד געשוועבט אהיים מיט דעם געדאנק זיא צו טרעפען מיט איין אנדערן, האב איך זיא נאָר געפונען רוהיג שלאָפענדיג.

„דומקאָפּ!" האב איך צו מיר געזאגט, „יעטצט קען אויך דיעזעלבע זאך זיין, אונד דוא וועסט ערשט שפעטער זעהען וויא נארריש דוא ביסט געווען. דוא וועסט אהיים קומען, זיא וועט אויפשטעהען פון איהר בעט, פערשלאָפען, דיך בעגעגנען מיט א פריינדליכען שמייכעלע, דיך נעהמען אין איהרע ארעם, אונד דוא וועסט איינזעהען וויא דום אלע דיינע געדאנקען זיינען געווען. אך גאָטט! העלף מיר עס זאָל אזוי זיין! אך, וויא שעהן דאס וואָלט דאמאלס געווען — אָבער ניין, דאס האט אפילו עטליכע מאל פאסירט, אָבער ניט יעטצט, ניט יעטצט!"

דיא לעטצטע ווערטער האט צו מיר געמורמעלט דיא געהיימניספאָלע שטימע.

אך, זיינען דיעזע געווען שמערצען! אום אוועק צו נעהמען פון א יונגען מאן דעם חשק פון פרייען, דארף איך איהם ניט פיהרען אין דער האָספּיטאל־אבטהיילונג

אויב נאך יעמאנד איז דא. אָבער ער האט געזאגט, אז אויסער דעם מחיקער, איז קיין פרעמדער פערהאנדען אינ[illegible]הויז.

איך געדענק, ווען יענאָר האט מיר דיא לעטצטע ווערטער געזאגט, האט עס אויסגעזעהען, אז ער האט מיך געוואָלט אזוי וויא בערוהיגען, אונד זאגען, אז אויסער איין שופט איז קיין אנדערער ניטאָ.

„אונד דיא קינדער ?“ האב איך געפרעגט.

„זייא זיינען גאָט זייא דאנק געזונד,“ האט ער געענטפערט, „אונד זייא שלאָפען שוין זייט לאנג.“

דערבייא האב איך געשפירט א ציטערן אין מיינע קניען אונד ווידער דיא לופט־פרעסונג, וואס האט מיך לעטצטענס אזוי אָפט געשטיסט. פלוצלינג האב איך מיך דערמאָהנט אן דעם וואס איך האב פריהער געדענקט, אז איך וועל אהיים קומען, זיא טרעפען שלאָפענדיג אין אונשולד —

„אונד יעטצט !“ האב איך געמורמעלט באפענדיג דעם אטהעם, „איז דיא לעטצטע שפור פון דיעזער האָפנונג פערשוואונדען.“

אלע מיינע שוידערהאפטע געדאנקען, האב איך געטראָפען בעשטעטיגט. איך האב געשפירט א גרויסען שמערץ, אונד איך האב געוואָלט וויינען. מיין שטימע האט אונווילענדיג געזאגט :

„וויינען ? דומקאָפּ ! לאָז דיך ניט הינרייסען פון דיינע ווייכהערציגע געפיהלע, דאמיט זייא זאָלען זיך דערוויל קענען שיידען, אונד דוא וועסט בלייבען דערזעלבער נאר וויא פריהער, ניט האבענדיג אפילו קיין בעווייזע איבער איהר שולד.“

איך האב באלד ערוואכט. קראפט, שנעללקייט, מוטח אונד ענטשלאָסענהייט זיינען אין מיר ענשטאנדען. איך האב געזעהען דיא נויטהווענדיגקייט פון באלדינגער האנדלונג אונד טהעטיגקייט. איך בין פלוצלינג געוואָרען א וויטהענדעס אָבער רענקענדעס טהיער.

„עס איז ניט נעטהיג, מען דארף ניט !“ האב איך געזאגט צו יענאָר'ן איהם צוריק האלטענדיג, אלס ער האט געוואָלט אריין געהן אין זאלאָן אנצייגען מיין אנקונפט. „געה, נעהם זאָפאָרט א פוהרמאן אונד ברענג מיר מיין געפעק. דא האסטו דיא קוויטונג. געה שנעל !“

ער האט בייא מיר גענומען דאס שטיקעל פאפיר אונד איז געגאנגען דורכ־פיהרען מיין אויפטראג.

עטוואס שרעקליכעס אונד פירכטערליכעס וועט באלד פאסירען אין מיין לעבען. אלזא, וואס איך האב מיך בעדארפט איילען דיעזעס אוננליק צו בענענענען? אבער דיעזע זיינען דיא געהייםניסע פון אונזער לעבען, וואס מיר זיינען נים אימער אימשטאנדע צו ערקלערען.

עס איז נעוועזען 1 אוהר אין דער נאכט. איך האב נעזעהען איינינע פוהרלייטע שטעהענדיג אויף דער גאס, וואו זייא האבען ערווארטעט פאססאזשירען. אויפ־הויבענדיג מיינע אויגען, האב איך בעמערקט, אז דיא פענסטער פון מיין זאלאן זיינען בעלייכטעט.

פון דיעזען מאמענט אן, האב איך בייא מיר אויסגעזעהען, וויא אזעלכער, וועלכער איז פעראורטהיילט געווארען צום טויט, אונד איז א לאנגע צייט געווען זעהר אונרוהיג, אבער קומענדיג נאהענט פון דער תליה, איז דיא מורא פלוצלינג פערשוואונדען געווארען, אונד א זעלטענע גלייכגילטיגקייט האט איהר פלאטץ פערטרעטען.

איך האב מיר נים געגוי ערקלערט, וואס דאס בעדייטעט, ווארום עס איז ליכטיג אין מיין זאלאן, אבער אויבערפלעכליך האב איך דאס אקצעפטירט אלס א טהייל פון דעם פראגראם, צו וועלכען מיין שרעקליכע פאנטאזיע האט מיך פאר־בערייטעט.

איך בין ארונטער פון דער דראשקע, בעצאהלט דעם פוהרמאן, אונד מיט א מערקווירדיגער רוהיגקייט בין איך ארויף אויף דיא טרעפען פון מיין הויז, אונד אנ־געקלונגען.

יענאר, מיין געטרייער דיענער, אבער זעהר א נארישער מענש, האט געעפענט דיא טהיר.

דאס ערשטע וואס מיינע אויגען האבען ערבליקט, איז געוועזען א פרעמדער פאלטא, וועלכער איז געהאנגען נעבען מיינע קליידער אויף דעם קליידער־געשטעל אין קארידאר. ניין, איך האב מיך דאריבער נים געוואונדערט. נאך דעם ליכט אום 1 אוהר בייא נאכט אין מיין זאלאן, איז אויף'ן פראגראם דער צווייטער געגענשטאנד, א פרעמדער פאלטא. ווענעס ער איז, האב איך נים בעדארפט פרעגען, איך האב שוין אליין פערשטאנען.

מיין פאנטאזיע האט מיך אלזא נים בעטראגען. איך האב אתטערדעסען, פלויז אום עפעס צו רעדען, געפרעגט יענאר'ן, ווער עס איז דא אין הויז. ער האט מיר אנגערופען טרוכאטשעווסקי'ס נאמען. דאן איז מיר איינגעפאלען צו פרעגען,

איך האב געוואוסט, אז דאס בלוט ועט פערגליווערט ווערען אין איהרע אָדערן, אונד דאס האט מיך געפרייט.

איך בין אונטערדעסען אריין אין מיין צימער, אונד דער ווייכהערצינער שמערץ, האט מיך ווידער ערגריפען. איך האב מיך דערמאָהנט אן דיא קינדער, אונד אומפאלענדיג אויף מיין סאָפא, האב איך אויסגעבראָכען אין א העפטיגעס געוויין.

„איך בין איין אָרענטליכער מענש,“ האב איך צו מיר אליין געזאגט, „א מאַטען׳ס א קינד, וועלכער האט אימער געדענקט אונד געטראכט וועגען דעם גליק פון מיין פאמיליען־לעבען, אונד איך האב קיינמאָל ניט, זייט איך האב חתונה גע־האט, געבראָכען דעם טרייהייט צו מיין פרוי... אונד זיא! א מוטער פון פינף קינדער... זיא אומארמט יעטצט דעם מוזקער, ווייל ער האט א וויסען האלז מיט רויטע ליפען... אונד מיר האט זיא אזוי געשריעבען, אזוי שענדליך אָבגענארט... וואס ווייס איך? פיעללייכט איז עס אימער אזוי געווען, פיעללייכט זיינען נאָר דיא קינדער. וועלכע זיא זאָגט, אז זייא זיינען מיינע, דער רעזולטאט פון א צוזאמענקונפט מיט דיא דיענער? אונד ווען איך וואָלט מאָרגען געקומען, דאן וואָלט זיא מיר ענטקעגען געקומען, שעהן אויסגעפוטצט, מיט א שמייכעלע אויף איהרע ליפען, אונד מיט בעסטיאלישער אונשולד מיך ווידער אָבגענארט! וואס דענקט דאס קינדער־מעדכען אונד דער פראָסטער דיענער יענאָר... אונד דיא ארמע ליזא? ווען זיא איז אפילו ניט מיין קינד, האב איך זיא דאָך ליעב, אונד זיא איז שוין גאנץ פער־שטענדיג. — אונד דאס אַלעס איז, אום איהר תאוה, אום איהר קערפערליכען געגוס צו ערפיללען!“

איך האב געוואָלט אויפשטעהן, אָבער איך האב ניט געקענט. מיין הערץ האט ווידער פירכטערליך געקלאפט, אונד דיא פיס זיינען מיר געוועזן וויא אונטערגעהאקט. איך האב מורא געהאט, איך זאָל ניט שטארבען פון הערץ־שלאג.

„מיט מעהרערע מענשען האט עס שוין אזוי פאסירט,“ האב איך ווייטער גע־ברומט שטילערהייט. „אונד וואס איז דאס פאר א וואונדער? קען דען ניט אזא ווייב טרייבען צים טויט? אונד וויא זיא וואָלט זיך דאן געפרייט! זיא וואָלט מיך געירשה׳ענט, געהאט א סך געלד, געטהאָן וואס זיא וויל אונד פערקעהרט מיט אַלע לומפען, אבי צו ערפיללען איהר תאוות... זיא וואָלט געשפיעלט נאך אמאל דיא קרייצער סאָנאטע, אום צו ערוועקען איהר רייץ... אונד איך, דומקאָפּ, ליעג דערווייל דאָ, וועהרענד זייא קושען זיך אונד לאכען... ניין, ניין, ער האט אָנגענומען

אום ער זאָל קיינעם ניט אויפמערקזאם מאכען, אָדער דערשרעקען, בין איך איהם נאכגעגאַנגען זעהען אויב ער איז אוועק. אַלס איך האב מיך צופריערען גע־שטעלט, בין איך צוגעגאנגען אויף דיא שפּיטץ פינגער נאָהענט צום זאַלאָן אונד איך האב געהערט א קלאַפּערייא פון טעלער מיט מעסערס.

„דיא הערדשאַפט אונטערהאַלט זיך אַזוי שפּעט,“ האב איך מיר געטראַכט קריצענדיג מיט דיא צייהן, „נאַטירליך מוז מען עפּעס עסען, ווען מען איז אויף אַזוי שפּעט בייא דער נאַכט“...

מיין העכסטער וואונש איז געווען, דאס איינער פון זייא זאָל מיך ניט בע־מערקען, איידער איך בין פערטיג צו מיין ארבייט.

אָבער וואס איז מיין ארבייט? דאס האב איך נאך ניט געוואוסט. איין זאך איז מיר געווען בעקאַנט, אַז באלד ווערט עפּעס שרעקליכעס פּאַסירען.

איך האב מעהר ניט געצווייפעלט אין איהר שולד. מיין איינציגער געדאַנק איז געווען, וויא מיך נוקם צו זיין.

אליין, בייא דער נאַכט מיט איהם? איז דאס אליין ניט קיין פערברעכען? אָבער ווער זאגט מיר, אַז זייא זיינען שוין דערבייא געבליעבען שטעהן? אַזוי שפּעט בייא נאַכט! יא, איך האב געגלויבט, אַז דאס ערגסטע איז שוין געשעהען!

יא, איך בין אין א געוויסער בעציהונג געווען רוהיג אונד געקענט דענקען אונד איבערלעגען. דיא פראגע, ווארום דער זאַלאָן איז בעלייכטעט, איז מיר באלד בעגנטפערט געוואָרען: ער איז דאָך געווים ערשיענען דאמאלס, ווען דיא דיענער־שאַפט האט איהם געזעהען, דאס קען זיא דאָך ניט פערלייקענען. אויסצולעשען נאכהער דיא ליכט, וואָלט געווען א בעשטעטינונג פיר יעדען פון איהר פערברעכען. זיא האט בעסער געלאָזען ברענען דיא ליכט אונד... איך האב געשוידערט.

נאָר איין זאך האט מיך געשראָקען, אונד דאס איז געווען, זייא זאָלען ניט ענטלויפען, איידער איך האב געקענט דורכפיהרען וואס איך וויל. ראַן האב איך געהערט פון דיא ווייטע שטימען אונד געאורטהיילט, אַז זייא זיינען נאָר ניט אין זאַלאָן, זאָנדערן אין צימער נעבען זאַלאָן.

יעדער שאטען פון צווייפעל איז שוין פערשוואונדען! זיא איז שולדיג! ביידע זיינען שולדיג, אונד זייא זאָלען ליידען!

וויעדער אויף דיא שפּיטץ־פינגער, בין איך צוריק געגאנגען איבער דעם קאָר־רידאָר, אונד מיר פאָרגעשטעלט וואס זיא ווערט דענקען, ווען זיא ווערט מיך ערבליקען.

27.

דער אויסדרוק פון איהר געזיכט, ווען זיא האט מיך ערבליקט, איז געווען שרעקליך. אָבער דאס האט מיך געפרייט. איך וועל ניעמאלס פערגעסען דיא טויט־שרעקען, ערשטוינגען, איבערראשונג אונד ווילדהייט, וואס האט זיך אין יענער מינוט אבגעשפּיעגעלט אויף איהר געזיכט. עס האט אויסגעזעהן וויא איין אבערגלויבישער מענש ערבליקט אין דער פינסטער אויפשטיינענדיג דיא פיגור פון זיין טויטען שונא.

ער איז, דאכט מיר, געזעסען נעבען איהר ביים טיש, אָבער ער איז גלייך אויפגעשפּרונגען אונד זיך געשטעלט מיט'ן ריקען נעבען א גרויסען קליידער־שראנק. זיין געזיכט האט אויך אויסגעזעהן שטארק דערשראָקען.

אָבער, פּלוצלינג, האט זיך דיא מיענע אויף איהר געזיכט געוועקסעלט. איך בין מודה ומתודה, אז ווען זיא וואָלט ניט אָנגעפאנגען וויעדער אמאל, אונד גראדע דאמאלס, צו שפּיעלען איהר אַלטע ראָלע פון פערשטעלען, וואָלט עס פיעללייכט אנדערש געווען. אָבער דיא מיענעס אויף זייערע ביידען'ס געזיכטער, האבען זיך זעהר אָפט געוועקסעלט, אונד פאָרגעשטעלט צאהלרייכע בילדער פון זייערע געדאנקען.

אויף זיין פּנים, האב איך געלעזען, אז ער פרעגט זיך אליין, אויב עס וועט איהם געלינגען מיך אָבצונארען. ווען יא, דאן מוז ער עס זאָפאָרט פּראָבירען, אונד ווען ניט, דאן דאַרף ער, אלס ערפאהרענער אין אזעלכע סצענעס, עטוואס אנדערש פּראָבירען.

אָבער וואס איז דאס? זיין בליק ווענדעט זיך צו איהר, אונד איך לעז אין דיעזען בליק א פראגע. זיא וויעדער ערווידערט דיעזען בליק מיט א צווייטען, וויא איינער רעדט: „דער דומקאָפּ שטערט אונז.“ איהר געזיכט, איהרע מיענען, האבען מיך שיער פערריקט געמאכט אויס צאָרן.

דעם קינזשאל האב איך דערווייל געהאלטען מיט מיין רעכטער האנד אויף דעם ריקען, זייא זאָלען איהם ניט זעהען. אין דיעזען אויגענבליק, האט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפּען א שמייכעלע, אונד מיט א נאַטירליכער קאַלטבלוטיגקייט, האט ער געזאגט:

„אתר מיר האבען געשפּיעלט“...

„דאס איז אונערהאָרטעס,“... האט זיא דאן אָנגעפאנגען מיט פאסענדער מיענע ווייל זיא האט געהערט זיין שטימע.

איהר ליעבע, אפילו ווען דיא איז ניט אזוי יונג... דאן איז זיא דאך איבערהויפט ניט מיאוס, אונד דיא הויפטזאך איז, זיא קען דאך ניט נעפעהרליך ווערען פיר זיין קאָסטבארע געזונדהייט... ווארום האב איך זיא ניט דאמאלס דערוואָרגען, מיט אכט טעג צוריק, ווען זיא איז געווען אין מיין צימער?"

איך האב מיך גאנץ גוט עראינערט אן יענעם צושטאנד, אונד איך בין זיכער געווען, אז איך האב אין מיר בעזעסען געגוג וואוטה אום זיא צו ערמאָרדען. איך האב בעדויערט ווארום איך האב פערגאבלעסיגט דיא געלעגענהייט.

„עס וואָלט בעסער געווען דער שמערץ," האב איך געטראכט. „צו צווייפלען אין איהר שולד, שוין נאך דעם וויא זיא איז טויט, אלס צו זיין איבערצייגט, אז זיא איז שולדיג, אונד ענטרייסען דיא ליעבע אונד פליכט פון דיא אונשולדיגע קינדער!"

איך האב געוואָלט אויסשרייען וויא א פערוואונדעטער הונד, אָבער איך האב דערשטיקט דיא שטימע אין מיר. קראפט אונד מאכט האבען צוריק געקעהרט מיט גרויסער שנעללינקייט, אונד איך האב, פאר אלעמען, אויסגעצויגען מיינע שטיוועל. איך בין אויפגעשטאנען אין דיא זאָקען. דאן האב איך אויסגעשטרעקט מיין האנד צו דער וואנד, איבער דער סאָפא, וואו מיינע געוועהרען זיינען געהאנגען. איך האב פון דאָרט ארונטער גענומען נאך איין אונבעניטצטען דאמאסצענער קינזשאל. דאס איז געווען א צוויי־שארפיגעס קרומעס שטיך־מעסער. איך האב דערפון ארונטער געצויגען דיא לעדערנע שייד, וועלכע איז ארונטער געפאלען צווישען דער סאָפא.

איך עראינער מיך, אז איך האב געדענקט, דאס איך מוז דיא שייד נאכהער אויפזוכען אונד צוריק לעגען אויף איהר פלאטץ, זאָנסט וועט זיא פערלוירען געהען. דאן האב איך אויסגעצויגען מיין פאלטאָ, וועלכען איך האב נאך אימער געטראגען אויף מיר. דערצו האט מיך געצוואונגען דיא גרויסע ווארעמקייט אונד איך האב געשפירט, אז צו מיין ארביים קען ער מיך הינדערן.

איך האב אָנגעהויבען צו געהען מיט לייכט שריט צום זאלאָן. וויא אזוי איך בין געגאנגען, געדענק איך ניט. אויב לאנגזאם אָדער געלאָפען, קען איך געגוי ניט זאגען, אָבער איך בין געווען געגוג פאָרזיכטיג, מען זאָל מיך ניט הערען. איך האב געדעכענט, אז זייא זיינען נאך אימער אין געבען־צימער, נאָר ווען איך האב געעפענט דיא טהיר, זיינען זייא שוין געווען אין זאלאָן.

איהר געטראָפפען מיט מיין עלענבוינגען צווישען איהרע אויגען, מיט אזא העפטיגער מאכט, דאס איך האב געדענקט, מיין ביין האט זיך אָנגעשלאָגען אן איין אייזען. זיא האט אָרויס געלאָזען א שמערצהאפטען געשרייא אונד איז צוריק געשפרונגען, צולעגענדיג ביידע הענד צו איהר געזיכט.

איך האב געוואָלט טרובאטשעווסקי'ן נאכלויפען, טראכטענדיג, אז איך וועל שוין מיט איהר דערנאך פערטיג ווערען. עס איז מיר אָבער דערווייל איינגעפאלען, אז ער איז שוין געווים אויף דער גאס, אונד עס וועט אויסזעהען צו לעכערליך איהם צו פערפאָלגען אין דיא הוילע זאַקען.

ניין! איך האב ניט געוואָלט ערשיינען לעכערליך, זאָנדערן שרעקליך! טראָטץ דעם שרעקליכען צאָרן וואס האט מיך בעהערשט, בין איך דאָך געבליעבען בייא מיינע געדאנקען אונד איבערלעגונג. איך קען זאגען מיט זיכערהייט, אז יעדע פון מיינע האנדלונגען, איז דאמאלס געווען אויף אזוי וויים אויסגערעכענט, וויא נאָר א מענש קען זיך פאָרשטעלען אונטער אזעלכע אומשטענדען.

איך האב מיך אומגעווענדעט. זיא איז געזעסען אויף א ווייכען שטוהל, האל־טענדיג דיא הענד בייא איהר געזיכט, אונד מיך אָנגעקוקט. איהר מויל האב איך געקענט זעהן גאנץ גוט. דאס האט אויסגעדריקט שרעק אונד האס געגען מיר. עס איז מיר פאָרגעקומען אונגעפעהר וויא דיא מויז זעהט אוים, בשעת דיא קאַטץ האט זיא געפאנגען צווישען איהרע לאפּעס.

איך, ווענינגסטענס, האב געלעזען אין איהר גאנצער בענעהמונג, מורא פאר מיין אויפרעגונג אונד האס דערפאר, ווייל איך האב געשטערט איהר ליעבע צו אנאנדערן.

נאך צווייפעל איך, אויב איך וואָלט דיא לעטצטע שרעקליכע סצענע דורכ־געפיהרט, ווען זיא וואָלט געשוויגען. פיעללייכט וואָלט איך זיא געשלאָגען, אָדער מיך אָבגעווענדעט מיט פעראכטונג נאכדעם וויא איך וואָלט זיא ארוים געוואָרפען פון הויז. אָבער זיא האט אָנגעהויבען צו רעדען, אונד זיך אויפהויבענדיג פון דעם שטוהל, האט זיא געוואָלט גרייכען מיין האנד מיט דעם קינושאל. איך האב אָבגע־ווענדעט דיא האנד, אונד זיא האט געזאגט:

„בעזינן דיך! קום צו דיין פערשטאנד! וואס ווילסטו טהון? וואס איז מיט דיר? עס איז גאר ניט געשעהען, גאָר ניט! איך שווער עס דיר!“

דיא זאגט מיר עס איז גאר ניט געשעהען! אונד שווערט מיר! דיא? דיעזע בערוהיגענדע ווערטער, האבען איבער מיר געמאכט גראדע א געגענטאיינדרוק. עס איז שוין געווען צו פיעל, איך זאָל נאך ווארטען. דיא אונפערשעהמטהייט פון איהר

דיא האבען אָבער ביידע ניט געקענט ענדיגען וואס זייא האבען געוואָלט זאגען.

אהא! איך האב מיך דערפרייט! איך האב געשפירט א געוואָלטיגע לוסט צו מאָרדען!

עס איז קיין צווייפעל, אז מיין געזיכט האט פאָרגעשטעלט דיא שווידערהאפ־טיגקייט זעלבסט. איך האב מיר געמערקט וויא אין זייערע בליקען צו מיר, איז גע־לעגען דיזעלבע שרעק, וויא צור צייט וואס א שוואכער אונד הילפלאָזער מענש זעהט זיך אין דער געוואַלט פון א ווילדער חיה.

מיט איין שפרונג בין איך געווען נעבען איהר. דעם קינזשאל האב איך נאך אימער געהאלטען הינטער מיין ריקען, דאמיט טרוכאטשעווסקי זאָל מיך ניט שטערען. איך האב שוין פאָלשטענדיג געוואוסט וואס איך וועל טהון — אריין שטעכען דעם קינזשאל אין איהר זייט, אונטער דער ברוסט.

אָבער אין נעכסטען אויגענבליק, האט ער בעמערקט דעם קינזשאל, אונד אָנ־געכאפט מיין האנד, וועלכעס איך האב פון איהם ניט ערווארטעט.

„וואס איז מיט אייך, מענש!" האט ער געשריען, „וואס ווילט איהר טהון? הילפע! רעטעט!"

איך האב׳מיט איין בעוועגונג, אויסגעריסען מיין האנד, אונד מיך אויף איהם געוואָרפען מיט אזא וואוטה, אז איך האב פערגעסען אן דעם קינזשאל, אונד איהם געוואָלט צררייסען מיט דיא צייהן.

ער האט געוויס גערעכענט, אז זיין לעטצטע שטונדע האט שוין געשלאָגען, דען זיין געזיכט האט אויסגעזעהן אזוי בלאס וויא דיא וואנד, זיינע אויגען האבען זיך אָנגעפאנגען צו שליעסען אונד עפענען, אונד, וויא יעדער פייגלינג. שופט, האט ער זיך אויסגעריסען אונד ענטלאָפען אין נעבען־צימער.

איך האב איהם געוואָלט נאכלויפען, אָבער א גרויסע אונד שווערע משא האט זיך פלוצלינג אויפגעהאנגען אויף מיין לינקען ארעם. אנפאנגס האב איך ניט פער־שטאנען, אין מיין איבערראשונג, פון וואנען דאס קומט. אָבער א בליק צוריק, האט מיר געצייגט, אז זיא איז עס. איך האב מיך געוואָלט אויסרייסען, אָבער זיא איז געהאנגען נאך שווערער אונד מיך ניט אבגעלאָזט.

עס זעהט אויס, אז איך האב אויף אזא אתערוואַרטעטע שטערונג ניט גע־האָפט. איהר בעריהרונג וויעדער, האט מיך נאך שרעקליכער צורייצט אונד דיא העכסטע שטופע פון צאָרן אונד האס, איז אין מיר ענטשטאנדען. איך האב מיט אויסעראָרענטליכער קראפט בעוואוינען מיין לינקע האנד. מיך אויסגעריסען. אונד

א שוטצלאָזע פרוי, וועלכע האט זאָגאר קיין מעגליכקייט זיך צו פערטהיידיגען.

ווען איך בין געוועזען איבערצייגט, אז דער לאנגער קינזשאל האט שוין געווייס געגרייכט יענע טהיילען, אז וואו ער שטעכט בעדייטעט טויט, האב איך איהם ארויס געצויגען, שנעל אונד האסטיג.

וואס האב איך געמיינט דערמיט? יא, אויך דאס געדענק איך. איך האב פלוצלינג חרטה געהאט אויף דעם וואס איך האב געטהאָן, אונד איך האב געוואָלט אלעס ווידער ענדערן, דאס הייסט, זיא זאָל ניט שטאַרבען, איך זאָל ניט זיין איהר מערדער.

זיא איז אויפגעשפרונגען אונד אויסגעשריען: „ניאַניא! ער האט מיך ערמאָרדעט!“ דאס קינדער־מעדכען, וועלכע האט געהערט דעם ליארם אונד ערוואַכט, איז גראדע צוגעקומען צו דער טיהר אונד איז געבליעבען שטעהען. איך בין אויך געשטאנען, געקוקט פערווירט, ניט געוואוסט וואס צו טהון, אונד עפּעס איז מיר פאָרגעקומען אונגלויבליך איבער דעם וואס איז געשעהן. דאן האב איך געזעהן א שטראָם בלוט ארויס פליסענדיג פון איהר זייט אויף דעם קלייד, אונד איך האב בעגריפען וואס עס האט פּאסירט. איך האב פערשטאנען, אז אלעס איז פאָר־איבער, אזוי האב איך געוואָלט, אזוי איז געשעהען, אונד — אזוי האט עס געמוזט זיין!

איך האב געוואַרט ביז זיא איז אומגעפאלען. דאס מעדכען איז צוגעלאָפען מיט א געשרייא: „מיין גאָט!“

דאן האב איך אוועק געוואָרפען דעם קינזשאל אונד בין אוועק צו מיין צימער.

„איך דארף מיך ניט אויפרעגען,“ האב איך געטראכט, „איך מאָר ניט זיין איבערראשט, אונד מוז וויסען וואס איך האב צו רעדען.“

איך האב שוין צוריק ניט געקוקט. איך האב געהערט מיין פרוי׳ס שטימע, רופענדיג דיא גאָווערנאנטע. פארביינעהענדיג דעם קאָררידאָר, האב איך אריין געשיקט צו איהר דיא גאָווערנאנטע. דאן בין איך אריין אין מיין צימער.

„וואס זאָל איך יעטצט טהון?“ האב איך מיך געפרעגט. איך בין שוין געוועזען גאנץ רוהיג, אונד איך האב אָנגעפאנגען אויסצואַרבייטען א פּלאן.

איך האב אָנגעצונדען א לאָמפּ, אונד א קוק געבענדיג אויף דער וואנד מיט געוועהר, האב איך צו מיר געמורמעלט א צופריעדענעם „גוט!“ אויסשטרעקענדיג דיא האנד, האב איך אַרונטער גענומען א רעוואָלווער. איך האב איהם בעטראכט

איז צו ווייט נעגאנגען. עס איז מערקווירדיג, אַפּוואָהל איך האב געוואוסט, אז איך האב מיט איהר מעהר ניט וואס צו טענה'ן, האב איך דאָך געענטפערט:

„שוויינ, אונפערשעהמטע! חער פערשטוסט, ליגנערין! זאָך ניט מיך נאָך יעטצט צו נאַרען!"

איך האב זיא אָנגעכאפּט מיט מיין לינקער האנד, אָבער זיא האט זיך ארויס־געריסען. דאן האב איך זיא ערגריפען צום צווייטען מאָל מיט דער לינקער האנד ביים האלז, זיא אַניעדער געוואָרפען צו דער ערד. דעם קינזשאל האב איך נאָך אימער געהאלטען אין דער רעכטער האנד, אָבער א געוואלטינער חשק האט מיך אָנגעכאפּט, זיא צו דערווערגען. זיא האט אבער מיט איהרעביידע הענד, אָבגע־ריסען מיין האנד פון איהר האלז.

דאן האב איך פעסט צונעדריקט איהר קערפּער מיט מיין קניע, ארויף געלעגט מיין לינקע האנד אויף איהר ברוסט, מיך שטארקער צוגעבויגען, אונד אריין גע־שטאָכען דעם קינזשאל, טיעף, צווישען איהרע ריפּען, אין דער לינקער זייט.

ווען מענשען בעהויפּטען, אז וועהרענד א שרעקליכען כעס, ווייסען זייא ניט וואס זייא טהון — איז דאס ניט אמת! עס איז א ליגען! איך האב געוואוסט אלעס וואס איז פאָרגעגאנגען אין יעדען אויגענבליק. וואס מעהר דיא פירכטערליכע וואוטה האט געוואקסען, אלץ דייטליכער האבען געהאנדעלט מיינע געדאנקען, וועלכע האבען געהאט איין בלוטדורסטינגען ציעל. איך קען ניט זאגען, אז דיא איינצעל־הייטען זיינען מיר פריהער געווען אלע בעקאנט, אָבער איך בין זיכער, אז וועהרענד דער טהאט, האב איך גאנץ גוט געוואוסט פון מיינע האנדלונגען.

עס האט מיר אויסגעזעהען, אז איך וויים גאנץ גוט, דאס שפּעטער קען איך חרטה האבען, אונד איך האב מיך געקענט גאנץ גוט בעהעררשען, ווען איך וואָלט נאר געוואָלט. אָבער מיין וואונש איז געווען צו מאָרדען, אונד דאס האב איך גע־טהאָן. דער מאָמענט איידער איך האב איהר אריין געשטאָכען דעם קינזשאל, איז מיר געווען גאַנץ קלאָר. דאן געדענק איך, וויא דער קאָרסעט האט מיך אביסעל געהינדערט, אונד דאן האב איך געשפּירט וויא דאס מעסער געהט אין ווייכען אונד איך שטויס אלץ טיעפער. זיא האט אָנגעכאפּט מיט איהרע ביידע הענד דעם קינזשאל, זיא האט זיך אָבער שטארק צושניטען אונד ניט געקענט אָבהאלטען מיין מערדערישע טהאט.

בשעת איך בין געזעסען אין געפענגניס, האב איך זעהר פיעלע מאל נאכגע־רענקט איבער יענע מאָמענטען, אונד יעדע איינצעלהייט איז פאר מיר ערשיענען מיט דער גרעססטער דייטליכקייט איך האב אויך נעדענקט. אז איך מאָרדע

מען האט נאך אמאל אָנגעקלאפּט. איך האב ניט געענטפערט, אונד מיך בלויז געפרעגט:

„האט דאס ווירקליך פּאסירט? — יא, יא, איך האב זיא דערשטאָכען!“

איך האב מיך באלד עראינערט אן איהר קאָרסעט, וועלכער איז געווען האַרט צום דורכשטעכען, דאן, וויא עס איז געווען ווייך, אונד וויא איך האב געזוכט צו טרעפען אין איהר הערץ.

„יא, געוויס,“ האב איך געמורמעלט, „עס איז ניט געווען קיין חלום, זאָנדערן א ווירקליכקייט, אונד יעטצט מוז איך מאכען א סוף פון מיין אייגענעם לעבען.“ אָבער וועהרענד איך האב דאס איבערגעדענקט, האב איך גאַנץ גוט געוואוסט, אז איך וועל מיך ניט הרג'ענען. איך האב אונטערדעסען ערגריפען דעם רעוואָלווער.

מערקווירדיג! איך האב מיך עראינערט וויא אָפט עס איז מיר שוין געקומען אויף דיא געדאנקען מיר צו נעהמען דאס לעבען, אונד אויף דער באהן, וויא ענטשלאָסען איך בין שוין געווען דערצו. איך האב אימער געדענקט, וויא דאס וועט זיא דערשרעקען. אָבער צו דיעזער צייט, בין איך שוין ניט מעהר פעהיג געווען מיר אריין צו יאָגען א קוגעל אין דיא שלייפען.

„איבעריגענס,“ האב איך געטראכט, „צו וואס זאָל איך דאס טהון?“ איך האב מיר דארויף ניט געקענט געבען קיין ריכטיגען ענטפער.

מען האט שוין צום דריטען מאל אָנגעקלאפּט אין דער טיהר, אונד איך האב געמוזט זעהען ווער דאָרט איז. איך האב אוועק געלעגט דעם רעוואָלווער צוריק אויפ'ן טיש, איהם צוגעדעקט מיט א צייטונג, צוגעגאנגען צו דער טיהר אונד געעפענט דעם ריעגעל.

עס איז געווען מיין פרוי'ס שוועסטער, א גוטע אונד איינפאכע פרוי.

„שוואָגער,“ האט זיא געזאגט מיט טרערען אין דיא אויגען, „וואס האט איהר געטהאָן?“

„וואס ווילט איהר?“ האב איך זיא געפרעגט אין א בעזען טאָן. איך האב געוואוסט, אז איך דארף מיט איהר ניט רעדען גראָב, ווייל זיא האט עס זיך ניט פערדיענט. אָבער איך האב קיין אנדערן טאָן ניט געקענט געפינען צו מיין שטימע.

„שוואָגער!“ האט זיא ווייטער געזאָגט, וועהרענד דיא טרעהרען זיינען געלאָפען פון איהרע אויגען, „זיא שטארבט! איוואן פעאָדאָראָוויטש האט עס געזאגט.“

אתר געזעהען, אז ער איז געלאדען. דאן האב איך איהם לאנגזאם אוועק געלעגט אויף'ן טיש. אין דערזעלבער צייט האב איך מיך דערמאָהנט אן דער שייד פון דעם קינזשאל, אונד מיך אָנבוינענדיג, האב איך איהם אויפגעהויבען פון צווישען דער סאָפאַ. אָבער א שרעקליכע מידקייט האט מיך בעפאלען, אונד מיין קערפער איז צוריק געזונקען אויף דער סאָפאַ.

א היבשע צייט בין איך אזוי געזעסען, אָהן געדאנקען, אָהן ערינערונג. עס האט אויסגעזעהען, אז גראדע וויא מיין קערפער קען זיך ניט ריהרען פון גרויסער אנשטרענגונג, אזוי איז עס אויך געוועזען מיט מיין געהירן. איך האב אָבער אונטער־ רעסען געהערט כמעט אלעס וואס עס איז פארגעקאמען אין הויז. איך האב געהערט וויא יעמאנד איז צוגעפאָהרען פאר דער טיהר, דאן נאך יעמאנד. איך האב געהערט אונד געזעהען, וויא יענאָר איז געקומען אונד אהיים געבראכט דאס געפעק. צו וואס האט דאס מיר געטויגט ?

„האסטו געהערט וואס עס איז געשעהען ?" האב איך איהם געפרעגט. ער האט וואהרשיינליך שוין געהערט, דען ער האט ארונטער געלאזען דעם קאָפּ אונד געשוויעגען.

„געה זאג יעמאנדען פון דער דיענערשאפט," האב איך ווידער אָנגעפאנגען, „ער זאָל דאריבער אָנזיינגען דער פאָליצייא."

יענאָר האט גאר ניט געענטפערט אונד איז אוועק.

איך האב מיך געשפירט אביסעל קרעפטיגער נאך דעם רעדען מיט יענאָר'ן. איך בין אויפגעשטאנען, גענומען א ציגארעטע, אָנגעצונדען אונד אָנגעפאנגען צו רויכען. איך האב אונטערדעסען צוגעשלאָסען דיא טהיר, אונד אלס איך בין נאך ניט פערטיג געוואָרען מיט דער ציגארעטע, האב איך געשפירט אזא מידינקייט אין מיינע אויגען, דאס איך האב מיך צוריק געזעצט אויף דער סאָפאַ, אונד בין זאָפאָרט איינגעשלאָפען.

איך האב געשלאָפען אונגעפעהר א פאאר שטונדען. איך געדענק, אז איך האב געחלום'ט, דאס איך מיט מיין פרוי זיינען ווידער פרייגדליך געוועזען צו אנאנ־ דער, אז מיר האבען זיך געקריעגט אונד נאך אמאל איבערגעבעטען.

מיך האט אויפגעוועקט א קלאפען אין דער טהיר.

„דאס איז דיא פאָליצייא," האב איך מיר געטראכט ערוואכענדיג. „ריכטיג, איך האב דאָך בעגאנגען א מאָרד. אָדער פיעללייכט איז עס גאָר ניט דיא פאָ־ ליצייא אונד עס איז גאָר ניט געשעהן." — איך האב מיר געריבען דיא אויגען אונד

ציריק געקוקט, אונד צוגעגאנגגען צו דער טיהר. דאס קינדער-טערכען האט געעפענט פון אינווענינ, אונד איז ארויס געגאנגען.

דאס ערשטע, וואס מיינע אויגען האבען ערבליקט, איז געווען איהר העלל־גרויעס קלייד, ועלכעס איז געהאנגגען אויף א ביינקעל, אונד איז געווען האלב שווארץ פון בלוט. אויף אונזער דאפעל־בעט איז זיא געלעגען מיט אויפגעה־יבענע קניען. איהר קאפ איז אויך געווען הויך אונטערגעבעט, וואהרשיינליך ווייל דער דאקטאר האט אזוי געהייסען. זיא איז געווען אנגעצוינען אין איין אויפגעקנעפעלטען וויסען נאכט־יאק. דיא וואונד איז געווען עטוואס בעדעקט. א שטארקער גערוך פון יאדאפארם האט זיך געפיהלט אין צימער.

איך האב באלד בעמערקט איהר געשוואלטענעס געזיכט, מיט בלויע פלעקען אויף דער נאז אונד צווישען דיא אויגען. דאס איז געווען פון דעם העפטיגען קלאפ מיט דעם עלענבויגען, ווען זיא האט מיך געוואלט צוריק האלטען איך זאל נים נאכלויפען טרוכאטשעווסקי׳ן. איהר שעהנהיים איז געווען פערשוואונדען, אונד אנשטאט דעם, האב איך געזעהן עפעס עקעלהאפטעס אין איהר.

איך בין נאך אימער געשטאנען פון וויטען. „געהט צו, שוואגער," האט דיא שוועסטער געזאגט. „פיעללייכט וויל זיא זיך מתודה זיין פאר מיר," האב איך גע־טראכט. „זאל איך איהר מוחל זיין?" איך האב געוואלט זיין בארמהערציג. איך בין צוגעגאנגען גאנץ נאהענט. זיא האט מיט מיר אויפגעהויבען דיא אויגען צו מיר אונד מיך אנגעקוקט. איין אויג איז געווען שטארק געשוואלען. זיא האט אנגעפאנגען צו רעדען מיט א שוואכער שטימע. עס האט אויסגעזעהען, אז יעדעס ווארט קאסט זיא לעבען.

„דוא האסט ענדליך ערררייכט דיין ציעל," האט זיא געזאגט. „דוא האסט מיך ערמארדעט."

פון איהרע אויגען האט אויסגעבראכען דער אלטער אונד קאלטער האס צו מיר, אונגעאכטעט דארויף, וואס דער טויט איז איהר שוין געשטאנען צו׳ר קאפענס.

„אבער," האט זיא ווייטער קוים געמורמעלט, „דיא קינדער... זייא וועל איך דיר נים געבען... זיא (דיא שוועסטער) וועט... זייא נעהמען."

דאס וואס מיר איז געווען דיא הויפטזאך, זיא זאל זיך מודה זיין, דער־צעהלען פון איהר פאלשקייט צו מיר, האט זיא נים געפונען פאר נעטהיג צו שילדערן.

איהמן פעדעראוויטש אין געוועזן דער דאָקטאָר — איהר דאָקטאָר אונד יעץ.

„איז ער דען דאָ?“ האָב איך ווידער געפרעגט אין צאָרן.

„וואס ווילט איהר יעטצט, שוואָגער? זאָל ער זיין. געהט אריין צו איהר; עס דינגען דיא לעטצטע מאָמענטען.“

„זאָל איך צו איהר געהן?“ האב איך מיך געפרעגט. עס איז ניט געוועזן זעהר אנגענעהם, אז אזא מאן ווי איך, וועלכער האט דערשטאָכען זיין ווייב, זאָל געהען אונד שטעהן בייא איהר גסיסה.

„אָבער עס איז דאָך אזוי דיא מאָדע,“ האב איך מיר ווייטער געטראכט, „איך מוז געהען. איבערינגענס, וואס קען איך דאָ צולעגען? איך וועל נאָך צייט האבען שפעטער, מיר צונעהמען דאס לעבען. יעטצט, נאטירליך, וועל איך הערען קולות, קלאגען, פלאגען אונד אנדערע עקעלהאפטע סצענעס; אָבער קיין זאך וועט מיך ריהרען.“

מיין שוועגערין האט ניט געוואוסט וואס איך דענק, אונד אימער וויינענדיג אין דער שטילל, האט זיא זיך אומגעווענדעט.

„ווארט אויף אביסעל,“ האב איך פלוצלינג געזאגט מיט אביסעל א ווייכערע אָבער הייזעריגע שטימע. „עס פאסט דאָך ניט איך זאָל געהן אָהן שיך. איך וועל מיר אָנטהאָן דיא פאנטאָפעל.“

28.

דעם מענשעקס נאטור איז א געהיימניס. ווי איך בין ארויס געקומען אין קאָרידאָר אונד ווידער אמאל ערבליקט מיין בעקאנטע הייםאטה, האט אין מיר ערוואכט דיא האָפנונג, אז עס איז גאָר ניט געשעהן, אונד אלעס וועט נאָך גוט ווערען. אָבער דער אונאנגענעהמער גערוך פון דיא ערצטליכע מעדיצינען — קלאָראָפאָרם אונד קארבאָל — האט מיך באלד דערמאָהנט, אז דאס ווערט פערווענדעט צו איהר אונד איך האב שוין ניט אויף וואס צו האָפען.

אריבער געהענדיג דעם קאָררידאָר, נעבען קינדער-צימער, האב איך דערזעהען ליזאָ'ן. איהר אויגעלעך זיינען געוועזן רויט אבער טרוקען. דאס ארמע קינד האט וואהרשיינליך שוין פערגאָסען אזוי פיעלע טרערען, אז זיא האט מעהר ניט געקענט וויינען. איהר געזיכט האט פאָרגעשטעלט א גאנצע וועלט מיט שרעק אונד אנגסט. מיר האט געדאכט, אז אלע 5 קינדער קוקען אויף מיר. אָבער איך האב מעהר ניט

שולדיג געווען? דאריבער צווייפעל איך ניט. אָבער אויף וויא ווייט שולדיג? ווער קען דאס וויסען? טרוכאטשעווסקי קען דאריבער אורטהיילען.

איך בין אונטערדעסען, דאס הייסט, איידער זיא איז נאך געשטאָרבען, ארעס־טירט געוואָרען. מען האט מיך פריהער געפיהרט אין דער פּאָליציע, וואו מען האט מיך גענומען אויף א קורצען פערהער. דאן האט מען מיך אריין געזעטצט אין גע־פענגניס, וואו איך בין אָבגעזעסען 11 מאָנאט.

איך האב גענוג צייט געהאט צו דענקען, אונד איך האב דאָרט נוט שטודירט מיין פערגאנגענהייט. וויא ווייט איך האב דיעזע פערשטאנען, האט איהר געקענט הערען ביז יעטצט, וואס איך האב פאר אייך געשילדערט אין קורץ פון מיין געשיכטע.

מען האט מיר ערלויבט צו נעהען נאך איהר לויח, אין דער בעגלייטונג פון א פּאָליציסט. ווען איך האב געזעהען איהר בלאסעס אונד טויטעס געזיכט — ניין, ווען איך האב זיא דערשטאָכען, אין יענעם מאָמענט, האב איך פערשטאנען, אז מיין פרוי איז פאר מיר שוין לאנג טויט. אונד איך בין געווען דער יעניגער וואס האב זיא ערמאָרדעט. בליקענדיג ווידער אין דיא טויטע געזיכטס־ציגע פון מיין פרוי, אויף איהרע פערשטאַרצטע גליעדער, האב איך פערשטאנען, אז אלעס איז שוין פער־פאלען, אונד איך קען שוין גאָר ניט פטרריכטען.

מיין פראָצעס, וואס איך האב שוין איינמאָל דערמאָהנט, איז געווען וויא אלע פּראָצעסען פון דיעזער ארט. דיא ריכטער אונד דיא געשווארענע האבען אקצעפּטירט דיא לעטצטע טהאַטזאכע, דאס הייסט, איך האב געכאפּט מיין פרוי מיט איין אנדערן, אונד איך האב זיא דערפאר ערמאָרדעט.

ערשטענס האבען זייא גאָר ניט געקענט דענקען אנדערש, דאס איך האב זיא ווירקליך ענטדעקט מיט טרובאטשעווסקי׳ן אין אזא צושטאנד, וועלכער האט מיך געקענט אויפרעגען צום פונקט פון מאָרדע. ווארום דען האב איך בעגאנגען דעם מארד? מען האט קיינע ווייטערע בעווייזע געזוכט דאריבער, אונד מען האט אויך קיינע בעווייזע געקענט פאָרדערן. וואס טרובאטשעווסקי האט געזאגט, אלס עדות, וואָלט געקענט זאגען, האט מען איהם ניט געוואָלט גלויבען. דארף מען דען האבען אנדערע בעווייז, וויא אז ער איז געווען מיט מיין פרוי, אין מיין אבוועזענהייט, ביז 1 אוהר נאך האלבע נאכט אליין אין א צימער?

פיעללייכט האבען זייא געשפּראָכען פון מוזיק, געריעדט פון קונסט. אדער געווען טמוואס? ניין, דאס ווייס דיא מעררע ריכטער אונד דיא העררען גע־

יא,‟ האט זיא נעזאגט מיט איהרע לעטצטע כוחות, „פרעה דיך מיט דיין מהאט‟... זיא האט נעבליקט צו דער טיהר אונד אנגעפאנגען צו וויינען. דיא קינדער זיינען וועהרענד דעם אריין געקומען: „זעה, זעה, וואס דוא האסט געטהאן... דוא האסט זייא געמאכט פאר יתומים‟...

איך האב געבליקט צו דיא קינדער, אויף איהר, אויף איהר פערשוואלענעם געזיכט, אונד צום ערשטען מאל האב איך פערגעסען אן מיינע רעכטע, אן מיין שטאלץ — אונד, צום ערשטען מאל האב איך צו איהר געשפירט דיא סימפאטהיע וויא צו א מענשען, צו א שוועסטער. אלעס וואס איך האב געליטען, האט אויס־געזעהען פלוצלינג פערשוואונדען נעגען דער עראינערונג פון מיין לעטצטער טהאט. איך האב איהר געוואלט זאגען: „פערצייהע מיר,‟ אבער איך האב עס ניט גע־וואגט ארויס צו רעדען פון מיין מויל.

איהרע אויגען האבען זיך צוגעמאכט. דאן האט אויפגעציטערט איהר פער־וואונדעטעס געזיכט, אונד אויסשטרעקענדיג איהר האנד, האט זיא מיך אבגע־שטויסען לאנגזאם אן א זייט.

„ווארום, ווארום,‟ האט זיא געמורמעלט וועהמיטהיג, „האט דאס אלעס געמחט אזוי זיין?‟

„פערצייהע מיר!‟ האב איך געענטפערט.

„דיר פערצייהען, יא, ווען דוא וואקסט מיך נאר ניט געהרג'עט.‟ בייא דיעזע ווערטער האבען זיך איהרע אויגען געעפענט, אונד געבליקט ווילד, פיעבער־האפט.

„פערצייהע מיר!‟ האב איך נאך אמאל געזאגט.

„דאס איז דומהייטען!‟ האט זיא געשריען מיט א העפטיגער שטימע, „ווען איך זאל נאר ניט דארפען שטארבען! דוא האסט אבער עררייכט דאס, וואס דוא האסט געוואלט. — אך! וויא איך האס דיך!‟

דאן האט זיא אנגעהויבען צו פאנטאזירען, אונד געשריען: „שיס מיך, איך האב קיין מורא ניט! — מארדע אבער אלע! — ער איז אוועק! ער איז אוועק!‟

דיא היטץ האט געשטיעגען, אונד זיא האט אפילו דיא קינדער מעהר ניט דערקענט.

אום מיטאגנ־צייט, אין דעמזעלבען טאג, איז זיא געשטארבען. אונד איך האב פון איהר קיין ווארט געהערט, וואס זאל בעשטעטיגען איהר שולד. איז זיא ווירקליך

דאס, וואס איך ווייס יעטצט. וואָלט אנדערש געווען. איך וואָלט דא נאָר נים גע־חייראטעט — ניין! פיר קיין זאך אין דער וועלט!״

עס איז געווען הערצרייסענד צו זעהען וויא דער ארמער פאזדניטשעוו האט געליטען. דאָ איז דיא באהן געבליעבען שטעהן בייא דער לעטצטער סטאציאָן וואו ער האט בעדארפט אויסשטייגען, אונד איך האב איהם, אוים מיטלייד, בעגלייטעט ווייטער.

ענדע

שוואַרענע קיינמאָל ניט איינפאַלען. זייא אַלע ווייסען, אַז א מאַן מיט א פרוי קומען זיך נאָר צוזאַמען, — איבערהויפּט אַזוי שפּעט בייא נאַכט, — אום קערפּערליכען גענוס צו האָבען.

דיא פרוי איז דאָך צו דיעזען צוועק נעשטעלט געוואָרען; מען שטודירט דאָך מיט איהר דאָסזעלבע פון קינדהייט אָרף.

יא, מען קען גאָר ניט בעגרייפען, וויא א פרוי קען אויך זיין א מענש, ווייל מען גיבט איהר קיין רעכט דערצו.

דיעזע זיינען געוועזען דיא הערשענדע געדאַנקען אין געריכט־הויז.

ראַן, וואָס האָט דאָס מיט דיא ריכטער אונד געשוואָרענע צו טהון, צו אונ־טערזוכען אַלטע אורזאַכען? מען האָט מיך ניט געפרעגט וויא איך האָב פער־בראַכט, אין פּריוואַט, מיט מיין פרוי, אונד ווער עס האָט געקענט שולדיג זיין אין דעם. וואָס טרוכאַטשעווסקי האָט געהאַט דיא מעגליכקייט צו צוקומען צו מיין פרוי אַזוי שפּעט בייא נאַכט.

אַזעלכע פראַגען געבען איבערהויפּט ניט. זיא איז געוועזען מיין פרוי, מיין דיע־נערין, מיין שקלאַפין, מיין ווערקצייג, אונד זיא האָט קיין זאַך בעדאַרפט טהון, וואָס איז געוועזען געגען דיא אנזיכטען פון מיין תאוה צו איהר.

נאַטירליך, אַזוי דענקט כמעט יעדער, אונד אַזוי האָבען וואַהרשיינליך דיא ריכטער מיט דיא געשוואָרענע געדענקט. זייא זיינען דאָך וועלטס־מענשען, אונד זייא ווייסען שוין וואָס עס איז רעכט אונד וואָס עס איז אונרעכט.

אָבער ווער דער שולדיגער איז געוועזען, האָב איך געוואוסט אמבעסטען. איך האָב מיין אונגליקליכע פרוי צו אַלעמען געטריעבען מיט מיין אייפערזוכט, אונד איך האָב פּטרדיענט דיא תליה, נאָך מיט א היבשער צייט פריהער, איידער איך האָב אריין געשטאָכען דעם קינזשאַל צווישען איהרע ריפּען.

„אבער איינס מיט דעם אנדערן האָט ניט צו טהון אין אונזער גרויסער אונד קלוגער וועלט. מען האָט אויסגעפונען — דאָרט אין געריכט־הויז, — אַז איך האָב ריכטיג, אָדער אנדערש ניט געקענט האַנדלען, אונד מען האָט מיך בע־פרייעט!“

פּאָזדניטשעוו איז געבליעבען שטיל. זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט, אונד ער האָט אָנגעפאַנגען שטיל צו וויינען; אָבער דאָס האָט געריהרט מיין הערץ. זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט א גאַנצע וועלט מיט ליידען אונד יסורים.

„יא.“ האָט ער פּלוצלינג געזאָגט, „ווען איך וואָלט דאַמאָלס געוואוסט

איך און מיין מאן.

איך אונד מיין מאַן.

1.

מיר האבען געטרויערט נאך מיין מוטער, וועלכע איז געשטאָרבען לעטצטען הערבסט, אונד מאַטשאַ, סאָניא אונד איך, האבען צוגעבראַכט דעם גאַנצען ווינטער אויף'ן לאַנד. מיין נאַמען איז קאַטיא, דאַמאַלס בין איך נאָך געווען זעהר א יונגעס מעדכען. מאַטשאַ איז געווען מיין מוטער'ס איין אלטע פריינדין אונד מיין גאָוועדנאַנטקע, וועלכע איך האָב געקענט אונד געליעבט, זייט איך בין צו מיין שכל געקומען. סאָניא איז געווען מיין קליין שוועסטער'ל.

דעם ווינטער וואס מיר האבען צוגעבראַכט אין פּאָקראָווסקי, אונזער לאַנד־וואָהנונג אין רוסלאַנד, איז געווען זעהר א טרויעריגער אונד לאַנגווייליגער. עס איז געווען קאַלט אונד דער ווינט האט אָנגעוואָרפען גרויסע הויפענס שנעע כמעט ביז איבער דיא פענסטער. דיא שויבען זיינען געשטאַנען אנגעפרוירען וואָכענלאַנג. בעזוך האבען מיר זעהר וועניג געהאַט, אונד דיא עטליכע וואס זיינען צו אונז געקומען וועהרענד דעם ווינטער, האבען אונז נים געבראַכט קיין פרייד אונד קיין אונטערהאַלט. אלע האבען אויסגעזעהן מיט טרויעריגע געזיכטער וויא דער גרויער ווינטער. זייא האבען גערעדט וויא פערשלאָפענע. ווען זייא האבען געזעהן מיך אונד סאָניאַן אין אונזערע טרויער־קליידער האבען זייא דארויף געענטפערט מיט א זיפץ. אין אַלגעמיינעם האט עס אויסגעזעהן, אז דער מלאך־המות האט געשוועבט אין דער לופט איבעראַל, אונד זיין געגענוואַרט פון טויט האט אונז נאָך ניט פערלאָזען. מיין מוטער'ס צימער איז געווען צוגעשלאָסען, אבער ווען איך בין דאָרט פאַרביינגעגאַנגען, האט עס אויסגעזעהען וויא א געהיימע קראַפט ציהט מיך אריין צו פערבלייבען אונד פערברענגען דאָרט וואו דער טויט האט אויסגעדריקט איהר עדעלע נשמה.

עס איז שוין געווען נאך מיין 17־טען געבורטסטאג, אונד מיין מוטער, פאר איהר טויט, האט זיא בעשטימט, אז וועהרענד דעם ווינטער, ווען זיא זאָל לעבען, זאָלען מיר אריין פאָהרען נאך סט. פעטערסבורג אונד איך זאָל דאָרט פאָרגעשטעלט ווערען אין געזעלשאַפט, וויא דער מנהג איז מיט אונזערע יונגע אונד רייכע

איסער דעם וואס זיין קומען האט געקענט וועקסלען מיין טרויעריגע לאגע, האט עס מיך אויך געפרייט דערפאר איהם צו זעהן, ווייל איך האב איהם ליעב געהאט פון קינדהייט אָן. מאטשא האט אויך פערשטאנען, אז עס וואָלט מיך געשמערצט איך זאל וויסען, דאס סערגעי מיכאילאָוויטש רעכענט מיך פאר א נארישעס מערכען.

ניט נאָר איך, זאנדערן יעדער אין אונזער הויז, פון מאטשא'ן, סאָניא, ביז צום שטאַל־דיענער, האט איהם יעדער געליעבט. איך קען מיך ערינערן, אז מיין מוטער האט אמאל געזאגט, אז זיא וואלט זיך גליקליך געשעטצט איך זאל קענען האבען אזא מאן וויא סערגעי מיכאילאָוויטש.

צייטענווייז, ווען איך האב מיך ערינערט אן איהרע ווערטער, האט דאס ביא מיר אויסגעזעהן זעהר נאריש. מיין אידעע פון א מאן, איז געווען א גאנץ אנדערע: איך האב מיר פאָרגעשטעלט, אז מיין מאן מוז זיין יונג, הויך, עדעל אין קערפער, בלאס אונד מרה־שחורה׳דיג; סערגעי מיכאילאָוויטש ווידער, איז געווען דער געגענטהייל: ניט יונג, דיק, זעהר שטארק געבויעט אונד אימער מונטער.

דעננאך, טראָטץ מיין אידעע, פלעגען מיר מיין מוטער'ס ווערטער אָפט קומען אין געדאנקען. נאך מיט 6 יאהר צוריק, צור צייט וואס סערגעי מיכאילאָוויטש האט מיר געזאגט „רוא" אונד מיך גערופען פריהלינגס־בלומעלע, איז מיר מעהרערע מאל פאָרגעקומען דיא פראגע: וואס וואלט איך איהם געקענט ענטפערן, ווען ער זאל מיך פרעגען אויב איך וויל מיט איהם הייראטהען?

מאטשא האט פאָרבערייטעט א גוטען מיטאג, אונד מיט איינגע מינוטען פאר 12 אוהר, איז סערגעי מיכאילאָוויטש אנגעקומען. איך האב איהם געזעהען דורך׳ן פענסטער צוקומענדיג אויף א שליטען. איך בין אריין געלאפען אין פראָנט־צימער, מיט דער אבזיכט עס זאל אויסזעהען גלייך וויא איך האב איהם ניט ערווארטעט. אלס ער איז אבער אריין אין הויז אונד איך האב געהערט זיין מונטערע שטימע בעגריסענדיג מאטשא'ן, האב איך באלד פערגעסען אן מיין ענט־שלוס, אונד בין באלד אריין געלאפען איהם צו זעהן.

ער האט געהאלטען מאטשא'ס האנד, רעדענדיג שנעל אונד לאכענדיג זעהר פרעהליך. אלס ער האט מיך ערבליקט, איז ער געבליעבען גאנץ שטיל, אונד עס האט אויסגעזעהען, אז ער האט אפילו ניט פאר מיר קיין בעגריסונגס־וואָרט. איך ווידער, האב מיך געשפירט זעהר אונבעקוועם אונד איך האב פערשטאנען, אז מיין געזיכט איז רויט געווארען.

מיידלעך. מיין מוטער׳ס טויט, האט אבער דיעזען פלאן געשטערט. ווען איך האב מיך דערמאָהנט, אז איך וועל נאך דערפאר, פיעללייכט מוזען צו ברענגען נאך א ווינטער אין אזא איינזאמקייט אונד טרויער, האב איך געשווינדערט.

מיט דער צייט האט דער שמערץ, איינזאמקייט אונד בייגקענעש, אויף מיר אזוי געווירקט, אז איך פלעג זיטצען שטונדען־לאנג אונד וויינען. דיא פיאנא האט פאר מיר קיין אינטערעסע געהאט אונד צו ביכער האב איך ניט קיין געדולד געהאט צו לעזען. ווען מאטשא פלעגט מיך בעטען איך זאל עפּעס טהון אום מיך צו צערשטרייען, פלעג איך ענטפערן:

„איך קען ניט, מיין הערץ לאזט מיך ניט,“ — אונד דאַן האב איך וויעדער געוויינט.

זייא פלעגען זאגען, אז איך בין שטארק פערענדערט געווארען אונד איך בין פון טאג צו טאג בלאַסער אונד מאגערער געווארען. אבער דאס האט מיך ניט בעקימערט.

ווארום זאל איך מיך קימערן דארום? האב איך מיך געפרעגט. בייא מיר האט עס אויסגעזעהן, אז איך בין פעראורטהיילט געווארען צו פערברענגען מיין גאנצעס לעבען אין טרויעריגער איינזאמקייט — אונד דיעזער געדאנק, האט פון מיר בערויבט יעדע האָפנונג פון לעבען.

אונגעפעהר צום ענדע פון ווינטער, האט מאטשא בעשלאסען מיך אוועק צו נעהמען אירגענדוואו פון פּאָקראָווסקי, אזוי שנעל וויא נאָר מעגליך. אבער דאפיר האט מען בעדארפט האבען געלד, אונד מיר האבען נאך גאר ניט געוואוסט וואס מיין מוטער האט צוריק געלאזען פאר א ירושה. דערפאר האבען מיר געווארט, פון טאג צו טאג, ביז אונזער פערוואלטער וועט קומען אונד ער זאל אונז מיט־טהיילען איבער אונזער שיקזאל.

צום ענדע פון מאָנאט מערץ, איז ער ערשיענען.

„דאנקען גאָט,“ האט מאטשא בעמערקט אין א טאג, אלס איך בין צוגע־גאנגען צום פענסטער וויא א שאטען. „דאנקען גאָט, סערגעי מיכאַילאָוויטש איז ענדליך דאָ. ער האט אונז געשיקט אנזאגען, אז ער וועט דאָ זיין צו מיטאג. איך בעט דיך, מיין טהייערע סאטיא, זייא אביסעל מונטער. וואס וועט ער דענקען איבער דיר ווען ער וועט דיך אזוי זעהן? ער האט דיך אונד סאָניאַ׳ן אימער אזוי געליעבט.“

סערגעי מיכאַילאָוויטש איז געוועזען איינער פון אונזערע שכנים אונד איין אלטער פריינד פון מיין טויטען פאטער, אבוואהל סערגעי איז געוועזען פיעל איינגער.

„ווי פיעלע טרויעריגע ועקסלונגען דא האבען שטאטגעפונדען,“ האט ער פלוצלינג געזאגט בלייבענדיג שטעהן.

„יא, יא,“ האט מאטשא געענטפערט צודעקענדיג דעם סאמאוואר אונד בליקענדיג צו מיר מיט סאָניא׳ן מיט טרערען אין איהרע אויגען.

„געדענקט איהר נאך אייער פאטער?“ האט סערגעי געפרעגט זיך ווענדענדיג צו מיר.

„זעהר וועניג,“ האב איך געענטפערט.

„וואס פאר א פרייד עס וואָלט געוועזען, ווען ער זאל יעמצט מיט אייך זיין,“ האט ער געמורמעלט וויא צו זיך אליין. דאן, אימער וויא טרויעריש, האט ער געזאגט: „איך האב זעהר פיעל געליעבט אייער פאטער.“

„אָבער גאט האט איהם פון אונז אוועק גענומען,“ האט מאטשא געענטפערט אונד דיא טרערען האבען ארונטער געקאפעט פון איהרע אויגען אויף איהר שויס.

„טרויעריגע ועקסלונגען האבען שטאטגעפונדען,“ האט סערגעי געזאגט זיך האלב אבווענדענדיג. „סאָניא, קום אהער צו מיר אונד צייג מיר דיינע שפיעלערייען.“

דיא לעטצטע ווערטער האט ער געזאגט שנעל, אום אבצרווענדען דאס געשפרעך. מיט אויגען פול טרערען האב איך צו איהם געבליקט, וויא ער איז ארויס מיט סאָניאן אין קאָרידאָר.

„מיר האבען וועניגסטענס איין טרייען פריינד,“ האט מאטשא בעמערקט.

„יא, דאנקען גאָט דערפאר,“ האב איך געזאגט, אונד אָבוואָהל פון מיינע אויגען האבען זיך געגאָסען דיא טרערען, האב איך מיך געשפירט געטרייסט וויסענדיג, אז דיעזער גוטער מענש סימפאטהיזירט מיט אונז.

דער קלאנג פון סאָניא׳ס געלעכטער אונד סערגעי׳ן שפאסען, האט צו אונז געררייכט, אונד מיר האבען איהם ארויס געשיקט א גלאז טהעע דאן האבען מיר איהם געהערט עפענען דיא פיאנאָ אונד מיט סאָניא׳ס פינגער האט ער בעריהרט דיא קלאפען.

„קאטיא אלעקסאנדראָווגא!“ האט ער גערופען, „קומט אהער, איך בעט אייך, אונד שפיעלט אביסעל.“

איך האב הנאה געהאט הערענדיג דיעזען איינפאכען בעפעהל, אונד איך בין באלד אהין אריין געגאנגען.

„איז דאס מעגליך!“ האב איך דאן געהערט זיין שטימע, „יא, איהר זייט עס; אבער, מיין גאָט, וויא פערוועקסעלט!“

ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנד צו מיר, אָהן צערעמאָניע, אונד ווייטער געזאגט:

„וויא איהר זייט דאס אויסגעוואקסען! אונזער קליינעס פריהלינגס־בלומעלע איז שוין געוואָרען א פאָלשטענדיגע רויז!“

דאן האט ער אזוי צוגעדריקט מיין האנד, אז עס האט מיך פיינאהע וועה געטהאָן. איך האב ערווארטעט, וויא דער מנהג איז בייא אונז, ער זאָל קושען מיין האנד אונד איך דאן זיין שטערן. איך האב מיך דערפאר צו איהם געהנמער צו געברינגען, אָבער ער האט נאָר צו מיר געקוקט מיט זיינע גרויסע, שעהנע אונד גוטע אויגען, אונד ער האט מיר דיא האנד ניט געקושט.

זעקס יאהר האב איך איהם ניט געזעהן, אונד ער איז געוועזען שטארק פער־וועקסעלט. ער האט אויסגעזעהן עלטער, דונקלער, אונד געטראגען א גרויסע באָרד, וועלכע האט איהם ניט געפאסט. אָבער ער איז אונטערדעסען געבליעבען דער־זעלבער איינפאכער, אויפריכטיגער אונד אנגענעהמער מענש מיט זיין אימער־וועהרענדען קינדער־שמייכעלע אויף זיינע ליפען.

מיט 5 מינוטען שפעטער, האבען מיר פערגעסען אויב ער איז א גאסט אונד מיר האבען איהם בעטראכט אלס איינעם פון דער פאמיליע.

ער איז ניט געוועזען וויא אונזערע אנדערע שכנים, וועלכע האבען עס געפינען פאר נעטהיג צו זיפצען אונד קרעכצען ווען זייא זיינען צו אונז געקומען. גראדע אין געגענטהייל, ער האט גערעדט, געלאכט, אונז פרעהליך געמאכט, אונד האט אפילו קיין איינציגעס מאל ניט דערמאָהנט מיין מוטער. אנפאנגס האב מיך אזא גלייכ־גילטיגקייט ערשטוינט, אָבער שפעטער האב איך איינגעזעהן, אז דאס איז געוועזען פאָרזיכטיגקייט, אום ניט אויפצודעקען קיין אלטע וואונד, וועלכע שמערצט אימער.

נאָכ'ן עסען זיינען מיר אריין אין צווייטען צימער, וואו מיר האבען געטרונקען טהעע. איך אונד סאָניא זיינען מיר געזעסען נעבען מאַטשאָ'ן, אונד דער אלטער דיענער גרעגאָרע, האט געבראכט פיר סערגעי מיכאילאָוויטש'ן, איינע פון מיין פאטער'ס לולקעס צום רויכען. ער האט נאָך פון לאנג געהאט א טבע, צו רויכען אונד ארום שפאציערען איבער דער שטוב. ער האט דאמאלס אויך דאסזעלבע געטהאָן.

נעפרענט איבער מיין שטודירען אונד איבער מיין אנגעגעהמסטער בעשעפטיגונג. ער האט שוין מעהר נים אויסגעזעהען דער מונטערער אונד שפאס־ליעבענדער יונגער מענש, וויא איך האב איהם אמאל געקענט, זאנדערן ערנסט, נאכדענקענד, מיר צייגענדיג סימפאטהיע אונד אכטונג. מיר איז דאס אלעס זעהר געפעלען געווארען; אבער דאך האט זיך מיר געדאכט, אז איך בין אזוי נאריש. דאס עס איז בעסער איך זאל נים צופיעל רעדען, דאמיט איך זאל מיך נים ארויס כאפען מיט א דומהייט. וואס זאל איהם איבערצייגען, אז איך בין נים ווערטה צו זיין מיין פאטער'ס טאכטער.

ווען מאטשא איז צוריק ארונטער געקומען, האט זיא זיך פאר איהם בע־קלאגט איבער מיין טרויער אונד צוריק־געצויגענהייט, וועלכעס איך האב געזוכט ביז דאמאלס פאר איהם נים ארויס צו ווייזען.

„אלזא," האט ער בעמערקט שאקלענדיג מיט'ן קאפ אלס שפאס פון בטוקיים, „מיר האט זיא נים געוואלט דערצעהלען איבער דער הויפטזאך וואס איז איהר אליין נוגע?"

„וואס איז דען דא צו דערצעהלען?" האב איך געענטפערט, „עס איז ווירקליך ניטא איבער וואס צו רעדען; עס וועט פאראיבער."

אין דער ווירקליכקייט, האב איך נים נאר געדענקט, אז מיין מרה־שחורה וועט פאראיבער, זאנדערן, איך בין געווען בייא מיר זיכער, אז איך בין שוין גאר א גאנץ אנדערער מענש געווארען.

„עס איז זעהר נים גוט," האט ער פלוצלינג צו מיר געזאגט, „ווען מען וויים נים וויא צו ערטראגען איינזאמקייט. זייט איהר ווירקליך א יונגע דאמע?"

„ווייס איך, אזוי דאכט מיר," האב איך געענטפערט לאכענדיג.

„גיין, איהר זייט עס נים; אדער וועניגסטענס זייט איהר שוין א האלבע קאקעטקע, וועלכע פיהלט זיך גאר גליקליך דאמאלס, ווען עס איז דא ווער עס זאל איהר מאכען קאמפלימענטען, אבער ווען דיעזע פעהלען, דאן דרינגט זיך אויף טרויער אונד בייזקייט."

עס איז מערקווירדיג, האב איך מיר געטראכט. זאל דאס אמת זיין, אז מיין טרויער שטאמט נים דערפון וואס מיין מוטער איז געשטארבען? פיעללייכט האט מיכאילאוויטש אויך ווירקליך רעכט, דאס ווען איך זאל האבען מיט וועמען צו פערברענגען וואס זאל מיך אינטערעסירען, וואלט איך פערגעסען זאגאר אן מיין מוטער. איך האב איהם אבער אונטערדריקען געענטפערט:

„עס שיינט, אז איהר האט איבער מיר נים קיין גאנץ גוטע מיינונג."

„שפיעלט דאס!“ האט ער נעזאגט, אונד בייא ד׳עזע ווערטער האט ער פאר מיר אוועק געלעגט דיא נאָטען פון בעעטהאָפען׳ס סאָנאטא "Quasi una Fantasia" (אויף מיר א פאנטאזיע.)

„איך וויל הערען וויא איהר קענט שפיעלען,“ האט ער ווייטער געזאגט, אונד געהמענדיג זיין גלאז טהעע, איז ער אוועק אין אנדערן ווינקעל פון צימער.

איך האב נעשפירט, אָבוואָהל איך ווייס ניט ווארום, אז איך קען איהם גאר ניט ענטזאגען. איך האב אפילו מיך אויך ניט געקענט ענטשולדיגען, אז איך װעל פיעללייכט ניט גוט שפיעלען, ווייל איך האב שוין לאנג ניט פראקטיצירט. איך האב מיך געזעטצט בייא דער פיאנאָ אונד אָנגעפאנגען, טראָטץ דעם וואס איך האב מיך שטארק געשראָקען פאר זיין קריטיק, ווייל איך האב געוואוסט, אז ער האט אי געליעבט מוזיק, אי פערשטאנען וואס עס הייסט גוט שפיעלען.

דער אנפאנג פון דער סאָנאטע האט אויסגעדריקט אונגעפעהר דיזעלבע גע־פיהלע, וועלכע זיינען אין אונז ערוועקט געווארען, בשעת מיר זיינען געזעסען אונד געטרונקען טהעע. אבער מיין שפיעלען האט אויסגעזעהן איהם צו געפעלען. דעם שלום האט ער מיך שוין ניט געלאָזען שפיעלען.

„ניין, געטונג,“ האט ער געזאגט צוקומענדיג צו מיר. „דער אנפאנג איז געווען ציעמליך גוט געשפיעלט. איך זעה, אז איהר פערשטעהט זיך אין אויף מוזיק.“

דיזער איינפאכער לויב האט מיך אזוי דערפרייט, אז איך האב געשפירט דאס בלוט לויפען אין מיין געזיכט. עס איז איבערהויפט געווען עפעס א נייא מיין געפיהל, צו זעהן מיין אלטען פאטער׳ס אלטען פריינד רעדענדיג מיט מיר וויא מיט א מענשען אונד ניט וויא מיט א קינד.

ווען מאטשא איז ארויף געגאנגען לעגען סאָניא׳ן אין בעט, האט ער צו מיר גערעדט פון מיין פאטער; וויא אזוי ער האט זיך מיט איהם צום ערשטען מאל בעקאנט געמאכט; וויא דיא פריינדשאפט צווישען זייא האט געוואקסען פון יאהר צו יאהר, ביז דער טויט איז ענדליך געקומען אונד מיין פאטער אוועק גענומען. דאמאלס בין איך נאך געווען א קליינעס אונד שעהנעס קינד, ניט וויסענדיג פוי דער וועלט, אונד איך האב מיך בעשעפטיגט מיט מיינע שפיעלערייען אונד אָפט־מאל פערבראכט אין האלטען דיא קאמץ אויף מיינע הענד.

צום ערשטען מאל האט זיך מיר געדאכט, אז איך האב געקענט מיין פאטער. ער האט מיר אויסגעזעהען, אז ער איז געווען גוט־הערציג, ליעבענסווירדיג אונד געשאפען צום ליעבען אונד געליעבט ווערען. דאן האט מיך סערגעי מיכאילאָוויטש

„ווארום בעאבזיכטיגט איהר אזוי לאנג אויסצופעהלען?" האב איך געפרעגט מיט א טרויערינער שטימע.

איך האב ערווארטעט איהם צו זעהען יעדען טאג, אונד זיינע ווערטער האבען אזוי צטרשטערט מיינע האפנונגען, אז מיין טרויער האט באלד צוריק געקעהרט. מיינע געפיהלע האבען זיך געמוזט ארויס צייגען אויף מיין געזיכט ווייל אויך אין מיין שטימע, דען סערגעי מיכאילאוויטש האט באלד בעמערקט:

„ווען איהר וועט נאר זעהן זיך פלייסיג בעשעפטיגען, וועט דער ווינטער שנעל אוועק געהען."

זיין טאן אונד בענעהמונג זיינען געוועזען קאלט אונד רוהיג.

„נעכסטען פריהלינג," האט ער געזאגט, „וועל איך אייך עקזאמינירען אונד זעהן וואס פאר א פארטשריט איהר האט געמאכט."

בייא דיעזע ווערטער האט ער אבגעלאזען מיין האנד אונד ער האט זיך אב־געווענדעט.

אין קארידאר, וואו מיר זיינען איהם נאכגעגאנגען, האט ער שנעל אנגעצויגען זיין פוטער־מאנטעל, אונד עס האט אויסגעזעהען, אז ער האט אויסגעמיעדען צו קוקען צו מיר.

„איך קען דאס ניט פערשטעהען," האב איך מיר געטראכט. „איז דאס מעגליך, אז ער רעכענט, דאס מיך קימערט אום זיין אויפמערקזאמקייט? ער איז אהנע צווייפעל, א גוטער מענש, זעהר א גוטער מענש, אונד דאס איז אלעס וואס ער קען זיך מיט מיר אנקעהרען."

אין יענעם אבענד בין איך אונד מאטשא געוועזען שטארק וואך, אונד מיר האבען זעהר פיעל געשפראכען, ניט גראדע פון איהם, זאנדערן פון דעם פריהלינג, אונד, וויא אזוי מיר וועלען צוברענגען דעם ווינטער ביז צום פריהלינג. דאס האט אונז ביידע אויסגעזעהען א וויכטיגע פראגע, אבער ווארום? ווירקליך, עס איז קיין צווייפעל געוועזען, אז אונזער אלטע אונד טרויעריגע וואהנונג פון פאקראווסקי, איז פלוצליגג אנגעפיללט געווארען מיט פרעהליכען ווגענשיין — אבער וויא אזוי? פון וואנען איז עס געקומען? ווער האט דאס געבראכט? איך בין זיכער, דאס ווען איך אדער מאטשא וואלטען איינע דיא אנדערע געשטעלט דיעזע פראגע, וואלטען מיר ניט געוואוסט וואס זיך צו ענטפערן.

ער איז געבליעבען שטעהן שטילשווייגענד, אונד דאן, מורמלענדיג וויא צו זיך אליין האט ער געזאגט:

„עס איז אונמעגליך; עס קען ניט זיין; איהר זייט זעהר עהנליך צו אייער פאטער. עס מוז עפעס זיין אין אייך וואס איך פערשטעה נאך ניט.“

דאן האבען זיינע שעהנע אונד מילדע אויגען זיך ווידער צו מיר געווענדעט, אונד זיין בליק האט מיך אנגעפיללט מיט איין אונהיימליכעס, ווארעמעס געפיהל. איך האב בעמערקט צום ערשטען מאל, דאס טראטץ דעם וואס זיין פנים האט אויסגעזעהן פרעהליך אונד מונטער, איז דאך געלעגען עפעס פון אונטען, וואס האט געצייגט, אז טיעפער, ארונטער, דארט אין הערץ, ליעגען געפיהלע פון נאכדענקען, אויסגעמישט מיט טרויער אונד ניט וועניג שמערץ.

„עס איז אונמעגליך איהר זאלט פיהלען אונמוטהיג,“ האט ער ווידער אנגעפאנגען, „איהר האט נאטען וואס איהר פערשטעהט, ביכער, פערשיעדענע אנדערע ערדלע בעשעפטיגונגען — אייער גאנצעס לעבען שטעהט יעטצט אפען פאר אייך, אונד איהר מוזט זיך בעשעפטיגען, ארבייטען אונד זיך פארבערייטען ארויס צו טרעטען אין דער גרויסער אונד ברייטער וועלט, וואו איהר זאלט שפעטער ניט דארפען חרטה האבען. בלויז מיט איין יאהר שפעטער קען עס שוין זיין צו שפעט.“

ער האט צו מיר געשפראכען וויא א פאטער אדער וויא איין אנקעל, אונד איך האב געזעהען, אז ער האט אנגעווענדעט אלע מעגליכקייטען ניט צו ערשיינען פאר מיר אין איין אנדערן כאראקטער. איך האב מיך געפונען אביסעל בעליידיגט דערמיט וואס ער האט מיך בעטראכט אזוי וויים פון איהם, דאס הייסט, אז ער דארף מיך ערשט לערנען שכל, אבער, אין דערזעלבער צייט, האט עס מיך געפרייט וואס ער גיבט זיך דיא מיה פון מיינעט וועגען אזוי צו ערשיינען.

וועהרענד דיא נעכסטע פאאר שטונדען, האט ער פערבראכט אין געשפרעך מיט מאטשא'ן איבער געשעפטען.

„אונד יעטצט, אדיע, מיין טהייערע סאטיא,“ האט ער געזאגט נעהמענדיג מיין האנד.

„ווען זעהען מיר זיך ווידער?“ האט מאטשא געפרעגט.

„ניט פריהער איידער דער פריהלינג קומט. איך פאהר יעטצט נאך דאנילוקא (א צווייטעס גוט) אום צו זעהען וואס דארט טהוט זיך, דאן מוז איך אברייזען נאך מאסקווא, אבוואהל דאס איז געגען מיין וואונש. אבער וועהרענד דעם זומער, וועלען מיר זיך שוין אפט זעהן.“

אויסגעגאַסען אונד צופּאַכט געוואָרען פון דעם לייכטען ווינטעלע. דער גרינער גאַרטען־פראַנט איז געלעגען אין קיהלען שאַטען פון דיא בוימער; דיא טהוי טראָפּען פון דער נאַכט האבען ארונטער געהאנגען פון יעדען גרינעם בלעטעלע וויא דיא גלענצענדע פּערעל, אונד פון ווייטען האט מען געקענט הערען דיא גלעקער פון דער סטאַדע בהמות אָנקומען פון דיא פעלדער.

נעגען אונז, אויף'ן טישעל, איז געשטאַנען דער שעהן־אבגעפּוצטער סאַמאָוואר פון וואַנען א פּאַרע האט ארויס געדאַמפּפט, וועהרענד פרישע סמעטענע, צוקער־טאָרטען אונד אנדערע גוטע זאכען זיינען געלעגען אויף דעם ווייסען טישטוך אונד געמאַכט א גוטען אַפּעטיט.

מאַטשאַ האט אָנגענומען דיא טהעע־גלעזער מיט איהר דיקער אונד ווייסער האַנד, ווירטהין־מעסיג, וויא מיין מאַמאַ פלעגט טהון, וועהרענד איך האב געפיהלט א געוואַלטיגען הונגער נאָך א וואַרעמער באָד, וועלכע איך האב נאָר וואס געהאַט. איך האב ניט געקענט וואַרטען ביז וואַנען דיא טהעע וועט פערטיג ווערען, אונד איך האב דערווייל אָנגעהויבען צו עסען א שטיקעל ברויט איינגעטונקט אין סמעטענע. איך האב געטראָגען א ליינוואַנטענע בלוזע מיט גרויסע אונד ברייטע ארבעל; מיינע נאַסע האאָר זיינען געווען איינגעוויקעלט אין א קלאָר־ווייסער פאַטשיילע.

מאַטשאַ איז געווען דיא ערשטע צו בעמערקען דיא אַנקונפט פון אונזער פריינד.

„אַך, סערגעי מיכאַילאָוויטש!“ האט זיא אויסגעשריען, „עס פרייט מיך אייך צו זעהן! מיר האבען נאָר וואס פון אייך גערעדט.“

אין נעכסטען אויגענבליק בין איך אויפגעשפּרונגען אונד געזוכט צו ענטלויפען, אָבער ער האט מיך ערבליקט גראַדע וויא איך האב געוואָלט אריין דורך דער קאָרידאָר־טהיר.

„וואס איז דאס?“ האט ער געפרעגט, „איהר ו'עט דאָך ניט וועלען גראַדע נאַכטהון דיא צערעמאָניע דאָ אויף'ן לאַנד?“

ער האט דאַן אָנגעהויבען צו לאַכען, מילד אונד אנגענעהם, אונד געקוקט מיט פערגניגען אויף מיין קאָפּ־פּוטץ.

„ווען איהר שעהמט זיך ניט דאס צו טראַגען גרעגאָרע זאָל זעהן,“ האט ער ווייטער בעמערקט, „וואָרום זאָלט איהר גראַדע וועלען מיט מיר מאַכען איין אויסנאַהמע?“

גרעגאָרע? יא, אָבער גרעגאָרע איז דאָך געווען איין אַלטער מאַן; אונד סערגעי מיכאַילאָוויטש? איך האב מיר דיעזע פראַגע ניט געקענט בעענטפערן,

I.

דער פריהלינג איז ענדליך געקומען! מיין מרה־שחורה איז פערשוואונדען, אונד אנשטאט דעם איז ערשיענען א גאַנצע רייהע פון אונערקלערליכע, טרוימערישע אונד אונבעריהרענדע האָפנונגען. מיין גאנצע ארט לעבען איז געוועקסעלט נעוואָרען. איך האב מיך בעשעפטיגט מיט סאָניא׳ן; איך האב מעהר פערגניגען געהאט פון דער מוזיק, וויא איך האב נאך געשפּירט אין מיין גאַנצעם לעבען; איך האב געשטודירט אונד געלעזען ביכער מיט גרויסען פלייס; איך האב געשפּאַצירט איבער דעם גרינעם גראָז, אָדער געזעסען אונטער דיא ברייטע צווייגען פון דיא בוימער, טרוימענדיג, האָפענדיג אונד דענקענדיג — גאָט אליין האט אָבער נאָר געוואוסט פון וואס!

מאַנכע מאל פלעג איך ליעגען נעבען מיין פענסטער וואַכענדיג דיא גאַנצע נאַכט, איבערהויפּט ווען דיא לבנה האט געשיינט; אָדער, איינגעהילט אין מיין לאַנגען מאַנטעל, פלעג איך ארויס פון הויז גאַנץ שטיל, דאָמיט מאַטשאַ זאָל ניט הערען, אונד אזוי בין איך ארום געגאַנגען אויף דעם ניעדריגען באַלקאָן, דאַן ארום דעם גארטען, אונד דיא שטיללקייט האט מיר אויסגעזעהן אזוי זיס, אזוי אַנגענעהם, אַז מיר האט זיך געדאַכט, דאס מיין הערץ ווערט פעט אונד דיק פאַר פרייד.

עס איז מיר שווער זיך צו עראינערן אין אלע איינצעלהייטען פון יענער צייט, אבער ווען איך דערמאָהן מיך, זעהט עס מיר אויס, אַז איך קען מיר עד־היום ניט ערקלערען ווארום דאס לעבען האט מיר אויסגעזעהן אַנדערש וויא איך האב עס ביז דאמאלס בעטראַכט.

צום ענדע פון מאָנאַט מאַי, איז סע׳־געי מיכאַילאָוויטש צוריק געקומען. ער איז בייא אונז ערשיענען, גאַנץ אונערוואַרטעט, צור צייט ווען מיר זיינען געזעסען אויף דעם באַלקאָן, וואוהין מאַטשאַ האט אונז געלאָזען ארויס ברענגען טהעע.

דער גאָרטען האט שוין אויף זיך איבעראל נעטראָגען דעם פרישען גרינעם מאַנטעל, דיא נאַכטיגאַלען האבען אויפגעבויט זייערע נעסטען אין דיא ניעדריגע ביימלעך נעבען גארטען, אונד זייא האבען אבגעגעבען זייער ערשטען קאָנצערט, אונד זייערע הערליכע שטימען האבען אבגעקלונגען אין דער שעהנער אונד וואַרעמער לופט. דיא ליליאַק־בוימער האבען אריבער געהאנגען זייערע צווייגען מיט דיא שנעע־ווייסע בלומלעך, פון וואַנען א זיסער אונד געשמאַקער גערוך האט זיך

„אבער דערצעהלט מיר בעסער פריהער, וואס האט איהר נעטהאן דיא גאנצע צייט ווים איך האב אייך פערלאָזען?“

איך האב איהם דאן דערצעהלט פון מיינע בּאַשעפטיגונגען אונד אונטער-העלטע, אונד ערקלערט, אז איך האב דיא גאנצע צייט ניט נעשפירט דעם שמערץ פון איינזאמקייט. ער האט מיך נעלויבט אונד נעריהמט, אונגעפעהר מיט אזא טאָן וויא איך וואָלט נעוועזן א קינד אונד ער מיינער א פאטער אָדער נאטירליכער בעשיטצער. לוים זיינע ווערטער, האב איך עס בעטראַכט פאר גאנץ גלייך, איהם צו דערצעהלען פון אלע מיינע נוטע טהאטען וויא אויך איבער נארישקייטען, גראדע וויא מען רעדט צו א נעטרייען פאטער.

דער אבענד איז נעוועזן הערליך אונד מיר האבען פערבראכט אויף׳ן באלקאָן, ערצעהלענדיג אונד דערצעהלענדיג פערשיעדענעס, זאָ דאס איך האב גאר ניט בעמערקט וויא דיא צייט פערשווינדעט.

דיא גאנצע לופט איז נעוועזן פול מיט דעם פארפום פון דיא בלומען; דיא טהוי האט וויא אבנעבאדען דאס גראָז; דיא נאכטיגאלען האבען געזונגען אויף דיא ליליאק-בוימער נעבען אונז, אונד דער בלויער, אויסנעשטערענטער הימעל, האט אויסנעזעהן וויא א חופּה בעזעטצט מיט בריליאנטען.

איך האב צום ערשטען מאל בעמערקט, אז עס מוז שוין זיין גאנץ שפעט, ווען א פלעדער-מויז איז ארויף נעפלוינען אויף׳ן באלקאָן אונד האט מיט איהרע פלינעלעך בעריהרט מיין ווייסעס קלייד. גלייך וויא אלע פרויען, האב איך נעוואָלט ענטלויפען אונד אָנהויבען צו שרייען, אבער זיא איז גראדע אוועק נעפלוינען, נאך איידער איך האב צייט נעהאט צו מאכען א נעוואלט איבער גאר ניט.

„וויא איך ליעב אייער פּאָקראָווסקי!“ האט סערגעי מיכאילאָוויטש פלוצלינג אויסגערופען. „איך וואָלט צופריעדען נעוועזן, צו צוברענגען דעם רעסט פון מיין לעבען, זיטצענדיג אזוי וויא יעטצט.“

„איהר קענט עס טהון,“ האט מאטשא נעזאגט.

„יא, איך קען עס טהון,“ האט ער נעענטפערט, „אבער דאס לעבען ערלויבט עס ניט.“

„פאר וואס הייראטה איהר ניט?“ האט מאטשא נעפרעגט. „איהר וואָלט נעוועזן זעהר א נוטער מאן.“

„איך זאָל הייראטהען דערפאר וואס איך ליעב צו זיטצען שטילל?“ האט ער נעפרעגט לאכענדיג, דאן ערנסטער: „ניין, מאטשא, פאר אייך אונד פאר מיר איז שוין צו שפעט צו דענקען פון חתונה האבען. אלע מיינע בעקאנטע האבען שוין

אונד דאָך האָב איך געשפּירט, דאס ווען ער האט אויף מיר געקוקט, בין איך געווען אונרוהיג.

„אין א מינוט בין איך דאָ צוריק,“ האָב איך געענטפערט מיך אב־ווענדענדיג.

„איך ווייס ניט וואס פאר א פעהלער איהר געפינט גראדע אין דיעזער קליידונג? אין געגענטהייל, מיר דאכט, אז זיא איז זעהר שעהן.“

איך בין אונטערדעסען אוועק, אונד וועהרענד איך האָב מיך איבערגע־קליידעט, האָב איך מיר געטראַכט, אז איך האָב בעמערקט אין זיין בליק צו מיר, עפּעס אונפערשטענדיגעס.

„יעדענפאלס,“ האָב איך געזאגט, „דאנק איך גאָט וואס ער איז צוריק גע־קומען. יעטצט וועלען מיר ערשט אנפאנגען צו לעבען.“

נאכדעם וויא איך האָב מיך שנעל אנגעקוקט אין שפּיגעל, בין איך ארונטער געלאָפען דיא טרעפּען, אונד זיך ניט בעקימערענדיג אום דעם וואס ער וועט בע־מערקען מיין איילענעש, בין איך ארויס אויף׳ן באַלקאָן, סאָפּענדיג.

סערגעי מיכאילאָוויטש איז געזעססען נעבען טישעל פערטיעפט אין געשפּרעך מיט מאטשאַ׳ן וועגען געשעפטען. ער האט געשמייכעלט, ווען זיינע אויגען האבען בעגעגענט מיינע, אָבער ער האט זיין געשפּרעך ניט אונטערבראָכען. ער האט אונז דאן מיטגעטהיילט, אז ער האט געטראָפען אונזער גוט אין פאָלשטענדיגער אָרדנונג אונד אונז מיטגעטהיילט, אז מיר דארפען מעהר ניט פערברענגען אין פּאָקראָווסקי וויא ביז צום נעכסטען הערבסט, ווען מיר וועלען קענען פאָהרען נאָך סט. פּעטערס־בורג וועגען סאָניא׳ס אויסבילדונג, אדער נאָך דער שווייטץ אונד איטאליען, אום צו האבען פערגניגענען.

„איך ווינש מיר, אז איהר זאלט קענען פאָהרען מיט אונז,“ האט מאטשא געזאגט זיפצענדיג. „מיר דאכט, ווען מיר זאָלען פאָהרען אליין, וועלען מיר פער־בלאָנדזעט ווערען, גראדע וויא קליינע קינדער אין א וואלד.“

„עס וואָלט מיך ווירקליך געפרייט מיט אייך אויסצופאָהרען אפילו א האלבע וועלט,“ האט ער געענטפערט האלב אין שפּאס אונד האלב אין ערנסט.

„זעהר גוט,“ האָב איך דאן געזאגט, „מיר וועלען אלזאָ מאכען א רייזע ארום דער וועלט.“

„אונד וואס וועט ווערען פון מיין מוטער אונד מיינע געשעפטען?“ האט ער נעפרעגט נאכדענקענד. דאן, אום אָבצרוועקסלען דאס געשפּרעך, האט ער געזאגט:

אייערע נעדאנקען וואָלטען געשוועבט אין סונטטרקייט אתד נערויש, ווהרענד אייער מאן וואָלט נעזוכט א שטילען ווינקעל וואו צו פערברענגען זיין וועלט?"

איך האב מיך געשפירט זעהר אונרוהיג בייא דיעזע פראגען, ווייל איך האב נאר קיין בענריף געהאט, וואס איך קען דארויף ענטפערן.

„איך שטעל אייך קיין אנטראג," האט ער נעזאגט מיט א שטאָלצער שטימע ווהענדיג, אז איך בין אין פערלעגענהייט, „איך בין בלויז נייגיעריג צו וויסען אייער אויפריכטיגע מיינונג איבער אזא מאן וויא איך האב אייך פאָרגעשטעלט, אין פער־גלייך מיט דעם מאן וואס שוועבט אין אייער פאנטאזיע, ווהרענד איהר שפאציערט אליין אין גארטען בייא זונענאונטערגאנג. זאגט, זאגט, שעהמט זיך ניט; אזא מאן וואָלט געוועזען א גרויסע שטערונג אונד א קוואל פון אונגליק — איז עס ניט אזוי?"

„ניט גראדע אונגליק, אבער" — האב איך קוים ארויס געשטאמעלט, נאָר איך האב ווייטער ניט געקענט רעדען ביז ער איז מיר געקומען צו הילפע אונד נעזאגט:

„אבער נעוויס ניט קיין גליק."

„ניין, פיעללייכט האב איך נאר א טעות."

„נענוג, איהר דארפט מיר מעהר ניט ערקלערען; וואס איהר האט געזאגט, איז פאָלשטענדיג ריכטיג, אונד איך דאנק אייך פאר אייער אויפריכטיגקייט. עס פרייט מיך גראדע זעהר וואס מיר האבען אויפגעבראָכען אזא געשפרעך, ווי.. אַבוואהל אזא הייראטה וואָלט געבראכט געוויס אונגליק צו א יונגער פרוי, וואָלט עס מיך פאזיטיוו נאך אונגליקליכער געמאכט."

„איהר זייט א מערקווירדיגער מענש!" האט מאטשא געזאגט ווהרענד זיא איז געגאנגען הייסען געבען עסען. „אלע יאָהרען האבען אייך נאך ניט גע־וועקסעלט אפילו אויף א האאר."

נאך דעם וויא מאטשא איז אוועק, איז עס געבליעבען שטיל ארום אונז וויא אויף א בית־עולם. עס האט זיך נאָר געקענט הערען דיא זיסע שטימע פון דער נאכטיגאל אבקלינגען פון גאנץ ווייט. דאן איז אויך דער זיסער זינגער שטיל גע־וואָרען, אונד א לייכטער ווינטעלע האט געבלאָזען צווישען דיא בלעטעלעך אונד געפאכט אונזערע געזיכטער.

מיר זיינען אזוי געזעסען א היבשע צייט אונד דיא שטילקייט האט אויסגעזעהן מיך צו שיידען. דאן האט ער געזאגט:

לאנג אויפגעהערט צו דענקען איבער מיר, אז איך דארף הייראטהען, אונד איך אליין — שטים איין מיט זייא!"

דיא לעטצטע ווערטער, האט זיך מיר געדאכט, האט ער אויסגעשפראָכען מיט אזא טאָן, וויא איינער וואס וויל יענעם מאכען גלויבען, אז ער גלויבט אויך אזוי, נאָר אין דער וואהרהייט געשפראָכען, נארט ער אי יענעם, אי זיך.

„דומהייטען!" האט מאטשא בעמערקט, „א מענש פון 36 יאהר, שטארק־ געזונד אונד מונטער, האט ערשט דיא וועלט פרייא אונד אָפען פאר זיך!"

„יא, מאטשא, יעטצט וואָלט איך געוואָלט, מען זאל מיך לאָזען איך זאל בלייבען שטיל, רוהיג אונד דאס וואָלט מיך גליקליך געמאכט. ווען איך זאָל אבער קלערען פון הייראטהען, דאן וואָלט איך אנדערש געמוזט דענקען. פרענט קאטיא'ן," האט ער געזאגט זיך ווענדענדיג צו מיר, „אָבער, מאטשא, יעטצט מוזט איהר אונד איך נאר פון עפעס אנדערש דענקען. מיר מוזען אויפזוכען א גוטען אונד אנ־ שטענדיגען מענשען, וועלכער זאָל הייראטהען מיט קאטיא'ן, אונד אין איהר גליק, וועלען מיר אויך זיין גליקליך."

עס איז אמת, איך בין נאך געווען איין אונערפאהרענעס מעדכען, אָבער איך האב גאנץ גוט געקענט בעמערקען דעם טאָן פון זיינע ווערטער, וואו עס איז געלעגען ביטערקייט אונד פערצווייפלונג. דאן איז ער פלוצלינג געבליעבען זיטצען שטיל, אונד ניט איך אונד ניט מאטשא, האבען געוואגט צו אונטערברעכען דיא שטילקייט.

„שטעלט זיך פאָר," האט ער פלוצלינג געזאגט, זיך בעווענענדיג אונרוהיג אויף זיין שטוהל, „וויא דאס וואָלט אויסגעזעהן, ווען איך זאָל, דורך איין אונגליק־ ליכען צופאל, הייראטהען א 17-יעהרינעס מעדכען, צום ביישפיעל וויא קאטיא אלעססאנדראָוונא — מיר דאכט, אז איך האב גראדע געטראָפען זעהר א גוטעס ביישפיעל"...

ער האט בייא דיעזע ווערטער ארויס געלאָזען א ביטערן געלעכטער. איך האב אויך געלאכט, נאָר איך האב ניט געוואוסט ווארום.

„יעטצט זאגט מיר," האט ער זיך צו מיר צוגעווענדעט, „אבער איך וויל איהר זאָלט מיר ענטפערן אויפריכטיג: וואָלט איהר עס ניט גערעכענט אלס דאס גרעסטע אונגליק אין אייער לעבען, ווען איהר, אזוי פריש אונד יונג, זאָלט זיין צו־ געבונדען צו איין אלטען אונד אבגעלעבטען מאָן, וועלכער זוכט שוין נאָר איין ציעל, צו זיין אונד לעבען רוהיג? וויא, ווירקליך, וואָלט איהר זיך געקענט פיהלען, ווען

ער האט מיך אָנגעפאנגען צו בעהאנדלען וויא א מהייערע אונד ליעבער פריינד, מיך ראטהען אונד מיט מיר סימפאטהיזירען, מיך אביסעל אויסזידלען, לאכען פון מיר אויף א מילדער ארט; אָבער טראָטץ זיין אײנפאכע גוטסקייט, האב איך אימער געשפירט, אז א גאנצע וועלט מיט געפיהלע אונד געדאנקען ליעגט בעהאלטען אונטער זיין געהיימניספאָלער ברוסט, וואוהין ער האט מיך ניט צוגע־לאָזען אלעס צו וויסען.

פון מאטשא'ן האב איך ערפאהרען, אז אויסער דיא זאָרג פון זיין מוטער מיט וועלכער ער האט געוואָהנט, אונד אויסער דער פיהרונג פון זיין אייגענעם גוט אונד אונזער גוט, האט ער נאך געהאט אנדערע געשעפטען, וועלכע האבען איהם צייטענווייז זעהר בעאונרוהיגט.

אָבער עס איז מיר קיינמאל ניט געלונגען פון איהם ארויס צו קריעגען א וואָרט איבער זיין פריוואט לעבען, אָדער איבער דיא פלענער פון זיין צוקונפט. ווען איך האב איהם שטארק צוגעדרונגגען, פלעגט ער לעגען דיא האנד אויף זיין שטערען, צורריקען פעסט, אונד עס האט אויסגעזעהען גלייך וויא ער האט געוואָלט זאגען:

„קינד, דיך דארפען אזעלכע זאכען ניט בטקימערן, עס איז גענוג וואס איך האב איינענע צרות."

דאן האט ער אימער אומגעווענדעט דאס געשפרעך אויף עפעס אנדערש.

אנפאנגס פלעג איך מיך געפינען וויא בעליידיגט דערפאר, ווייל עס האט מיר אויסגעזעהן, גלייך וויא ער האלט מיך גאר ניט פאר קיין מענשען, אָבער מיט דער צייט האב איך מיך צוגעוואָהנט צו הערען נאָר פון זאכען וואס זיינען אונז נוגע, אונד דאס פלעגט מיר אויסזעהען גענוג אינטערעסאנט אונד אנ־גענעהם.

נאך א זאך האט מיין גרויסע אויפמערקזאמקייט צוגעצויגען. ער האט אויס־געזעהן זעהר גלייכגילטיג איבער מיין גאנצעס ערשיינען. איהר ווייסט געוויס, דאס יעדע פרוי וויל, דאס אירגענד א מאן זאָל זיך אינטערעסירען מיט איהרע קליידער, וויא זייא ליעגען, וויא זייא פּאסען, אונד, איבערהויפט, דאס געזיכט אויב עס ווערט שעהנער אָדער מיאוס'ער. ער האט ניעמאלס, זאָגאר דורך א מיענע, אנגעצייגט, אויב ער רעכענט מיך פאר שעהן אָדער ניט; אין געגענטהייל, ווען יעמאנד האט מיר געמאכט א קאָמפלימענט אין זיין געגענוואָרט, האט זיך זיין שטערן פער־קנייטשט אונד ער האט געלאכט שפּאָטיש. דיא נייע־מאָדע קליידער אונה איבער־הויפּט דעם קאָפּ־פוטץ, מיט וועלכע מאטשא פלעגט מיך אזוי פינקטליך בעזאָרגען,

„וויא שעהן איז דאס לעבען!"

איך האב טיעף אויפגעאטהעמט הערענדיג זיין שטימע.

„וואס איז מיט אייך?" האט ער געפרעגט.

„יא, דאס לעבען איז שעהן," האב איך געענטפערט אונד מיר זיינען ווידער געבליעבען זיטצען אין א טיעפער שטילקייט. פּלוצלינג זיינען מיר אָנגעקומען אונ־רוהיגע געדאנקען, וועלכע האבען מיך שרעקליך געמארטערט דערפאר, ווייל איך האב איהם מודה געוועזען, אז ער איז אלט, אונד פיעללייכט האב איך איהם דערמיט בעליידיגט. איך האב מיך געוואָלט ענטשולדיגען, איהם געבען איין ערקלערונג, אבער איך האב ניט געוואוסט וויא אזוי אָנצופאנגען.

„גוטע נאכט!" האב איך געהערט אויסקלינגען זיין שטימע, אונד ער האט זיך שנעל אויפגעהויבען. „מיין מוטער ערווארטעט מיך אין דער היים צום עסען. איך האב ביינאהע צו איהר היינט גאר ניט גערעדט."

„אָבער איך האב דאָך געוואָלט פאר אייך היינט שפּיעלען א נייע סאָנאטע!"

„אנאנדער מאל," האט ער געענטפערט באלד אזוי וויא אונהעפליך, „אדיע!"

איך בין געוועזען פאָלשטענדיג איבערציינט, אז איך האב איהם וועה געטהאָן מיט מיינע פריהעריגע ווערטער, אָבער איך האב ניט געוואוסט וויא איך זאָל דאס ווידער גוט מאכען.

מאטשא איז דאן ארויס געקומען אונד מיר האבען איהם בעגלייטעט ביז ארונטער אין הויף, וואו מיר זיינען געבליעבען שטעהן איהם נאכקוקענדיג, ביז ער איז פערשוואונדען געווארען אונד דער קלאנג פון זיין פערד׳ס פּאָדקאָוועס האט זיך יעדעס מאל שוואכער געהערט. איך בין דאן צוריק ארויף אויף׳ן באלקאָן אונד אָנגעפאנגען שפּאצירען הין אונד צוריק בליקענדיג אין גארטען.

נאך צווייא אָדער דרייא בעזוכע וואס סערגעי מיכאילאָוויטש האט אונז גע־מאכט, האט אָנגעפאנגען דאס געפיהל, פון אונזער לעטצטעס געשפּרעך, לאנגזאם פערשוואונדען צו ווערען. ער פלעגט קומען, וויא געוועהנליך, צווייא אָדער דרייא מאל אין דער וואָך, אונד איך האב מיך באלד אזוי צוגעוואָהנט צו דיעזע בעזוכען, אז ווען ער האט אמאל אויסגעפעהלט, האט זיך מיר געדאכט, דאס איך קען מיר גאר קיין אָרט ניט געפינען פאר אונרוהע. אָבער ווען ער איז ווידער ערשיענען, האט עס אויסגעזעהן וויא ליכט נאך א שטארקער פינסטערניס

איך האב דאן געוואוסט, אז מיין פערזענליכעס ערשיינען, דאס הייסט, כמעט מיין גאנצער קערפער, איז איהם שוין אזוי גוט בעקאנט, אז עס איז אונמעגליך איהם אבצונארען. איך האב עס דערפאר אויך מעהר ניט פראבירט צו טהון. אויסצופיללען דארט וואו מיר האט זיך געדאכט, אז עס איז ניט דיק גענוג, אדער איינצוציהען דארט וואו איך האב גערעכענט, אז איך בין ניט עדעל גענוג, האב איך מעהר ניט פראבירט. איך האב געזעהן, אז ער איז צופריעדען מיך צו זעהן ווי די נאטור האט מיך געמאכט, אונד איך בין אויך צופריעדען געוועז.

אונטערדעסען בין איך זיכער, אז ער האט ניט געוואוסט וואס עס געהט פאר אין מיינע געדאנקען, אונד, אין דיעזער בעציהונג ווענינסטענס, האב איך איהם געקענט אבנארען. איז דאס ניט א מערקווירדיגעס געפיהל ביי פרויען? ווער לערענט אונז דאס? דאכט זיך ניעמאנד, אונד דאך וויל זיך, מיר זאלען נארען די מענער.

ווען ער האט מיר אמאל געזאגט: „ווירקליך, איך רעכען, אז אין אייך ליעגט איין העררליכער גייסט" — בין איך געוועזן שטאלץ דארויף. זיין מיינונג, האט ביי מיר געשפיעלט א גרויסע ראלע.

אזא בעמערקונג פלעגט ער וויא געוועהנליך מאכען, ווען איך האב אויסגעזעהן גערירט פון דעם אלטען גרעגארעס ליעבע צו זיין אייניקעל, ווען טרערען האבען זיך בעוויעזען אין מיינע אויגען ביי דער פארלעזונג פון א גוטער געשיכטע, אדער, ווען איך האב ערקלערט, אז איך ליעב בעסער מאצארט'ס מוזיק אלס שולהאף'ס. עס איז מערקווירדיג, ווען איך ערינער מיך יעטצט אן דער ווייטער פערגאנגענהיים, דאס איך האב אימער אויסגעקליעבען דאס גוטע אונד שעהנע, אבוואהל איך האב אליין ניט געוואוסט די גענויע אורזאכע.

סערגעי מיאילאוויטש האט זיך קיינמאל ניט געמישט אין מיינע אונטערהערלטע אדער בעשעפטיגונגען, דעננאך האט ער נאר בעדארפט מאכען איין אונצופריעדענע מיענע אונד איך האב באלד פערשטאנגען וואס ער ליעבט ניט אונד עס איז מיר אויך נמאס געווארען.

עס האט מיר אויסגעזעהן, גלייך וויא איך האב אויף איינמאל געעפענט מיינע אויגען צו ערבליקען אלעס ארום מיר גאנץ פערשיעדען וויא איך האב עס אמאל בעטראכט. אמאל איז ביי מיר לעזען ביכער ניט מעהר געוועזן וויא א צייט פערטרייב, אבער אונטער זיין איינפלוס, איז לעזען ניטצליכע זאכען פאר מיר געוועזן די אינטערעסאנטעסטע בעשעפטיגונג. איבערהויפט, האט ער מיר מיסטעגנטהייל'ס אויסגעסליעבען וואס צו לעזען. צו לערנען מיט סאניא'ן, איז אמאל געוועזן פאר מיר

פלעגען פון איהם אַרויס רופען א פעראכטענדען שמייכעלע. דאס אלעס האט גע־
שמערצט מאטשא'ן אונד איך בין דאדורך געווען ערשטוינט.

דיא ארמע מאטשא, וועלכע האט בייא זיך בעשלאָסען, אז ער ליעבט מיך,
האט ניט געקענט בעגרייפען ווארום ער וויל מיר אפילו ניט שענקען א פריינדליכען
בליק ווען איך בין געווען אם שענסטען אויסגעפוצט. אבער איך האב אלעס
באלד בעגריפען. ער האט ניט געקענט ליידען דיא איינגעצווינגענע טאליע, דעם
ארויס געדריקטען בוזים וויא מיט געוואלט, דיא פארבינע קליידער, דיא לאנגע
בענדער, דיא דרייא־שטאָקיגע מויער אויף'ן קאָפּ — ער האט געליעבט דאס
איינפאכע, ריינע אונד נאטירליכע אין דעם פרויענצימער.

האט ער דען ניט רעכט? האב איך מיר געטראכט. ווען איך בין ניט גענוג
שעהן פון דער נאטור, וואס פאר א פוטץ קענען מיר געבען דיא שמאטעס?

זאָ שנעל וויא איך האב דאס ענטדעקט, האב איך באלד אָבגעלעגט פון מיר
דיא שווערע טאַאלעטע, מיך אָבגעוועהנט אפילו פון דעם אוננאטירליכען דרעהען
מיט'ן קערפער וויא פיעלע מיידלעך האבען דיא טבע, אויפגעגעבען דיא ראָלע פון א
קאָקעטקע אונד בין געוואָרען דיא איינפאכהייט אליין.

ווען ער האט מיך צום ערשטען מאל ערבליקט אָהן א קארסעט, אָנגעצווינגען
אין איינפאכע אונד נעטע קליידער, מיט מיינע שעהנע לאנגע צעפּ אריבער גע־
האנגען איבער מיינע שולטער, האב איך בעמערקט א צופריעדענעם שמייכעלע אויף
זיינע ליפען.

יא, איך בין זיכער געווען, אז סערגעי מיכאילאָוויטש האט מיך אזוי גע־
ליעבט — אָבער אויב אלס פריינדין אָדער פרויענצימער, האט ער אליין נאָר גע־
וואוסט. איך ווייעדער, האב מיר ניט געוואָלט נעהמען דיא צייט אום אזעלכע פראגען
צו בעענטפערן.

אין דערזעלבער צייט האב איך מיך אָבער געוואָלט פאָלשטענדיג איבער־
צייגען, אויב עס איז ווירקליך וואהר, אז ער ליעבט מיך אין דער איינפאכהייט,
אָדער, אנדערש געזאגט, אויב ער ליעבט דיא איינפאכהייט. צו דיעזען צוועק, האב
איך אמאל געשפיעלט דיא ראָלע אלס קאָקעטקע — דאמאלס איז געלעגען אויף
זיין געזיכט דער אויסדרוק פון שפּאָט פערמישט מיט פעראכטונג; ווען איך הא
ווידער אָבגעלעגט דיעזע ראָלע, איז ער געווען פאָלקאָמען צופריעדען. יא, איך האב
דאס גאנץ גוט געזעהן, אונד מיר פרויענצימער מעגען זיך ריהמען, אז אין דיעזער
בעציהונג, האבען מיר א גוטע ראיה.

שלאפען. איך האב זיא געפאלגט אונד געגאנגען. אבער איך האב ניט געקענט שלאפען, שפירענדיג דאס פערגניגען פון גליק וואס דערנעהנטערט זיך איבער מיר.

מעהרערע מאל האט עס פאסירט, וואס איך פלעג אויפהויבען מיינע הענד אונד דאנקען נאך פאר דער צופריעדענהייט וואס ער האט מיר געגעבען. אונד וויא שטיל עס פלעגט זיין אין זאלכע צייטען! בלויז דאס רעגעלמעסיגע אטהעמען פון מאטשא'ן, דאס לייכטע אבער כמעט הויבע קלאפען פון מיין ווינער'ל, אדער דאס ששושען פון א געפאנגענער פליעג, האט אבגעקלונגען אין מיינע אויערן. דיא טהירען אונד דיא לאדענס זיינען געוועזען פערמאכט, אונד איך האב מיר געוואונשען צו פערבלייבען אין דער שטילער גליקזעליגקייט אפילו מיין גאנצעס לעבען.

אונד וואס האט דאס אלעס בעדייטעט? פון וואנען אונד וויא אזוי איז געקומען דיעזעס גליק? לאנגזאם האב איך מיר אלעס אנגעהויבען צו ערקלערען, אז עס קומט נאר פון איהם אונד דורך איהם! אונד דאך, האב איך דאמאלס נאך אזוי װעניג געוואוסט, אז דאס איז געווען ליעבע!

5.

אין א נאכמיטאג, נאהענט פון דעם הערבסט, זיינען סאניא, מאטשא אונד איך ארויסגעגאנגען אין גארטען אונד מיר האבען זיך געזעטצט אונטער דעם לינדען בוים, וועהר א בעליעבטער פלאטץ פיר אונז אלע. פון דארט האבען מיר געקענט ארויס קוקען אויף דער שאסע וויא אויך אויף דיא פעלדער אונד אין א גרויסען וואלד וואס האט זיך אויסגעברייטעט גאנץ וויים.

סערגעי מיכאילאוויטש איז ניט געוועזען אין פאקראווסקי גאנצע דרייא טעג, אבער מיר זיינען געוועזען זיכער, אז ער מוז אנקומען, ווייל אזוי האט ער פערשפראכען דעם אויפזעהער פון פעלד.

אום 2 אוהר האב איך איהם בעמערקט ארום רייטענדיג אונטער דיא פלייסיגע פעלד־ארבייטער. מאטשא האט געשיקט ברענגען פערישטעס אונד ווינשעל, וועלכע ער האט אימער זעהר געליעבט, אונד דאן, זיך אוועק לעגענדיג אויפ'ן גראז, האט זיא צוגעדעקט איהר געזיכט מיט איהר ווייסעם טאשענטוך, אונד איז איינגעשלאפען. איך האב אבגעבראכען א צווייגעל פון דעם לינדענבוים אום אבצוטרייבען דיא פליעגען פון איהר, אונד דערווייל האבען מיינע אויגען געקוקט צום פעלד פון וואנען איך האב איהם ערווארטעט צו זעהען אנקומען.

א שווערע ארביים, אבער אונטער זיין איינפלוס, איז דאס געווארען א ליעבענס־ווירדיגע פליכט. אויך די דיענערשאפט האב איך בעטראכטעט מיט אנדערע אויגען וויא אמאל.

זאָגאר מאטשא, וועלכע איך האב פון פריהער זעהר געליטבט, איז פאר מיר ערשיינען אין א גאנץ אנדערע ראָלע. פריהער האט זיך מיר געדאכט, אז עס איז איהר פליכט צו שפיעלען די ראָלע פון מוטער, פריינדין אונד שקלאפין פיר מיר אונד סאָניא. אָבער איך האב אָנגעפאנגען אויף איינמאל צו פערשטעהן, אז אזא טרייהיים אונד ליעבע, קען מען מיט קיין געלד נים בעצאָהלען אונד איך בין צו איהר פערפליכטעט פיר איהר צערטליכקייט מיין גאנצעס לעבען.

די דיענער, האב איך אמאל בעטראכטעט וויא בהמות, וועלכע האבען בלויז דעם פאָרצוג וואס זייא קענען רעדען אונד געהן אויף צווייא פיס, דאמיט זייא זאלען אונז קענען בעדיענען. אָבער איך בין פלוצלינג געקומען צו דער איבערציינונג, אז זייא קענען ליעבען, האָפען אונד ליידען גראדע וויא איך, אונד, פאָלגליך, דארף איך זייא נאך בעדויערן וואס דאס שיקזאל האט זייא געמאכט פאר שקלאפען.

זאָגאר דאס פעלד, אונזער גארטען, די בוימער, די בלומען אונד דאס גראָז — אלעס האט בייא מיר אויסגעזעהן שעהנער, הערליכער אונד אנגענעהמער.

אין א טאָג האט סערגעי מיכאילאָוויטש געזאגט, אז דאס ווירקליכע וואהרע גליק ליעגט אין דעם, ווען דער מענש קען לעבען פיר זיינע מיט־מענשען. אנפאנגס האב איך גאר נים פערשטאנען וואס ער מיינט, אָבער מיט דער צייט האב איך אלעס בעגריפען. א נייע וועלט, נייעס פעהגניגענען אונד נייע אינטערעסען אין לעבען איז פאר מיר ערשיענען. מיט איינעם וואָרט, עס האט מיר אויסגעזעהן, אז אלעס, זיים מיין קינדהייט, איז געווען איינגעוויקעלט אין א דונקעלען וואלקען, אונד זיים סערגעי מיכאילאָוויטש איז ערשיענען, איז דער וואָלקען פערשוואונדען אונד ליכט האט זיך בעוויעזען.

אין יענעם זומער האט עס אָפטמאל געטראָפען, וואס איך האב נים געקענט שלאָפען נאכדעם וויא איך האב מיך געלעגט אין בעט. איך פלעג אויפשטעהן, צו געהען צו מאטשאָך אונד איהר דערצעהלען וויא גליקליך איך בין, אָבוואָהל דאס איז נים געווען נעטהיג, ווייל זיא האט דאס גאנץ דייטליך געקענט זעהען. וויא געוועהנליך האט זיא בעמערקט, אז זיא איז אויך גליקליך אונד צופריעדען מיט אלעמען וואס עס איז, אָבער צייטענווייז איז זיא געווען שלעפעריג, אונד מיך אָנזיד־מענדיג האט זיא מיר געהייסען איך זאָל איהר נים פערקלאָפען א מוח אונד געהן

וויא ניט אויפצורוועקען. איך האב באלד דערקענט, אז ער געפינט זיך אין א מונטערער שטימונג.

„גוטען אבענד, מיין קליינע בלומעלע! וויא געהט עס אייך?“ האט ער גע־פרעגט מיר דריקענדיג מיין האנד.

איך האב איהם געענטפערט, אז איך בין פאלקאמען געזונד אונד דאן גע־פרעגט וויא עס געהט איהם.

„מיר איז אונגעוועהנליך גוט היינט,“ האט ער געענטפערט זעהר מונטער, „מיר דאכט, אז איך בין היינט געוואָרען בלויז 13 יאהר אלט, אונד איך בין פערטיג צו שטיפען, לויפען אונד קלעטערן אויף דיא בוימער. אָבער קאטיא, וואס האט איך געטהאָן דיא ארמע מאטשא קארלאָוונא, וועלכע איהר שלאגט אזוי אונבארמ־הערציג איבער דער נאָז!“

איך האב ערשט דאן בעמערקט, אז אין מיין איבערראשונג, האב איך ארונטער געוואָרפען דאס טאשענטוך פון מאטשא׳ס פנים אונד מיט דער צוויינ, האב איך זיא געקלאפט איבער דער נאָז, מיינענדיג, אז איך טרייב אוועק דיא פליעגען. איך האב געלאכט.

„אבער עס שאדעט ניט,“ האב איך ווייטער בעמערקט שטילערהייט, „ווען זיא וועט אויפ־שטעהען, וועט זיא סאי־וויא־סאי זאגען, אז זיא איז ניט געשלאפען אונד געהערט אלעם וואס עס איז פארגעגאנגען.“

ערבליקענדיג דיא וויינשעל, האט ער זייא געכאפט וויא איין אבן־טוב אונד אנגעפאנגען צו עסען. דאן איז ער צוגעגאנגען צו סאָניא׳ן אונד זיך אוועק געזעצט נעבען איהר פופע. סאָניא איז געוועזען שטארק בעז דאריבער, אונד וועהרענד ער האט זיך מיט איהר געררייצט אונד געלאכט, האט זיא איהם געזאגט, אז ער מוז אוועק געהען, ווייל זיא וועט אויפוועקען מאטשא׳ן אונד איהר דערצעהלען אלעס. אָבער הערענדיג איהרע ווערטער, האט ער זיא באלד איבערגעבעטען אונד מיט איהר צוזאמען אויפגעגעסען דיא וויינשעל.

„זאָל איך שיקען נאך ברענגען, אָדער זאָלען מיר אליין געהען?“ האב איך געפרעגט.

אלס ענטפער דארויף, האט ער געכאפט דעם טעלער, ארויף געלעגט סאָניא׳ס פופע, אונד מונטער וויא איין אונשולדיגעס קינד, איז ער געלאָפען פאראויס צו אונזער פערמאכטען פרוכט גארטען. סאָניא איז איהם נאכגעלאָפען, אָנגעכאפט ... ראָס אונד איהם אזוי לאנג געצויגען, ביז ער האט איהר געמוזט אָבגעבען דיא פופע.

סאָניא איז געזעסען פון דער אנדערער זייט בוים אונד זיך בעשעפטיגט צו בויען א הויז פאר איהר פופע (ליאלקע.) עס איז געווען א הייסער טאָג אונד דיא ליפט האט אויסגעזעהען אונבעוועגליך. פון גאַנץ ווייט האט זיך געסענט הערען א שוואַכער דונער אונד א לייכטער בליטץ האט זיך געצייגט אויף א שטיק שווארצער במארע, וועלכע איז געהאנגען זעהר ווייט פון אונז.

דאס רוישען פון דיא פארבייפאָהרענדע וועגען אויף דער שאָסעע אונד דאס קנאקען פון דיא בויערן־בייטשען, האט צומאל אונטערבראכען דיא נאהענטע שטיל־קייט דאן האב איך געהערט דיא שטימען פון דיא פרויען זינגענדיג אויף׳ פעלד אונד איך האב געקענט בעמערקען דיא געלע זאנגען, וויא מען האט פון זייא געמאכט בינטלעך אונד אויסגעלעגט אויף׳ן פעלד נעבען דעם גרינעם וואלד. דאן האב איך מיך דערמאהנט, אז דאס בילד צייגט, דאס אקוראט דאמאלס, קומט פאָר דער וועקסעל צווישען זומער אונד הערבסט.

דיא זונן האט געשיינט אונד געוואָרפען איהרע גאלדענע שטראהלען, וועלכע האבען אויסגעזעהען צו ברענגען פריידען אונד גליק פאר דער גאנצער שעהנער וועלט.

„וואס האב איך געטהאן?“ האב איך מיך געפרעגט, „וואס איך בין אזוי גליקליך? וואס קען איך טהון, אום דיעזעס גליק אויך צו טהיילען מיט אנדערע?“

דיא זונן האט אָנגעהויבען צו זינקען, אונד זיא האט אויסגעזעהען וויא א גרויסער גאָלדענער לאמפ. וואס רוקט זיך אוועק פון אונז, איבערלאזענדיג גליק דאָ אונד ברענגענדיג גליק אנדערסוואו. איבער דיא בערג אונד לאנפעס האט זיך אויס־געשפרייט וויא איין גרויסע דעק פון א הימלישען פורפור־קאליר, גרייכענדיג מיט דיא גאָלדענע ברעגעס אין קלארען טייכעלע נעבען דעם פוס פון בארג. דיא ארבייטער האבען אָנגעהויבען א היים צו געהען, זייערע שטימען האבען געקלונגען העכער מיט געזאנג, נאָר — סערגעי מיכאילאָוויטש, איז נאך אלץ ניט ער־שיענען.

פלוצלינג האב איך בעמערקט זיין הויכע פיגור אנקומענדיג נאר פון איין אנדערער ריכטונג, ניט פון דאָרט וואו איך האב איהם ערוואַרטעט. מיט א געזיכט שטראהלענדיג פון גליק, האט ער זיך צו מיר דערנעהנטערט. אלס ער האט אָבער געזעהען מאַשאַ׳ן שלאָפען, האט ער צוגעלעגט דיא פינגער צו זיינע ליפען, אונד שאקלענדיג מיט׳ן קאָפ צו מיר. איז ער צוגעקומען אויף דיא שפיטץ פינגער אום

„ווען איהר גילט אביסעל ווײנשעל,“ האט ער געזאגט, „דאן גיבט מיר אריין דעם טעללער.“

„ניין, איך וויל דיא אליין אָבּרייסען,“ האב איך געענטפערט. „איך געה שוין ברענגען דעם שליסעל, ווייל סאָניא וועט איהם גאר ניט קענען גע־פינען.“

אָבער גראדע אין יענעם אויגענבליק, איז אין מיר ענטשטאנדען א ברענענדער וואונש איהם צו זעהן, ווען ער האט זיך גערעכענט, אז ער איז אליין. איך האב מיך געשטעלט אויף דיא שפּיטץ־פינגער אונד אין ווייכען גראָז, האב איך אָנגע־פאנגען ארום צו געהן אונד זוכען א שפּאלט אין דער וואנד דורך וועלכען איך זאָל קענען אריין קוקען. איך האב דערזעהען א לעדיגע פּעסעל. אויף וועלכען איך האב מיך באלד ארויף געשטעלט, אונד איך האב אריין געקוקט אין דעם אלטען פרוכט־גארטען, מיט דיא אלט־בעקאנטע בוימער. וועלכע זיינען געווען בעדעקט מיט רויט־דונקלע, גלענצענדע פריכטע. דאן האב איך ערבליקט סערגעי מיכאילאָ־וויטש זיך אנשפּארענדיג אן איין אלטען בוים, זיין הוט האט ער ניט געהאט אויף קאָפּ אונד זיינע אויגען זיינען געווען פערמאכט וויא אין א דרעמעל. עס האט אויסגעזעהן, אז ער האט גערעכענט, דאס איך בין אוועק ברענגען דעם שליסעל אונד קיינער קען איהם ניט זעהן. ער איז אזוי געשטאנען א קורצע צייט, דאן האט ער זיך געזעטצט אויף א ווארצעל פון א בוים, אונד איך האב געזעהן, וויא ער האט אויפגעצויגען זיינע שולטער, געעפענט זיינע גוטע אונד מילדע אויגען, אונד דאן האט ער אויסגעשפּראָכען א וואָרט אונד געשמייכעלט. דאס וואָרט האט מיך אזוי איבערראשט, אז איך האב מיך געשפּירט שולדיג גראדע וויא אין גנבה, דאמית וואס איך האב געוואגט איהם נאכצוקוקען אין געהיים. דאס וואָרט, האט זיך מיר געדאכט איז געווען „קאטיא.“

„עס איז אונמעגליך,“ האב איך מיר געטראכט. אָבער גראדע דאמאלס, האט זיין שטימע, מיט ריהרענדע צערטליכקייט, געמורמעלט: „טהייערע קאטיא!“

איך האב שוין געהערט דיא לעטצטע צווייא ווערטער גאנץ דייטליך: אין מיין ברוסט איז ענטשטאנדען א שטראָם מיט פרעהליכע געפיהלע, אונד א מערק־ווירדיגעס בעוואוסטזיין פון גליק האט מיך בעפאלען, זאָ דאס איך בין געצוואונגען געווען מיך פעסטער אָנצוהאלטען כדי איך זאָל ניט פאלען.

נאָר דיעזע בעוועגונג האט געמאכט אפילו א לייכטען גערויש, נאָר עס איז געווען גענוג איהם אויפצו־וועקען פון זיין טרוימען. ער האט אויפגעהויבען זיין

„איהר מוזט זיין א וויאָלעט־בלום,“ האט ער צו מיר געזאגט, „ווייל היינט ווען איך בין געקומען אהער, האב איך געשפירט דעם געשמאקען ריח פון וויאָלעטען מיך ארום נעהמענדיג וויא מיט א פארפום־וואָלקען; עס איז ניט געווען דער שטארקער פארפום גערוך, זאָנדערן דער לייכטער אונד זיסער גערוך פון דיא ערשטע דונקלע וויאָלעטען־שפּראָצונגען, וועלכע קוקען ארויס אין פריהלינג פון צווישען דיא גרינע בלעטעלעך, נאכדעם וויא דער שנעע האט זיך צו שמאלצען.“

וואס איך האב דאמאלס געשפירט, בין איך יעטצט ניט גענוי אימשטאנדע צו בעשרייבען. עטוואס קען איך מיך נאך ערא͏ינערן. איך האב געפיהלט א קלאפּ אין הערצען — אָבער א לייכטען אונד אנגענעהמען קלאָפּ, וועלכער האט אפילו געפאָלגט מיט אביסעל קאָלטקייט אין מיין לייב, דערפאר אָבער האב איך געשפירט וויא מיינע ברוסטען האבען זיך בעוואוינגען פון גליק אין מיין לויזעס העמד; אין מיינע באקען האט געיאָגט א שטראָם בלוט; פאר מיינע אויגען האט זיך בעוויעזען אלעס אזוי שעהן וויא אין גן־עדן, אונד אלע מיינע גליעדער האבען דאן וויא אויפגעציטערט פאר פערגניגען.

„וויא איז עס היינט צוגעגאנגען אין פעלד?“ האב איך געפרעגט נאך א פויזע, אום ניט צו ציינען דיא געהיימע געפיהלע וואס האבען זיך אין מיר ערוועקט.

„אויסגעצייכענט גוט,“ האט ער געענטפערט, „דיעזע מענשען, מעג מען טרויען; וואס מעהר מיר קענען דאס עהרליכע הערץ פון דעם רוסישען מוזשיק, אלס מעהר שענקען מיר איהם אונזער אכטונג.“

„יא,“ האב איך געזאגט, „איידער איהר זייט היינט געקומען, האב איך זייא אויפגעפאסט בייא זייער ארבייט, אונד איך האב מיךווירקליך געשעהמט פאר מיר אליין, זיך דערמאָהנענדיג וויא גרינג אונד רוהיג איך לעב אונד וויא פלייסיג שווער זייא ארבייטען.“

„ניין, ניין, קאטיא,“ האט ער זיך אָנגערופען, „נאָט זאָל אייך אָבהיטען איהר זאָלט נאך אמאל וויסען, דורך אייגענער ערפאהרונג, וואס פאר א שווערעס אונד ביטערעס לעבען דיעזע מענשען פיהרען. אָבער וואו זיינען דיא ווײנשעל?“

מיר זיינען שוין געווען נעבען גארטען, אָבער דיא טהיר איז געווען פערשלאָסען. סאָניא איז געלאָפען ברענגען דיא שליסעל, אָבער סערגעי מיכאילאָוויטש האט ניט געוואָלט ווארטען. מיט דער שנעללינקייט פון א אינגעל, איז ער ארויף געקראָכען איבער׳ן פארקען, אונד אין נעכסטען אוינענבליק, איז ער געווען אינווענינ.

בענאנגען איין אונאיבערלעגטע נארישקייט, ווייל איך האב מיך באלד געשפירט זעהר אונבעקוועם זיטצענדיג אייף'ן פארקען.

„וויא וועט איהר ארונטער געהען?" האט ער געפרעגט שטארק בעזארגט. ער האט אויסגעזעהן זעהר גענערגערט, אָבער זיין ערגערניס האט מיך ניט מעהר אונטערהאלטען, זאָנדערן ערשראָקען. איך האב אונטערדעסען אויך ניט געוואוסט וויא איך וועל פון דאָרט ארונטער. ער איז דאן צוגעגאנגען אונד מיט שווערער מיה, האט ער ערגריפען מיין האנד אונד מיר געהאָלפען, דורך דעם בוים, ארונטער שטייגען. דיא בעריהרונג מיט זיין קערפער האט מיך וויא בערוישט. דערוויל איז סאָניא אָנגעקומען, אויפגעשלאָסען אונד אונז בעפרייט

מיר האבען אויסגעמיעדען צו רעדען איינער צו אנאנדער, אונד אנשטאט דעם, האבען מיר געשפראָכען צום קינד.

ווען מיר זיינען צוריק געקומען, איז שוין מאטשא אויפגעשטאנען. זיא האט ערקלערט, וויא איך האב פריהער געזאגט, אז זיא איז גאר ניט געשלאָפען. איהר נעגענווארט האט מיך אָבער בערוהיגט. סערגעי מיכאילאָוויטש האט פאָרטגעזעטצט זיין קאלטע פריינדליכע בענעהמונג. אָבער ווען זיין טאָן האט נענארט מאטשא'ן, האט ער אבער מיך ניט געקענט אָבנארען.

מיר האבען געפלוידערט איבער פערשיעדענעס, אונד מאטשא האט בעהויפ־טעט, דאס אָבוואָהל ניעמאנד געפינט עפּעס א פעהלער אין דעם וואס א מאן ערקלערט ליעבע א פרויענצימער, וואָלט אָבער יעדער פעראכטעט דאס פרויענצימער, וואס וואָלט געהאט דעם מוטה צו ערקלערען דעם מאן ליעבע.

ניין, ניין," האט סערגעי מיכאילאָוויטש געענטפערט, „עס פאסירט אָבער מעהרערע מאָל, וואס א מאן קען ניט אונד וואגט ניט אויסצודריקען זיינע געפיהלע אין ווערטער צו דער, וועלכע ער ליעבט."

„ווארום?" האב איך געפרעגט.

ער האט ניט באלד געענטפערט. אָבער נאך א פויזע האט ער גע־זאגט:

„עס איז דערפאר, ווייל מענשען ערווארטען צו זעהן, נאך א ליעבעס־ערקלערונג, זאָל געשעהן עפּעס איין אויסערארדענטליכע זאך. איך דענק איבערהויפּט, אז דיעזע מענער, וועלכע שרייען אויס אזוי טהעאטערמעסיג: „איך ליעב דיך!" נארען זעהר אָפט זיך אליין, אונד דאס ערגסטע איז נאך, וואס זייא נארען אנדערע."

„אָבער וויא אזוי קען א פרוי וויסען, אז זיא איז געליעבט, ווען מען זאגט עס איהר ניט?" האט מאטשא געפרעגט.

אוינען, מיך ערבליקט אונד זיין נעזיכט איז געפארבט געוואָרען; אונזערע אויגען האבען זיך בעגעגענט, אונד איך האב געשמייכעלט — דאן האט זיך פלוצלינג אויסגעלייטערט זיין געזיכט אונד אָנגענומען א מיענע פון גליקזעליגקייט. זיין געזיכט האט פון סעקונדע צו סעקונדע אויסגעדריקט אזוי פיעל פרייד אונד גליק, דאס מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז איך נעפין דאָרט ניט מעהר דעם אלטען גוטען פריינד, וועלכען איך דארף אכטען אונד פאָלגען, זאָנדערן א מאן, א הערצליכען מאן, וואס ליעבט מיך אונד האט מורא פאר מיר, אונד פאר וועמען איך האב אויך מורא אונד ליעב פון מיין גאנצען הארצען.

אונגעפעהר א מינוט אָדער צוויי זיינען פאָראיבער אונד קיינער פון אונז האט גערעדט א וואָרט, דאן איז ער ווידער געווארען ערנסט. דער שמייכעל פון זיינע ליפען אונד דאס ליכט פון זיינע אויגען, זיינען אָבגעשטאָרבען. עס האט אויסגעזעהן, גלייך וויא מיר וואָלטען בעגאנגען עפעס א פערברעכען, אונד נאכדעם וויא ער האט דאס פערברעכען פריהער ענטדעקט, האט ער זיך אָנגעהויבען צו בעדויערען אונד מיך דערמאָהנט, אז איך דארף מיך אויך בעהערשען. ער האט זיך צו מיר געווענדעט מיט ברידערליכער־קאָלטקייט אונד געזאגט:

„געהט ארונטער; איהר קענט נאך פאלען אונד זיך בעשעדיגען. גלייכט אייך אויס דיא האאר; זעהט וויא איהר האט זיך צו שויבערט!“

יא, איך בין נאך דאמאלס געוועזען יונג אונד אונערפאהרען, אָבער עס איז ניט געוועזען לייכט מיך צו נארען. איך האב גאנץ גוט געוואוסט, אז ער ליעבט מיך, אונד ער האט זיך נאָר געוואָלט פערשטעלען. מיין הערץ האט אָנגעהויבען אונ־היימליך אונד אונצופריעדען צו קלאפען.

„פאר וואס שפיעלט ער אזא ראָלע?“ האב איך מיך געפרעגט, „אונד ווארום בעהאנדעלט ער מיך אזוי?“

דאמאלס איז אין מיר ענטשטאנדען דער וואונש צו פראָבירען מיין קראפט איבער איהם. עס איז דערזעלבער וואונש פון אלע פראויענצימער, וועלכע וויסען, אז זייער שעהנהייט איז א מעכטיגע וואפען.

„ניין,“ האב איך געענטפערט הויך, „איך וויל אָנרייסען אביסעל ווינשעל.“ דערביי האב איך אָנגעכאפט דיא נאהענטעסטע צווייג מיט ביידע הענד, אונד אזוי האב איך מיך ארויף געצויגען אויף דער וואנט פון דעם פארקען, נאך איידער ער האט מיך געקענט הינדערן.

„וויא נאררייש!“ האט ער אויסגעשריען; אונד, ווירקליך, האב איך

איך האב איהם געקוקט גראדע אין די אויגען אונד ער האט גע־ענטפערט:

„אין כעס, וואָרום?“

„ווייל איך האב אייך ניט געוואָלט פּלאָגען היינט פאַרנאַכט,“ האב איך גע־ענטפערט שפּירענדיג דיא פאַרבען קומען אין מיין געזיכט.

ער האט מיך פערשטאַנען, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אונד געשמייכעלט. אָבער זיין שמייכעל האט מיר אונטערדעסען געזאגט, אז ער האט בעאבזיכטיגט מיך אויס־צוזידלען וויא זיין מאָדע איז געווען, נאָר מיינע פראַגען האבען פון איהם אוועק גענומען דעם מוטה דערצו.

„אלעס איז פאַראיבער, יא?“ האב איך געפרעגט, „אונד מיר זיינען ווידער גוטע פריינד.“

„יא, קאַטיא, געוויס,“ האט ער געזאגט, אונד איך האב מיך אוועק געזעצט בייא דער פּיאַנאָ.

דיא איינציגע בעלייכטונג אין דעם גרויסען אונד לאַנגען צימער, איז געקומען פון צוויא וועקסענע ליכט אויף דער פּיאַנאָ. כמעט אלע אַנדערע טהיילען זיינען געווען פינסטער. דורך דעם אָפענעם פענסטער האבען זיך וויא אריין געגנב'עט א שטראָם זילבערנע לבנה־שטראַהלען; זאָגסט האט געהערשט א הייליגע שטיללקייט.

ער האט זיך אַניעדער געזעצט הינטער מיר, כדי איך זאָל איהם ניט זעהן; אָבער פון דער דונקעלהייט, פון צווישען דער האַרמאָניע פון דער מוזיק; פון צווישען דיא לבנה־שטראַהלען, האב איך איהם געשפּירט.

עס איז קיין צווייפעל, אז איך האב דאַמאַלס גוט געשפּיעלט אונד דיא טענער האבען געגרייכט צו מיין הערץ אונד שטאַרק אויפגערעגט מיינע געפיהלע. איך האב מיך געמֹחט אומוועגדען איהם צו זעהן. ער איז געזעסען אין ליכט פון דיא שטראַהלען, וועלכע האבען געשיינט אויף זיין געזיכט וואס האט אויסגעדריקט מענכליכע שעהנהייט, צופריעדענהייט אונד גליק. זיינע אויגען זיינען געווען געריכטעט אויף מיין פיגור. איך האב געשמייכעלט אונד אויפגעהערט שפּיעלען. ער האט אויך געשמייכעלט אונד געמאַכט מיט'ן קאָפּ צו דער פּיאַנאָ, אז איך זאָל ווייטער שפּיעלען.

מאַטשא האט אונטערדעסען געשפּאַצירט אין דרויסען, אונד איך האב גע־הערט איהר שטימע בעמערקענדיג, אז עס איז א שאדע וואס איך האב אונטער־בראָכען מיין שפּיעלען. סערגעי האט אויך בעמערקט, אז איך האב אין יענעם אבענד געשפּיעלט שעהנער אונד בעסער וויא אַלע מאָל.

„דאס ווייס איך ניט גענוי," האט ער געענטפערט. „נאר מיר דאכט, ווען ליעבע איז דא, דאן זיינען ווערטער ניט קיין הויפטזאך. ווען איך לייען א ראמאן, דאן דאכט זיך מיר, אז איך זעה דיא נארישע מיענע אויף דעם געזיכט פון לייט־נאנט סטרעטסקי, אדער מאנסיע ווערנאן, נאכדעם וויא ער שרייט אויס דרא־מאטיש: „איך ליעב אייך, לעאנארא!" זייא מיינעןביידע, אז עפעס אויסער־ארענטליכעס וועט נאכדעם פאסירען, אבער עס געשעהט גאר ניט: דיא געזיכטער, דיא בליקען, דיא אויגען, אלע בלייבען דיעזעלבע. היינט צו וואס טויג דיא צערע־מאניע פון דער ליעבעס־ערקלערונג? דיא ליעבע, וויא מען זאגט, פערשטעהט זיך בעסער איין אויף שטום־לשון."

אבער מאטשא האט מיט איהם ניט געקענט איינשטימען. זיא האט גע־לערענט דיא געזעצע פון ליעבע, אין דיא פראנצויזישע ראמאנען, אונד זיא האט אום קיינעם פרייז ניט געוואלט אויפגעבען דיא אידעע איבער דעם העלד, וועלכער פאלט אויף דיא קניע פאר זיין געליעבטער אונד שרייט אויס נאט ווייס וואס.

„זאגט מיר דעם אמת, סערגעי מיכאילאוויטש," האט זיא זיך געווענדעט צו איהם, „האט איהר נאך ניעמאלס געזאגט א פרויענצימער, אז איהר ליעבט זיא?"

„ניין, איך בין נאך ניעמאלס געפאלען אויף דיא קניען פאר א פרויענצימער, אונד איך בעאבזיכטיג אויך ניט דאס צו טהון," האט ער געענטפערט מיט א מונטערער שטימע.

איך האב מיר געטראכט, אז עס איז ווירקליך ניט נויטהווענדיג ער זאל מיר זאגען, אז ער ליעבט מיך. איך בין אויך געוועזען איבערצייגט, אז מיט אלע זיינע קונסטפאלע פערשטעללונגען, וועט ער פאר מיר ניט קענען פערדעקען זיינע געפיהלע.

עס איז שוין געוועזען גוט דונקעל. מיר האבען צוריק געקעהרט אין הויז, אונד נאכדעם וויא מיר האבען עפעס געגעסען אויף'ן באלקאן, בין איך אריין געגאנגען אין פיאנא־צימער. ער איז מיר נאכגעגאנגען.

„שפיעלט עפעס, קאטיא," האט ער געזאגט, „עס איז שוין א לאנגע צייט דים איך האב אייך ניט געהערט שפיעלען."

איך האב מיך פלוצלינג צו איהם געווענדעט אונד געפרעגט:

„סערגעי מיכאילאוויטש, איך וויל וויסען אויב איהר זייט אין כעס אויף מיר?"

סעקונדען בין איך האב הערקענט מאטשא'ס שטימע. דא האט מורא געהאט פאר ושאבעס. דאן האב איך דערזעהען א ושאבע שטעהענדיג אויף א גרויען שטיין, פון וועלכען זיא איז באלד ארונטער געשפרונגען צווישען גראָז.

„איהר האט קיין מורא ניט?“ האט מיך סערגעי מיכאילאָוויטש געפרעגט מיט א ציטערענדע שטימע, אונד מיר האט זיך געדאכט, אז איך הער:

„איך ליעב דיך, געליעבטע! איך ליעב דיך!“ דיעזעלבע שטימע האט מיר אויסגעזעהן אָבצוּקלינגען פון די ווייטע בערג. מיר האבען נאך שפאציערט, אונד דאן האט מאטשא געזאגט, אז עס איז צייט אריין צו געהן אין הויז. איך האב געהאט מיטלייד מיט איהר, ווארום זיא איז אויך ניט געליעבט וויא איך.

דאן האבען מיר צוריק געקעהרט צום באלקאָן, וואו מיר זיינען געזעסען אונד געשפראָכען, ניט וויסענדיג וויא שפעט עס איז. אוננעפעהר אום 1 אוהר פארטאג, איז ער ערשט אוועק.

איך בין ניט געגאנגען שלאָפען, זאָנדערן ארום געשפאצירט אליין אונד אויפגעזוכט די פלעטצער וואו מיר זיינען פריהער געווען, זיך וועלענדיג עראינערן וואו ער האט געשפראָכען צו מיר.

„יא,“ האב איך געמורמעלט, „ער ליעבט מיך, דאריבער איז מיר ניט דער מינדעסטער צווייפעל, אָבער ווארום מיידעט ער אויס ארויס צו צייגען די ליעבע? ווארום רופט ער זיך אלט, ווען ער ערשיינט מיר אזוי יונג, שטארק אונד שעהן? ווארום זאלען מיר פערלירען גליק אין אונזער לעבען, וועלכעס מען קען שפּעטער קיינמאל ניט אָניאָגען? ניין, ניין, ער מוז מיר זאגען, אז ער ליעבט מיך! ער מוז צובייגען זיין שעהנעם קאָפּ צו מיר, איך זאָל לעזען אין זיינע אויגען די ליעבע. דאן וועל איך איהם אלעס דערצעהלען וואס איך פיהל. אבער ניין, איך וועל איהם נאר ניט זאגען, זאָנדערן צודריקען צו מיין הערץ אונד וויינען. אָבער, ווען איך זאָל נאר האבען א טעות? וואס וועל איך טהון ווען ער ליעבט מיך גאר ניט?“

נאָר דער לעטצטער געדאנק איז פון מיר באלד אוועק. איך האב מיך דער־מאָהנט אן דער סצענע פון דעם גארטען, אונד איך בין געווען איבערצייגט. דאן האב איך געשפירט די טרערען אין מיינע אויגען, איך האב מיך דערמאָהנט אן מיין מוטער אונד געבעטען נאָט ער זאל מיר העלפען איך זאל גליקליך זיין מיט סערגעי מיכאילאָוויטש.

איך האב בעשלאָסען צו בעשטימען מיין נעכסטען געבורטס־טאג, אלס מיין פערלאָבונג. ווארום איך האב אזוי בעשלאָסען, וויים איך ניט, אָבער איך האב געשפירט, אז אזוי וועט עס זיין.

איך האב נאר נים נעענטפערט, נאָר איך האב געשמייכעלט אונד מיך גע־פיהלט אזוי גליקליך, אז איך האב געוואָלט לאכען פון דעם גאנצען הערצען. דאָן איז מאַטשאַ אריין געקומען. איך בין צו איהר צוגעלאָפען זיא אומארמט, געקושט איהר ווייסען אונד דיקען האלז. דאָן האט סערגעי אָנגעפאנגען צו שפּאצירען איבער דעם צימער. מאַטשאַ האט מיך אָנגעקוקט ערשטוינט אונד איהם גע־פרעגט:

„וואס איז מיט איהר היינטיגע נאכט?“

ער האט נאר ניט געענטפערט, נאָר געקוקט צו מיר אונד געשמייכעלט.

„עס איז א הערליכע נאכט!“ האט ער געזאגט, אונד אָהנע וויטערע צער־רעמאָניע, איז ער ארויס אין גארטען. מיר זיינען נאכגעגאנגען, אונד איך האב ווירקליך, אין מיין גאנצעס לעבען, נאך ניט געזעהען ביז דאמאלס אזא הערליכע אונד שעהנע נאכט.

דיא פולע לבנה איז געהאנגען אין א טיעף-בלויען הימעל; דיא שאטענס פון דיא בוימער אונד סטאטוען אין גארטען, האבען זיך אויסגעברייטעט פאנטאסטיש איבער דעם מילד־בעלייכטעטען גראָז אונד וויט אוועק, האט עס אויסגעזעהען גע־חיימניספאָל דונקעל.

„זאָלען מיר אביסעל שפּאציערען?“ האב איך געפרעגט.

מאַטשאַ האט איינגעשטימט, אָבער זיא האט בעמערקט, אז איך מוז אָנ־טהון דיא קאלאָשען, דאמיט דיא טהוי אויף׳ן גראָז זאל ניט דורכנעטצען מיינע דינע שיך אונד איך זאָל מיך פערקיהלען.

איך האב געענטפערט, אז דאס איז ניט נעטהיג, סערגעי מיכאילאָוויטש וועט מיר געבען זיין ארעם, גראדע וויא דאס וועט שוין פערהיטען א פערקיהלונג: אָבער זייא זיינען אויך געווען וויא בערוישט אונד קיינער האט ניט געפונען קיין פעהלער אין מיין אונפּאסענדען ענטפער.

ער האט מיר נאך קיינמאל פריהער ניט געגעבען זיין ארעם, נאָר דאמאָלס האב איך איהם אליין גענומען, אונד ער האט ניט אויסגעזעהן איבערראשט. מיר האבען אלע דריא שפּאצירט אונד מיר האט אויסגעזעהן, אז דיא בלומען סוד׳ן זיך מיט אנאנדער אונד שמייכלען מיט פערגניגען צו אונז. איך האב אויפגעהויבען מיינע אויגען אונד א בליק געגעבען צו איהם. ער האט אויסגעזעהען מערקווירדיג שעהן אונד גליקליך.

„אך! א ושאבע!“ האב איך פלוצלינג געהערט א דערשראָקענע שטימע הינטער אונז. איך בין געווען צו פיעל פערטראכט, אונד עס האט גענומען עטליכע

אלס איך בין אריין געקומען אין הויז, האט מאטשא מיך געפרעגט וואס איך בין אזוי אויפגערעגט; איך האב מיך אבער געמאכט, אז איך פערשטעה זיא ניט אונד האב געשוויעגען. איך האב מיך פערשלאסען אין מיין צימער, אונד האב מיר אנגעפאנגען פארצושטעלען דיא פרייד פון דעם ארמען סימאן בשעת ער האט דערזעהן דאס געלד, אונד דאן, וויפיעל ברכות ער האט געגעבען זיין אונבעקאנטען וואהלטהעטער.

איך האב מיך אליין געפרעגט, וואס סערגעי מיכאילאוויטש וואלט געזאגט, ווען ער וואלט געוואוסט פון מיין האנדלונג. איך בין ניט געווען אין צווייפעל, אז דאס וואלט ארויס גערופען א גליקליכען שמייכעלט אויף זיינע ליפען. אבער עס האט מיך געפרייט וואס ער האט דערפון ניט געוואוסט, כדי מיין גוטע טהאט זאל ניט אויסזעהען, אז איך זוך לויב דערפאר.

אך! וויא גליקליך איך בין געווען! דיא אידעע פון העלפען, שטיצען אונד גליקליך מאכען דעם צווייטען, האט אין מיר ארויס גערופען א מערקווירדיגעס געפיהל, דאס איך האב געלאכט, געבעטען אונד געוויינט, אונד עס האט מיר אויסגעזעהען, אז איך ליעב דיא גאנצע וועלט, אונטער וועלכער איך אליין מאך ניט קיין בעזונדערע אויסנאהמע.

פלוצלינג האב איך מיך דערמאהנט, אז א דאמע פון אונזער נאכבארשאפט, איז מיט מיר געווען ברוגז דערפאר, ווייל איך האב פון איהר אמאל חוזק געמאכט. אהנע פיעל צו קלערען, האב איך מיך אוועק געזעטצט, צו איהר אבגעשריעבען א בריעף אונד געבעטען אום איהר פערצייהונג. דאן האב איך אנגעהויבען צו קלערען אויב איך האב ניט נאך יעמאנדען וואס איך דארף איבערבעטען. זעהענדיג, אז איך בין זאנסט אין פריעדען מיט דער גאנצער וועלט, האט מיין הערץ אין מיר וויא געטאנצט פאר שמחה.

איך האב דעם בריעף אבגעשיקט צו דער דאמע מיט א דיענער, אונד איך האב גלייך ערהאלטען איין ענטפער. איך בין אריין צוריק אין מיין צימער, געעפענט דעם בריעף אונד געלעזען, אז ניט איך, זאנדערן דיא אליין איז שולדיג, אונד פון מיר פערצייהען איז גאר קיין רעדע ניט, אין געגענטהייל, זיא האט געבעטען אום מיין פערצייהונג.

„אך גאט!" האב איך אויסגעשריען, „סערגעי מיכאילאוויטש האט פאל־קאמען רעכט! וואהרעס גליק בעשטעהט אין דעם וואס מיר וויסען, אז אנדערע זיינען גליקליך, אונד וויא גוט עס וואלט געווען אויף דער וועלט, ווען יעדער בעזונדער זאל זארגען דערפאר! פיינער וואלט ניט געליטען, אונד דיא ליידען פון איינעם

פערטיעפט אין מיינע געדאנקען, האב איך פלוצלינג בעמערקט וויא דער מאָרגענשטערען איז בלאס געוואָרען, דיא לבנה איז שוין געווען ווייט, אונד אין מזרח־זייט האט זיך בעוויעזען טאגעס־ליכט. איך בין אריין אין מיין צימער.

4.

מיט א וואָך פאר מיין געבורטס־טאג, האט סערגעי מיכאילאָוויטש אונז אויפגעהערט צו בעזוכען. דיא אורזאכע האט ער אליין געוואוסט. איך בין געווען פון איין זייט זעהר געערגערט, אָבער וויסענדיג, אז ער וועט געוויס ערשיינען צום געבורטס־טאג, בין איך געווען זעהר גליקליך אין פאָרבערייטען זיך איהם צו עמפּ־פאנגען.

אין איין אבענד האב איך געהערט א דיענער דערצעהלענדיג מאטשא׳ן, אז דער בויער סימאָן איז געקומען בעטען עטליבע ברעטער, כדי ער זאָל האבען מיט וואס צו מאכען א טרוגע פאר זיין קליינער טאָכטער, וועלכע איז נאָר וואס גע־שטאָרבען.

„איז ער ווירקליך אזוי ארעם?" האב איך געפרעגט פיהלענדיג דיא טרערען אין דיא אויגען.

„ער איז אזוי ארעם," איז געווען דער ענטפער, „אז ער האט אפילו ניט א שטיקעל ברויט אין שטוב."

עס האט זיך מיר געדאכט, אז עפּעס א שארפער אינסטרומענט האט בייא דיעזע ווערטער דורכגעבויערט מיין הערץ, אבער, אין דערזעלבער צייט, האב איך מיך געפרייט, וואס איך האב דערפון ערפאהרען.

זאגענדיג מאטשא׳ן, אז איך געה שפּאצירען, בין איך ארויף געלאָפען אין מיין צימער, צוזאמען גענומען אביסעל געלד (עס איז ניט געווען פיעל, ווייל איך האב מעהר ניט געהאט) אונד בין באלד ארויס דורך׳ן גארטען אויף׳ן וועג צום דאָרף. איך בין צוגעקומען צו סימאָן׳ס וואהנונג אונבעמערקט אונד אוועק געלעגט דאס געלד אויף׳ן פענסטער, דאן האב איך שטארק אָנגעסלאפּט. איך האב געהערט דיא טהיר זיך עפענען אונד א שטימע האט געפרעגט:

„ווער איז דאָרט?"

איך בין אָבער באלד ענטלאָפען אונד געזעהען וויא יעמאנד איז צוגעגאנגען צום פענסטער אונד געלעגט דיא האנד אויף׳ן געלד. אויפגערעגט אונד צופריעדען בין איך געלאָפען אזוי שנעל וויא דיא פיס האבען מיך געקענט טראגען, ביז איך בין אָנגעקומען אהיים.

אבער בעהערדיש, אונד איך האב אפילו ניט נעפרעגט, אויב ער וועט זיך לאנג זאמען. יא, איך האב ערווארטעט פון איהם זאוואס צו הערען, אונד איך האב איך געוואוסט, אז ער וועט ניט פאהרען. וויא אזוי איך האב דאס געוואוסט, קען איך ניט ערקלערען, אבער אין יענעם טאג האט עס מיר אויסגעזעהען, אז איך האב געוואוסט פון אלעמען וואס עס האט פאסירט אונד וועט פאסירען.

דיא געסט זיינען אוועק, אונד סאטשא, זיך פיהלענדיג מיער, איז זיא גע־גאנגען אביסעל שלאפען. סערגעי איז דערפאר געצוואונגען געווען נאך צו ווארטען. מיר זיינען דערווייל ביידע ארויס אויף'ן באלקאן.

נאך איידער מיר האבען זיך געזעטצט, האב איך אנגעפאנגען דאס געשפרעך, וואס האט בעדארפט ענטשיידען דאס שיקזאל פון מיין ליעבע. פון וואנען מיינע פראגען אונד מיין רוהיגע האלטונג האט זיך צו מיר גענומען, ווייס איך אליין ניט. עס האט מיר אויסגעזעהען, גלייך וויא איין אנדערע פערזאן האט פון מיר ארויס געשפראכען.

סערגעי מיכאילאוויטש האט זיך דאן געזעטצט נעבענאיבער מיר, זיך אנ־לעהנענדיג מיט דער לינקער האנד אויף דער זייט פון דעם באלקאן, אונד מיט דער רעכטער האט ער אנגענומען א בלומען־צווייגעל, פון וואנען ער האט אבגעריסען א בלעטעל. ווען איך האב אנגעהויבען צו רעדען, האט ער אבגעלאזען דאס צווייגעל, אונד זיך אנלעהנענדיג מיט זיין קאפ אויף דער רעכטער האנד, האט ער נעבילדעט דיא פאזיציאן וואס איז מיר שיין געווען בעקאנט, אז ווען זיין גייסט איז געשטערט, מוז ער אזוי זיטצען אום אלעס ריכטיג איבערצודענקען.

„ווארום פאהרט איהר אוועק?“ האב איך איהם געפרעגט קוקענדיג גלייך אין זיין געזיכט.

„איך האב וויכטיגע געשעפטען צו בעזארגען,“ האט ער געענטפערט, ארונטער־לאזענדיג זיינע אויגען. איך האב פערשטאנען, אז עס האט איהם געקאסט שווערע מיה מיר צו זאגען אזא גרויסען ליגען.

„הערט,“ האב איך געזאגט, „איהר ווייסט גאנץ גוט, וואס פאר א וויכטיגער מאמענט דער היינטיגער טאג איז בייא מיר, אונד איך וויל ניט אונד קען ניט מעהר בעהאלטען פאר אייך מיינע געפיהלע. איך ליעב אייך אונד בעדארף האבען אייער געגענווארט. אונד יעטצט, פרעג איך אייך נאך אמאל, ווארום פאהרט איהר אוועק? איך מוז עס וויסען!“

זיינע אויגען האבען זיך שטארק געעפענט, וואו איך האב בעמערקט א גע־היימניספאלעס פייער'ל אויפפלאקערן. איך האב גאנץ גוט געזעהן, וויא זיין גאנצער

וואלטען אויסגעזעהען גאר אנבעדייטענד, ווען יעדער אנדערער וואלט געזוכט דיעזע צו לינדערן!"

דיא אלטע גדראנסען פון רייזען, קומען אין מינטערער געזעלשאפט, טאנצען, שפרינגען אונד זיין גליקליך פיר זיך אליין, זיינען פערשוואונדען, אונד דיא ווערטער פון סערגעי מיכאילאוויטש, אז דאס לעבען מיט דער שטילער נאטור איז דאס גליקליכסטע, זיינען פאר מיר ערשיענען נים נאר אלס א וואהרהייט, זאנדערן איך בין געוועזען בערייט מיין גאנצעס לעבען דאפיר אבצוגעבען.

דיא געסט פון דער נאכבארשאפט זיינען שוין באלד געוועזען פערזאמעלט צו מיין געבורטס־טאג, ווען איך האב בעמערקט, דורך דעם פענסטער, אנקומענדיג א טראיקא (דרייא־געשפאן) וואו סערגעי מיכאילאוויטש איז געזעסען. ער איז שנעל ארונטער געשפרונגען, אריין אין הויז, גענומען מיין האנד אונד מיר געוואונשען גליק.

ער איז דאן געשטאנען אונד מיך בעטראכט א היבשע צייט. יא, סערגעי מיכאילאוויטש האט אימער געקענט לעזען מיינע געדאנקען אין מיין געזיכט. ער האט דערקענט דאס גליק אונד צופריעדענהייט וואס האט געהערשט אין מיין זעלע. זיין שעהנעס געזיכט האט אויך אנגענומען א גליקליכע מיענע, אונד ער האט געשמייכעלט. אלס איך האב געוואלט עפענען דיא טהיר אום אריין צו געהען אין מיין פיאנא־צימער, האט ער געזאגט:

„ניין, קאטיא, איהר דארפט היינט נים שפיעלען; אין אייער זעלע הערשט היינט אזא הארמאניע, וואס שטעהט העכער פון אירגענד א מוזיק אין דער וועלט."

איך בין איהם געווען זעהר דאנקבאר פאר זיינע ווערטער, אבער, אין דער־זעלבער צייט, האט עס מיך זעהר געערגערט, וואס ער האט אזוי לייכט דעררא‌טהען מיינע געדאנקען.

איז דאס נים מערקווירדיג? מיר פרויען, וויא רייך אונד וויא געטרייא מיר זאלען זיין צו דעם מאן וואס מיר ליעבען, ווילען מיר דאך האבען אונזערע סודות, וועלכע מיר ווינשען נים ער זאל ערפאהרען.

וועהרענד דעם עסען, האט ער אונז אנגעציינט, אז ער איז נים נאר געקומען מיך צו גראטולירען, זאנדערן אויך אנצוזייגען, אז ער פאהרט אויף'ן צווייטען טאג אוועק נאך מאסקווא, אונד ער וויל זיך שוין אין איין וועג געזעגנען.

ער האט געקוקט צו מאטשא'ן, דאן צו מיר, אונד עס האט אויסגעזעהען, אז ער האט געזוכט צו לעזען אויף מיין געזיכט אונצופריעדענהייט. איך האב מיך

A אונד א יתנעס, שעהנעס אונד לעבהאפטעס מעדכען, וועלכע מיר וועלען רופען B. דיא לעטצטע, פריילין B, איז אונשולדיג, אונערפאהרען, אונד קען ניט קיין מענער וויא אויך ניט דאס לעבען. פאמילען־אנגעלעגענהייטען אדער אנדערע צופעלע, האבען זייא צוזאמען נעפיהרט. אנפאנגס האט הערר A געליעבט פריילין B, אלס א טאכטער, ניעמאלס דענקענדיג, אז עס קען אנדערש זיין.״

ער איז געבליעבען שטיל, אבער איך האב קיין בעמערקונג געמאכט, דאן האט ער פארטגעזעטצט:

„מיט דער צייט אבער, האט A פערגעסען, אז B איז אזוי יונג אונד דאס גאנצע לעבען זעהט איהר נאך אויס וויא א זיסער חלום, א פרעהליכער אונטער־האלט, אונד, אין א געוויסען מאמענט, האט ער פלוצלינג ערוואכט פון א שטויס אין זיין הערצען אונד ארויס געזעהען, צו זיין פרייד אונד ערגערניס, אז ער ליעבט פריילין B מיט זיין גאנצעס לעבען. דיא ענטדעקונג פון דיעזען געפיהל, האט דעם הערר A ניט נאר דערשראקען, זאנדערן אויך ארויס גערופען אונענדליכען שמערץ, אונד זעהענדיג וויא אונגלייך, וויא אונפאסענד אזא פעראייניגונג קען זיין, האט ער בעשלאסען אוועק צו פאהרען — נאט ווייסט וואוהין — מיט דער אבזיכט, ניט ווידער אויפצופרישען זייער אלטע פריינדשאפט אונד מעהר ניט צוזאמען ברענגען דיא צווייא כאראקטערע נאהענט גענוג, אום צו פערהיטען געפאהר.״

נאך א שוידער איז געלאפען איבער זיין קערפער, אונד זיין האנד האט בע־רעקט זיינע אויגען.

„וואס איהר האט מיר ביז יעטצט דערצעהלט,״ האב איך געזאגט מיט א האלב־הייזערינער שטימע, „פערשטעה איך נאר האלב. דיא פראגע, איז אבער, ווארום האט A מורא געהאט צו ליעבען פריילין B אויף איין אנדער ארט, ניט אלס קיין טאכטער?״

סערגעי מיכאילאוויטש האט געווענדעט זיינעביידע אויגען צו מיר, אונד וויא מיט איין איבערנאטירליכער אנשטרענגונג האט ער געענטפערט:

„קאטיא, קינד, איהר זייט יונג, ועהרענד איך בין עס ניט. דאס לעבען איז בייא אייך נאך א שפיעלצייג. בייא מיר איז עס א ווירקליכקייט אונד א גרויסער ערנסט. ניין, קאטיא, איהר דארפט עס ניט, אונד נאט בעהיטע, ווען דאס זאל געשעהען, וואלט געמוזט קומען דיא צייט איהר זאלט ביטער חרטה האבען. אזוי, פריינדין, וואלט A געמוזט ענטפערן פריילין B. יעטצט, האף איך, פערשטעהט איהר מיך ווארום איך מוז אוועק פאהרען. אונד איך בעט אייך, לאז דערמיט נעהמען איין ענדע אונד מיר זאלען שוין מעהר ניט רעדען דאריבער.״

מעכטינער קערפער האט אויפגעציטערט. אבער דאס האט געדויערט נאר א מאָ־מענט אונד ער האט זיך באלד בערוהינט. דאן האט ער געענטפערט:

„עס איז ניט לייכט אייך צו זאגען דיא וואהרהייט. איך האב זעהר פיעל נעדענקט איבער אייך אונד איבער מיר, וועהרענד דער לעטצטער וואָך, וואס איז האב אייך ניט בעזוכט. נאך דעם פיעלען אונד שווערען נאכדענקען, האב אי־ך בעשלאָסען, אז איך מוז אוועק פאָהרען. ווארום דאס איז, קענט איהר לייכט טרעפען, אונד ווען איהר קימערט זיך אום מיר, דאן בעט איך אייך, דרינגט מיך ניט מעהר מיט קיין פראגען.“

עס האט איהם געקאָסט געזונד אונד לעבען ארויס צו זאגען דיא עטליכע ווערטער, אָבוואָהל מיר האט זיך געדאכט פון אנפאנג, אז ער איז רוהיג. אויף זיין שטערען זיינען געשטאנען גרויסע טראָפּענס שוויס אונד ער האט טיעף אויפגע־אטהעמט. ער האט דאן געמורמעלט:

„עס איז זעהר שווער, זעהר שווער — אָבער איהר מוזט מיך פערשטעהן אונד ויסען ווארום.“

ווען איך וואָלט געטראגען א קאָרסעט, וואָלט ער געקענט בעמערקען וויא מיין ברוסט האט געשטורמט. אבער איך האב געשפירט, אז מיין הערץ האט פירכטערליך געוויטהעט.

„ניין, איך פערשטעה אייך ניט,“ האב איך געענטפערט, „זאגט ארויס אלעס — אלעס זאָלט איהר מיר זאגען! אום גאָטעס ווילען, איך בין בערייט צו הערען אירגענד עטוואס!“

ער האט זיך אונרוהיג בעוואויגען אויף זיין שטוהל, אונד דאן, ווידער אָנ־געהמענדיג דאס צווייגעל אונד בליקענדיג אויף א זייט, האט ער געזאגט:

„אלזאָ,“ וועהרענד דעם האב איך בעמערקט דעם קאמפף מיט זיך זעלבסט אום זיך צו בעהערשען. „עס איז כמעט אונמעגליך פאר מיר איך זאָל אייך ער־קלערען מיין מיינונג, אונד דאָך וועל איך פראָבירען דאס צו טהון.“

ער האט דאן ווידער צוגעדריקט דיא האנד צום שטערען, גראדע וויא ער וואָלט געליטען דיא שרעקליכע שמערצען.

„אלזאָ?“ האב איך געפרעגט אונגעדולדיג.

„הערט מיך אויס, קאטיא,“ האט ער אָנגעפאנגען, „איך וויל אייך ברענגען א ביישפיעל. שטעלט זיך פאָר איין אלטען מאן, וועלכער האט שוין געזעהען דיא וועלט מיט איהרע פארבען, אָבגעלעבט אונד אָבגעשוואכט; לאָמיר איהם רופען

איך האב געוואָלט עפּעס ענטפערן, איינווענדען, אָבער דיא צייהן זיינען מיר געווען וויא צוזאַמענגעדריקט. בליקענדיג אין זיין געזיכט, האב איך דארויף בעמערקט א שוידערהאַפטע בלאַסקייט אונד זיינע ליפּען האבען געציטערט.

וויפיעל זעעלענקראַפט איך האב אין מיר געהאַט, האב איך צוזאַמען גענומען אונד ארויס געשטאַמעלט דיא ווערטער:

„דיא איינציגע וואהרהייט אין דער גאנצער טרויעריגער געשיכטע איז, דאס ער האט זיא קיינמאל ניט געליעבט! אונד ער האט איהר פערטרויען שרעקליכע שמערצען, זיך רעכענענדיג פאָלשטענדיג בערעכטיגט דערצו, ווייל ער איז א מאַן, ער חיים פון אלעס אונד האט ערפאַהרונג. ער האט זיא ניט געהייראַטעט אונד איז אוועק, זיך שפּירענדיג שטאָלץ וואס ער האט זיא אַזוי ערניעדריגט. יא, סערגעי מיכאַילאָוויטש, ניט איך, זאָנדערן איהר זייט שולדיג, ווייל איך האב אייך געליעבט פון אנפאַנג אָן, יא, איך ליעב אייך!“

מיינע לעטצטע ווערטער האבען ארויסגעזעהען וויא דער געשריא פון א שטערבענדען.

ער איז געבליעבען שטעהען פאר מיר מיט זיין בלאַסעס געזיכט אונד זיינע ליפּען האבען נאך מעהר געציטערט. דאן האב איך בעמערקט וויא צוויא גרויסע טראָפּענס טרערען האבען זיך ארויס געקייקעלט פון זיינע אויגען.

„איהר זייט שולדיג סערגעי מיכאַילאָוויטש!“ האב איך געשריען מיט איין אונטערדריקטער שטימע, אונד איך האב געמיינט, אז איך וועל דערשטיקט ווערען מיט דיא טרערען. דאן האב איך מיך געוואָלט אויפהויבען אונד אַוועק געהען. ער האט מיך צערטליך צוריק געהאַלטען. זיין קאָפּ האט זיך צוגעבויגען אלץ ניעדריגער אונד ניעדריגער, ביז זיינע ליפּען האבען בעריהרט מיינע ציטערענדע הענד. וויא איך האב געפיהלט זיינע קאָכענדיגע טרערען פאַלענדיג.

„מיין גאָט!“ האט ער ארויס געשטאַמעלט, „איז דאס אלעס ווירקליכקייט?“

„ווארום? ווארום?“ האב איך געפרעגט אָהנע צו וויסען וואוהין דיעזע פראַגע געהערט. אָבער איך האב מיך געשפּירט גליקליך; איך האב געוואוסט, אז ער ליעבט מיך אונד ער איז מיינער.

מיט פינף מינוטען שפּעטער, איז סאָניא ארויף געלאָפען צו מאַטשאַ'ן, שרייענדיג: אז יעדער זאָל הערען: „שוועסטער קאַטיא געהט חתונה האבען מיט סערגעי מיכאַילאָוויטש!“

„ניין, ניין,‟ האב איך נעענטפערט, ווערענד דיא טרערען האבען מיך גע־שטיקט. „מיר מוזען יא רעדען דאריבער. זאגט מיר דיא וואהרהייט, האט A געליעבט פריילין B אָדער ניט?‟

סערגעי מיכאילאָוויטש האט ניט געענטפערט.

„ווען ער האט זיא ניט געליעבט,‟ האב איך ווייטער געזאגט, „ווארום האט ער זיך געשפיעלט מיט איהרע געפיהלע?‟

„ער האט בעגאנגען א גרויסען פעהלער,‟ האט ער געענטפערט, אונד דאן, וויא זיך דערמאָהנענדיג אן עפּעס האט ער געזאגט: „ער האט זיך קיינמאל ניט גע־שפיעלט מיט איהרע געפיהלע, נאָר אויב דאס איז געשעהן, דאן איז דאס ניט געווען מיט זיין בעוואוסטזיין. יעדענפאלס אָבער, ווען ער האט בעגאנגען א פעהלער, האט ער בעשלאָסען זאָפאָרט צו מאכען איין ענדע אונד געהמען איין אייביגען פריינדליכען אבשיעד פון איהר.‟

„דאס איז שרעקליך!‟ האב איך אויסגערופען פערצווייפעלט, „אָבער איז ווירקליך קיין אנדערער אויסוועג געווען?‟

„איין אויסוועג?‟ האט ער געפרעגט, „וואס פאר איין אויסוועג קען זיין? A זעהט פאָזיטיוו איין אונגליק אין דער פעראייניגונג מיט B. אום צו דערשטיקען דיא געפיהלע אין זיין ברוסט, שטעכט ער אריין אהין א מעסער. ניט אזוי צוליעב זיך, וויא צוליעב איהר, וועלכע ער ליעבט מעהר וויא זיך אליין.‟

איך האב געשווידערט אונד געוואָלט עפּעס זאגען, אָבער ער האט מיך ניט געלאָזט.

„ערלויבט מיר איין אויגענבליק,‟ האט ער געזאגט מיט א ציטערענדער שטימע, „A האט זיך אום קיינעם פרייז ניט געקענט פאָרשטעלען, אז דיא יונגע בלום B, קען איהם ליעבען. ער האט דאס גערעכענט אלס א רעזולטאט פון מיטלייד, סימפּאַטהיע אונד פיעלליייכט אויך אכטונג. אָבער זיא האט זעלבסט ניט פער־שטאנען איהרע געפיהלע אונד איהם געהייראַטעט. ער, נארריש אונד דום גענוג זיך צו לאָזען בעטריגען פון פאלשע געפיהלע, האט זיך פלוצלינג געשפירט ווידער יונג, אָבער עס האט ניט פיעל געדויערט אונד ער האט זיך איבערצייגט, אז ער האט געלעבט אין אירטהום. אָבער, קאטיא, קינד, דיעזעס געשפּרעך תרג׳עט מיך; זאָל זיין גענוג, איך בעט אייך, איהר‟...

ער האט מעהר ניט געקענט רעדען, אונד זיך אויפהויבענדיג, האט ער אָנגע־פאנגען ארום צו שפּאציערען איבער דעם באלקאָן.

אלס א זעלטענע ווירטחין. סערגעי האט זיא פערגעטערט אלס זיין מוטער אונד געליעבט מיט גרויסער צערטליכקייט. ער האט זיא איבערהויפט בעטראכט אלס איינע פון דיא קלינסטע פרויען אין דער וועלט. זיא איז געוועזן צופריעדען מיט איהר זוהן׳ס שידוך, נאָר וועהרענד דיא 14 טעג פאר דער חתונה, ווען זיא איז זיך מיט מיר צוזאמען געקומען, האט זיא קיינמאל ניט אויסגעפעהלט דיא געלעגענהייט, מיך אויפמערקזאם צו מאכען, בלאחר־יד, אז איך בין אפילו א גאנץ שעהנע אונד קלוגע, דאָך שטעהט איהר זוהן פיעל העכער אלס איך. ווען זיא וואָלט עס מיר געזאגט גלייך אין פנים, וואָלט איך אויך ניט ברוגז געוואָרען, ווייל איך האב גע־וואוסט, אז ערשטענס איז דאס אמת, אונד צווייטענס, בין איך אויך געוועזן שטאָלץ וואס מיין מאן שטעהט העכער פון מיר אין גייסטיגער ענטוויקלונג.

יעדען טאג, ביז צו דער חתונה, האב איך מיך געזעהען מיט סערגעי׳ן. ער פלעגט קומען צו מיטאג־עסען אונד פערבלייבען ביז שפעט אין דער נאכט. אָבער אָבוואָהל ער האט מיר מעהרערע מאל געזאגט — אונד דאס איז אויך געוועזן אמת, — אז ער קען אָהן מיר ניט לעבען, איז ער קיינמאל ניט פערבליעבען נעבען מיר א גאנצען טאָג, זאָנדערן ער האט אימער פריהער פערזאָרגט זיינע געשעפטען אונד דאן איז ער געקומען מיך בעזוכען.

אונזער צוזאמענקונפט איז אונטערדעסען פערבליעבען אונפערוועקסעלט, גראדע וויא פריהער; מיר האבען זיך נאך אלץ ניט גערופען „דוא,“ אונד ער האט אפילו מיין האנד ניט געקושט. אין געגענטהייל, ער האט געזוכט אויסצומיידען יעדע געלעגענהייט מיך צו טרעפען אליין. איך האב פערשטאנען, אז ער האט מורא געהאט ארויס צו ווייזען אויף איינמאל זיין גרויסע צערטליכקייט.

כמעט וועהרענד דיא גאנצע 14 טעג, איז געוועזן זעהר א שלעכטעס וועטער, ווינטיג, אונד רעגען איז געגאנגען אלע 24 שטונדען אין מעת-לעת. אונד מיר זיינען געצוואונגען געוועזן צו זיטצען אין הויז. מיר האבען מייסטענטהיילס פערבראכט אין פיאנאָ־צימער אונד נעבען פענסטער.

„געדענקסט איהר דיא געשיכטע וואס איך האב אייך אמאל דערצעהלט פון A אונד B ?“ האט ער מיך געפרעגט אין איינעם פון דיא שטירמישע אבענדע.

„געוויס געדענק איך דיא נארישע געשיכטע,“ האב איך געענטפערט לאַ־כענדיג, „אונד וואס פאַר א גליק דאס איז וואס אלעס האט זיך אזוי גוט גע־ענדיגט !“

ק.

עס איז נים געווען קיין איינציגע אורזאכע, ווארום ער זאל אבלעגען די חתונה אויף שפעטער. מאטשא האט אפילו געוואלט מיר זאלען פאהרען נאך מאסקווא אום מיר איינצוקויפען קליידער פון דער לעטצטער מאדע, אונד סערגעי מיכאילאוויטש'עס מוטער האט פערלאנגט ער זאל איבער א נייעס איינריכטען זיין אלטעס הויז אונד קויפען א שעהנע דראשקע, אבער מירביידע האבען בע־שלאסען, אז אזעלכע קליינינקייטען וועט מען קענען גאנץ גוט ברענגען אין ארדנונג אויף שפעטער. מיר האבען אלזא חתונה געהאט מיט 2 וואכען נאך מיין 18-טען געבורטס־טאג. אלעס איז צוגעגאנגען זעהר שטיל, אהן געסט, אהן אונטעפיהרערס, אהן שאמפאניער אונד אהן דעם געוועהנליכען לוקסוס פון די רייכע הערען אונד ראמען.

סערגעי מיכאילאוויטש האט מיר פריהער דערצעהלט, אז זיין מוטער איז זעהר אונצופריעדען דערמיט וואס אונזער חתונה וועט זיין אהן דער צערעמאניע אונד אלגעמיין בעקאנטען גערויש. זיא האט געוואלט הערען מוזיק אויף איהר זוהן'ס חתונה, זעהען גאנצע ווענען מיט פרעזענטען, אונד זיא וואלט פאלשטענדיג צופריעדען געווען צו זעהען איהר הויז איבערגעקעהרט קאפויר, גראדע וויא עס איז געווען אויף איהר איינענער חתונה, וועלכע האט אויך געקאסט דרייסיג טויזענד רובעל. נאר זעהענדיג, אז איהר וואונש קען נים ערפיללט ווערען, האט זיא געטהאן דאס בעסטע וואס עס איז מעגליך געווען אונטער דיא אומשטענדען. זיא איז אוועק מיט מארושקא'ן, איהר הוידהאלטערין, אונד איינגעקויפט פערשיעדענע קליינינ־קייטען אום אויפצופוטצען דיא אלטע וואהנונג.

בייא אונז אין דער היים ווידער, האט מאטשא אונד מיין קאמער־מעדכען קושמינישנא, געניים, געארביים, געשטריקט אונד אויסגעשטאטעט אלעס צור פאלקאמענהיים ווענען מיין גליק.

ניקאלסקי אונד פאקראווסקי האבען זיך וויא פעראייניגט, אונד צאהלרייכע שלוחים, זיינען געלאפען יעדען טאג הין־אונד־צוריק. סערגעי מיכאילאוויטש'עס מוטער אונד מאטשא, זיינען אימער געווען גוטע פריינדינען, נאר ד־עזעס מאל האט איינע געוואלט איבערשטייגען דיא צווייטע אין דער קונסט פון אויס־שטאטונג.

מאטיאנא סימאנאוונא איז געווען דער נאמען פון מיין קינפטינער שוויגער־מוטער. דיא איז אימער געווען אונזערע א פריינדין, אונד איך האב זיא געקענט

אזוי גרויס, אז איך קען ביינאהע ניט שלאָפען בייא נאכט. איך האב שוין אָבגע־לעבט שעהנע עטליכע יאָהר, אונד דאָך, דאכט זיך מיר, אז איך בין ערשט ארויס געקומען אויף דער שעהנער אונד זיסער וועלט. אך, קאטיא! וויא גרויס וועט זיין מיין גליק, ווען מיר וועלען לעבען צוזאמען אין רוהע אונד פריעדען, אונד אויך קענען זאָרגען פאר דעם גליק פון אנדערע מיר וועלען צוזאמען לעזען, שטודירען, שפּיעלען אונד זיך פערגעניגען מיט דער נאטור, וועלכע איז אונזער העררליכסטע פריינדין. דאס, קאטיא, איז אזוי פיעל גליק פאר מיר, אז איך האב עס מיר קיינמאל ניט פאָרגעשטעלט אפילו אין חלום. אונד, איבער אלעמען, דאס איהר וועט זיין מיין פרוי — איהר! אָה גאָט! איך קען אזוי פיעל גליק ניט אויס־דריקען! אונד דאַן, פיעללייכט קינדער; וואס נאך קען איך ווינשען?״

„יא,״ האב איך געענטפערט.

דיא טרויערינגע מיענע איז וויעדער ערשיענען אויף זיין געזיכט אונד ער האט געמורמעלט:

„יא, פאר מיר, ווייל מיין יוגענד איז שוין אוועק; אָבער ניט פאר אייך. איהר וואָלט געזוכט גליק אנדערסוואו אונד עס אויך דאָרט געפונען. קאטיא, זאגט מיר דיא וואהרהייט, איז דאס מעגליך, אז דאס וואס איך האב אויסגערעכענט זאָל אייך קענען גליקליך מאכען? ניין, ניין, עס קען ניט זיין; עס איז נאָר דער־פאר ווייל איהר ליעבט מיך, אונד איהר ליעבט אלזאָ אויך דאס, נאך וואס איך שטרעב״...

„ניין, סערגעי מיכאילאָוויטש!״ האב איך געזאגט, „ווען איהר דענקט אַנדערש איבער מיר, דאַן קענט איהר מיך ניט. איך האב אימער געטרוימט פון א רוהיגעס פאמיליען־לעבען. איהר האט בלויז אויסגעדריקט אין ווערטער מיינע שטילע געדאנקען.״

ער האט געשמייכעלט אונד בעמערקט גוטמיטהיג:

„יא, ליעבעס קינד, אזוי זעהט עס אייך אויס. אונד דאָך איז עס פאר אייך אזוי ווענינג. איהר בעזיטצט שעהנהייט אונד יוגענד!״

איך האב מיך געפונען אביסעל בעליידיגט, זעהענדיג, אז ער וויל מיר ניט גלויבען, אונד עס האט זיך מיר געדאכט, אז ער איז שטארק אין כעס אויף מיר ווארום איך בין שעהן אונד יונג.

„ווען עס איז אזוי,״ האב איך געזאגט קאָקעטיש, „ווארום ליעבט איהר מיך? ליעבט איהר מיך פאר מיין שעהנהייט אונד יוגענד, אָדער פאר מיין גליק?״

איך האב בעמערקט איין אונרוהיגע מיענע אויף זיין געזיכט. נאָר ער האט מיר קיין צייט געגעבען פיעל צו דענקען אונד געענטפערט:

„יא, אונד וויא לייכט עס איז געוועזען צו פערלירען אזא גליק; אונד דערבייא וואָלט קיינער ניט שולדיג געוועזען אויסער איך. איהר האט מיך גערעטעט. אָבער איך האב דאמאלס געזאגט א סך ליגען, אונד שעהם מיך יעטצט אליין דערפאר"...

„עס מאכט ניט, אלעס איז פאָראיבער."

„אך! איך האב פראָבירט צו פערדינען שכל צו מיר אליין."

„ווארום? צו וועלכען צוועק?" האב איך געפרעגט. „קיין מענש דארף דאס ניט טהון אין אזא פאל!"

„מיין גאָט!" האט ער וויא אויסגעשריען, „עס איז מיר אונמעגליך געוועזען איינצוגעהען אויף אזא אונגלייכען מסחר. איך בין געוועזען איבערצייגט, אז איך עמפפאנג זעהר פיעל אונד קען נאָר געבען אין אויסטויש זעהר וועניג. איהר זייט א רויז וואס האט נאָר וואס אָנגעהויבען צו בליהען; איהר ליעבט צום ערשטען מאל, וועהרענד"...

„זאגט מיר," האב איך איהם אונטערבראָכען; אָבער איך בין געבליעבען שטעהן ניט וויסענדיג וויא ארויס צו רעדען דיא איבריגע ווערטער. „אָבער ניין, עס מאכט ניט, איהר קענט ווייטער דערצעהלען."

„אך, קאטיא, איך וויים, איהר ווילט מיך פרעגען אויב איך האב נאָך יעמאנדען געליעבט," האט ער געזאגט טרעפענדיג מיינע געדאנקען. „ניין, איך פערזיכער אייך, דיעזעס הייליגע געפיהל וואס איך האב צו אייך, האב איך נאָך קיינמאל ניט געשפירט; ניין, איך האב נאָך קיינעם ניט געליעבט אונד קיינער האט מיך נאָך ניט געליעבט."

ער איז געבליעבען שטיל אונד נאָך א פויזע האט ער פלוצלינג געזאגט:

„אָבער, נאך אלעמען, וואס קען איך אייך געבען? ליעבע? דאס איז וואהר."

„איז דאס אזוי וועניג?" האב איך געפרעגט איהם קוקענדיג אין דיא אויגען.

„עס איז וועניג פאר אייך, מיין טהייערע," האט ער געענטפערט אתר א וועלט מיט צערטליכקייט איז געלעגען אין זיין שטימע. „מיין גליק וויעדער, איז

שוועבט נעבען מיר, מיר נעבענדיג זיין ברכה צו מיין פעראייניגונג מיט זיין פריינד.

געדאנקען אונד האפנונגען, פרייד אונד שמערץ, האבען זיך צוזאמען אויסגע־מישט אין מיין ברוסט, אונד עס האט מיר אויסגעזעהען, אז דיא פרישע לופט, דיא הייליגע שטיללקייט, דיא נאקעטע פעלדער, דיא קאלטע אונד שעהנע זונענ־שטראהלען — אלעס סימפאטהיזירט מיט מיר.

פלוצלינג האט סערגעי מיכאילאוויטש אומגעווינדעט זיין נאכדענקענדעס געזיכט צו מיר אונד געזאגט, גראדע וויא ער האט געקענט אלע מיינע גע־דאנקען:

„אין א טאג האט אייער פאטער צו מיר געזאגט וויא אין שפאס: „איך וואלט געוואלט דוא זאלסט הייראטהען מיין קליינע קאטיא."

איך בין געוועזען זעהר אונרוהיג דאריבער, מיך דערמאהנענדיג, אז ער קען לעזען אלע מיינע געדאנקען. איך האב אונטערדעסען געענטפערט:

„וויא גליקליך וואלט ער דאן געווען, ווען ער וואלט געוואוסט, אז עס וועט אזוי זיין."

„איהר זייט נאך געוועזען א קליינעס קינד," האט ער פארטגעזעטצט, „אונד איך האב מעהרערע מאל אויסגעקושט אייערע אויגען, געפינענדיג אין זייא א גרויסע עהנליכקייט צו דיעזע פון אייער פאטער. ניין, ניין, איך האב דאמאלס קיין אידעע געהאט, אז איך וועל אייך יעטצט אזוי ליעבען."

מיר האבען זעהר ווענינג בעמערקט דעם וועג איבער דיא פעלדער, אונד ווען מיר זיינען אנגעקומען אהיים, האבען מיר געטראפען בלויז זיין מוטער מיט א צווייא אדער דרייא אונפערמיידליכע געסט ווארטענדיג אויף אונז.

וועהרענד דער חתונה־צערעמאניע אין דער קליינער קירכע, האט עס אויס־געזעהען אזוי שטילל, גראדע וויא קיין מענש וואלט דארט געוועזען. נאך דעם, האבען מיר זיך געקושט.

עס איז געוועזען דער ערשטער אונרוהיגער געדאנק אין דיעזער בעציהונג. איך האב געשפירט עפעס א מערקווירדיגעס געפיהל אין דעם קוש, אין דער איינזאמקייט, אין דער שטילקייט, אונד דיא גאנצע סצענע האט נאר אין מיין הערץ ארויס גערופען דיעזע דרייא ווערטער מיט דער פראגע:

„איז דאס אלעס?"

נים ווייסענדיג, נים פיהלענדיג, האב איך וואהרשיינליך מעהר ווי ווארטעט.

„איך ווייס ניט," האט ער געענטפערט טרויערדיש, „איך ליעב אייך."

איך האב מעהר גאר ניט געענטפערט, ואָר פּלוצלינג האב איך געשפּירט א מערקווירדיגעס געפיהל אין מיין גאנצען קערפּער. אין זיינע אויגען האט עס געפלאקערט וויא א שעהן פייער׳ל וואס האט דורכגעדרונגען אלע מיינע גליעדער, אונד עס האט זיך מיר געדאכט, אז איך פערליר מיין בעזינונג. וואס איז געלעגען אין יענעם בליק? איך קען איהם עד־היום ניט בעגרייפען. איך האב געמוזט אבווענדען מיינע אויגען פון יענעם בליק, וועלכער האט מיך אנגעפיללט מיט שרעק, אונד אויסגעמישט מיט א מערקווירדיגעס פערגניגען.

אין דעם אבענד פאר אונזער חתונה, האט זיך דער הימעל אויסגעלייטערט, אונד דאס ערשטע קיהלע הערבסט־וועטער האט זיך אנגעפאנגען צו שפּירען.

איך בין געגאנגען שלאפען אין יענער נאכט אנגעפיללט מיט דיא גליקליכע געדאנקען דאריבער וואס עס וועט פּאסירען דעם נעכסטען טאג. איך בין אויפגעשטאנען ווען דער מאָרגענשטערען האט נאך געשיינט, אונד בין ארויס אין גארטען. דיא זונן האט דאן אנגעפאנגען אויפצוגעהען אונד פון זיך געוואָרפען בלאסע שטראהלען איבער דיא געלע בלעטער פון דיא לינדען־בוימער. דאס גראָז איז געוועזען בעדעקט מיט דיא צאהלרייכע טויטע בלעטער, וועלכע זיינען ארונטער געפאלען וועהרענד דער לאנגער רעגען־צייט, אונד אין מאנכע פלעטצער האב איך בעמערקט דיא אנגעפרוירענע טהוי. דיא זונן איז אונטערדעסען אויפגעשטיעגען איבער א ריינעם טיעף־בלויען הימעל.

„איז שוין דער טאָג געקומען?" האב איך מיך געפרעגט, „איז דאס מעגליך, אז פון מאָרגען אָן, וועל איך דיעזען פלאטץ שוין מעהר ניט אנרופען מיין הייםאטה? וועל איך שוין ניט דארפען וואָהנען מיט סאָניא׳ן אונד מאטשא׳ן צוזאמען? וועל איך שוין ניט הערען דורך דער וואנט, יעדען פריה־מאָרגען, סאָניא׳ס פרעהליכען געלעכטער אונד איהר זיסע שטימע אויסקלינגענדיג מיט א גוט־מאָרגען?"

איך האב ערווארטעט סערגעי׳ס ערשיינען מיט אונגעדולד. מיין הערץ איז מיר געוועזען בעטריבט מיט פערשיעדענע געפיהלע. ער איז ערשיענען, אונד אונז געפעהר אום מיטאג־צייט, זיינען מיר אוועק אין קירכע צו הערען דיא געבעטע פיר דיא נשמות פון מיין פאטער אונד מוטער.

„אך, ווען זייא וואָלטען נאָר געלעבט!" האט מיין הערץ אין מיר געשפּראָכען וועהמיטהיג אונד איך האב דערביי פעסט צוגעדריקט דעם ארעם פון מיין טהייערסטען פריינד. עס האט מיר אויסגעזעהען, אז דער גייסט פון מיין פאטער

ו.

טעג, וואָכען אונד גאנצע מאָנאטע זיינען פאָראיבער אין דעם נעוועהנליכען לאנד־לעבען, אָבער, איין זאך מוז איך צו געבען, אז אָבוואָהל דאס איז געווען פערהעלטניסמעסיג א קורצע צייט, האב איך גענאָסען אזוי פיעל גליס, זעגען, ליעבע אונד אויפרעגונג, וואס וואָלט זאָנסט גענוג געווען אויף א גאנצעס לעבען.

מיינע פריהעריגע חלומות, זיינען ניט אין גאנצען מקוים געוואָרען, אָבער דיא ווירקליכקייט פון ליעבע, האט זיך פאר מיר ארויס געוויעזען פיעל אנגענעהמער וויא איך האב פריהער געקענט האבען א בעגריף. דיא אידעע פון לעבען פיר אנדערע אונד זיין גליקליך דערמיט אליין, איז אויך ניט דורכגעפיהרט געוואָרען. דיא וואהרהייט איז, אז איך אונד סערגעי מיכאילאָוויטש האבען נאָר געלעבט איינער פאַרן צווייטען, פערגעסענדיג איבערהויפט, אויב עס עקזיסטירט נאך יעמאנד אויף דער וועלט. ווענינסטענס מיט מיר אליין, איז דאס פּאָזיטיוו געווען דער פאל.

ער פלעגט מיך יעדען טאג איבערלאָזען אום צו בעזאָרגען זיינע געשעפטען, אָבער איך האב גאנץ גוט געקענט ארויס זעהען, וויפיעל מיה אונד שמערץ דאס האט איהם געקאָסט. דאס בעוואוסטזיין, אז ער ליידעט פאר מיין ליעבע, האט מיך גליקליך געמאכט אין זיין אבוועזענהייט. איז דאס ניט אויך א מערקווירדיגעס געפיהל?

ער פלעגט מיר זאגען, אז וועהרענד איך בין ניט נעבען איהם, האט קיין זאך אין דער וועלט איהם געקענט אינטערעסירען; מיט מיר איז אויך אוננעפעהר געווען דערזעלבער פאל. איך האב געלעזען, געשפיעלט, מיך אונטערהאלטען מיט זיין מוטער, אָבער, אין דער וואהרהייט געשפּראָכען, האב איך עס נאָר געטהאָן, ווייל איך האב געוואוסט, אז דאס איז זיין וואונש. דאָרט וואו ער איז ניט געווען פערמישט, האבען מיך אזעלכע זאכען ניט געקענט אינטערעסירען. יעדענ־פאלס, בין איך געווען זיכער, אז ער אליין עקזיסטירט פאר מיר אין דער גאנצער וועלט. איך האב איהם בעטראכט ניט נאָר אלס דעם בעסטען, זאנדערן אויך אלס דעם שענסטען מאנספערזאָן אין דער וועלט. איך האב געלעבט פאר איהם אונד צוליעב איהם. אונד אָבוואָהל איך האב געוואוסט, אז ער ליעבט מיך אונענדליך וויא איך בין, האב איך נאך אָנגעווענדעט אלעס מעגליכע, איהם צו בעצויבערן אונד זיין בעסער וויא איך בין געווען.

איך אתד סערגעי האבען איינגעשטיענטן אין דער דראָשקע, אונד ווען ער האט פעסט צוגעמאכט דיא מהיר, האט עס מיר אויסגעזעהען זעהר אונ־היימליך.

איך האב ארויס געקוקט דורך דעם פענסטער, ווערענד דיא דראָשקע איז געלאָפען; איך האב געזעהען דיא בלאסע לבנה אויפשטייגענדיג צווישען א ים זילבער־שטראהלען איבער דיא פעלדער, איבער דיא בוימער אונד איבער דיא שטיינער. געדאנקען האבען זיך געדרענגט, אונד צום שלוס איז ווידער אמאל געקומען דיא פראגע:

„איז דאס אלעס?"

וואס האב איך ערווארטעט? דיעזע פראגע האב איך מיר אליין ניט געקענט בעענטפערן. דאן האב איך מיך אומגעווענדעט צו מיין מאן אונד איהם געוואָלט עפעס זאגען, נאָר איך האב ניט געקענט.

„איז דאס אלעס?" האט זיך ווידער געפרעגט.

עס האט מיר פלוצלינג אויסגעזעהען, אז איך האב פאר סערגעי מיכאַילאָ־וויטשן קיינמאל גיט געשפירט סיין צערטליכקייט, זאָנדערן מורא אונד רעספעקט.

„ביז יעמצט," האט ער פלוצלינג געזאגט, „האב איך מיר נאָר אלץ נים געגלויבט, אז דאס אלעס קען זיין וואהר."

„איך האב עפּעס מורא," האב איך געמורמעלט, „אונד איך ווייס נים ווארום."

„נים פאר מיר, מיין הערצענס־געליעבטע," האט ער געענטפערט אָנגעהמענדיג מיין האנד וואוהין ער האט צוגעבויגען זיין קאָפּ.

„יא, פאר אייך," האב איך געענטפערט אויפריכטיג. מיין האנד איז געלעגען אין זיינער וויא אָבגעשטאָרבען אונד קאלט וויא א שטיין. דאן האט ער צוגעבויגען זיינע ברענענדע ליפּען אונד בעריהרט מיין האנד. דאס איז א מערקווירדיגעס פייער. עס האט מיר אויסגעזעהן, גראדע וויא מיין גאנצער קערפּער איז עלעקטריזירט געוואָרען. מיין הערץ האט פּלוצלינג אָנגעהויבען ווידער צו קלאַפּען, מיינע אויגען האבען געזוכט זיין געזיכט אין דער פינסטער, אונד דאס געפיהל פון שרעק איז פערשוואונדען. דאן האט אָנגעהויבען צו דרינגען דורך מיין קערפּער איין אנגענעהמע וואָרעמקייט, מיין הערץ איז דערהיטצט געוואָרען, אונד א מערקווירדיגעס אונד ברענענדעס געפיהל פון בעטויבענדער ליעבע איז אין מיר ענטשטאנדען.

קען מיך עראינערן. וויפיעל מיח עס האט מיך אנפאננס נעקאסט איך זאָל ניט לאַכען, ווען איהר קאַמער־פרוי, מיט צונויפגעלעגטע הענד אונד ערנסטעס געזיכט איז ערשיענען אונד נעזאגט:

„סאַטיאנאַ סימאָנאָוונאַ ווינשט צו וויסען וויא איהר האט גערוהט לעטצטע נאכט; דיא ערדעלע דאמע הייסט מיר אויך איך זאָל אייך זאגען, אז זיא האט ניט געקענט שלאפען א גאנצע נאכט, דערפאר וואס עס שטעכט זיא אין דיא זייטען אונד דיא הינט הערען ניט אויף צו בּילען. ווייטער וויל זיא וויסען וויא עס האט אייך געשמעקט דאס נייע ברויט וואס ניקאָלאַש אונד ניט טעראססע האט געבאקען; זיא רעכנעט, אז דאס ברויט איז אויסגעצייכענט. דיא ווירדינע דאמע רעכענט אז דיא קליינע זעמעלעך זיינען געווים גוט, אָבער דער קוכען איז אביסעל צו שטארק געבאקען.“

היינט שטעלט זיך פאָר, ווען מען הערט דיעזעלבע ווערטער, מיט דעמזעלבען ניגון פון דערזעלבער קאַמער־פרוי, מאָנאטען לאנג! פריהער האט דאס אויס־געזעהען זעהר קאָמיש, אָבער שפּעטער האט דאס מיך שיער נערוועז גע־מאכט.

צווישען פריהשטיק אונד מיטאג, וואס מיר האבען גענעסען אום 4 אוהר, האב איך אונד מיין מאַן זיך זעהר ווענינ געזעהן. צו דיעזער צייט האב איך גע־שפּיעלט פּיאנאָ אונד געלעזען, ווערהענד ער האט זיך אָבגעגעבען מיט זיינע גע־שעפטען. צו מיטאג האבען מיר זיך אלע פערזאַמעלט אין גרויסען שפּייזע־זאאל. דיא שווינער־מוטער פלעגט ערשיינען מאַנכע מאָל מיט א פּאאר בעזוכערינס, וועלכע זיינען מייסטענטהיילס געוועזן אלט־מאָדישע אדעל־דאמען. סערגעי פלעגט זיך שנעל אויפהויבען, נעבען דער מוטער זיין ארעם. אונד מיך האט זיא אימער ערזוכט איך זאָל איהר געבען מיין ארעם, אונד אזוי זיינען מיר נעגאנגען צו טיש. דיא שווינער־מוטער איז יעדעס מאָל געוועזן דיא פּאָרזיצערין בּיים מיטאג עסען, וועהרענד דעם איז עס געוועזן אזוי שטיל, אז מען האט נעקענט הערען דיא לעפעל קלינגען אן דיא צייהן.

נאך'ן עסען, איז טאַטיאנאַ סימאָנאָוונאַ אריין אין איהר זיטץ־צימער, זיך לאנגזאם אוועק געזעטצט אויף'ן גרויסען שטוהל, זיך איינגעוויקעלט אליין א ציגארעט אונד אָנגעפאנגען צו רויכען. סערגעי אונד איך האבען דאן פון איהר אבשיעד גענומען אונד אריין אין פּיאנאָ־צימער וואו איך האב ענטוועדער געשפּיעלט אָדער מיר האבען בּיידע צוזאמען עפּעס נעלעזען.

ניקאָלסקי, אונזער היימאַטה, איז געווען איין אַלט־מאָדישעס לאַנד־הויז, אונד
דיא עלטערן, אור־עלטערן אונד אור־אור־עלטערן, פון סערגעי מיכאַילאָוויטש, האבען
דאָרט געלעבט אונד געשטאָרבען. דיא לופט זאָגאר אין אונד אַרום דעם הויז, האט
אויסגעזעהען פאַרפומירט מיט אַלטע אונד זיסע עראינערונגען, וועלכע איך האב
זאָפאָרט אקצעפטירט גראדע וויא זייא וואָלטען געוועזען פון מיינע אייגענע
עלטערן.

אז אונזער וואָהנונג אונד אויסשטאַטונג איז געוועזען גלענצענד, קען איך ניט
בעהויפטען, אָבער דאס מעבעל אונד שפייז, זיינען געוועזען רייך, גענוג אונד
זעהר גוט.

אין מיין צימער, וואס מאַטיאַנא סימאָנאָווגא האט אַליין אויסגעצירט, איז
געשטאַנען דאס שענסטע מעבעל פון גאַנצען הויז. דאס הויזגעזינד אַליין, איז געוועזען
א מערקווירדיגעס. דיא שטימע פון מיין שווינער־מוטער, האט זיך קיינמאל ניט
געהערט, אונד דאָך איז אַלעס צוגעגאַנגען מיט אַזא רעגעלמעסיגקייט, אַז איך האב
געשטוינט. דיא ריענערשאַפט אין הויז האט געטראָגען פאַנטאָפעל מיט ווייכע
פאַדעשוועס, ווייל מיין שווינער־מוטער איז געוועזען זעהר נערוועז אונד ניט געקענט
הערען קיין איינציגען גערויש. דיא דיענערשאַפט איז אונטערדעסען געוועזען שטאָלץ
צו זיין אין אַזא הויז, רעספעקטירט דיא בעל־הבית׳טע אונד איינפאַך פערגעטערט
סערגעי מיכאַילאָוויטש׳ן. יעדען פרייטאג פלעגען אָבגעוועקסט ווערען אַלע פוס־
באָדענס אונד דער שטויב איז אויסגעווישט געוואָרען פון יעדען ווינקעלע. דיא
געבורטס־טעג פון מיין שוויעגער־מוטער אונד מיין מאַן, פלעגען אימער געפייערט
ווערען מיט א באַלל, צו וועלכען דיא גאַנצע נאַכבאַרשאַפט איז געקומען, אָבער עס
איז אימער צוגעגאַנגען אַזוי פּאָעטיש שטיל, דאס איין אונבעקאַנטען וואָלט
מען געמוזט אַנזאָגען, אַז דאס איז א באַלל, זאָנסט האט ער געקענט מיינען, אַז א
רוהיגע פאַמיליע איז זיך צוזאַמען געקומען צום עסען.

מיין מאַן האט זיך ניט אינטערעסירט מיט דיא אַנגעלעגענהייטען פון הויז.
ער פלעגט אויפשטעהען גאַנץ פריה אונד אַרוים געהען אויף׳ן פעלד. זאָגאר אין
ווינטער איז אויך געוועזען דערזעלבער פאַלל, אונד ווען איך האב געעפענט דיא
אויגען, איז ער שוין לאַנג געוועזען בעשעפטיגט. אַלס ער האט צוריק געקעהרט צו
פריהשטיק, וועלכעס מיר פלעגען עסען צוזאַמען, איז ער אימער געוועזען אַזוי וויטציג
אונד שפּאַסיג, וויא א פרעהליכער אינגעל.

מאַטיאַנא סימאָנאָוונא האט געהאַט א מבע ניט אַרויס צו געהען פון איהר
שלאָף־צימער ביז מיטאַג־צייט. אונז האט זיא אימער בעגריסט דורך א שליח. איך

איך האב גאנץ נוט פערשטאנען, אז דאס הייסט געשעפטליכע ליידען אונד מיך האט פערדראָסען, ווארום ער מאכט מיך ניט פאר זיין פערטרויעטען. איך בין איבערציינט, אז איך האב איהם ניט געליעבט וועניגער אלס פריהער. אָבער ריעזע ליעבע, אי געבליעבען שטעהן. זיא איז ניט געגאנגען ווייטער. א געפיהל פון אונרוהע אונד אונצופריעדענהייט, האט מיך אָנגעהויבען צו מארטערן. אנפאנגס האב איך ניט געוואוסט וואס דאס איז, נאָר מיט דער צייט האב איך אָנגעהויבען צו בעגרייפען, אז איך בענעטהיג אויפרעגונג, בעוועגונג; איך האב וויא געביינקט נאך עפעס געפאהר אונד זעלבסט־אָפּפערונג. איך האב געשפירט אין מיר איין ענערגיע וואס בענעטהיגט א פלאטץ וואו זיך אויסצוברייטען. מיין צימער, דאס גאנצע הויז, ניין, דאס גאנצע דאָרף, האט אויסגעזעהן צו ענג פאר מיר. איך פלעג שפירען מאָמענטען פון טרויער, ערגערניס אונד פערצווייפלונג, וועלכע איך האב אפילו געזוכט פאר איהם צו פערבאָרגען, נאָר איך האב ניט געקענט.

אין א טאָג איז ער געזעסען געגענאיבער מיר, געקוקט א לאנגע צייט שטילשווייגענד אין מיין געזיכט, גלייך וויא ער האט געוואָלט דורכדרינגען מיין זעלע. דאן איז ער געבליעבען זיטצען פערטראכט, אונד, פלוצלינג, האב איך איהם געהערט זאגען:

„קאטיא, מיר וועלען זיך אביסעל דורכשפאצירען אין שטאדט.“

ער האט דערראַטהען מיין געהייטנים. אָבער איך האב באלד געענטפערט:

„ניין, ניין, סערגעי, מיר וועלען ניט פאָהרען; מיר וועלען נים פערלאָזען ריעזען שטילען פלאטץ וואו מיר געפינען גליק איינער אין צווייטען — איך האב מורא“...

סערגעי מיכאילאָוויטש האט צום ערשטען מאל, זייט א לאנגע צייט, ארויס געבראכט א ביטערן שמייכעלע אויף זיינע ליפען אונד געענטפערט:

„עס איז וואהר, קאטיא, דוא מיינסט וואס דוא זאגסט, אָבער מיר מענשען דארפען ניט קעמפפען געגען דאס אונפערמיידליכע. מיר וועלען פאָהרען!“

דיא לעטצטע ווערטער זיינען געוועזען אויסגעשפראָכען מיט א טאָן וויא פון בעפעהל אונד פעסטע ענטשלאָסענהייט. אָבער בליקענדיג צו איהם, האט עס געבראָכען מיין הערץ וויסענדיג וויפיעל שמערצען איך פערארזאך איהם. איך האב איהם זעהר געבעטען, ער זאָל מיר צוליעב טהון אונד מיך ניט דרינגען צו פאָהרען. סערגעי האט געשוויגען אונד איז אוועק געגאנגען.

צו אבענד־ברויט בין איך שוין געוועזן דיא פּאָרזיטצערין, אונד עס האט מיר גענומען א היבשע צייט ביז איך האב מיך צוגעוואוינט צו אלע צערעמאָניען. נעבען מיר איז געשטאנען א גרויסער סאמאָוואר, אונד אָנפּילענדיג דיא גלעזער מיט טהעע, האב איך כמעט יעדען אבענד געמוזט זאגען:

„דאס בעלאנגט צו מאריא מיניטשנא; דאס געהערט צו איוואן איוואנאָוויטש; דאס צו סערגעי מיכאילאָוויטש" א. ז. וו. אלס דאס איז געוועזן פאָרי־איבער, האט אונזביידען דיא שוויגער־מוטער געקושט אונד איז באלד אריין אין שלאָף־צימער. זיא פלעגט אונז אפילו אָנזאגען, אז מיר זאָלען געהען פריה צו בעט, אָבער מיר האבען וויא געוועהנליך פערבראכט אין געשפּרעך ביז האלבע נאכט, נאטירליך רעדענדיג שטיל געגוג, אום זיא ניט צו שטערען. צייטענווייז זיינען מיר הונגריג געוואָרען, אונד סערגעי אָדער איך, פלעג זיך אריין כאפּען אין קיך, ארויף ברענגען עפּעס עסען אונד א לייכטען געטראנק.

סערגעי מיכאילאָוויטש אונד איך, האבען געלעבט דיא גאנצע צייט אין דיעזען הויז וויא פרעמדע, וועלכע האבען געמוזט נאכקומען א געוויסע צערעמאָניע זיטצענדיג בייא א פרעמדען טיש אונד שלאָפענדיג אין א פרעמדעס בעט. אָבער אונזער ליעבע האט אונז געמאכט פערגעסען אן אלעמען.

איך האב דיעזעס לעבען דורכגעמאכט עטוואס איבער צווייא מאָנאט, אונד דאן איז געקומען דער ווינטער מיט זיינע שנעען, שטורמען אונד פרעסט. אָבוואָהל סערגעי מיכאילאָוויטש איז געוועזן מיט מיר צוזאמען מעהר וויא פריהער, האט דאָך מיר אָנגעפאנגען אלעס אויסצוזעהען אזוי וואָכעדיג, אזוי געוועהנליך, אונד, יא — אָבגעלעבט, זאָ דאס איך האב ניט געקענט איינזעהן וואס עס קען איהם אינטע־רעסירען אָדער מיך.

אונזערע געשפּרעכע האבען אויסגעזעהען אלץ דיעזעלבע; אונזער ליעבע, אָבוואָהל נאך ווארעם געגוג, האט זיא אָבער אין זיך מעהר ניט געהאט דאס אויפרעגענדע. דער קוש איז שוין מעהר ניט געוועזן אזוי ברענענדיג, מיט איינעם וואָרט, איך האב מיך אָנגעהויבען צו שפּירען לאנגווייליג.

מיין מאן האט פּלוצלינג זיך אָנגעפאנגען שטארק צו בעשעפטיגען מיט זיינע חשבונות אונד געשעפטליכע אונטערנעהמונג, אונד צייטענווייז האט זיך מיר גע־דאכט, אז איך בעמערק א טרויעריגען שאטען פערדונקלען זיין מונטערעס געזיכט. אלס איך האב פראָבירט צו ערפאהרען וואס דאס בעדייטעט, האב איך געזעהען, אז ער וויל מיך אין דיעזער פערמאכטער פאטער, ניט אריין פיהרען.

איך בין אריין געקומען, האט ער אומגעווענדעט זיין קאָפּ צו מיר, מיך בעטראַכט מיט א פינסטערען אונד זוכענדען בליק, אונד דאַן האט ער ווידער אָנגעפאַנגען צו שרייבען.

נים ווי־סענדיג וואס איך זאָל טהון, האב איך גענומען א בוך אין דער האנד.

„קאַטיא,“ האט ער געזאגט, „דוא ביסט עפּעס היינט אַרוים פון דיא בלים.“

איך האב אומגעווענדעט מיינע אויגען צו איהם אונד געענטפערט:

„דאס קימערט דיך ניט!“

ער האט ווידער געבליקט צו מיר, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אונד געשמייכעלט. אָבער עס איז געווען דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען מיט איהם, וואס איך האב נים געענטפערט מיט א שמייכעלע אויף זיין גוטמיטהיגען שמייכעל.

„וואס איז היינט געשעהען?“ האב איך געפרעגט, „וואָרום ווילסטו מיר נים דערצעהלען?“

„גאר נים, קאַטיא, ווירקליך א קלייניגקיים. עפּעס האב איך געהאט איין אויפטריט מיט דיא בויערן, אונד“...

אָבער איך האב איהם נים געלאָזען ענדיגען אונד ווייטער געפרעגט: „וואָרום האסטו מיר נים דערצעהלט אויף'ן פּלאַטץ?“

„איך בין דאמאלס געווען אויפגערעגט, קאַטיא, אונד איך האב מורא געהאט, אין מיין אויפרעגונג, זאָל זיך נים אַרוים כאַפּען עפּעס א נארישקייט פון מיין מויל.“

„אָבער איך האב עס דאמאלס געוואָלט וויסען.“

„וואָרום גראדע דאמאלס, קאַטיא?“ האט ער ווידער געפרעגט זעהר גוטמוטהיג.

„ווייל דוא דענקסט איך קען דיר גאר נים ניטצען אין דיינע געשעפטען; דוא האלטסט מיך פאר א נאר!“

„אָה ניין, קאַטיא,“ האט ער געענטפערט אוועק לענענדיג זיין פען. „איך רעכען דיך נים פאר קיין נאַר. איך רעכען דיך אלס דאס ליכט פון מיין לעבען אונד איך קען אָהן דיר נים עקזיסטירען. אָבער וואָרום זאָל איך דיך בעטריבען, ווען איך בין איבערציינגט, אז“...

„יא, יא,“ האב איך איהם אונטערבראָכען, „דוא דענקסט איך בין נים מעהר ווי א קינד, צו וועלכען דוא דארפסט אימער זאגען שעהנע זאכען, ווייזען

מיר פרויען זוכען נאָר צו וויסען דאס, וואס מען וויל אונז ניט פערטרויען אונד ניט וויסען פון דעם וואס מען דערצעהלט אונז. מאנכע פרויען בעהויפּטען, אז דער מאן דארף רייסען דיא ערד מיט דיא נענעל אונד זייא ברענגען וואס זייא דארפען, אָהנע זייא זאָלען וויסען פון וואנען עס קוממט. דאס איז אָבער וואהר־שיינליך נאָר דערפאר, ווייל דער מאן פערטרויעט זיין פרוי וויא שווער אונד ביטער ער ארביים אום זיא צו בעזאָרגען. אנדערע ווידער, וועלכע האבען מענער וואס טהון אלעס מעגליכע זייערע פרויען זאָלען ניט וויסען פון זאָרג, זיינען גראדע נייגיעריג צו ערפאהר־ען וואס עס נעהט פאָר אונד זייא נעפינען זיך בעליידיגט ווען דער מאן פערטרויעט זיך ניט אין זייא.

אונטער דיא לעטצטע בין איך אויך נעווען. סערגעי מיכאילאָוויטש איז אין א טאג אהיים נעקומען זעהר אונרוהיג אונד בעזאָרגט. אלס איך האב איהם נעפרעגט וואס עס האט פּאסירט, האט ער נעענטפערט:

„גאר ניט, מיין קינד; אזעלכע זאכען דארפסטו ניט וויסען.“

„ער האלט מיך פאָר א קינד!“ האב איך מיר נעטראכט ווערענדיג שטארק אין כעס. „איך דארף ניט וויסען פון זיינע נעשעפטען; איך, זיין פרוי, קען ניט זיין דיא פערטרויטע פון איהר מאן!“

מיין אויפרעגונג האט נעשטיגען אונד איך בין אריין נעלאָפען אין מיין צימער וואו איך האב מיך בעגאָסען מיט טרערען. דאן בין איך ארויס נעקומען אונד נעטראָפען מאריא מינישנא אלס גאסט בייא אונז. איך האב זיא אריין נערופען אין מיין פּיאנאָ־צימער, וואוהין סערגעי מיכאילאָוויטש איז באלד נאכ־נעגאנגען.

איך האב נערעדט הויך, נעטענה׳עט, נעפלוידערט אונד נעלאכט אזוי משונה׳דיג, אז איך האב מיך דערשראָקען פאר מיין איינענעם קול. סערגעי מיכאילאָוויטש האט צו מיר ניט נעשפּראָכען, נאָר איך האב ווידער בעמערקט דעם טרויערינען שמייכעלע אויף זיינע ליפּען, אונד מיט׳ן קאָפּ ארונטער נעלאָזען, פערטיעפט אין נעדאנקען, איז ער ארויס פון צימער.

דאן האב איך נעשפירט איין אונבעשרייבליכען טרויער אין מיין הערץ, אונד ווען מאריא איז נעגאנגען צו מיין שווינער־מוטער, האב איך ווידער נעוויינט אונד בין נעוואָרען שטארק אין כעס אויף איהם. ווארום? דיעזע פראגע האב איך מיר ניט נעקענט בעענטפערן.

איך בין ארויס נעגאנגען דורך דער אָפענער טהיר אונד בין אריין אין זיין שרייב־צימער. ער איז נעזעסען נעבען זיין טיש מיט דער פעדער אין האנד. ווען

איך בין ארוים מיט דער שפראכע:

„איך האב געגען דיר גאר ניט, אבער עס איז מיר שוין נמאס דיעזע ארט לעבען, וויא איך זעה, העך אונד בעטראכט אימער דאס זעלבע. אבער עס קען דאך אנדערס ניט זיין, דוא ווערסט עס מיר בעווייזען באותות ובמופתים, אונד, נא טירליך, דוא ווערסט אימער האבען רעכט."

זיין געזיכט האט זיך פלוצלינג מערקווירדיג בערוהיגט, אונד ארונטער לא זענדיג דעם קאפ אויף זיין ברוסט, האט ער געשוויגען. איך האב אויסגעבראכען אין געוויין. וואס מעהר דיא טרערען זיינען געפלאסען פון מיינע אויגען, אלץ לייכטער האב איך מיך געשפירט אויף מיין הערצען. בליקענדיג צו איהם, האב איך חרטה געהאט אויף אלעמען וואס איז פארגעגאנגען. ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען אונד ער האט מיר צוגעווארפען אזא צערטליך־מעלאנכאלישען בליק, אז איך האב אנגעכאפט זיין האנד אונד אויסגעשריען:

„פערצייהע מיר, איך ווייס ניט וואס עס איז מיט מיר געוועזען!"

ער האט שטערצהאפט געשמייכעלט אונד געענטפערט:

„אבער, קאטיא, דוא האסט מיר בלויז געזאגט דיא וואהרהייט."

„דיא וואהרהייט? וואס האב איך דיר דען געזאגט?"

„דיינע ווערטער בעדייטען, אז מיר זאלען זאפארט אוועק פאהרען נאך סט. פעטערסבורג. קיין זאך זאל אונז מעהר הינדערן; אונד, קאטיא, ווען דוא האסט אירגענד א געפיהל פאר מיר, בעט איך דיך, דוא זאלסט מיך ניט ווידער שפרעכען."

איך האב געשוויגען.

דאן האט ער מיך גענומען אין זיינע ארעמס אונד מיך צערטליך געקושט. א זיפץ פון זיין הערץ, האט מיר פעראורזאכט שרעקליכען שמערץ.

„פערצייה מיר, סערגעי, איך בעט דיך, איך האב געגען דיר ניט געהאנדעלט וויא דוא פערדיענסט, אבער, גלויב מיר, איך האב עס ניט געטהאן אב־זיכטליך."

אין דיעזען אבענד, זיינען מיר געזעסען א היבשע צייט צוזאמען אין אונזער צימער. דאן האט ער זיך אויפגעהויבען, אנגעפאנגען צו שפאצירען הין־אונד־צוריק, אונד דעקלאמירט עפעס א געדיכט.

„וואס האסטו געזאגט?" האב איך געפרעגט נייגיעריג, כאפענדיג עפעס א האאר בעקאנטע ווערטער.

שפיעלציינג — אָבער, סערגעי מיכאילאָוויטש, איך האב שוין פערלוירען מיין געדולד
דוא האסט גענוג זאָרג פיר אונז ביידען; איך פערשטעה עס גאַנץ גוט. אָדער,
ווענינגסטענס זיינען דיא זארגען פאר דיר אליין צו פיעל.“

„הער מיך אויס, קאַטיא,“ האט ער געזאגט שנעל אום צו פערהינדערן איך
זאָל ניט נעהן אין צו ווייטע דרכים, „מיר“...

„ניין, איך וויל גאר ניט הערען,“ האב איך איהם ווידער אונטערבראָכען,
אָבוואָהל איך האב זעהר געוואָלט מיט איהם זיך גוט אויסטענה'ן. אָבער מיר
האט אויסגעזעהען צו פערשאַפען פערגניגען, אז איך זאָל איהם ניט לאָזען רעדען.
„ניין, ניין, איך וויל מיך שוין ניט שפּיעלען; איך בין ניט קיין קינד. איך וויל
לעבען אין אזא ערנסטער וועלט וויא דוא; איך וויל זיין גלייך מיט דיר, איך האב
א רעכט דערצו!“

מעהר האב איך ניט געוואָנט צו רעדען. איך האב בעמערקט וויא זיינע
באַקען זיינען געוואָרען בלאַס אונד אויף זיין שטערען האבען זיך געציינט טראָפּענס
שוויס.

„וויא אזוי ווילסטו זיין גלייך מיט מיר?“ האט ער געפרעגט זיך בעהערר־
שענדיג, „מיינסטו, אז דאס איז פיעללייכט דיא גלייכהייט מיט מיר, ווען איך וועל
דיר דערצעהלען, אז איך האב מיך געקריעגט מיט שיכור'ע בויערן?“

„ניט נאָר דאס,“ האב איך געענטפערט.

„פערשטעה מיך, מיין טהייערע,“ האט ער זיך וויא געבעטען אונד איך האב
בעמערקט דיא טרערען גלענצענדיג אין זיינע אויגען. „איך ווייס, דורך ערפאַהרונג,
אז אזעלכע זאכען, ווען אפילו קלייניגקייטען, פערשאַפען זייא שמערצען אונד
ערגערניסע, אונד ווייל איך ליעב דיך, ווינש איך דיך צו שיטצען פון אומזיסטע
צרות. דאס, קאַטיא, איז מיין פליכט צו ליידען. איך בעט דיך, געליעבטע, פער־
אורזאך מיר דוא ווענינגסטענס ניט קיין אומזיסטע שמערצען.“

„דוא האסט רעכט, געוויס; דוא האסט אימער רעכט,“ האב איך געזאגט
הארטנעקיג, אָבוואָהל איך האב אונגעהייער געליטען זעהענדיג וואס פאר א ליידען
איך האב איהם פעראורזאכט.

„קאַטיא, וואס איז מיט דיר געשעהן? עס איז יעטצט ניט דיא פראגע ווער
עס האט רעכט. ביסטו קראנק, אָדער ביסטו געערגערט פון עפּעס? ענטפער
מיר ניט שנעל, איבערלעג עס דיר, אונד פיעללייכט בין איך דער שולדיגער, דאַן
נעהם דיר א רוהיגען מאָמענט אונד צייג מיר אויף מיין שולד.“

שפעטער האב איך געהאט דיא געלעגענהייט צו ערפאהרען, אז זיין אורטהייל אונד קריטיק, איז געוועזן גוט בעגריגדעט.

מיט א מאָנ פריהער איידער מיר זיינען אוועק געפאָארען נאך סט. פעטערס־בורג, האט מיר מיין מאן געזאגט:

„קאטיא, מיין געליעבטע פרוי, איך בעט דיך דוא זאָלסט מיר פערצייהען ווען איך וועל דיך מוזען אויפמערקזאם מאכען אויף עפּעס וואס איז מיר זאָנסט אונאנגענעהם מיט דיר דאריבער צו רעדען. אין דאָרף בייא אונז, בין איך אויך א גרויסער עושר, אָבער אין סט. פעטערסבורג קען איך מיך אפילו ניט רופען מיטעל־מעסיג רייך. עס לוינט זיך אונז דאָרט צו פערבלייבען איבער דעם ווינטער, אָבער מיר דארפען זיך ניט אריין לאָזען אין צו פרעהליכער אונד אויסברענגענדער גע־זעלשאפט.“

„האב קיין מורא ניט,“ האב איך געענטפערט. „מיר וועלען בלויז בעזוכען עטליכע קאָנצערטען, נעהען א פּאאר מאל אין טהעאטער, אונד דאן וועלען מיר צוריק קעהרען נאך ניקאָלסקי.“

אָבער דיעזע בעשליסע זיינען באלד פערגעסען געוואָרען. זיך זעהענדיג אומ־רינגעט פון א וועלט מיט געגוס אונד פערגניגען, האב איך אָנגעפאנגען צו שווימען אויף דיא וואָלקען פון דער זיסער פאנטאזיע אונד מיר האט זיך געדאכט, אז איך בין נאָר וואס געבוירען געוואָרען. דער פריהעריגער טרויער אונד אויפרעגונג, זיינען פערשוואונדען, אונד דיא געדאנקען וועגען מיין מאן, וועגען זיין ליעבע, האבען אָנ־געפאנגען וויא אויפצוגעהען אין רויך.

אונד ער? יא, ער האט געלעזען יעדען וואונש מיינעם אויף מיין געזיכט, אונד כל־זמן איך האב פערגעסען אן דעם וואס ער האט מיר געזאגט, אז ער איז קיין עושר, האט ער געשפענדעט געלד וויפיעל איך האב פערלאנגט, אָהנע מיך נאך אמאל צו דערמאָהנען אן אונזער לאגע.

איך האב אליין געגעבען אונטהערהעלטע אונד געשפּיעלט דיא ראָלע אלס דיא הערין־פערוואלטערין פון דעם באלל אָדער באנקעט. ער האט, בייא אזעלכע געלעגענהייטען, מיך נאך ענטשולדיגט, אונד פלעגט זאגען:

„דוא שפּיעלסט דיין ראָלע אויסגעצייכענט, מיין קינד! ווירקליך גוט אונד שעהן!“

מיט א קורצער צייט נאך אונזער אנקונפט אין סט. פעטערסבורג, האט ער אבגעשריעבען א בריעף צו זיין מוטער אונד מיך געפרעגט אויב איך וויל עפּעס

ער איז געבליבען שטעהען, אונד שמייכלענדיג, האט ער ווידערהאָלט לער מאָנויאָו'ס ווערטער:

„אָבער ער, דער נאַר, ער האט געבענקט נאָך'ן שטורם,

„גלייך וויא אין שטורם קען ער געפינען רוה."

„ער איז מעהר נים וויא א מענש," האב איך מיר געטראַכט איהם בעד ואונדערענדיג. „ער ווייס אַלעס וואס עס געהט פאָר אין מיר! ער לעזט מיינע געדאַנקען בעסער וויא איך אליין! איז דען דאס נים אליין געגוג אורזאַכע ווארום איך זאָל איהם ליעבען?

איך בין אויפגעשטאַנען אונד צוגעגאַנגען צו איהם.

„אלזאָ, קאטיא, איז דאס נים אזוי?" האט ער געפרעגט.

„יא," האב איך געמורמעלט גאַנץ שטיל, אונד איהם אומאַרמענדיג האב איך זיין לייַדענשאַפטליך געקושט.

מיט צוויא וואָכען שפעטער, פאַר דיא פייערטאַגען, זיינען מיר געוועזען אין סט. פעטערסבורג.

7.

אונזער רייזע נאָך סט. פעטערסבורג אונד דיא וואָך וואס מיר האבען צוגע־בראַכט אין מאָסקווא, זיך צו בעקענען מיט מיינע אונד סערגעי'ס קרובים, זיינען פאַר מיר פאַראיבער וויא א שעהנער אונד אַנגענעהמער טרוים. אַלעס האט אויסגעזעהען אזוי נייא אונד אינטערעסאַנט, אזוי בעלייכטעט מיט דער געגענווארט פון מיין מאַן'ס ליעבע, דאס איך האב פערגעסען אויב איך האב נאַר אמאל געלעבט ערגעץ אין א דאָרף.

צו מיין איבערראַשונג אונד פערגניגען, בין איך איבעראַל זעהר הערפליך עמפפאַנגען געוואָרען, אבוואָהל איך האב געדעכענט, אז מען וועט ניכער לאַכען פון דיא דאָרפס-לייט. איך האב נאָך שפעטער ענטדעקט, צו מיין גרעסערער איבערראַשונג, אז אונטער דער העכערער געזעלשאַפט, האט מיין מאַן געהאט דיא בעסטע בעקאַנטע. דאס האט ער מיר פריהער נים דערצעהלט אונד איך האב איהם ביז דאמאלס געדעכענט, אז ער האט נאַר פאַר זיך אין זיין לעבען נים געזעהען אזא וועלט. מעהרערע מאָל פלעג איך מיך וואונדערן, וויא אזוי ער האט קריטיקירט יעמאַנדען זעהר שלעכט, וועהרענד מיר האט זיך געדאַכט, אז דיא קריטיקירטע זיינען דיא פיינסטע מענשען.

זמייכעל אונד מיך אונטערדעסען געפרעגט אויב איך וויל געהען. איך האב ניט געקענט ענטפערן מיט׳ן מויל; איך האב געשפירט דאס בלוט אויפשטייגען אין מיינע באקען, אונד איך האב געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ „יא.“

„דוא ביסט רויט געוואָרען ווי א פערברעכער וואס איז זיך מודה אויף זיינע זינד,“ האט סערגעי מיכאילאָוויטש דאן בעמערקט אזוי גוטמוטהיג, אז איך האב מיך גאר ניט געקענט געפינען בעליידיגט פון אזעלכע שארפע ווערטער.

„דוא האסט מיר געזאגט,“ האב איך געענטפערט אָהנע פיעל צו וויסען וויא איך זאָל צוזאמען שטעלען מיינע ווערטער, אז עס לוינט זיך אונז ניט צו ספּענדען פיעל געלד, אונד איך רעכען, אז דאס איז דיר אונאנגענעהם.“

איך מוז דאָ ערקלערען וואס איך האב געמיינט: איך האב געוואָלט זאגען, דאס נאכדעם ער האט מיר איינמאל ערקלערט, אז מיר זיינען גרויסע עשירים אין דאָרף אונד פיעל ווענינער וויא עשירים אין סט. פּעטערסבורג, איז דאס געהען אויף אזא באלל, פערבונדען מיט גרויסע הוצאות; נאר איך וויל פּאָרלויפיג דערפון ניט וויסען, אונד ווייל איך וויל האבען פערגניגען, קימערט מיך ניט. עס האט מיך ערמאָהנט אן דעם פראנצויזישען קעניג, וועלכער האט געזאגט: „כל־זמן איך לעב, וויל איך פראנקרייך זאָל האבען א קעניגרייך אונד מיר זאל זיין גוט — נאך מיר ווידער, סימערט מיך ניט. מעג אפילו קומען א מבול אויף דער גאנצער וועלט.“

סערגעי מיכאילאָוויטש האט מיך פערשטאנען, אָהנע איך זאָל איהם פיעל ערקלערען, אונד זאָ האט ער בעמערקט:

„ווען דוא ווילסט עס זעהר, מיין קאטיא, דאן וועלען מיר געהען“

איך האב געוואָלט שפּיעלען דיא ראָלע פון אָבנארען סערגעי מיכאילאָוויטש׳ן, אונד אָבוואָהל אין מיר האט געברענט דער וואונש בייצו־וואָהנען דיא פּראכט אונד הערליכקייט פון דעם באלל, האב איך געזאגט:

„פיעללייכט דענקסטו, אז מיר דארפען ניט געהען, וועלען מיר זיטצען אין דער היים.“

„ניט דארפען?“ האט ער געמורמעלט וויא צו זיך אליין, „א מענש דארף אלעס וואס קען איהם גליקליך מאכען, אונד, איבערהויפּט שאדעט עס ניט אמאל צו בעזוכען מונטערע געזעלשאפט. אין דעם ליגט ניט קיין געפאהר. מע דארף זיך נאר אָבהיטען ניט צו געהען זעהר אָפט אונד ניט זוכען צו בעשטייגען אזא לייטער וואס קען צוברעכען ווערען אונטער אונזערע פיס. יא, יא, קאטיא, מיר וועלען געהען.“

צו שרייבען. ער האט מיר געוויזען דיא ווייטע לעדיגע זייט, מיט דער אבזיכט, וויא איך האב פערשטאנען, אז איך זאל ניט לעזען וואס ער האט געשריעבען. אבער דאס אליין איז שוין גענוג געוועזען אום מיך צו מאכען גענוג נייגיעריג, אונד, געגען זיין ווילען, האב איך געלעזען דיעזע ווערטער:

„אך, מוטער! דוא וואלסט שוין גאר ניט דערקענט אונזער קאטיא. איך אליין בין ערשטוינט איבער איהר. וואו האט זיא געלערענט דיא אלע בענעהמונגען אין דער העכערער געזעלשאפט? זיא איז אבער אזוי גוט אונד איינפאך. יעדער פרייט זיך מיט איהר, אונד איך ליעב זיא נאך מעהר וויא איטער, אויב אזא זאך קען נאָר מעגליך זיין.“

„אך!“ האב איך מיר געטראכט, „אונד איך ליעב אויך סערגעי מיכאילאָ־וויטש מעהר וויא איטער, אויב אזא זאך איז נאָר מעגליך.“

האב איך איהם ווירקליך געליעבט מעהר וויא איטער? דיעזע פראגע וואלט איך דאמאלס ניט געקענט בעענטפערן. נאָר יעטצט ווייס איך, אז מיין ליעבע צו איהם איז בעשטאנען אין דעם, וואס ער האט ערפילט יעדען וואונש וואס איך האב אויסגעשפראָכען.

מיינע אונבעקאנטע קרובים האבען מיך עמפפאנגען אזוי שעהן, דאס איך האב מיך דארויף ניט געריכט. איך האב געזעהען פון אלע זייטען איין אָנקעל, א מוהמע, אָדער א קוזינע, וועלכע האבען געטהאָן אלעס מעגליכע צו זאָרגען פיר מיין בעקוועמליכקייט. איינער האט געזאגט, אז קיין צווייטע צו מיר אין סט. פעטערס־בורג איז ניטא; איין אנדערער האט ערקלערט, אז איך בעדארף נאָר אויסשפרעכע־רעם וואונש, אונד איך קען ווערען דיא אנפיהרערין פון דער העכסטער געזעלשאפט. דיא קרובה וואס האט מיך אמבעסטען אָנגעצויגען, איז געוועזען פּרינצעסין (קיאזין) דעמיקאוו, מיין מאן'ס א קוזינע. זיא איז געוועזען א פאלקאָמענע ערפאהרענע וועטליכע פרוי, וועלכע איז שוין ניט געוועזען יונג, אבער זיא האט ניט אויפגעהערט מיך אויפ־מערקזאם צו מאכען, אז איך בין אונגעהייער שעהן.

שעהן? יא, איך האב פון פריהער געוואוסט, אז איך בין א שעהנהייט, נאָר איך האב ערשט לעטצטענס ערפאהרען אין סט. פעטערסבורג, וואס פאר א מאכט א שעהנהייט האט. איך האב מיך דערפאר אליין אָנגעהויבען צו בעוואונדערן, אונד עס איז שוין ניט ווייט געווען, איך זאל מיך פערליעבען אין מיין בילד פון דעם שפּיעגעל, וואו איך פלעג שטעהן מעהר וויא געוועהנליך.

ווען זיא איז ערשיענען צום ערשטען מאל מיך איינצולאדען אויף א באלל, האט סערגעי מיכאילאָוויטש אויף מיר געוואָרפען אזוי וויא א דערשראָקענעם

טען מח צו איהם גרייכען נאך א בימערער ערפאהרונג, אונד סערגעי מיכאילאָוויטש האט קיין אנדערן אויסוועג געזעהען.

אנפאנגס האט עס אויסגעזעהען, אז ער האט אויך הנאה געהאט פון דעם גערויש, גלאנץ אונד פראכט. ער האט נאטירליך גאָר געשפּיעלט אזא ראָלע, אונד איין גאָט ווייסט דעם אמת וויפיעל מיה עס האט איהם געקאָסט זיך ניט צו פער־ראטהען. אָבער ענדליך, האט ער שוין מעהר ניט געקענט זיך פערשטעלען אונד איך האב איהם געהערט זיך בעקלאגען, אז אזא לעבען איז איהם נמאס. אָבער וואס האט מיך געקימערט זיינע געפיהלע? איך האב מיך געמאכט, אז איך פער־שטעה איהם גאר ניט. איך בין געווען בעצויבערט מיט דער בעוואונדערונג פון פרעמדע — איבערהויפּט האט עס מיר אויסגעזעהען, אז אין מיר איז געלעגען א גרויסער טייך אָבגעשפּארט זיים יאָהרען, אונד מיט איינמאל איז דאס וואסער ארויס אונד געפלאָסען אונד בענעטצט אונד אויפגעלעבט א פעלד מיט ליליען, ראָזען, בלומען אונד גרינע צווייגען.

ווען איך פלעג אריין אין א באלל־זאלאָן אונד אלע אויגען האבען זיך צו מיר געווענדעט, האב איך געשפּירט וויא א באלזאם פון זיסען שטאָלץ זיך צוגיסען איבער מיינע גליעדער. איך האב בייא מיר אויסגעזעהען העכער אונד גרעסער וויא א קעניגין, אונד, נאטירליך, אויך פיעל וויכטינער וויא סערגעי מיכאילאָוויטש. איך האב איהם נאך אפילו געליעבט, ווייל ער האט געזעהען מיך בעזאָרגען מיט דיא שענסטע קליידער אונד אנדערע זאכען צו מיין פערגניעגען, אָבער איך האב מיר געמוזט צונעבען, אז איך בין פריהער געווען א גרויסער נאר, ווען איך האב איהם גערעכענט, אלס א גאנצען מאכער.

„אָה, סערגעי מיכאילאָוויטש," האב איך מיר געטראכט, „עס זיינען דאָ נים נאָר שענערע פון דיר, זאָנדערן אויך קלינערע פון דיר, אונד, ווען איך וויל, קען איך יעדען איינעם פון זייא זעהען ליעגען צו מיינע פיס!"

אלס דער גערויש איז פאָראיבער אונד איך בין מיר געזעסען רוהיג אין צימער פון מיין האָמעל, פלעגען צו מיר קומען אנדערע געדאנקען. „אמת," האב איך מיר געטראכט, „עס זיינען דאָ שענערע אונד פיעללייכט אויך קלינערע מענער אלס סערגעי מיכאילאָוויטש, אָבער קיינער איז נים אזוי גוט וויא ער."

דאן האט מיר וועה געטהאָן מיין הערץ איהם צו זעהן ליידען, אונד איך האב מיך געטרייסט:

„אָה ניין, סערגעי מיכאילאָוויטש, דוא האסט געוויס א טעות אין מיר, ווארט

„איך וועל דיר זאגען דיא וואהרהייט,“ האב איך דאן בעמערקט איהם אויפ־מערקזאם, „מיר דאכט, אז איך האב נאך ניעמאלס געהאט אזא וואונש ערגעץ צו געהען, וויא אויף דיעזען באלל.“

מיר זיינען געגאנגען, אונד דאס פערגניגען וואס איך האב ערווארטעט, איז נאך מעהר וויא פערווירקליכט געווארען. מיר האט עס אויסגעזעהן, אז דער שטראם גאלדענע שטראהלען פון דיא טויזענדער עלעקטרישע ליכטער, איז ספעציעל פיר מיין פערגניגען פארבערייטעט געווארען; אז דיא הערליכע אונד מונטערע מוזיק, אונד דאס גאנצע פובליקום, איז בעשטימט געווארען אום מיין הערץ זאל זיך פרייען. דאן האב איך געהערט דיא צאהלרייכע קאמפלימענטען, ניט נאר פון יונגע מענער, זאנדערן אויך פון יונגע פרויען, אלטע הערען אונד דאמען — יעדער האט בע־וואונדערט מיין שעהנהייט. דער פרינץ, מיין קוזין, האט מיר געזאגט:

„איהר זייט ניט וויא אלע אנדערע פרויען, וועלכע זיינען אויף שעהן; איהר זעהט אויס וויא א פרישע בליהענדע רויז, געוואקסען אונטער דיא נאטירליכע אומשטענדען אויף'ן פרייען פעלד, געגען א געקונסטעלטער בלום פון א שטוב.“

דאס אלעס האט מיך בערוישט אונד מיין גאנצע זעעלע האט געוואלט אונד געשטרעבט בלויז פיר עהנליכעס פערגניגען, וואו דיא שענסטע געזעלשאפט זאל מיר מודה זיין, אז איך בין א געטטין דער שעהנהייט. אלס איך האב מיטגעטהיילט סערגעי'ן, אז מיין וואונש איז צו געהען אויף נאך בעללער, האט ער, צו מיין ער־שטוינען, גאר קיין איינווענדונג געמאכט, אונד ניט נאר איינגעשטימט צו טהון וואס איך וויל, זאנדערן, ער האט אויסגעזעהן צו האבען דאס גרעסטע פערגניגען פון מיין ערפאלג אונטער דער שעהנער אונד רייכער וועלט וואס שווימט אימער אין א ים פערגניגען.

יעטצט ערקלער איך מיר דיא אורזאכע פון סערגעי מיכאילאוויטש'עס האנד־לונגען. דאמאלס, נאטירליך, האב איך דאס ניט געקענט בעגרייפען. סער־געי מיכאילאוויטש איז געוועזען א מענש, וואס האט שוין געזעהן דיא וועלט; ער האט געוואוסט גאנץ גוט, אז אזא וואונש וויא איך האב אויסגעשפראכען, איז ניט מעהר צו אונטערדריקען. זיין אויפטריט דאגעגען, מיך צו פערהינדערן, וואלט פערגראו־זאכט, וואס איך וואלט ניט נאר פערלוירען דיא ליעבע צו איהם, זאנדערן איהם געהאסט. דאס האט ער ניט געוואלט, אונד ער האט בעשלאסען מיך אבצולאזען, איך זאל טהון וואס איך וויל, ביז איך וועל אליין קומען צום שכל.

יא, יא, איך בין איבערצייגט, אז אין אזא פאל העלפט ניט צו פרעדיגען שכל

איך האב מיך נעפי‧ולט שטארק נעטראָפען אונד מיך נעשעהמט. איך האב נעשוויגען.

„אלזא, קאטיא,“ האט ער ווייטער נעזאגט. אום מיך בעזן צו מאכען, „וואס זאגסטו דארויף?“

„אונזער ליעבע אונד רעספעקט איינער פאר'ן צווייטען,“ האב איך נעענטפערט, „קען דאדורך ניט ליידען אונד זיא וועט פערבלייבען אונפערענדערט.“

מיר האט זיך געדאכט אויף'ן פלאטץ, אז איך גלויב אין דעם וואס איך זאג, אבער ער האט נעענטפערט:

„גאָט זאָל געבען עס זאָל אזוי זיין וויא דוא זאגסט! אבער דעננאך, קאטיא, גלויב איך, אז עס איז שוין צייט מיר זאָלען אהיים פאָהרען.“

נאך דיעזער נעשיכטע, האט ער שוין קיין איינציגעס מאל גערעדט פון צוריק קעהרען נאך ניקאָלסקי. איך בין צופריעדען געווען דערפון אונד האב גאר ניט נערעדט דאריבער.

דער ווינטער איז פאָראיבער מיט בליטץ־שנעללינקייט, אונד נעגען מיינע ערווארטונגען, זיינען מיר פערבליעבען ביז איבער דעם מאָנאט אפריל אין סט. פעטערסבורג. אבער צום ערשטען מאי האב איך איהם שוין אליין נעזאגט, אז מיר דארפען אהיים פאָהרען. עס איז ניט געווען דערפאר, ווייל דאס פרעהליכע לעבען איז מיר נמאס נעוואָרען, זאָנדערן ווייל איך האב אויף איהם רחמנות נעהאט, זעהענדיג וויא ער ליידעט אין דער שטיל.

נאכדעם וויא סערגעי איז פערטיג געוואָרען מיט איינקויפען פערשיעדענע קליינינקייטען פיר אונזער הויז אונד דיא קופערטען זיינען נעוועזן איינגעפאקט, האב איך בעמערקט דיא אלט־בעקאנטע גליקליכע מונטערקייט צוריק קעהרען אויף זיין געזיכט.

פלוצלינג אבער, איז ערשיענען זיין קוזינע, פרינצעסין דעמיקאָוו, אונד אונז נעזאגט, אז עס איז א יושר מיר זאָלען נאך פערבלייבען ביז זונטאג, דאמיט מיר זאָלען בייוואָהנען דעם באלל פון גרעפין וואראָנססי.

„דיא גרעפין,“ האט פרינצעסין דעמיקאָוו צו מיר נעזאגט, „ווינשט איבערהויפט זעהר אייער אנוועזענהייט, ווייל פרינץ מ.—זאגט, אז איהר, קאטיא, זייט דיא שענסטע פרוי אין רוסלאנד, אונד ער האט מודיע נעוועזן, דאס אין פאלל איהר וועט ניט זיין אויף'ן באלל, קומט ער אויך ניט. עס וואלט נעוועזן דיא גרעסטע

נאָר ביז מיר וועלען אהיים קומען, וועסט דוא שוין זעהען צוליעב וועמען איך וויל זיין שעהן — יא, יא, נאָר צוליעב דיר, אונד איך וועל עס דיר בעווייזען.״

אמאל פלעגט אין מיר אויפשטייגען דער געדאנק, דאס מיין מאן איז אויף מיר אייפערזיכטיג. יעטצט ווייס איך עס, אָהנע צווייפעל, אז אייפערזיכטיגע געפיהלע האבען שיער צעררינען זיין ארמעס הערץ, אָבער סערגעי מיכאילאָוויטש איז אימער געווען קליגער אלס איך אונד זיין האלטונג צו מיר האט איהם ניט פערראטהען.

אונד איך? איך בין ניט אימשטאנדע געוועזען ארויס צו טרייבען פון מיין פאנטאזיע דאס שעהנע געזיכט פון דיעזען יונגען העררן אָדער פון איין אנדערן, וועלכער, אזוי עלעגאנט אונד אזוי קאוואליר-מעסיג, האט ער צו מיר געזאגט, אז איך בין דיא שענסטע פראוויענצימער וואס לעבט.

דאן, אום מיך אָבצונארען אונד מיין מאן, האב איך אין א פריידמאָרגען געוואָלט פערטרייבען דיעזע געדאנקען פון מיר, אונד צו איהם געזאגט, מאכענדיג מיט׳ן פינגער וויא אויף שפאס:

„אזוי סערגעי מיכאילאָוויטש, ווילסט מיך מאכען אייפערזיכטיג? איך האב דיך געזעהען נעכטען אבענד עפעס צופיעל רעדענדיג מיט גרעפין אבלאָמאָוויטץ.״

דיא געגאנטע דאמע, איז געוועזען אונזער בעסטע פריינדין אונד זעהר גוט בעקאנט אין סט. פעטערסבורג. דער וויטץ אָדער שפאס, האט אָבער ניט געווירקט, אונד מיין מאן איז אין יענעם טאָג געבליעבען מערקווירדיג שטיל אונד איך האב איהם כמעט נאר ניט געהערט רעדען.

פארנאכט, האב איך אין ענגליכען פוילען וויטץ געזאגט איבער דערזעלבער דאמע. זיינע שעהנע אויגען האבען זיך געווענדעט צו מיר אונד זיין געזיכט איז פערדונקעלט געוואָרען. ער האט, וויא פון צווישען דיא צייהן, ארויס געשטאמעלט אין גרויסער אויפרעגונג:

„קאטיא, וויא קענסטו מיר זאגען אזעלבע ווערטער? איך ווייס, אז דאס איז א שפאס, אָבער ער פאסט ניט פאר דיר. ניין, קאטיא, ער פאסט ניט! זאָלען אנדערע מאכען אזעלבע שפאסען. דאס איז א געקינסטעלטעס לעבען, אונד דער אָנפאנג פון אָבנארען פער שפאס, ביז... ניין, ניין, קאטיא, אזעלבע שפאסען פערדארבען וואס מאן אונד ווייב פערלירען דעם רעספעקט איינער פאר׳ן צווייטען.״

פון זיינע פעלדער, בויערן אונד אונזער פיאנא־צימער. ניין, ניין! נים פאר אלע בעללער, נים פאר אלע מונטערקייטען אונד שמייכלען פון טויזענד פרינצען, וועל איך בייטען זיין צערטליכע ליעבע.“

איך האב איהם נאר וואס געוואָלט ארום נעהמען, קושען אונד זאגען, אז מיר פאָהרען אהיים, אונד... אָבער פלוצלינג האט ער זיך אומגעווענדעט צו מיר מיט א פינסטערן בליק, אונד זיך אויף באלד פערשטעלענדיג, וויא זיין טבע איז אימער געווען אין מיין געגענוואָרט, האט ער געפרעגט:

„וואס איז געשעהען, מיין טהייערע?“

איך האב נים געוואוסט וואס צו ענטפערן.

„ווילסטו ווירקליך געהען אויפ'ן באלל?“ האט ער ווייטער געפרעגט.

„איך וואָלט וועלען געהען,“ האב איך געענטפערט גלייכגילטיג, „נאר אזוי וויא אלעס איז שוין צוזאמען געפאקט אונד דאס איז דיר אונאנגענעהם“...

א לייכטער שפאָטישער שמייכעלע האט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפען. דאן, מיט איין ענטשלאָסענעם טאָן, האט ער ערקלערט:

„איך וועל פון דאנען נים אוועק פאָהרען ביז דעם מיטוואָך פון נעכסטער וואָך, אונד איך וועל באלד געבען א בעפעהל, אז אלעס זאָל אויסגעפאקט ווערען.“

ער האט דאן אָנגעפאנגען צו שפאצירען הין־אונד־צוריק, ועלכעס האט בעוויזען, אז ער איז שטארק אויפגערעגט. איך האב איהם נאכגעפאָלגט מיט מיינע אויגען אונד געזאגט:

„איך קען דיך ווירקליך נים פערשטעהן. ווארום רעדסטו אזוי צו מיר? וואס איז דאס פאר א בענעהמונג? איך בין פאָלשטענדיג בערייט צו אָפּפערן מיין פערגניגען פיר דיינעם.“

„איין אָ פּ פ ע ר!“ האט ער וויא אויסגעשריען, בלייבענדיג שטעהן אונד אויסציהענדיג דאס לעטצטע וואָרט. „גוט אלזאָ, איך ברענג דיר אויך איין אָפּפער, אונד אזוי זיינען מיר ביידע קווימ. ווירקליך, וואס נאך קען מען ערווארטען פון אזא גליקליכעס פאאר פאָלק וויא מיר זיינען?“

זיין קאלטער אונד שפאָטישער טאָן, האט מיך געשטאָכען וויא מיט מעסערס.

„אהה, סערגעי, דוא ביסט מעהר נים דערזעלבער,“ האב איך בעמערקט מיט א זיפץ. „וואס איז געשעהען, ביסטו אין כעס אויף מיר? עס איז אונמעגליך, אז

נאררישקייט איהר זאָלט זיך דערפאר איילען צוריק צום לעבעדינגען קבר, דאָרט אין דאָרף, אונד ניט בייוואָהנען אזא גלענצענדען אונטערהאַלט, וואו מען ווינשט איבערהויפט אייער אנוועזענהייט.“

ועהרענד דיא פרינצעסין האט געשפראָכען דיא לעטצטע ווערטער, איז סערגעי געווען אין דער צווייטער זייט פון דעם צימער, רעדענדיג מיט א דיענער. איך האב דערפאר ניט געוואוסט, אויב ער האט דאס געהערט.

„אלזאָ, וואס וועט זיין, קאטיא?“ האט זיא ווייטער געפרעגט, „וועט איהר געהען?“

„מיר פאָהרען מאָרגען אוועק נאך ניקאָלסקי,“ האב איך געענטפערט, בליקענדיג צו מיין מאן. אונזערע אויגען האבען זיך בעגעגענט, אונד ער האט זיך באלד אָבגעווענדעט.

„איך וועל איבעררעדען אייער מאן ער זאָל אייך לאָזען געהען,“ האט דיא פרינצעסין פאָרגעשלאָגען.

„אָבער דאס וועט שטערען אַלע אונזערע פלענער,“ האב איך געענטפערט, אבוואָהל איך האב געוואָלט מיט לייב אונד לעבען געהען אויף'ן באלל.

סערגעי האט זיך אומגעווענדעט, אונד מיט איין אויפרעגענדע שטימע, וועלכע האט מיך דערשראָקען, האט ער מיך געפרעגט:

„וואָלט עס ניט געווען פיעל לייכט נאר בעסער, אז דוא זאָלסט אוועק צום פרינץ הייטע אבענד אונד זיך מיט איהם געזעגענען?“

„הא, הא!“ האט זיך מיין קוזינע צולאכט. „קוק איהם נאָר אן וויא ער איז אייפערזיכטיג. עס איז ווירקליך א פערגניגען איהם אזוי צו זעהען, ווייל עס מאכט אין איהם אביסעל א וועקסלונג אין זיין אימער וועהרענדער גלייכגילטיגקייט. אָבער, סערגעי מיכאַיקאָוויטש, עס איז ניט אזוי צוליעב דעם פרינץ וואס מיר ווילען, אז קאטיא זאָל קומען“...

„זיא קען געהען, ווען זיא וויל,“ האט ער זיא אונטערבראָכען אונד באלד פערלאָזען דאס צימער. זיין אויפרעגונג האט פעראורזאכט, וואס איך האב דער פרינצעסין ניט געקענט געבען קיין בעשטימטען ענטפער.

ווען זיא איז אוועק, בין איך געגאנגען זעהען וואו ער איז. איך האב איהם געטראָפען ארום שפאצירענדיג אין צווייטען צימער מיט א פערטראכטעס געזיכט.

א מערקווירדיגעס געפיהל פון מיטלייד איז אין מיר ענטשטאנדען, אונד איך האב מיר געטראכט: „ער טרויסט פון אונזער שטילער היימאַטה אין ניקאָלסקי;

צו אָפּפערן דיין פערגניגענען פיר מיינעס. וועלכעס איז דיין פערגניגענען אונד וועלכעס איז מיינעס? דיין פערגניגענען איז, צו געפעלען מיט דיין קערפּער דעם פּרינץ, אונד מיין פערגניגענען איז, דיך צו זעהען געאכטעט אונד געשעטצט בייא דיר זעלבסט. פערשטעהסטו מיך וואס איך מיין?"

נאטירליך זיינען מיר זיינע ווערטער אריין דורך איין אויער אונד ארויס פון דעם צווייטען. דאן, שפּיעלענדיג דיא קאָקעטישע מיענעס, האב איך געזאגט:

„יא, יא, איך האב ערווארטעט אזא אויסברוך שוין פון לאנג, דוא קענסט ווייטער רעדען."

„וואס דוא האסט ערווארטעט ווייס איך ניט, אָבער איך, קאטיא, האב ערווארטעט דאס ערגסטע, דיך שטודירענדיג טאָג טעגליך אין דעם שטראָם פון קאָסטבארען לוקסוס, לעדיג־געהען אונד פערשווענדונג. האב איך געציטערט פאר דעם מאָמענט, ווען מיין פּנים וועט מוזען רויט ווערען פאר חרפה, וויא עס האט היינט פּאסירט. דיין פריינדין איז ערשיענען אונד צעררייסען מיין הערץ מיט איהרע שמוטציגע הענד, שפּאָטענדיג פון מיין אייפערזוכט — אויף וועמען בין איך אייפערזיכטיג? איך בין אייפערזיכטיג אויף א מאן וואס דוא קענסט איהם אזוי וועניג וויא איך. איך בין אייפערזיכטיג איבער דער עהרע פון מיין קאָמפּאניאָן, פון מיין פריינדין, פון מיין שוועסטער אונד פון מיין פרוי, וועלכע איך מוז אונד דארף ראטהען. נאָר זיא וויל מיך ניט פערשטעהן. דוא גיבסט מיר איין ענטפער — אך, קאטיא, פריינדין, איך שעהם מיך פאר מיר אליין אונד פאר דיר — איין אָפּפער"...

ער האט מעהר ניט געקענט רעדען. איך האב מיר געטראכט: „אזוי זיינען דיא מענער! איך האב גאר קיין אונרעכט בעגאנגען, אונד בייא איהם איז עס שוין רעכט איך זאָל פאלען אויף מיינע קניעס אונד איהם בעטען ער זאָל מיר מוחל זיין, ניין, סערגעי מיכאילאָוויטש, דאס וועל איך ניט טהון!"

„איך וועל פאר דיר גאר ניט אָפּפערן," האב איך דאן הויך געזאגט, שפּירענדיג, אז מיינע נאָז־לעכער האבען וויא געשפּריטצט מיט פייער אונד מיינע באקען האבען געברענט. „איך אָפּפער גאר ניט! איך וועל געהען אויף'ן באלל צו גרעפין וואראָנסקי."

„איך ווינש דיר א גוטען אונטערהאלט!" האט ער אויסגעשריען מיט שפּאָט. „אָבער צווישען אונז, קאטיא, האט זיך שוין אלעס געענדיגט. דוא זאָלסט מיך מעהר ניט מארטערן. איך בין געוועזען גענוג דום צו"...

אלעס זאָל זיין גאָר צוליעב דיעזען באלל. דאָ מוז ליעגען איין אנדערער הונד בע־
גראָבען. זאג מיר דעם אמת, וואס איז געשעהן?״

איך בין דאן געוועזן נייגיעריג צו זעהען וואס דער געכסטער מאָמענט וועט
ברענגען; וואס ער וועט מיר ענטפערן, וויא ער וועט מיך אָרום נעהמען, צודריקען
צו זיין ברוסט, מיך איבערבעטען אונד אלעס וועט ווידער גוט ווערען. אָבער איך
האב געהאט א גרויסען טעות. ער איז געבליעבען שטעהן אין מיטען ציטער אונד
מיר געקוקט גראד אין דיא אויגען.

„דוא פערשטעהסט מיך ניט?״ האט ער געפרעגט.

„ניין.״

„דאן, בעט איך דיך אום ענטשולדיגונג, ווען איך וועל דיר צום ערשטען מאָל
ערקלערען אָדער אויסשפרעכען אזעלכע געפיהלע פון מיין ברוסט, וועלכע איך
וואָלט צופריעדענער געוועזן זייא צו פערבאָרגען.״

זיינע ליפען האבען אָנגענומען דיא אַלט-בעקאנטע בלאסקייט אונד זיינע
אויגען האבען אונהיימליך געגלאנצט

„וואס מיינסטו?״ האב איך געפרעגט אויסברעכענד אין געוויין. ער איז
אָבער געשטאנען אויף זיין פלאטץ, אונד מיט א גרויסע אנשטרענגונג צו אונטער־
דריקען זיין צאָרן, האט ער אָנגעפאנגען:

„דאס מיין איך, קאטיא. איך ווינש ערשטענס, אז דוא זאָלסט דיך בע־
הערשען אויף א מאָמענט אונד מיך פערשטעהען. איך שטעל דיך זעלבסט פאר
א ריכטער, אונד איך וועל דיך פרעגען ווער עס האט רעכט. מען איז דיר געקומען
זאגען, אז דער פרינץ וויל דיך זעהען אויף׳ן באלל. ווארום? ווייל דיין שעהנער
קערפער געפעלט איהם! דוא קענסט דאך מיר ניט זאגען, אז דיין נייסט, דיין
האַרפזינן, האט איהם בעצויבערט, ווייל איהר האט נאך ביידע ניט געשפראָכען,
אונד ער האט דיך בלויז געזעהען. דוא ווידער, ביסט בערייט צו געהן ערפילכע׳
דעם וואונש פון א פרעמדען מאן, וועלכער בעוואונדערט דיין קערפער. דוא פער־
געסט ניט נאָר אן דיין מאן, זאָנדערן אן דעם זעלבסט-רעספעקט פון א פערנינפ־
טיגעם פרויענצימער. דיין מאן, וועלכער אכטעט פריהער דיך זעלבסט, אָהנע צו
דענקען אן דער קערפערליכער שעהנהייט; דיין מאן, וועלכער איז שטאָלץ אויף
דיר, וועלכער ליעבט דיך אלס פרוי, שעצט דיך אלס שוועסטער אונד אכטעט
דיך אלס קאָמפאניאָן, ליידעט דאדורך דיא גרעסטע מארטערניסע. דוא ווידער,
האסט דיך אזוי ווייט פערגעסען, אז דאס אלעס בעקימערט דיך ניט. דאן קומסטו
אונד ערקלערסט — מערק עס דיר גוט — דוא ערקלערסט, אז דוא ביסט בעריים

„און ווען פאָהרען מיר א חיים?״ האב איך איהם געפרעגט.

„נעכסטען מיטוואָך.“ איז געווען זיין אנטוואָרט.

ער האט זיך שנעל אויפגעהויבען אונד איז אריין אין זיין צימער, מיר ניט געבענדיג דיא געלעגענהייט צו רעדען ווייטער.

מיר זיינעןביידע געגאנגען אויף'ן באלל. פאר יעדען איינעם האט עס אויסגעזעהען, אז סערגעי מיכאילאָוויטש איז דערזעלבער ליעבענדער אונד צערטליכער מאן וויא פריהער, אָבער איך האב געוואוסט, אז דאס איז נאָר פאר דער וועלט.

איך בין געזעסען צווישען צווייא דאמען, ווען דער פרינץ האט זיך צו מיר דערנעהנטערט. לויט דיא געזעטצע פון עטיקעטע, האב איך מיך פאר איהם אויפגעהויבען. דערבייא האב איך בעמערקט מיין מאן, וועלכער האט דערזעהען דיא סצענע, אונד ער האט שנעל אָבגעווענדעט זיין געזיכט. מיין געוויסען האט מיך אין יענעם מאָמענט זעהר געפלאגט. איך האב מיך דערמאָהנט אן סערגעי מיכאַילאָוויטש'עס ווערטער, אז דעם פרינץ געפעלט מיין שעהנער קערפער. איך האב אויך בעמערקט וויא זיינע אויגען האבען געגלאנצט בליקענדיג אויף מיינע נאקעטע שולטער אונד האלב־נאקעטע ברוסטען. דאס בלוט פון שאנדע, האט אָנגעהויבען צו לויפען אין מיינע באקען. וואס ער האט מיך געפרעגט אונד וואס איך האב געענטפערט, קען איך מיך ניט עראינערן, נאָר איך געדענק, דאס ער האט בעמערקט מיין פערווירונג, אונד מיר צו־ווארפענדיג נאך א בליק וואס האט וויא דורכגענומען מיין גאנצען קערפער, האט ער זיך פערנייגט אונד איז אוועק. דאן האב איך מיך דערמאָהנט, אז פערנייגענדיג, האט ער געזאגט, דאס עס וועט איהם פרייען צו מאכען בעקאנטשאפט מיט מיין מאן.

שפעטער האב איך איהם געזעהן רעדענדיג מיט סערגעי'ן. דער פרינץ האט וואהרשיינליך עפעס געזאגט איבער מיר, דען ער האט געקוקט אהין וואו איך בין געשטאנען אונד געשמייכעלט. סערגעי'ס געזיכט איז וויא איבערגעגאָסען געוואָרען מיט בלוט אונד ער האט שנעל פערלאָזען דעם פרינץ.

דיא אלטע קאטיא איז פון מיר פערשוואונדען. איך בין געוואָרען א נייע פערזאָן. אנשטאט צו ז אבען פ לייד מיט סערגעי'ן, האב איך מיר געטראכט: „א שאנדע — איין אונערהערטע שאנדע! וואס וועט דער פרינץ דענקען איבער מיר וועהענדיג, אז איך האב אזא מאן? גאָט וויים וואס אלע געסט דענקען שוין איבער מיר“...

מעהר האט ער ניט געערדט. עס האט אויסגעזעהען, אז ער האט זיך וויא דערשראָקען פאר זיין איינענער שטימע, אונד ער האט באלד פערלאָזען דאס צימער. איך בין אויך אריין אין מיין צימער אונד אָנגעפאנגען צו וויינען. אָבער עס זיינען ניט געווען קיין טרערען פון חרטה, זאָנדערן פון שרעקליכען צאָרן אונד האס צו סערגעי מיכאילאָוויטש, דערפאר וואס ער האט מיך אזוי געקריינקט.

פארנאכט, אלס איך בין אריין אין שפייזע־זאאל, איז ער געזעסען אויף זיין געוועהנליכען שטוהל, אונד נעבען איהם איז געזעסען א געוויסער הערר אָ. איך האב מיך אויך געזעטצט נעבען זייא, אָבער איך האב פערשטאנען, אז צווישען מיר אונד מיין מאן געפינט זיך שוין אזא טיעפער זומפף, וואס ניט איך אונד ניט ער וועלען איהם קענען אריבער שפּרינגען. העררי אָ. האט געפרעגט סערגעי'ן ווען מיר בעאבזיכטיגען צו פערלאזען סט. פעטערסבורג, אונד סערגעי, אום מיר קיין צייט צו געבען, האט ער שנעל געענטפערט:

„נעכסטען מיטוואָך. מיר וועלען פריהער בעזוכען דעם באלל פון גרעפין וואָראָנסקי. דוא וועסט דיך דאָך זעהן פערטיג מאכען?“

דיא לעטצטע פראגע האט ער מיר געשטעלט, אונד איך האב געענטפערט ערשראָקען:

„יא, אזוי דענק איך.“

נאך'ן עסען, אלס העררי אָ. איז אוועק, איז סערגעי צוגעגאנגען צו מיר אונד מיר געגעבען זיין ארעם. געהענדיג איבער דעם זאלאָן, האט ער צו מיר געזאגט מיט א טרוקענער אונד קאלטער שטימע: „איך בעט דיך, ענטשולדיג מיר פאר דיא ווערטער וואס איך האב דיר היינט געזאגט.“

אויף מיין געזיכט האט זיך בעוויעזען א ציטערענדער שמייכעל אונד מיינע אויגען האבען זיך אָנגעפיללט מיט טרערען. אלס ער האט דאס געזעהען, האט ער שנעל צוריק געצויגען זיין האנד אונד האט זיך דאן געזעטצט אויף א שטוהל פון ווייטען, אויסצומיידען א טרערען־סצענע.

„איז דאס מעגליך,“ האב איך מיר געטראכט, „אז ער דענקט נאך אימער, אז ער האט געהאט רעכט?“ איך האב בעשלאָסען איהם אויפצופאָדערן ער זאָל מיר זאגען וואס ער וויל — גלייך וויא איך האב ניט געוואוסט — אונד מיך מיט איהם גוט אויסטענה'ען. אלס איך בין צו איהם צוגעקומען, האט ער שנעל געזאגט:

„איך מוז שרייבען צו מיין מוטער, אז אונזער צוריק קעהרען איז אָבגעלעגט געוואָרען. זיא וועט זאָנסט זיין זעהר אונרוהיג.“

ווען איך בין געזונד געווארען, איז ער געקומען מיך אבהאלען, אונד מיר האבען צוריק געקעהרט נאך ניקאלסקי.

אונזער לעבען איז דאן געפיהרט געווארען מאשין־מעסיג, אהן געפיהל. ער האט ערפילט יעדען וואונש מיינעם אונד איך האב דאסזעלבע געטהאן געגען איהם. פאר דער ארסענווועלט האט עס געקענט אויסזעהען, אז אונזער ליעבע איז נאך אימער דיעזעלבע וויא געוועזען. אבער יעדער פון אונז האט געהאט זיינע איינענע אינטערעסען. אין דערזעלבער צייט, האב איך געוואוסט, אז ער איז ניט אין גאנצען קיין פרעמדער צו מיר, זאנדערן, דאס ער איז איין עהרענהאפטער, ווירדינער מענש, וועלכען איך האב דאפיר געשעטצט אונד געאכטעט.

יעדענפאלס האב איך שוין עפעס אנדערש פון איהם ניט ערווארטעט; ער איז בלויז געוועזען מיין מאן, ניט מעהר, אונד אויף א וועקסלונג אין דעם צושטאנד, האב איך שוין ניט געהאפט. איבערהויפט האב איך מעהר ניט צייט געהאט פיעל נאכצודענקען.

ניקאלסקי איז געוועזען אונזער היימאטה, אבער איך בין זעלטען אימשטאנדע געוועזען צו פערבלייבען דארט אפילו א גאנצען מאנאט דורכאנאנד. איך האב שוין געוואוסט דעם וועג אין דיא בענאכבארטע שטעדט, אונד אהין, אויף בעלער, טהעאטער אונד אונטערהעלטע, האט מיך מיין הערץ געצויגען. כערגעי מיכאילאוויטש האט ערפילט מיין וואונש שטילשווייגענד אונד מיר געגעבען געלד אום צופריעדען צו שטעלען מיינע ווילדע שטרעבונגען.

אריסטאקראטישעס לעבען, לוקסוס, גלאנץ אונד פראכט, האבען אנגעפאנגען צו פערטויעטען דיא שטעלע אין מיין הערץ, וואו איך האב אמאל געטראגען דיא ליעבע צו מיין מאן אונד צו מיין שטילע הייסאטה. איך האב נאר קיין צייט ניט געהאט דעם גאנצען טאג אונד א היבשען טהייל פון דער נאכט: קליידער, מאדע, טהעאטער, בעלכער אונד ברילליאנטען, האבען מיך גאנץ געגנו בעשעפטיגט. דאס אלעס האט מיך ניט שטארק אמוזירט אונד אויך ניט געלאנגווייליגט: איך האב אלעס אקצעפטירט אלס א נויטהווענדינקייט — אזוי דארף עס זיין.

דרייא יאהר זיינען אזוי פערפלאסען, בלויז מיט צווייא וויכטיגע צוטרעפונגען: דער טויט פון מיין שוויגער־מוטער אונד דיא געבורט פון מיין ערשטעס קינד.

אנפאנגס איז דאס מוטער־געפיהל אין מיר אזוי שטארק געוועזען, דאס מיר האט זיך געדאכט, אז איך פאנג אן ווידער אמ[illegible]ן נייעס לעבען. אבער ווען איך האב מיך צוגעוועהנט צו דיעזען געפיהל אונד איך האב ווידער אנגעפאנגען צו קומען אין געזעלשאפט, האט שוין דאס ארסנעזעהען וואכעדיג.

איך מוז דאָ נאָך אמאל ערקלערען מיינע געדאנקען: דיא שאנדע וואס איך האב געמיינט, איז נאָר געווען, דאס מיין מאַן ווייסט זיך ניט וויא צו בענעהמען. דיא אידעע וויעדער, אז דאס קען מיינען, אז מיין מאַן איז איבער מיר אייפערזיכטיג דורך גוטע גרינדע, האט מיך ניט בעקימערט.

איך האב דאַן געהאט איין אונטעררעדונג מיט מיין קחינע אונד איהר דער־צעהלט פון דעם אויפטריט מיט מיין מאַן.

„ביסט נאָך גאר א נאריש קינד," האט זיא געזאגט לאכענדיג. „וואס דען ווילסטו, אלעס זאָל זיין אַזוי גלאַט וויא זייד? וואס פאַר א טעם האט דאס גוטע, ווען עס פאלט ניט אריין קיין ביטערקייט אין מיטען, אום מיר זאָלען קענען אונטער־שיידען? אזעלכע סצענען, מיין קינד, אונד נאָך ערגערע, קומען זעהר אָפט פאָר צווישען מאַן אונד ווייב, אונד מען בעט זיך נאכהער איבער."

B.

דיא אבריגע עטליכע טעג וואס מיר האבען פערבראכט אין סט. פעטערס־בורג, האבען מיך אונטערדעסען איבערצייגט, אז סערגעי מיכאילאָוויטש איז ניט דער מענש מיט וועמען עס איז לייכט זיך צו צוקריעגען אונד נאכהער זיך איבער־בעטען. ער האט אויסגעמיעדען צו בלייבען מיט מיר אליין אין הויז, דאמיט מיר זאָלען ניט דארפען רעדען איבער אונזער פערגאנגענהייט.

איך בין אַזוי קראנק געוואָרען מיט א טאג פריהער איידער מיר האבען בעד־דארפט אָברייזען, דאס ער האט זיך געזעהען געצוואונגען פאר מיר צו דינגען ספּעציעלע צוויא צימערן אין א פאָרשטאדט, וואו דיא ערצטע האבען מיך געקענט בעקוועמער בעהאנדלען. דאס האט אונטערדעסען געדויערט עטליכע טעג, אונד ווען איך האב מיך אָנגעפאנגען צו שפּירען בעסער, האט ער ערקלערט, אז ער מוז פאָהרען נאך ניקאָלסקי, אום צו בעזאָרגען זיינע געשעפטען אונד זעהען וואס זיין מוטער טהוט. איך האב איהם געבעטען ער זאָל מיך מיטנעהמען, אבער ער האט ניט געוואָלט, בעהויפטענדיג, אז מיין געזונדהייט ערלויבט עס ניט. איך בין זיכער געווען, אז ער האט עס דערפאר געטהאָן, ווייל ער האט ניט געוואָלט מיר זאָלען אַזוי ניך זיין צוזאמען אין אונזער אלטער הײמאטה, וואו מיר האבען אמאל צוגע־בראכט אונד געגאָסען אַזוי פיעלע גליקליכע מאָמענטען.

איך בין געווען זעהר טרויעריג אין זיין אבוועזענהייט, אונד דאס אונגליקליכע בילד האט אָנגעפאנגען יעדעס מאל מעהר אונד דייטליכער פאר מיר צו ער־שיינען.

האט מיר אויסגעזעהן אלט, איין אנדערער יונג; שעהנע ענגפענדער, לאנגוואנציגע פראנצויזען אונד בלאנדע דייטשען. שפעטער האט מיין אויפמערקזאמקייט צוגעצויגען איין איטאליענער מיט דעם נאמען מארסיז מיכאעלי, וועלכער האט אין זיך געהאט א שטאלצע האלטונג, טרוימערישע אבער גלענצענדע אויגען, א שעהנעס געזיכט אונד ער האט פערשטאנען אמבעסטען זיין בעוואונדערונג איבער מיין קערפער. ער האט קיין געלעגענהייט אויסגעפעהלט זיך מיט מיר צו בעגעגענען, טאנצען מיט מיר, אויספאהרען אויף א דראשקע אין דיא קאפע-הייזער, אונד ער איז קיינמאל נים מיעד געווארען מיר צו דערצעהלען, אז איך בין בעצויבערענד.

מעהרערע מאל האב איך איהם געקענט זעהען דורך מיין פענסטער שפא-צירענדיג ארום הויז, אונד דער בליס פון זיינע שעהנע אויגען איז געהאנגען בייא דיעזען פענסטער וואו איך בין געשטאנען. איך האב געשפירט, אז איך ווער אנגע-צונדען אין געזיכט אונד איך האב מיך אבגעווענדעט.

ער איז געוועזען יונג, שעהן אונד עלעגאנט; ער האט געהאט א מערקווירדיגע עהנליכקייט צו מיין מאן, אבער בעדייטענד איננער. הויפטזעכליך אבער, איז זיין שטערן אונד שמייכעל געוועזען אזוי עהנליך, דאס זייא בעמערקענדיג, האב איך מיך דערמאהנט אן יענע גליקליכע צייטען, ווען סערגעי מיכאילאוויטש איז בייא מיר געוועזען אלעס אין דער וועלט.

נאך איין זאך האט מיך שטארק אויפמערקזאם געמאכט. אנשטאט דיא עדעלע אונד עהרליכע געזיכטס-ציגע פון מיין מאן, האב איך געלעזען אין דעם איטאליענער׳ס מיענעס, עפעס גראבעס, בעסטיאלישעס אונד אויפרעגענדעס. טראטץ דעם אבער, פלעגט ער מיך גראדע מיט דיעזע מיענעס נאך מעהר בע-צויבערן.

מיר האט זיך צייטענווייז געדאכט, אז איך האב מורא פאר איהם, אבוואהל איך האב עס מיר דייטליך נים געקענט ערקלערען פון וואס פאר איין אורזאכע דאס שטאמט.

סערגעי מיכאילאוויטש ווידער, נאכדעם ער האט זיך מיט איהם בעקאנט, האט ער זיך מיט איהם מעהר אונטערהאלטען, וויא מיט אירגענד איין אנדערן. אונטערדעסען אבער, האב איך בעמערקט צווייא אינטערעסאנטע זאכען: ערשטענס האט איהם דער איטאליענער נים מעהר וויא בעטראכט אלס דער מאן פון דער פרוי וואס ער בעוואונדערט, אונד, צווייטענס, סערגעי מיכאילאוויטש זעלבסט, האט אויסגעזעהען צו וויסען וואס פאר א ראלע ער שפיעלט בייא דעם מארקיז.

פיר מיין מאַן אָבער, האָט דיא נעבורט פון אונזער קינד אויסגעזעהן איהם צו נעבען א נייעס לעבען. ער איז נאך אמאל נעוואָרען צערטליך, ליעב געהאַט דיא היימאַטה וויא אין אַלטע צייט'ן, אונד שטונדען־לאַנג האָט ער זיך געשפּיעלט מיט זיין איינציגע זאנענדיג דערביי זאנגערע מונטערע וויטצען.

אָפטמאָל, ווען איך בין אריין אין דער אמע'ס צימער צו זאגען מיין קינד „גוטע נאכט,‟ האב איך דאַרט געטראָפען מיין מאַן, מיר צו וואַרפענדיג א פאַר־וואורפס־בליק, וועלכער האט ארויס נערופען שאַנדע פאַר מיר אליין, איך האב מיר ניט נאָר איינמאָל דערשראָקען פאַר מיינע אייגענע געפיהלע, בעמערקענדיג דיא גלייכגילטיגקייט וואָס איך האב געשפּירט צו מיין קינד, אונד איך האב מיך גע־פרעגט, אויב איך בין פערשיעדען פון אנדערע פרויען.

יאָ, איך האב געליעבט מיין קינד, אָבער צו זיטצען נעבען איהם אונד זיך מיט איהם אָבגעבען שט'נדען־לאַנג, האב איך ניט געקענט.

מיין שווינער־מוטער'ס טויט, איז געווען א שטאַרקער קלאַפּ פיר מיין מאַן. איך האב מיט איהם זעהר סימפּאַטהיזירט אונד עס האט מיר אויך צייטענווייז נאך איהר באַנג געטהאָן. אָבער, דעם אמת זאגענדיג, האט עס מיך מעהרערע מאָל געפרייט וואָס זיא איז ניט געווען איך זאָל זעהען איהרע קאַפּריזנע פיהרונגען.

צום דריטען יאָהר, נאך אונזער רייזע נאך סט. פּעטערסבורג, זיינען מיר גע־פאָהרען נאך באַדען־באַדען (דייטשלאַנד) אום דאָרט צו פערברענגען דעם זומער. נאַטירליך האב איך געמאַכט דעם פאָרשלאַג אהין צו פאָהרען אונד מיין מאַן האט מיר קיינמאָל ניט ענטזאַגט.

איך בין דאַמאָלס אלט געווען 21 יאָהר; מיין געזונדהייט איז געווען פּאָלקאָמען; מיינע קליידער זעהר רייך אונד עלעגאַנט; איך אליין שעהן אונד בליהענד; דאַס וועטער, הערליך, אונד, איך בין געווען גליקליך!

דאַס בין איך מורה, אז עס איז ניט געווען אזא הייליגעס גליק פון וועלכען איך האב געגאָסען דיא ערשטע פּאַאר מאָנאַט נאך מיין האָבצייט אין ניקאָלסקי, אָבער, דעננאָך, איז דאַס אויך געווען גליק, אין איין אנדערע פאָרמע. איך האב פאַר גאָר ניט קיין מורא געהאַט, אויף גאָר ניט געהאָפט, אונד עס האט מיר אויסגעזעהן, אז דער בעכער פון מיין גליק איז פולל ביז צום ראַנד, אונד מיין געוויסען איז געווען אונבעטריעבט.

אונטער דיא פערשיעדענע צאָהלרייכע בעזוכער אין באַדען־באַדען, איז דאַן כמעט קיינער ניט געווען וואָס זאָל ווערטה זיין מען זאָל איהם שענקען עפּעס אויפ־מערקזאַמקייט. אַלעס וואָס איך האב געקענט ענטשיידען איז געווען, דאַס מאַנבער

קראנק געוואָרען, דאמיט איך זאָל ניט דארפען קומען אין געזעלשאפט אום צו זעהן ווי מיין געגנערין טריומפירט.

מיין געגנערין! ניין, ניין! איך האב מיר דיא פראגע ניט געשטעלט ווי אזוי זיא איז מיין געגנערין אונד ווארום. איך האב בלויז געוואוסט, אז איך האס זאָגאר דעם באָדען וואו איהרע קליינע פיסלעך האבען געטרעטען.

אייפערזיכטיג? יא, איך בין געוועזן אייפערזיכטיג אויף אלע מענער, אונד, עס איז קיין צווייפעל, אז איך האב געוואָלט, דאס אלע זאָלען מיך ליעבען.

אונד איך? יא, איך בין געוועזן ענטשלאָסען אירגענד א פרייז צו געבען פאר דיעזער ליעבע!

קענט איהר זיך א בעגריף מאכען פון מיין דאמאליגען צושטאנד! דאס איז דער פונקט וואס א פרוי גרייכט, ווען מען קען עס אָנרופען דיא ניעדריגסטע שטופע פון אונפערשעהמטהייט.

עס איז אפילו ניט מעהר געוועזן ווי א זינד אין מיינע געדאנקען, אָבער איך קען ניט בעגרייפען מיט וואס מיין פערברעכען איז דאדורך קלענער געוועזן.

אין מיינע געדאנקען? ניין, ניין! איך בין געוועזן ניעדריג, ווי דער איינ־פאכער אויסדרוק קען שילדערן. נאָר דיא געלעגענהייט האט מיך צוריק געהאלטען פון מאכען דעם שריט, וועלכער פיהרט אריבער פון דעם געדאנקען־וועג צו דעם טהאטען־שטעג.

מען זאגט, אז מענער זיינען געמיין אונד פערדאָרבען, אָדער, ווי אנדערע בעהויפטען, אונפערשעהמט. מיר דאכט, אז דיעזער אורטהייל איז ניט אין גאנצען ריכטיג. ווען מענער וואָלטען ווירקליך אזוי געוועזן ווי מען מאָלט זייא, וואָלטען אזעלכע פרויען ניט אימשטאנדע געוועזן פיעל אויסצוהאלטען אויף דעם גע־דאנקען־וועג.

צאהלרייכע מאָל האב איך מיר פאָרגעשטעלט אין מיין פאנטאזיע דיעזען מאַן, יענעם מאַן, א דריטען מאַן, אונד זיטצענדיג אויף מיין ווייכען שטוהל אָדער ליעגענדיג אין מיין בעט, האב איך בעגאנגען פערברעכען געגען מיין געוויסען, געגען מיין מאַן, געגען מענשליכע מאָראל, אונד... אָבער מיר וועלען צוריק קעהרען צו דער האנדלונגס־סצענע.

אין א טאָג איז ליידי ספעלטאן אונד פיעלע בעגלייטער אוועק אויף דער יאגד. איך האב גערופען מיין פריינדין ליאָנא מאריושקא, מיר זאָלען אביסעל אויספאהרען. אלס דיא דראָשקע איז ארויף לאנגזאם אויף א בארג אין שאטען

מיט א קורצער צייט פריהער, איידער דער סעזאָן האט זיך געענדיגט, בין איך קראנק געוואָרען אונד בין אבגעלעגען נאנצע 14 טעג אין בעט. זאָ שנעל אבער וויא איך האב מיך ערהאָלט אונד אנגעפאנגען צו בעזוכען א קאפעע־הויז, האב איך ערפאהרען, אז לידי ספעלטאָן, איין ענגלישע אדעל־דאמע, בעריהמט דורך איהר שעהנהייט, איז אָנגעקומען.

עס האבען ניט געפעהלט קיין קאוואלירען ארום מיר מיך צו בעשיטען מיט קאָמפלימענטען פון אלע זייטען, אבער לידי ספעלטאָן, האט געהאט נאך מעהר בעוואונדערער. מיר האבען אויסגעזעהן וויא צוויא מיטעלפונקטען פון געשמאק פיר דיא מענער; איין פארטייא האט געזוכט צו איבערטרעפען דיא צווייטע מיט דער שילדערונג פון מיין שעהנהייט אונד ליעבליכקייט, וויא אויך מיט דיעזער פון לידי ספעלטאָן.

אויף איינמאל האב איך אָנגעפאנגען צו שפירען א גרויסע ערנערניס אונד פערדרוס. אלעס וואס עס איז מיר פריהער ערשיענען מונטער אונד פרעהליך, האט מיר אויסגעזעהן טרויעריג אונד אָבגעשמאקט.

מיין געגנערין איז געווען, אָהנע צווייפעל, א בעריהמטע שעהנהייט, אונד ווען איך האב זיא ערבליקט צום ערשטען מאל, האב איך געשפירט אזא אייפערזיכטיגען שטויס אין מיין הערץ, אז איך בין בערייט געווען איינצודריקען מיינע פינגער אונד צערשטערען איהר שעהנעס געזיכט.

אין א פריה־מאָרגען האט לידי ספעלטאָן בעשטעלט דיא גרויסע מחנה מענער, וויא אויך אייניגע פרויען, מיט איהר אויסצופאָהרען. איך בין אפילו אויך געווען געלאדען, אָבער איך בין ניט געגאנגען. איך בין צוריק געבליעבען אין האָטעל, איינזאם, פערלאָזען אונד טרויעריג.

איך האב געשפירט, אז איך וויל וויינען אונד דער ברענענדער וואונש איז אין מיר ענטשטאנדען, צוריק צו קעהרען נאך רוסלאַנד.

אָבער פלוצלינג — וואס איז דאס? א געפיהל האט זיך אין מיר ערוועקט וואס האט מיך געדרונגען אונד געטריעבען, איך זאָל טהון אלעס מעגליכע, אום צו געווינען אויף מיין זייט אירגענד יעמאנדען, פיר אירגענד א פרייז, אבי מען זאָל זאגען איך בין דיא שענסטע אונד...

איך האב מיך דערשראָקען פאר דיעזע געדאנקען.

נעקריינקט אונד געערגערט, אונרוהיג אונד וויטהענד, האב איך מיך צוריק געצוינען אויף א פאאר טעג אין האָטעל אונד האב בעהויפטעט, אז איך בין ווידער

גזעלשאפט אתר זוכט ניט צו קעמפפען געגען ליידי ספעלטאָן מיט איהר שעהנ־הייט. זיא וואָלט נאך קלינער געטהאָן, ווען זיא זאָל אין גאנצען פון דאנען אוועק פאָהרען.״

„ווען זיא פאָהרט, פאָהר איך אויך,״ האב איך געהערט דעם איטאליענער׳ס שטימע, אונד מיין בלוט האט אויפגעקאָכט.

„איהר זייט א גליקליכער שטערבליכער,״ האט דער פראנצויז בעמערקט לאַ־בענדיג, „ווען איהר זייט נאך אימשטאנדע צו ליעבען.״

„ליעבען!״ האט דער איטאליענער אויסגערופען, „זאָלאנג דאס בלוט איז נאך אין מירווארעם, וועל איך ניט אויפהערען צו ליעבען. אונד, ווען מיינע ערפאהרענע אויגען האבען יעטצט קיין אירטהום, דאן איז דער געגענווערטיגער ראָמאן ערפאָלגרייך אָנגעפאנגען. איך וועל איהם אויך ענדיגען, ווייל איך ענדיג אימער מיינע ליעבעס־ראָמאנען.״

„בראוואָ!״ האט דער פראנצויז אויסגעשריען, „איך ווינש אייך גליק אונד א גוטען ערפאָלג!״

מעהר האב איך ניט געהערט, ווייל זייא זיינען אוועק. אין א קורצער צייט אָבער, האבען זייערע טריט וויעדער אָבגעקלונגען אויף א שטיינערנעם וועג פון דער אנדערער זייט. עס האט ניט פיעל געדויערט אונד זייא זיינען ערשיענען ניט ווייט פון אונז. אַלס זייא האבען ערבליקט מיך מיט מיין בעגלייטערין, האבען זייא אויס־געדריקט דאס גרעסטע ערשטוינען.

ווען איך האב דערזעהן דעם מארקיז, האב איך געשפירט דאס בלוט לויפענדיג אין מיינע באקען. ער איז צו מיר צוגעגאנגען, מיר אָנגעבאָטען זיין ארעם, וועלכען איך האב גענומען, ניט וויסענדיג וואס איך טהו. מיין הערץ האט מיר שטארק געקלאָפט אונד מיינע פיס האבען געציטערט. דאן האב איך געשפירט א שוידער לויפענדיג איבער מיין לייב.

האט ער געוואוסט, אז איך האב איהם געהערט רעדען? דאס האב איך מיר ניט געקענט ערקלערען, אונד אָבוואָהל דאס וואָלט אין אנדערע דאמע, אויף מיין שטעלע, מיט אנדערע געדאנקען, שטארק בעליידיגט, האט זיך מיר געדאכט, אז ער האט גאר קיין שלעכטס איבער מיר געזאגט. אין געגענטהייל, איך האב גאר געשפירט עפעס א מורא׳דיגע אונד פערברעכערישע פרייד וויסענדיג, אז איך בין אַזוי נאהענט פון זיין קערפער.

איך האב אונטערדרעסען צו איהם ניט געקוקט אונד אויך ניט געהערט וואס ער האט גערעדט. איין זאך האב איך יא אין זינען געהאט, אונד דאס איז געווען

פון דיא הונדערט-יעהריגע קאסטאניען־בוימער, האב איך ערבליקט א שעהנעס שטיק גרינעס פעלד בעדעקט מיט דיא גאָלדענע שטראהלען פון דער אונטער־ געהענדע זונן. איך אונד מאריושקא, האבען געשפּראָכען אונד דעבּאטירט איבער פערשיעדענעס, אָבער קיין זאך האט מיך אינטערעסירט.

מיר האבען גערעדט פון אונזערע קינדער, פון אונזער היימאטה אונד נאך זאכען, אָדער קליינינקייטען, וויא זייא האבען מיר דאמאלס אויסגעזעהן.

מיר זיינען אונטערדעסען אויסשטיעגען, ארויף אויף דעם שעהנעם שטיק פעלד אונד שפּאַצירט לאנגזאם אונטער דעם קיהלען שאטען פון דיא הויכע בוימער. דאן האבען מיר זיך אוועק געזעטצט אונד אין עטליכע מינוטען ארום, האבען מיר געהערט שטימען, וועלכע זיינען יעדעס מאל דייטליכער געווארען.

פּלוצלינג האב איך דערהערט מיין נאמען. איך האב אויפגעציטערט אונד בין געוואָרען זעהר נייגיעריג צו הערען יעדעס וואָרט.

דיא פּערזאָנען וואס האבען געשפּראָכען, איז געוועזען דער מארקיז מיכאעלי, אונד זיין בעסטער פריינד, א פראנצויז.

דיא אנוועזענהייט פון דעם מארקיז, אזוי נאהטנט, האט מיך שרעקליך אויפּ־ גערעגט, אונד דיא פערברעכערישע געדאנקען, האבען אָנגעפאנגען צו קומען אלץ שנעלער אונד שנעלער אין מיין קאָפּ.

דער פראנצויז, אין א הויכער אונד מונטערער שטימע, האט מיך פערגלייכט מיט ליידי ספּעלטאָן אונד געשטודירט דיא פערשיעדענע אנציהונגען פון אונזביידע. ער האט מיך אפילו ניט בעליידיגט, אָבער מיין געהירן האט אויסגעזעהען, וויא אין א העללישעס פייער, ווען ער האט אָנגעפאנגען, קאלטבלוטיג, אויסצורעכענען וואס פאַר א חסרונות עס געפינען זיך אין מיין שעהנהייט.

„זיא,‟ מיך מיינענדיג, האט דער פראנצויז פאָרטגעזעטצט, „האט שוין גע־ האט א קינד, אונד דאס, וויא געוועהנליך, פערדערבט פיעל דיא פאָרמע פון דעם קערפּער, כל־זמן מיר רעדען פון פאָלקאָמענהייט. ווערהענד ליידי ספּעלטאָן האט נאך קיינע קינדער געהאט אונד איז בלויז אלט 19 יאהר. אויסער דעם, האט ליידי ספּעלטאָן וואהרעס קעניגליכעס בלוט אין איהרע אָדערן, ווערהענד „זיא,‟ אלץ מיינענדיג מיך, „איז איינע פון דיעזע אונצעהליגע רוסישע אדעל־פאמיליען, וועלכע זיינען במבע זעהר גראָב.‟

דאן האט ער בעמערקט:

„דיא איז אָבער קיין נאר ניט, דערמיט וואס זיא האט זיך צוריק געצויגען פון

איך האב מיך געזעטצט אויף'ן גראָז.

מארושקא איז אוועק ווייטער פאָראויס מיט איהר בעגלייטער.

ער האט זיך אָנגעבויגען אויף זיינע קניען אונד זיך אָנגעלעהנט איבער מיר אָבצוטשעפּען מיין קלייד. אָבער ער האט אבזיכטליך נאך מעהר פערדרייט, אום מיר זאָלען ביידע בלייבען אין אזא פּאָזיציאָן.

איבער מיר האט אָנגעפאנגען צו קומען א בעטייבונג. עס האט מיר אויסגעזעהען גראדע וויא איך וואָלט געטרונקען א סך שאמפּאניער אונד יעדעס גליעד האט זיך ענטזאגט מיר צו דיענען.

צווייא מאל אין מיין לעבען האב איך שוין געהאט איין עהנליכע ערפאהרונג פון שאמפּאניער; איינמאל אין סט. פּעטערסבורג, נאך דעם באלל ווען איך האב בעגעגענט דעם פּרינץ, אונד צום צווייטען מאל אין באַדען-באַדען איידער איך בין קראנק געוואָרען.

אָבער דיעזע בעטייבונג אונטער דעם בוים, איז געוועזען אביסעל פערשיעדען פון יענער. מיין הערץ האט שטארק געקלאפּט, אונד מיין גאנצער קערפּער איז געוועזען וויא אין א פיעבער.

דאן האב איך ערבליקט זיינע שווארצע אויגען, וועלכע האבען געפלאקערט מיט אויפרעגונג. ער האט אָנגעכאפּט מיין נאקעטען ארעם מיט זיינע ביידע הענד, אונד דאס פיעבער אין מיין קערפּער האט געשטיגען.

ער האט עפּעס געשטאמעלט, וואס איך האב ניט גענוי פערשטאנען. אָבער איך האב מיר געמערקט, אז ער מיינט דערמיט צו זאגען, אז ער ליעבט מיך, דאס איך בין אלעס אין דער וועלט פיר איהם.

פאר מיינע אויגען האט עס אָנגעהויבען צו שווינדלען, דאן האב איך בעמערקט פונקען, אונד איך האב געציטערט. עפּעס האב איך געוואָלט זאגען, פּראָטעסטירען געגען זיין בענעהמונג, וועלכע האט מיך האלב וועגס צוריק גערופען צו מיינע פליכטען, אָבער מיינע ווערטער זיינען אָבגעשטאָרבען אויף מיינע ליפּען.

דאן האב איך געשפּירט זיין ווארעמען הויך אויף מיין מויל; זיינע הענד האבען מיך פעסט צוזאמען געדריקט — אָבער איך בין ניט אימשטאנדע געוועזען מיך צו בעווענען, ווען איך וואָלט אפילו וועלען עפּעס טהון.

אימער דונקלער, אימער פינסטערער, אימער רוישענדער, קאָכענדער אונד ווייטהענדער איז ער געוואָרען. דאן האבען זיינע ליפּען זיך טיעף איינגעגראָבען

דעם פראנצויז, וועלכער איז נעגאנגנען פאראויס מיט ליאנא מאריושקא, אונד איך בין געוועזן שטארק בעז אויף איהם דערפאר וואס ער האט אזוי קריטיקירט מיין קערפער.

„מיין קערפער!“ האב איך מיר געטראכט, „דוא נארישער פראנצויז! מיין קערפער איז דיעזער פון א רוססין, וועלכער האט אין זיך גענוג פייער אום צו צער־שמעלצען אפילו דאס אייז פון סיביר!“

דער מארקיז האט דערווייל בעמערקט, אז דיא לאנדשאפט איז זעהר שעהן, דיא בוימער הערליך, דיא לופט אנגענעהם אונד דיא לעטצטע שטראהלען פון דער זונן לאזען צוריק לאנגע גאלדענע פאסען איבער דיא בערג. דאן, אז עס פרייט איהם מיך צו זעהן, אונד נאך עפעס וואס איך קען מיך געווי ניט ערא־נערן, ווייל דאס האט מיך ניט פיעל אינטערעסירט.

פלוצלינג זיינען ערשיענען בייא מיר געדאנקען איבער מיין מאן, איבער מיין קינד אין רוסלאנד! איך האב אנגעהויבען צו שפירען א ברענענדען וואונש פיר שטילער איינזאמקייט, פיר הייליגעם גליק... אבער דיעזע געדאנקען זיינען באלד אוועק וויא א רויך, אונד אנשטאט זייא האב איך דערשפירט דעם העפטיגען דרוק אויף מיין ארעם פון דעם יונגען מארקיז.

דאן האט ער אנגעהויבען מיר צו דערצעהלען, דאס ער האט פון מיר גע־טרוימט, דאס מיין בלאסקייט גיבט נאך מעהר שעהנהייט צו מיין געזיכט — דאס האט מיך ניט נאר געפריימ, זאנדערן איך האב מיך געשפירט פערפליכטעט צו איהם דאפיר וואס ער איז אזוי גוט מיך צו שמייכלען.

אין דערזעלבער צייט, זיינען מיר אויסגעקומען נעבען א בוים, אונד, זייענדיג פערטראכט איינער מיט דעם צווייטען, האב איך מיך אנגעשטויסען אן א ניעדריגען וואָרצעל, פון וועלכען איך בין שיער געפאלען. דערווייל האט זיך פערטשעפעט מיין קלייד אן א קנאפ פון זיין ראק.

„אך!“ האב איך אויסגעשריען, אונד מיך שפירענדיג אביסל ענטקרעפטעט פון דעם גאנג, פון דער אויפרעגונג אונד פון דיא פערשיעדענע געדאנקען, האב איך מיך אנגעלעהנט אן דעם בוים, ווארטענדיג ער זאל אבטשעפען מיין קלייד.

זיין האנד האט בעריהרט מיין נאקעטען ארעם, אונד גראדע וויא איין עלעקטרישע קראפט, האט דיעזע בעריהרונג דורכגעשאסען איבער מיין גאנצען קערפער.

געפרענט, נאָר איך האב גאר נים געענטפערט, ביז איך בין צונעקומען צו דער דראָשקע, וואו מיר האבען זיך איפגעזעצט אונד אוועק געפאָהרען.

פאָהרענדיג האב איך אָנגעפאנגען איבערצוקלערען אלעס וואס עס איז גע־שעהן. מיין נעגענוואַרט איז מיר ערשיענען טרויעריג, מיין צוקונפט פינסטער, אונד אויף מיין באק האב איך וויא געשפירט א ברענענדעס פייער פון דעם מארקיז׳עס ליפען, אונד מיר האט זיך געדאכט, אז איך בין אויף אייביג געבראנדמארקט גע־וואָרען מיט שאנדע.

אלס איך האב נענרייכט דעם האָטעל, בין איך זאָפאָרט צוגעלאָפען צום שפיעגעל, אום נאכצוזעהען, אויב מיין באק האט אויף זיך דעם צייכען פון שאנדע. מיינע אויגען האבען איהם נים געזעהען, אָבער איך האב איהם דעננאך געפיהלט.

דאן האב איך מיך צוריק געצויגען אין מיין צימער אונד א פיינליכע איינ־זאמקייט האט מיך געמאַרטערט. דער קעלנער האט מיר אריין געבראכט טהעע, אָבער יעדער שלוק האט אויסגעזעהן מיך צו שטיקען אונד ווערגען.

אָהנע צו וויסען וואס איך טהו, בין איך אויפגעשפרונגען, אונד אָנגעפאנגען איינצופאקען מיינע זאכען.

„וואוהין?“ האב איך מיך געפרעגט.

„צו מיין מאן אין היידעלבערג,“ האב איך מיר זעלבסט געענטפערט. סערגעי מיכאילאָוויטש איז געווען אין היידעלבערג זייט דיא לעטצטע עטליכע טעג.

„צו מיין מאן?“ האב איך מיך נאך אמאל געפרעגט אונד בין געבליעבען שטעהען וויא פערשטיינערט.

„מיין מאן? יא, ער איז נעוועזן מיין מאן, נאָר ער איז עס ניט מעהר! יעטצט טראג איך אויף מיר קין׳ס צייכען פון שאנדע — א שאנדע וואס איז גראדע וויא קין׳ס ברודער־מאָרד, אונד פאר מיין מאן דארף איך מיך מעהר ניט ווייזען.“

דיא טרערען זיינען נעקומען אונד איך האב העפטיג געוויינט. אָבער דאס האט מיך בערוהיגט. איך האב דערזעהן מיין קאמער־מעדכען אונד זיא האט ער־האלטען דעם אויפטראג, אלעס זאָל אוועק געפיהרט ווערען צו דער באַהן אום אבצורייזען נאך היידעלבערג.

זיטצענדיג אין וואגאָן, איז פאר מיר ערשיענען דיא גאנצע פערגאנגענהייט וויא איין אָפענעס בוך, טרויער, שרעק, שוידער אונד חרטה האבען וויא מיט דער־היטצטע שפיזען נעברענט אונד געשטאָכען מיין הערץ.

אין מיין ברענענדער באק, וואו ער האט אבגעפרעסט א ליידענשאפטליכען קוש.

איין אהנמאכט פון בערווישונג האט מיך בעפאלען, אונד איך האב פערגעסען אן דער גאנצער וועלט.

איך האב פלוצלינג בעמערקט דיין שמערץ, וועלכער איז געוועזען זעהר עהנליך צו דיעזען פון מיין מאן; זיין שעהנע נאז, דיא לאנגע געקרייזעלטע וואנצעס, זיינע גלאטע באקען, זיין ברוגעטען האלז, אונד איך האב געשפירט דאס פייער פון ליידענשאפט ברענגען אין זיין קערפער.

„איך ליעב אייך,“ האט ער געמורמעלט וויא א שיכור אונד איך בין געלעגען אטהעמלאז.

וויא פון א דונקלען אונד שווארצען זומפף האבען אנגעפאנגען צו ערשיינען געזיכטער. פריהער האב איך דערקענט דאס ערנסט, דענקענדע אונד טרויעריגע געזיכט פון סערגעי מיכאילאוויטש, אונד דאן, האב איך דערזעהן דאס געזיכט פון מיין קינד, אויף וועלכען׳ס ליפעלעך עס האט זיך אבגעשפיעלט א שמייכעלע.

עס איז געוועזען גראדע וויא אין דער שטונדע פון דער העכסטער געפאהר, אדער פאר דעם טויט, ווען דיא עראינערונגען פון דיא טהייערסטע אונד גע־ליעבטעסטע קומען אונד שוועבען ארום־אונד־ארום.

אבער דיא אויפרעגונג אין מיין קערפער איז געוועזען שטארקער פון אלעס אונד איך האב מיך געפיהלט מאכטלאז אונטער דעם איינפלוס פון דעם מארקיז. דאן איז ווידער געווארען אלעס דונקעל אונד שטיל. מיין ברוסט האט געשטורמט, מיין בלוט האט געקאכט, מיין אטהעם האט זיך בעגעגענט מיט זיין אטהעם אונד...

דיא שטימע פון ליאנא מאריושקא האט אויסגעקלונגען פון גאנץ וויים. זיא האט מיך גערופען. ריעזע שטימע האט מיך שנעל געבראכט צו מיין בע־זינונג.

וויא א פערוואונדעטע טיגערין האב איך מיך אנגעפאנגען צו ראנגלען, ביז איך האב מיך אויסגעריסען, אויפגעשפרונגען אויף מיינע פיס, אונד אהנע צו רעדען א ווארט אדער צוריק ווארפען א בליק, האב איך געאיילט פארווערטס, ביז איך האב נעגרייכט מאריושקא׳ן.

עס איז געוועזען דונקעל, זאנסט וואלט זיא זעהר פיעל געקענט לעזען אויף מיין געזיכט. אנגעהמענדיג מאריושקא׳ן בייא איהר ארעם, מיך צו שטיטצען אונד ענטלויפען, האבען מיר געאיילט דעם בארג ארונטער. זיא האט מיך עפעס

דערצעהלען וואס עס האט פאסירט, אפילו קיין וואונק נעבען דאריבער. איך האב געשפירט, אז פון סערגעי מיכאילאָוויטש'ן קען איך מיך שוין מעהר ניט אבטהיילען, אונד, איך האב בעשלאָסען, אז עס איז נאך ניט אזוי שלעכט צו האבען פערדאבט וויא צו וויסען פון פאקטען. מיט דער קונסט פון פערשטעלען זיך, וואס מיר פרויען פערשטעהן מאנכע מאל אזוי גוט, האב איך געענטפערט:

„עס האט גאר ניט פאסירט; אָבער איך קען שוין מעהר ניט ערטראגען דיא איינזאמקייט אונד דיעזע ארט לעבען. איך האב אויך בעגריפען, אז איך האב געגען דיר זעהר אונגערעכט געהאנדעלט, דאמיט וואס איך האב דיך געצוואונגען צוליעב מיר צו פיהרען אזא לעבען, וואס דוא פעראכטעסט."

איך האב מיך צו וויינט אונד דאן, בליפענדיג, האב איך געזאגט:

„סערגעי, מיין לעבען, לאָמיר צוריק פאָהרען נאך ניקאָלסקי אונד דאָרט פערבלייבען אויף אימער אונד אייביג."

א שמייכעלע פון פעראכטונג, טרויער, שפאָט אונד בעדויערן האט זיך אָב־געשפיגעלט אויף זיינע ליפען. ער האט זיך לאנגזאם געזעטצט אויף זיין שטוהל אונד עטוואס אָבווענדענדיג זיין בליק, האט ער געזאגט מיט אזא קאלטקייט, וואס האט וויא דורכגעשניטען מיין לייב:

„איך בעט דיך, מיין פריינדין, ערשפאר מיר דיא אנשטרענגונג פון איין אויפרעגענדע סצענע. איך וויל ניט וויסען פון קיין אורזאכען אונד שמייכלערייען; דיא הויפטזאכע איז, אז דורך אירגענד איין אורזאכע וואס איז מיר אונבעקאנט אָדער וואס איך דארף ניט וויסען, ווילסטו אהיים פאָהרען. איך בין צופריעדען. אָבער, פריינדין, דוא מוזט האבען געדולד. באדען־באדען האט שוין מיין לעטצטעס ביסעל געלד פערשפענדעט אום דיין וואונש נאכצוקומען. מיר מוזען אלזאָ פריהער עטוואס ווארטען ביז איך וועל קריעגען געלד, דאן, דער אויסדרוק „אויף אימער אונד אייביג" צו פערבלייבען אין ניקאָלסקי איז זעהר איבעראיילט אויסגעשפראָכען. איך גלויב ניט, אז דוא וועסט קענען האלטען וואָרט. דאָן, רעכען איך, איז דאס איבערהויפט ניט נעטהיג, ווייל ניקאָלסקי זאָגאר, קען שוין מעהר ניט אויפפרישען בלומען וואס זיינען שוין טויט זייט יאָהרען. יעדענפאלס אָבער, לאָמיר זיך ניט בעאונרוהיגען, איך זעה, אז דוא ביסט עפעס ניט מיט אלעמען. איך וועל שאפען טהעע אונד מיר וועלען טרינקען צוזאמען."

ער האט זיך אויפגעהויבען אונד געגאנגען זעהן דעם קעלנער. זיינע ווערטער האבען מיך שרעקליך געמארטערט אונד איך האב אויסגעבראָכען אין א ביטערעס געוויין.

„ניין, ניין!“ האב איך מיר געטראכט, „ניט איך בין שולדיג, זאנדערן ער, מיין מאן, איז שולדיג! ער האט מיך ניט בעדארפט לאזען אליין; ניין! א מאן דארף זיין פרוי ניט געבען אזוי פיעל פרייהייט; ער דארף איהר ניט צופיעל טרויען; זיין נעגענווארט איז איהר שוטץ! אה גאט! וויא שרעקליך דאס איז! דער קוש פון דעם וויסטלינג, פון דעם שופט, דיעזער ברענט אויף מיין באק“...

וואס געהנטער דיא באהן איז געקומען נאך היידעלבערג, אלץ גרעסער איז געווארען מיין חרטה אונד אלץ דייטליכער איז פאר מיר ערשיענען דיא עדעלקייט פון סערגעי מיכאילאוויטש.

„יא,“ האב איך צו מיר געמורמעלט, „איך וועל פאר איהם אלעס מודה זיין — אלעס! זאל ער מיך צעררייסען. זאל ער מיך ניעדערשיסען וויא א הונד, איך בין ווערטה“...

אונד איך האב ווידער געוויינט.

וויא אזוי איך האב ארונטער געשטיגען אונד וויא אזוי איך בין אריין אין זיין צימער, האב איך אליין ניט געוואוסט, נאר איך געדענק, אז איך בין ערשיענען אין זיין געגענווארט.

איך האב געוואלט עפענען מיין מויל, עפעס זאגען, וויינען, בעטען, — אבער איך האב ניט געקענט.

„אך, קאטיא!“ האט ער אויסגעשריען. דאן, מיך בעטראכטענדיג מיט זיינע דורכדרינגענדע אויגען, האט ער זיך בערוהיגט אונד געפרעגט גלייכ-גילטיג:

„וואס איז געשעהן, מיין טהייערע?“

ער האט דאס אויסגעשפראכען אין א שפאטישען טאן אונד איך האב מיך בערוהיגט.

„גאר ניט,“ האב איך געענטפערט, נאר וויינען האט זיך מיר אלץ געוואלט. „איך בין אוועק פון באדען־באדען, וויל איך קען דארט מעהר ניט זיין. ווען דו װילסט קענען מיר אהיים פאהרען נאך רוסלאנד.“

זיינע אויגען האבען יעטצט אויסגעזעהען אריין צו דרינגען אין מיין טיעפער זעעלע.

וואס האט פאסירט?“ האט ער געפרעגט אביסעל בעאונרוהיגט.

מיינע געדאנקען האבען דאמאלס געארבייט שנעל. איך האב גלייך איבער-גערעכענט דעם פלאן, דאס עס איז יעדענפאלס בעסער איך זאל שוויינען, ניט

יועס ער נאך וועלן אויפגערעגטסר ווען איך וועל איהם מיין פערברעכען ניט אין גאנצען שילדערן, נאכדעם זיינע דורכדרינגענדע אויגען האבען מעהר ענט־דעקט; אונד צווייטענס, פיעללייכט וועל איך איהם דערצעהלען מעהר ווי־א ער וויים, אונד דאן וועל איך פיעל ערגער מאכען דיא לאגע וויא זיא איז געוועזן.

סערגעי האט אונטערדעסען אויסגעמיעדען אירגענד א געלעגענהייט וואס האט אונז געקענט צו פיעל צוזאמען ברענגען. ער פלעגט מיט מיר זיטצען, רעדען אונד אויך לאכען, אָבער אימער פון פרעמדע זאכען. ווען איך האב עפעס ער־אינערט פון פריהער, האט ער ענטוועדער אומגעווענדעט דאס געשפרעך, אָדער מיט זיין געוועהנליכער שטימע האט ער געזאגט:

„ענטשולדיג מיר, קאטיא, איך מוז געהן צו מיינע געשעפטען".

דיא געשעפטען! יא, דיעזע האבען בענעטהיגט זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט, דען איך מיט מיין לוקסוס האב איהם רואינירט. איך וועל עס אין מיין גאנצעם לעבען ניט פערגעסען וויפיעל שמערצען דאס האט איהם פעראורזאכט אין היידעל־בערג, ביז עס איז איהם געלונגען צו קריעגען געלד אום מיר זאָלען קענען אהיים פאָהרען.

צייטענווייז פלעגט זיך מיר דאכטען, אז איך לעז אין זיין בליק אונגעפעהר פאָלגענדע ווערטער:

„שווייג בעסער, קאטיא, איך וויים אלעס. צו וועלכען צוועק זאָלסטו אויפ־פרישען אלטע וואונדען, וועלכע איך רעכען אלס פערהיילט? יא, יא, קאטיא, איך וויים, אז דוא זוכסט מיך אָבצוגאַרטען, אָבער עס איז יעדענפאלס גלייכער צו שווייגען דאריבער."

אונד איך?"

מיך האבען געפלאגט אונד געמארטערט מיינע געפיהלע ביז צור פערצווייפ־לונג. מיט יעדען טאָג, ניין, מיט יעדער שטונדע, האב איך אלץ מעהר ארויס געזעהען וויא עדעל, וויא גוט אונד הויך סערגעי שטעהט. מאנכעס מאל האב איך געשפירט אין מיר זיך ערוועקען וויא דאס אלטע געפיהל פון ליעבע צו איהם, אונד איך וואָלט אוועק געגעבען 10 יאָהר פון מיין לעבען, איך זאָל קענען פאלען אויף זיין האַלז אונד איהם זאגען:

„איך ליעב דיך!"

אָבער דער מוטה האט מיר געפעהלט.

9.

אתזער הויז אין ניקאָלסקי, וועלבעס איז געשטאַנען אזוי לאַנג פוסט, איז ווידער פול געוואָרען מיט לעבען אונד מונטערקייט; אָבער עס איז שוין מעהר ניט געוועזן וויא אמאל. סערגעי'ס מוטער איז געוועזן טויט, אונד איך מיט מיין מאַן — האבען אויסגעזעהן וויא צווייא אַלטע בעקאַנטע, אָבער ניט מעהר. יעדער פון אונז האט געזוכט דיא שטילע איינזאַמקייט; ער, אום צו דענקען אונד טראַכ־טען, אונד איך, אום צו טרויערן אונד בעוויינען.

דער ווינטער איז געקומען, דער פראָסט, שנעע אונד שטורם, האט אויסגעזעהן צו פערגרעסערן מיין טרויער. אַלס דער פריהלינג איז ערשיענען, האב איך מיך געשפירט זעהר שוואך, אונד איך האב מיך שוין ניט ערהאָלט, ביז נאך דער געבורט פון מיין צווייטעס קינד.

סערגעי מיכאַילאָוויטש איז צו מיר ווידער געוואָרען פריינדליך אונד צערט־ליך, אָבער מיט אזא קאַלטקייט, אַז דאס האט געבראָכען מיין הערץ. צייטענווייז פלעג איך ארום געהען נאכזועהען יעדעס בוך, יעדען טיש אונד יעדען ווינקעל וואס האט מיך ערמאנערט אן פערגאַנגענעס גליק, אונד איך האב דערבייא געוויינט.

עס איז קיין צווייפעל געוועזן בייא מיר, אַז סערגעי מיכאַילאָוויטש האט מיך געוואָלט בעשטראָפען; דאס הייסט, איך האב גערעכענט זיין בענעהמונג צו מיר, איז ניט מעהר וויא פערשטעלט, אונד ער ליעבט מיך נאך אימער וויא אמאל, נאָר ער האט מיך געוואָלט שטראָפען מיט זיין גלייכגילטיגקייט.

איך ווידער, האב גאַנץ גוט בעגריפען, אַז איך האב נאך פערדיענט א גרעסערע שטראפע אונד איך בין געוועזן בערייט מיך פאַר איהם צו בייגען אונד בעטען אום פערצייהונג.

פערצייהונג? ווארום?

אָט אין דיעזער פראַגע איז געלעגען זעהר פיעל.

איך האב שוין געקענט סערגעי מיכאַילאָוויטש'ן, אונד איך האב געוואוסט וויא וויים אונד וויא טיעף זיין אויג דרינגט, אונד איך האב מיך טויזענדער מאל געפרעגט: וויא וויים איז ער בעקאַנט מיט מיין פערברעכען געגען איהם?

יא, איך האב מיך געוואָלט ווארפען צו זיינע פיס אונד בעטען ער זאָל מיר מוחל זיין, אָבער איך האב מורא געהאט פאַר צווייא זאַכען: ערשטענס, פיעללייכט

מאטשא האט נאטירליך נים געוואוסט פון קיין בויזענדען טהייל וויא איך לעב מיט סערגעי'ן, אָבער מיט דער נאטור פון אלע פרויען, האט זיא זיך משאר געוועזן אונד האט נאטירליך מיר געגעבען רעכט, אימער בעהויפטענדיג, אז זיא האט זיך נים געריכט, דאס סערגעי מיכאילאָוויטש זאָל מיך אזוי שלעכט בע־האנדלען.

אין אזעלכע מאָמענטען האב איך געוואָלט לעגען דיא האנד אויף איהר מויל אז זיא זאָל נים רעדען, אָבער איך האב מיך צוריק געהאלטען אונד מיר גע־טראכט: „עס איז בעסער, אז זיא זאָל אזוי רעדען איבער מיר."

מיין מאַן, אין זיין נאטור, האט ער זיך כמעט גאר נים פערענדערט; אָבער דיא קארבען אויף זיין שטערען האבען אויסגעזעהן טיעפער; זיינע האאר געבען דיא שלייפען זיינען געוואָרען גרוי, אונד זיינע אויגען, וועלכע ער האט אימער געזוכט אָבצרווענדען פון מיין גליק, האבען אויסגעזעהען וויא פערוואָלקענד.

איך ווידער בין געוועזן עטוואס דיקער, אָבער אויף מיין געזיכט איז נים גע־לעגען קיין פרישקייט. דיא געפיהלע אין מיין ברוסט, זיינען געוועזן וויא טויט. מיט דער אויסנאהמע, וואס איך האב מאנכע מאָל געשפירט א העפטינען שמערץ פער־אורזאכט פון דיא ערגאינערונגען.

אין א טאג האב איך ערבליקט דיא אלטע פיאנאָ. איך האב מיך אוועק געזעצט נעבען איהר אונד וועהמיטיגע געפיהלע האבען זיך אין מיר ערוועקט.

עס איז קיינער נים געוועזן ארום הויז, אונד אָנשפארענדיג מיין קאָפּ אויף מיינעביידע הענד, בין איך געזעסען אונד געבליקט אין גארטען אונד שטערצהאפט געזיפצט.

„איז דאס מעגליך," האב איך ענדליך צו מיר אליין אויסגערופען, „אז מיין לעבען איז שוין געענדיגט? גרויסער גאָט! פערצייהע מיר; דוא אליין ווייסט פון מיין שמערץ — איך בין נאך אזוי יונג אונד שוין אזוי אונגליקליך... לערן מיך וואס איך זאָל טהון אום גליק זאָל זיך צו מיר צוריק קעהרען"...

איך האב געעפענט דיא פיאנאָ אונד מיינע פינגער האבען אָנגעפאנגען צו שפיעלען. דיא טענער האבען פון מיר ארויס געריסען טרערען. דאן האב איך גע־שפירט א ווילדע בעגייסטערונג צום שפיעלען, אונד איך האב ווידערהאָלט דיא אלטע מוזיק וואס האט מיך אמאל אזוי גליקליך געמאכט.

פלוצלינג האב איך געהערט לייכטע פוס־טריט. דאן האב איך געשפירט א צערטליכע האנד בעריהרען מיין שולטער, אונד איך האב געהערט סערגעי מיכאילאָ־וויטש'עס שטימע:

דיעזער מערכעךםוטה אונד ריינע אונשולד פון פאר דער חתונה, ווען איך האב צו איהם געקענט אויסדריקען מיינע געפיהלע אין ווערטער, איז געוועזן פערשוואונדען.

אונזער לעבען האט אויסגעזעהען וויא א מאשין: יעדער האט בלויז געטהאָן דין פליכט צום צווייטען, אוים אכטונג צו זיך אליין.

דיא קינדער זיינען אויך געוועזן צו יונג אום זייא זאָלען בילדען א בונד פון ווידער־פעראייניגונג צווישען אונז.

אלס עס האט אָנגעפאנגען ווארעמער צו ווערען, איז מאטשא אונד סאָניא ערשיענען אום צו פערברענגען דעם זומער אויף׳ן לאנד. איך מוז דאָ בעמערקען, אז זייא האבען שוין לאנג געוואָהנט אין שטאדט.

נאכדעם וויא ארום אונזער הויז האט מען בעדארפט עפעס פערריכטען, בין איך אונד סערגעי איינגעלאדען געווארען נאך פּאָקראָווסקי.

מיין יוגענד היימאטה האט אין מיר ארויס גערופען אי טרויעריגע, אי פרעהליכע עראינערונגען. אלעס איז נאך געשטאנען אויף דעמזעלבען פלאטץ וויא אין דיא אלטע צייטען.

אין דעם צימער וואו איך האב פערבראכט מיינע מערכעךיאָהרען, זיינען אריין געשטעלט געוואָרען 2 בעטלעך, וואו מיינע קינדער זיינען געשלאָפען.

מעהרערע מאל, ווערענד דיעזע אונשולדיגע זעעלען האבען גערוהט אין דיא זיסע ארעמס פון שלאָף, פלעג איך מיך אניעדער זעטצען נעבען זייא אונד מיין הערץ האט זיך אָנגעפילט מיט דיא זיסעסטע אונד טרויעריגסטע געפיהלע. דאן האבען אָנגעפאנגען צו ערשיינען דיא בילדער פון דער צייט וואס איך בין אויך געוועזן אונשולדיג אונד ריין, מיינע אויגען האבען זיך אָנגעפיללט מיט טרערען אונד איך בין געוואָרען זעהר טרויעריג.

„וואו זיינען איהר גאָלדענע צייטען?" פלעג איך אויסרופען צו מיר אליין.

אלע זיסע געדאנקען וואס דער באלקאָן, דער גארטען, דאס גרינע גראָז אונד דיא בלומען האבען ארויס גערופען, זיינען גיט געוועזן דויערהאפט. עס פלעגען באלד פאָלגען טרויעריגע אונד ביטערע עראינערונגען.

איך האב געוואָלט צוריק ברענגען דיא אלטע צייטען, אונד איך פלעג מיך אוועק זעטצען מיט מאטשא׳ן, רעדען, פלוידערן אונד וועלען זיין פרעהליך. אָבער פּלוצלינג איז ערשיענען א געדאנק וואס האט מיך געשיידערט אונד פערטריבען דאס גליק פון מיר.

סערגעי האט זיך אויפגעהויבען אונד עס האט אויסגעזעהן, אז ער וויל אוועק געהען.

„וואוהין געהסטו?“ האב איך געפרעגט מיט דער גרעססטער אנשטרענגונג. „עס איז דאך א פערגניגען דא צו זיטצען?“

„איך מוז פערזארגען מאטשאן מיט סאניאן מיט א פאאר רעגענשירמס,“ האט ער געענטפערט.

„עס איז ניט געטהיג,“ האב איך בעמערקט, „דער רעגען וועט באלד פאר איבער געהען.“

ער האט זיך צוריק געזעטצט. עס האט אויך ניט פיעל געדויערט, אונד דער רעגען האט אויפגעהערט. דער געשמאק פון די פעלדער, פון דעם גראז, פון די בוימער אונד פון די בלומען, האט זיך ציגאסען איבער דער לופט.

סערגעי האט איינגעצויגען דעם אטהעם, גלייך וויא ער האט געוואלט איינשלינגען די גאנצע אנגענעהמע לופט.

„וויא ריין אונד זויבער די וואהרע נאטור איז!“ האט ער אויסגעשריען בעגייסטערט. דאן האב איך געשפירט זיין האנד בעריהרען מיינע צעפ, וועלכע ער האט געגלעט, מיט זיין אלטער צערטליכקייט.

דיעזע צערטליכקייט האט מיך אזוי גערירט, אז איך האב געוואלט העפטיג וויינען, נאר איך האב מיך בעהערשט מיט אלע מיינע קרעפטען.

סערגעי האט דאן געזיפצט אונד מיט איין ערנסטען טאן האט ער געזאגט:

„וואס נאך קען איך פאדערן? איז עס דען פאר מיר ניט גענוג? איך בין פאלקאמען גליקליך אונטער די אומשטענדען.“

ער האט צוריק געצויגען זיין האנד וואס האט געגלעט מיין קאפ, אונד איז געבליעבען זיטצען שטיל. דאן, גראדע וויא א היילינגעס קירכען־ליעד, וואס פאנגט אן ערשטענס גאנץ שטיל, האט ער געזאגט:

„א לאנגע צייט צוריק, ווען מיר האט זיך געדאכט, אז דער פריהלינג וועט אייביג בליהען, אז די נאכטיגאל וועט אימער שפיעלען אונד די בלומען וועלען קיינמאל ניט פערוועלקט ווערען; דאן, ווען איך האב געגלויבט, אז דאס גליק וועט זיין דויערהאפט, פלעג איך ליעגען אויף מיין בעט טרוימענדיג וואכענדיג אונד פיהלען וויא מיין הערץ ווערט יעדעס מאל פולער אונד די חלומות זיסער. דאמאלס האב איך מיר ניעמאלס פארגעשטעלט, אז עס וועט אמאל קומען אזא צייט וויא יעצט, אונד איך וועל נאך קענען גליקליך זיין.“

„אך, קאטיא, וויא דאס פרייט מיך צו הערען דיזע זיסע סאָנאטע, גע־שפיעלט מיט דעם מוזיקאַלישען גפיהל פון דער פערגאנגנהייט.“

אין צימער איז געוועזן דונקעל אונד ער האט ניט געקענט זעהן מיינע פער־ווינטע אויגען.

איך האב איהם געוואָלט ענטפערן, אָבער איך האב ניט געקענט.

„האסטו שוין געטרונקען טהעע?“ האט ער מיך געפרעגט אונד מיין הערץ האט געטאנצט פאר פרייד הערענדיג זיין צערטליכע שטימע פון דער פער־גאנגענהייט.

איך האב געשאָקעלט מיט מיין קאָפּ, ניין, אונד אָבוואָהל איך האב שוין גע־קענט רעדען, האב איך אָבער ניט געוואגט צו עפענען מיין מויל, זיך וויא שעהמענדיג פאר מיין אייגענער שטימע.

„מאטשא אונד סאָניא,“ האט ער ווייטער געזאגט, „שפאצירען ארום אויף׳ן פעלד. זייא וועלען דאָ באלד זיין.“

„דאן וועלען מיר ווארטען,“ האב איך געענטפערט.

איך האב מיך אויפגעהויבען, ארויס געגאנגען אויף׳ן באלקאָן, אונד געהאָפט, וויא אין דיא אלטע צייטען, וועט ער מיר נאכגעהען. אָבער ער איז אוועק זוכען דיא קינדער.

דאן האב איך געשניידערט, אונד מיר געטראכט, אז דיא פערגאנגנהייט איז טויט, אונד דיא ליעבע איז בעגראָבען געוואָרען מיט איהר.

„וואס וויל איך?“ האב איך מיך געפרעגט. „איז רען דאס נאך ווייניג? ער איז גוט אונד צערטליך; ער איז א ליעבענדער פאטער, א גוטער מאן. איך האב מיר אזוי פיעל געווים ניט פערדיענט!“

איך האב מיך אונטערדעסען געזעטצט אויף דעמזעלבען שטוהל וואו איך בין געזעסען אין דער נאכט פון אונזער פערלאָבונג. פון ווייטען האב איך געקענט בעמערקען פינסטערע וואָלקען הייגענדיג אויף׳ן הימעל. דער ווינט איז וויא אָבגע־שטאָרבען. קיין בלעטעלע אָדער גרעזעלע האט זיך בעוואויגען.

דאן איז פּלוצלינג סערגעי ערשיענען אונד זיך געזעטצט גענענאיבער מיר.

„איך האב מורא,“ האט ער געזאגט, „אז מאטשא אונד סאָניא וועלען פער־נעטצט ווערען. עס שיינט, אז מיר וועלען באלד האבען רעגען“.

„יא, אזוי שיינט עס,“ האב איך געענטפערט, אונד מיר האבען דאן ביידע געשוויגען. אין דערזעלבער צייט האט אויף אנגעהויבען צו געהן א רעגען, וועלכער האט זיך יעדעס מאל געשטארקט.

ערלויבט צו װאנדערן אויף אזא װעג, װעלכע האט ארום זיך טיעפע זומפּן, װאו איין פעהל־שריט איז לעבענס־געפעהרליך. יעטצט, װען איך האב ערפאהרען װאס גוט אונד שלעכט איז, קעהר איך צוריק צוברעכען אין קערפּער אונד גייסט. עס איז שון באלד פערפלויגען א יאהר, זייט איך האב פראָבירט צו דיר צוריק צו קעהרען, זוכען אין דיין ליעבע, אין דיין פערטרויען אונד אין דיין אכטונג, צוריק צו געווינען מיין פערגאנגענעס גליק. אָבער דוא האסט מיך אויסגעמיעדען, ציינענדיג גלייך וויא דוא פערשטעהסט מיך נים. עס זעהט אויס, גלייך וויא דוא ווילסט מיך צווינגען איך זאָל צוריק קעהרען אין דעם זיסען גערויש פון לעבען, וועלכער ענדיגט זיך אימער מיט גאלל.״

„וואס מיינסטו דערמיט?“ האט ער געפרעגט וויא ערשטוינט.

„דוא שטעלסט מיר אזא פראגע!“ האב איך אויסגעשריען ערבימערט פון זיין גלייכגילטיגקייט אונד פערשטעלונג, אָבלאָזענדיג זיין האנד. „דוא סערגעי מיכאילאָוויטש, וועלכער בליסט ביז צו מיין טיעפער זעעלע, ווילסט בעהויפּטען, אז דוא בעגרייפסט נים מיין שמערץ? האסטו קיין מיטלייד“...

„גענוג! גענוג!“ האט ער אויסגעשריען האלב שטרענג, „דוא געהסט צו ווייט. איך בעט דיך, לאָז אלעס“...

אָבער איך האב איהם אויך נים געלאָזען רעדען אונד געענטפערט:

„יא, איך זאָל לאָזען אלעס ליעגען בעגראָבען אין דעם טיעפען קבר פון דער פערגאנגענהייט. אָבער איך קען דאס נים, סערגעי מיכאילאָוויטש! עס איז דיין פליכט מיך ווידער גליקליך צו מאכען, ווייל איך בין צו דיר געקומען אונשולדיג, אונד דוא האסט נים בעדארפט מיך לאָזען לויפען אויף אזעלכע וועגען, וועלכע פיהרען צו פערדערבען!“

א זיפץ האט זיך ארויס געריסען פון זיין ברוסט, אונד דאן, האט ער אָנגע־פאנגען מיט דיעזע ווערטער:

„קאטיא, איך האב געזוכט אויסצומיידען אזא סצענע, אונד איך בעדויער זעהר וואס דוא גיבסט מיר דיא געלעגענהייט דאריבער צו רעדען. גוט אלזא, איך וועל מיט דיר זיין פרייא אונד אָפען: דוא זאגסט איך בין שולדיג — דאס האסטו רעכט, אָבער וואס דוא פערלאנגסט פון מיר איך זאָל דיר צוריק געבען דיין גליק, איז א זאַך דער אונמעגליכקייט. געדענקסטו דיא צייט, ווען איך האב דיר בעוויעזען, אז א הייראטה צווישען אונז קען זיך נים גוט ענדיגען? איך האב דאמאלס נים בעדארפט דעם שריט מאכען, אונד, איך פערזיכער דיך, אז עס וואָלט מיך ווייניגער

איך האב געוואָלט זעהען זיין געזיכט ווערהרענד ער האט געשפּראָכען דיזע ווערטער, אָבער עס איז געוועזען צו דונקעל.

„גיבט עס ווירקליך מעהר קיין זאַך וואס דוא קענסט ווינשען?“ האב איך געפרעגט.

„איך ווונש, נאָר ניט אונמעגליכעס.“

„בערייהעסט דוא נאָר ניט אויף דער פערגאַנגענהייט?“ ווערהרענד דיזער פראַגע האב איך געשפּירט מיין הערץ וויטהענד קלאַפּען.

ער האט ניט באלד געענטפערט, אָבער איך האב פערשטאַנען, אז ער וויל פריהער נאכדענקען, אום ער זאָל וויסען וויא צו פאָרמירען זיינע ווערטער אונד זאָגען דיא וואהרהייט.

„דיא פערגאַנגענהייט!“ האט ער אויסגערופען מיט א זיפץ. „אהה, איך בין דאַנקבאַר פאַר דעם גליק וואס איך האב דאַמאלס גענאָסען, אָבער איך בעקלאַג דאס מעהר ניט אין דער געגענוואַרט.“

„וואָלסטו ניט געוואָלט דאסזעלבע גליק ווידער געניעסען ווען דוא זאָלסט קענען?“ האב איך געפרעגט.

„ניין, ניין, קאטיא. עס וואָלט בייא מיר אויסגעזעהען גראדע וויא איך זאָל מיר ווינשען צו בעזיטצען דיא פליגעל פון א פייגעלע. ביידע זיינען אונמעגליכקייטען.“

„מאכסטו ניעמאלס דיר אָדער מיר פאָרווירפע?“

„יעטצט ניט מעהר.“

„הער מיך אויס,“ האב איך געזאגט אָננטהאלטענדיג זיין האנד. „איך וויל דוא זאָלסט מיר זאגען אלעס אפען אונד פרייא: ווארום האסטו מיר ערלויבט אזוי פיעל פרייהייט וויסענדיג, אז איך וועל ניט וויסען וויא אומצוגעהן דערמיט? ווען דוא וואָלסט מיך צוריק געהאלטען מיט דיין שטארקען ווילען, דאמאלס וואָלטען מיר פיעללייכט נאך גליקליך געוועזען אזוי וויא פריהער.“

„זיינען מיר דען ניט גליקליך?“ האט ער געפרעגט וויא איבערראשט.

„גליקליך? ניין! דוא האסט ניט נאָר פון מיר צוריק געצויגען דיין ליעבע, זאָנדערן אויך דיין אכטונג אונד פערטרויען. ווען איך עראינער מיך אן דער פערגאַנגענהייט, דאן שוידער איך פאר דער יעטצטיגער צייט. דוא, סערגעי מיכאילאָוויטש, דער קלוגער, דער ערפאהרענער אונד וועלטס־מענש, האסט מיר, אונוויסענדע,

מאטשא אונד סאניא זיינען ערשיענען אונד מיר זיינען אריין אין הויז טרינקען טהעע.

ווען איך בליק יעטצט צוריק צו מיין ווייטערע פערגאנגענהייט, דאן ערשיינט פאר מיר דאס דאמאלינע לעבען וויא איין אפענעס בוך. וויפיעל וואהרהייט עס זאל ליענען אין ספרגעי'ס האנדלונג נעגען מיר, בין איך דאך איבערצייגט, נאך אלעמען, אז א מענש מיט שכל, קען זיך בעהערשען, אונד ווען ער זוכט צו זיין גליקליך, דאן זאל ער דיעזעס גליק זוכען אין זיין הויז, ביים זיין טיש אונד אונטער זיין פאמיליע. דאס לעבען אין נערוויש, פראכט, גלאנץ אונד הערליכקייט, איז ניט מעהר וויא א מאמענטאלער זיסער חלום, וועלכער ענדיגט זיך מיט א ביטערער ווירקליכקייט.

ע נ ד ע

שמערצען געקאָסט וויא יעטצט, ווען איך וואָלט ארויס געריסען דיא ליעבע פון מיין הערץ. אויך פאר דיר וואָלט עס פיעללייכט בעסער געווען.

„מיר האבען געהייראטהעט,“ האט ער ווייטער געזאגט. „איך האב מיך גע־רעכענט פאר קלוג גענוג, אום דיך אָבצרוועגדען פון דעם אונפערטיידליכען. איך, א מענש וואס האט שוין אָבגעלעבט, האב געוואָלט צווינגען א רויז צו בליהען אין א פינסטערן קעלער. אלס איך האב אָבער איינגעזעהן, אז דאס איז אונמעגליך, האב איך דיר געמוזט געבען דיא פאָלשטענדיגע פרייהייט צו טהון וואס דוא ווילסט, זאָנסט וואלט עס פיעללייכט נאך ערגער געוואָרען. ניט אזוי פיר מיר וויא פיר דיר. איך וויים, קאטיא, אז דוא ביסט געגאנגען זעהר ווייט; איך וויים אלעס -- אלעס וויים איך! אָבער, נאך ניט אזוי ווייט וויא צור צייט וואס איך וואָלט דיר גע־שטערט. מיינע ליידען, קען קיין אנדערער מענש שילדערן, ווייל דער שמערץ איז געווען אונערטרעגליך. אָבער מיין בענעהמונג צו דיר, האט דיך גערעטעט פון געגצליכען אונטערגאנג. דוא האסט ענדליך איינגעזעהען, אז דוא האסט געפעהלט, אונד צוריק געקעהרט צו מיר, אָבער דאס וואָלט ניעמאלס געשעהן, ווען איך וואָלט געזוכט דיך צו בעהערשען מיט געוואלט. עס איז אמת, דיינע טהאטען אונד האנדלונגען, האבען אויסגעלאָשען דאס הייליגע פייער פון ליעבע אין מיין הערץ. אָבער איך בין צופריעדען דיך צו זעהען צוריק קעהרען. דוא ביסט מיר אמאל געווען זעהר טהייער, אונד איך לעב יעטצט אין גליק פון דיעזער עראינערונג. דוא ביסט מיין בעסטע פריינדין, אונד איך רעספעקט דיך. דארף איך ניט גליקליך זיין דערמיט?“

איך האב געוויינט אונד געמורמעלט:

„קען ווירקליך ליעבע — הייליגע אונד ריינע ליעבע, וויא זיא האט געהערשט אונטער אונז — אזוי פערניכטעט ווערען?“

„קענסטו ניט לעזען איין ענטפער אין דיין אייגענער ברוסט?“

איך האב מעהר ניט געקענט ענטפערן. נאך א פויזע וואס האט געדויערט עטליכע מינוטען, האט ער מיך אומארמט אונד געזאגט:

„פריינדין, קאטיא, לאָמיר לעבען אין גליק דער פערגאנגענהייט, אין צופריע־דענהייט דער געגענווארט אונד אין רעספעקט איינער פאר'ן צווייטען פון דער צוקונפט. קאטיא, קינד, לאָמיר זיך בעגניגען מיט דעם וואס מיר האבען אונד בעזיטצען, ווייל מיר קענען קיין בעסערעס פערלאנגען. עס איז נאך ניט אזוי שלעכט וויא עס וואָלט געקענט זיין“...

מיין פריינד'ס פרוי.

מיין פריינד'ס פרוי.

וואסילי ניקאָלאַיעוויטש האט שוין זיים צוויי יאהר פערלאָזען דיא נאטור־וויסענשאפטליכע אבטהיילונג פון דער פילאָזאָפישער פאקולטעט. ער האט בעענדיגט זיין שטודיום אונד געקריגען דעם טיטעל „דאָקטאָר דער פילאָזאָפיע,“ מיט גרויסער אויסצייכנונג. על־פי־חשבון האט עס געהייסען, אז ער וויל זיך ערשט נעהמען צום שטודיום אונד אבגעבען זיין צייט פיר דער וויסענשאפט אונד פאָרשונג.

אָבער וויא ווייט איך האב איהם געקענט, איז ער ניט געוועזען דער מענש דאפיר. ער איז געוועזען פון דער נאטור לעבהאפט, מונטער אונד צייטענווייז זעהר פרעהליך. אזעלכע מענשען קענען נאָר לערנען דאמאלס, ווען קיין זאך שטערט זיא, אָבער וואסילי ניקאָלאַיעוויטש וואָלט ניט געקענט איבערשטעהען דעם נסיון פון שעהנע מיידלעך, א פרעהליכע געזעלשאפט אָדער זאָנסט א מונטערן אונ־טערהאלט.

ווען א מענש וויל האבען איין ערפאָלג פון זיינע וויסענשאפטליכע שטודיען, מוז ער צו מאכען דיא אויגען פאר דער גאנצער וועלט; אלעס דארף בייא איהם זיין טויט אונד ניט עקזיסטירען, אויסער זיינע ביכער אונד זיינע אינסטרומענטען.

וואסילי ניקאָלאַיעוויטש איז געוועזען א גרויסער פריינד פון דעם לעבען אונד ער האט בעוואונדערט ניט נאָר דיא קונסט, זאָנדערן אירגענד א שעהנע זאך, דאס איהם געקענט פעראינטערעסירען.

אם בעסטען ווען ער האט זיך גענומען שטודירען איבער דער נאטור פון מוראשקעס, ביענען אָדער ים־חיה'לעך, האט ער דערזעהן זיין פידעל, וועלכען ער האט ארונטער גענאפט, געלעגט א בלאט נאָטען פאר זיינע אויגען אונד אָנגעפאנגען צו שפיעלען אזוי לאנג, ביז עס האט זיך איהם געקענט דאכטען, אז דיא גאנצע וועלט שווימט אין א ים מעלאָדיען.

צו דיעזער צייט, וואס וואסילי ניקאָלאַיעוויטש האט געהאט אזא טבע, האט ער געלעבט אין מאָסקווא, אין דער געזעלשאפט פון זיין דיענער אליאָשקא.

מיר פלעגען זיך זעהר אָפט צוזאמען קומען, אונד ווייל ער האט זעלטען גע־האט א פרייע שטונדע עפעס צו רעדען אונד בעשפרעכען, אויסער זיין וויסענשאפט

בטלידינע מאנטעל אדער אלטע ווייבער בעט־אכטען פאר עהרליך אונד שעהן, נראדע אזוי לאנג וועלען מיר זיך וויא דערשרעקען, ווען יעמאנד זאגט אנדערש.

מיר דערשרעקען זיך ניט, ווייל דיא נייע בעהויפטונג איז ניט וואהר, זאנדערן, ווייל מיר זיינען צוגעוועהנט צו דעם אלטען וויא דער שיכור צום בראנפען.

וואסילי האט געהאט א טבע אמאל זיך אויסצורעדען אזוי וויא קיין אנדערער וואלט עס געטהאן. אבער דאס איז אימער געווען דערפאר, ווייל אין זיינע ערנסטע מאמענטען, איז ער צו אנדערע ניט געווען עהנליך.

אין א שבת אבענד, האבען מיר זיך אלע בייא איהם פערזאמעלט. מיר האבען געצעהלט א צוואנציג פערזאנען. יעדער, וויא געוועהנליך, איז געווען א סטודענט, אונד כמעט אלע זיינען שוין פערטיג געווען מיט זייער שטודיום. אונטער דיא לעטצטע האבען זיך געפונען א פאאר יונגע ערצטע אונד א יונגער פראפעסאר דער ליטעראטור.

מיר האבען געטרונקען טהעע מיט לימענע אונד מיט קוכען. מיר האבען גטרויכט, געפלוידערט אונד זיך אונטערהאלטען אזוי לאנג, ביז מיר זיינען געקומען צו וויכטיגע לעבענס־פראגען.

אין דעם גרויסען צימער, איז עס אונטערדעסען געווארען זעהר הייס אונד שטיקענד פון דעם טאבאק־רויך.

אליאשקא, מיט א רויטעס העמד אונד א רויטע שירצע, מיט זיין רונדעס אונד פערשוויצטעס געזיכט, האט דערלאנגט זעהר פלייסיג טהעע, אונד אכטונג געגעבען, אז יעדער זאל זיין בעזארגט מיט דיעזער אויפמונטערענדע משקה.

יעדער פון אונז האט זיך געשפירט גאנץ בעקוועם אונד אונגעשטערט אין דיא בענעהמונגען אונד שפראכע. עס איז אויך קיין צווייפעל געווען, אז אלע האבען זיך הערצליך אמוזירט אונד הנאה געהאט פון דער פרעהליכער קאמעראדענשאפט.

איך בין געזעסען אויף דער סאפא, אויפגעקנעפעלט מיין סטודענטען־אוניפארמע אונד שטילשווייגענד האב איך מיך צוגעהערט צום געשפרעך. איך האב פערשטאנען, אז דערווארט אונד אידעען קאמפף וועט יעדעס מאל אינטע־רעסאנטער ווערען אונד דאס האב איך ליעב געהאט בייצו־וואהנען.

וואסילי האט צוזאמען בעענדיגט דיא אוניווערזיטעט מיט דעם פראפעסאר אונד דיא ערצטע, אונד אזוי וויא זייא האבען אלץ אויסגעזעהן זיינע געגנער, האט

אונד פערגניגען, האט ער בעשלאָסען, אז יערען שבת אבענד זאָלען מיר צוזאמען פערברענגען. אין דיא איבריגע טעג פון דער וואָך, האט ער געטהאָן אלעס וואס עס האט איהם בעסער געשמעקט.

אויסער מיר, האט ער אונטערדעסען געהאט נאך בעזוכער, אונד דיעזע זיינע מייסטענטהיילס געוועזן סטודענטען.

איך, נאטירליך, בין אויך געוועזן א סטודענט, אונד זיך געצעהלט אונטער דיא אנדערע בעזוכער, אָבער איך האב געמאכט א שטיקעל אויסנאהמע, ווייל מיר האבען זיך נאך פון פריהער געקענט, אונד מיר האבען אמאל צוזאמען פערבראכט דיא גאנצע וואקאנץ־צייט אויף א גוט.

מיר האבען איהם אלע געליעבט אונד געאכטעט. דען ווען עס איז געקומען צו א רוהיגען מאָמענט עפּעס צו בעשפּרעכען, איז ער געוועזן ערנסט אונד אויפריכטיג, אונד זיין שארפער אורטהייל, וועלכער איז אויך געוועזן גערעכט, האט איהם געציינט אלס טיעפזיניג גענוג אום מיר זאָלען זיך מעגען פערלאָזען אויף דעם וואס ער זאגט.

דיעזער כאראקטער, וועלכער איז, אין דער וואהרהייט געשפּראָכען, א גרויסע זעלטענהייט אונטער אונז יונגע מענשען, האט מיך ווענינסטענס אזוי שטארק צו געצויגען צו איהם, אז איך האב איהם כמעט פערגעטערט.

זאָלאנג וויא מיר האבען נאר אָנגעפאנגען א געשפּרעך, האט ער זיך ניט צוריק געשראָקען צו בעריהרען אזעלכע פראגען, וועלכע פיעלע פון אונז וואָלטען בעסער אויסגעמיעדען. ערשטענס אוים פּאָליטישע אינטערעסען אונד צווייטענס, גלאט ווייל קיינער וואָלט ניט געוואגט צו קריטיקירען עפּעס וואס עלטערע מענשען פון אונז, בעטראכטען זייט דור דורות, פאר גוט אונד פיין

ווען וואסילי ניקאָלאיעוויטש האט אויפגעבראָכען א געשפּרעך איבער דער געזעלשאפט אונד איהר ארט לעבען, האט ער אימער געהאט דאריבער עפּעס צו זאגען, וואס האט אונז אלע איבעררּאשט אונד ערשטוינט. אָבער נאך א רוהיגעס אונד איבערלעגטעס נאכדענקען, האבען מיר געמוזט צו געבען, אז ער האט רעכט.

נס איז דאס זעלבע אונגריק מיט אונזער גאנצער געזעלשאפט. מיר געוועהנען זיך צו אויף פיעלע זאכען צו זאגען, אז זייא זיינען גוט אונד וואויל, ווייל אנדערע האבען אזוי בעהויפּטעט. מיר פערגעסען אָבער נאכצוקלערען אויב דיא „אנדערע" האבען רעכט געהאט אָדער ניט. אונד כל־זמן מיר קומען ניט צו דיעזער שטופע אליין צו דענקען, אליין צו איבערלעגען, אונד ניט אקצעפּטירען אלעס וואס עובר־

פערשאפט אונז מאָמענטאַלעס פערגניגען. דא איז אזוי אנשטעקענד, אז מיר ליידען אַלע פון איהר: דיא יונגע לייט, דיא פערהייראַטעטע, דיא מיידלעך, דיא פרויען אונד אַלעס וואס רופט זיך עטוואס ענטוויקעלטער מענש. איך, איהר, יעדער פון אונז. שוין ניט רעדענדיג וואס מיר מאַכען זיך צום נאַר דורך איהר, שוין ניט אַבטענדיג דארויף וואס מיר ליידען דיא ביטערסטע שמערצען, שטערט זיא אונזער פּאָרטשרים, שליידערט אונז אין אָבגרונד פון פערדאָרבענהייט אונד שטעלט אונז ניעדריגער אַלס דיא טהיערע.

„אונד וויפיעל גיבט עס אויף דער וועלט, וועלכע זעהן גאר נים דיא דונקלע שאטענס פון איהר? מיר לאַכען זיך אויס, מיר פערשמייסען, מיר פערוואַרפען יעדע אידעע וואס פיהרט אונז צו בעלייכטען דיעזען זומפּף פון שמוטץ אונד אבשייליכ־קייט. מיין גאָט! ווען אַלעס זאָל ארויס אין דער עפענטליכקייט, ווען מען זאָל אויפריהרען דיעזען הויפען שמוטץ אונד יעדער מענש זאָל זיך אבשטעלען אונד דאס בעטראַכטען, דאן וואָלט ער זיך דערשראָקען.

„יא," האט וואסילי ווייטער געזאגט, „עס איז קיין צווייפעל, אז מיר וואָלטען זיך גאר נים דערקענט; מיר וואָלטען בעדארפט צו דעקען אונזערע געזיכטער פאר חרפּה אונד זיך שעהמען איינער פאר'ן צווייטען. אָבער מיר טהון דאס נים; מיר ווענדען אָן אַלע מעגליכקייטען אַלעס צו פערדעקען אונד פערשטיקען, אונד דערמיט אויף פערמעהרען אונזערע קראַנקהייטען, פערברעכען אונד פערדערבען.

„דיא תאוה!" האט וואסילי פלוצלינג אויסגעשריען, „איז דיא שוידערהאַפטע קראַנקהייט! זיא צערשטערט אונזערע עדעלסט׳ע אונד שענסטע געדאנקען; זיא ברעכט אונזער גייסט; צערשמעטערט אונזע׳ר קערפּער, אונד, ווען מיר האבען נאָר דיא געלעגענהייט זיא צו בעטרייבען אויף דער העכסטער שטופע, דאן גראבען מיר אין דערזעלבער צ׳יט, פאר אונז אליין א קבר.

„פון קינדוויז אויף ווערען מיר פערצערטעלט אונד פערדאָרבען; מען ווייזט אונז מיט הינטערוויילעכס סמנים, וויא אזוי מיר דארפען זיך פאָרבערייטען זיא צו שטודירען, אונד מיר ערפאַהרען באַלד, אז נאָר דיא תאוה איז אונזער ציעל אין לעבען, וועהרענד אַלעס אנדערע, איז נאָר א נעבענזאַך.

„איהר דאַרפט מיך ניט אָנקוקען אזוי ערשטוינט אונד עפענען אייערע אויגען אזוי פערוואונדערט — זאגט מיר דעם 'אמת: ווער פון אייך וויל הייראַטהען א פרוי בלויז דאפיר אום צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט? ניעמאנד, ניעמאנד! איהר אַלע בעטראַכט זיך פריהער דאס געזיכט, דעם קערפּער אונד אַלעס וואס ליעגט אין א פרוי אום צו ערוועקען דיא תאוה. ווען קינדער קומען, דאן זיי׳ט איהר

ער זיך דערוואַרעטט אין זיינע דעבאַטען אונד האט אויסגעזעהן צו גרייכען דיא ערנסטע מאָמענטע, ווען זיינע ליפּען האבען אויסגעשפּראָכען אידעען, וועלכע האבען אונז אימער איבעראַשט.

דער שטרייט מיט דיא ערצטע אונד דעם פּראָפעסאָר, איז געוואָרען העפטיג, אונד דר. גאָרבונאָוו, א יונגער ערצט, האט וואסילי׳ן אלץ מעהר אויפּגערעגט.

„ניין! ניין!“ האט וואסילי געשריען, „מיינט ניט, אז דיא הויפּט קראנקהייטען זיינען פוילע לונגען, א פערדערטעטע לעבער, איין אָבגעריסענע מילץ אָדער הערץ־קלאַפּען! דיא גאַנצע חכמה ליעגט ניט אין אויסגלייכען א קרומען פוס אונד“...

דער יונגער ערצט האט איהם אונטערבראָכען.

„אלזאָ,“ האט גארבונאָוו אָנגעווענדעט, „קומט עס אויס, אז דיא גאַנצע מעדיצין טויג אויף כפּרות?“

„אָט דאס איז דאס אונגליק,“ האט וואסילי געענטפערט, „וואס איהר ווילט ניט פערשטעהן. דיא מעדיצין האט געוויס איהר גוטע זייט פיר דער מענשהייט, אָבער דיא מענשהייט דאַרף וויסען, אז זיא מוז זוכען היילמיטלען צו איהרע נעפעהרליכסטע קראנקהייטען.“

„איז א פוילע לונג ניט גענוג געפעהרליך?“ האט דער פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור געפרעגט.

„דיא גאַנצע מענשהייט ליידעט ניט פון קיין פוילע לונגען,“ האט וואסילי אָנגעפאַנגען אין זיין ערנסטען טאָן, „אָבער עס זעהט אויס, אז דיא גאַנצע מענשהייט ליידעט פון נאָך א געפעהרליכערע קראַנקהייט.“

„אונד דיעזע קראַנקהייט איז?“ האט דער ערצט געפרעגט.

„דיעזע קראַנקהייט, מיין פריינד,“ האט וואסילי געענטפערט, „איז דיא שמוטציגע תאוה, וועלכע דיא מענשהייט זוכט צו פערברייטען אונד איינגעוועהנען אונטער דיא מענשען, מיט קיין אנדערן צוועק, אויסער צו בעטרייבען תאוה, וועלכע איז דיא געפעהרליכסטע קראַנקהייט.“

מיר האבען איהם אלע אָנגעקוקט. מאנכער מיט איין אונגלויבליכען שמייכעל, איין אַנדערער שפּאָטיש אונד א טהייל גאַנץ ערנסט אונד שטיל, מיט דער ערוואַרטונג, אז וואסילי וועט באלד דייטליכער ערקלערען זיינע געדאַנקען.

„דיא תאוה,“ האט ער געזאגט, „איז א שרעקליכע קראַנקהייט אין אונזער געזעלשאפט, פון וועלכער מיר מענשען ווילען קיין בעגריף האבען, זאָלאַנג זיא

זיך נאכצוגעבען אלעס וואס ער האט געזעהן פון אנדערע? מיין פאטער, מיין מוטער, מיין אָנקעל אָדער אנדערע גוטע פריינד, האבען געקענט זיין גאנץ אנשטענדיגע מענשען אין זייער גראד, אָבער ווען איך זעה איין, אז זייערע מעשים זיינען נים קיין ריכטיגע, דאן דארף איך נים זיין אזוי שוואך אום זייא נאכצוטאנצען. ניין, איך מח זיין פעסט ענטשלאָסען אומצו־ווענדען דעם גאנג פון מיין לעבען אויף א גאנץ אנדערן וועג, וועלכער פיהרט נים אהין וואו עס ליעגט פערדערבען. אָבער דאס אונגליק איז, דאס ווען מיר פערשטעהען שוין אפילו, איז דיא געוואָהנהייט פיעל שטארקער אלס אונזער איבערצייגטער וויללען אונד מיר פאלען וויא פייגלינגע (טרוסען) צום מינדעסטען נסיון. איז עס נים מערקווירדיג, מיינע העררען, וויא מיר קענען נים קוקען אויף א שעהנעם פרויענצימער מיט אנדערע געדאנקען, אויסער צו קלערען, אז זיא איז גוט פיר אונזער בעסטיאלישען גענוס? אָט דאָ ליעגט דער תהום פון פערדאָרבענהיים. דאָ ליעגט אונזער אבשייליכע שוואכקייט, וועלכע פיהרט אונז שנעל צום גייסטיגען טויט.

„מיין גאָט!“ האט וואסילי פלוצלינג אויסגעשריען, „פאר מיינע אויגען ערשיינט יעטצט דאס בילד פון מיינעם א גוטען בעקאנטען; ער איז אויך געוועזען אזא אונגליקליכער. אָבער, נאך אונגליקליכער וויא פיעלע אנדערע, ווייל ער האט מעהר געלעגענהאט געהאט זיין געוואָהנהייט אויסצואיבען. איך האב איהם געקענט בלויז צווייא מאָנאט, אונד דאן איז ער געשטאָרבען פאר מיינע אויגען. נים א גייסטיגען טויט, זאָנדערן א קערפערליכען טויט. גייסטיג, איז ער שוין לאנג געוועזען טויט. ער האט ווירקליך פאַלקאָמען פאָרגעשטעלט מיין אידעע וואס איך האב אייך ביז יעטצט געשילדערט, אונד ער קען דיענען אלס א טרויעריגעס ביישפיעל. אָבער, אין דער־וועלבער צייט מוז איך בעמערקען, אז אין דער טיעפסטער פערדאָרבענהייט, רוהט נאך אימער אין דעם מענשען א קליינע סטרונע פון אנשטאנד — מען דארף נאָר דיעזע בעריהרען, אונד דיא הארמאָניע פון דער זעעלע גיבט ארויס אזעלכע טענער, וועלכע פערטרייבען דיא פינסטערע אונד אבשייליכע בעסטיאליטעט.“

וואסילי ניקאָלאיעוויטש איז געבליעבען שטיל. אונז, אָדער מיך ווענינסטענס, האט עס געשווידערט הערענדיג דיעזע ווערטער. מיר דינען אלע אונטערדרעסען פעראינטערעסירט געוואָרען מיט דער געשיכטע פון זיין בעקאנטען, אונד יעדער איז געוועזען נייגיעריג צו הערען וואס עס האט פאסירט.

„וואס איז געשעהען מיט אייער בעקאנטען?“ האט א סטודענט געבען מיר געפרעגט אונגעדולדיג. „ווען איהר אונז דערצעהלען?“

„מיין בעקאנטער אונגליקליכער,“ האט וואסילי געענטפערט וועהרענד זעהר

האלבוועגס צופריעדען; ווען קינדער קומען סעהר וויא איהר האט ערוואַרטעט, דאַן פיהלט איהר זיך אונגליקליך — אלעס וואס איהר זוכט איז, דיא תאוה! אונד טאקע דערפאר אליין, פערגעסען מיר זיך גאר אין גאנצען אין חתונה האבען צום צוועק פון קינדער האבען, זאָנדערן מיר זוכען נאָר צו ענטוויקלען דיא לוסט נאָר צום צוועק פון שמוטץ אליין. דאס איז שרעקליך, שוידערהאפט!"

מיר האבען איהם אלע געלאָזען אויסרעדען אונד איהם ניט אונטערבראָכען, ווייל מיר האבען איהם שוין געקענט אין דיעזער בעציהונג, אז ער האט געמוזט ארויס זאגען אין אזעלכע מאָמענטען אלעס וואס עס ליעגט איהם אויף׳ן הערצען.

„אונד דיא פרויען," האט ער פלוצלינג וויטער געזאגט, „מיינט איהר, אז זייא זיינען בעסער? אָבער, ענטשולדיגט מיר, איך דענק, אז איך האב שוין צו פיעל געפלוידערט."

ער האט בייא דיעזע ווערטער זיך אָבגעווישט מיט זיין ווייסע האנד טיכעל זיין הויבען אונד פערשוויטצטען שטערן. דאן האט ער זיך צוריק געזעטצט געמיטהליך אויף זיין שטוהל אונד זיך פערדרויכט דיא פערלאָשענע ציגארעטע.

„דאס אלעס איז דיא ריינע וואהרהייט!" האט אויסגערופען א סטודענט איבערציינט פון וואסילי׳ס ווערטער.

„וואס?" האט וואסילי ניקאָלאיעוויטש געפרעגט.

„דאס וואס איהר האט געזאגט."

„יא, יא, פאָזיטיוו!" האט איין אנדערער סטודענט איינגעשטימט.

„איך בין מודה, אז ער האט רעכט," האט דער פראָפעסאָר דער ליטעראטור געזאגט. „אָבער אזוי צו פערדאמען יעדען איינעם, וויא וואסילי ניקאָליאעוויטש טהוט, איז אונרעכט. יא, דיא תאוה איז אין פיעלע בעציהונגען זעהר שעדליך — איך מיין נאטירליך דיא איבערפליססיגע תאוה — אָבער מען דארף ניט פערגעסען, אז דיא ערציהונג אונד געזעלשאפטליכער פערקעהר"...

„געוויס, געוויס," האט איהם וואסילי אונטערבראָכען, „דאס דארף מען אויך ניט פערגעסען. עס איז טאקי א הויפטזאך וואס מען מוז געדענקען. דיא ערציהונג אונד דער געזעלשאפטליכער פערקעהר, האבען דערמיט זעהר פיעל צו טהאָן. אָבער ווער זאגט אייך דען, אז דיעזע ערציהונג אונד געזעלשאפטליכער פערקעהר מוזען אזוי זיין? דענקט איהר, אז עס איז ניט מעגליך צו ועקסלען דיא צושטענדען? אונד, מיינט איהר, אז א מענש דארף טאקי אזוי שטארק זיין אום

אונד ער אליין האט עס אויך געוואוסט — אז פון זיינ׳ בײדע לונגען איז שוין כמעט נאר ניט געבליעבען. ער האט בייא מיר אויסגעזעהן וויא א פעראורטהיילטער צום טויט, וועלכען מען דערמאָהנט יעדען אויגענבליק, אז אָט מוז ער שטארבען. ע פלעגט ארום געהן איבער זיין צימער הין אונד צוריק, אונד אויף זיין געזיכט אי געלעגען א וועלט מיט וועהמוטה אונד נאכדענקען. ער האט ניט גערעדט פי׳ל זיך ניט בעקלאגט, אונד נאָר געדולדיג ערווארטעט דעם טויט.

„אין דיא לעטצטע פאאר טעג אָבער, פאר זיין טויט, איבערהויפט אבענד האט ער זעהר פיעל געשפּראָכען. ער איז געוועזען א ליידענשאפטליכער אונ׳ עמפפינדליכער מענש, וועלכער האט געקענט אויפגערעגט ווערען פון דער מינדעסט׳ קלייניגקייט, אבער ער איז געוועזען א העלד אין צוריק האלטען זיינע געפיהלע, זייא ניט ארויס צו צייגען עפענטליך. איך האב אָבער גענוג געלעזען אויף דיין געזיכט אין דעם טאָן פון זיינע ווערטער אונד זיין נערוועזע בעגעהמונג, וועלכע האבען אי מיר ארויס גערופען אזוי פיעל מיטלייד, אז איך האב געמוזט אָבווענדען מיין געזיכ׳ פון איהם אונד וויינען.

„איך האב איהם, אין דער קורצער צייט פון אונזער בעקאנטשאפט, אזוי ליעב׳ געוואונען, גלייך וויא ער וואָלט געוועזען מיינער א לייבליכער ברודער. ווען איך האב געקענט, האב איך אומגעווענדעט דאס געשפּרעך איבער וועלטליכע זאכען, אונ׳ איהם צו מאכען פערגעסען אויף א קורצער צייט אן זיין טרויעריגעס שיקזאל. אונד דאס איז מיר אָפט געלונגען, דען ער איז געוועזען נייגיעריג צו בעשפּרעכען אינט׳ רעסאנטע פראגען, אונד, אין זאָלכע געשפּרעכע, האבען מיר כמעט אימער איי׳ געשטימט.

„ער האט מיר דערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע פון זיין לעבען. ער האט פאר מיר אבגעשילדערט אלעס וואס מיט איהם פּאסירט ביז דאמאלס, אונ׳ דערצעהלט גאנץ גענוי, איבער דיא קוואלען אונד מארטערניסע וואס ער האט׳ געהאט איבערצושטעהן ווען ער האט געמוזט אויפגעהמען דאס לעבען ווא עס אי׳ אונד וויא אזוי זיין געוויסען האט דאגעגען פּראָטעסטירט. יא, דער אונגליקליכ׳ איז געוועזען איינער פון דיעזע מענשען, וועלכער האט געפיהלט, (טראָטץ דער איי׳ שטימונג פון דיא זאָ-גענאנטע מאָראל-מענשען, אז מיר פיהרען זיך גאנץ ריכטי׳ דאס דיא געזעלשאפט טהוט ניט אלעס וויא עס בעדארף צו זיין. אין זא׳ מאָמענטען, האב איך איהם אויך ענטדעקט אָפענהערציג מיינע אידעען, אונד א חאב מיט איהם איינגעשטימט.

ווהינ, „איז אויך נעווען א סטודענט אונד ער איז נעשטארבען פון דער שווינדזוכט. אין דער וואהרהייט נעשפראכען אבער, איז ער נראדע ניט נעשטארבען פון דער שווינדזוכט, זאנדערן פון דער אוננאטירליכער תאוה, וועלכע האט פריהער געטויטעט זיין גייסט אונד דאן אויך נעפאדערט זיין קערפער, נראדע דורך שווינדזוכט. אפילו כויט נאך דער לעהרע פון דער מעדיצין, קומט דיא שווינדזוכט צו מענשען, וועלכע זיינען אבגעשוואכט אזוי שטארק אז זייא קענען ניט ווידערשטעהען דיא באסטערען פון שווינדזוכט. ענטשולדיגט מיר, טארבונאוו,“ האט וואסילי נעזאגט זיך ווענדענדיג צום ארצט, „איך מיין ניט חלילה צו בעליידיגען אייער פראפעסיאן, אין נעגענטהייל, ווען נעטהיג, אקצעפטיר איך אויך עפעס פון דער מעדיצין.“

„אה, וואסילי, איהר זייט ענטשולדיגט,“ האט דער ארצט נעענטפערט לאכענדיג.

טארבונאוו האט דערווייל ארויס גענומען א זילבערנע פושקע פון דער קעשענע, פון וואנען ער האט ארויס נעצוינען א סיגארעטע, פ רויכערט, אונד זיך פערטיג נעמאכט צו הערען וואסילי'ן רעדען, וועלכער איז ערנסטער נעווארען פון סעקונדע צו סעקונדע.

„אבער ערצעהלט אונז דיא נעשיכטע,“ האט דער סטודענט ווידער נעזאגט זעהר אונגעדולדיג.

„ריכטיג, וואסילי,“ האט טארבונאוו בעמערקט ארויס לאזענדיג א בלויען רויך פון זיין מויל, „איהר האט מיר שוין אמאל עפעס נעזאגט פון איהם, אונד, לויט וויא איך פערשטעהה, איז עס איין אינטערעסאנטע נעשיכטע.“

„איך האב מיך מיט איהם צוזאמען נעטראפען,“ האט וואסילי ניקאלאיעוויטש אנגעפאנגען, „בייא מיינעם א קאלענע, מיט וועלכען ער האט נעוואהנט צוזאמען; דאמאלס איז ער שוין נעשטאנען מיט איין פוס אין קבר. ער איז נעווען מאגער, בלאס אונד זיין ברוסט איז נעווען איינגעפאללען וויא דער פאלל איז מיט יעדען שווינדזיכטיגען. זיינע גרויסע אונד בלויע אויגען, האבען איבער מיר אונטערדעסען נעמאכט א נעמישטען איינדרוק גלייך בייא אונזער ערשטער בעקאנטשאפט. איך האב נעשפירט, אז איך האב צו איהם ערשטענס א גרויסע ניינונג אונד אויך איין אונבעשרייבליכעם מיטלייד. דיעזעס נעפיהל וועל איך ניט פערגעסען, כל־זמן איך וועל לעבען.

„צו יענער צייט איז איהם ערגער נעווארען פון שטונדע צו שטונדע. יעדע האפנונג פון רעטונג איז נעווען פערשוואונדע. דיא ערצטע האבען איהם נעזאגט—

דעם סטודענט'ס ערצעהלונג.

1.

איך האב דאמאלס געוואָהנט אליין אין מאָססוואַ, וויא פיעלע אנדערע סטודענטען פון מיין פאך. איך האב געהאט א בילינגעס מעבלירטעס צימער, בעז־זוכט דיא אוניווערזיטעט אונד געגאנגען הערען פאָרלעזונגען. איך פלעג מיך צוזאמען קומען מיט מיינע קאָלעגען, דיא אנדערע סטודענטען, געשפּראָכען, געפּלוידערט. בעזוכט דאס טהעאטער, געטרונקען ניט זעלטען א שנעפּסעל, אונד, מיט איינעם וואָרט, איך האב געלעבט וויא א וואָהרער סטודענט.

דאכט זיך, אז אזא לעבען איז גאנץ אינטערעסאנט אונד ענטהאלט אין זיך גענוג אויפרעגונג, אום מען זאָל ניט וויסען וויא דיא צייט פערשווינדעט; אָבער מיט מיר איז עס אנדערש געוועזן. איך האב געבענקט נאך עפּעס, אונד מיין הערץ האט געצווינגען נאך אנדערע זאכען. עס איז מיר געוועזן, אונגעפעהר, גלייך וויא איך האב פערשטאנען, אז מיר פעהלט עפּעס, נאָר איך האב ניט געוואוסט וואס.

מיט דער צייט איז עס אזוי ווייט געקומען, אז קיין זאך האט מיך מעהר ניט אמוזירט, קיין אונטערהאלט האט מיך אינטערעסירט, אונד איך האב פערבראכט איין טאָג נאָך'ן צווייטען אויף איין אָרט, אונפערוועקסעלט.

מיר האט זיך געדאכט, אז איך לעב אין א געפענגניס, וואו איך מוז אויף שטעהען אין דער פריה, עסען, טהון מיין ארבייט, געהן וואו מען שיקט מיך, אונד דאן ווידער צוריק קעהרען צו בעט. אזא ארט לעבען איז מיר גמאס גע־וואָרען.

איך האב פראָבירט מעהרערע מאל צו אונטערזוכען דיא אורזאכע פון מיין טרויעריגער איינזאמקייט. אמאל האט זיך מיר געדאכט, אז עס איז דערפאר, וויל דאס שטעדטישע לעבען האט זיך מיר צוגעגעסען; איין אנדער מאל האב איך געקלערט, אז מיר פעהלט דיא בעוועגונג אויף דיא פעלדער, אין דער פרייער נאַטור. וויא דיא זאך איז, איך בין געוועזן אזוי איינזאם ביז צור פער־צווייפלונג.

דאס האט מיך ניט נאָר בעטריבט אין געמיטה, זאָנדערן עס האט אויך געשוואכט מיין קערפּער, אונד איך האב געפיהלט א שוואכקייט איבער יעדעס גליעד קומענדיג איבער מיר פון טאָג צו טאָג.

„ער האט מיר געזאגט, אז ער האט אויפגעשריעבען א קליינעס בוך איבער טאנכע וויכטיגע פאסירונגען אין זיין לעבען, אונד טראכט דעם וואס ער איז געווען אזוי שוואך, האט ער מיך געבעטען איך זאל דאס הערען, וויא ער וועט עס פאר־לעזען. עס איז קיין צווייפעל, אז אין דיעזער ערצעהלונג, ווערט זיין כאראקטער אמבעסטען געשילדערט. ווילט איהר איך זאל עס אייך פארלעזען? אויב עס וועט אייך אינטערעסירען, קענט איהר עס הערען. מיך, ווענינגסטענס, האט עס זעהר פעראינטערעסירט.״

„לעזט עס פאר! לעזט עס פאר!״ האבען מיר אלע געזאגט איינשטימיג.

„אין געגענטהייל, ווען עס האט אייך פעראינטערעסירט, וועט עס אונז אויך נים מינדער אינטערעסירען.״

וואסילי ניקאלאיעוויטש איז צוגעגאנגען צו זיין שרייב־טיש, ארויס גענומען א בלויען פאקעט, אין וועלכען עס זיינען געלעגען איינגעוויקעלט דיא כתבים פון זיין טויטען פריינד. ער האט זיך אוועק געזעטצט ביים טיש אונד זיך פערטיג געמאכט פארצולעזען.

„זעהט איהר,״ האט ער געזאגט, אלס ער האט געעפענט דיא פאפירען אונד דיא צוגעטראגען צו זיינע קורצזיכטיגע אויגען, „עס איז, נאך מיין מיינונג, נים זעהר קינסטלעריש אויפגעשריבען, אבער דערפאר, ענטהאלטעט עס איין איינפאכע, וואהרע אונד אויפריכטיגע שילדערונג. אויפריכטיגקייט, מיינע הערען, פון סאי וואס פאר א קוועללע עס קומט, רעגט אונז אן צום דענקען אונד ווירקט אויף אונזערע פערשלאפענע נשמות. מיר זעהן פאר אונז ערשיינען בילדער, אבוואהל שוין בעקאנט פון פריהער, אבער זייא מאכען אונז אויף אזוי ווייט אויפ־מערקזאם, אז מיר מוזען זיך אבשטעלען פון צווישען דעם לעבענס־גערויש אונד טראכטען.

„מיר טראכטען אונד מיר שטודירען דיעזע בילדער מיט אפענע אויגען אונד מיר ציהען דערפון רעזולטאטען. איך האף, אז דאס וועט אייך נים לאנג־וויילען.״

וואסילי ניקאלאיעוויטש האט אנגעפאנגען צו לעזען, אונד יעדער איינער פון אונז האט באלד פערשלונגען יעדעסווארט מיט געשפאנטער אויפ־מערקסע.

אבער אויך דיעזע אונטערנעהמונג האט גאר ניט געווירקט. איך בין געקומען אין דיא גרעסטע שטראסען, געגאנגען שנעל, מיך דערהיטצט, דאן געקוקט אויף דיא פארביינעהער, אונד — איך האב ערבליקט דיא געזיכטער פון דיא שעהנע פרויען. דאס האט באלד געווירקט אויף מיין פאנטאזיע, אינד געדאנקען, פינסטערע אונד שטירמישע, פולל מיט תאוה אונד אויפרעגונג, האבען דאס צירקולירענדע בלוט אונגאטירליך אויפגעבראוזט, אונד מיר פלעגט זיך דאכטען, אז אין מיינע אדערן איז אריין פייער. יא, אויך אין אזעלכע שפאציערען, האב איך ניט געקענט געפינען קיין שוטץ פאר דער פערפאלגענדער מרה־שחורה.

איך בין געוועזען קראנק אין לייב אונד זעעלע. דאן האב איך ווידער גענומען דענקען פון וואנען דאס אלעס קומט, אונד איך האב בעשלאסען, אז וועהרענד דיא לעטצטע עטליכע יאהר, וואס איך האב פריהער צוגעבראכט אין גימנאזיום אונד דאן אין דער אוניווערזיטעט, האט אלעס פעראורזאכט. ניט האבען גענוג לופט, ריכטיגע בעוועגונג, האט עס אבגעשוואכט מיין קערפער. דאן איז מיר קלאר געווארען, אז דיא ארבייט וואס האט מיך בעשעפטיגט, רויכען, טהעאטער, וויין אונד בראנפען, זיינען געוועזען דער מלאך המות פון מיין זעעלע. הויפטזעכליך אבער האט מיין גייסט געטויטעט, דער אונמענשליכער אונד אונגאטירליכער אומגאנג מיט אלערלייא פרויענצימער.

איך האב אנגעהויבען וויא צו עפענען מיינע אויגען אונד ארויס זעהען, אז מיין פערדארבענהייט איז געוועזען שרעקליך. איך האב מיך דערמאהנט אן דיא צייטען, ווען איך האב אויפגעטריעבען דיא תאוה ביז צו איהר העכסטער שטופע, אונד געזוכט פרויענצימער פון אלע ווינקלען, אום דיא תאוה ווייטער צו טרייבען אונד טרייבען ביז איך בין געפאלען פערמאטערט. אט דאס, האב איך מיר געטראכט, איז דיא אורזאכע פון מיין גייסטיגער שטערונג.

אין זאלכע מאמענטען האט מיך עראינערט דאס לעבען פון אנדערע סטודענטען, וועלכע האבען זיך אויך אזוי אויפגעפיהרט וויא איך אונד איך האב בייגעוואהנט זייער סוף. איך האב מיך דערמאהנט אן איינעם, וועלכער איז משוגע געווארען אונד האט געמוזט אבגעשלאסען ווערען אין איין איררענאנשטאלט; איין אנדערער, אין א מאמענט פון פערצווייפלענדער מרה־שחורה, האט ער אריין געיאגט א רעוואלווער־קוגעל אין זיין קאפ; א דריטער, וועלכער איז פערבליעבען איין אונ־היילבארער אידיאט. מיר איז קאלט געווארען אונד איך האב געשוידערט.

אונטערדעסען האט מיין לאנגווייליגקייט געשטיגען, מיין אונמוטה האט געוואקסען אונד שרעקליכע בילדער פון ווילדע פאנטאזיען האבען מיך ניט געלאזען

אָבער דאס בעטריבטסטע געמיטה האט געמאכט גרויסע פאָרטשריטע, אונד וועהרענד מיינע מרה-שחורה'דיגע שטונדען, האב איך פערלוירען יעדע פערנינפטיגע איבערלעגונג אלס מענש, אונד מיך געשפירט פעהיג צו די גרעסטע פער־ברעכען.

מעהרערע מאל האט עס פאסירט, וואס איך האב בעשלאָסען, נאכדעם וויא איך בין אהיים געקומען פון דער אוניווערזיטעט, צו נעהמען א בוך אין האנד, מיך פערטיעפען אין דעם אונד פערגעסען אן אלעמען. יא, מיין ענטשלוס איז געוועזן א פעסטער, דאס בוך האב איך גענומען אין האנד, געעפענט מיינע אויגען, אנגע־שטרענגט מיין געהירן, געלעזען, אבער איך האב גאר ניט געקענט פערשטעהן. פאר מיינע אויגען האט אויסגעזעהן אויפצושטייגען א דונקלער שאטען, אונד זוכענדיג די בוכשטאבען, האט זיך מיר געדאכט, אז אלע האבען זיך צונויפגענאָסען אין גרויסע געלע פלעקען — איך האב געמוזט שרעקליך געגעצען, די טרערען זיינען געלאָפען פון די אויגען אונד איין אוננאַטירליכע מידקייט האט מיך ערגריפען אונד איך האב געוואָלט שלאָפען.

דאן האב איך מיך געלעגט אויף'ן בעט, צופריעדען דערמיט וואס איך וועל פערשלאָפען די מרה־שחורה'דיגע צייט. אָבער דער שלאָף איז ניט געקומען, אונד מיר האט עס אויסגעזעהן, אז אלעס שפיעלט מיר אלס געגנער, אפילו די נאטור איז אויף מיין געגנערין. ווייל איך האב געוואָלט שלאָפען אום צו פערגעסען אן אלעס, האט מיך די נאטור געהאלטען וואך, וויא א מערדער, וועלכער זעהט פאר זיך זיינע אָפּפער, וואס לאָזען איהם ניט רוהען.

דער קאָפּ פלעגט ביי מיר ווערען שווער וויא א קלאָטץ, די גליעדער מאטלאָז אונד יעדע גייסטיגע ענערגיע איז פערשוואונדען.

ווען מען האט מיר אריין געבראכט עסען, האב איך געוואָלט פערשלינגען די שפייזען וויא אין די אלטע גוטע צייטען, ווען איך האב אזוי הנאה געהאט פון א מיטאג. יא, דעם ווילען האב איך געהאט, נאָר דער אפעטיט האט מיר געפעהלט. ווען איך האב גענומען א ביסען אין מויל, האב איך געשפירט דעם טעם פון גראָז.

דאן בין איך ארויס אויף דער גאס, מיט דעם בעשלוס, אז דער גערויש פון מאָסקווא זאָל מיך צערשטרייען. איך האב אויך גערעכענט, אז א גוטער שפאציר, וועט פעראורזאכען וואס מיין בלוט אין קערפער וועט אָנהויבען בעסער צו צירקו־לירען, אונד איך וועל מיך פיהלען אלס א מענש.

אנפאנגס האב איך נאר ניט געקענט בעגרייפען דעם פריינד, אָבער אלס מיינע געדאנקען האבען אנגעפאנגען צוריק צו קעהרען, האב איך מיך אזוי דערפרייט, אז איך האב געדריקט זיין האנד מיט מיין גאנצער קראפט.

ווען ער האט מיך איינגעקלאָרען איך זאָל איהם בעגלייטען אין זיין האָטעל, וואו ער האט אָבגעשטיגען, האב איך דאס געטהאָן מיט פערגניגען.

איך האב דערווייל ערפאהרען, אז אלעקסאנדער דימיטריעוויטש איז געקומען נאך מאָסקווא אויף איינינע טעג אום עפּעס איינצוקויפען, אויך ערלעדיגען מאנכע געשעפטען. ער האט שוין געהאט אלעס אָבגעפערטיגט אונד אויף'ן אנדערן טאָג, האט ער בעדארפט אהיים פאָהרען.

זיין געגענוואַרט האט מיך אויפגעלעבט אונד איך האב מיט איהם צו־זאמען פערווײלט א פּאאר שטונדען אונד מיט איהם גערעדט איבער פער־שיעדענעס.

עס איז געוועזען א לאנגע צייט זייט מיר האבען זיך ניט געזעהען, אונד ער איז געוועזען ניט ווענינער ערפרייט מיט מיר וויא איך. ער האט מיך אויסגעפרעגט איבער מיין לעבען, מיין שטודיום אונד אנדערע זאכען, אויף וועלכען איך האב געענטפערט אזוי פיעל וויא איך האב פערשטאנען, אז עס פּאסט.

נאכדעם האט ער מיר אָנגעפאנגען צו דערצעהלען איבער זיך אליין אונד זיין פאמיליע.

איך האב אויסגעהערט מיט ערשטוינען, אז ער האט ניט נאָר חתונה געהאט, אנדערן דאס ער האט שוין אויך קינדער.

איידער איך בין פון איהם אוועק געגאנגען, האב איך מיך ניט געקענט צוריק האלטען איהם צו דערצעהלען איבער מיין מרה־שחורה.

„דוא קענסט מיך געזונד מאכען,“ האב איך געזאגט וויא אין שפּאס. „דוא אליין ביסט דאך געזונד, אונד נאָר געבען דיר זיין, קען מען זיך שוין אויך אנגעהמען מיט געזונדהייט. וואס זאָל איך טהון?“

אלעקסאנדער דימיטריעוויטש, וועלכער האט מיך שוין ביז דאמאלס בעטראכט זעהר אויפמערקזאם, האט ווידער געוואָרפען א דורכזוכענדען בליק אויף מיין געזיכט, אונד געענטפערט מיטלײדיג:

„יא, פריינד, דאס איז זעהר ניט גוט, אז מען איז קראנק. דוא זעהסט אויס שרעקליך. עס שיינט, אז דוא זאָרגסט נאר ניט פאר דיין געזונדהייט. דוא מוזט דיר זעהען ערהאָלען, דאס לעבען אין שטאדט, איז אָהנע צווייפעל, ניט זעהר גוט.

רוהען. דאס לעבען איז פאר מיר געווארען עקעלהאפט, דיא עקזיסטענץ אתער טרענליך אונד איך האב געשפירט, אז מיינע כוחות לאזען זיך אויס.

דאך, האט זיך זעלטען יעמאנד געוואונדערט אויף מיין צושטאנד, אונד עס האט אויסגעזעהן, אז איך בין ניט קיין אויסנאהמע, ווייל פיעלע אנדערע סטודענטען האבען אויך אזוי אויסגעזעהען.

אבער דיא נאטור, דער אלמעכטינער ארצט, האט באלד בעוויעזען זיין ווירקונג. ווען איך האב מיך געשפירט אזוי אונגליקליך אונד אלעס האט מיך געעקעלט, האב איך מיך אויף א קורצער צייט צוריס געצויגען פון דער פערדארבענהייט. ניט דערפאר ווייל איך האב געוואוסט, אז דאס איז מיר שעדליך, זאנדערן איינפאך, ווייל איך האב עס ניט געקענט ערטראגען. פרויען, רויבען אונד טרינקען, האב איך אויסגעמיעדען אויף עטליכע טעג, אונד דאס האט אימער פעראורזאכט א בערוהיגונג אין מיין נייסט אונד קערפער. דער אפעטיט פון עסען האט אנגעהויבען צוריק צו קעהרען; דיא פאנטאזיען זיינען שוואכער געווארען אונד פערלוירען זייערע שרעקענס-בילדער; איך האב אנגעהויבען ביסלעכווייז צו שלאפען, אונד דאן האב איך געשפירט שטארקייט צוריק קעהרען.

זא שנעל אבער וויא דאס נאטירליכע אונד רעגעלמעסיגע לעבען האט זיין ווירקונג געמאכט, זא שנעל וויא איך האב אנגעהויבען צו שפירען דיא יוגענד־קראפט צוריק קעהרען, איז אויך מיין אלטע געוואהנהייט ערשיענען. דער אפעטיט פון עסען האט אויך געבראכט אפעטיט צום רויבען, דאן א גלאז ווין, א שנעפסעל, א בעזוך אין טהעאטער, אונד -- בילדער פון פרויען זיינען ערשיענען.

וויא א שיכור וואס פערלירט זיין גאנצע קראפט דורך בעזויפענהייט אונד פאלט אריין אין א שמוטציגען זומפף, אזוי איז עס מיט מיר אויך געוועזן. איך האב פערגעסען אן אלעמען, אונד איך בין וויעדער געפאלען, ווייסענדיג אין שמוטץ אזוי לאנג, ביז דיא מרה־שחורה אונד דער עקעל האבען צוריק געקעהרט.

אזוי האב איך פערבראכט מיין סטודענטען־לעבען, פאלענדיג אונד אויפהויבענדיג זיך. אבער, יעדער פאל האט אלץ מעהר אבגעשוואכט דיא קראפט פון אויפהויבען זיך, ביז איך בין געווארען א שברי־כלי אונד איך האב מעהר ניט געוואוסט אויף וואס פאר א וועלט איך געה ארום.

אין א טאג, אלס איך האב געוואנדערט איבער דער שטראסע אהיים, אהן א שום געדאנק אין קאפ וויא איין אידיאט, האב איך בעגעגענט אויף דער גאס איין אלטען פריינד פון מיין פאטער'ס הויז. ער איז געוועזן איין אלטער אונד ליעבער גוטער פריינד, אונד זיין נאמען איז געוועזן אלעקסאנדער דימיטריעוויטש.

2.

איך קען זאגען, אז זייט איך געדענק מיך זעלבסט, האב איך אויך געקענט אַלעקסאַנדער דימיטריעוויטש.

זיין נאמען איז געווען פערבונדען מיט פיעלע זיסע עראינערונגען פון מיין אונ־שולדיגער קינדהייט. איך האב מיך עראינערט ווען ער האט מיט מיר גע'שפּאסט אונד געשטיפט אלס קינד אונד דיא פערגאנגענהייט האט מיך אָנגעפיללט מיט פרייד אונד פערגניגען.

אלעקסאנדער דימיטריעוויטש איז געווען דער קוואטער פון מיין אינגערער שוועסטער. אונד אלעקסאנדער דימיטריעוויטש איז זעהר אָפט געגאנגען מיט מיין פאטער אויף דער יאגד, אונד צו נייא־יאהר, האט ער פאר אונז אלע געבראכט שעהנע פּרעזענטען.

אין מיינער פאנטאזיע איז געווען פערבונדען אנגענעהמעס אונד שעהנעס מיט זיין נאמען. ער איז געווען כמעט אונזערער א שטוב־מענש. קיין קינדער האט ער ניט געהאט אונד זיין פרוי האבען מיר ניט געקענט. זיא האט געוואָהנט אירגענדוואו אין א ווייטער גובערניע פון זיד־רוסלאנד, אונד ער האט קיינמאל איבער איהר ניט געשפּראָכען. מיר האבען אָבער אונטערדעסען געוואוסט, אז זיא איז אימער געווען קראנק.

אין א טאג איז ערשיענען אלעקסאנדער דימיטריעוויטש אין אונזער הויז זעהר טרויעריג אונד בעטריעבט. מיר זיינען אלע געווען דאריבער ערשטוינט, ווייל זיין נאטירליכע מונטערקייט איז קיינמאל ניט געשטערט געוואָרען. מיר האבען גע־וואוסט, אז מיט אלעקסאנדער דימיטריעוויטש'עס ערשיינען, וועלען מיר האבען א וויטץ, א שפּאס, אונד אלע וועלען לאכען. אָבער אין דיעזען טאָג איז ער געווען אונגעוועהנליך שטילל.

מיר זיינען אלע געווען נייגיעריג צו וויסען וואס דאס בעדייטעט, אונד מיין מוטער האט איהם בעדרונגנען מיט פראגען ער זאָל אונז זאגען וואס עס האט פּאסירט. ער האט אונז דערצעהלט, אז זיין פרוי איז געשטאָרבען אונד ער איז געבליעבען אליין אין דער וועלט. דאן האבען אָנגעפאנגען צו לויפען דיא טרערען פון זיינע גוטע אויגען אונד מיר האבען מיטגעוויינט.

איך קען מיך נאך גאנץ גוט עראינערן אן יענער סצענע, ווייל מיר, דאס

אונד אונזער ערציהונג, דאס הייסט, דיא שלעכטע ערציהונג, האט דערמיט פיעל צו טהון. אָבער א מענש דארף ניט פערצווייפלען. מען מוז זיין א מאן, פריינד! עס איז א פערברעכען זיך קראנק צו מאכען אונד זיך אזוי אָבלאָזען וויא דוא. ווייסטו וואס, פאָהר מיט מיר אויף מיין גוט. ער ליעגט ניט וויט פון דאנען. איבערמאָרגען זיינען מיר דאָרט. אויף מיין גוט וועסטו דיך ערהאָלען. דוא וועסט געהען אין פעלד, אין וואלד, איבעראל וואו עס בלאָזט א ריינע אונד פרישע לופט, אונד אזוי וועסטו דיך ערהאָלען. דוא וועסט אויך קענען געהן אויף דער יאגד. איך בין אפילו ניט קיין יעגער, אָבער דאָך האב איך א גוטען יאגד־הונד. דוא מוזט וואהרשיינליך ליעב האבען דיא יאגד? דאס שאדעט ניט, איבערהויפט יעטצט, ווען עס איז נעטהיג דוא זאָלסט זיין אויף'ן פרייען פעלד אזוי פיעל וויא מעגליך. יא, יא, קום מיט מיר, דיא ריינע אונד פרישע נאטור, וועט זיין דיין בעסטער דאָקטאָר אונד עס וועט דיך אויך קורירען."

זיין קורצע שילדערונג איז מיר געפעלען געוואָרען, אונד איך האב ניט נאָר געשפירט, אז ער האט רעכט, זאָנדערן יעדעס וואָרט איבער דער נאטור, האט מיך אזוי אָנגעצויגען, אז איך בין שוין נייגיעריג געוועזען צו זיין אויף זיין גוט.

אויף'ן לאנד צו לעבען, געהן אויף דער יאגד, איבער דיא גרינע פעלדער אונד בערג, צווישען דיא בוימער, איינאטהמען דיא הערליכע לופט, — דאס אלעס האט מיך בעגייסטערט. איך האב איינגעזעהן, אז דאָרט, אין דער שטילער אונד איינזאמער געגענד, וועט קיינער ניט זיין וואס זאָל מיך ארונטער פיהרען פון וועג, אונד דאָרט וועל איך קענען געהיילט ווערען גייסטיג אונד קערפערליך.

איך האב שוין פריהער איינמאל דאריבער געדענקט, אז איך זאָל אהיים פאָהרען, אָבער אונזער גוט איז געלעגען צו וויט פון מאָסקווא. דיעזע געלעגענהייט האט מיר אויסגעזעהן נאך מעהר וויא געוואונשען.

איך האב פערשפראָכען אלעקסאנדער דימיטריעוויטש מיט איהם צו פאָהרען אויף זיין גוט, דעם אנדערן טאָג.

„דאס איז שעהן!" האט ער אויסגערופען ערפרייט פון מיין ענטשלוס. „דוא וועסט אויך דערווייל בעקאנטשאפט מאכען מיט מיין פרוי. זיא אונד דיא קינדער, וועלען זיך זעהר פרייען דאריבער. איך האב א טאָכטער, טאָניא, וועלכע איז א וואונדערבארעס קינד. דוא וועסט ערשטוינט ווערען איבער איהר."

דימיטריעוויטש געווען בעקאנט. אלס קליינעס קינד איז לודמילא אופגענומען גע־ווארען פון איין אלטער גוטס־בעזיטצערין אין זיין נאכבארשאפט, אונד דארט איז זיא ערצויגען געווארען. אלס דיא אלטע פרוי איז געשטארבען, איז לודמילא איבערגעבליעבען אליין אויף דער וועלט, אהן א פאטער, אהן א מוטער אונד אפילו אהן בעקאנטע.

איך האב ערפאהרען, דאס ווען אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט מיט איהר געשלאסען בעקאנטשאפט, איז זיא געווען אזוי פערצווייפעלט, דאס זיא האט איינפאך ערקלערט, אז זיא וואלט זיך פערקויפט אפילו פאר א שקלאפין אבי צו האבען א היימאטה.

ווען אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט זיא געפרעגט אויב זיא וואלט מיט איהם געהייראטעט, איז זיא געווען אזוי איבערראשט פון גליק, אז זיא האט איהם געוואלט קושען דיא הענד אויס דאנקבארקייט. ער האט איהר אונטערדעבען נאכהער געגעבען געלעגענהייטען, זיא זאל דעם שידוך ניט אננעהמען. ער האט איהר געצייגט אנשטענדיגע פלעטצער, וואו זיא זאל קענען אנשטענדיג לעבען אונד הייראטהען א מאן פון איהרע יאהרען. אבער זיא האט פון קיין זאך געוואלט הערען. ער האט אלזא מיט איהר געהייראטעט.

צום ערשטען יאהר נאך דער חתונה, האט איהם זיין פרוי געבוירען א צווילינג. אלעקסאנדער דימיטריעוויטש איז געווען האלב ת'אהנזיניג פון גליק. ער האט געלאכט, געטאנצט אונד ניט געהאט גענוג ווערטער ווי אויסצודריקען זיין פרייד. דאן האט זיא געבוירען נאך א קינד.

ווען איך האב בעגעגענט אלעקסאנדער דימיטריעוויטש אין מאסקווא, איז ער שוין געווען היבשע עטליכע יאהר זייט איך האב איהם ניט געזעהן. איך האב נאַ־טירליך געקענט רעכענען איהם צו זעהן געעלטערט. אבער איך האב געהאט א טעות. ער האט פאזיטיוו אויסגעזעהן אינגער, וואס עס אנבעלאנגט זיין מונטער־קייט, האט ער פארגעשטעלט א שטיפענדען 10-יעהריגען אינגעל.

ער איז געווען גלאט אבגעראזירט אויף זיין געזיכט, געטראגען דיקע וואנצעס אונד פון זיינע אויגען האט ארויס געשיינט גליק אונד צופריעדענהייט.

מיט צוויא טעג שפעטער נאך אונזער בעגעגנונג, זיינען מיר געווען אויף זיין גוט, וועלכעס איז געלעגען אין א ווינקעל־געגענד, וויא פערשטופט אין שטילען שוים דער נאטור.

איה בין זאפארט בעגייסטערט געווארען מיט דער טרוימערישער אונד פאעט־טישער שטילקייט אויף'ן לאנד.

הייסט דיא קינדער, זיינען געווען זעהר בעטריבט דעם גאנצען טאָג אום אונזער פריינד דימיטריעוויטש.

נאכדעם האט ער אויפגעהערט אונז צו בעזוכען אזוי אָפט װיא פריהער, אָבער ער איז אונטערדעסען געבליעבען אונזער פריינד אונד מיר זיינע פריינד.

מיר, דאס הייסט דיא קינדער, האבען איהם גערופען „דוא,“ טראָטץ דעם וואס ער איז געווען א מאן אונד מיר בלויז קינדער. עס איז, וויא בעקאנט, אזא געוואָהנהייט אונטער קינדער ווען זייא קומען אָפט אין בעריהרונג מיט איין עלטערע פערזאָן, אונד ווען מיר זיינען אונטערגעוואקסען, האבען מיר זיך שוין ניט געקענט אָבגעוועהנען פון איהם רופען „דוא.“

ווען איך בין אַלט געוואָרען אכטצעהן יאָהר, עראינער איך מיך, אז ער האט אונז בעזוכט, אונד איך האב איהם אנגעשפראָכען מיט „איהר.“ ער האט מיך גערופען „גרויסער נאר“ דערפאר, אונד מיר געזאגט, ער וויל ניט איך זאָל איהם רופען אנדערש וויא „דוא.“ דאס איז אויך געווען דיא אורזאכע, ווען איך האב איהם בעגעגענט אין מאָסקווא, אונד איהם ניט געאירצט.

אלעקסאנדער דימיטריעוויטש איז געווען א מאן פון א יאָהר פופציג, ווען זיין ערשטע פרוי איז איהם געשטאָרבען. ער איז אלזאָ שוין ניט געווען קיין יונגער מאן, אָבער זיין געזונדהייט איז געווען בעסער וויא בייא פיעלע אינגערע מענשען. דערצו האט איהם זיין מונטערקייט צוגעגעבען איין אינטערעסאנטען יוגענד־גייסט.

ער איז געווען עטוואס פעט, מיט א בייכעל; זיין קאָפּ איז געווען בעדעקט מיט אייזען־גרויע האאר, אָבער זיין גאנג אונד אויפטריט, וויא אויך זיין פרישע פארב אין געזיכט, האבען איהם פאָר־געשטעלט אלס פיעל אינגער וויא ער איז געווען.

ווען ער איז געבליעבען איין אלמן, האט ער זיך צוריק געצויגען אויף זיין גוט אונד געפונען איין אנגענעהמע בעשעפטיגונג אין דער לאנד־ווירטהשאפט.

מיר האבען איהם א היבשע צייט ניט געזעהן אונד ניט געוואוסט גענוי וואס עס איז פון איהם געוואָרען. ער האט זיך אָבער אונטערדעסען בעקאנט געמאכט מיט א יונגעס מעדכען, מיט דעם נאמען לודמילא איוואנאָוונא, אונד מיט איהר חתונה געהאט.

לודמילא איוואנאָוונא האט ניט געקענט זאגען גענוי ווער איהרע עלטערן זיינע געווען. אַלעס וואס מען האט איבער איהר געוואוסט, איז אויך אלעקסאנדער

בענעהמען, אונד פון זיין פרוי האב איך נים ערווארטעט אזא אונטערטהעניגען ריענער־מאָן.

מען האט מיר גלייך אָנגעציינט א קליינעס בעזונדערעס צימער, וואס איז געווען נעבען אלעקסאנדער דימיטריעוויטש׳עס ארבייטס־צימער. איך בין אויך באלד בעזאָרגט געוואָרען מיט יעדער קליינינקייט.

איך האב מיך, פון דער ערשטער מינוט אן, געפיהלט זעהר בעקוועם, אונד, ווייל אין אלעקסאנדער דימיטריעוויטש׳עס געזעלשאפט, הערענדיג זיין מונטערע שטימע, האט זיך מיר געדאכט, אז מיין מרה־שחורה פערשווינדעט מיט דיא אויגען קוקענדיג.

איך האב געשפירט, אז דאָרט איז דער פלאטץ, וואו איך וועל קענען צוריק קריגען געזונדהייט, אונד מיין ערהאָלונג מוז קומען.

עפעס א מערקווירדיגעס געפיהל פון זיסער רוהע האט זיך פערברייטעט פון מיין הערץ איבער מיין גאנצען קערפער, אונד, ווען איך בין געבליעבען אליין, האב איך געוואָלט וויינען פאר גליק

3.

דיא נאטור ! הערליך אי דאס ווערק פון דער שעפפונג אונד ערהאבען איז דאס לעבען אונטער דיא נאטירליכע אונד נים געקינסטעלטע אומ־שטענדען.

דיא לופט פון דיא פעלדער, דיא ריינע זונענשטראהלען, דאס שפיעלען פון דיא פיינעלעך אויף דיא פרייע בוימער אונד דאס מורמלען פון דעם טייכעלע נעבען שטילען וואלד — דאס איז וואס ציהט אונז אן מיט נאטירליכקייט, ריינהייט אונד וואהרעס פערגניעגען.

נאך א לעבען פון געשטיקטער שטאדט־לופט, פון זאלאָנען־געררויש אונד געפודערטע חוה׳ס טעכטער, האב איך מיך פלוצלינג ווידער געפונען אין גאָט׳ס פרייער נאטור וואו יעדע איינאטהמונג שטארקט דעם קערפער, לייטערט דיא גע־דאנקען אונד מונטערט אויף דעם גייסט.

איך בין געצוואונגען געווען אָנצונעהמען א רעגעלמעסיגעס אונד געזונדעס לעבען.

ווי איך האב נאָר אויסגעטרינקען מיין גלאז טהעע גאנץ פריה, האב איך ארויף געלענט דיא ביקס אויף דיא א [illegible], אונד אין דער בעגלייטונג פון דעם

איך האב געהאט צוויא מאָנאט צייט דאָרט צו פערברעננען, אונד ער בליקענדיג דיא הערליכע נאטור, האט מיר באנג געטהאָן וואס איך וועל דאָרט נים קענען פערבלייבען מעהר.

יעדענפאלס האב איך בעשלאָסען איינצואטהמען אזוי פיעל פרישע לופט, וויא מיינע שוואכע לונגען וועלען נאָר קענען אריין נעהמען.

עס איז געוועזן צום ענדע מאָנאט אָקטאָבער. דאס וועטער איז געוועזן רוהיג אונד זעהר שעהן. אלעס האט אויסגעזעהן זיך צו באָדען אין ליכט פון דיא זוננען־שטראהלען. דיא גרינע פעלדער, דיא געלבע וועלדער. דער בלויער הימעל, דער קלארער טייכעלע, דיא געבלומטע לאָנקעס — אלעס האט אויסגעזעהן הערליך!

וויא מיר זיינען אריין אין זיין זויבערעס איינשטאָקיגעס הויז, איז אונז זיין גאנצע פאמיליע ענטקעגען געקומען. יעדעס געזיכט האט געשטראהלט מיט פרייד.

פון דעם עמפפאנג אונד פון דעם געשרייא אונד אונבעשרייבליכע פרייד פון דיא קינדער, האב איך פערשטאנען וואס פאר א פאטער ער איז.

אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט מיך פאָרגעשטעלט פאר זיין פרוי. זיא האט מיר אויסגעזעהן זעהר שעהן.

„דאָ שטעל איך דיר פאָר,“ האט ער געזאגט צו זיין פרוי וויזענדיג אויף מיר, „דעם זוהן פון סעמען פעטראָוויטש, פון וועלכען איך האב דיר שוין אזוי פיעל מאל דערצעהלט. ער וויל זיך בייא אונז ערהאָלען. מיר וועלען אלזאָ דארפען איהם גוט פפלעגען, איהם שיקען אויף דער יאגד, אונד איהם אזוי לאנג האלטען בייא אונז, ביז זיין געזונד אונד מונטערקייט, וועלען צוריק קעהרען.“

„עס פרייט מיך זעהר, עס פרייט מיך זעהר,“ האט געזאגט לודמילא איוואנאָוונא.

זיא האט מיר דאן געגעבען איהר האנד, אונד איך האב בעמערקט וויא איהר געזיכט איז אביסעל רויט געוואָרען.

עס האט ניט פיעל געדויערט אונד מיין אויפמערקזאמקייט איז צוגעצויגען געוואָרען צו איהר בענעהמונג. איהר שפראכע איז געוועזן גראָב, אָדער, אום זיך אנדערש אויסצודריקען, אונגעשליפען, וויא בייא דיענסט־מיידלעך.

איך האב אפילו געוואוסט אז אליהס[illegible]טש קומט אויך נים אויס דיא הויכער אריסטאָקראטיע, [illegible] געוואוסט וויא זיך צו

בייא אזא צייט, האבען זיך דיא קינדער צוריק געצויגען מיט רזניאשא׳ן, דאס קאמער־מעדכען, אין זייער צימער. דאן האבען זייא צוריק געקעהרט צום אבענד־עסען.

דיא עלטערע קינדער, א צווילינג, א מיידעל מיט א אינגעל, ביידע בלאס אונד מאגער, זיינען געווען זעהר עהנליך צו זייער מוטער, אונד פארגעשטעלט טרויעריגע אונד אונאנגענעהמע געזיכטער. דאס אינגסטע קינד, א מיידעלע וואס האט געהייסען טאניא, איז אלט געווע. בלויז 3 יאהר. זיא איז געווען א קאנ־טראסט צו דיא עלטערע קינדער, אונד האט ארויס גערופען איין ערשטוינען אונד בעוואונדערונג מיט איהר פייערדיגע שפראך אונד מונטערקייט. אלעקסאנדער דימיטריעוויטש, האט געליעבט טאניא׳ן, ליידענשאפטליך.

ער פלעגט זיא נעהמען אויף דיא הענד, מיט איהר שטיפען, שפיעלען אונד זיך אונטערהאלטען. מיט דיא אנדערע קינדער וויעדער, האט ער זיך זעהר וועניג אבגעגעבען.

טאניא האט ניט נאר אויסגעזעהן עהנליך צו איהר פאטער, זאנדערן זיא האט איהם אויך געליעבט מעהר וויא דיא אנדערע קינדער. זיא פלעג איהם אומ־ארמען, גלעטען אונד קושען.

„יעטצט, טאניא,“ פלעגט אלעקסאנדער דימיטריעוויטש צו איהר זאגען, „לאמיר זעהן אויב דוא קענסט מיך כאפען.“ — בייא דיעזע ווערטער האט ער אנ־געהויבען צו לויפען איבער דעם צימער.

„באלד, באלד,“ האט טאניא געענטפערט שנעל, אונד אנשטאט נאכצויאגען איהר פאטער, איז זיא לאכענדיג אליין ענטלאפען.

„אזוי נאר, דוא ענטלויפסט?“

„דוא קענסט מיך ניט כאפען, ניין, ניין, דוא קענסט ניט,“ האט טאניא גע־ענטפערט, אונד לויפענדיג ארום טיש, האט זיא געפאטשט מיט דיא הענטלעך אונד געשפרונגען וויא א יונג ציגעלע.

„אך, דוא קליין מיידעלע!“ פלעגט אלעקסאנדער דימיטריעוויטש אויסשרייען, זיך אומווענדען, נאכלויפען טאניא׳ן, זיא כאפען, נעהמען אויף דיא הענד אונד איהר אויסקושען יעדעס גליעד.

„פאפא, פאפעלע, טאטע, טאטעלע!“ האט טאניא געשריען עטליכע מאל מיט איהר זיסע שטימע אונד אויסשטרעקענדיג איהרע הענטלעך, האט זיא אומ־ארמט דעם פאטער אונד נאך אמאל געשריען לאכענדיג: „טאטעלע, טאטעלע!“

התה, בין איך אוועק אויף דער יאַנד פון פוינלען, וועלכע זיינען געווען אין גרויסע מאַסען אין יענער געגענד.

א גן־עדן גערוך פון בלומען אונד גראָז איז צופאַכט געוואָרען פון א לייכטע ווינטעלע, אונד איך האב מיך געשפירט אַזוי גליקליך, אז מיר האט זיך געדאַכט, דאס מיין הארץ ווערט פעט אונד דיק.

אויפהויבענדיג מיינע אויגען צום טיעף־בלויען הימעל, האב איך פערגעסען אן דער פערדאָרבענהייט פון דער וועלט אונד איך האב מיך פערלוירען אין זיסע טרוימערייען פון וואהרעס גליק.

דאַן האב איך בעמערקט בויערן געהען צו דער ארבייט; זייערע מונטערע שטימען האבען אָבגעקלונגען אין נאַטור'ס הערליכער לופט, אונד איך האב מיר געטראַכט, אַז די מענשען וואס לעבען נים מיט דער נאַטור, ווייסען נים די וואהרע בעדייטונג פון לעבען.

אום דרייא אוהר נאכמיטאג, האב איך צוריק געקעהרט אהיים, גליקליך, צופריעדען אונד געשטארקט.

איך האב דאַן פערבראַכט דעם גאנצען נאכמיטאג אין דער געזעלשאַפט פון אלעקסאנדער דימיטריעוויטש אונד זיין פאַמיליע.

ווייא עס איז נאַכט געוואָרען, זיינען מיר ארויס געגאנגען צוזאמען שפאַצירען אויף דעם גרינעם גראָז, אונד אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט מיר געצייגט מיט פערגניגען די געביידען, שפייכלער אונד פערשיעדענע שטאַלען וואס האבען בע־לאַנגט צו זיין גוט. דאַן האבען מיר צוריק געקעהרט אין הויז, אונד מיר האבען פערבראַכט די צייט אין שפייזע צימער.

מיר האבען גערעדט איבער אלעס מעגליכע וואס איז אונז געקומען אויף די געדאַנקען.

מיין אונמוטהה איז געוועזן פער־שוואונדען, מיין אונגעדולד האט מיך פערלאָזען, אונד איך האב געקענט הערען עטוועדער וויא איין אנדערער לעזט עפעס, אָדער איך זעלבסט האב געלעזען פיר די איבריגע. אמאל האב איך געשפיעלט שאך מיט אלעקסאנדער דימיטריעוויטש'ן, אונד איך האב בעגריפען, אז די שוואכזיניג־קייט איז אוועק אונד דער אלטער שארפזינן האט צוריק געקעהרט.

לודמילא איוואנאָווגא פלעגט אונטערדעסען עגטוועדער זיטצען ביים טיש, אָדער שפיעלען קלאַוויר אונד צו זינגען האלב־הויכע ראָמאנצען.

צייטענווייז האב איך זיא בעגלייטעט ביים געזאַנג, ווייל איך האב נים נע־האט קיין שלעכטע שטימע.

מאַנכע מאל, ווערהרענד מיר פלעגטן זיטצען ביים טיש, האב איך איהם געזעהען צונעהן צו דיא עלטערע צווייא קינדער, זייא אומארמען אונד קושען (זייא זיינען אימער געזעסען איינס נעבען דאס אנדערע) אונד צו זייא נערעדט ליעבענדע ווערטער.

אמאל האב איך איהם געהערט זאגען, אין א שמערצהאפטען טאָן, אז ער איז זעהר בעטריעבט דאריבער, וואס זיינע עלטערע קינדער זיינען ניט אזוי פרעהליך אונד מונטער וויא מאַניא.

„פרעהליכקייט אונד מונטערקייט אין א קינד,“ האט אלעקסאנדער דימיטריעוויטש בעמערקט, „איז א סימן פון פאָלקאָמענער געזונדהייט אין גייסט אונד קערפער. אָבער אלעס וועט נאך גוט ווערען — יא, עס מוז גוט ווערען, ווייל איך בין אזוי גליקליך!“

דיא צווייא עלטערע קינדער פלעגען בייא אזא סצענע אנפאנגען צו שמייכלען אונד זיך צורוקען וויא דערשראָקענע שעפּעלעך צוזאמען.

מעהר פון אלעס אין דער וועלט, האט אלעקסאנדער דימיטריעוויטש געליעבט זיין פרוי.

איך האב עס דאן צום ערשטען מאל בייגעוואָהנט, וויא עס איז מעגליך א מענש זאָל פערגעטערן א צווייטען מענשען. ער איז אימשטאנדע געווען צו פאלען פאר איהר אויף דיא קניעס אונד בעטען וויא צו א גאָט. אונד פיעללייכט האט ער עס אויך געטהאָן, ווען איך האב ניט געזעהן.

עס איז געווען א מערקווירדיגע אונבעשרייבליכע ליעבע. זאָנאר דער פלאַטץ וואו זיא איז געזעסען, איז בייא איהם געווען טהייער אונד ליעב.

אזא ליעבע, זעלבסטפערשטענדליך, איז אימשטאנדע צו פערשטעלען דיא אויגען פון אירגענד א מענשען אונד איבערהויפט אזא עהרליכען מאן וויא אלעקסאנדער דימיטריעוויטש איז געווען.

ער האט נים נאָר ניט געזעהען איהרע פעהלער, זאָנדערן ער האט נאר ניט געוואגט צו דענקען, אז עס איז מעגליך זיא זאָל האבען פעהלער.

אין זיינע אויגען איז זיא געווען א מלאך'טע, א געטטין, דיא פאָלקאָמענהייט זעלבסט.

איך קען מיך ערינערן וויא איך האב דאמאלס געשטוינט איבער אזא ברענענדער ליעבע. איך וואָלט עס מיר גאר קיינמאל ניט פאָרגעשטעלט, אז דיא ליעבע קען האבען אזא מאכט, ביז איך וואָלט עס ניט אליין בייגעוואוינט.

טאניא איז געוועזן א רייצענדעס, שעהנעס אתד זעהר ליעבעס קינד. איהר קלינגענדע שטימע האט אויסגעזעהן אָנצופיללען דאס הויז מיט דער אננענעהםסטער מוזיק; איהרע שווארצע אויגעלעך, האבען געפינסעלט מיט מונטערקייט אונד גליק; איהרע געקרייזעלטע האאר אונד צארטעס קערפער'ל, האבען אויך מיך ענטציקט.

יעדע בעוועגונג פון איהר, איז געוועזן ליעבליך, אונד אירגענד יעמאנד האט זיא געמוזט ליעבען.

זיא האט זיך אויך שנעל צוגעוואָהנט צו מיר, אונד איך האב זיא געקענט נעהמען אויף דיא הענד, זיך שפיעלען מיט איהר אונד פערברענגען דיא צייט אין איהר מונטערער אונד אונשולדיג גליקליכער געזעלשאפט, גראדע אזוי גוט וויא אנדערע בעקאנטע.

דאס גרעסטע פערגניגען האב איך געשפירט, ווען איך האב זיא געהערט רופען איהר פאטער.

„פאפא, פאפעלע! טאטע, טאטעלע!“ וויא שעהן, וויא הערליך אונד וויא געטטליך דאס האט געקלונגען. קען אירגענד איין אינסטרומענט אין דער וועלט ארויס ברענגען אזעלכע טענער? ניין, אונמעגליך! אונד וויא גליקליך דער פאטער האט זיך בעדארפט שפירען דערביי!

ווען ער איז געוועזן אין צימער, האט זיא זיך אימער געפונען נאָר נעבען איהם, אונד איהר קליינעס אָבער פעטעס הענטעל, האט אימער געגלעט זיינע באקען אונד איהרע ליפעלעך האבען געמורמעלט: „טאטע, טאטעלע!“

„פאפעלע!“ נאך קלינגט אין מיינע אויערן דיעזעס געטטליכע זיסע וואָרט.

ווען טאניא איז נים געוועזן אין צימער, האט עס אויסגעזעהן, אז עס פעהלט עפעס; אונד ווען איהר שטימע האט זיך נים געהערט, האט מען געקענט זיכער וויסען, אז זיא שלאָפט.

אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט אויסגעזעהן זעהר גליקליך. נאכדעם ער האט אָבגעלעבט פיעלע יאָהרען מיט א קראנקער אונד קינדערלאָזער פרוי, האט ער זיך פּלוצלינג געזעהן אומרינגט מיט א געזונדער אונד גליקליכער פאמיליע. ער האט געפיהלט אזוי פיעל גליק, פון וועלכען ער האט פריהער אפילו נים געחלום'ט.

דיזן צוזאמען האט ער אויך זעהר געליעבט.

„הער נאָר חער,“ האט ער צו מיר געזאגט אתד זיינע אויגען האבען גע־שטראַהלט מיט פערגניגען. „וויא געטטליך! וויא געפיהלפאָל אונד וויא ער־האבען זיא זינגט!“

יא, זיא האט ניט שלעכט געזונגען, אָבער פון געטטליך אונד ערהאבען, איז עס נאָך זעהר ווייט געוועזען. אלעקסאנדער דימיטריעוויטש, וויא איך האב שוין בעמערקט, האט אָבער קיין פעהלער געקענט געפינען אין זיין פרוי.

„אך, פריינד,“ האט ער דאן געזאגט אימער אויפגערעגטער מיט פערגניגען, „ווען דוא זאָלסט נאָר וויסען, בעגרייפען אונד פערשטעהן וויא גוט, וויא רייצענד אונד טאלענטפאָל מיין פרוי איז! זאג מיר דעם אמת, איז מיין לודמילא ניט א בעריהמטע שעהנהייט?“

לודמילא איז ניט געוועזן מיאוס, אָבער אלס א שעהנהייט איז מיר אונמעגליך געוועזן איך זאָל זיא אנערקענען. וואס עס אנבעלאנגט גוטסקייט, רייץ אונד טא־לענט, האב איך אין איהר ניט געקענט ענטדעקען.

איך האב מיך בעמיהט צו זעהן אין מיין פריינד'ס פרוי דאס זעלבע וואס איהר מאן האט געזעהן, אָבער מיט מיין בעסטען ווילען, איז עס מיר ניט מעגליך געוועזן.

זיינע ריהמערייען אונד לויב־געזאנגען, האבען מיין אויפמערקזאמקייט צוגע־צויגען, איך זאָל זיא מעהר שטודירען. וואס מעהר איך האב אויף איהר געקוקט אונד וואס מעהר איך האב מיך צוגעהערט, האט זיך מיר אלץ געדאכט, אז איך זעה אין איהר דיא נאטור פון א קאטץ.

זיא איז געוועזן פון מיטעלמעסינער וואוקס אונד פעט אָבער ניט דיק. פון דעם ערשטען בליק האט זיא פאָרגעשטעלט א פרויענצימער פון רייץ אונד לוסט. מיין אלטע אונד טיכטיגע ערפאהרונג אונטער פערשיעדענע פרויען, האט מיך אין דיעזער בעציהונג ניט גענארט. איהר בוזים איז געוועזן פול אונד שטארק ענטוויקעלט.

דיא אויגען האבען געהאט א מערקווירדיגען קאָליר — בלוי אונד גרינליך. דייא האבען אויף מיר געמאכט א דאָפּעלען איינדרוק. זייא האבען מיך דערמאָהנט אן א קאטץ אונד אויך אן א שלאנג וואס איך האב געזעהן דעם ערשטען טאג אויף דער יאגד אין וואלד. דאן איז אין דיעזע אויגען געלעגען א צווייזייטיגער אויסדרוק פון כיטרע אתד בעזקיים. איהרע אויגען האבען מיך שטארק פעראינטער־רעסירט אונד איך האב געוואָלט, דורך דיעזע זעלעךפענסטער — וויא מאנכען

ער האט נעשטודירט יעדען פון איהרע שריטע, ניט צום קריטיקירען, דאס איז איהם אפילו ניט איינגעפאלען, אָבער ער האט מורא געהט טאָמער טרעט זיא ארויף אויף עפּעס וואס וועט איהר פעראורזאכען אונאנגענעהמעס. ער האט גע־בליקט מיט שרעקען אויף איהר געזיכט, ווען איהם האט זיך געדאכט, אז זיא איז בעזאָרגט.

יעדען פריה־מאָרגען פלעגט ער איהר זאגען אתנעפסתר פאָלגענדע ווערטער:

„געה אביסעל שפּאצירען, מיין טייבעלע, דאס וועטער איז אזוי שעהן אונד הערליך — געה, געה, מיין ליעבע, זאָנסט וועסטו ווידער ניט קענען שלאָפען.“

צו טיש:

„עסס ניט קיין זויערקרויט, מיין טהייערע, איך האב מורא... געכטען האסטו דיך בעקלאגט, אז דוא פיהלסט ניט גוט.“

אבענד:

דוא ביזט היינט אזוי בלאס, קינד; געה שלאָפען, געה איך בעט דיך, טהו מיר צוליעב, דוא ביסט מיעד.“

ווען אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט געזאגט דיעזע צערטליכע ווערטער, האט לודמילא׳ס שטערען זיך אימער פערקנייטשט אונד זיא האט גע־שוויעגען.

איך האב עס בעמערקט גאנץ גוט, נאָר אלעקסאנדער האט גאָר ניט געזעהען. ער האט ניט בעגריפען, אז זיין אויסעראָרענטליכע ליעבע קען זיין פרוי אמאל בעלעסטיגען.

ווען זיא האט געשפּיעלט פּיאנאָ אונד געזונגען, איז ער אימער ווילד געוואָרען פון בעגייסטערונג אונד ערשטוינען. ער פלעגט מיך אויפמערקזאם מאכען אויף דער ריינהייט פון איהר שטימע, אויף דיא קונסטפאָלע בעוועגונגען פון איהרע פינגער, אונד אום איהם צו מאכען פערגניגען, האב איך געמוזט איינשטימען. איבעריגענס, האט זיא ווירקליך ניט שלעכט געזונגען.

„זינג דיעזעס ליעד, מיין טהייערע,“ האט ער צו איהר געזאגט יעדען אבענד. „עס איז מיין ליעבלינגס ראָמאנצעראָ — איך בעט דיך, זינג: „מיין ליעבער ענגעל אומארמע מיך.“ עס איז דאָך אזוי הערליך אונד ערהאבען!“

אונד לודמילא האט אָנגעפאנגען צו זינגען איהר מאָנ׳ס ליעבלינגס־ראָמאנצערע.

אונד, איבערהויפט, האט זיא געוואָלט בעהיפטען, אז זיא בעלאַנגט צו דער הויכער אינטעליגענץ. זיא האט אויך געקענט גאַנץ אליין זאגען וואו שווערען אונד נאַר־ווענען ליעגען; אונד וואס עס אנבעלאַנגט צו מוזיק, האט זיא געקענט אָנרופען א סך ווערטער, אָבער זיא האט קיין אהנונג געהאט פון זייער בעדייטונג.

אלעקסאנדער דימיטריעוויטש וויעדער, וועלכער איז ניט געוועזן קיין נאר אונד אויך בעזעסען בילדונג אונד ערפאַהרונג, האט זיך ענטוועדער ניט בעקימערט אום איהרע פוסטע בעריהמערייען, אָדער יעדע נאַרישקייט וואס זיא האט ארויס געבראַכט, האט בייא איהם אויסגעזעהן א חכמה.

מיר האט עס זעהר לייד געטהאָן אום איהם. איך האב מיר געטראַכט, אַז ער האט עטוואס בעסערע פערדיענט, אונד אזא פרוי איז פאַר איהם זעהר אונ־פּאַסענד.

איך האב ניט געצווייפעלט, אַז אַלעקסאנדער דימיטריעוויטש, אָבוואָהל שוין איין עלטערער מענש, האט זיך געקענט אויסקלייבען א פּאַסענדערע פרוי. ער האט ניט נאַר בעזעסען רייכטהום אונד בילדונג, זאָנדערן זיין יוגענדליכעס אויסזעהן, האט איהם געגעבען גראַדע אַזוי פיעל רעכט צו איין אנשטענדיגער אונד גוטער פרוי, וויא אירגענד א מאַן.

מאַנכע מאַל האב איך איהם געוואָלט עפּעס אויפמערקזאם מאַכען אונד מעהרערע מאַל בין איך שוין געוועזן מיט דיא ווערטער אין מויל עפּעס צו זאגען, אָבער איך האב מיך צוריק געהאַלטען. איך האב עס ניט געקענט טהון, זעהענדיג וויא גליק־ליך ער איז מיט איהר.

„איבעריגענס,“ האב איך מיר געטראַכט, „דער געשמאַק בייא מענשען איז פערשיעדען. וואס מיר געפעלט, מוז ניט געפעלען איין אַנדערן, אונד וואס איין אַנדערן געפעלט מוז ניט מיר געפעלען. עס איז מעגליך, אַז אזא פרוי וואס איך יואָלט געליעבט, וואָלט אַלעקסאנדער'ן ניט אינטערעסירט. ווארום? דאַרויף ויינען מיר מענשען אונד מיר מוזען זיך בייגען צום ווילען דער נאַטור. אונד ווארום זאָל לודמילא ניט זיין קיין פּאַסענדע פרוי פיר אַלעקסאנדער'ן? אהה, איך בין אָבגעלעבט, אָבגעשמאַקט פון דער וועלט, אונד איך געפין דאָרט פעהלער וואו עס זיינען אין דער וואהרהייט דאָ מעלות. איז דען דאס שוין אלעס אין א פּרוויענציעמער יועז זיא קען דעבאַטירען איבער פילאָזאָפיע, געשיכטע אונד געזעלשאַפטליכע לעהרען? ניין, ניין! וויא האבען אונזערע עלטערן אונד עלטערן'ס עלטערן גע־לעבט? זייא האבען געהאט איינפאַכע, גוטע אונד ניט איבערגעשפּיטצטע פרויען; אונד אלעס איז געוועזן גוט. ווערטען קימערט דאס וואס לודמילא האט ליעב אביסעל

ריכטער רופען זייא — אריין קוקען אין איהר זעעלע אתד בעגרייפען וואס פאר א מין פראָוינצימער זיא איז, אָבער עס איז מיר געווען אונמעגליך. דער אונזיכבערע בליק האט געציינט אויף אונפערשטענדליכעס.

איהר קאָפּ איז געווען בעוואקסען מיט נעדיכטע שעהנע רויטע האאר, פער־פלאָכטען אין לאנגע צעפּ, וועלכע זיינען אריבער געהאנגען איבער איהרע שולטער.

זיא האט במעט אימער געטראגען לויזע שווארצע קליידער, אין וועלכע זיא האט זיך בעוואויגען מיט דער גערוישלאָזיגקייט אתד לייכטהייט פון א קאטץ.

ווען זיא האט מיט יעמאנדען גערעדט פריינדליך, איז עס אונמעגליך געווען צו ערפאהרען אויב זיא מיינט עס ערנסט אָדער נים. אין דיעזער בעציהונג איז עס נים געווען קיין אונטערשיעד אויב זיא האט גערעדט מיט מיר, מיט איהר מאַן, מיט דער דיענסט אָדער מיט איהרע קינדער. עס איז געווען זעהר שווער צו אורטהיילען אויב זיא קען זיין א גוטע פריינדין, א גוטע פרוי, א גוטעווירטהין אָדער א גוטע מוטער.

איבערהויפּט האט זיך מיר פון אנפאנג געשטעלט דיא פראגע, אויב זיא קען זיין א גוטע פרוי. איך האב אין איהר בעמערקט דאס אונפערשטענדליכע וואס איין ערפאהרענער מאַן זעהט אין א פּראָוינצימער, בעגרייפט אָבער ער קען עס נים ערקלערען. איך האב מיך אויך בעמיהט אויסצוגעפינען אויב זיא איז א ליעבענדע מוטער; נאָר דאס איז אויך פאר מיר געבליעבען א געהיימניס.

זיא איז אלט געווען 24 יאָהר, אונד האט קיין בעזונדערע בילדונג גענאָסען. אלעס וואס זיא האט געוואוסט אונד פערשטאנען, האט געשטאמט פון איינגע מאָ־נאט אונטערריכט אין איין פענסיאָן וואוהין אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט זיא געשיקט פאר דער חתונה.

פון דער ערציהונג בייא דער אלטער גוטס־בעזיטצערין, האט זיא גענאָסען דעם אונטערריכט וויא צו דערקענען גוטע שוועמלעך אויף'ן פעלד אונד האָדעווען עופות.

אָבער דאס אלעס האט לודמילא'ן נים געשטערט צו מיינען, אז זיא איז שרעקליך געבילדעט אונד געוואלטיג ערפאהרען אין וועלטס־זאכען.

זיא האט אימער געזוכט צו בעווייזען, אז זיא ווייס זעהר פיעל איבער פעטער דעם גרויסען, איבער קייזערין קאטהערינא, איבער דער ניהיליסטישער בעוועגונג

„א קאָמפּאניאָן אין לעבען?“ איז נעוועז דיא נעכסטע פראגע. „ניין, א פרוי איז ניט קיין קאָמפּאניאָן אין לעבען. אלעקסאנדער דימיטריעוויטש בעוויזט עס מיר, אז דאס איז ניט דער פאל. אלעקסאנדער דימיטריעוויטש, דער ערפאַהרענער אונד געבילדעטער מאַן, קען זיך ניט אינטערעסירען מיט לודמילא׳ס נאַרישקייטען, ווען זיא וואָלט געוועזען זיין קאָמפּאניאָן! איהרע נאַרישקייטען אינטערעסירען איהם נאָר דערפאַר, ווייל זיא איז ניט גלייך צו איהם אין גייסטיגער ענטוויקלונג. ער בעטראַכט זיא אלס א קינד, אלס... ניין, ניין, ניט אלס א קינד. צו א קינד האט מען אנדערע געפיהלע אונד אנדערע נייגונגען פיהרען אונז מיר זאָלען זיך אינטערעסירען מיט א קינד׳ס פּוידערייען. לודמילא איז אלזאָ ניט אלעקסאנדער׳ס קאָמפּאניאָן אונד אויך ניט זיין קינד. זיא איז זיין פרוי! אונד דאָ ליגט דער הונד בעגראָבען!

„זיין פרוי, יא, אונד דערפאַר האט ער זיא אזוי ליעב אונד זיא אינטערעסירט איהם. לודמילא איז יונג, געזונד, שטארק אונד אנציהענד. זיא האט אין זיך אלעס וואס א פרויענצימער דארף בעזיטצען, אום א מאַן אנצוציהען, אונד דערפאַר ליעבט זיא אלעקסאנדער דימיטריעוויטש! דאָ ליעגט דאס געהיימניס!

„עס איז אויך קיין ראיה ניט, אויב זיא קען מיך אָדער איין אנדערן אינטערעסירען; אָבער אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט זיא א מאגנעטישע קראַפט, אונד ער ליעבט זיא!

„א קאָמפּאניאָן ליעבען מיר אנדעריש, א קינד ליעבען מיר אנדערש אונד א פרוי ליעבען מיר אנדערש. א קאָמפּאניאָן ליעבען מיר פאַר זיין גייסט, א קינד פאַר זיין אונשולד אונד א פרוי? — פאַר איהר קערפּער!“

איך בין געקומען צו דיעזען רעזולטאַט, בשעת איך בין ארום געגאנגען אויף דיא פעלדער נאכדענקענדיג אונד נאַכקלערענדיג.

„אונד ווארום ליעבט אלעקסאנדער לודמילא׳ן?“ האב איך מיך געפרעגט דער צוועטער איך געוועזען:

„זיא איז איין אנציהענדעס פרויענצימער!“

איין אנציהענדעס פרויענצימער? דיעזער געדאנק האט מיך אָבגעשטעלט אונד איך האב אָנגעפאנגען צוריק צו קעהרען צו דיא פאַנטאזיען איבער פרויען. איך האב געטראַכט, געדענקט אונד בין אויפגערעגט געוואָרען.

דאן האב איך געהערט א שטימע אין מיר אויסרופען:

„לומפּ! זיא איז דיין פריינד׳ס פרוי!“

ז פלוידערן? האט דען אַלעקסאַנדער דימיטריעוויטש קיין פערגניגען ווען מאַניא פלוידערט? לודמילא איז אויך איינגערעכענט בייא איהם פאר א קינד. עס איז בעסער איך זאָל שווייגען, ניט זוכען אין יענעם קיין פעהלער, ווייל איך אליין בין פול פעהלער. מיין גייסט איז שוואך, מיין קערפער אונד געהירן קראנק, אונד איך ווייס ניט וואס גוט איז."

אַט אזעלכע געדאנקען האבען זיך אין מיר דורכגעוואָרפען אין דער ערשטער צייט, וועהרענד איך האב געזוכט צו ערגרינדען דיא אורזאכע פון אַלעקסאַנדער דימיטריעוויטש עס גליק.

אז ער איז געוועזען גליקליך, דאריבער האב איך ניט געצווייפעלט. נאך מעהר, ער איז געוועזען אזוי גליקליך, אז מיר האט זיך געדאכט, דאס ער וועט זיך ניט בייטען אויף זיין גליק מיט דעם גליק פון דער גאַנצער וועלט.

איך האב בעגריפען, אז דאס הייסט פאמיליען־גליק אונד איך האב איהם מקנא געוועזען. איך האב איהם ניט מקנא געוועזען דערפאר ווייל איך האב איהם גיט פערגונען, אין געגענטהייל, איך בין איהם געוועזען א פריינד פון מיין טיעפסטען הערצען, נאָר איך האב געוואונשען אויך אמאל אַזוי גליקליך צו זיין.

איך האב מיר געטראכט, אז דאס לעבען, דאס וואהרע לעבען, בעשטעהט אין פאמיליען גליק. אין דער ריינהייט פון פאמיליען־ליעבע אונד טרייהייט. איך האב נאך אמאל אָנגעפאנגען אויפצומישען מיין פערגאנגענהייט אונד געפונען א תוהו ובוהו פון לומפעריי, געמיינהייט, פערדאָרבענהייט אונד שמוטץ.

„ניין, ניין!" האב איך צו מיר אליין אויסגעשריען, „ניט דאָרט ליעגט דאס גליק פון מענשליכען לעבען; ניט דאָרט קען מען געפינען רוה אין קערפער אונד גייסט, וואָנדערן אין זיין הויז, צווישען זיינע קינדער, געבען זיין פרוי"...

א פרוי! יא, א גוטע, ריינע אונד זויבערע פרוי, איז דיא קרוין פון א מאַן'ס גליק. אָבער וואו נעהמט מען אזא פרוי?

וואס וועל איך טהון ווען איך זאָל אָנטרעפען אזא פרוי וויא לוד־מילא איז?

דיעזער געדאנק האט מיך בערוישט. איך האב ניט געקענט ארויס קריכען צו א דייטליכער ערקלערונג.

„וואס איז א פרוי?" האב איך מיך געפרעגט. „איז זיא א קאָמפּאַניאָן אין לעבען, אָדער"...

אָדער וואס? מיין געהירן האט אָנגעפאנגען צו רוישען.

מיער אונד נאך מריזענדער אנדערע פראגען וואס קלעפען זיך וויא איין ארבעס אן דער וואנט"...

„אבער, מיין ליעבעס קינד, וויא קענסטו אזוי רעדען?" האט אלעקסאנדער געזאגט מיט א ציטערענדער אונד שמערצהאפטער שטימע.

זיין טאן האט מיך געריהרט ביז צום הערצען. איך האב געזעהען, וויא זיא האט איהם שרעקליך בעליידיגט אין מיין געגענווארט. אונד ווארום?

בלויז דערפאר, ווייל ער האט זיא אזוי געליעבט, דאס ער איז געווען בע-זארגט אום איהר וויא אום א צארטע בלום, וועלכע מען היט פון צופיעל רעגען, קעלט אדער צופיעל היטץ.

עס האט מיר אויך אויסגעזעהען, אז ער האט פון איהר צום ערשטען מאל געהערט אזא שפראכע. דאס האט איהם ווירקליך ערשטוינט. ער איז דערצו ניט געוואהנט געווען.

אויף זיין געזיכט האט זיך אבגעשפיעגעלט א מיענע פון שמערץ אונד ליידען. זייא האבען געשוויעגען.

ווארום זיא האט געקענט אזוי רעדען, איבערהויפט אין מיין געגענווארט, האב איך ניט געקענט בעגרייפען.

איז דאס געווען א פארשטעלונג פאר מיר אום איך זאל וויסען, אז זיא קימערט זיך ניט אום איהר מאן'ס צערטליכקייט? איך האב מיר דארויף ניט געקענט ענטפערן.

איך האב געווארפען א בליק אויף איהר געזיכט.

„הא," האב איך מיר געטראכט, „איך האב אלזא קיין טעות ניט געהאט. דיא קאטץ שפיעלט זיך אזוי לאנג גוטמיטהיג, ביז זיא גיבט א קראטץ מיט דיא נעגעל אדער א ביס מיט דיא צייהן. דאס איז זיא! איך האב זיא דערקענט! איהר וואהרע נאטור צייגט זיך ארויס!"

ווען איך האב צו איהר געקוקט, האט זיא אנגעפאנגען צו שמייכלען, אונד מיך אנגעקוקט מיט איהרע אויגען, וועלכע האבען דאמאלס געהאט א גרינע פארב. זייא האבען מיך דערמאהנט אן דער שלאנג.

איהר בליק צו מיר איז געווען פעסט אונד ניט ערשראקען. איך האב דארט בעמערקט א גלאנץ פון בעזקיים.

מיר האבען אלע דרייא אונטערדעסען געשוויעגען, אונד דאס שווייגען האט אויסגעזעהן זעהר אונאנגענעהם. איך האב מיך געקראצט אין אויער, אום עס זאל

4.

איינינע טענ זיינען שוין פאַראיבער, זייט איך האב מיך איינגעקוואַרטירט
ביי אלעקסאנדער דימיטריעוויטש.

ער איז געווען אויסעראָרענטליך צערטליך צו מיר. ער האט אָנגעווענדעט
אַלעס מענליכע עס זאָל מיר נאר ניט פעהלען, אונד מיין וואונש איז ערפיללט גע-
וואָרען, נאך איידער איך האב איהם אויסגעשפּראָכען. ער האט בעמערקט וואס
איך האב געליעבט ביים עסען, אונד ער האט מיך דערמיט בעזאָרגט. ער האט
אויסגעזעהן הנאה צו האבען פון מיין אפּעטיט אונד שטאַרקונג.

ער האט מיך בעטראַכטעט אלס זיין בעסטען גאסט. ער האט געקענט מיינע
עלטערן, געווען א פריינד פון אונזער הויז אונד מיך געליעבט אלס קינד. יעטצט,
אַלס ער האט מיך געזעהען שוואך אונד קראנק, האט ער געוואָלט טהון אַלעס
מענליכע אום מיר צו פערשאפען פערגניגען, בעקוועמליכקייט אונד געזונד.

לודמילא איוואנאָוונא איז אויך געווען זעהר גוט צו מיר, טראָטץ עס האט
זיך מיר אויסגעוויעזען אין דער ערשטער צייט, אז זיא טהוט דאס עפּעס געצוואונגען,
וויא איינער רעדט, בלויז צוליעב איהר מאַן. דאס האט מיך אנפאנגס בעאונרוהיגט,
אָבער, וויא איך האב שוין פריהער געזאגט, איז עס שווער געווען זיא צו פערשטעהן,
אונד איך בין ניט געווען זיכער אויב זיא איז פריינדליך פון הערצען, אָדער זיא
טהוט עס אוים עטיקעטע.

אין איין אבענד, זיצענדיג ביים עסען, האט זיא אלעקסאנדער דימיטריע-
וויטש געפרענט, וויא זיין טבע איז געווען, ווארום זיא זעהט אויס אזוי
טרויעריג.

„איך בין ניט טרויעריג,“ האט זיא געענטפערט שארף, „דוא בילדעסט דיר
נאָר איין.“

„זייא ניט בעז, מיין קינד,“ האט אלעקסאנדער געזאגט בעטריעבט אונד
ערשטוינט. „איך האב דיך ניט געוואָלט ערגערן. מיר דאכט זיך ווירקליך, אז דוא
זעהסט ניט אויס וויא אימער.“

„אזוי איז עס אימער. דיר דאכט זיך, אונד איך ווייס ניט וואס. דאס
קריינקט מיך ביז צו טויט. פון אין דער פריה ביז אין דער ווייטער נאכט, ווערסט
ניט מיעד מיט דיינע נאכפראגען. באלד בין איך בלאס, באלד טרויעריג, באלד

אין מיינע געדאנקען איז עס איינגעפאלען, אז זיא האט ווייטער געוואלט זאגען: „אונד אלעקסאנדער דימיטריעוויטש איז אויך איין אלטער מאן, וועלכער אינטערעסירט מיך ניט, ווייל ער איז רוי אונד מיאוס.“

עס איז קיין צווייפעל, אז איך האב געלעזען איהרע געדאנקען.

זיא האט ארונטער גענומען דיא הענד פון אונטער איהרע באקען, צורעכט געלעגט דעם סאמאוואר, אונד אנגעגאסען טהעע.

„אימער אין הויז אונד נאר אין הויז,“ האט זיא ווייטער געמורמעלט מיט א זיפץ. „נאר איין איינציגעס מאל בין איך געווען אין קלוב אונד געטאנצט. ביי נאט, דארט איז געווען לוסטיג אונד מונטער! איך האב מיך געוואלטיג אונטער האלטען. עס זיינען דארט געווען פיעלע אפיציערען. האט איהר אויך ליעב צו טאנצען?“

„יא, אמאל,“ האב איך געענטפערט אונגערן.

פאר מיינע אויגען איז געשטאנען דאס גוטמיטהיגע אונד בעטריבטע געזיכט פון אלעקסאנדער דימיטריעוויטש.

דא איז געקומען א מערקווירדיגער מאמענט איבער מיר.

איך האב זיא בעטראכט וויא א קאטץ, וויא א שלאנג אונד איך בין אימשטאנדע געווען זיא צו פעראכטען אונד פערהאסען. איהר שפראכע האט מיך געשטאכען, איהרע ווערטער האבען מיך געקוועלט אונד געערגערט, אבער, טראטץ דעם...

יא, טראטץ דעם, האט אין מיר צוריק געסעהרט דיא בעסטיע. אלעס איז פערשוואונדען וויא א רויך. איך האב נאר געזעהען איהר שעהנעס אונד געזונדעס געזיכט; איהרע ברייטע שולטער, איהר פולען בוזים, איהרע האלב נאקעטע אונד ריקע הענד, אונד איך האב געשפירט דיא מאגנעטישע קראפט פון איהר קערפער מיך אנציהען.

זיא האט אויסגעזעהן פערפיהרעריש אין מיינע אויגען.

זיא האט גערעדט מיט מיר גאנץ איינפאך אונד אויפריכטיג. איך האב געמוזט איינזעהען, אז זיא האט רעכט מיט איהרע בעהויפטונגען אונד איך האב מיט איהר געהאט מיטלייד.

ווירקליך, איז זיא ניט געווען יונג, שעהן, געזונד אונד מונטער? וואס פאר א פערגניגען האט זיא געקענט האבען פון דער געזעלשאפט פון איין אלטען מאן!

הייסען, אז איך פערברענג מיין צייט מיט עפעס אנדערש אונד קלער נאר ניט און דעם וואס איז פאַרגאַנגען.

דאן האט זיך געהערט א גערויש אונד די קינדער זיינען אריין אין צימער, וועלכעס האט אונטערבראָכען די שטילקייט.

„פאפא, פאפעלע!” האט אויסגעקלונגען טאניא'ס שטימעלע. „מיר האבען געמאכט הייזלעך פון שטיינער, אונד מיר האבען געהאט אזעלכע שעהנע זאכען”...

אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט גענומען דאס קינד אויף זיינע הענד אונד אָנגעפאנגען דערמיט צו געהען לאנגזאם איבער דעם צימער, זיא דריקענדיג צו זיין ברוסט.

לודמילא איוואנאָוונא האט איהם נאכגעפאָלגט מיט איהר בליק, וויא איינער רעדט: „דער אלטער נאר!”

דאן האט זיא זיך אבגעווענדעט פון איהם, געלעגט ביידע עלענבויגענס אויף'ן טיש, אונטערגעשפארט איהר שעהנעם קאָפּ מיט די דאלאָניעס אונד ארויס שטעלענדיג איהרע ווייסע צייהן, האט זיא געזאגט:

„עס איז שרעקליך לאנגווייליג.”

אלעקסאנדער מיט טאניא'ן איז דערווייל צוגעגאנגען צו דער טהיר פון צימער. זיא האט געוואָרפען א בליק הינטערווייליעכס אונד געזאגט:

„אלעקסאנדער דימיטריעוויטש (אזוי האט זיא איהם אימער גערופען, אנער־קענענדיג מיט דיעזען אויסדרוק, אז ער שטעהט העכער אלס זיא מיט זיי׳ פער־שטאנד אונד בילדונג,) איז דעם גאנצען טאג בעשעפטיגט. איך בין אימער אליין: נאָר אליין וויא א בוים אין מיטען פעלד. איך האב קיין בעזוך, קיינע געזעלשאפט, קיין צערשטרייאונג אונד איך ווייס ווירקליך ניט וויא מען קען פערברענגען די צייט.”

א בליק נאך אמאל אויף א זייט, האט זיא איבערצייגט, אז איהר מאן איז שוין ניטאָ אין צימער, אונד זיא האט פאָרטגעזעטצט:

„איך פרעה מיך ווירקליך, וואס איהר זייט צו אונז געקומען. ניעמאנד האט עס געפונען פאר נעטהיג אונז ביז יעטצט דאָ אופצוזוכען. א פריינדענס־ריבטער קומט יא אמאל צו אונז אויף בעזוך, אונד ער איז איין אלטער מאן. אונד דערצו, מאכט מיך אלעקסאנדער דימיטריעוויטש ווירקליך קראנק מיט זיינע בעשטענדיגע נאררישע זאָרגען אום מיר, אונד איך בין שוין זאט דערפון”...

זיא האט געשפּיעלט פּיאַנאָ אונד געזונגען. דאַן האט זיא אָנגעפאַנגען צו שפּיעלען דעם וואַלצער „דיא פערלוירענע צייט.“ זיא האט דאס געשפּיעלט מיט געפיהל.

ווען איך האב מיך צו איהר אומגעווענדעט, האב איך בעמערקט, אז זיא האט שוין וואהרשיינליך פון פריהער געקוקט אויף מיר. איהר געזיכט איז רויט געוואָרען.

אַלעקסאַנדער האט קיין געדולד געהאט צום שאַך, אונד מיר האבען געלאָזען שטעהן דיא פיגורען.

דאַן האט לודמילא איוואַנאָוונא גערעדט פאַר פייער אונד פאַר וואַסער. זיא האט דערצעהלט אונד געפלוידערט אזוי וויא איינער וואָלט גערעדט פון היטץ.

נאַטירליך, בייא אזוי פיעל רייד פון איין אונגעבילדעטער דאָרפס־פרוי, האבען זיך ארויס געכאַפּט א סך נארישקייטען. אויב אַלעקסאַנדער האט זייא בעמערקט, ווייס איך ניט, נאָר איך, אַבוואָהל איך האב מיר געמערקט, אז זיא איז זעהר דום אין וועלטס־זאַכען אונד קען צונויפפּאַארען א וואָנט מיט א דאַך, האט זיא איבער מיר מעהר ניט געמאַכט דעם שלעכטען איינדרוק וויא פון אנפאַנג.

איך האב בעענטפערט מאַנכען איין אונשולדינגען שפּאַס פון איהר, אויך אזוי אונשולדיג וויא נאָר מעגליך. אָבער טראָטץ דעם וואס אַלעקסאַנדער דימיטריעוויטש האט דערבייא געשמייכעלט, האב איך מיר גאַנץ גוט געקענט מערקען, אז עס איז איהם ניט זעהר אונאַנגענעהם וואס זיין פרוי רעדט אזוי פיעל, אונד, נאַך מעהר וואס זיא ערלויבט זיך מיט מיר צו שפּאַסען.

יא, איך בין געוועזען א מענשען־קענער. איך האב געקענט לעזען אַלעקסאַנדער׳ס געדאַנקען אויף זיין געזיכט. עס האט איהם אפילו געערגערט, אָבער ער האט געטרויעט אי מיר, אי זיין פרוי, אונד ער האט נאָר קיין מורא ניט געהאט, אז אונטער אונזביידע קען עפּעס ווערען וואס זאָל זיין געגען זיין ווילען.

איבערינענס, האט ער מיך ניט אליין איינגעלאַדען? יא, ער האט געטרויעט אויף מיין עהרע, זעלבסט־אַכטונג אונד דיא פריינדשאַפט. ניין! ער האט דער־פאַר קיין מורא ניט געהאט. איהם האט נאָר שרעקליך געשמערצט דיא ווערטער וואס לודמילא האט איהם פריהער געזאָגט, ווען ער איז געוועזען בלויז בעזאָרגט אום איהר געזונדהייט.

אָבער איך האב מיך בעהעררשט מיט אַלע מיינע קרעפטען.

„ווארום בעט איהר ניט אלעקסאנדער דימיטריעוויטש,“ האב איך אָנגע־פאנגען, „ער זאָל מיט אייך ערנעץ אויספאָהרען, אירגענדוואו געהען, ער וועט אייך געוויס ניט ענטזאָגען.“

איך האב אָנגעהויבען צו בעטראכטען איהר ווייכע אונד דיקע האנד מיט וועלכער זיא האט געהאַלטען א זילבערנעם לעפעל.

„ניין, ניין,“ האט זיא געענטפערט אריין ווארפענדיג א שטיקעל צוקער אין איהר גלאָז טהעע, „איך פערלאנג עס גאר ניט פון איהם. איך וויים, אז ער נעהט זעהר אוננערן מיט מיר ערגעץ ער בליקט אימער מיט ווילדע אויגען אויף פרעמדע מענער... אונד צו וואס זאָל איך איהם בעטען? איהר זיים יעטצט צו אונז געקומען, אונד עס פרייט מיך“...

ביי דיא לעטצטע ווערטער האט זיא געשמייכעלט אונד אָנגעבויגען איהר קאָפּ צום גלאָז טהעע, אויף א זייט, וויא אריין צו קוקען אום צו זוכען א בלעטעל.

איך האב זיא אָנגעקוקט.

דאן האבען זיך אונזערע בליקען בעגעגענט, אין וועלכע עס איז געלעגען עפּעס אונעהרליכעס. איך האב מיך געשפירט וויא א גנב וואס ענטלויפט מיט דער גנבה אונד וואגט ניט זיך ארום צו קוקען, טאָמער ציהט ער צו יעמאנד'ס אויפ־מערקזאמקייט.

מיין הערץ האט אָנגעהויבען צו קלאפּען. אָבער אין דיעזען אויגענבליק, איז אויך געקומען איין אנדערונג אונטער אונז ביידע.

ביז צו יענער מינוט, האבען מיר זיך בענומען איינער געגען צווייטען מיט דעם אָבגעריכטעטען רעספּעקט פון עטיקעטע. אָבער דאס אַלעס איז אויף איינמאַל פערשוואונדען, אונד עס האט אויסגעזעהען, אז מיר דארפען זיך שוין מעהר ניט אזוי בענעהמען איינער צום צווייטען. זיא האט געלעזען מיינע געדאנקען אונד איך איהרע. מיר האבען זיך פערשטאנען.

שפּעטער אין אבענד, האב איך מיך געזעטצט שפּיעלען מיט אלעקסאנדער דימיטריעוויטש שאך. אָבער ער איז שוין ניט געוועזען אזוי מונטער וויא אימער אונד ער האט ניט געשפּאסט וויא זיין טבע איז געוועזען.

דאס עס אנבעלאנגט לודמילא איוואנאָוונא, איז זיא געוועזען זעהר לטבהאַפּ־ אונד מונטער. איך האב זיא נאך ביז דאמאלס אין אזא שטימונג ניט געזעהען.

פערהייראַטעטעס לעבען. וואס ער האט איהרע דומהי טען בעטראַכט אלס איבער־פליסיג: ביז דאמאלס האט ער זייא נערעכענט אלס קינדישע אונד אונשולדיגע נאַרישקייטען.

ווען דאס געשפרעך איז געווען צו ענדע, האב איך פריי׳ער אויפגעאטהעמט. איך זאג דאס געשפרעך איז געווען צו ענדע; דאס איז נאַר אזא אויסדרוק, ווייל מיר האבען קיין פערנינפטיגע זאך אנגעפאנגען אום זיא צו ענדיגען. זאָנדערן, עס איז גלאט שפעט געווארען, אונד אלעקסאנדער, בעמערקענדיג מיין מיעדקייט, האט ער געזאגט, אז עס איז צייט איך זאָל געהען שלאָפען. דיא פלוידערייא האט דער־פאר אויפגעהערט.

איך האב מיך נים געפונען בעליידיגט פון אלעקסאנדער׳ס בעמערקונג, אז עס איז צייט איך זאָל געהן שלאָפען, ווייל ער האט עס געזאגט אין אזא צערטליכען טאָן, אז יעדער האט געקענט ארויס זעהען, דאס ער מיינט דערבייא בלויז מיר לטובה, איך זאָל מיך אויסרוהען.

לודמילא איז געווען דיא ערשטע אויפצושטעהן פון איהר שטוהל. איך בין צוגעגאנגען צו אלעקסאנדער דימיטריעוויטש אונד גענומען זיין האנד, איהם גע־וואונשען גוטע נאכט, אונד ער־האט מיר געוואונשען אנגענעהמע רוה. דאן האב איך מיך געווענדעט צו לודמילא איוואנאָוונא אונד איהר גערייכט מיין האנד.

איהר האנד איז געווען זעהר ווארעם, אבער טראָטץ דעם האט דיזע ווארעמקייט אריין געשיקט וויא א קעלט אין מיין לייב. דא האט אונגעוועהנליך פעסט צוגעדריקט מיין האנד אונד מיך אָנגעקוקט מיט איהרע גלענצענדע אויגע, אין וועלכע איך האב בעמערקט וויא א בלוי פייער׳ל אויפפלאקערן. איהר בליק האט מיך שטארק בעאונרוהיגט, אונד אָבוואָהל איך האב געשפירט איהר האנד־דרוק מיט א געפיהל פון פערגניגען, האב איך מיך דערמאָהנט אן אלעקסאנדער דימיטריעוויטש אונד איך האב מיין האנד צוריק געצויגען.

איך האב מיך דאן אומגעווענדעט, אויף וויא בערוישט פון שיכרות, בין איך אריין אין מיין צימער.

ליעגענדיג אין בעט, האב איך געשפירט, גלייך וויא איך האב בעגאנגען דאס גרעסטע פערברעכען. מיין געוויסען איז געווען זעהר אונרוהיג אונד איך האב מיך געפרעגט: „אום גאטעס ווילען, קען נים א מענש אמאל זיין אב־שטענדיג?“

אָבער אַלעקסאַנדער דימיטריעוויטש איז געווען קורציזכטיג. יא, קורציזכטיג מיט זיינע אויגען אונד קורציזכטיג אין זיין גייסט. ניין, ער האט אין לודמילא׳ן ניט בעמערקט דאס, וואס איך האב געזעהן אין איין אויגענבליק.

עס האט מיר אויסגעזעהען, אַז דאס אַלטע שפּריכוואָרט, דאס „ביי דעם ריינעם איז אַלעס ריין" — בלייבט אַ־מער וואהר.

אַלעקסאַנדער דימיטריעוויטש, דער גוטער אונד עדעלער, האט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען וויא אַנדערע, איבערהויפּט זיינע פריינדע, קענען זיין אַנדערש וויא אַנשטענדיג.

אַלעקסאַנדער דימיטריעוויטש האט ניט געקענט זעהן מיט דיזע אויגען וויא איך האב געקוקט. ווען דאס וואָלט אַזוי געווען, דאַן וואָלט ער געלעזען אין זיין פרוי׳ס בליק צו איהם, ניט נאָר בעזעס, זאָנדערן אויך פעראַכטונג.

מיר האבען צוגעבראַכט דעם אַבענד יעדער איינער מיט פערשיעדענע געדאַנקען. לודמילא איז אָבער געווען אויסעראָרענטליך מונטער. מיר האט עס אויסגעזעהן, אַז זיא פערשטעהט גאַנץ גוט, דאס איהר מאַן איז אונצופריעדען פון איהרע פלוידערייען אונד פוילע וויטצען, נאָר זיא האט זייא דאָך געזאגט. ניט דערפאַר איהם צו ערגערן, זאָנדערן בלויז, ווייל זיא האט זיך אום איהם ניט געוואָלט בעקימערן.

איך האב בעגריפען דעם צושטאַנד צווישען לודמילא אונד אַלעקסאַנדער דימיטריעוויטש. ער האט זיא געליעבט מיט אַזא צערטליכקייט, וועלכע מיר קענען זעלטען זעהן צווישען מאַן אונד פרוי. זיא וויעדער, האט דערפון גאַנץ גוט געוואוסט. זיא האט אויך בעגריפען, אַז זיא איז זיין הערר מיט דער מינדעסטער מיענע פון איהר האַנד; זיא האט פערשטאַנען, אַז נאָך דעם וויא זיא וועט אָנפּילכען זיי׳ הערץ מיט קריינקונג, קען זיא איהם, מיט איין שמייכעל, ברענגען צו איהרע פיס, אונד ער זאָל צופריעדען זיין דאָרט צו בלייבען ליעגען וויא א הונד, וויסענדיג בלויז, אַז איהר שמייכעל האט איהם דערצו געבראַכט.

זיינע שמערצען, האבען זיא ווייניג בעקימערט. זיא האט קיין מורא ניט געהאט, אַז ער וועט איהר טהון שלעכטעס, אונד קענענדיג דעם רעזולטאַט, האט זיא געוואָלט טהון פאָרלויפיג וואס איהר געפעלט.

איך האב געשטודירט אַלעקסאַנדער׳ס געזיכט. וויא איך האב שוין פריהער בעמערקט, האט ער אונז ביידען געטרויעט, אָבער ער האט זיך שרעקליך געערגערט איבער איהרע רוטהייטען. עס איז פיעללייכט געווען דאס ערשטע מאל זיים זייער

ווינ דיא אונשולדינע נאמור פון אונשולדינע מענשען, וועלכע האבען נאך נים נעזעהן דיא פערדארבענהייט פון שטעדטישען לעבען אונד קענען נים דיא שמוטציגע אונד בעטרינערישע עטיקעטע.

„לודמילא איוואנאוונא, איז איין אנשטענדיגע פרוי, אונד, ווען איך זאל וואגען איהר צו צייגען, אפילו אינדירעקט, אז איך האב שלעכטע אבזיכטען, ווען זיא זיך ענטוועדער אבווענדען מיט פעראכטונג אדער מיר אנשפייען אין פנים. עס וואלט אויך מעגליך געוועזען זיא זאל מיר אויסזעטצען דיא צייהן, וויא עס האט פאסירט מיט ניקאלאי אלעקסעיעוויטש, דער לוסטיגער סטודענט וואס האט נעוואהנט נים ווייט פון מיר אין מאסקווא.“

איך האב מיך דערמאהנט וויא מיר האבען אמאל נעלאכט פון ניקאלאי אלעקסעיעוויטש, ווען מיר האבען ערפאהרען, אז א יונגע אונד אנשטענדיגע דאמע האט איהם אויסגעקלאפט צוויא פראנט צייהן מיט איהר מאן'ס שטעקען, נאכדעם וויא ער האט נערעכענט, אז איהר פריינדליכקייט צו איהם האט איין אנדערע בעדייטונג, אויסער ריינע פריינדשאפט צו א גוטען בעקאנטען.

ניקאלאי האט געהאט דעם פסק, נאכדעם ער האט זיא ארום נענומען אונד אבנעפרעסט א קוש אויף איהר באק.

איז דאס נים מערקווירדיג? איך בין צופריעדען געוועזען צו האבען אזא סוף וויא ניקאלאי אלעקסעיעוויטש, אבי איך זאל וויסען, אז איך האב חלילה נים בע־ליידיגט מיין פריינד'ס עהרע, אדער, בעסער געזאגט, אז מיין פריינד'ס פרוי, איז איין אנשטענדיגע דאמע.

אבער דאס אלעס האט נאך אימער נים נעשטערט מיין פאנטאזיע צו דענקען אונד זיך עראינערן אן איהר ווייסע, ווייכע אונד ווארעמע האנד, וועלכע זיא האט נעהאלטען אין מיינער, אונד אויך אין דעם ברענענדען בליק פון איהרע אוינען.

מיט דיעזער פאנטאזיע זיינען נעקומען אנדערע נעדאנקען. איך האב זיא נאך אמאל נעשטודירט, אונד נים נעקענט אבלייקענען, אז זיא איז נים דיעזעלבע לודמילא איוואנאוונא, וועלכע איז פאר מיר ערשיענען אין דיא ערשטע פאאר טעג ווען איך בין נעקומען. דאמאלס איז זיא נעוועזען צוריק נעצווינגענער, צוריק נע־האלטענער, אונד יעטצט האט עס אויסנעזעהן אנדערש.

קיין צווייפעל איז בייא מיר נעוועזען, אז איהר בענעהמונג צייגט, אז זיא ליעבט נים איהר מאן. אבוואהל איך האב מיר פריהער נעוואלט איינרעדען, אז איך זעה

„מיין פריינד׳ס פרוי!“ דיעזע ווערטער האבען מיר אתחיילסליך נעקלונגען אין דיא אויערן אונד איך האב מיך אליין פעראכטעט.

אָבער דיעזע געדאנקען זיינען פערמישט געוואָרען מיט אנדערע, אונד וויא פון צווישען א וואָלקען, האב איך געזעהען אויפשטייגען לודמילא׳ס געזיכט, לאבענדיג, אונד איהר אויפרעגונג האב איך געלעזען אין איהרע פונקלענדע אויגען. עס האט זיך מיר געדאכט, אז איך האב בעמערקט איהר שטארקען קערפער אויפציטערן אונד איהר ווייבע, ווייסע האנד האט מיין פאנטאזיע ניט פערלאָזען.

פלוצלינג איז ערשיענען פאר מיר דאס נוטמיטהיגע געזיכט, מיט איין אויס־דרוק פון טרויער, פון מיין פריינד אלעקסאנדער דימיטריעוויטש.

„מיין פריינד׳ס פרוי!“ האט עס נאך אמאל וויא געטורמעלט אין מיינע אויערן.

„אָבער וואס האב איך פערבראָכען?“ האב איך מיך געפרעגט „וואס בין איך שולדיג? האב איך איהר געגעבען אירגענד א געלעגענהייט? זיא קאָקעטירט מיט מיר — דאס איז אלעס. ניין, ניין, געוויס ניט, עס קען ווייטער ניט געהען!“

מיט דיעזע ווערטער האב איך געמיינט, אז איך וועל מיך בערוהיגען.

„עס איז אמת,“ האב איך ווייטער אָנגעפאנגען צו מיר אליין, „איך האב ניט קיין מורא, אז מען וועט מיך שמייסען אויף יענער וועלט — איך בין דאָך א פריי־דענקער, — אָבער אום צו זיין א מענש מוז מען דען נאָר מורא האבען פאר יענער וועלט? געוויס, אָהנע צווייפעל, דאס בעוואוסטזיין, אז איך האב שענדליך בעטראגען מיינעם א פריינד, וואָלט ערגער געווען וויא טויזענדער פייערן פון גיהנום. פאָזיטיוו ניט! עס פאלט מיר גאר ניט איין! פוסטע געדאנקען זיינען דיעזע וואס דרינגען זיך אין מיין קאָפּ“...

דאן האב איך אליין ניט געוואוסט וואס איך דענק, אונד נאך א פויזע האב איך צו מיר געטורמעלט:

„עס איז נאָר מיין איינענע פאנטאזיע וואס נארט מיך. מיין פערדאָרבענהייט ביז יעטצט מאכט מיך גלויבען, אז איך זעה בילדער, וועלכע זיינען נארישע חלומות. וואס איך טרוים וואכענדיג. איך בין א דומקאָפּ אונד דאס איז אלעס! ווער האט מיר דען געזאגט, אז לודמילא איוואנאָוונא האט אירגענד וועלכע שלעכטע געדאנקען? מיר דאכט זיך בלויז אזוי. אָבער קען עס דען ניט מעגליך זיין, אז זיא ליעבט איהר גוטען מאן, אונד דאס גאס זיא רעדט אזוי צו מיר, איז ניט מעהר

יערע שפור פון פערדאכט, אונד ווייל זיא האט נעוואוסט, אז איהר מאן פאָהרט אוועק, האט זיא ניט געוואָלט געשטערט זיין. אָדער בעסער געזאגט, אז דער פערדאכט זאָל איהם ניט אָבהאַלטען פון דער רייזע.

יא, איך האב דאס פערשטאנען אזוי דייטליך, גלייך וויא דא וואָלט פאר מיר פערטרויעט איהרע געדאנקען.

אונד איך?

אנפאנגס האב איך געפאסט א קורצען בעשלוס ניט צו פערבלייבען מיט איהר אליין. איך בין געוועזען א יסגעניכטערט פון דער אויפרעגונג פון פאָריגער נאכט, אונד דיא ווערטער: „מיין פריינד'ס פרוי," האבען נאך אמאל געקלונגען אין מיינע אויערן.

איך האב שוין אָנגעפאנגען צו ענטווארפען פלענער, וויא איך זאָל בעטען אלעקסאנדער דימיטריעוויטש, ער זאָל מיך אויך מיטנעהמען, איהם זאגען עפּעס א ליגען, אז איך מוז זיין אין שטאָדט, אָבער... ווען איך האב א בליק געגעבען אויף לודמילא'ן, בעטראכט איהר קערפּער, געשטודירט איהר געזיכט אונד מיר געמערקט איהרע קאטצען-שריט, בין איך ווייטער אריין געפאלען אין א זומפּף פון ווילדער תאוה, אונד, איך בין געוועזען האלב צופריעדען וואס ער פאָהרט אוועק.

נאך פריהשטיק איז ער אוועק געפאָהרען.

אָבער דיא סצענע פאר דעם אָברייזען, וועל איך ניט פערגעסען אזוי לאנג וויא איך וועל לעבען. דאס האט מיר געגעבען א בעגריף איבער פרויען-בעטרוג, וועלכען איך האב מיר ביז דאמאלס ניט פאָרגעשטעלט אפילו אונטער דיא פראקטיצירטע רייבע שטערטישע דאמען, שוין ניט רעדענדיג פון א דאָרפס-פרוי וויא לודמילא איוואנאָווגא איז געוועזען.

לודמילא איז צוגעגאנגען צו איהר מאן, איהם אומארמט אונד צערטליך געקושט אויף זיין געראזירטער באק.

דער ארמער אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט אויסגעזעהען צו זיין אין זיבעטען הימעל פון גליק. ער האט געשמייכעלט גוטמיטהיג אונד זיין געזיכט האט אויפגעשטראהלט.

„פיעללייכט וועל איך מיך פערזאמען," האט ער געזאגט אריין שטייגענדיג אין וואָגען, „אונד איך וועל דאָרט מוזען איבערנעכטיגען. מיר דאכט, אז עס וועט ניט אזוי זיין, אָבער טאָמער פאסירט עס יא, בעט איך דיך, מיין טהייערע, דוא זאָלסט זעהן, אז ער זאָל זיך ניט לאנגווייליגען. איבריגענס, איך וועל אלעם מעגליכע אָנווענדען איך זאָל נאך היינט אהיים קומען."

נים ריכטיג אונד אורטהייל נים וויא דיא זאך איז, האב איך מיך דערמאהנט אן איהר יונגען, פעטען אונד געזונדען קערפער; אין איהר טונטערקייט, אויפרעגונג אונד...

„איך בין פעררינקט !" האב איך אויסגעשריען, הערענדיג מיין אייגענע שטימע, „זיא איז דיא פרוי פון מיין פריינד אלעקסאנדער דימיטריעוויטש"...

אָבער איך בין זעהר וועניג געשלאָפען אין דיעזער נאכט. דיא תאוה-געדאנקען האבען מיך ניט געלאָזען רוהען. עס איז געוועזען א היבשע צייט פאָראיבער, זייט איך האב אויסגעמיעדען דיא פעררדאָרבענהייט, אונד לוסט, ברענענדע אונד פער-צעהרענדע לוסט האט צוריק געקעהרט, אונד איך האב דעם קערפער פון לודמילא איוואנאָוונא, ניט געקענט ארויס לאָזען פון מיינע געדאנקען...

ווען איך בין אויף'ן צווייטען מאָרגען אריין אין שפייזעצימער, זיינען שוין אלע דאָרט געוועזען פערזאמעלט, אונד יעדער האט אויסגעזעהען צו זיין מונטער. דאס פאאר פאָלק האט שוין געשלאָסען פריעדען.

אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט אויסגעזעהען ווידער גליקליך אונד צו-פריעדען אונד דיא אלטע מונטערקייט האט צוריק געקעהרט. לודמילא איוואנאָוונא וויעדער, געלאסען אונד צוריק געצויגען. זיא האט גערעדט מיט איהר מאן ליעבליך, צערטליך אונד גוטמיטהיג, אונד געגען מיר איז זיא געוועזען קאלט אונד גלייכ-גילטיג.

דאס האט מיך געפרייט.

דיעזע פרייד האט אָבער ניט פיעל געדויערט, דען מיינע אויגען, וועלכע האבען זיך גוט צוגעקוקט, האבען באלד דערקענט דיא וואהרהייט, אז לודמילא שפיעלט א פאלשע ראָלע — זיא האט זיך פערשטעלט. זיא איז נאָר געוועזען מיט איהר מויל פריינדליך צו איהר מאן, אונד וויא קונסטפאָל זיא האט געשפיעלט דיא ראָלע, האט דער טאָן פון איהר שטימע זיא פערראַטהען. צו מיר האט זיא גע-וואָרפען הינטערוויילעכע בליקען, אונד ווען איך האב געפאקט אזא בליק, האב איך אין איהם וויעדער געלעזען דאס פלאַקערענדע פייער פון אויפרעגונג.

אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט גאר ניט געזעהן.

איך האב אונטער-דעסען ערפאהרען פון דעם געשפרעך, אז אלעקסאנדער דימיטריעוויטש מוז אין דיעזען טאָג אָברייזען אין שטאָדט אום צו בעזאָרגען געשעהענע געשעפטען.

דיא זאך איז מיר באלד קלאָר געוואָרען. לודמילא האט געוואָלט פערדעקען

קראַך! קראַך!

איך האב אָבגעפייערט ביידע לאדונגען נאך דעם וואכטעל, וועלכער איז ארויס געפלויגען פון גראָז. דער ערשטער שוס, איז ניט געוועזן קיין גוטער, נאָר דער צווייטער האט איהם דערשאָסען אונד ער איז ארונטער געפאַלען צוריק אין גראָז. דער הונד איז באלד געוועזן אויף דעם פלאטץ, אויפגעהויבען דעם דער־שאָסענעם פויגעל אונד איהם צוגעבראכט אין מויל צו מיר.

דיעזע יאגד־לוסט, פון זוכען, גרייכען, געפינען, ערשיסען אונד פאנגען, האט מיך זעהר אַמוזירט אונד אויך פערטריעבען אַלע אנדערע געדאַנקען פון מיר.

איך בין געגאנגען ווייטער; דער הונד האט מיר אויפגעזוכט וואכטלען אונד איך האב זייא ערשאָסען.

דאן האט דער הונד אָנגעפאנגען צו שנאָרכען זעהר שטארק אונד שטארק זוכען מיט זיין נאָז א שפור צווישען גראָז. איך האב פערשטאַנען פון זיין בעוועגונג, אז דאס איז ניט קיין וואכטעל. דיא אינטערעסע האט אין מיר געשטיעגען, אונד איך בין נאכגעגאנגען דעם הונד פאָרזיכטיג אום צו ערפאהרען אויף וואס פאר א שפור ער איז געקומען.

ניין, איך בין געוועזן זיכער, אז דאס איז ניט געוועזן קיין וואכטעל.

אָבער וואס דען האט געשפירט דער הונד? דיא געשפאַנטע אינטערעסע פון דעם יעגער איז אין מיר געשטיעגען, אונד איך בין נייגיעריג געוועזן צו ערפאהרען אויף וואס פאר א יאגד דער הונד פיהרט מיך.

דער הונד האט פלוצלינג אָנגעפאנגען צו האָוקען אונד לויפען שנעל פאָר־ווערטס. איך האב איהם געוואָלט נאכהאלטען, אָבער איך האב ניט געקענט אזוי שנעל לויפען.

בלייבענדיג שטעהען, האב איך בעמערקט ארויס לויפען פון צווישען א דיקען געביש א גרויסען האָז, וועלכער איז באלד אריין צווישען איין אנדערעס געביש, אָהנע ער זאָל מיר געבען דיא געלעגענהייט צו שיסען.

א האָז! דיא יאגד האט מיך אויפגערעגט.

דער הונד איז געלאָפען מיט זיין נאָז צום גראז שפירענדיג דעם צוריק גע־לאָזענעם גערוך פון דעם טהיער, אונד ער האט דעם האָז ארויס געטריעבען פון דעם צווייטען געביש.

איך בין נאכגעלאָפען שנעל, אָבער דער האָז, אָבוואהל ער האט זיך אָבגע־שטעלט אביסעל, איז ער ארויס פון דעם געביש אונד אָנגעפאנגען שנעל צו לויפען אויף׳ן פרייען פעלד.

אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט געמיינט ערנסט וואס ער האט גע־שפראָכען. ער איז דאן אוועק געפאהרען רוהיג אונד צופריעדען.

אָבער זיינע ווערטער האבען אויף מיר געווירקט, איך זאָל קיין אויגענבליק מעהר פערבלייבען אין הויז. איך בין אריין אין מיין צימער, ארונטער גענומען דיא ביקס פון דער וואנט, מיטגערופען דעם הונד אונד בין אוועק אין וואלד. ניט אזוי צוליעב דעם יאגד וויא צוליעב דעם, איך זאָל מיך ניט דארפען בעגעגנען מיט לודמילא איוואנאָווגא, וועלכער'ס פלענער איך האב דערראטהען.

ווען איך האב מיך געזעהן דערווייטערט פון הויז, אויף'ן פרייען פעלד, אונטער דעם בלויען הימעל אונד אין מיטען דער פון נאטור'ס גרינעם אנצוג, האב איך פרייער אויפגעאטהעמט.

דאן האב איך ווידער אָנגעפאנגען צו דענקען. איך האב איבערגעקלערט דיא לעטצטע סצענע אונד, טראָטץ דעם וואס לודמילא'ס קערפער האט מיך אויפ־גערעגט, האב איך געשפירט אין מיר אויפשטייגען דיא גרעסטע פעראַכטונג צו איהר, פאר דער אבשייליכע פאלשע ראָלע וואס זיא האט געשפיעלט.

„זיא איז א קאטץ אונד א שלאנג צוזאמען,“ האב איך געמורמעלט.

איך בין אזוי אוועק א גרויסע שטרעקע, ביז איך בין אָנגעקומען נעבען וואלד אונד דעם הונד'ס אונרוהיגע בעוועגונגען, האבען צוגעצוואונגען מיך אויפמערק זאמקייט.

דער הונד איז געווען א טיכטיגער אויפזוכער פון וואכטלען אין גראָז. ער האט געהאט א געוואלטיגען חושדהריח, אונד מיט צוואנציג שרים ווייטער, האט ער שוין דערשפירט דעם פויגעל.

אין אזא צייט האט ער אָנגעפאנגען תעפטיג צו דרעהן מיט זיין עק, שנאָרכען עטוואס הויך מיט זיין נאָז אונד אויף אזא ארט האט ער מיר געצייגט, איך זאָל מיך פאָרבערייטען.

איך האב גלייך ארונטער גענומען דיא ביקס פון אקסעל, געעפענט אונד זיך פערטיג געמאכט. דער הונד איז געגאנגען פאָרזיכטיג פאָרווערטס, איך גאנץ נאָהענט נאך איהם, אונד איך האב ערווארטעט, ער זאָל דעם וואכטעל ארויס טרייבען פון צווישען הויכע אונד דיקען גראָז. אויף איינמאל האט ער געגעבען א האווקע. דאס האט אָנגעצייגט, אז ער האט שוין דערזעהן דעם פויגעל, אונד, אין נעכסטען אויגענבליק, אום דער הונד זאָל איהם ניט כאפען לעבעדיג, איז דער וואכטעל ארויס געפלויגען.

„ער וועט שוין טרעפען זיין וועג אהיים,“ האב איך מיר געטראכט.

איך האב מיך אויפגעהויבען אונד אָנגעפאנגען ארונטער צו געהן דעם בארג. עס איז שוין געווען אום מיטאג־צייט, אונד אָבוואָהל דיא זונן האט זיך צייטענווייז בעהאלטען אונטער א וואָלקען, האט עס אָבער דאָך ניט אויסגעזעהן, אז עס וועט רעגנענן.

צו דער רעכטער זייט אין טהאָל, האט זיך געלאָזט הערען דער גלאָק פון א סטאָדע בהמות, אונד איך האב בעמערקט דעם פאסטוך זיטצענדיג אויף א בערגעל, דאן האב איך געהערט וויא ער האט געשפיעלט אויף זיין פייפעלע אונד דיא טענער, אָבוואָהל איינפאך אונד אָהן קונסטען, האבען זיך צוגאָסען איבער דער פרייער לופט, וויא דער אנגענעהמער פארפומען געדוך פון דיא ווילדע בלומען.

אונטערדעסען האבען צוריק געקעהרט דיא תאוה־געדאנקען צו מיר. איך האב מיך דערמאָהנט אן פערשיעדענע פרויען פון דער שטאדט, אָבער זייא האבען מיך ניט אינטערעסירט. זייא האבען בייא מיר אויסגעזעהען צו פערדארבען אונד געקינסטעלט, מיט פאלשע צייהן, פאלשע בוזימס אונד געפארבטע גע־זיכטער.

„אָבער לודמילא איוואנאָוונא,“ האב איך מיר געטראכט, „זיא איז נאטירליך; געזונד, שטארק, פעט, שעהן אונד“...

איך האב פערשטאנען, אז פון דער תאוה קען מען ניט ענטלויפען. מאָסקווא אָדער אין דער פרייער נאטור — עס בלייבט זיך גלייך!

לודמילא איוואנאָוינא, מיט איהרע בלוי־גרינע אויגען, מיט איהר ווארעמער האנד אונד איהר פערפיהרישער בליק, האט מיך געהאלטען אין איהר מאכט. איך האב בעגריפען, אז איך בין מאכטלאָז צו קעמפפען דאגעגען.

איך קען עס אליין ניט בעגרייפען וויא דאס איז געווען, אָבער עס איז א טהאטזאכע, אז איך האב אָנגעפאנגען צו שפירען צו איהר אזא מין ליעבעס געפיהל, וויא איך האב נאך ניט געפיהלט צו קיין פרויענצימער ביז דאמאלס.

איך האב זיא געליעבט.

איהר בילד האט געשוועבט פאר מיינע אויגען, אונד טראָטץ דעם וואס איך האב זיא שוין געקענט מיט פיעלע פון איהרע פעהלער, האב איך געוואוסט, אז איך ליעב זיא מיט דיא פעהלער צוזאמען.

איך האב מיט איהר אויך מיטלייד געהאט.

איך האב צונעלעגט דיא ביקס צו מיין שולטער, געציעלט אונד גע־שאָסען

דער האָז איז וואהרשיינליך פערוואונדעט געוואָרען, דען זיינע הינטערשטע פיס האבען זיך פלוצלינג אויסגעשטרעקט, נאָר ער האט ווידער געזאמעלט אלע קרעפטען אונד איז אריין אין א צווייטעס געביש.

דער הונד האט איהם וויטער פערפאָלגט, אונד ער איז דאן ארויס פון דאָרט, שוין צו הייט פאר מיר צום שיסען.

איך בין אונטערדעסען נאכגעלאָפען אונד געזעהן וויא דער פערוואונדעטער האָז איז ארויף אויף א בארג. ער איז געלאָפען ניט אזוי שנעל וויא מען קען ער־ווארטען פון א געזונדען האָז, אָבער שנעל גענוג אום דער הונד זאָל איהם ניט קענען כאפען.

איך בין געלאָפען א היבשע צייט, אָבער זעהענדיג, אז איך פערליר מיין אטהעם, האב איך אָנגעפאנגען צו געהען אונד בעשטייגען דעם בארג.

דער בארג איז געווען פריהער פערזעעט מיט ווייץ, אָבער דיא תבואה האט מען שוין אָבגעשניטען, אונד איך האב דערפאר גאנץ גוט געקענט בעמערקען דעם לויף פון דעם האָז מיט זיין פערפאָלגער דעם הונד. אין א צעהן מינוטען צייט, איז ער אריבער דעם בארג אונד פערשוואונדען געוואָרען. מיט א פאאר מינוטען שפעטער, האב איך שוין דעם הונד אויך ניט געזעהען. דאן האב איך בעשטיעגען דעם בארג אונד פאר מיינע אויגען איז ערשיענען א גרויסער אונד געדיכטער וואלד.

איך האב נאך געקענט הערען דאס האווקען פון דעם הונד גאנץ ווייט אוועק, אָבער איך האב ניט בעאבזיכטיגט נאכצופאָלגען אין איין אונבעקאנטען וואלד. איך האב מיך אוועק געזעטצט אויף דער ערד זיך אויסרוהען, ביז דאס האווקען פון דעם הונד האט זיך שוין מעהר ניט געהערט.

דיא לופט איז געווען קרעפטיגענד, אונד נאכדעם וויא איך האב בערוהיגט מיין קורצען אטהעם, האב איך געבליקט ארום אין דער שעהנער געגענד אונד מיך געשפירט גליקליך.

דאן האט זיך ארויס געריסען א הוסט פון מיין ברוסט.

איך האב געשפירט אביסעל שמערץ, אָבער דאס איז באלד פאָראיבער.

דיא לופט אויפ'ן בארג איז געווען קיהל, אונד איך האב בעשלאָסען ניט צו־ווארטען ביז דער הונד וועט צוריק קעהרען.

עס האט זיך אלזאָ נאָר געהאנדעלט אום דעם, ווער עס וועט זיענען — דער יצר־הרע אָדער דער יצר־טוב. איך, האט עס מיר אויסגעזעהן, בין נאָר א ווערקצייג פון א אידעע־איינפ.וס, אונד דער טייפעל האט מיך אויף זיין זייט מעהר וויא דער יצר־טוב, דאַן — וועל איך פאלען!

איך האב געשווירערט פאר דער אידעע.

אונווילענדיג, האב איך געשפירט וויא איין עלעקטרישע קראמפ האט מיך צו איהר געצויגען.

5.

פערטיעפט אין מיינע געדאנקען, האב איך א היבשע צייט ניט בעמערקט וואו איך בין. ווען איך האב מיך ארום געקוקט, האב איך דערזעהן, אז איך בין שוין ניט ווייט פון אלעקסאנדער דימיטריעוויטש׳עס וואָהנונג.

עס איז געוועזן אונגעפעהר אום 2 אוהר נאכמיטאג.

ווען איך האב אויפגעהויבען מיינע אויגען, האב איך ערבליקט לודמילא איוואַנאָוונא מיר ענטקעגען קומען.

זיא האט געפיהרט איהר צווילינג בייא דיא הענד.

זיא איז געוועזן אָהן א הוט אוי׳ן קאָפּ, אונד איהר קערפער איז געוועזן איינגעהיעלט אין א שווארצעס קלייד מיט אווארעמען שווארצען דזשאקעט.

וויא זיא האט זיך דערנעהנטערט, האט זיא געשטייבעלט אונד איהרע אויגען האבען געפונקעלט מיט א גלאנץ. אויף איהרע ליפען האט זיך געצייגט יענער שמייכעל, וועלכער האט מיך אזוי בעאונרוהיגט אין דער לעטצטער צייט.

איך האב געשפירט מיין הערץ קלאפען אונד עס איז מיר וויא קיהל געוואָרען אונטער מיין ברוסט.

„איהר זייט מיעד, הא?“ האט זיא געפרעגט.

איך האב מיך בעמיהט צו ענטפערן, אָבער איך האב ניט געקענט.

איז דאס ניט מערקווירדיג, אז איך, דער אויסגעלאסענער אונד פערדאָרבענער, דער ערפאהרענער אונד ערניעדריגטער דורך פרויען, האב קיין ווערטער געפונען צו ענטפערן דיעזער פרוי, וועלכע איז געוועזן, פערהעלטניסמעסיג מיט מיר, איין ענגעל? איהר האט אָבער דער מוטה ניט געפעהלט.

„מיר קומען אייך ענטקעגען,“ האט זיא ווידער אָנגעפאנגען. „אייער ליעבלינג טאניא, האט ניט געוואָלט געהען; זיא איז געבליעבען צו הויז מיט דער

„אזוי יונג אונד שעהן," האב איך מיר געטראכט, „אונד זיא מח זיין דיא פרוי פון אזא אלטען מאן. וואס טויג איהר זיין גוטסקייט אונד צערטליכקייט? זיא דארף יונגע ליעבע אונד דאס קען זיא בייא איהם ניט געפינען. ארמע לודמילא! דאס שיקזאל האט דיך געטריעבען צו אזא מאן. ווען דוא וואלסט אבער פריהער נעוועזן רייך, האסטו זעהר לייכט געקענט ערךייכען דיין גליק"...

„דער טייפעל רעדט אוים מיר!" האב איך פלוצלינג אויסגעשריען. „איך בין א פערדארבענער שופט! אלעקסאנדער דימיטריעוויטש איז דער פריינד פון אונזער פאמיליע, מיין בעסטער פריינד; ער פערטרויעט מיר — אונד וואו איז דאס רעכט אונד דער יושר? בין איך ווירקליך שוין אזוי געפאלען, אז איך זאל מיך גאר ניט קענען אליין בעהעררשען? צום טייפעל מיט מיין פער־דארבענהייט!"

טייפעל אהין, טייפעל אהער; דאס אלעס האט געהאלפען וויא א טויטען באנקעס. איך האב געשפירט, אז איהר בענעהמען נעגען מיר, רעדט פאר זיך אליין, אז זיא בענעהרט מיך, אז זיא זוכט מיין ליעבע...

„אבער זיא איז דאך דיא פרוי פון אלעקסאנדער דימיטריעוויטש; דיא פרוי פון דיעזען עדעלען, גוטען אונד ליעבען מענשען, וועלכער האט מיך געטראגען אויף דיא הענד אלס קינד — מיין פאטער'ס בעסטער פריינד... דאס איז געמיין, אבשייליך!"

איך קען מיך יעטצט עראינערן, וויא איך האב מיך זעלבסט געוואונדערט, איבער דיא טויזענדער געדאנקען אין מיין קאפ. אונד מיר איז קלאר געווארען דיא אידעע, ווארום מען זאגט, אז עס איז דא א יצר־הרע אונד א יצר־טוב. איך האב געשפירט וויא איין אידעע דרינגט זיך פולל מיט שמוטץ אונד פערדארבענהייט, וועלבע האט מיך אנגעטרעדט צו טרעטען מיט דיא פיס פריינדשאפט, אנשטאנד, מאראל אונד דיא עדעלסטע מענשליכע געפיהלע. דאן איז וויעדער ערשיענען דיא אנדערע אידעע אונד צו מיר געזאגט:

„מענש! וואו ביסטו אין דער וועלט? איז דאס יושר? איז דאס עהרליכ־קייט? מוז דען א מענש זיך לאזען הינרייסען פון יעדער פערדארבענהייט? שטארק זיך, זייא א מענש, דענק, טראכט אונד זעה איין, אז א מענש וויל, קען ער אלעס בעזיעגען"...

דאן איז וויעדער געקומען דער געדאנק:

„אמת, ריכטיג, אבער איך בין נאך אלעמען ניט מעהר וויא א מענש, אונד זיא איז אזוי שעהן, פערפיהרעריש"...

פערשוואונדען. אונד איך פאל, אלץ נייעדרינער אונד ניעדרינער, ביז איך מח ליענען צו איהר; פים, אונד צופריעדען זיין, זאגאר ווען זיא זאָל אויף מיר טרעטען.

דיא קינדער זיינען דערווייל ענטלאָפען פאָראוים, לאַבענדיג אונד שטיפענדיג.

דאן האב איך געשפירט איהר האנד אין מיין ארעם. איך האב אויפגע־ציטערט פאר אויפרעגונג.

איהר האנד! איך האב געשפירט דיא ווארעמקייט דורך מיין ראָק. אום עפעס צו רעדען, האב איך איהר געוואָלט דערצעהלען איבער מיין יאגד, אָבער, וויא עס שיינט, האט זיא פיינד געהאט זייטענוועגען. זיא האט געוואָלט געהען דירעקט צום פונקט, מיט וואס זיא איז אינטערעסירט געווען.

זיא האט מיך אונטערבראָכען גראדע ווען איך האב געוואָלט עפענען מיין מויל.

„ווייסט איהר," האט זיא געזאגט, „איך האב פאר אייך א נייעס?"

זיא האט דאן צוגעווענדעט איהר געזיכט צו מיר וויא צו זעהען אויב איהרע ווערטער אינטערעסירען מיך.

איך בין געבליעבען שטעהן אונד געפרעגט נייגיעריג:

„א נייעס פאר מיר?"

„יא."

„אונד וואס איז דאס?"

„איך וויל איהר זאָלט טרעפען," האט זיא געזאגט זעהר לעבהאפט.

„איך זאָל טרעפען? איך וויים ווירקליך ניט וואס צו טרעפען."

„איבער אַלעקסאנדער דימיטריעוויטש," האט זיא געענטפערט.

איך האב נעבוי ניט געוואוסט וואס זיא וויל מיר דערצעהלען, אָבער איהר בענעהמונג האט מיר געזאגט, אז דיא נייעס איז געווים דאריבער וואס איז נונע אונזערע אויפרעגונגען.

„אלזאָ," האט זיא ווידער אָנגעפאנגען, „ווילט איהר ניט ווייטער טרעפען?"

„ער קומט היינט געווים ניט אהיים," האב איך גלייך געענטפערט.

„געטראָפען!" האט זיא אויסגעשריען לאַבענדיג. „געטראָפען, ווירקליך גע־טראָפען!"

איהרע לעטצטע ווערטער זיינען געווען אונגאטירליך מונטער, אונד זיא האבש אין זיך געהאט א שפּאָטישען נאכקלאנג.

יינסט ; זיא לאנגווײלט זיך שרעקליך אָהן דעם פאטער. איז עס ניט היינט א הערדליכעס וועטער ?"

„יא," האב איך קוים ארויס געשטאמעלט.

איהרע אויגען האבען וויא געשאָסען מיט פייער. זיא האט צייטענווייז ארונטער געבויגען דעם קאָפּ, געשוויעגען, אונד געמאכט דיא מיענע גלייך וויא זיא איז אין א גרויסער פערלעגענהייט.

איך האב פערשטאנען וואס דאס מיינט, אונד איך האב ערווארטעט דער קריטישער מאָמענט זאָל קומען. איך בין געוועזען שטארק אויפגערעגט. זיא האט שוין ווייניג פערשטעלט איהרע געפיהלע, אונד, איך גלויב, זאָגאר דער עהרליכער אלעקסאנדער דימיטריעוויטש, ווען ער וואָלט זיא דאמאלס געזעהן, וואָלט ער אויך דערראטהען וואס אין איהר געהט פאָר.

זיא איז געוואָרען אונפערשעהמט.

מיר זיינען ביידע געשטאנען אונד געשוויעגען איינינע מינוטען. דאן האט זיא געזאגט :

„א הערדליכעס וועטער !"

זיא האט נאך געשטאמעלט א פאאר ווערטער אונד איך האב מיך פערלוירען אין מיין האלטונג. אָהנע איבערצודענקען וואס איך זאג, האב איך גע־ענטפערט:

„אונד איך האב אימער געדענקט אן אייך"...

„ווירקליך ?" האט זיא שנעל געפרעגט מיט זעהר א פרעהליכער שטימע, „אונד איך האב אויך געדענקט פון אייך. יא, יא, איך האב געדענקט פון אייך. קומט אהיים, אריין אין הויז, אונד מיר וועלען עסען מיטאג-ברויט."

זיא האט געוואָרט איך זאָל צוגעהען געבען איהר. איך האב בעגריפען איהר וואונש, אונד איך בין צוגעגאנגען. זיא האט גענומען איין קינד אונד דאס גע־שטעלט פון דער אנדערער זייט נעבען אנדערן. אונזערע שולטער האבען זיך בעריהרט.

זיא האט זיך אבזיכטליך צוגעבויגען צו מיר.

פון איהר קערפער האט געוועהט א הויך פון פרישקייט אונד יוגענד. דער גערוך פון איהר קערפער האט אויסגעזעהן אזוי שטארק פארפומירט צו זיין, אז ער האט מיך בערוישט.

עס האט מיר אויסגעוויזען, אז יעדע קראפט פון זעלבסט־בעהערשונג איז

געוועקסענס. איך האב מיר געטראכט, אז מיט יעדען בליק וואס זיא וואַרפט אויף אלעקסאנדער דימיטריעוויטש'עס קינדער, דערמאָהנט זיא זיך אן איהרע פליכטען צו איהר מאַן.

אָבער ווער ווייס אויב מיין אורטהייל איז געווען א ריכטיגער?

איך, פון מיין זייט, האב קיין געשפרעך ניט געוואָלט אָדער ניט געקענט אויפברעכען, וואס זאָל פיהרען צו אונזער אינהאַלט פון אויפרעגונג.

מיר האבען פערווייכט ביז 5 אוהר אין גאָרטען אונד דאן זיינען מיר אריין טרינקען טהעע. דאס האט געדויערט איבער א שטונדע.

אבענד בין איך געבליעבען זיטצען אליין מיט איהר אין שפייזע־צימער. אָבער זיא האט זיך אויפגעהויבען אונד געזאגט:

„אין עמפפאנגס־זאַלאָן איז עס אנגענעהמער. ווילט איהר אריין געהן?"

איך בין געגאנגען.

זיא האט זיך געזעטצט אויף א ברייטען שטוהל, גענומען שטיקעריייא אין דער האנד אונד אָנגעפאנגען צו ארבייטען בייא דעם שיין פון א גרויסען אונד ליכטיגען לאָמפ.

זיא האט געשוויגען א היבשע צייט, אונד איך האב ארויס גענומען א צייטונג אונד אנגעפאנגען צו לעזען.

דיא שטילקייט האט אויף מיר געווירקט, אונד דער געדאנק פון זעלבסטבע־שולדיגונג ... האט צוריק געקעהרט.

לעזען האב איך ניט געקענט. איך בין געווען זעהר אונרוהיג.

„איך בין א געמיינער שופט!" איז געווען דער ערשטער ענטשלוס אין מיינע געדאנקען. „אזוי טיעף געזונקען! אזוי טיעף! ניין, ניין, ניין! איך דארף ניט אונד זאָל ניט דאָ בלייבען. זיא איז מיין פריינד'ס פרוי. היינט פאָהר איך נאך אוועק. היינטיגע נאכט מיט'ן אבענד־צוג. דאס איז שרעקליך... ארמער, ארמער אלעקסאנדער דימיטריעוויטש... דאנקען גאָט, וואס ער איז דאָ ניטאָ, ער זאָל ניט זעהען וואס איך טהו הינטער זיינע פלייצעס... איך מוז אוועק, מיין פריינד'ס פרוי"...

„איהר פערברענגט וואהרשיינליך אייער צייט זעהר אנגענעהם אין מאָסקווא?" האט זיא אתערוואַרטעט געזאגט.

לודמילאַ'ס שטימע האט אויסגעקלונגען מילד אונד זעהר צערטליך. זיא האט אויפגעהויבען דיא אויגען פון איהר שטיקעריייא. אונד צו מיר געבליקט מיט א שמייכעלע אויף איהרע ליפען.

דער מאַן האט מיך געשווידערט.

„דער וואָגען איז נאָר וואס צוריק געקומען,“ האט זיא ווייטער געזאגט; „דער טרייבער האט מיר אויך געבראכט א בריעף. מיין מאַן, אלעקסאנדער דימיטריע־ וויטש שרייבט מיר, אז ער האט צו פערזאָרגען זעהר וויכטיגע געשעפטען, אונד דערפאר איז ער געצוואונגען אויסצובלייבען ביז מאָרגען אין שטאָדט.“

„דאס קען ניט מעגליך זיין!“ האב איך געזאגט אונגלויביג.

„יא, יא,“ האט זיא געענטפערט, „איך פערזיכער אייך, אז אזוי איז עס“...

איך האב אָנגעהויבען איבערצוקלערען אלעס. אנפאנגס האט עס ביי מיר אויסגעזעהן אונגכויבליך, אז אלעקסאנדער דימיטריעוויטש זאָל צוריק לאָזען זיין יונגע פרוי אייף מיין פערטרויען. דאן האב איך מיך דערמאָהנט אן צוויי זאכען: ערשטענס, אז אלעקסאנדער דימיטריעוויטש איז געווען זעהר קורצזיכטיג איבער זיין ווייב'ס קאָקעטירען צו מיר, אונד צווייטענס האט ער מיר געטרויעט, וויסענדיג, אז איך בין זיין פריינד.

דיא מאָראלישע זייט פון דיעזער ערקלערונג, האט מיך ניט בעקימערט. איך בין בלויז צופריעדען געווען דערמיט, אז עס איז ווירקליך מעגליך, דאס אלעקסאנדער דימיטריעוויטש זאָל אויסבלייבען אין שטאָדט אונד איך מיט לודמילא'ן זאָלען זיין אליין.

איך האב געשפירט יענע פרייד פון יעדען ווּסטלינג, וועלכער זעהט זיך ביי זיין ציעל, אָהנע צו בערעכענען דיא פאָלגען.

ווען מיר זיינען אריין אין הויז, האבען מיר זיך געזעטצט צו טיש מיט דיא קינדער. לודמילא איז געווען מערקווירדיג געענדערט לויט איהר פריהערינע האלטונג. זיא האט קיין וואָרט גערעדט וואס זאָל אנצייגען דיא אויפרעגונג פון דער פריהערינער בענעהמונג.

אין דאס פיעללייכט געווען דערפאר, ווייל זיא האט געוואוסט, אז זיא איז שוין זיכער מיט מיר, אָדער ווייל זיא האט זיך געשעהמט אין דער געגענווארט פון דיא קינדער? דארויף קען איך ניט ענטפערן. לודמילא איז געווען אונערקלערליך אויך אין פיעלע אנדערע בענעהמונגען.

אלס מיר זיינען פערטיג געוואָרען מיט דעם עסען, זיינען מיר ארויס געגאנגען, אימער מיט דיא קינדער, שפאצירען אין גאָרטען.

לודמילא האט דאס גלייכגילטיגע געשפרעך וועהרענד דעם טיש ניט

לודמילא האט אלץ געקוקט שטילשווייגענד, אונד פלוצלינג, איז איהר געזיכט געוואָרען מילד, צארט אונד ליעבליך.

„וואס איז מיט אייך געשעהען?“ האט זיא געפרעגט.

זיא האט זיך בייא דיעזע ווערטער אויפגעהויבען, אוועק געלעגט רוהיג דיא ארבייט אויף א קליין טישעל, אונד מיט איהר שנעלער אונד געררישלאָזער קאטצעך בעוועגונג האט זיא זיך אומגעווענדעט אונד אנגעפאנגען צו מיר צוצוגעהן.

זיא האט אויסגעשטרעקט איהר האנד צו מיר. איך האב ניט פערשטאנען וואס זיא מיינט, נאָר איך האב איהר געגעבען דיא האנד. איך האב ניט געשפירט דעם גריף. דאנענען אָבער, האב איך געפיהלט איהר בליק וואס איז פערפינסטערט געוואָרען אונד איך האב וויא שווידערענד געבליקט צו איהרע ברעמען, וויא זייא האבען זיך צחאמען געצויגען.

איך האב דערפיהלט איהר ווארעמע האנד. מיין בלוט האט אויפגעקאָכט אונד איך האב געוואָלט בעדעקען איהר האנד מיט דיא קושען פון מיינע ברענענדע ליפען, נאָר...

פלוצלינג האט אויסגעקלונגען טאניא'ס שטימע פון דעם צווייטען צימער.

איך בין אויפגעשפרונגען גלייך וויא טויזענד גאָדלען וואָלטען אריין געשטאָכען געוואָרען אין מיין קערפער.

מיין בעזינונג האט צוריק געקעהרט. טאניא'ס שטימע, דיא שטימע פון אלעקסאנדער דימיטריעוויטש'עס קינד, האט מיך ערוואכט.

„ניין, ניין!“ האב איך וויא געשריען, נאָך אימער האלטענדיג איהר האנד אין מיינער, „עס קען ניט זיין! איך מוז אוועק פאָהרען, באלד, זאָפאָרט!“

טאניא'ס שטימע האט זיך מעהר ניט געהערט, אונד זיא האט געשמייכעלט פערפיהרעריש.

איך בין געבליעבען מאכטלאָז צוריק פאלענדיג אין שטוהל.

איהר האנד האט העפטיג געדריקט מיין האנד, אונד זיא האט געמורמעלט מיט איין אונטערדריקטער שטימע:

„ניין, געליעבטער, איהר בלייבט דאָ!“

איהר ווייכע לינקע האנד האט וויא פערבלאָנדזעט צווישען מיינע האאר אריין קאָפּ, וועלכע זיא האט אנגעפאנגען צו קרייזלען.

איהר קערפער האט זיך צוגערוקט זאנפט נאָהענט צו מיינעם, אונד איהר געזיכט מיט איהרע אָפענע ליפען האבען זיך צוגעבויגען צו מיין קאָפּ.

מיר איז ווידער קיהל געוואָרען אונטער דער ברוסט. מיין קאָפּ האט גע־רוישט, אונד איך האב געענטפערט וויא צומישט:

„יא, יא, זעהר אנגענעהם.“

„אונד איך לאנגווייל מיך דאָ ביז צו טויט,“ האט זיא געזאגט ארונטער לאָזענדיג איהר בליק צו דער שטיקערייא. „ער, איהר ווייסט דאָך, איז איין אלטער מאן. איך פערעהר איהם נאטירליך זעהר פיעל, ווייל... ווייל... ווייל ער איז א פערנינפטיגער מענש, אָבער דאָך — ער וואָלט געקענט זיין מיין פאטער...“

נאך א קורצער בליק פון איהרע גלענצענדע אויגען, אונד זיא האט זיך ווידער פערטראכט אין דער שטיקערייא.

„ער קען איהר פאטער זיין,“ האב איך מיר געטראכט, „אונד זיא זוכט א“...

איך האב זיא פערראכטעט אין דיעזען אויגענבליק דערפאר, ווייל זיא האט בעליידיגט מיין פריינד אלעקסאנדער דימיטריעוויטש.

„דיא קאטץ! דיא שלאנג!“ האב איך געמורמעלט שטיל צו מיר אליין, אונד דאן, פאסענדיג א בעשלוס, האב איך מיך אויפגעהויבען אונד געזאגט:

„לודמילא איוואנאָוונא, איך האב בעשלאָסען אוועק צו פאָהרען; איך האב גאר פערגעסען, אז איך מוז פאָהרען, ווייל וויכטיגע געשעפטען רופען מיך. איך האב אפילו פערשפראָכען אלעקסאנדער דימיטריעוויטש נאך צו פערבלייבען דאָ א פאאר טעג, אָבער איך קען עס ניט; עס איז מיר אונמעגליך.“

וועהרענד איך האב גערעדט דיא לעטצטע ווערטער, האט זיא רוהיג אויפגע־הויבען איהר קאָפּ אונד מיך אנפאנגען אָנגעקוקט ערשטוינט. דאן האט זיך דער בליק געוועקסעלט, אונד זיא האט אויסגעזעהן מיך צו שטודירען. דער בליק איז געוואָרען ערנסט אונד אזוי שארף, אז מיר האט זיך געדאכט, דאס זיא קוקט ביז צו מיין טיעפער זעעלע.

דאן האט זיא גוטמיטהיג געשמייכעלט.

מיין אויפרעגונג איז געשטיעגען.

„ניין, איך מוז פאָרט!“ האב איך געענטפערט, גלייך וויא זיא וואָלט מיך צוריק געהאלטען. „איך בעט אייך זעהר, פערזאָרגט פאר מיר פערד; נאָר מען איינשפאנען, איך מוז פאָהרען“...

איך האב שוין ניט געוואוסט וואס איך רעד.

דאן בין איך געבליעבען שטיל.

ווי אזוי איך האב מיך איינגעהויבען אונד ווען איך האב מיך אויפגעהויבען פון דעם שטוהל, קען איך מיך ניט ערמאנען. איך ווייס נאר, אז די נעכסטע צייט וואס איך געדענק, איז, ווען איך בין געזעסען ביי א טיש צום אבענד עסען.

מאניא איז געווען מונטער ווי אימער. דער צווילינג האט געשוויגען. איך האב ניט גוט געפיהלט אונד איך האב אויך געשוויגען.

די קינדער האבען אויף מיר געמאכט א טיעפען איינדרוק. אלעקסאנדער דימיטריעוויטש'ס קינדער, האב איך מיך דערמאהנט, זיצען געגענאיבער מיר אונד דער שטראם פון מיינע געדאנקען, האט זיך אומגעווענדעט.

„ווער איך ווירקליך פאלען אונד בין אויך שוין געפאלען?" האב איך געדאכט. „וועל איך מיך ווירקליך ניט קענען בעהערשען? יא, דאן איז שוין אלעס פערלוירען."

איך האב מיך פערדאמט ווי דעם ניעדריגסטען שופט.

ווען מען האלט מיך אליין דאמאלס געפרעגט איין אורטהייל איבער מיר, אונד איך וואלט געוועזען אויפריכטיג, וואלט איך געענטפערט:

„איך בין א שופט פון דער ניעדריגסטער שטופע."

ביי מיר האט עס אויסגעזעהען, גלייך ווי דער רעליגיעזער זינדער, וועלכער האט פערברעכען געגען גאט אונד מענשען, אונד ווען ער קוקט זיך ארום וואו ער איז אין דער וועלט אונד אנערקענט זיין פערברעכען, זאגט ער, טראכט ער דעם וואס ער ווייס, אז מען וועט איהם ברענגען אין גיהנום:

„סאיז־ווי־אזוי פערלוירען; עס קימערט מיך ניט ווען איך זינק ווייטער אלץ טיעפער אונד טיעפער."

דער קאמפף מיט מיר זעלבסט איז געווען שמערצהאפט.

„מיין גאט!" האב איך אויסגערופען אין מיינע געדאנקען, „איז יעדער מאן מאנכמאל אין אזא פאל? ווי וואלט א פרוי געהאנדעלט, איין אנשטענדיגע אונד מאראלישע פרוי, מיין איך?"

די פראגע האט מיך אינטערעסירט פון א וויסענשאפטליך־געזעלשאפטליכען שטאנדפונקט. איך האב געמוזט מודה זיין, אז אזעלכע מענער ווי איך, אין מיין לאגע, וועלכע רופען זיך טראכטען זייער פערדארבענהייט מאראליש זיינען בעסטימט וואס קענען זיך ניט בעהערשען. אבער פרויען ווען מען קען זיי נאר אנרופען מאראליש, וואלטען גאנץ גוט געקענט איבערשטעהען אזא נסיון.

איך האב געפיהלט איהר ווארעמען הויך.

א פאאר קרויזען פון איהרע האאר האבען געגלעט מיין דערהיטצטען שטערן.

א זיס'ן מיעדקייט האט מיך בעפאלען אונד איך האב שווער געאטהעמט ווינשענדיג צו פערבלייבען נעבען איהר קערפער.

„אבענדס, שפעטער," האט זיא געמורמעלט אין מיין אויער מיט איהר ווארעמען הויך.

דאן האט זיא געמאכט א קאטצען־שפרונג צוריק.

מיין הערץ האט שווער געקלאפט אונד איך האב מיך געשפירט שטארק בערוישט.

„ווארט, ווארט אביסעל," האב איך געזאגט מיט דער שטימע פון א שיכור אויסשטרעקענדיג מיינע הענד וויא צו א שאטען.

איך האב געוואלט זיא זאל ווייטער בלייבען נעבען מיר, אונד ווען איך האב אויפגעהויבען מיינע אויגען, האב איך זיא געזעהען שטעהען מיט א פאאר שריט ווייטער פון מיר, אונד אויף איהרע ליפען איז געלעגען א טריומפירענדער שמייכעל.

„ניין, ניין," האט זיא געזאגט שטיל אונד עטוואס הייזעריג, „ניט יעטצט, שפעטער; איהר זאלט ווארטען אביסעל... איהר קאמישער מענש... איננעל!"

זיא האט זיך דאן הויך צולאכט אונד איז פערשוואונדען מיט איהרע קאטצען־שריטע פון דעם צימער.

איך בין געבליעבען זיטצען אין א ווילדער אויפרעגונג אונד דיא גאנצע בעכטיגע האט אין מיר געוויטהעט. איך בין געווען שטארק בעז אויף איהר וואָרום זיא איז אוועק, אבער איך בין געווען בערייט איהר אלעס צו פערצייהען, ווען זיא זאל נאר צוריק קומען.

„אבענדס, שפעטער!" איהרע ווערטער האבען נאך געקלונגען אין מיינע אויערן, אונד זיא האט בייא מיר אויסגעזעהן דיא ליעבליכקייט זעלבסט.

אלעס, אלעס האב איך פערגעסען. מאראל, זיטען, אנשטאנד אונד פריינד־שאפט זיינען פערשוואונדען אין אבגרונד פון בעסטיאליטעט, אונד נאר זיא מיט איהרע סאטיר־שלאנגען אויגען איז געשטאנען פאר מיר.

איך בין געזעסען אזוי לאנג, ביז איך האב מיך געשפירט עטוואס בערוהיגט פון דיא פריהערינע מאמענטע.

איך בין נאכגעגאנגען.

יא, מען האט געמוזט זעהען פריהער, אז די קינדער מיט דוניאשא׳ן, זאלען איינשלאָפען.

מיר האבען זיך געזעצט אויף צוויא שטוהלען איינער נעבען אנאנדער.

א שוידער האט מיך פלוצלינג בעפאלען אונד אנדערע געדאנקען, ניט אזעלכע פון פריהער, האבען מיך בעפאלען. פון מאָראל, זיטען, אנשטאנד אונד פריינדשאפט, האב איך שוין מעהר ניט געדענקט. לודמילא איוואנאָוונא׳ס קערפער, איז בייא מיר העכער געשטאנען וויא אלע דיעזע אידעען.

איך האב געדענקט, וויא יעדער קומפ, אום דעם זעלבסט-פערטהיידיגונג, אום זארג פיר זיך אליין.

„איז דאס מעגליך, אז ער האט מיך ווירקליך איבערגעלאָזען אלס איהר שומר?" האב איך מיך געפרעגט. „א שעהנער שומר! ניין, איך קען דאס מיר ניט גלויבען. עס איז מעגליך, אז אלעקסאנדער דימיטריעוויטש איז קלינער וויא איך האב מיר פאָרגעשטעלט. עס איז מעגליך, דאס וועהרענד איך האב איהם גערעכענט פאר דום אונד קורצזיכטיג, האט ער פערשטאנען וויא זיך צו מאכען ניט וועהענדיג, אונד ער האט מיך אָבגענארט. ער איז נאר פיעללייכט דערפאר אוועק געפאָהרען, אום ער זאָל אָבפּראָבירען זיין פרוי אונד אויך זעהען אויף וויא וויט מען קען זיך פערלאָזען אויף א פריינד. האבען דען אזעלכע זאכען שוין ניט פאסירט? איך האב מיך דערמאָהנט אן פיעלע ענגליבע פעללע. פיעללייכט שטעהט גאר אלעקסאנדער דימיטריעוויטש אונטער דיא פענסטער אונד זעהט אלעס צו. צום לעטצטען מאָמענט, וועט ער ערשיינען, אונד"...

דיא אידעע פון אזא סצענע האט פון מיר אוועק גענומען דעם חשק.

לודמילא האט דערווייל געלעגט איהר ווייבע האנד אויף מיינער. דאס האט נעהאט דיא ווירקונג פון עלעקטריציטעט. זיא האט אָנגעצונדען מיין גאנצען קערפער.

איך האב דאן אונטערדעסען איהר מיטנעטהיילט, מיינע געדאנקען. אָבער דיא אויפרעגונג וואס זיא האט ארויס גערופען, האט געווירקט וואס איך האב בערמערקט האלב שפאסענדיג:

„אונד וואס וועלען מיר טהון ווען ער וועט טאקי אָנקומען?"

זיא האט געלאכט.

„א אינגעל בלייבט א אינגעל!" האט זיא געזאגט מיט א זיסען שמייכעלע אונד אָנגענומען מיט איהר אנדערע האנד מיין צווייטע האנד. „איהר קענט ניט

„אָבער פרויען,“ האב איך מיר געטראכט, „ערדרייכען קיינמאל ניט אזא ניעדריגע שטופּע אונד זיך נאך רופען מאָראליש. ווען איך וואָלט ווירקליך געווען א מאָראָלישער מענש, לויט וויא איך פערשטעה, אונד ניט וויא דיא פער־דאָרבענע וועלט בעגרייפט, דאן“...

מיינע געדאנקען זיינען אונטערבראָכען געוואָרען.

לודמילא איוואנאוונא, וועלכע איז געזעסען ביים טיש מיט אזא אונפער־שעהמטער מיענע, גלייך וויא עס וואָלט גאר ניט פּאסירט, האט מיך אויפגעפאָר־דערט איך זאָל זיא בעגלייטען ביים זינגען.

„ביז דיא קינדער וועלען איינשלאָפען,“ האט זיא בעמערקט גלייכ־גילטיג.

דיא בעמערקונג איז געווען אזוי צווייַדייטיג, אז דעריעניגער וואס האט ניט געוואוסט וואס עס איז צווישען אונז פאָרגעגאנגען, האט געקענט מיינען, אז לוד־מילא זאגט עס נאָר דערפאר, כדי מיר זאָלען שפּעטער ניט אויפוועקען דיא קינדער בשעת זייא וועלען שלאָפען מיט אונזער געזאנג.

איך האב אָבער פערשטאַנען וואס זיא מיינט.

וויא א געהאָרזאמער הונד וואס פאָלגט זיין הערין, האב איך מיך אויפגע־הויבען פון דעם שטוהל אונד צוגעגאנגען צו דער פּיאנאָ.

ווען זיא האט זיך אויך געזעצט, האב איך געשפּירט דאס פייער פון אויפ־רעגונג אויפפלאקערן אין מיין קערפּער.

אָבער זיא איז אויך געווען שטארק אויפגערעגט, אונד זיא האט יעדעס מאל צוגעבויגען איהר קאָפּ צו מיינעם, אָבער מיט אזא קונסטפאָלער בעוועגונג, דאס דיא קינדער האבען דארויף ניט געקענט ווערען אויפמערקזאם.

זיא האט געזונגען איינינע ליעדער. אָבער דאס האט מיך ניט אינטערעסירט. ניט איהר שטימע האב איך געוואָלט הערען. דיא ווארעמקייט פון איהר קערפּער ביא מיין זייט, האט מיך שיער פערריקט געמאכט.

איך האב געקעמפּפט מיט אלע מיינע קרעפטען זיא ניט צו אומארמען אונד דריקען צו מיר. דיא קינדער האבען אויף אונז געקוקט, אונד אזא שריט איז אונ־מעגליך געווען.

זיא האט פּע שטאַנען מיין אונרוהע אונד זיך אויפגעהויבען. איך בין גע־בליעבען זיצען.

„קומט אין עסספּײַנגס־זאלאָן,“ האט זיא געזאגט וויעדער מיט איהר נע־לאָסענער שטימע.

„מיר װעלן אַביסעל שפּילען דאַמע.“

דאס איז געװען, אום דיא צייט זאָל פערגעהען אונד מיר זאָלען ניט זיין צו פיעל צחאַמען.

איך האב פערשטאַנען, אז זיא האט רעכט, אונד איך האב איינ־געװיליגט.

זיא האט זיך שנעל אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען צום טיש, פון דאָרט ארונטער גענומען א שאַכטעל אונד דיעזעס דאַן אװעק געלעגט אויף א קליין טישעל.

איך האב איהר נאַכגעקוקט מיט דיא אויגען פון א װױסטלינג.

דאַן האט זיא זיך געזעטצט אויף דער סאָפאַ, אונד מיר אָנגעצייגט א פּלאַטץ נעגען איבער איהר.

זיא האט אויפגעמאַכט דאס שפּיעל־ברעט, ארויס גענומען דיא פיגורען, אונד נאַכדעם װיא זיא האט מיר צוגעװאָרפען איינעם פון איהרע פערפיהרערישע בליקען, האט זיא מיר געזאגט, דאס דער שפּיעל פאַנגט אָן.

מיר האבען געשפּיעלט.

װעהרענד דעם, האט איהרע װייסע האנד בעריהרט דיא מייניגע בייא דעם רוקען פון דיא פיגורען. אונזערע קניען האבען זיך אויך בעריהרט.

זיא איז געװאָרען שטאַרק אויפגערעגט. איהרע באַקען האבען אָנגענומען א רויטע פאַרב אונד איהרע אויגען האבען געגלענצט מיט גרויסע אויפרעגונג.

זיא האט מיך יעדעס מאל אָנגעקוקט אונד געשמייכעלט.

װיא איך האב אויסגעזעהען, קען איך ניט װיסען. איך געדענק בלויז, אז דאס בלוט האט געיאָגט איבער מיין גאַנצען קערפּער אונד מיין הערץ האט שטאַרק גע־קלאַפּט.

עס איז שוין געװען 11 א זייגער אין דער נאַכט. איך האב מיך בערוהיגט מיט דער אידעע, אז אלעקסאַנדער דימיטריעװיטש, װעט שוין ניט אהיים קומען.

„מיין פריינד׳ס פרוי!“ האט פּלוצלינג װיא פון אונטער דער ערד אויסגע־קלונגען אין מיינע אויערן.

איך האב געװאוסט דיא בעדייטונג פון דיזע װערטער, אבער עס איז שוין געװען צו שפּעט. זייא האבען מעהר ניט געקענט װירקען איבער מיר, אז איך זאָל מיך אויפהויבען אונד זיא פערלאָזען.

זיא איז געװען מיין הערצין, אונד איך האב געמוזט געבען איהר בלייבען.

אלעקסאנדער דימיטריעוויטש, אָבער איך קען איהם יא. ער האט עס נאך קיינמא
ניט נעטהאָן אונד ער טהוט עס אויך ניט. ער ווייס ניט קיין חכמות. ער פער־
שטעהט ניט יענעם אָבצונארען, אונד מיך, איבערהויפּט, וועט ער ניט אָב־
נארען."

זיא האט ווייטער נעלאכט, אונד דאן האט זיא עפּעס נעזאגט, וואס איך
האב ניט פערשטאנען, אָבער א פּאאר ווערטער האבען מיך אזוי פעראינטערעסירט,
אַז איך האב זיא נעבעטען, זיא זאָל זייא נאך אמאל זאגען.

„יא, יא," האט זיא נעזאגט מיט א פערזיכערענדען טאָן. „אלעקסאנדער
דימיטריעוויטש ליעבט מיך אזוי, דאס עס איז מעגליך, אז ער בלייבט אויסדריקליך
אין שטאָדט היינטיגע נאכט, כדי איך זאָל האבען א פּאאר שטונדען פערגניגען
אין אייער נעזעלשאפט."

„אין מיין נעזעלשאפט?" האב איך נעפרעגט.

„ווארום דען ניט? ער וויל מיר מאכען פערגניגען."

„אונד וואס פאר א פערגניגען?"

„אך, מיין ליעבער יונגע," האט זיא דאן נעזאגט מיר דריקענדיג דיא הענד
„איהר האט מיך שלעכט פערשטאנען. מיינט איהר אפשר, אז ער רעכענט אוין
אזוי ווייט? ניין, ניין, אזא פערגניגען וואָלט מיר אלעקסאנדער דימיטריעוויטש
ניט נעוואָלט צוטהיילען, אָבוואהל ער ליעבט מיך אזוי שטארק. ער רעכענט
איין אונשולדיגעס פערגניגען, דער דומער נאר! ער זעהט ניט אונד פערשטעה
ניט, — הא, הא, הא!"

איך האב אויך נעלאכט, אָבער הויך, אוננאטירליך אונד מיט א מערק
ווירדיגען טאָן, פאר וועלכען איך האב מיך באלד אליין דערשראָקען.

יעדענפאלס אָבער, האב איך אלעקסאנדער דימיטריעוויטש ניט נעקענ
פערשטעהן. איך האב מיר ניט געקענט פּאָרשטעלען וויא מ'ן שטעלט אזא אויס
נעלומפּטען שופּט וויא איך, פאר א שומר. איך האב אָבער נעגלויבט לודמילא'ן
אַז זיא ווייס וואס זיא זאגט, אונד מיר האבען שוין מעהר דאריבער ניט נע
... כ'ן

איך האב מיך אָנגעפאנגען מעהר צו איהר צו דערנעהנטערן. אָבער דע
... אין הויז, פון דיא קינדער אונד פון דער דיענסט וואס זיינען נאך ניט נ
... האט לודמילא'ן אויפמערקזאם נעמאכט.

... נעצוינען איהרע הענד פון מיר אונד בעמערקט:

ארום געהענדיג, האב איך ערבליקט דיא דיענסט אריין קומענדיג אין שפייזע־צימער. איך האב באלד פערשטאנען ווארום זיא איז אזוי שנעל אויפגע־שפרונגען פון דער סאָפא. זיא האט וואהרשיינליך געהאלטען איהרע אויערן נוט אָפען, דאמיט זיא זאָל הערען אלעס וואס עס געהט פאָר.

וועהרענד דעם האט זיא גאנץ רוהיג אומגעווענדעט איהר קאָפּ אונד גאנץ געמיטהליך געפרעגט:

„שלאָפען שוין דיא קינדער?"

איהר שטימע איז געוועזן אזוי רוהיג אונד אזוי איינפאך, אז מען האט געקענט מיינען, דאס זיא האט נאָר וואס בעשפראָכען איהר שטיקערייא אָדער דעם מיטאג וואס מען דארף מאָרגען קאָכען.

דוניאשא האט זיך אומגעווענדעט, אונד געענטפערט:

„יא, זייא זיינען נאָר וואס איינגעשלאָפען."

דאן האט זיא אָנגעפאנגען ארונטער צו נעהמען פון דעם טיש.

לודמילא איוואנאָווגא האט געגעבען א לאנגען געניץ, אונד בעמערקט מיט א שלעפעריגען טאָן:

„איך וויל אויך געהען צו בעט, איך בין זעהר מיעד."

זיא האט דאן אויסגעבויגען דעם שטוהל מיט איהר רוקען אונד נאך אמאל געזאגט מיט א געניץ:

„ניין, ניין, עס איז שוין אזוי שפעט, אונד אלעקסאנדער דימיטריעוויטש וועט געוויס ניט מעהר אהיים קומען."

דאס איז געוועזן אין א טאָן פון בעדויערן.

דוניאשא האט צו דיעזער צייט געהאט צוזאמען גענומען אלעס פון טיש.

„דוניאשא," האט לודמילא ווייטער געזאגט אזוי שלעפעריג, „דו זאָלסט אויסלעשען דאס ליכט פון קאָרידאָר אונד נוט פערמאכען דיא טהיר."

דוניאשא האט געענטפערט: „יא, יא," אונד איז פערשוואונדען געוואָרען פון דעם שפייזע־צימער.

דאס ארום שפאצירען איבער דעם צימער, האט מיך שטארק בע־רוהיגט.

„וויא בעסטיאליש!" האב איך מיר געטראכט. „איך זעה בייא מיר אויס וויא א ניעדריגע בעסטיע, וואס שטעהט אונד ווארט אום צו ערפילען איהר בעסטיאליטעט, אָהנע זיך צו בעקימערן אום אלע געבענזאכען. אלע מענשליכע געפיהלע זיינען פון מיר אויסגעלאָשען. בלויז דיא בעסטיע לעבט. פערנונפט, זיטען,

מיין אויפרעגונג האט געשטיגענן אונד עס האט מיר אויסגעזעהן אונמעגליך מיך צו בעהעררשען.

„וואס טהוט איהר?“ האט זיא אויסגעשריען לאבענדיג, „איהר שווינדלער! איהר האט צוגענומען מיין פיגור!“

„יא“...

„גיבט מיר דעם פיגור זאָפּאָרט צוריק!“

זיא האט אָנגעכאפּט מיין האנד אונד געוואָלט עפענען ארויס צו נעהמען דיא פיגור, וועלכע איך האב ניט זעהר פעסט געהאלטען.

דיעזע לעטצטע בעריהרונג, האט מיך שיער פעררירקט געמאכט. איך בין אויפגעשפרונגען פון דעם שטוהל, מיך אוועק געזעטצט אויף דער סאָפאַ אונד זיא אומארמט. איך האב זיא גערדיקט צו מיין הערץ מיט מיין גאנצער קראפט.

זיא האט געשוויעגען.

איך האב זיא געקושט אין איהר ווייסען האַלז, אונד זיא האט אויסגעזעהן צו ציטערן אונטער דער ברענענדער בעריהרונג פון מיינע ליפּען.

איך בין געוואָרען ווילד...

„ניין, ניין,“ האט זיא געזאגט מורמלענדיג אין מיין אויער. „גטהט צוריק אויף אייער פּלאטץ, דיא דיענסט איז נאך אין צווייטען צימער“...

זיא האט זיך בייא דיעזע ווערטער אויסגעריסען גראדע וויא א קאטץ.

זיא איז געבליעבען שטעהן אטהעמענדיג שווער אונד שטארק פער־פלאמט.

„איהר בעזער מענש!“ האט זיא געזאגט מאכענדיג מיט איהר פינגער. „זעהט, איהר האט מיר שיער אָבגעריסען דיא קנעפּ פון דעם בוזים“...

זיא האט מיר געוויעזען מיט א בליק פון איהרע אויגען אויף דער אָפענער טהיר פון דעם שפּייזע־צימער, אז עס איז נאך דאָרט ניט געוועזן אָבגעראמט פון דעם טיש.

דיא אידעע, אז יעמאנד קען מיך זעהן, האט אָבגעקיהלט מיין אויפ־רעגונג.

זיא איז דאן צוריק געפאלען מיט א געצוואונגענעם געלעכטער אין דעם שטוהל וואו איך בין פריהער געזעסען.

איך האב מיך אויפגעהויבען פון דער סאָפאַ אונד אָבגעווישט דעם שווייס פון מיין שטערן. דאן האב איך אָנגעפאנגען ארום צו געהען אין צימער הין־אונד־צוריק.

איך האב דאָרט איינגעגראָבען מיינע ציינער וויא א ווילדע חיה. זיא האט געציטערט.

איך האב געשפירט גלייך וויא מיין געהירן איז אין פלאַסען.

מיט דיא הענד האב איך אַזוי געדריקט איהר קערפּער, אז איך האב גע־שפירט דעם דרוק אין מיין שוואַכער ברוסט.

זיא האט אָבער גאר ניט געזאגט.

מיינע ליפּען האבען זיך געקלעפּט וויא בייא אַזעלכען וואס ליידעט פון שרעק־ליכען דאָרשט...

„ניין, ניין!“ האט זיא פּלוצלינג געזאגט שטרענג, אונד מיט איהר קאַטצען־בּעוועגונג, האט זיא זיך שנעל נאך אמאל אויסגעריסען.

איך בין געבליעבען ליעגען וויא א דערשראָסענע חיה.

איך האב מיך ניט געקענט אויפהויבען.

איהרע באַקען האבען געפלאַמט מיט דער פּארב פון צוויא רויזען, אונד זיא איז געבליעבען שטעהן נעבען טישעל זיך צוקנעפּלענדיג איהר דזשאַקעט.

„איהר שלעכטער יונג!“ האט זיא געזאגט מיט א ניעדריגער שטימע. „איהר האט מיך בעליידיגט... איהר מוזט אריין אין אייער צימער, איך וועל אהין קומען, זאָ שנעל וויא איך וועל מיך איבערציינגען, אז מען שלאָפט שוין.“

זיא איז דאן ארויס דורך דעם שפּייזע־צימער, אונד איך האב געהערט זיך עפענען דיא טהיר פון דעם קינדער־צימער, אונד דאן וויא דיעזע האט זיך וויעדער צוגעמאַכט.

איך בין געלעגען א היבשע צייט וויא אין א טרוים, אונד איך האב גאר ניט בעגריפען וואס עס איז פאָרגעגאַנגען. דאן האב איך געשפּירט, אז מיין גאַנצער קערפּער איז דורכגעווייקט אין שוויים.

איך מיין בּרוסט האט מיך שטארק געשמערצט אונד איך האב געמוזט הוסטען.

דאן האט זיך פאר מיר בעוויעזען אַלעקסאַנדער דימיטריעוויטש'עס געזיכט, טרויעריג אונד בעדויערענד.

איך האב מיך ניט דערשראָקען, ווייל איך האב כיך משער געווען, אז דאס איז בלויז מיין פאַנטאַזיע. איך האב מיך אויפגעזעטצט אונד שווער אויפגע־אטהעמט.

דער בּיין פון מיין ברוסט האט מיך זעהר יוצה געטהאָן, אונד איך האב פער־

איבערלעגונג, אלעס, אלעס איז פערשוואונדען. דער מענש אין מיר איז טויט. דיא בעסטיע! קען מען זיא ווירקליך ניט פעריאָגען, טויטען, פערניכטען אָדער דער־שטיקען? אך, וויא דאס שמערצט מיך. — מיין פריינד'ס פרוי!"

אין הויז איז עס שוין גאנץ שטיל געוואָרען. אויך דוניאשא איז געגאנגען שלאָפען. מיר זיינען געבליעבען גאנץ אליין.

איך האב געקענט הערען דאס קלאַפּען פון מיין הערץ.

קיין זעלבסט בעהעררשונג האב איך שוין מעהר ניט געהאט. איך האב בלויז געווארט אויף דעם וואס עס וועט ווייטער זיין.

עס איז מיר שוין געווען גלייכגילטיג וואס עס וועט זיין. איך האב געווארט אויף מיין ענדע. אהין אָדער אהער.

מיינע אויגען זיינען געפאלען אויף לודמילא'ס ווייסען האלז אתד בעוועגענדע ברוסט.

דאן, זיך נאך אמאל צוהערענדיג, האט זיא זיך פּלוצלינג אויפגעהויבען פון דעם שטוהל אונד מיך אנגעקוקט מיט איהר פערפיהרערישען שמייכעל.

„אויף ווידערזעהען!" האט זיא געמורמעלט.

דיא קאטצען בעוועגונג פון איהר קערפּער, האט מיך אונגעהייער אויפ־געדעגט.

אלס איך האב געזעהן, אז זיא וויל פערלאָזען דאס צימער, בין איך צו איהר צוגעלאָפען אונד זיא געכאפּט ארום איהר שלאנקע טאליע.

„ניין, ניין," האט זיא געזאגט מיט איהרע פולע רויטע ליפּען זיך בעוועגענדיג, „ניט יעטצט, ניין, געהט אין אייער צימער, אונד איך קום באלד"...

א וואהנזיניגער רייץ האט מיך ערגריפען.

זיא האט אביסעל געקעמפּפט, אָבער דאן האט זיא זיך נאכגעגעבען צו מיין ווילדער אומארמונג.

זיא האט נאך אמאל געשמייכעלט פערפיהרעריש, אונד דאס האט מיין בלוט אויפגעקאָכט.

„שטיל, זיא שלאָפט נאך ניט," האט זיא געזאגט, מיינענדיג דוניאשא'ן.

איך האב זיא אונטערדעסען צוגעפיהרט צו דער סאָפא, וואו איך האב זיא אוועק געזעטצט.

וועהרענד דעם האט זיך געעפענט א טהייל פון איהר דזשאקעט, אונד דער אָבערער טהייל פון איהר ווייסער ברוסט האט זיך ארויס געוויזען.

„יערענפאלס,“ האב איך מיר ווייטער געטראכט, „וואס העלפען דיא גע־ראנקען? ווען איך זאל אפילו ווערען, קען איך אויך געגען זייא ניט קעמפפען. איך בין מעהר ניט מיין בעל־הבית, דער טייפעל בעהעררשט מיך.

„דער טייפעל? יא, עס איז דא א טייפעל, אונד דאס איז ער! מיר אליין זיינען עס דער טייפעל, כל־זמן מיר זיינען ניט שטארק גענוג אום זיך צו בעהעררשען אונד מיר פאללען אלס אפפער פון אונזערע ליידענשאפטען.

„עס איז אונמעגליך צו קעמפפען. איך בין מאכטלאז אין איהר געגענווארט, אונד באלד וועט זיא ערשיינען“...

דאן האב איך פערלוירען יעדען זייטיגען געדאנק, אונד איך האב מיר פארגע־שטעלט לודמילא׳ס נאקעטען קערפער; איהרע [illegible]בע אונד דיקע הענד; איהר שנעל־אטהמענדע ברוסט, אונד... מיין שוואכע פאנטאזיע האט מיך ענט־קרעפטעט.

איך האב שנעל נעצווינגען דעם לעטצטען רויך פון דער סיגארעטע אונד דאן האב איך זיא אוועק געווארפען.

„שנעלער — שנעלער“ — האב איך געמורמעלט שטיל מיט דעם בעססע־א־לישען פערגניגען פון איין אונגערולדיגען וויסטלינג.

אין נעבענצימער האב איך בעמערקט, צווייא ליכטיגע שטראהלען בעלייכטען דעם באדען אונד דאס מעבעל. עס איז געווען דאס מאנד־ליכט דורך דיא שויבען, אונד דער שאטען פון דיא העלצלעך אין מיטען פענסטער, האט אויך דארט אב־געשלאגען.

איך האב נעבליקט איז דיעזען געהיימניספאל בעלייכטעטען צימער. דאן האב איך בעמערקט א טהייל פון אלעקסאנדער דימיטריעוויטש׳עס שרייב־טיש, אונד דעם שטוהל מיט דעם לעדער־זיטץ דערבייא.

ניט קיין געפיהל פון חרטה, זאנדערן א שרעק האט מיך ערגריפען. איך האב געציטערט אין גאנצען קערפער.

אין מיין קאפ האבען פערשיעדענע געדאנקען דורכגעקרייצט. אבער קיין איינציגער איז געווען קלאר. אלעס האט אויסגעזעהען וויא א חלום, דונקעל אונד אונדייטליך.

דאן האב איך מיך ווידער דערמאהנט אן איהר.

„זיא!“ האב איך נאך אמאל געמורמעלט, „לודמילא איוואנאוונא מיט איהר שעהנעם קערפער... זיא וועט באלד קומען... שנעללער, איך בעט דיך... סוס,

שמאנען, אז דאס איז פון דעם ווילדען דרוק פון מיינע הענד ארום איהר קערפער.

עפעס האבען זיך וויעדער געוואָלט דרינגען אין מיין קאָפּ געדאנקען, אבער איך האב זייא פערטריעבען מיט א געגען־געדאנקען, וועלכער האט געזאגט:

„אלזאָ גוט, מאָראל, זיטען — איך האב דערמיט ניט וואס צו טהון. לודמילא איוואנאָוונא מוז זיין מיינע!"

איך האב מיך אויפגעהויבען פון דער סאָפא זיך צוהאלטענדיג אן טישעל. איך האב געשפירט א גרויסע שווערקייט אין מיינע פיס.

מיין גאנצער קערפער איז געווען וויא געלעהמט, נאָר דיא בעסטיע איז געווען נאך טהעטיגער וויא אימער. איך בין לאנגזאם ארויס פון דעם זאלאָן אונד בין אריין אין מיין שלאָף־צימער.

איך האב ארויס גענומען א שוועבעלע, אָנגעצונדען דאס ליכט אונד מיך אָנגעפאנגען שנעל אויסצוקליידען.

דאן האב איך מיך געלעגט אונד אבזיכטליך אויסגעלאָשען דאס ליכט.

דיא טהיר וואס האט געפיהרט אין אלעקסאנדער דימיטריעוויטש'עס צימער, איז געבליעבען אָפען. איך האב געוואוסט, אז לודמילא וועט דורך דיעזען וועג קומען.

דורך דעם פענסטער געגענאיבער מיר, איז אריין געפאלען א שטראָם זילבערנע שטראהלען פון דער שעהנער לבנה, אונד וועןן ניט מיין בעסטיאליטעט, וואלט איך געפיהלט שפירען דיא זיסע אונד אנגענעהמע הייליגע שטילקייט פון דער נאכט.

איך בין געלעגען איינינע מינוטען שטיל אונד אונבעוועגליך. דאן האב איך געשפירט א גרויסע אונגעדולד, אונד איך האב גענומען א ציגארעטע פון דעם טיש, אונד פערראויכערט.

עס האט מיך געפיעבערט.

„דומהייטען!" האב איך געמורמעלט צו מיר אליין. „עס בלייבט זיך דאך גלייך וואס עס וועט געשעהן. יעטצט איז שוין יעדענפאלס צו שפעט."

טראָטץ דעם וואס איך האב מיר געוואָלט איינרעדען, אז איך בין שוין פרייא פון יעדען זיטען־געפיהל, האבען זיך אין מיר אונווילענדיג געדרענגט דיא געדאנקען, פון וועלכע איך האב מיך ניט געקענט בעפרייען, אונד געגען וועלכע איך האב מיך געמוזט פערטהיידיגען.

א היסץ ־שט א קעלט, ווי אין א פיעבער, איז נעלאפען איבער מיין קערפער.

אבער דאן איז געשעהען עטוואס אונערווארטעטעס.

יעמאנד איז אריין אין שפייזע־ציטער, וועלכעס איז ניט געווען לודמילא איוואנאוונא.

א לייכטער שריט וויא פון א הינטעלע, האט זיך געהערט אויף דעם באדען.

א קליינע פיגור איז ערשינען אונד צוגעגאנגען נאהענט פון מיין בעט.

אין ערשטען אויגענבליק, בין איך געווען אזוי איבערראשט, אז איך האב נאר ניט געוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט, אונד זיך דערשראקען, וויא א קליינער דומער איננעל.

דיא אויפרעגענדע היטץ פון מיין קערפער, איז פערשוואונדען דורך דער שרעק, אונד אזא קעלט האט מיך ערגריפען, אז איך האב געשפירט, אז עס קלאפט מיר א צאהן אן א צאהן.

דיא קליינע פיגור, מיט לייכטע שריט פון בארוויסע פיסלעך, מיט נאקעטע שולטערס אונד הענטלעך, האט וויא פארביינעשוועבט אונד איז אריין אין ציטער פון אלעקסאנדער דימיטריעוויטש.

מיר האט עס אויסגעזעהן, אז מיין הערץ אין מיין ברוסט, האט אויפגעהערט צו קלאפען.

דיא פיגור איז געבליעבען שטעהען אין דעם שיין פון דיא זיכבערנע לבנה־שטראהלען אונד געבליקט אונגעדולדיג אין ציטער.

ענדליך האב איך דערקענט דיא פיגור. עס איז געווען דיא קליינע טאניא!

איהרע שווארצע אויגעלעך האבען געגלאנצט, אונד איהר קליין קערפערל האט אויסגעזעהען וויא דיא אונשולד אליין איינגעהיעלט אין נאטור׳ס מילדעס ליכט.

איהרע שעהנע האאר זיינען געווען צרווארפען איבער איהרע קליינע שולטערלעך.

דאס קינד איז געשטאנען עטליכע סעקונדען, געבליקט אין אלע זייטען אונד אויסגעזעהען זעהר פערצווייפעלט.

„טאטע, טאטעלע! פאפא, פאפעלע!" תאט אויסגעקלונגען איהר שטימעלע זעהר אונרוהיג אונד בעזארגט.

קום... יא, יא, איך בין א נעמיינער אונד ניעדריגער שופט, אָבער איך קען מיר ניט העלפען... שנעלל, שנעלל... אך"...

א נעגויע האלבע שטונדע איז פאַראיבער, אין קוואלפאַלער אונד געשפאנטער ערוואַרטונג. אָבער דיא בעסטיע האט נאך געלעבט. אין געגענטהייל, זיא איז יעדעס מאל שטאַרקער אונד מעכטיגער געוואָרען.

דיא צייט האט אויסגעזעהען אונענדליך לאנג.

איך האב שוין געהאט בעשלאָסען אויפצושטעהן אונד זיא נעהן אויפזוכען אין איהר צימער.

„איך וועל געהען זעהר לאנגזאם," האב איך מיר געטראכט, „איך בין דאָך באָרוויס. איך קען שוין מעהר ניט וואַרטען."

אָבער איך בין געוועזען צו פיעל פייגלינג אום צו מאכען דיעזען שריט.

איך בין געלעגען אונד זיך צוגעהערט. אין הויז איז עס געוועזען שטיל וויא אויף א בית-עולם.

„באלד וועט זיך דיא טהיר עפענען אונד זיא וועט ערשיינען," האב איך מיך געטראכט. „זיא וועט פּאָזיטיוו קומען, דאַריבער איז עס קיין צווייפעל. זיא מוז פריהער זעהען, אז דיא קינדער מיט דוניאשא'ן זאָלען פעסט איינשלאָפען. זיא איז פאָרזיכטיג. זעהר פאָרזיכטיג. זיא וועט געוויס נאך זעהען גוט פערזיכערן דיא טהיר."

איך האב געציטערט.

„שנעלל, שנעלל, קום שוין"... האב איך געטורמעלט גלייך ווי איך וואָלט זיא גערופען זיא זאָל הערען.

דאַן האב איך מיך אביסעל אויפגעהויבען, זיך אָנגעשפאַרט אויף'ן עלענבויגען, אונד בין געלעגען זיך צוהערענדיג.

מיינע ליפען זיינען געוועזען טרוקען אונד איך האב זייא בענעטצט מיט מיין צונג.

פּלוצלינג האב איך געהערט א טהיר זיך עפענען

איך האב אויפגעציטערט.

איך האב מיר געטראכט, אז זיא געהט דורך דעם שלאָף-צימער. דאס העלישע פייער פון תאוה האט אויפגעפלאַמט.

איך האב מיך פאָרבערייטעט זיא צו עמפּפאַנגען אין מיינע אָרעם, אונד איך האב מיך נאך מעהר אויפגעהויבען.

מיין חערץ האט אָנגעפאנגען פירכטערליך צו קלאפען. אָבער שוין ניט אזוי וויא פריהער, זאָנדערן מיט אנדערע געפיהלע.

„טאניא!“ האב איך געמורמעלט, „איהר היילינע שטימע! זיא קלינגט אין מיינע אויערן! זיא דערמאָהנט מיך אן מיין ליעבען אונד צערטליכען פריינד אלעקסאנדער דימיטריעוויטש“...

איך האב נעשפירט דיא טרערען לויפענדיג פון מיינע אויגען אונד פאלען אויף מיין העמד.

וויא גוט אזעלכע טרערען זיינען!

זייא קומען פון דער זעלע פון דער קוועלע וואו אלעס איז חייליג, אונד נאָר דער גוטער טהייל אין פערדאָרבענעם מענשען ברענגט טרערען.

עס זיינען געוועזען טרערען פון חרטה, פון ביטערער חרטה!

„טאניא!“ האב איך ווידער געמורמעלט, „פאפא, פאפעלע! מאמע, מאמעלע! גאָט אין הימעל, וואס האב איך געוואָלט טהון? וואס איז מיט מיר געשעהען? בין איך קראנק, אָדער בין איך משוגע געוואָרען?“

א פראָסט האט ערגריפען אלע מיינע גליעדער.

ניין! עס איז אונמעגליך איך זאָל אלעס איבערגעבען וואס איך האב דאן מאלס נעשפירט. איך בין צו שוואך דאפיר.

אלעס וואס איך קען מיך עראינערן איז, דאס מיר האט עס אויסגעזעהן, גלייך וויא איך וואָלט ערוואכט פון א לאנגען אונד פינסטערן חלום.

דאס געפיהל פון שאנדע וואס איך האב דאמאלס געשפירט, וועל איך בלויז אויף דיעזער ארט אָבשילדערן:

איך האב געוואָלט בעהאלטען מיין פנים זאָגאר פאר דער שטילער נאכט, פאר דער זילבערנער לבנה, פאר דיא פיער וועגט אונד פאר מיר זעלבסט. איך האב מיר געבראָכען דיא הענד, אונד דאן האב איך אויפגעהויבען ביידע פויסטען אונד מיך געשלאגען אין קאָפ אריין.

שאנדע! מיין גאָט, דאס איז געוועזען א שרעקליכעס געפיהל. איך האב אזא געפיהל ביז דאמאלס נאך ניט געשפירט.

„מיין פריינד'ס פרוי!“ האט עס געקלונגען דומפף אין מיינע אויערן וויא פון א קבר.

„מיין פריינד'ס פרוי! טאניא'ס מוטער! דיא מוטער פון דעם קליינעם אונד ליעבען ענגעל — פערפלוכט זאָל איך זיין פאר אזעלכע שפּעטישע גע־ראנקען!“

זיא איז דאן געשטאנען נאך א פאאר סעקונדען, ווידער נעבליקט, אתד געזאגט מיט א וויינענדינער שטימע:

„מיין פאפעלע איז ניטא! ניטאָ מיין פאפעלע!“

מיין גאָט! ניעמאלס, ביז אין לעטצטען אוינענבליק פון מיין לעבען, וועל איך ניט פערגעסען דעם איינדרוק פון טאניא׳ס שטימעלע.

„מיין פאפעלע!“ וויא זיס, וויא שעהן אונד וויא הייליג דיא ווערטער האבען נעקלונגען.

איך בין אזוי שטארק אויפגערעגט געוואָרען איבער מיר, אז זאָלאנג איך לעב, האב איך קיין זאך מעהר פערטראכטעט, וויא זיך אליין אין יענעם אוינענבליק.

דאן האב איך נעהערט דאס פאטשען פון איהרע קליינע אתד נאקעטע פיסלעך אויף דעם געוועקסטען פוס־באָדען, אונד זיא איז ארויס פון איהר פאטער׳ס צימער.

„זיא איז געווען זוכען איהר ליעבען פאפא,“ האב איך מיר געטראכט.

„אָדער פיעלייכט ניין,“ האב איך געמורמעלט צו מיר אליין, „וואס איז דאס געווען? טאניא? — פאפא, פאפעלע! מאמע, מאמעלע! יא, יא, זיא איז עס געווען. אָבער וויא אזוי איז זיא אריין אהער? פיעללייכט איז זיא נאר א נאכט־וואנדלערין?“

איך האב מיך אויפגעזעטצט וואך אתד שטארק בערוהיגט, אריסער וואס איך האב געשפירט א העפטיגען שמערץ אין מיין ברוסט.

„דאס קינד, טאניא,“ האב איך געטראכט, „דיא הייליגע אונשולד זעלבסט, וועלכע איהר פאטער פערגעטערט, איז ארויס בייא נאכט פון דעם בעט. ריכטיג. אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט מיר דערצעהלט, אז זיא טהוט עס זעהר אָפט“...

איך בין געבליעבען זיטצען איינינע אוינענבליקען נאר אָהן געדאנקען.

עס האט אויסגעזעהען וויא א טייך, וועלכער איז פלוצלינג פערהאלטען געוואָרען פון א מעכטינען שטראָם, אונד ער מוז דערפאר א נייע ריכטונג אָננעהמען.

„אונד לודמילא איוואנאָוונא?“ האב איך מיך געפרענט. „זיא איז געוויס נאך אין שלאָף־צימער? ווארום זאָל זיא דען דאָרט ניט זיין? געוויס, איהר פלאטץ איז דאָרט. אָבער זיא האט דאָך געזאָלט אהער קומען? מיין גאָט! העלף מיר, איך בעט דיך, רעטע מיך.“

זיא איז געוועזן אָנגעצויגען אין א לאנגען ווייסען שלאָף־מאנטעל. אויף איהר מזיכט האט זיך אָבגעשפּיגעלט אונרוהע אונד שרעק.

מיין בלאסעס געזיכט, האט איהר דערצעהלט, אַז עפּעס אונגעוועהנליכעס האט פּאסירט.

אין מיר האט געברענט האס, צאָרן אונד פערצווייפלונג, זאָ דאס איך האב ניט געקענט עפענען מיין מויל.

„וואס איז געשעהען?“ האט זיא ווייטער געפרעגט מיט איין אונטערדריקטער שטימע צענערענד.

איך האב ניט געוואוסט אנפאנגס וואס איך זאָל ענטפערן. אָבער ווען איך האב מיך אויפגעשטעלט גלייך, זיינען מיר דיזע ווערטער געקומען אין מויל:

„געהט ארויס פון דאנען, געהט! אום גאָטעס ווילען, שטעהט ניט פאר מיינע אויגען!“

זיא האט געשווידערט אונד מיך אָנגעקוקט שטארק דערשראָקען.

„איהר פיהלט ניט גוט,“ האט זיא דאן געזאגט.

„ניין, ניין!“ האב איך אויסגעשריען. „איך פיהל נאך צו גוט! איך האב נאך אזוי גוט ניט געפיהלט אין מיין גאנצעס לעבען. אָבער, לודמילא איוואנאָוונא, זיא איז ערשיענען אין דיזען צימער, אונד געמורמעלט מיט איהר היילינגער שטימעלע: פּאפּא, פּאפּעלע! טאטע, טאטעלע!... זיא האט אונז ביידע גערעטעט, פערשטעהט איהר? געהט ארויס פון דאנען, איך בעט אייך זעהר“...

אנפאנגס האט זיא מיך ניט פערשטאנען אונד געמאכט א שרים פאר־ווערטס.

איהר געזיכט האט מיר אונטערדעסען אויסגעזעהן וויא פון דעם טייפעל, וויא פון דער פערזאכטונג אליין.

„ווער איז דאָ געוועזן? וואס זאגט איהר, איך פערשטעה אייך ניט?“ האט זיא געפרעגט מיך אָנקוקענדיג וויא א פעררויקטען.

„טאניא! טאניא!“ האב איך געענטפערט. „טאניא איז דאָ געוועזן, אלעקסאנדער דימיטריעוויטש׳עס ליעבלינג, דיא טאָכטער פון אייער מאן!“

„טאניא?“ האט זיא ווידער געפרעגט, אָבער זיא האט מיך שוין פערשטאַנען. איך האב דאס בעמערקט אויף איהר געזיכט.

„יא, לודמילא איוואנאָוונא!“ האב איך געזאגט ענטשלאָסען. „טאניא

דיעזע אלע געפיהלע זיינען ניט געקומען לאנגזאם, נאר זעהר שנעלל, וויטהענד אונד שטירמיש.

איך בין ארויס געשפרונגען פון דעם בעט, געזוכט אויף'ן טיש אונד געפונען א שוועבעלע, וועלכעס איך האב באלד אָנגעריבען אונד אָנגעצונדען דאס ליכט. דאן האב איך געגרייכט מיינע קליידער, אונד גלייך וויא א פייער וואָלט געברענט אין הויז, האב איך מיך שנעל אָנגעצויגען.

„ניין, ניין!“ האב איך געמורמעלט, „איך האב שוין קיין מורא ניט, אז איך וועל פאלען — איך וועל מיר ניכער צערברעכען מיין קאָפּ, איידער איך זאָל בעטריגען מיין פריינד, טאניא'ס פאטער — אָבער איך קען דאָ מעהר ניט פערבלייבען. אונמעגליך! איך וועל קיינעם ניט קענען קוקען אין געזיכט. דיא שאנדע! אָה, מיין גאָט, דיא שאנדע! וואס פאר א לומפּ איך בין! וויא ניעדריג איך שטעה! טאניא! פּאפּא, פּאפּעלע! טאטע, טאטעלע! ניין, ניין! איך בלייב דאָ מעהר ניט קיין אויגענבליק, איך פאָהר באלד אוועק!“

מיין ענטשלוס איז געווען געפאסט. דיא בעסטיע אין מיר האט געקריגען א טויט־קלאפּ אונד דער מענש האט אויפגעלעבט.

„יא, גאָט אליין האט זיא געשיקט! דיא גאָטהייט, דיא ריינהייט, דיא זיטליכקייט, דיא מאראל, זייא האבען מיר געשיקט א ליעבעס אונד זיסעס קינד; זיא האט מיך דערמאָהנט וואס פאר א בעסטיע איך בין! טויט צו דער בעסטיע!“

איך בין שוין געווען אָנגעצויגען.

„וויא געפאלען, וויא ניעדריג, וויא געמיין אונד פערדאָרבען איך בין!“ האב איך צו מיר געמורמעלט. „מיין פריינד'ס פרוי! דיא פרוי פון מיין בעסטען, ליעבסטען אונד עהרליכסטען פריינד! אונד דוא, קליינעס מיידעלע, דוא ריינעס, ליעבעס קינד, — דוא האסט מיך גערעטעט — טאטע, טאטעלע!“

פּלוצלינג האב איך מיך דערמאָהנט, אז אָבוואָהל דיא קליידער האבען שוין בעדעקט מיין קערפּער, בין איך נאך געווען באָרוויס. איך האב מיך אָנגעבויגען צו דעם אנדערן עק פון דעם בעט, אויפצוהויבען מיינע שיך.

„וואס איז דאס?“ האב איך פּלוצלינג געהערט א שטימע נעבען מיר. „איהר ציהט זיך גאר אן?“

איך האב מיך אזוי דערשראָקען, אז איך האב געמיינט, דאס מיין געהירן פּלאטצט אין מיר אונד מיין הערץ וויל ארויס שפּרינגען פון מיין ברוסט.

אלס איך האב אויפגעהויבען מיינע אויגען, האב איך ערבליקט לודמילא איוואנאָוונא שטעהענדיג בייא דער טהיר.

„איך בעט אייך," האט זיא ווידער אָנגעפאנגען, „פאָהרט ניט יעטצט. איך בעט אייך...

איך האב מיך אומגעווענדעט צו איהר מיט א פערואכטענדען בליק.

זיא האט דאן געשפראָכען מיט א טאָן פון שולד.

זיא האט אויסגעזעהען וויא א פערוואונדעטע אָבער היבשע טיגערין. דאן האט זיא אָנגעפאנגען צו ציטערן אונד וויינען שטיל.

דאס האט מיך אביסעל גערירט, אָבוואָהל איך האב זיא נאך אימער פעראכטעט.

איך בין געבליעבען שטעהן אונד זיא אָנגעקוקט שארף מיט מיינע אויגען.

„הערט מיך אויס, מאדאם," האב איך געזאגט. „אונטער אונז ביידע האט פאסירט אזא מין אנגעלעגענהייט, פאר וועלכער מיר דארפען ביידע בעהאלטען אונזערע געזיכטער פון חרפה. איך וויל ניט וויסען ווער עס איז שולדיג. זאָל זיין, אז איך בין דער שולדיגער. אָבער דאס מאכט נאך ניט קלענער דאס פערברעכען. א מענש מוז האבען זעלבסט־געפיהל, זעלבסט־אכטונג אונד געוויסען. איך וויל ניט רעדען פון א רעליגיעזען שטאנדפונקט, אָבער איך וויל אייך זאגען, אז פון א מענשליכען שטאנדפונקט, איז אזא האנדלונג געמיין, ניעדריג און מען קען זיך אין לעבען דארויף ניט פערצייהען. איהר זייט א מוטער פון ליעבע אונד זיסע קינדער. איהר זייט דיא פרוי פון א מאַן, וועלכער ליעבט, אכט עט אונד שעטצט אייך; פון א מאַ, וואס איז בערייט פאר אייך צוגעהען אין פייער אונד וואסער; פון א מאַן בייא וועלכען איהר זייט א היילינגטהום, א געטטין. מאדאם! ווען איהר זאָלט דאס אלעס בעגרייפען, פערשטעהען אונד זיך זעלבסט שעטצען, וואָלט איהר געוואוסט, אז עס גיעבט קיין היילינגערעס וויא דיא געפיהלע פון אייער מאַן צו אייך! איהר האט איהם פערשפראָכען צו זיין טרייא אונד איבערגעבען. עס איז אייער פליכט איהר זאָלט דאס טהון. אייך האט ניט בעוואוינגען צו מיר קיין געפיהל פון ליעבע; ניין מאדאם! דאס איז ניט קיין ליעבע, זאָנדערן מיאוס'ע אונד עקעלהאפטע תאוה אויף'ן מאָמענט, וועלכע געהט פאָראיבער אונד לאָזט צוריק שמערץ, חרטה אונד געוויסענסביסע. פרעגט מיך, איך בין איינער פון דיא גרעסטע לומפען, איך וויים דיא וואהרהייט"...

איך האב געמוזט בלייבען שטיל, ווייל איך האב מעהר סיין אטהעם געהאט.

איז דאָ געווען, אייערע אונד אלעקסאנדער דימיטריעוויטש'עס טאָכטער. דיא האט אונז דערמאָהנט אן אונזערע פליכטען. לודמילא איוואנאָוונא, איהר האט א גוטען אונד עהרענהאפטען מאן, איהר דארפט איהם ניט בעטריגען הינטער זיין רוקען. ניין, ניין! דאס איז אונרעכט. איך זאג אייך: אז א מענש דארף ניט אזוי האנדלען, עס איז א גרויסעס אונרעכט! מיר מוזען זיך בעהערשען. זעהט, איך בין שוין בעהערשט, אונד איהר מוזט אין דער צוקונפט זיך אויך אזוי בעהערשען. עס איז נאָר דיא אונמענשליכקייט וואס טרייבט אונז צו זינד אונד פער־ברעכען"...

דיא איז געשטאנען וויא א מאַרמאָרנע סטאטוע אויף'ן פלאטץ אונד איהר געזיכט האט אויסגעדריקט א וועלט מיט אונפערשטענדליכע געדאנקען, אָבער פיר מיר, איז דארט געלעגען פעראכטונג אויף דער העכסטער שטופע.

זיא האט זיך פלוצלינג אומגעווענדעט, אונד איז צוריק ארוים אין אלעקסאנדער דימיטריעוויטש'עס צימער.

דאן איז זיא געבליעבען שטעהן וויא אונענטשלאָסען, אונד דאך אומווענדענדיג וויעדער צו מיר, האט זיא געזאגט:

„מוזט איהר יען שוין אוועק פאָהרען?"

איך האב ניט געענטפערט, ווייל איך האב סוים געהערט איהר פראגע. דאן האט זיא אָנגעפאנגען מיט א בעטענדער שטימע:

„איהר מעגט נאך ווארטען; איהר דארפט ניט אוועק פאָהרען. אלעקסאנדער דימיטריעוויטש ווערט מיינען גאָט ווייס וואס עס איז געשעהען — איהר קענט דאך מאָרגען פאָהרען. איך בעט אייך, טהוט עס מיר צוליעב, פאָהרט ניט יעטצט"...

איהר ווערטער האבען אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק וויא דאס זשווישען פון א שלאנג. איך האב אָנגעפאנגען ארויף צו ציהען מיינע שיך.

„אזוי ווייט צו זינקען," האב איך צו מיר אליין געזאגט. „וויא ניעדריג איך בין! אזוי ווייט צו זינקען! נאָר א בלינדער צופאלל האט מיך גע־רעטעט."

איך בין שוין געווען פערטיג מיט דיא שיך, אונד בין צוגעגאנגען צום שפיגעל אום צו זעהען וויא איך ציה מיר אן מיין האלדבענדעל.

לודמילא איוואנאָוונא איז געשטאנען שטיללשווייגענד בייא דער וואנט. זיא האט געוואַרט אויף מיין ענטפער.

נעזעסטס. איך האב פערריכערט א ציגארעטע אתר אנגעפאנגען העפטיג אתר נערוועז צו ציהען דעם רויך.

„וואס שטעהט זיא נאך דארט?“ האב איך מיך געפרעגט, בליקענדיג דורך דער אפענער טהיר אין צווייטען צימער. „וויל זיא מיר עפעס זאגען? איך קען ניט בעגרייפען.“

דאס האט מיך פערדראסען. לויט דער סצענע, האט זיא בעדארפט צוריק געהן אין איהר שלאף-צימער, אונד מעהר ניט בלייבען נאהענט פון מיר.

איך האב מיך אויפגעהויבען אונד געוואלט אנפאנגען ארום צו געהען איבער דעם צימער.

א געפיהל פון א נוטער טהאט, האט מיך ערגריפען, אונד עס האט מיך געפרייט וואס איך בין אימשטאנדע געווען צו זיעגען איבער מיר זעלבסט.

„איך פערהאף,“ האב איך מיר געטראכט, „אז איבער איהר האט עס אויך געמאכט א גוטען איינדרוק, אונד זיא וועט פון היינט אן אונד ווייטער אנדעריש האנדלען הינטער דעם רוקען פון איהר מאן. יא, יא, יעדער מענש האט גוטע אונד שלעכטע אין זיך. מען דארף דאס נאר וויסען וויא צו ערוועקען, אונד דער מענש מוז זיעגען איבער דער בעסטיע.“

איך בין געווען גליקליך מיט דער איידעע.

„אבער וואס שטעהט זיא נאך אימער דא?“ האב איך מיך געפרעגט.

פלוצלינג האב איך בעמערקט וויא זיא האט זיך בעוועגט.

מיט דער שנעללינקייט פון א קאטץ, איז זיא אריין געשפרונגען אין צימער.

איך האב מיר אנפאנגס פאר איהר דערשראקען. אבער נאך איידער איך האב צייט געהאט עפעס איבערצוקלערן, האב איך שוין געשפירט איהר ווארעמען קערפער אונד איהרע הענד זיינען געלעגען ארום מיין האלז.

„אך, געליעבטער!“ האט זיא געזאגט. „דאס אלעס איז דאך דומהייטען! וואס“...

זיא האט מעהר ניט געשפראכען.

איין אונענדליכען וואוסט מיט איין איבערנאטירליכען חשק האבען מיך ערגריפען. איך האב פערגעסען אן יעדער בענעהמונג וואס א מאן בענעהט געגען א דאמע, אונד איך האב זיא אבגעריסען פון מיר, גלייך וויא א קאטץ וואלט זיך אויף מיר איינגעהאנגען.

איהר געזיכט האט אָנגעהויבען צו ווערען מילדער אונד טרויעריג.

„אָן האב איך ווייטער געזאגט:

„איהר זייט א פרוי אונד א מוטער. עס איז אמת, ניעמאנד קען שאפען איבער א מענשען׳ס געפיהלע. אבער בעטריגען דארף מען ניט. כל־זמן אלעקסאנדער דימיטריעוויטש טרויעט אייך, טאָרט איהר איהם ניט בעטריגען. ווען איהר קענט מיט אלעקסאנדער דימיטריעוויטש ניט לעבען, דאן פערלאָזט איהם, נעהמט זיך אוועק. אָבער בעטריגט איהם ניט הינטער זיינע פלייצעס. דאס איז אונרעכט! מיין גאָט, אונרעכט!“

זיא האט געוויינט.

„אָבער איך בעט אייך,“ האט זיא קוים ארויס געשטאמעלט פון צווישען איהרע שטיקענדע טרערען, „פאָהרט ניט אוועק היינט, יעטצט“...

איך האב אָנגעהויבען איבערצוקלערען דיא גאנצע לאגע.

„זיא האט רעכט,“ האב איך מיר געטראכט. „איך דארף איהר קיין שלעכטס ניט טהון. ניט אזוי איהר, וויא איהם. אירגענד א פערדאכט, וועט צער־שמעטערן זיין ארמעס אונד גוטעס הערץ.“

„מאדאם!“ האב איך דאן ווידער געזאגט. „עס איז לעכערליך איך זאָל פון אייך אָבנעהמען א פערשפרעכען, אז איהר זאָלט אין דער צוקונפט אזוי ניט האנדלען. איהר וועט עס טהון בייא דיעזען מאָמענט. איך וויים עס. אָבער איך בעט אייך, איהר זאָלט זיך דערמאָהנען אן מיינע ווערטער; זייא גוט שטער־דירען“...

„יא, יא,“ האט זיא מיך אונטערבראָכען, „איהר האט רעכט“..

„גוט,“ האב איך דאן געזאגט, „איך פאָהר ניט אוועק היינטיגע נאכט. איך בלייב ביז מאָרגען.“

לודמילא איוואנאָווגא איז נאך אימער געשטאנען אויף דעמזעלבען פלאטץ. איך האב ניט פערשטאנען וואס זיא מיינט. אָבער דאס איז נאָר געווען דערפאר, ווייל זיא איז צופיעל אויפגערעגט געוואָרען.

דאן איז זיא צוגעגאנגען צו אלעקסאנדער׳ס שרייב־טיש אונד זיך דאָרט אָנ־געשפארט מיט ארונטער געלאָזענע אויגען.

דורך דעם פענסטער זיינען אריין געפאלען דיא שעהנע לבנה־שטראהלען אונד בעלייכטעט איהרע צערוואָרפענע האאר.

איך בין אונטערדעסען ווידער צוריק געגאנגען אום בעט אתה זיך אוועק

איך האב מיך צוריק נעזעטצט אויף מיין בעט אונד בין געבליעבען א היבשס צייט אין א מערקווירדיגען צושטאנד.

דיא לעטצטע סצענע האט מיך וויא בעטויבט. עס האט מיר אויסגעזעהן, אז יעמאנד האט מיר געגעבען מיט עפעס איין קלאפ אין קאפ אריין, פון וועלכען איך האב מיך ערשט געמוזט ערהאָלען.

זיטצענדיג אויף׳ן בעט, האב איך דערפיהלט א גרויסע מיעדקייט אונד איך בין אומגעפאלען מיט מיין קאפ אויף׳ן קישען. איך בין אזוי געלעגען א היבשע צייט, ביז איך בין צו מיר געקומען אונד אָנגעפאנגען צו בעטראכטען אונד שטודירען דיא לעטצטע עראייגניס.

דיא אָבוועקסלענדע סצענען פון אויפרעגונג, דיא אונגעדולדיגע ערווארטונג צו ערפיללען מיין בעסטיאליטעט, דאס ערשיינען פון טאניא׳ן, דער וועקסעל אין מיר זעלבסט אונד דיא אונטעררעדונג מיט לודמילא׳ן, זיינען פארביינעפלויגען איז מיינע געדאנקען שנעל אונד אונאינטערעסאנט, נעגען דער לעטצטער עראייגניס.

דיא לעטצטע עראייגניס! ועל איך דאס פערגעסען? האב איך עס גע־קענט פערגעסען?

אונמעגליך!

שטעלט זיך פאָר; שוין נאכדעם וויא איך האב איהר ערקלערט מיינע געדאנקען, שוין נאכדעם וויא זיא האט געוויינט אונד מיך געבעטען צו גלייבען, שוין נאכדעם וויא איך האב איהר פאָרגעלעזען א גאנצע דרשה איבער מוסר אונד אנשטענדיגע אויפפיהרונג, אונד מיינענדיג, אז איך האב זיא איבערציינט פון דאס גוטע אונד עדלע — שפרינגט זיא ווידער ארויף אויף מיר, אומא מט מיך, אונד...

פע! בעסטיע!

דאס איז שוין מיר [illegible] וויא איך האב געקענט ערווארטען ניט נאָר פון אזא פרויענצימער [illegible] רמילא, זאָנדערן פון א פיעל ניעדריגער וויא דיא איז געוועזען.

איך האב אָנגעהויבען צו קלערען אונד איבערדענקען וועגען אלע פרויען אין דער וועלט, אונד בין באלד געקומען צו דיא ווערטער פון דעם געקרוינטען אידישען פיניג, וועלכער האט געזאגט:

איך האב זיא אוועק נעשליידערט אין א ווינקעל, וואו זיא איז שיער נעפאלען.

איך האב גאר ניט נעקענט רעדען. פון איהרע אויגען האט נעשאָסען אזוי פיעל האַס, דאס ווען זיא וואָלט אימשטאנדע געווען מיך צו פערברענען אין יענעם אויגענבליק, וואָלט זיא עס געווים געטהאָן.

דאס האט מיך נעפרייט.

איך האב אין איהר נעוואָלט זעהן האַס, צאָרן אונד פעראכטונג, אָבער ניט קיין ליעבליכקייט.

„אונד אלע מיינע ווערטער האבען געהאָלפען וויא א טויטען באנקעס?“ האב איך מיך נעפרעגט אין מיינע געדאנקען.

„זיא איז איין אונפערשעהמטע בעסטיע!“ האב איך מיר נעטראכט. „ארמער אלעקסאנדער!“

איך בין נייגיעריג געווען צו זעהען וואס דער נעכסטער מאָמענט וועט ברענגען.

זיא איז געשטאנען אונענטשלאָסען.

דאָן האט זיא זיך אומגעווענדעט, אונד איז צוגעגאנגען צו דער טהיר. דאָרט איז זיא ווידער געבליעבען שטעהן אונד מיר געקוקט אין געזיכט, מיט אזא אונפערשעהמטער מיענע, אז איך האב נעשווידערט.

„נארר!“ האט זיא אויסגעשריען מיט א הייזעריגער שטימע וועהרענד איהרע אויגען האבען געגלאנצט. „איהר זייט א דומקאָפּ! איך האב מיר גאר ניט פאָרגעשטעלט, אז איהר קענט זיין אזוי דום אונד נארריש; דום אונד אונגעבילדעט“...

זיא איז דאָן ארויס אונד פערשלאָסען דיא טהיר.

דאס איז געווען, אום זיך צו פערזיכערן, אז איך וועל אין יענער נאכט ניט אוועק פאָהרען.

„אונגעבילדעט!“ דיעזעס וואָרט האט נעקלונגען אין מיינע אויערן. „זאָ שטעלט זיא אלזאָ פאָר, אז בילדונג איז פערדאָרבענהייט? טרויעריג, זעהר טרויעריג.“

אויף א באנק מיט מאניא'ן. דאס קינד האט הערצליך געלאכט אתד שטארק פערגניגען געהאט פון דיא שפיעלערייען וואס ער האט איהר געבראכט פון דער שטאָדט.

אלס ער האט מיך ערבליקט, האט ער דאס קינד ארונטער גענומען פון זיינע שויס, זיא אוועק געזעטצט אויף דער באנק, אונד זיך אויפגעהויבען.

„וואס איז געשעהען, מיין יונגע ?" האט ער געפרעגט ערשטוינט, זעהענדיג מיין בעטריעבטעס אונד בלאסעס געזיכט.

„איך – איך — ווייס ניט," האב איך קוים ארויס געשטאמעלט.

ער האט מיר געגעבען זיין האנד אונד עפעס געמורמעלט פון גוט עסען, טרינקען אלטען וויין אונד געהען מעהר אויף דער לופט.

איך האב איהם אָבער מיטגעטהיילט, דאס טראָטץ מיין צושטאנד, מוז איך איהם פערלאָזען.

ער איז געבליעבען שטעהען שטארק ערשטוינט.

איך בין באלד צו מיין בעזינונג געקומען, אונד איינגעזעהען, אז עס איז זעהר אונהעפליך פון מיר איך זאָל אזוי רעדען מיט דיעזען עדעלען גוטען פריינד.

איך האב איהם ערקלערט מיט א טיכטיגען ליגען, אז איך מוז צוריק קעהרען אין שטאָדט, אום צו פערזאָרגען זעהר וויכטיגע געשעפטען, וועלכע זיינען מיר גאר פריהער פון זינען ארויס, וועהרענד מיין שוואכקייט אונד קראנקהייט.

ער האט פראָבירט מיך אָבצורעדען פון מיין שריט, בעהויפטענדיג, אז דיא געזונדהייט איז טהייערער פון אלעמען, נאָר איך האב איהם נאך אמאל געגעבען צו פערשטעהן, וויא נויטהווענדיג מיין אברייזען איז, אונד ער, דער איינפאכער אונד גוטער, וועלכער האט יעדען געטרויעט, אפילו לודמילא'ן, האט מיר אויך געגלויבט.

אָבער גאָט ווייס דעם אמת, אז איך האב איהם ניט געקענט קוקען אין דיא אויגען.

לודמילא איוואנאָוונא איז דאן טרשיענען, אונד אלעקסאנדער האט איהר מיטגעטהיילט פון מיין ענטשלוס.

„ווירקליך ?" האט זיא געפרעגט, גלייך וויא זיא וואָלט גאר ניט געוואוסט דערפון, „איהר פאָהרט שוין אוועק ? דאכט זיך אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט געזאגט, אז איהר פערבלייבט נאך דאָ איינינע װאָכען ?"

„פון סוויזענד מענער, האב איך געפונען איינעם (פאר אנשטענדיג), אָבער אונטער טויזענד פרויען, האב איך איינע אויך ניט ענטדעקט.“

זיינען אלע פרויען אזוי? האב איך מיך געפרעגט שמערצהאפט.

איך האב מיך דערמאָהנט אן מיין מוטער, אן מיינע שוועסטער אונד — איך האב געשוידערט.

„א מיאוס'ע וועלט! פע! פע!“ האב איך געמורמעלט.

איך האב געשפירט וויא מיינע אויגען שליעסען זיך אונד א גרויסע מיעדקייט האט מיך בעפאלען. דאן בין איך איינגעשלאָפען.

ווען איך האב ערוואכט, איז שוין געווען גרויסער טאָג.

איך האב מיך ניט בעדארפט אָנציהען, ווייל איך בין געבליעבען אין די קליידער פון לעטצטער נאכט.

דער שלאָף האט מיך אונטערדעסען אביסעל ערפרישט אונד געשטארקט.

יערענפאלס האב איך אָבער געשפירט, אז יעדעס גליעד שמערצט מיך וויא פון א ברענענדעס פיעבער.

איך האב אויסגעגלייכט מיין ראָק, מיין האלדבענדעל אונד בין ארויס פון צימער.

דיא ערשטע וואס איך האב בעגעגנט, איז געווען לודמילא איוואנאָוונא.

זיא האט מיר געקוקט גלייך אין דיא אויגען. איך האב געמוזט אָבווענדען מיין געזיכט פון איהר אונפערשעהמטען בליק.

ווען איך האב נאך אמאל צו איהר געקוקט, האט זיא געמאכט זעהר איין אונשולדיגע מיענע אונד בעמערקט:

„אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט צוריק געקעהרט אונד ער האט געפרעגט אויף אייך. ער איז אין דרויסען מיט טאניא'ן.“

זיא האט זיך דאן אָבגעווענדעט אונד איז געגאנגען אונבעקימערט צו איהר הווידארבייט.

„מיין גאָט!“ האב איך געמורמעלט, „וויא קען מען האבען אזא קופערנעם שטערען?“

איך האב געהאסט יעדען ווינקעל פון דיעזען הויז. דאָרט צו פערבלייבען איז מיר ווייטער אונמעגליך געווען.

עס איז געווען ריכטיג. אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט צוריק געקעהרט פון דער שטאָדט. ווען איך בין ארויס אין דרויסען, האב איך איהם געזעהן זיטצען

„מהר אונפערשעהמט!" האב איך מיר געטראכט

נאך'ן עסען, האט אלעקסאנדער דימיטריעוויטש געלאזען איינשפאנען צוויא גוטע פערד מיט א וואגען אונד געהייסען דעם טרייבער ער זאל מיך צו פיהרען ביז צו דער אייזענבאהן.

„איך וואלט דיך אליין בעגלייטעט," האט ער געזאגט, „אבער דוא מוזט מיר ענטשולדיגען, ווייל איך האב היינט זעהר פיעל צו טהון."

ער האט דאן געבליקט צו לודמילא'ן, אונד עס האט אויסגעזעהן, אז ער וויל איהר זאגען, זיא זאל מיך בעגלייטען.

איך האב קיין טעות געהאט מיט דיעזען אורטהייל, דען ער האט איהר באלד געזאגט:

„לודמילא, ווען דוא ווילסט, קענסטו איהם בעגלייטען ביז צו דער באהן, איך האב דאך קיין צייט נים."

„ניין, ניין!" האב איך אונטערגעכאפט ציטערענדיג פאר דער אידעע. „איך קען אליין פאהרען."

אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט אויסגעזעהען זיך צו געפינען בעליידיגט פון מיין ענטזאגונג.

ער האט דאן געשוויעגען.

איך האב איהם געגעבען דיא האנד, זעהענדיג, אז דיא פערד זיינען שוין איינגעשפאנט.

ער האט מיר געוואונשען א גליקליכע רייזע.

לודמילא איוואנאוונא איז אונטערדעסען אויף צוגעגאנגען, אונד אויסגע־שטרעקט איהר האנד. איך בין געוועזען ענטשלאסען זיא צוריק צו שטויסען מיט פעראכטונג. נאר א בליק אויף אלעקסאנדער'ס אונשולדיגעס געזיכט, האט באלד געענדערט מיין ענטשלוס.

איך האב איהר געגעבען דיא האנד, אונד איך האב געשפירט גלייך וויא איך האב ערגריפען א גיפטיגע שלאנג.

„פאהרט געזונדערהייט," האט זיא געזאגט זעהר גלייכגילטיג אונד מיט א גאנצען ערנסט.

איך האב איהר ניט געענטפערט אונד איך האב פריא אויפגעאטהעמט, ווען איך האב בעפרייעט מיין האנד פון איהרער.

זיא איז ג׳וועזן א וואונדערבארע שויישפּיעלערין. איהר פערשטעלונג איז נעווע
דיא העכסטע קונסט וואס איך האב נאך ביז דאמאלס ביינעוואָהנט.

אָבער זאָגאר צוליעב אלעקסאנדער דימיטריעוויטש, אום איהם ניט צו מ
פערדעכטיג, האב איך איהר אויך ניט געקענט ענטפערן.

ער האט מיך אָבער גלייך ארויס גענומען פון דער פערלעגענהייט, אונד ער
קלערט דעם ליעגען וואס איך האב איהם ג׳זאגט.

„ווען אזוי,״ האט זיא דאן ווייטער בעמערקט גלייכגילטיג, „דאן מוז ער דאָ
פאָהרען, עס טהוט מיר לייד, מיר האבען זיך דאָ אזוי גוט אמוזירט.״

„זאָרג ניט מיין טהייערע,״ האט אלעקסאנדער דימיטריעוויטש געזאגט צו זיי
פרוי. „ווען איך וועל איהם צו צווייטען מאל פאקען אין מאָסקווא, ברענג איך איה
וויעדער אהער. ער וועט מוזען קומען.״

זיא האט געשוויעגען אונד איך האב אויך ניט געקענט רעדען קיי
וואָרט.

אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט גאר ניט בעמערקט.

דער ארמער! ער איז געוועזן בלינד, ער האט גאר ניט געקענט זעהען
לודמילא האט רעכט געהאט ווען זיא האט בעהויפּטעט, אז ער ווייס ניט קיי
חכמות.

מיין האַס צו איהר איז געוועזן אזוי גרויס, אז איך האב מיך געשפּירט אימ
שטאנדע צוזאמען צו דריקען איהר האלז, ביז זיא זאָל זיין טויט.

„אזא קאמץ דארף מען דערווערגען,״ האב איך מיר געטראכט. „אזא
שלאנג דארף מען צערשמעטערן, אונד זיא איז עס דיא פרוי פון מיין עדעלע
פריינד!״

אלעקסאנדער דימיטריעוויטש האט מיך צוריק געהאלטען ביז צום מיטאג
עסען.

לודמילא איוואנאָוונא איז געזעסען ביים טיש אזוי רוהיג אונד אנשטענדיג
אז עס איז גאר ניט געווען צו בעמערקען עפּעס אין איהר געזיכט.

מיר אליין איז עס צייטענווייז פאָרגעקומען, אז איך האב בלויז געהאט
פינסטערן חלום, וועהרענד עס האט אין דער ווירקליכקייט גאר ניט פא
סירט.

איך האב מיך אָבער אונטערדעסען דערמאָהנט נאך צו גוט אין די
פאקטען, אונד איך האב מיך איבערצייגט, אז עס איז ליידער ניט געווען קיי
חלום.

איך האב אָבער דיא פרויען דאָך ניט געקענט פערדאמען. ניין, זאָגאר פיר מיר זעלבסט, האב איך אויך געפונען א פערטהיידיגונג.

„ניט איך אונד ניט זייא זיינען שולדיג,“ האב איך מיר געטראכט. „שולדיג איז נאָר אונזערע געמיינע אונד ניעדריגע ערציהונג, וועלכע לערנט אונז ניט וויא צו אונטערשיידען פון דאס וואהרע גוטע אונד דאס וואארע שלעכטע. שולדיג איז דעם איז אונזער ערציהונג, וועלכע בעשטעהט אויף שווינדעל אונד בעטרוג. לודמילא איוואנאָוונא, אנשטאט זיך ארונטער צו נעהמען א מוסר פון דער בעסערער קלאַסע, האט זיא גערופען דיא אויסגעלאסענהייט — בילדונג.

איך בין בייא איהר אין דיא אויגען ניט געוועזען גענוג געבילדעט, כל־זמן איך האב איהר ניט געוואָלט נאכגעבען איהר בעסטיאלישען וואונש. דאָ ליעגט דאס גאַנצע אונגליק!

איך האב פערשטאנען, אז איך זינק אלץ טיעפער אונד טיעפער; ספּעציעל אונד מאראליש. אָבער אום דיעזעס צו פערמיידען, האב איך געמוזט אומווענדען מיין גאַנצען לעבענס־וואַנדעל, אונד... אָבער וויא איז דאס אלעס שוין מעגליך געווען!

וואַסילי ניקאָלאַיעוויטש'עס שלום־ערקלערונג.

ווען וואסילי ניקאָלאיעוויטש איז פערטיג געוואָרען מיט דער פּאָרלעזונג, איז ער געוואָרען זעהר אויפגערעגט. מיר, אלע אנוועזענדע, וואס האבען בייגעוואָהנט דיא פאָרלעזונג, זיינען געוועזען ערנסט אונד פערטראכט.

„דערמיט ענדיגט זיך דיא ערצעהלונג,“ האט וואסילי געזאגט אוועק לעגענדיג דיא פאפּירען אויף׳ן טיש, אונד זיינע הענד האבען געציטערט. „עס וואָלט מיר זעהר שווער געווען דאס נאך אמאל פאָרצולעזען. עס ריהרט מיך זעהר, איבערהויפּט ווייל איך וויים, וויא דער אונגליקליכער איז נאכהער געשטאָרבען.“

דער איינדרוק אויף אונז אלע פון דער ערצעהלונג, איז געווען א שמערצ־האפטער. מיר זיינען אָבער אונטערדעסען נייגיעריג געווען צו הערען וויא אזוי דער אונגליקליכער סטודענט, נאכדעם דיא ריינהייט פון זיין זעלע האט אזא טריומף ערהאַלטען, וויא ער איז ווידער געפאלען אונד געזונקען ביז צום אָבגרונד.

„ער איז געשטאָרבען,“ וויא איך האב שוין געזאגט,“ האט וואסילי ניקאָלאַ־יעוויטש אָנגעפאנגען. „פון דער שווינדזוכט. יא, עס איז געווען דיא שווינדזוכט,

איך האב דאן ערפליקט מאניא'ן, צו וועלכער איך האב מיך אנגעבויגען אונד אבגעפרעסט א קוש אויף איהר שטערן.

לודמילא איוואנאוונא, וויא עס שיינט, האט אויסגעזעהען צו זוכען א געלעגענהייט מיר צו קענען קוקען אין געזיכט. אהנע זיא זאָל בעמערקט ווערען פון איהר מאן.

צו דיעזער צייט איז אלעקסאנדער צוגעגאנגען צום טרייבער אונד איהם וואהרשיינליך עפעס געפרעגט.

לודמילא האט ערגריפען דיא געלעגענהייט אונד מיר געסוקט גלייך אין געזיכט. אויף איהרע ליפען האט זיך אבגעשפיעלט יענער שפּאָטישער שמייכעל, וועלכען איך האב געזעהען לעצטע נאכט.

„דומקאפּ!“ האט זיא געמורמעלט הויך גענוג אום איך זאָל זיא הערען. איך ריעזען וואָרם איז געלעגען א וועלט מיט פעראכטונג.

איך האב אבגעווענדעט מיין געזיכט פון איהר אונד בין אויך צוגעגאנגען צום וואגען, וואוהין איך האב מיך שנעל אריין געזעטצט אום לויז צו ווערען פון איהר געגענווארט.

איך בין אזויעק געפאהרען צוריק נאך מאסקווא, אונד אזוי האב איך פערלאזען דעם פלאטץ וואוהין איך בין געקומען מיך קוריערן.

אונד וויא בין איך צוריק געקומען?

יא, מיין צוריק קעהרען איז געווען מיט פיעל מעהר שרעקליכער אויפרעגונג פערבונדען, וויא מיין אברייזע.

אבשייא אונד פעראכטונג צו דער גאנצער וועלט, אונד איבערהויפט צו פרויען, האט זיך אין מיר ענטוויקעלט אויף דער העכסטער שטופע.

איך האב זייא אלע פעראכטעט פון דער טיעפקייט פון מיין זעעלע. דאס נעמ־וועזענע עהרען־געפיהל צו זייא, איז פון מיר גענצליך פערשוואונדען, אונד איך האב בעטראכטעט איינע וויא דיא אנדערע פיר בעסטיעס.

מיין לעבענס־גאנג, האב איך אונטערדעסען שוין מעהר ניט געקענט וועקסלען. דיא געוואהנהייט צו לומפּערייא אונד בעסטיאליטעט האט צוריק געקעהרט, אונד איך האב מיך ווידער אריין געווארפען אין קאבענגדען ים פון תאוה, וויסענדיג, אז איך האב אין דער פרוי ניט מעהר צו אכטען דיא ריינהייט אונד אונשולד.

איך האב זייא אלע בעטראכטעט פיר ניעדריג אונד פערדארבען, אונד...

„אבער זייענדיג ווידער אין מאָסקווא, איז ער ווידער געקומען אין בעריהרונג מיט דער אלטער געזעלשאפט, מיט דיא אלטע אומגעבונגען, אונד, מערקווירדיג, אין מאָסקווא האט ער מעהר ניט געפונען יעמאנדען וואס זאָל בעריהרען דיא גוטע סטרונע אין זיין זעעלע, אום איהם אָבצרווענדען פון דעם וועג וואס פיהרט צו פערדערבען.

„אין געגענטהייל, ער האט געפונען אזוי פיעל געלעגענהייטען צו דער קומפּע־רייא, אז ער איז ווידער אריין געפאלען אויף אזוי ווייט, דאס ער האט זיך מעהר ניט געקענט רעטען.

„ער האט פערבראכט זיין צייט אין דיא קרעטשמעס, אין דיא פעררופענסטע הייזער, געטרונקען, געזויפען אונד פערקעהרט מיט אַלערלייא פרויענצימער, וועלכע זיינען איהם נאָר ענטגעגען געקומען.

„יא, ער האט ניט בעדאַרפט האבען, אז יעמאנד זאָל איהם זאגען, דאס ער פערלירט זיינע לונגען. ער האט דאס אליין געוואוסט.

„ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז ער זינקט אתר זינקט; אז זיינע כּ׳נ׳ען ווערען שוואכער אונד קראנקער, אונד ער בליקט דעם טויט אין געזיכט.

„דענקט זיכער, אז ער האט זיך געלאָזען זינקען דערפאר ווייל ער האט פערהאסט דאס לעבען? ניין, ניין, ער האט דאס לעבען גאר ניט פיינד געהאט. אין געגענטהייל, ער האט געוואָלט לעבען, געוואוסט, אַז זיין בעגעהרונג פיהרט איהם צום קבר, אונד טראָטץ דעם האט ער פאָרטגעזעטצט זיין ארט לעבען. ער האט פאזיטיוו געוואָלט אומווענדען דעם גאנג, אָבער ער האט ניט געקענט. אין מאָסקווא איז איהם מעהר ניט געקומען צו דער האנד אזא טאניא, וואס זאָל אויף איהם ווירקען.

„שוואך אונד אויסגעמאטערט, האט ער זיך געמוזט הינגעבען צום טיעפעל פון לוסט אונד אויסגעלאסענהייט, אונד ער האט וואָכענלאנג ניט געדענקט אפילו אויב ער טהוט אונרעכט. אזוי פיעלע אנדערע טהון דאך אויך דאס זעלבע.

„דאַן זיינען זיינע לונגען געוואָרען קראנק, זעהר קראנק, אונהיילבאר. דאמאלס האב איך מיט איהם געשלאָסען בעקאנטשאפט.

„דאס וואס דיא געזעלשאפט האט איבער איהם ניט געקענט ווירקען, האט

אבער איז ער ווירקליך געשטארבען פון דיעזער קראנקהייט? אט דא ליעגט דער הונד בעגראבען.

„ווען דער אונגליקליכער איז געקומען נאך מאסקווא שטודירען, איז ער געווען א פרישע בלום נאך מיט דער טהוי פון דער פרייער אונד געזונדער נאטור. זיינע לונגען זיינען פיעללייכט דאמאלס געווען נאך אזוי שטארק, אז דער בעסטער ארצט וואלט ערקלערט, אז צו זייא קען זיך גאר ניט געהמען קיין שווינדזוכט. ער האט דיעזע מעכטיגע לונגען אבגעשוואכט. ניין, ער האט זייא ניט אבגעשוואכט דורך ווייניג עסען, נאסע וואהנונג אונד דורך א צופעליגער קראנקהייט. ער איז געווען פאלקאמען געזונד אונד שטארק. אבער ער האט אנגעפאנגען צו פיהרען א לעבען וויא ער האט געזעהען פון אנדערע סטודענטען. ער האט געלומפט וויפיעל עס איז איהם נאר מעגליך געווען.

„דערבייא האט איהם זיין מעכטיגע קערפער־געביידע געגעבען דעם אנשטויס צו מעהר אויפרעגונג וויא א שוואכער, אונד ערהאלטענדיג גענוג געלד פון זיינע עלטערן, האט ער גאר זיך געזעהען געעפענט אלע טהירען וואס פיהרען צום אבגרונד אונד ער איז געגאנגען.

„פריהער האט דאס געווירקט איבער זיין אלגעמיינער קערפערליכער קראפט, דאן אויף זיין געהירן, אויף זיין געמיטה, אונד צום שלוס, האט ער אזוי אבגעשוואכט זיינע לונגען, אז ער האט זייא אונטערווארפען צו שווינדזוכט.

„עס שיינט, דאס וועהרענד ער איז געווען אייף אלעקסאנדער דימיטריע־וויטש'עס גוט, זיינען זיינע לונגען שוין געווען שטארק אנגעגריפען. ער האט נאך דאמאלס געשפירט א שמערץ אונד א וועהטאג אין זיין ברוסט. אבער, עס איז קיין צווייפעל, דאס ער האט זיך נאך געקענט רעטען ווען ער וואלט אומגעוואנדעלט זיין לעבענס־גאנג.

„ער האט צוריק געקעהרט נאך מאסקווא א מאראלישער מענש. ער האט בעוויעזען, אז מיר מענשען, פון דער ריינער נאטור, זיינען ניט אזוי פערדארבען וויא דיא געזעלשאפט מאכט אונז. אבער מיר ווערען פערדארבען פון דיא אומגעבונגען. דאס הייליגע פאמיליען־לעבען פון אלעקסאנדער דימיטריעוויטש, האט אנגעריהרט דיא סטרונע אין זיין זעעלע, דורך דער אונשולד פון דער קליינער טאניא.

„ער האט בעוויעזען א גרויסע העלדענטהאט דערמיט וואס ער האט בע־קעמפפט זיין פערדארבענע געוואהנהייט. פיעלע פון אונז, וואלטען פיעללייכט ניט געקענט איבערשטעהען אזא נסיון.

שנעל, אונד גם איז נאר א פראגע פון טעג, העכסטענס פון וואכען. דאן וועל איך דיין טויט, אונד איך וועל רוהען אין שויס פון דער מוטער ערד, וואו מען קען שוין נים בעגעהען אזוי פיעל פערברעכען. אנדערע וועלען קומען אויף דעמזעלבען וועג וואו איך בין געגאנגען, אונד זייא וועלען אויך פאלען"...

„ער האט שמערצהאפט געשמייכעלט אונד איך האב געשוויעגען. איך האב איהם גאר נים געהאט וואס צו ענטפערן.

„צווייפעלט איהר, אז ער וואלט געקענט געראטעט ווערען? איך בין זיכער, אז מיט 4 אדער 5 מאנאט צוריק, האט מען איהם געקענט רעטען. ער האט נאר בעדארפט האבען א פונקט וואו זיך צו שטיטצען. אבער וועניג פון אונז האבען אזא שטיטץ־פונקט! דערפאר מוזען מיר פאלען אונד זינקען אין טיעפען אבגרונד.

„אין דיעזען מענשען האט מיך הויפטזעכליך געריהרט אונד עס ריהרט מיך נאך, דיא צוזאמענטרעפונג פון ליידענשאפט אונד גוטע מעלות. אבער ביידע זיינען אין איהם געוועזען מעכטיג אונד שטארק. דיא פערדארבענהייט האט אונטערדריקט געהאט מעהר שטיטצע אונד איז ארויס דיא זיעגערין. וועהרענד דיעזען קאמפף זיינען צערשמעטערט געווארען זיינע לונגען.

„רופט איהר דאס, אז ער איז געשטארבען פון שווינדזוכט? ניין אונד טויזענד מאל ניין! ער איז נים געשטארבען פון שווינדזוכט. איהם האט גע־טויטעט דיא ערציהונג, דיא געזעלשאפט אונד דער גרעסערער טהייל פער־דארבענהייט.

„ער האט אליין גאנץ גוט געוואוסט, ווער עס האט איהם געטויטעט אונד ווער זיין מלאך המות איז געוועזען.

„אין א טאג האט ער מיר געזאגט אין א הערצרייסענדען מילדען טאן: „איך האב געזוכט נאך א מאניא, אין מיינע רוהיגע מאמענטען, אבער איך האב זיא נים געקענט געפינען."

„ארמער אונגליקליכער! דוא האסט געקעמפפט אונד ביסט געפאלען! פיעלע אנדערע קומען דיר נאך! עס איז דיא קראנקהייט פון אונזער געזעל־שאפט!"

וואסילי ניקאלאיעוויטש איז געבליעבען שטיל, אונד עס איז ענטשטאנדען א קורצע דעבאטע דאריבער. דאן האבען מיר געזעהן, אז עס איז שוין באלד טאג, אונד יעדער איז זיך אוועק אהיים.

ע נ ד ע.

ענדליך געווירקט דיא שווינדזוכט. דער מלאך־המות, ווען ער האט איהם צום ערשטען מאל פעסט אָנגענומען ביים קארק אונד איהם איינגעראטט אין אויער: „דוא מוזט שטארבען!“ — דיעזער האט איהם צו זיין בעזינונג געבראכט.

„דיא ווערטער: „דוא מוזט שטארבען!“ האבען איהם אויסגעניכטערט אבגעקיהלט אונד געבראכט צו זיין פערשטאנד. ער האט צוריק געקעהרט צו דער שטופע פון זעלבסט־בעהערשונג, אונד איינגעזעהען, אז דער וועג צו בעסטי־מיטעט, איז אויך דער וועג צו א פריהען קבר, אָבער עס איז שוין געוועזען צו שפעט.

„צו שפעט!“ יא, צו שפעט האט זיך דער אונגליקליכער אויס גע־זעהען.

„דער מלאך המות האט נאך צוגעלעגט צו דיא ווערטער „דוא מוזט שטארבען!“ אויך דאס וואָרט „זאָפאָרט!“ אונד דיא חורבה וואס איז איבערגע־בליעבען פון איין אמאלינגער מעכטינגער געביידע פון מענגליכער קראפט, האט אויפ־געציטערט וויא דער קערפער פון איין אָקס, נאכדעם וויא דאס מעסער האט אָבגעשניטען זיין האלז.

„פערלוירען!“ האט עס געקלונגען אין זיינע אויערן אונד ער האט גע־שוידערט. דאן האט ער שוין אויך אויפגעהערט צו שטודירען אונד זיך אונטערגעבען צו זיין שיקזאל.

„איך קען מיך עראינערן אן זיינע ווערטער וואס ער האט צו מיר איינמאָל געזאגט:

„יא, ברודער, איך האב מיך נים געקענט מעהר בעהערשען. ווען איך האב געקענט, איז עס שוין געוועזען צו שפעט. קעמפפען מוז מען, ווען עס איז דאָ קרעפטען, נאכדעם איז עס פערלוירענע מיה. יעדענפאלס, העלפט שוין יעמצט קיין קלאגען. איך זעה מיין שיקזאל פאר דיא אויגען. איך מוז שטארבען. דיא פראגע אויב איך האב עס מיר פערדיענט, איז איבריג. איך שטארב נים דורך מענשליכע הענד, זאָנדערן דיא נאטור האט מיך פעראורטהיילט צום טויט, אונד דיא נאטור איז אימער גערעכט. אין פערגלייך צו מיין פערברעכען, איז דיא שטראפע נאך זעהר מילד. איך בעגרייף, אז איך וועל שוין פיעל נים לעבען. איך שפיר מיינע ביידע לונגען געלעכערט, אויסגעהוילט, צעררישען אונד... נאך א פאאר לעבער, אונד אלעס איז פאָראיבער. דיא שווינדזוכט באַקטעריען ארבייטען

איוואן איליטש'עס טויט.

איוואַן איליטש'עס טוידט.

1.

אין דעם גרויסען פּאַלאַסט וואס האט ענטהאַלטען מעהרערע אבטהיילונגען פון דעם געריכט־הויז, האבען זיך פערזאמעלט נאך דער זיטצונג אַלע ריכטער אונד פּראָקוראָרען אין איוואַן יעגאָראָוויטש שעבעק'ס פּריוואַט־צימער. דער אינהאַלט פון זייער געשפּרעך איז געווען דער בעריהמטער קאַססאָווסקי פּראָצעס.

פעדאָר וואסיליוויטש האט בעוויעזען באותות ובמופתים, אז דער גאַנצער פּראָצעס האט ניט ווערטה קיין איבערגעבראַכטען שטרוי. איוואַן יעגאָראָוויטש ווידער, האט געהאַט גראדע א געגען־מיינונג, וועהרענד פּיאָטער איוואַנאָוויטש, וואס האט זיך אנפאנגס גאר ניט געמישט, האט אריין געקוקט אין א פּאַפּיר זעהר אויפמערקזאַם.

„אונד אַזוי איז עס, מיינע העררען," האט ער געזאגט, „איוואַן איליטש איז ווירקליך טויט."

„ווירקליך!"

„זעהט דאָ, לייענט," האט פעדאָר וואסיליוויטש געזאגט, וועהרענד ער האט איבעררייכט א פּאַרפומירטעס פּאַפּיר, אויף וועלכען עס איז געווען אויפגעדרוקט פאָלגענדע ווערטער אין א שווארצען ראַנד:

„פּראַסקאָוויא פעאָדאָראָוונא גאָלאָווינא מאַכט בעקאַנט, מיט טיעפען שמערץ, איהרע בעקאַנטע אונד פריינד, איבער דעם טויט פון איהר ליעבען מאַן, איוואַן איליטש גאָלאָווינע, מיטגליעד פון דעם אַפּעלאַציאָנס־געריכט־הויז, וועלכער איז געשטאָרבען אם 4טען פעברואר 1882. ער וועט געבראַכט ווערען צור רוה אם פרייטאג, אום 1 אוהר נאַכמיטאַג."

איוואַן איליטש איז געווען דער קאָלעגע פון דיעזע פערזאַמעלטע העררען אונד יעדער פון זייא האט איהם רעספּעקטירט. ער איז געווען קראַנק עטליכע וואָכען, אונד זיין קראַנקהייט איז ערקלערט געוואָרען אלס אונהיילבאַר.

„עס איז ווייט פון וואנען איהר וואהנט, טיינט איהר. אָבער בייא אייך איז יעדענפאלס אלעס זעהר ווייט.“

„ער וועט מיר שוין קיינמאל ניט מוחל זיין דערפאר וואס איך וואָהן פון יענער זייט וואסער,“ האט נעענטפערט פּיאָטער איוואנאָוויטש מיט א שמייכעל, ווען ער האט געקוקט צו שעבעק׳ן.

דאן האבען זייא איבערהויפּט אָנגעפאנגען צו רעדען איבער דיא ווייטקייטען אין שטאָדט, אונד וויא זייא זיינען האלב פערטיג געוואָרען מיט זייער פּלוידערייא, זיינען זייא צוריק אריין אין געריכט־הויז.

אויסער דעם וואס יעדער פון דיעזע הערען האט נאכגעדענקט איבער א־וואן איליטש׳עס טויט, אז דאס וועט פעראורזאכען א וועקסלונג אין געריכט־הויז, אונד יעדער איינער האט גערעכענט אז איהם וועט ארויסקומען א טובה, האט נאך יעדער פון דיא הערען גלאט נאכגעדענקט איבער דאס אָבשטארבען פון א ג.אכטעטען פריינד אונד זיך אינערליך געפרייט וואס ער אליין לעבט נאך.

„אזוי איז עס, ער איז טויט, אונד איך לעב נאך,“ האט אונגעפעהר יעדער נעדענקט.

איבערהויפּט נאר, האבען אלע בעקאנטע פון איוואן איליטש, וועלכע האבען זיך גערופען זיינע בעסטע פריינדע יעטצט, בעטראכט דיא נויטהווענדיגקייט נאכצוגעהען צו זיין לויה, אלס איין אונאנגענעהמע אויפגאבע. זייא זיינען אויך ניט אין גאנצען צופריעדען געווען צו געהען טרייסטען דיא אלמנה וויא דער מנהג איז. אָבער, וואס קען מען טהון? עס איז א זאָגענאנטע געזעלשאפטליכע פליכט אָדער עטיקעטע, וואס מען מוז ערפילען אונד עס פּאסט ניט אויסצופעהלען.

פעדאָר וואסיליעוויטש אונד פּיאָטער איוואנאָוויטש, זיינען געוועזען איוואן איליטש׳עס נאהענטעסטע פריינד. פּיאָטער איוואנאָוויטש איבערהויפּט, איז געוועזען דעם פערשטאָרבענעם׳ס א שול־קאָלעגע, ווען זייא האבען נעשטודירט געזעטץ, אונד ער האט זיך בעטראכטעט אלס פערפליכטעט צו איהם.

נאכדעם וויא פּיאָטער האט דערצעהלט זיין פרוי דיא נייעס ביים מיטאגעסען, אונד איהר אויך מיטגעטהיילט איבער דער געלעגענהייט וואס זיין שוואָגער האט ערנאנט צו ווערען אלס ריכטער, האט ער זיך אָנגעצויגען זיין שווארצען ראָק אונד איז אַוועק אין איוואן איליטש׳עס וואָהנונג. וויא ער איז ארויף נעקומען אויף דיא שטיעג׳ן וואס פיהרען צום הויז, האט ער בעמערקט צווייא איסוואָסטשיקעס אין דרויסען.

זיין שטעלע איז אונטערדעסען געהאלטען געוואָרען פרייא פיר איהם, אָבער אין פאַל ער וועט ניט געזונד ווערען, האט אלעקסעיעוו געהאט דיא געלעגענהייט צו קריעגען דיא שטעלע. וויניקאָוו אונד שטאַבעל וויעדער, האבען געהאט איין אויג אויף אלעקסעיעוו׳ס פּאָסטען. ווען מען האט אלזאָ ערפאַהרען פון איוואַן איליטש׳עס טויט, איז דער ערשטער געדאַנק געוועזען פון אלע פערזאמעלטע העררען, ווער עס וועט קריעגען עפּעס א העכערן ראַנג, נאַכדעם אזא גוטער פּאָסטען איז פרייא געוואָרען.

„יעטצט בין איך זיכער צו קריעגען ענטוועדער שטאַבעל׳ס אָדער וויניקאָוו׳ס פּאָסטען,“ האט זיך געטראַכט פעדאָר וואסיליוויטש, „מען האט דאס מיר שוין לאַנג פערשפּראָכען, אונד ווען איך וועל דאס עררייכען, וועט מיין געהאַלט גע־העכערט ווערען מיט 800 רובעל, שוין ניט רעדענדיג פון דאס געלד וואס מען קריעגט אויף הוצאות!“

„איך מוז זעהן, אז מיין שוואַגער פון קאַלוגא זאָל יעטצט קריעגען א שטעלע,“ האט פּיאָטער איוואַנאָוויטש געטראַכט. „מיין ווייב וועט דערפון שטאַרק פער־גניגען האבען, אונד זיא וועט שוין מעהר צו מיר קיין טענות ניט האבען, אז איך טהו גאר ניט פאר איהר משפחה.“

„איך האב ווירקליך אויף גערעכענט, אז ער זאָל שוין זיין בעט ניט פער־לאָזען,“ האט פּיאָטער איוואַנאָוויטש געזאגט גאַנץ הויך. „וואס פאר א רחמנות דאס איז!“

„אָבער וואס איז דאס געוועזען פאר א קראַנקהייט?“

„דיא דאָקטוירים האבען ניט געקענט טרעפען. אָדער, לויט וויא איך האב געהערט, האט יעדער דאָקטאָר געהאט א גאַנץ אַנדערע מיינונג. ווען איך האב איהם לעטצטענס געזעהן, האב איך געטראַכט, אז עס וועט פּאָראיבער אונד ער וועט געזונד ווערען.“

„איך בין גאר ניט געוועזען בייא איהם אין הויז זייט דיא לעטצטע פייער־טאָגען: איך האב אלץ געטראַכט צו געהען, אונד, וויא עס שיינט, האט דער אונגליקליכער ניט געוואָלט ווארטען אויף מיין בעזוך.“

„האט ער געהאט עפּעס פּריוואַט איינקינפטע?“

„איך דענק, אז זיין פרוי, האט עפּעס פערמעגען, אָבער איך רעכען ניט פיעל.“

„יעדענפאַלס, וועלען מיר אלע **מוזען געהען. עס איז זעהר ווייט ביז צו** זיין הויז.“

צורייא יונגע לייט, פון וועלכע איינער איז געווען א סטודענט, אדער א פער־וואנדטער וויא עס האט אויסגעזעהן פון זיין היימליכקייט, האבען געהאלטען אין פערלאזען דאס צימער, זיך קרייציגענד ביים ארויס געהן. איין אלטע פרוי איז גע־שטאנען אהנע זיא זאל זיך בעוועגען, אונד א דאמע, וועלכע האט געהאט זעהר הויכע ברעמען, האט געמורמעלט עפעס דער אלטער אין אויער. א הויכער אונד אהן-חכמה׳דיגער גלח, איז געשטאנען אונד פארגעלעזען גאנץ הויך געבעטע פיר דעם טויטען, אין א טאן וואס האט אויסגעזעהן אביסעל אונבארמהערציג, אונד גע־ראססים, דער הויז־מוזשיק, האט דערווייל עפעס בעשפריטצט אויף׳ן פוס־באדען, וועהרענד ער איז געגאנגען נעבען פיאטער איוואנאוויטש.

וויא פיאטער האט ערבליקט געראססימען, האט ער אויך דערפיהלט דעם לייכטען אבער אונאנגענעהמען גערוך פון א פערפויקלטען קערפער. וועהרענד זיין לעטצטען בעזוך צו איוואן איליטש, האט ער בעמערקט דיעזען מוזשיק, וועלכער האט פערטרעטען דיא שטעלע אלס זיין הערר׳ס קראנקען־וועכטער, אונד עס האט אויסגעזעהן, אז איוואן איליטש האט דאמאלס שטארק געהאלטען פון זיין דיענער. פיאטער איוואנאוויטש האט דאן ווידער אנגעפאנגען זיך צו קרייציגען אונד נייגען זיך, וועלכעס האט אויסגעזעהן, אז ער טהוט עס ניט מיט קיין גרויסעס פערגניגען. דאן, מערקענדיג פיעללייכט מאכט ער דיא צערעמאניע צו פיעל, איז ער געבליעבען שטעהן אונד אנגעפאנגען צו בעטראכטען דעם טויטען.

דער טויטער איז געלעגען וויא אירגענד איין אנדערער לעבלאזער קערפער אויסגעשטרעקט, אונד פארגעשטעלט א שווערע מאסע, מיט אלע זיינע גליעדער פערשטארצט, איינגעהילט אין א טוך וואס האט בעדארפט דיענען אלס אונטער־בעטונג אין דער טרונע.

דער קאפ, וועלכער איז, וויא עס שיינט, צום לעטצטען מאל געזונקען אויף רעמזעלבען קישען וואו ער איז געלעגען, האט פארגעשטעלט, וויא דיא קעפ פון אלע אנדערע טויטע קערפער; א שטערן געל וויא וואקס, געזונקענע לעכער אין דיא שלייפען, אונד דיא נאז האט אויסגעזעהן ארויס צו שטעקען אזוי ווייט, אז זיא האט כמעט אין גאנצען פערשטעלט דיא אויבערשטע ליפ. דיא באקען מאגער, דונקער־בלייך אונד געזונקען. וואס פאר א וועקסלונג! דער פערשטארבענער האט אויסגעזעהן נאך מאגערער אפילו וויא צור צייט וואס פיאטער איוואנאוויטש האט איהם לעטצטענס געזעהן. אין דערזעלבער צייט אבער, האט דער טויט פעראור־זאכט, וואס זיין געזיכט האט אויסגעזעהן עפעס פיינער, אונד פארגעשטעלט איין עהרווירדיגערען ערנסט, וויא צור צייט וואס ער האט געלעבט. דער אויסדרוק

אין פּאָרדער־זאאל אויף'ן ניעדרינגען שטאָק, נעבען הוט־געשטעל איז גע־שטאנען דיא דעק פון דער טרונע, בעשלאָגען מיט גלענצענדע קנעפּ אונד זילבערנע פראנזען, אונטערגעמישט מיט וויס־זיידענע בענדער. צוויי דאמען, אָנגעצויגען אין שווארצען, האבען זיך דאָרט אויסגעצויגען זייערע קליינע מאנטילען. איינע איז געווען איוואן איליטש'עס שוועסטער, וועלכע פּיאָטער איוואנאָוויטש האט גוט גע־קענט, נאָר דיא אנדערע האט ער נאך קיינמאל נים געזעהן. שווארץ, איינער פון דיא ריכטער־קאָלעגען, האט געהאלטען אין ארונטער שטייגען דיא טרעפּען, אָבער וויא ער האט געזעהן פּיאָטער'ן, איז ער געבליבען שטעהן, אונד געמאכט א מיענע מיט זיין אויג, גלייך וויא ער וואָלט געזאגט: „איוואן איליטש האט זיינע גע־שעפטען זעהר שלעכט געפיהרט; מיר האבען שוין בעסער פערשטאנען וואס עס איז צו טהון.“

שווארץ'עס מאָגערעס געזיכט אונד זיינע ענגלישע באקען־בערד, זיינען וויא אריבער געהאנגען איבער זיין שווארצען ראָק, אָבער זיין פּנים האט אויסגעזעהן צו טראגען אזא מין ערנסט, גלייך וויא דאס וואָלט אויסגעדריקט דיא צערעמאָניע פון דער געלעגענהייט אונד אונצופריעדענהייט מיט אלעמען וואס ער האט דאָרט געזעהען.

פּיאָטער איוואנאָוויטש האט פריהער געלאָזען דיא דאמען ארויף געהן אונד ער איז מיט ערנסטע שריט נאכגעגאנגען. שווארץ איז געבליעבען שטעהן אויבען. פּיאָטער איוואנאָוויטש האט פערשטאנען דיא אורזאכע; ער האט געוואוסט, אז שווארץ ערווארטעט איהם אום צו אראנזשירען איבער דעם קארטען־שפּיעל פון יענעם אבענד.

דיא דאמען זיינען אריין אין דער אלמנה'ס צימער, אונד שווארץ, מיט א האלב מונטערן וואונק אונד א מאך מיט זיינע ברעמען, האט אָנגעצייגט, אז דאָרט איז דאס צימער מיט דעם טויטען.

פּיאָטער איוואנאָוויטש איז אריין געגאנגען, מיט אונזיכערע שריט, וויא דער פאל איז במעט מיט יעדען ביי אזעלכע געלעגענהייטען, וועלכע ווייסען ניט וואס פריהער צו זאגען אָדער טהון. ער האט אונטערדעסען געוואוסט, אז עס פּאסט יעדענפאלס זיך איבערצוקרייציגען, אָבער וויא אזוי ער זאָל זיך פערניינען, האט ער נים אויסגערעכענט. וויא ער איז אריין אין צימער, האט ער זיך איבערגעקרייצינט אונד זיך געניינט אָהנע צו וויסען אויב דאס איז דיא ריכטיגע צערעמאָניע אין דערזעלבער צייט אָבער, האט ער זיך אויסגעקוקט איבעראל, אונד געוואָלט אלעס זעהן.

ווייל זיא האט איינגעצווינגען איהר אויבערשטען טהייל קערפּער, אז זיא האט קוים גע־אטהעמט. זיא איז געווען אָנגעצויגען אין שווארצען פון אויבען ביז ארונטער; אויף איהר קאָפּ האט זיא געטראגען א שווארצע הויב מיט א לאנגען שווארצען שלייער, אונד איהרע ברוּמען האבען אויסגעזעהן גראדע אזוי הויך, וויא פון דיעזער דאמע וואס פּיאָטער האט פריהער געזעהן נעבען טויטען. פּראסקאָוויא איז ארויס געקומען אין דער בעגלייטונג פון אייניגע דאמען, אונד וויא זיא איז ער־שיענען, האט זיא געזאגט:

„דער גאָטעס־דיענסט פיר דעם טויטען, פאנגט באלד אן; זייט אזוי גוט אונד קומט אריין.“

שווארץ האט זיך לייכט פערניינגט אונד איז געבליעבען שטעהן, ניט אָנגעהע־מענדיג אונד ניט ענטזאגענדיג דיא איינלאדונג. דאן האט פּראסקאָוויא זיך אומ־געווענדעט, ארויס געלאָזען א טיעפען זיפץ, אונד ערבליקענדיג פּיאָטער איוואנאָוויטש, איז זיא צוגעלאָפען צו איהם, אונד אָנכאפּענדיג זיין האנד, האט זיא געזאגט:

„איך וויים, אז איהר זייט געווען איוואן איליטש'עס בעסטער אונד ליעבסטער פריינד.“

זיא האט איהם געקוקט גלייך אין דיא אויגען אונד ערווארטעט א פּאסענדען ענטפער.

פּיאָטער איוואנאָוויטש, וועלכער האט פריהער דורכגעמאכט דיא צערעמאָניע אין קרייצינגען זיך, איז יעטצט געבליעבען אויף אייניגע אויגענבליקען אונענטשלאָסען וואס ער דארף ווייטער טהון. דאן האט ער זיך דערמאהנט, אז א זיפץ איז גאנץ פּאסענד פיר דער געלעגענהייט. ער האט אלזא געזיפצט אונד געענטפערט:

„געוויס, געוויס, בין איך געווען זיין בעסטער פריינד.“

ער האט דאן נאך אמאל געזיפצט, אָבער דיעזער זיפץ, איז שוין געווען מעהר נאטירליך, דאס הייסט, ער האט זיך געשפּירט גלייך וויא א שטיין וואָלט איהם ארונטער פון הארצען דורכמאכענדיג דיא צערעמאָניע.

„קומט מיט מיר,“ האט זיא דאן געזאגט. „איך וויל מיט אייך עפּעס רעדען איידער דער גאָטעס־דיענסט פאנגט אן; גיבט מיר אייער ארעם.“

פּיאָטער איוואנאָוויטש האט איהר געגעבען דעם ארעם, אונד וויא זייא זיינען פארביינגעגאנגען נעבען שווארץ'ן, האט דער לעטצטער ווידער אמאל געמאכט א מיענע מיט זיין אויג, וויא איינער רעדט: „א שעהנער מסחר איז דיא גאנצע געשיכטע!“

אויף׳ן געזיכט האט פאָרגעשטעלט א מיענע, גלייך וויא זיא וואָלט בעצייכענט, אז דער טויטער האט צום לעטצטען מאל געדענקט, אז ער האט דורכגעפיהרט דיא וועלט ריכטיג וויא מען דארף. אָבער זיך צו קוקענדיג נעהנטער צו דיעזע געזיכטס־ציגע, האט מען ענטדעקט נאך איין אויסדרוק, וואס האט געלויטעט צו דיא לעבעדיגע: „געדענקט! עראינערט זיך!"

דיעזע עראינערענדע מיענע, האט פיאָטער איוואנאָוויטש געטראכט איז איין איבעריגע זאך, איבערהויפט האט מען איהם ניט געמיינט דערמיט. ער האט זיך שנעל בערוהיגט, זיך נאך אמאל איבערגעקרייציגט, אונד דאן זיך אומווענדענדיג, האט ער זיך דערנעהנטערט צו דער טהיר, רעכענענדיג, אז ער האט אלסדינג יוצא געוועזן.

שוואַרץ איז געשטאַנען אונד איהם ערוואַרטעט אין צווייטען צימער. ווען פיאָטער איוואנאָוויטש האט דערזעהן שוואַרץ'עס גלייכגילטיגעס געזיכט, איז ער ווידער געוואָרען דערזעלבער וויא פריהער, פערטרייבענדיג דעם איינדרוק וואס דיא סצענע האט אויף איהם געמאכט. ער איז געוועזן זיכער, אז שוואַרץ איז צו קלוג אונד צו מונטער פון דער נאַטור, אום זיך צו לאָזען הינרייסען פון אזעלכע מאָמענטען. יעדענפאלס האט שוואַרץ'עס גאנצע האנדלונג פאָרגעשטעלט א בילד פון א מענשען, וואס קימערט זיך ניט פיעל אום אזעלכע זאכען וויא איוואַ איליטש'עס טויט מיט א לויה, אונד דיא גאַנצע געשיכטע דארף איהם נאך ניט שטערען זיך צוזאַמען קומען אין דעמזעלבען אבענד, קויפען א נייא פעקעל קארטען אונד שפיעלען וויא דער שטייגער איז.

„זעה נאָר זעה," האט שוואַרץ געזאגט ערבליקענדיג פיאָטער'ס ערנסטע מיענע. „וואס איז אזוינס געשעהן? דיא גאַנצע געשיכטע האט נאך קיין רעכט אוועק צו רויבען אונזער פערגניעגען."

פיאָטער האט אַרויס געצוואונגען א שמייכעלע אויף זיינע ליפען.

„אלזאָ, אזוי בלייבט עס," האט שוואַרץ געזאגט. „מיר וועלען זיך צוזאמע קומען בייא פעדאָר וואסיליוויטש."

אָבער, וויא עס שיינט, איז עס ניט בעשטימט געווען פיאָטער איוואנאָוויטש זאָל אין יענעם אבענד זיטצען מיט א מונטערע געזעלשאפט בייא א טיש אונ שפיעלען אין קארטען. גראדע צו יענער צייט איז ערשיענען דיא אלמנה.

פראסקאָוויא פעאָדאָראָווגא, איז געווען איין עטוואס ניעדריגע אונד פעט פרוי, אָבוואָהל עס האט אויסגעזעהן, אז זיא האט געוואָלט אנדערש ערשיינע

מאָמענט וועט ברעננען, האט פערשטאַנען, אז אזא סצענע פאָרדערט צו זיין ערנסט, אונד ער איז געבליעבען זיטצען ערנסט.

אָבער פּיאָטער האט זיך אונטערדעסען געפיהלט זעהר אונבעקוועם זיטצענדיג שטיל אונד ווארטענדיג ביז פּראַסקאָוויא'ס טרערען וועלען אָבּרינען אונד זיא זאָל עפענען איהר מויל. גליקליכערווייזע איז דאַן ערשיענען סאַקאָלאָוו, דער איבּער־ריענער, אונד אונטערבּראָכען דיא אונאַנגענעהמע סצענע. סאַקאַלאָוו האט אנגע־צייגט, אז דער פּלאַטץ אויף'ן פריעדהויף, וואס דיא אלמנה האט אויסגעקליעבען פיר איהר מאַן וועט קאָסטען צוויא הונדערט רובּעל.

זיא האט גלייך אויפגעהערט צו ויינען, אונד בליקענדיג צו פּיאָטער'ן מיט דער מיענע פון א מאַרטירער, האט זיא געזאגט אויף פראנצויזיש, אז אלע דיעזע מסחרים פעראורזאַכען איהר גרויסע שמערצען. ער האט געזיפצט אונד געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אנצייגענד, אז זיא האט רעכט, אבער מען קען זיך ליידער אנדערש ניט העלפען.

„איהר מעגט דאָ רויכען,“ האט זיא געזאגט מיט א טאָן פון א מענשען וואס פאר איהם איז שוין אלעס גלייכגילטיג אונד דער אנדערער דארף זיך ניט לאזען שטערען.

דאַן האט זיא אנגעפאנגען צו רעדען מיט סאַקאַלאָוו'ן אונד בעהאנדלען דיא פראגע פון דעם בעגרעבּנים־פּלאַטץ.

פּיאָטער איוואנאָוויטש האט זיך פעררויכערט א ציגאַרעטע, אונד געהערט וויא פּראַסקאָוויא האט בעשלאָסען צו קויפען דעם בעגרעבּנים־פּלאַטץ. דאַן האט זיא געגעבען אויפטרעגען וועגען דער צערעמאָניע. אונד סאַקאַלאָוו האט זיך צוריק געצויגען.

„איך מוז אלסדינג אליין בעזאָרגען,“ האט זיא געזאגט איבּערקוקענדיג דעם אלבּום פון טיטען טיש.

זיא האט בעמערקט, אז דאס אַש פון פּיאָטער איוואנאָוויטש'עס ציגאַרעטע האט געהאלטען ביים ארונטער פאלען אויף'ן טיש־טוך אונד זיא האט שנעל אונ־טערגערוקט דאס אַש־שיסעלע בעמערקענדיג:

„עס זעהט אויס, אז עס איז ניט אמת וואס מען זאגט, דאס שמערץ קען פערהינדערן א מענשען צו בעזאָרגען זאגאר דיא קלענסטע פּראַקטישע געגענ־שטענדען; אין געגענטהייל, ווען אזעלכע זאכען קענען מיך ניט טרייסטען, זאָ צערשטרייען זייא מיך וועניגסטענס פון דעם שמערץ.“

פיאָטער איוואנאָוויטש האט געלעזען אין שווארץ'עס מיענע אונגעפעהר פאָלגענדע ווערטער: „מיר דאכט, אז אונזער קארטען־שפיעל הייטע אבענד טויג שוין אויף כפרות; אָבער זעה אנוועגדען אלעס מעגליכע אונד ווער פטור פון דאנען.“

פיאָטער איוואנאָוויטש אלס ענטפער צו שווארץ'עס מיענע, האט געזיפצט; פראסקאָוויא פעאָדאָראָוונא האט אָנגענומען דעם זיפץ אלס איין אויסדרוק פון סימפאטהיע צו איהר, אונד זיא האט געדריקט זיין האנד מיט דאנקבארקייט.

אריין קומענדיג אין פראָנט-צימער, וואס איז געוועזען אויסגעשטאטעט מיט רויט-בעצויגענעם מעבעל אונד בעלייכטעט פון א לעמפעל, האבען זייא זיך אוועק געזעטצט בייא א טיש. זיא האט זיך געזעטצט אויף א סאָפא, אונד ער אויף א געבעטען שטוהל, אָבער דיא איינגעדריקטע ספרונזשינעס האבען איהם שטארק בעאונרוהיגט, נאכדעם ער איז געוועזען זעהר שווער.

פראסקאָוויא פעאָדאָראָוונא האט עפּעס בעמערקט אין א מיענע פון זיין גע־זיכט, אז דיא ספרונזשינעס דריקען איהם, אונד זיא האט איהם געוואָלט איינלאדען ער זאָל זיך זעטצען אויף איין אנדערן שטוהל. אָבער זיא האט זיך גע־טראכט, אז אזעלכע אויפמערקזאמקייטען פון איהר זייט, פאסען ניט פאר יענער צייט. ווען פיאָטער איז געזעסען אויף'ן שטוהל, האט ער זיך דערמאָהנט, דאס צור צייט וואס איוואן איליטש האט איבער געצויגען דאס מעבעל, האט ער איהם געפרעגט איין עצה, אויב א רויטער קאָליר איז פאסענד.

דיא אלמנה, וועלכענדיג אויפשטעהן פון דער סאָפא, האט זיא פערטשעפּעט דיא שווארצע פראנזען פון איהר מאנטילע אן דער שניטצערייא פון דעם טיש. פיאָטער איוואנאָוויטש, זיך אויפהויבענדיג צו בעפרייען דיא מאנטילע, האבען דיא ספרינזשינעס אָנגעפאנגען וויא צו קלינגען אונד זיך אויפהויבען. דיא אלמנה האט דערוייל אליין בעפרייעט דיא פראנזען, אונד פיאָטער איוואנאָוויטש'עס קערפער איז צוריק געזונקען אין שטוהל, צוזאמענדריקענדיג פעסט דיא רעוואָלטירענדע ספרונזשינעס.

פראסקאָוויא פעאדאָראָוונא האט נאָר אויסגעזעהן זיך צו וועלען אויסקלייבען א פלאטץ אום צו זיטצען גראדע געגענאיבער פיאָטער'ן. ווען זיא האט זיך ענדליך געפיהלט בעקוועם, האט זיא ארויסגענומען זעהר א וייסעס טאשענטוך פון איהר קעשענע אונד צוגעלעגט צו איהרע אויגען, פון וואנען עס האבען אנגעפאנגען צו גיסען דיא טרערען. פיאָטער, וועלכער האט געווארט וואס דער נעבסטער

שטאַרבען! אונד דאס קען אויך מיט מיר פּאסירען, יעטצט אָדער צו אירגענד א ציים -- מיט מיר אליין קען דאס אויך פּאסירען! ברר..."

פּיאָטער'ס הארץ האט אונהיימליך געקלאפּט. אָבער אונוויללענדיג איז ערשיענען דיא אידעע: „יא, דאס אלעס האט געטראָפען מיט איוואן איליטש, אָבער מיט מיר וועט עס נים טרעפען — ניין, ניין, עס קען מיט מיר נים פּאַסירען." — ער האט אָנגעווענדעט אלע מעגליכקייטען איבערהויפּט פון זיך צו פערטרייבען דיא גאנצע אידעע פון קראנק זיין, ליידען, אונד אך! שטארבען! דאס האט פּיאָטער נים געקענט ערטראגען.

ער האט זיך שנעל ארוים געריסען פון דיא טרויעריגע געדאנקען אונד אָנגעפאנגען אויסצופרעגען, גאנץ גלייכגילטיג, וויא עס איז ווייטער צוגעגאנגען מיט איוואן איליטש פאר זיין טוים. פּראַסקאָוויא פּעאָדאָראָווגא האט איהם דאס אלעס דערצעהלט אין אזא טאָן, וואס האט נים אויסגעדריקט קיין בעדויערן פאר איהר טויטען מאן, זאָנדערן, דאס ער האט שרעקליך געמארטערט איהרע אייגענע נערווען, אונד זיא, דיא גוטהערציגע אונד כשר'ע נשמה, האט געמוזט דאס אלעס ליידען וויא יעדע „געטרייע" פרוי טהוט.

אלס זיא איז פערטיג געוואָרען מיט איהר שילדערונג, האט זיא אָנגעפאנגען צו רעדען איבער איהר אייגענער אינטערעסע.

„אך, פּיאָטער איוואַנאָוויטיש," האט זיא געזאגט, „וויא שמערצהאפט אונד וויא שרעקליך דאס איז פאר מיר יעטצט אָנצופאנגען דענקען איבער אזעלכע זאכען, פאר וועלכע נאָך האט מיך אויסגעהיט מיין גאנצעס לעבען."

א שטראָם טרערען האט ווידער געפלאָסען. דיעזעס מאל האט פּיאָטער שוין נים געקענט האבען קיין טעות, אז דיעזע טרערען מיינען איוואן איליטש, זאָנדערן, זיא אליין האט שוין נים געזוכט צו פערבאָרגען, אז זיא בעדויערט בלויז זיך אליין.

ער האט געזיפצט אונד געוואַרט ביז זיא וועט זיך אויסוויישען דיא אויגען. דאן האט ער בעמערקט:

„עס איז שרעקליך!"

דאן האט זיא ווידער אמאל אָנגעפאנגען צו רעדען, אונד איהם בעקאנט געמאכט מיט איהר הויפּט-אינטערעסע. דאס איז געווען איבער דער סומע געלד וואס זיא האט ערווארטעט צו קריעגען פון דער רעגיערונג פאר דעם טויט פון איהר מאן. זיא האט אויך געפרעגט איין עצה, וויא אזוי אונד אויף וועלכער ארט זיא

זיא האט דאַן װיעדער גענומען דאס האנד-טיכעל, גלייך װיא זיא האט זיך פאַרבערייטעט פיר נייע טרערען, אָבער זיא האט אויסגעזעהן פלוצלינג צו פער־געסען אן װײנען, אונד זיך בערוהיגענד, האט זיא געמורמעלט:

„איך האב אייך עפּעס מיטצוטהיילען."

פּיאָטער איװאַנאָװיטש האט זיך פערנייגט, אָבער נאָר מיט זיין קאָפּ, זיין קערפּער האט ער ניט געװאָלט אונטערהויבען, אום ניט צו געבען דיא רעװאָל־טירענדע ספּרונזשינעס מעהר פרייהייט.

„אך," האט זיא דאַן געזאגט, „ער האט שרעקליך געליטען אין דיא לעטצטע עטליכע טעג."

„װירקליך, האט ער פיעל געליטען?"

„יא, שרעקליך פיעל. װעהרענד זיין לעטצטער שטונדע — איך מיין ניט מאָ־מענטען, זאָנדערן א גאנצע שטונדע — האט ער גאר ניט אויפגעהערט צו שרייען. אָבער װאס זאג איך א שטונדע! מיין גאָט! עס האט געדויערט דרייא טעג מיט דרייא נעכט. עס איז שוין ניט געװען צום אויסהאַלטען. װיא אזוי ער איז דאס איבערגעשטאַנען, קען איך ניט בעגרייפען. אָבער יא, דער ארמער איז דאָך דערפון געשטאָרבען. מען האט איהם געקענט הערען שרייען אונד קרעכצען אויף דרייא טהירען װייטער. גרויסער גאָט! װאס איך האב געליטען!"

„איז ער געװען ביי זיין ריינעם פערשטאנד?" האט פּיאָטער איװאַנאָװיטש געפרעגט.

„יא," האט זיא געענטפערט אין א ניעדריגען טאָן, „ביז צו ענדע. ער האט זיך מיט אונז געזעגענט מיט א פיערטעל שטונדע פריהער איידער ער האט אויסגע־הויכט דעם לעטצטען אטהעם, אונד ער האט אונז זאָגאר געבעטען אװעק צו נעהמען װאָלאָדיא'ן."

דיא אידעע אליין, דאס א מענש האט אזוי שרעקליך געליטען, אונד דיעזער מענש איז געװען זיין — פּיאָטער איװאַנאָװיטש'עס — א חבר פון קינדהייט אויף, א שטודענט צוזאמען אין איין שולע, אונד דאַן זיינער איין אָפּטער שותף אין קארטען שפּיעלען, דאס אלעס האט געמאַכט פּיאָטער'ן שוידערן, אָבװאָהל ער איז געװען איבערצייגט, אז ניט דיא פרוי אונד ניט ער אליין, האבען זיך ביידע געמאַכט שטאַרק גרויסע יסורים פון זיין טויט. עס איז פאַר איהם ערשיענען דער שטערען אונד דיא אויסגעשפּיטצע נאָז פון דעם טויטען, אונד ער האט געציטערט. ער האט זיך געטראַכט: „דרייא טעג אונד דרייא נעכט ליידען אונד ערשט נאַכהער

פיאָטער האט זיך מעלאַנכאָליש פערניינט פאר דיא לעטצטע צווייא אונד האט געוואָלט אריין אין צימער וואו דער טויטער איז נעלעגען, ווען ער האט בעמערקט דאס געזיכט פון איוואן איליטש'עס קליינעם אייניקעל. דיעזעס געזיכט האט איהם דערמאָהנט אן איוואן איליטש'ן זעלבסט, ווען ער איז געווען א סטודענט אין דער גזועטץ־שולע. זיינע אויגען זיינען געווען רויט פון וויינען, אונד אויף דיעזען 14־יעהריגען געזיכט, האט פיאָטער צום ערשטען מאל ענטדעקט וואהרען טרויער אין הויז. דאס קינד האט זיך עטוואס צוריק געצויגען מיט א שעהמעדינער בעגעהמונג, ווען ער האט ערבליקט זיין פאטער'ס פריינד. פיאָטער האט איהם אונטערדעסען בעגריסט אונד איז אריין אין טויטען-צימער.

דער גאָטעס־דיענסט האט אָנגעפאנגען. איבעראל זיינען נטוועזן ליכט, זיפצען, ווייהרויך, טרערען אונד קרעכצען.

פיאָטער איוואנאָוויטש איז געשטאנען גראד אונד געקוקט ארונטער מיט דיא אויגען אויף זיינע פיס. ער האט מעהר ניט געוואגט צו קוקען אויף דעם טויטען קערפער, אונד איז געשטאנען מיט שמערצהאפטער אוננעדולד אום צו ערווארטען דעם סוף פון דער צערעמאָניע; ווען אלעס איז געווען פאָראיבער, האט ער צום ערשטען פערלאָזען דאס צימער.

ניעמאנד איז געווען אין פאָרדער־זאאל. אָבער נעראססים, דער הויז-מוזשיק, איז אונטערדעסען ארויס געקומען פון דעם טויטען־צימער אונד אָנגעפאנגען יעדען איינעם צו דערלאַנגען זיין מאנטעל וואס איז דאָרט געהאנגען.

„אלזאָ, ברודער נעראססים," האט פיאָטער איוואנאָוויטש בעמערקט בלויז אום עפעס צו רעדען, „דאס איז א גרויסעס אונגליק."

„עס איז גאָט'ס ווילען! עס וועט מיט יעדען פאסירען דאסזעלבע," האט נעראססים נעענטפערט ציינענדיג זיינע ווייסע ציינען. דאן האט ער געעפענט דיא טהיר מיט איין ענטשלאָסענער בענעהמונג, וויא א מאן וואס וויים דעם פראָגראם פון זיין ארבייט, צונערופען דעם טרייבער מיט דער דראָשקע, אונד געהאָלפען פיאָטער'ן איינשטייגען. דאן איז ער שנעל צוריק געשפרונגען מיט דעם בעוואוסטזיין פון א מענשען, וואס בעגרייפט, אז ער האט נאך זעהר פיעל צו טהון.

פיאָטער איוואנאָוויטש איז געווען שטארק ערפרייט אונד צופריעדען, ווען ער האט נאך אמאל געקענט איינאָטהמען ריינע אונד פרישע לופט, נאך דעם ווייהרויך, מיט, שמיקענעש אונד אנדערע אונאנגענעהמע ריחות.

קען קריענגען א פענסיע; אָבער, פון איהר איינענע רייד איז געווען ארויס צו זעהן, אז זיא איז שוין געווען גוט בעקאנט מיט דער גאנצער פראגע אונד האט אליין גע־וואוסט בעסער אלס איין אנדערער, וויא אזוי זיא וועט קענען ארויס קריענגען געלד. עס איז קיין צווייפעל געווען בייא פיאָטער איוואנאָוויטש, אז פראסקאָוויא האט אין דיא לעטצטע וואָכען פון איהר מאן׳ס קראנקהייט, זעהר פיעל נעפּאָרשט אונד נעדענקט איבער דיעזען ענין. אלעס וואס זיא האט ערוואַרטעט איז בלויז געווען, דאס פיאָטער קען איהר פיעללייכט געבען איין עצה, וויא ארויס צו קריענגען א גרעסערע סומע.

פיאָטער איוואנאָוויטש האט זיך אויך ווירקליך בעמיהט צו געפינען עפּעס איין אויסוועג וויא אזוי ער זאָל איהר געבען אזא עצה, אָבער נאכדעם וויא ער האט אייניגע אוינענבליקען נאכגעדענקט, האט ער איהר אויפריכטיג ערקלערט, אז ער זעהט ניט איין וויא אזוי ער קען געבען א בעסערן ראטה וויא זיא אליין האט שוין איינמאל אויסגעקלערט. ווען פראסקאָוויא האט דאס געהערט, האט זיא גענעבען איין אמת׳ן הערצליכען זיפץ, אָבער, אין דערזעלבער צייט, האט זיא אויך דערמיט אָנגעצייגט, אז איהר אונטעררעדונג מיט פיאָטער׳ן, איז צו ענדע. ער האט פערשטאנען; אונד נאכדעם וויא ער האט אויסגעלאָשען דיא ציגארעטע, האט ער זיך אויפגעהויבען, איהר געגעבען דיא האנד אונד איז ארויס פון דעם צימער.

אין שפּייזע־זאאל, האט פיאָטער איוואנאָוויטש דערקענט א זייגער וואס איוואן איליטש האט אמאל געקויפט אין א גרויסעס געשעפט אונד אויף וועלכען דער פערשטאָרבענער איז זעהר שטאָלץ געווען. ער האט זיך אויך בעגעגענט מיט דעם גייסטליכען, אייניגע בעקאנטע וואס זיינען געקומען צו דער לויה אונד זיך געזעהען מיט איוואן איליטש׳עס טאָכטער, וועלכע איז געווען א שעהנעס מעדכען.

דאס פריילין האט פאָרגעשטעלט זעהר איין ענגע טאליע, פיעל קלענער וויא דיא טאליע איז אין דער ווירקליכקייט געווען. פיאָטער האט פערשטאנען, אז דער קאָרסעט אונטער׳ן שווארצען קלייד, איז געווען איינגעצוואונגען מיט אלע כוחות. זיא האט אויסגעזעהן טרויעריג, אָבער ענטשלאָסען, אונד וויא זיא האט ערבליקט פיאָטער איוואנאָוויטש, האט זיך געצייגט אויף איהר געזיכט אזא מיענע, גלייך וויא זיא וואָלט אויף איהם געווען אין כעס. נעבען איהר, אויך מיט אזא מיענע, איז גע־שטאנען איהר חתן. איין אונטער־פּראָקוראָר, וועלכער איז געווען א רייכער יונגער מאן; אונד פיאָטער איוואנאָוויטש האט איהם געקענט פון ווייטען.

זאָנאר ניט געוואלט וויסען אויב זיא האט נאר אזא שוואָגער. עס איז געווען נאָך א שוועסטער צו דיא דרייא ברידער, וועלכע האט געהייראַטעט באראָן גרעף, א בעאַמטער אין סט. פעטערסבורג וויא זיין שווינער־פאטער איז געווען.

וואס עס אנבעלאנגט איוואן איליטש, איז ער געווען איין אויסנאהמע אין דער פאמיליע. ער איז ניט געווען אזוי צוריקגעצויגען אונד שטאָלץ וויא זיין עלטערער ברודער אונד אויך ניט אזוי צולאָזען וויא זיין אינגערער ברודער. ער האט אלזא געבילדעט א גוטען מיטעלפונקט צווישען זייא ביידע. ער איז געווען קלוג, אינטעליגענט, בעזעסען א שעהנע בענעהמונג אונד שטודירט אין דער געזעטץ־שולע צו דערזעלבער צייט וואס זיין אינגערער ברודער איז דאָרט געווען א סטודענט. דער אינגערער ברודער איז אָבער אין מיטען ארויס געוואָרפען געוואָרען, וועהרענד איוואן איליטש האט ריכטיג אויסגעשטודירט אלע קלאַסען.

זייענדיג אין שולע, האט זיך שוין זיין כאראקטער פיר דער צוקונפט ארויס געוויעזען. ער איז געווען שארפזיניג, פערשטאנען א זאך שנעל אונד פינקטליך, ליעב געהאט געזעלשאפט אונד איז געווען זעהר שטרענג פיר אלעס וואס ער האט בעטראכט אלס פליכט. אין דערזעלבער צייט, מעג מען אויך בעמערקען, אז ער האט בעטראכט אלעס פאר א פליכט, וואס זיינע פאָרגעזעטצטע האבען געפאָרדערט.

ער איז אויך געווען פון דיעזע מענשען, וואס ציהען זיך פון דער יוגענד אן צו דער העכערער קלאַסע מענשען, גראדע וויא א נאכט־פליעגעל ווערט צונגע־צויגען צום פלאַם פון א ליכט. אויף דיעזער ארט, האט ער אויך באלד אויסגעלערנט זייערע מיינונגען אונד בענעהמונגען אונד בייא זיך אָבגעפאַסט, אז אזוי דאַרף מען זיך פיהרען אויף דער וועלט.

דיא נסיונות פון דער יוגענד אונד אומגאנג אונטער יונגע מענשען, זיינען בייא איהם פאָראיבער אָהנע צוריק צו לאָזען בעדייטענדע שפורען. אָבוואהל ער האט ניט פיינד געהאט זיך אריין צו לאָזען אין פרייעס פערגניגען אונד תאוה, האט ער זיך אבער אימער אזוי געפיהרט, אז ער איז געבליעבען שטעהן בייא געוויסע גרענעצען אונד ער איז דיעזע ניט אריבער געגאַנגען.

זייענדיג אין שולע, האט ער בעגאַנגען, גלייך מיט דיא אַנדערע סטודענטען, געוויסע עקעלהאפטע לומפערייען, אָבער דער אונטערשיעד איז געווען, וואס בייא פיעלע האט דאס גאר ניט אויסגעמאכט, וועהרענד ער האט בעטראכט זיינע טהאטען אלס געמיין אונד ניעדערטרעכטיג. ער האט זייא בלויז געטהאָן, ווייל ער

„װאָהין זאָל איך פאָהרען?“ האט דער טרייבער געפרעגט.

„עס איז נאך ניט שפעט; פיהר מיך צו פעדאָר וואסיליוויטש,“ האט פיאָטער געענטפערט.

ווען פיאָטער איוואנאָוויטש איז אהין אנגעקומען, איז שוין געווען פערזאמעלט די גאנצע קארטען־פארטיע אונד ער האט נאך געהאט צייט צו נעהמען אנטהייל.

2.

די געשיכטע פון איוואן איליטש, איז געווען אזוי איינפאך, אלטעגליך אונד אזוי שרעקליך וויא נאָר מעגליך.

ער איז געשטאָרבען צו זיין 45טעס יאהר, אלס מיטגליעד פון דעם אפעלאַציאָנס־געריכטס־הויז. ער איז געווען דער זוהן פון א בעאמטען, וועלכער איז געווען לאנג טהעטיג אין מיניסטעריום פון סט. פעטערסבורג, אונד ווען ער איז אלט געווארען, האט ער אין דעם זכות פון זיין פערגאנגענהייט, געקריעגען א פאסענדע שטעלע וואס האט בעצאהלט א סך געלד, אָבער וואו מען האט זעהר ווייניג געהאט צו טהון. איוואן איליטש'עס פאטער האט אלזא געהאט איינקינפטע אויף דער עלטער, וועלכע האבען איהם בעפרייעט פון זאָרג אונד ער האט געקענט לעבען גליקליך אונד צופריעדען אזוי לאנג וויא זיינע יאהרען האבען געדויערט.

איבריגענס, איז דער שטאאטסראטה איליא עפימאָוויטש גאלאווינע, אימער געווען איין אוננימצליכעס מיטגליעד פון פיעלע אוננימצליכע עמטער. ער האט געהאט דרייא זיהן, פון וועלכע איוואן איליטש איז געווען דער צווייטער. דער עלטערער האט זיך גענומען געהן אויף דעמזעלבען וועג וויא זיין פאטער, מיט דער אויסנאהמע וואס ער האט אויפגעזוכט איין אנדערן רעגיערונגס־דעפארטעמענט, אונד ער האט זיך שוין דערנעהנטערט דיא בעאמטען צייט, ווען מען דרעהט זיך מיט דער קראפט פון דער יוגענד, גראדע וויא א ראָד דרעהט זיך מיט דער קראפט פון א פריהעריגען שטויס. זיין דריטער זוהן, דער איננסטער, איז קיינמאל קיין לייט ניט געווען. ער האט פראָבירט זיך צו נעהמען צו פערשיעדענע בעשעפטיגונגען, אונד ער האט בייא קיין איינציגער בעגליקט דורך זיין איינענעם בעהלטר. צו דער געגענווערטיגער צייט פון דער האנדלונג, איז ער געווען בעשעפטיגט בייא דער אייזענבאהן, אונד זיינע קרובים, איבערהויפט זיין שוועגערין, ניט נאָר וואס זיא האט זיך מיט איהם ניט געוואָלט בעגעגענען, זאָנדערן זיא האט

נייסט פון מונטערקייט, וויטץ אונד האט פארנטשטעלט וויא מען זאגט, „א גוטען ברודער,“ אונד זעהר „אנגענעהם אין געזעלשאפט,“ וויא דער גובערנאטאר האט אמאל בעמערקט צו זיין פרוי בשעת ער האט זיא בעזוכט.

דער עלעגאנטער אונד יונגער טשינאווניק, האט נאטירליך בעקאנטשאפט געמאכט מיט פיעלע יונגע דאמען, אבער איינע איבערהויפט, האט זיך פון איהם ניט געוואלט אבלאזען. ער האט אונטערדעסען געהאט זעהר א נאהענטע בעקאנטשאפט מיט א יונגער הוט-מאכערקע, וויא אויך מיט פיעלע אנדערע שעהנע מיידלעך. דערנאך האט ער אימער אלעס געטהאן מיט דער בענעהמונג פון א מענשען וואס האט געהאט א גוטע ערציהונג. ער האט ניט מיטגענומען קיין עדות ביי אזעלכע צוזאמענקינפטע אונד זיך אויך ניט בעריהמט מיט זיינע „העלדענטהאטען“ וויא פיעלע אנדערע האבען געטהאן. מיט איינעםווארט, יעדער האט אפילו געוואוסט, אז „א יונגער מאן בלייבט א יונגער מאן,“ נאר איוואן איליטש איז געוועזען איין אויסנאהמע דערמיט, וואס ער האט אלעס געטהאן „אנשטענדיג.“

יא, איוואן איליטש האט אלעס געטהאן מיט ריינע הענד, ריינע העמדער, פראנצויזישע אויסדריקע, אונד, איבערהויפט, האט ער זיך קיינמאל ניט „ערניעדרינט“ צו זוכען א בעפריעדיגונג פיר זיין יוגענד אין דער „ניעדריגער“ געזעלשאפט, זאנדערן אלעס איז געוועזען אונטער דער געזעלשאפט פון „הויכע“ מענער אונד דאמען, אונד ניעמאנד האט אין דעם געזעהן עפעס א פעהלער.

אזוי האט זיך איוואן איליטש געפיהרט גאנצע 5 יאהר, ביז דיא צייט איז געקומען וואס מען האט איהם געגעבען א העכערעם אמט. עס זיינען איינגעפיהרט געווארען נייע געריכטס הייזער אונד מען האט בעדארפט האבען נייע בעאמטע. ער איז געווארען איינער פון זייא. מען האט איהם אנגעבאטען דאס אמט אלס אינסטרוקציאנס־ריכטער, אונד ער האט דאס אקצעפטירט, אונגעאכטעט דארויף, וואס ער האט בעדארפט פון דארט אוועק אין א נייעם פלאטץ אונד זוכען נייע בעקאנטשאפט.

זיינע פריינדע האבען איהם אונטערשטיטצט. זייא האבען זיך אלע פאטאגראפירט אין איין גרופע אונד איהם בעשאנקען מיט א זילבערנער ציגארעטען־פושקע אלס אנדענקען. ער איז דאן אוועק.

אלס אינסטרוקציאנס-ריכטער, האט ער פערשטאנען זיך גראדע אזוי גוט צו בענעהמען וויא אויף זיין פריהערינעם אמט. אונד אזוי וויא ער האט

האט נים געקענט בעסער זיין וויא דיא אנדערע. שפעטער האט ער געזעהן, ז
פראָמינענטע מענער האבען אויף דאסזעלבע געטהאן אונד האבען זיך אפילו ני
געשעהמט דערפאר. זיין געוויסען איז, אונטער דיזע אומשטענדען, בערוהיגט גו
וואָרען, נאכדעם ער האט געזעהן, אז נאך אלעמען, וויים ער נאך פון געוויס
גרענעצען, ווערהענד דיא אנדערע האבען דאס אויך ניט געקענט.

ווען ער איז ארויס פון דער שולע, האט איהם זיין פאטער בעזאָרגט מי
דעם נעטהיגען געלד, אום ער זאָל זיך אויסקליידען וויא עס פאסט פאר איהם. ע
האט זיך בעשטעלט איין אנצוג בייא דעם גרעסטען אריסטאָקראטישען שניידער
גענומען אבשיעד פון דעם פרינץ וואס האט אונטערשטיטצט דיא שולע, וויא אוי
פון דעם דירעקטאָר פון דער אוניווערזיטעט, זיך בעגעגענט מיט אלע מעגליכ
איינפלוסרייכע פערזאָנען, געגעסען מיטאג אין דעם גרעסטען רעסטאָראנט, אונ
דאן האט ער זיך פערטיג געמאכט צום אָברייזען.

ער האט צוזאמען געפאקט זיינע נייע קופערטען מיט זיינע נייע קליידער
וועש, ראזיר-מעססערס אונד אנדערע נעטהיגע קלייניגקייטען אונד איז אוועק אוי
דיא פראָווינצען אלס א בעאמטער, ספעציעל געשיקט צום גובערנאטאָר אין א
וויכטיגער שליחות. דיעזער ערשטער וויכטיגער אויפטריט אין אָפיציעלען לעבען
האט ער געהאט צו פערדאנקען זיין איינפלוסרייכען פאטער.

אָנקומענדיג אויף דער פראָווינץ, האט איוואן איליטש זיך געזעהן אזוי אראנ
זשירען, אז ער זאָל קענען פיהרען גראדע אזא לייכטעס אונד זאָרגלאָזעס לעבען וויא
צור צייט וואס ער איז געווען אין שולע. ער האט ערפיללט זיינע פליכטען, אכטונ
געגעבען אויף זיינע געשעפטען, אונד, אין דערזעלבער צייט, האט ער זיך אזוי אָנ
געפאנגען אויפצופיהרען, אז יעדער זאל זאגען, אז ער איז זעהר איין אנשטענדיגער
יונגער מאן.

צייטענווייז, ווען זיינע פאָרגעזעטצטע האבען איהם געשיקט, האט ער בעזוכט
דיא דיסטריקטען אונד אימער געמאכט זיין ארבייט אזוי פאָלקאָמען, אז יעדער
איינער, זאָגאר זיינע אונטערגעאָרדנעטע, זיינען מיט איהם געווען העכסט צו
פריעדען.

ווערהענד ער האט ערפיללט זיינע פראָפעסיאָנעלע ארבייטען, האט ער
טראָטץ זיין יוגענד, פערשטאנען וויא זיך צו האלטען מיט דער בעקאנטער
טשינאָווניק-בענעהמונג, וואס פערלאנגט רעספעקט פון יעדען איינעם. קומענדי
ניעדער אין פריוואט-געזעלשאפט, האט ער זיך ערלויבט צו צייגען זיין יוגענדליכע

ערפאהרען וואס ער האט געוואָלט. ער איז געוועזען אימשטאנדע צו געבען א דייט־ליכע ערקלערונג איבער דער געהיימניספאָלער געשיכטע, זאָלאנג ער האט נאָך געפונען דעם ערשטען שליסעל דערצו, אונד ער איז אימער, אין אזעלכע בעציהונגען, געוועזען זעהר אָרענטליך, ניט געבענדיג זיין איינענע מיינונג, זאָנדערן, ער האט זיך צופריעדען געשטעלט צו געבען דעם אורטהייל פון דיא ענטדעקטע פאקטען. אין דער זעלבער צייט, איז ער געוועזען זעהר פאָרזיכטיג צו אכטען איבער אלע פאָרמען פון געזעטץ. צו יענער צייט אין רוסלאנד, איז דאס געוועזען ווירקליך א נייע זאך, ווייל ער איז געוועזען פון דיא ערשטע ריכטער וואס האט געהאט דיא אויפגאבע צו פיהרען זיין אמט לויט דאס שטראף־געזעטץ־בוך פון דעם יאָהר 1864

ווען איוואן איליטש האט געוועקסעלט זיין אמט, האט ער אויך אָנגעפאנגען צו פיהרען א נייעס ארט לעבען. אנשטאט וואס ער איז פריהער צופריעדען געוועזען צו זיין בעקאנט מיט דיא פראָווינציעלע בעאמטע, האט ער זיך יעטצט געהאלטען פון ווייטען אונד געזוכט בעקאנטע אונטער דיא העכערע קלאסען, העכערע ריכטער אונד עלעגאנטע אריסטאָקראטיע. ער האט אויך אָנגעפאנגען אביסעל צו קריטיקירען דיא רעגיערונג — הינטערווייִלעכס נאטירליך — אונד ער האט גע־שפיעלט דיא ראָלע פון א ליבעראל.

אונטערדעסען האט ער ניט פערנאכלעסיגט צו זעהן, אז זיינע קליידער זאָלען זיין געשניטען אונד געפאסט נאך דער לעטצטער מאָדע; דער איינציגער וועקסעל אין זיין ערשיינונג איז געוועזען, וואס ער האט זיך אויפגעהערט צו ראזירען אונד זיך געלאָזען וואקסען א באָרד. ער האט פערגניגען געהאט פון זיין גאנצער עק־זיסטענץ; דיא מיטגליעדער פון דער ליבעראלער געזעלשאפט, וועלכע האבען איהם אויפגענומען אונטער זיך, האבען געבילדעט א וואהרע ברידערשאפט; זיין געהאלט נאטירליך, איז געוועזען העכער וויא פריהער, אונד אונטער דיא פערשיעדענע אונ־טערהעלטע, האט ער זיך גענומען שפיעלען פרעפעראנס. דיעזער קארטען־שפיעל, האט איהם שטארק פעראינטערעסירט, אונד אזוי וויא מען מוז דערבייא האבען א גוטע איבערלעגונג, האט זיך איוואן איליטש באלד געצייגט אלס א מייסטער.

נאכדעם וויא צוייא יאָהר זיינען פאָראיבער אויף דיעזען אמט, האט ער לענגענט דיא דאמע, וואס איז בעשטימט געוואָרען צו ווערען זיין פרוי. פראסקאָוויא פעאָדאָראָוונא מיכעל, איז געוועזען זעהר א קלוגעס אונד אנציהענדעס מעדכען, אונד ווען ער האט זיא צום ערשטען מאל בעגעגענט אין געזעלשאפט, האט ער געפונען א נייעס פערגניגען צו פערברענגען אין געשפרעך מיט איהר.

אַנגעווענדעט אַלעס מעגליכע אָבצוהיטען זיינע אמת־פּליכטען פון זיין פּריוואַט־לעבען, האָט ער אויך דאָ געקריעגען דיזעלבע אַכטונג פון יעדען וויא פריהער.

וואָס עס אַנבעלאַנגט זיין נייע בעשעפטיגונג, איז דאָס פּאָר איהם געווען פיעל וויכטיגער אונד אינטערעסאַנטער וויא דיא אַלטע. ער האָט ווירקליך אויך פריהער הנאה געהאַט ווען ער איז ערשיענען אין דער געזעלשאַפט פון זיין עקסעלענץ, דער גובערנאַטאָר, אונד יעדער האָט איהם בעטראַכט אַלס א וויכטיגען בעאַמטען. אָבער דאָרט האָט ער קיין מאַכט ניט געהאַט מעהר וויא איבער א געוועהנליכען איספּראַווניק אָדער ראַסקאָלניק. דאָ ווידער איז ער שוין געווען שטאַרקער אונד איינפלוסרייכער. ער האָט ליעב געהאַט צו וויסען, אַז ער איז אימשטאַנדע צו צערשמעטערן זיינע אונטערגעאָרדנעטע, אָבער, אין דערזעלבער צייט, זאָל ער זיך בעווייזען געגען זייא גוטמיטהיג, אום צו צייגען, אַז ער איז אייהרענמאַן, אונד ער זוכט קיינעם ניט צו שאַדען אָבוואָהל ער קען עס טהון.

אַלס ער איז געוואָרען איין אונטערזוכונגס־ריכטער, האָט ער ערפאַהרען, אַז יעדער איינציגער, גרויס אונד קליין, אָרעם אונד רייך אָהנע אויסנאַהמע, איז געלעגען אין זיינע הענד; ער האָט נאָר בעדאַרפט אויפשרייבען עטליכע ווערטער אויף א פּאַפּיר מיט א געוויסען געדרוקטען איבערשריפט, אונד דאָס האָט שוין געהאַט דיא מאַכט צו ברענגען אין זיין געגענוואַרט אירגענד וועלכען שטאָלצען אונד געכטיגען אריסטאָקראַט, ענטוועדער אַלס אַנגעקלאַגטען אָדער אַלס עדות. אונד דיזער אריסטאָקראַט, וויא הויך ער זאָל נאָך שטעהן, וואָלט געמוזט בלייבען אויף זיינע פיס, סיידען ער, איוואַן איליטש, וואָלט געווען אַזוי גוט איהם איינצולאַדען ער זאָל זיך זעטצען. דערזעלבער אריסטאָקראַט, וואָלט אויך געמוזט בעענטפערן אירגענד וועלכע פראַגע וואָס איוואַן איליטש וואָלט איהם געשטעלט.

אָבער, וואָס אמת איז אמת, איוואַן איליטש האָט זיך קיינמאָל ניט בעדיענט צום שלעכטען מיט זיין קראַפט. אין געגענטהייל, ער האָט נאָך פיעלע מאָל אוועק געקוקט אויף א זייט אונד ניט געוואָלט טהון אַזוי פיעל וויא עס איהם ערלויבט געווען. דאָס בעוואוסטזיין אַליין אַז ער בעזיצט אַזאַ קראַפט אונד דאָס ער איז אימשטאַנדע אַזוי פיעל אויפצוטהאָן, איז געווען גאַנץ גענוג איהם צו פּעראַינטערעסירען אין זיין נייעם אמט.

וואָס עס אַנבעלאַנגט צו זיינע אונטערזוכונגען, האָט ער געהאַט א טבע אַריין צו קוקען אין דער טיעפער זעעלע פון יעדען איינעם וואָס איז פאַר איהם ערשיענען, אונד בלויז א וואונק איז שוין פאַר איהם גענוג געווען אום ער זאָל

צווייא אנדערע אורזאכען האבען געפיהרט איוואן איליטש׳ן צו הייראטען; ערשטענס האט עס איהם פערשאפט פערגניגען וויסענדיג, אז ער וועט קענען האבען אזא פרויענצימער, אונד דאן האט ער פערשטאנען, אז דיא הויכע געזעלשאפט וועט זאגען, אז ער האט געטהאן א גוטען שידוך.

אונד אזוי האט איוואן איליטש געהייראטעט.

וועהרענד דיא ערשטע חתונה־סעודות, אונד דאן וועהרענד דיא זיסע פאאר וואכען נאך דער חתונה, איז אלעס צוגעגאנגען מונטער, שעהן, אנגענעהם אונד גליקליך. פראסקאָוויא איז געווען ליעבענסווירדיג, געזוכט צו זיין בעליעבט, אויס־געפוטצט זייער וואהנונג מיט שעהנעם מעבעל אינד קאָלירטע גארדינען, אונד איוואן איליטש האט דערפון הנאה געהאט.

דאס אלעס האט געדויערט, ביז זיא האט אָנגעפאנגען צו שוואנגערן.

איוואן איליטש האט ביז דאן גערעכענט, אז דיא הייראטה איז ניט מעהר וויא א ציערונג אָדער א לוקסוס צו זיין לייכטעס אונד זאָרגענלאָזעס לעבען אין דיזער אריסטאָקראטיי'שער געזעלשאפט. אָבער עס האט ניט פיעל געדויערט, ביז ער האט ערפאהרען, אז ער האט געהאט א טעות. ער האט פלוצלינג איינגעזעהן, אז אין זיין עקזיסטענץ איז ערשיענען עטוואס אונערווארטעטעס, אונאנגענעהמעס אונד שמערצהאפטעס, אונד, וואס איהם האט נאך מעהר בעאונרוהיגט, איז געווען און־בעקוועמליכקייט; מיט איינעם וואָרט, ער האט ענטדעקט אזעלכע געפיהלע, וועלכע ער האט ביז דאמאלס ניט געשפירט, אונד עס איהם גאר קיינמאל ניט פארגעקומען, אז זייא קענען עקזיסטירען.

זיין פרוי, אָהנע ער זאָל איינזעהן אירגענד איין אורזאכע, האט איהם אָנגע־פאנגען צו שטערען דיא רוהע אונד בעקוועמליכקייט אין לעבען; זיא איז געוואָרען אייפערזיכטיג, אָהנע ער זאָל וויסען וואָרום, פערלאנגט פון איהם ער זאָל ניט מיעד ווערען זיא גלעטען, קושען אונד זאגען שעהנע ווערטער. אונד זיך געצייגט פערטיג צו יעדער מינוט זיך צו געפינען בעליידיגט. צייטענוויז האט זיא אויך געעפענט א מויל אויף איהם, אז עס האט זיך איהם געדאכט, אז פון דארט פליעסט שוועבעל אונד פעך.

איוואן איליטש האט פראָבירט אנפאנגס אויסצומיידען אזעלכע סצענען, ראמיט וואס ער האט זיך וויעדער געווענדעט צו זיין בחור־לעבען; ער האט פראָבירט צו זאגען זיין ווייב שעהנע ווערטער ווען זיא איז געוואָרען אין כעס אונד אנגעווענדעט אלעס מעגליכע צו לעבען וויעדער רוהיג אונד צופריעדען. ער האט איינגעלאדען זיינע פריינד צו זיך אין הויז אום צו שפיעלען קארטען, אָדער ער

וועהרענד דער צייט פון זיין ערשטעס אמט, האט ער זעהר ליעב געהאט צו טאנצען, נאָר זייט ער איז געוואָרען איין אונטערזוכונגס-ריכטער, האט ער זעלטען געטאנצט. ווען ער האט שוין יא אמאל געטאנצט, איז עס נאָר געווען דערפאר, אום צו ציינען, דאס אָבוואָהל ער איז א ריכטער אונד עס פאסט ניט פאר איהם צו זיין א טענצער, האט ער נאך אימער געקענט טאנצען בעסער וויא אלע אנדערע.

אזוי האט עס אייניגע מאל פאסירט, וואס ער האט געטאנצט מיט פראסקאָוויא פעאָדאָראָוונא אין פריוואט בעלער. אונד, נאָר דיזען טאלענט פון טאנצען, האט ער געהאט צו פערדאנקען וואס ער האט געהאט דאס גליק נושא חן צו זיין אין איהרע אויגען. זיא האט זיך אין איהם פערליעבט איבער דיא אויערן. וועניגסטענס האט זיא עס אייניגע מאל געזאגט מיט האלבע ווערטער אום ער זאָל זיך מערקען דיא איבריגע. ער וויעדער, האט אפילו נאך ניט געהאט בעשלאָסען צו הייראטהען, נאָר ווען ער האט ערבליקט דיזעס מערכען, האט ער זיך אויך אין איהר פערליעבט. אזוי האט ער געמיינט, ווען ער האט געזעהן איהר פולע ברוסט אונד איהר ווייסען האלז. דאז האט ער זיך אָנגעפאנגען צו פרעגען, ווארום ער זאָל ניט הייראטהען מיט דיזען מערכען. אונגעאכטעט דארויף וואס ער האט נאך ניט נערעכענט חתונה צו האבען.

פראסקאָוויא פעאָדאָראָוונא האט געשטאמט פון זעהר א גוטער פאמיליע אונד פאָרגעשטעלט א מערכען, וועלכע האט געגעבען גוטע אויסזיכטען צו זיין אויך א שעהנע פרוי. אויסער דעם, איבערהויפט, האט זיא אויך געהאט געלד.

וויא דיא זאך איז, איז דער שידוך געפעלען געוואָרען איוואַן איליטש׳ן, אָבוואָהל, נאכקלערענדיג מאנכע מאל, האט ער געמוזט צוגעבען, אז ער האט געקענט א בעסערע פארטיע עררייכען. אָבער דעם לעטצטען געדאנק האט ער אימער פון זיך פערטריעבען, ווען ער האט זיך דערמאָהנט, אז ער האט א גוטען געהאלט פון זיין אמט, אונד ער האט געהאט א גוטע אורזאכע צו האָפען, אז עס וועט נאך מיט דער צייט בעסער ווערען, אונד מיט פראסקאָוויא׳ס געלד, איז ער שוין געווען פאָלקאָמען צופריעדען. פראסקאָוויא האט אויך בעלאנגט צו א גוטער פאמיליע, אונד זיא אליין, איז געווען שעהן אונד אנגענעהם.

אָבער נאך אלעמען, איז עס פאָזיטיוו ניט וואהר צו בעהויפטען, אז זייא האבען געהייראטעט אויס ליעבע, אָדער דערפאר ווייל זייא האבען פערשטאנען, אז זייערע געדאנקען שטימען מיט אנאנדער. ניין, דאס איז געוויס ניט געווען דיא אורזאכע.

שטרעבונג צו ערדרייכען עפּעס העכערעס אַלס ריכטער, האט איהם שטאַרק בעשפּטינט אונד אויך אַמוזירט.

פון טאָג צו טאָג האט ער געמוזט מודה זיין, אַז אָבוואָהל דאס פאַמיליען־לעבען גיבט א מענשען געוויסע פאַרציגע אין לעבען, איז אין דער ווירקליכקייט איין אונאַנגענעהמע בעשעפטיגונג צו זיין פערקויפט אונד האבען זעהר א שטרענגען בעל־הבית איבער זיך. אונד אום נאכצוקומען דיא פליכטען, דאס הייסט, ניט עובר זיין אויף דיא געזעטצע פון עטיקעטע, מוז מען זיך פיהרען מיט דער טאַקטיק וויא א זייגער.

ער האט ניט געהאט קיין אַנדער ברירה, זיא האט איהם גע־ענט פערברענען מיט איין פייערדיגער רעדע פון איהר מויל. ער האט דערפאַר אָנגעפאַנגען צו רע־גולירען זיין לעבען. זיא האט בעדאַרפט דיענען אַלס דיא ווירטהין פון דעם הויז, בעזאָרגען איהר מאַן מיט יעדען לוקסוס פון א שלאָף־צימער, וויא אויך מיט א גוטען פריהשטיק, אנגענעהמען מיטאג אונד געוויסע פאַרמען, דיא וועלט זאָל האבען א גוטע מיינונג. ער ווידער — האט ניט געוואוסט וואס ער זאָל טהון, נאָר ער איז צופריעדען געווען, ווען אויף זיין ווייב'ס געזיכט האט זיך געצייגט א פרעהליכע מיענע. האט ער ווידער ערבליקט א פינסטערן וואָלקען אויף איהר געזיכט, איז ער ענטלאָפען וויא פון א האָגעל אונד געזוכט שוטץ אין דער בעשעפ־טיגונג בייא זיין פּראָפעסיאָן. דאָרט האט ער געפונען רוה אונד בעקוועמ־ליכקייט.

איוואַן איליטש איז אונטער דיא אומשטענדען געצוואונגען געווען צו זיין א פלייסיגער אינסטרוקציאָנס־ריכטער, ווייל דאס איז געוואָרען זיין איינציגע בעשעפ־טיגונג אונד פערגניגען. פאַר זיין פלייס, האט מען איהם, ביז אין צווייא יאָהר צייט, בעעהרט מיט דער שטעלע פון צווייטער פּראָקוראָר. זיין נייע מאכט, וויכטיג־קייט אונד אויטאָריטעט, צו רופען אירגענד יעמאַנד אונד אַרעטירען וועמען ער וויל, דיא פּאָפּולאַריטעט פון זיינע פאַרטרעגע אונד דער ערפאָלג פון זיין אמט — דאס אלעס צוזאַמען האט איהם געצוואונגען ער זאָל זיך נאך מעהר אן אלעמען פערגעסען אונד האבען צו טהון מיט זיין פּראָפעסיאָן.

איינעס מיט דעם אַנדערן האט דאָך נאַטירליך ניט וואס צו טהון; קינדער ווינען שנעל געקומען איינס נאָך אַנאַנד; זיין ווייב איז געוואָרען מעהר אונער־טרעגליך אונד אויפגערעגט, אונד ער האט זיך אָנגעפאַנגען צו געוועהנען, ער זאָל אָנבייגען זיין קאָפּ.

איז געגאַנגען אין קלוב אונד געמאַכט בעזובע אונטער זיינע בעקאַנטע. אָבער דאס אלעס האט גאר ניט געהאָלפען.

אין א טאָג האט ער זיך שטארק דערשראָקען אונד זיך געפיהלט זעהר גע־קריינקט, ווען פּראַסקאָוויא האט איהם שענדליך בעליידיגט אונד איהם בעשולדיגט אין אזעלכע זאכען, אין וועלכע ער האט זיך געפיהלט אונשולדיג. דאס האט איהם אָבער שוין ארויס געבראַכט פון זיין געדולד, אונד אנשטאט איהר נאכצוגעבען, האט ער איהר אָבגעענטפערט מיט עהנליכע זידלערייען.

דאס אלעס האט אונטערדרעכען נאך ערגער געמאַכט, אונד איוואַן איליטש האט געמוזט איינזעהן, אז געגען זיין ווייב איז ער א קליינער העלד, אונד פאר איהר מויל דארף מען מורא האבען. אום צו פערמיידען סקאַנדאַל, האט ער בעשלאָסען צו בלייבען אין דער היים אונד זיך לאָזען אָבהיטען פון איהר.

ער האט זיך באלד איבערצייגט, אז דיא הייראטה פערזיסט ניט אימער דאס לעבען, וויא ער האט זיך פריהער פאָרגעשטעלט, זאָנדערן, אין געגענטהייל, דיא הייראַטה איז איין אונגעהייערע לאַסט פאר אזא מאַן וויא ער, וואס האט ליעב געהאט צו פערברענגען אין געזעלשאַפט, גראדע וויא א זומער־פייגעלע אין שיין פון דער זונן. אָבער אזוי וויא א מענש קען זיך אין גאנצען ניט לאָזען בערויבען פון זיין פערגניגען אונד געוואָהנטע פרייהייט, האט איוואַן איליטש ענטוואָרפען א פּלאַן צו זוכען צערשטרייאונג אין זיין אמט, אונד אזוי וויא פּראַסקאָוויא פעאָ־דאָראָוונא האט פאר קיין זאך מורא געהאט וויא פאר זיין אמט, האט ער געהאָפט צו בילדען א נייעם קרייז בעקאַנטע אונד פערברענגען אונטער זייא רעדענדיג פון זיין פּראָפעסיאָן צו וועלכען פּראַסקאָוויא האט זיך ניט בעדאַרפט אריין מישען.

נאכדעם וויא א קינד איז געבוירען געוואָרען, האט מען געמאַכט פערשיעדענע פּראָבען אום דאס קינד צו נעהרען; דאן האבען אָנגעפאַנגען ריכטיגע אונד איינ־געבילדעטע קראַנקהייטען פון מוטער אונד קינד, אונד איוואַן איליטש האט זיך געזעהן געצוואונגען זיך אריין צו מישען אין דיעזע ענינים, אָבוואָהל ער האט זעהר ווייניג געוואוסט דאריבער. ער האט איינגעזעהן, אז אין אזא געזעלשאַפט, ווער איהם אונמעגליך זיין צו פערברענגען א וועלט אונד ער מוז עפּעס טהון וויא זיין ארויס צו רייסען. זיין פרוי איז אויך געוואָרען יעדעס מאָל אויפגערעגטער אונד אלץ געפאָדערט פון איהם אזעלכע זאכען, וואס ער האט גאר ניט געוואוסט וויא ער קען זייא ערפיללען.

אין א טאָג, האט ער זיך כמעט געגצליך אָבגעבראָכען פון זיין הויז אונד אָנגעפאַנגען אריין צו לעגען אלע זיינע געדאַנקען אין זיין פּראָפעסיאָן, אונד דיא

נעקענט רואינירען אירגענד יעמאנדען וואס ער האט געוואָלט, אונד גאנץ גוט בעד גרייפען זיין איינענע וויכטינקייט.

מיט דער צייט האט ער זיך צוגעוואָהנט צו דעם אונטערהאלט פון זיינע קאָלעגען, עסען מיט זייא, שפּיעלען אין קארטען מיט זייא, אונד ער האט געוואוסט, אונד זאָגאר ערוואַרטעט, אז ער דארף צייטענווייז באפּען א שווארצען סוף פון זיין ווייב, אונד דאס אַרונטער צו שלינגען וויא א ביטערע פּילל וואס מען מוז איינ־נעהמען.

נאך אנדערע זיעבען יאָהר זיינען פאָראיבער. זיין עלטערע טאָכטער איז שוין באלד געווען 16 יאָהר אַלט; נאך א קינד איז געשטאָרבען, אונד דער איינציגער זוהן וואס איז זייא איבערגעבליעבען, איז געגאנגען אין שולע אונד מען האט זיך איבער איהם ניט נאָר איינמאָל געקריגעט. אָבוואָהל עס איז שווער געווען געגוי צו זאָגען ווארום זייא קריגען זיך.

איוואן איליטש האט אמאָל בעהויפּטעט, אז ער וויל דאס זיין זוהן זאָל שטודירען גמזעטץ; אונד פּראסקאָוויא פעאָדאָראָווגא, גלאט אום צו ערגערן איהר מאן, אָדער זאגען גראדע פערקעהרט, האט בעהויפּטעט, אז ער דארף שטודירען עפּעס אנדערש. וואס עס אנבעלאנגט זייער טאָכטער, האט זיא ערהאלטען איהר בילדונג צו הויז אונד האט גאנץ פלייסיג שטודירט איהרע לעקציאָנען. אונטער־רעסען איז אויך געווען געגוג אורזאכע איבער איהר זיך צו קריגען.

3.

אזוי זיינען פאָראיבער זיעבצעהן יאָהר פון איוואן איליטש'עס פערהייראַטעטעס לעבען. ער איז אונטערדעסען געוואָרען א ווייט־בעריהמטער פּראָקוראָר, אונד עס האט זיך איהם געלוינט זאָגאר איינינע מאָל צו ענטזאגען אנדערע פּראָקוראָר שטעלען מיט א העכערען געהאלט, ווייל ער האט געוואָרט אויף גאר א גוטער שטעלע. אין מיטען דיעזען לעבען האט אָבער עפּעס פּאסירט, וואס האט געשטערט זיין זאָגענאנטע רוהע. ער האט ערוואַרטעט ערנאנט צו ווערען אלס ריכטער אין איין אוניווערזיטעטס שטאָדט, אָבער זיין קאָלענע מיט דעם נאמען האפּפּע, האט אויסגעכאפּט דאס אמט אויף איין אונערקלערליכער ארט.

איוואן איליטש איז געווען זעהר אויפגערעגט דאריבער אונד ער האט זיך ניט געקענט צוריק האלטען פון בעליידינען זיין געגנער. אויסער דעם האט ער זיך נאך געקריגעט מיט זיינע פאָרגעזעטצטע, דערפאר וואס מען האט איהם

צום ענדע פון זיעבען יאָהר וואָהנען אין דערזועלבער שטאָדט, איז ער אוועק גע-שיקט געוואָרען אין איין אנדערער פראָווינץ אלס א פּאָלשטענדיגער פּראָקוראָר. ער האט זיך אלזא געמוזט ארויס ציהען. זיינע איינקינפטע זיינען ניט געווען זעהר גרויס לויט דיא בעדערפניסע, אונד זיין ווייב איז געווען אונצופריעדען מיט דעם פּאָסטען. צו דיא אלע צרות, האבען זייא נאך פערלוירען צווייא קינדער אין זייער נייער היימאטה, אונד דאס לעבען איז געוואָרען זעהר אונאנגענעהם.

פּראסקאָוויא פעאָדאָראָוונא האט בעהויפּטעט, אז איהר מאן איז שולדיג אין דעם גאנצען אונגליק וואס האט זייא לעטצטענס בעפאלען. כמעט אין יעדען גע-שפּרעך וואס זייא האבען געהאט איבערהויפּט וועגען דער ערציהונג פון דיא קינדער, זיינען ענטשטאנדען צאנקערייען אונד אונאנגענעהמע ווערטער.

צייטענווייז, וויא דער שטענער איז, האבען זייא זיך פערגעסען אן אלעמען, אונד זיך פּלוצלינג שטארק ליעב בעקומען. אָבער דאס האט קיינמאל ניט זעהר לאנג געדויערט. יא, אין אזא פאמיליען-לעבען געפינען זיך אויך מאנכע קליינע רוהיגע אינזלען וואו מען קען אנקערן דיא שיף פון דעם שטירמישען לעבענס-ים, אָבער דיא כוואלעס פון דעם שטירמישען אָקעאן האבען קיינמאל ניט פיעל געלאָזען דיא שיף רוהיג געאנקערט, אונד מען האט וויעדער געמוזט ארויף אויף אָפענער זעע אונד ווייטער זעגלען אין האס, אונצופריעדענהייט אונד ענטפרעמדען זיך.

איוואן איליטש וואָלט פיעללייכט ניט געקענט ערטראגען לאנג אזא לעבען, אָבער ער האט געוואוסט, אז דאס איז אונפערמיידליך אונד ער האט זיך אונטער-געגעבען צו ליידען בל־זמן מען קען זיך אנדערש ניט העלפען.

עס זיינען געווען צייטען, ווען ער האט בעטראכט דעם צושטאנד ניט נאָר אלס אונפערמיידליך, זאָנדערן אלס גאנץ נאטירליך, אז אזוי מוז עס זיין אונד עס דארף זיין. זיין איינציגע אנשטרענגונג איז געווען, ער זאָל פערגעסען אן דיא צרות אויב דאס איז נאָר מעגליך, אונד אום דיעזען ציעל צו עררייכען, האט ער זיך אנגעפאנגען אלץ וועניגער אונד וועניגער צו בעקימערן אום זיין פאמיליע. ווען ער האט ניט געקענט ערטראגען זיין פרוי'ס געזעלשאפט, האט ער געזוכט מיטלען וויא אזוי דאס צו ערפּיללען דורך אנדערע.

זיין הויפּט אינטערעסע איז אימער געלעגען אין זיין אָפיציעלער ארבייט. דאס איז געווען דיא עיר-מקלט פון זיין עקזיסטענץ אונד דאָרט האט ער אימער געקענט פרייער אויפאטהעמען אונד בערוהיגען זיין גייסט.

ער האט זיך געשפּירט זעהר צופריעדען מיט דער אידעע וואס ער האט

ווען זיין ווייב האט געהערט, אז ער וויל פאָהרען, איז זיא זאָפאָרט בעשטאַנען מיטצופאָהרען. איוואן איליטש האט אָבער בעשלאָסען אביסעל לויז צו ווערען פון איהר, אונד וועהרענד זיא האט געהאלטען אין פראָטעסטירען, איז ער אוועק געפאָהרען.

פאָהרענדיג אויף'ן וועג, האט ער זיך איבערגעלעגט אונד בעשלאָסען, אז ער פערלאַנגט בלויז איין זאך, אונד דאס איז א פּאסטען פיר 5000 רובעל א יאָהר, אונד ער האט זיך ניט געוואָלט בעקימערן וואו דאס איז — אפילו אין סיביר, אבי נעלד. זיין ענטשלוס איז נאך געווען אזוי פעסט, אז ער האט זיך אויך געטראכט, ראס ער וועט זאָגאר אוועק קוקען פון זיינע אידעען אונד מיינונגען, אונד טהון אלעס מעגליכע, אבי 5000 רובעל א יאָהר.

„אונד וואס מאכט עס אויס?" האט ער זיך אליין געפרעגט, „ווארום מוז עס דען גראדע זיין א ריכטער־אמט? עס מעג זיין אין א באנק, אין איין אייזענבאהן־געזעלשאפט אדער זאָגאר א דירעקטאָר פון א שולע וויא אויך אין דער טאמאָזשנע. דיא הויפּטזאך איז געלד, איך זאָל האבען פון וואנען צו לעבען וויא א מענש לויט מיינע בעדירפניסע."

איבערהויפּט איז איהם שוין אלעס גלייך געווען; ער האט פאר אלעמען געוואָלט אוועק פון זיין דאמאלינער שטעלע אונד זיין וואו עס איז מעגליך, אָבער, 5000 רובעל א יאָהר דערביי.

איוואן איליטש'עס רייזע, איז געקרעהנט געוואָרען מיט ערפאָלג, ער האט עררייכט זיין וואונש.

אין קורסק האט ער זיך בעגעגענט מיט זיינעם א פריינד, א געוויסער איליין. ווען זייא האבען זיך ביידע אריין געזעטצט אין דער באהן, אונד אָנפאנגענדיג א געשפּרעך, האט איהם אילין מיטגעטהיילט, אז א וועקסלונג האט שטאטגעפונדען אין מיניסטעריום. איוואן סימיאָנאָוויטש איז בעשטימט געוואָרען צו זיין דער נאכפאָלגער פון סטעפאן גריגאָרעוויטש. דיעזע וועקסלונג, אויסער דער אלגעמיינער וויכטיגקייט פיר רוסלאנד, האט געהאט א בעזונדערע בעדייטונג פיר איוואן איליטש. דאס האט פעראורזאכט וואס פּיאָטער פּעטראָוויטש איז אריין אין מיניסטעריום, אונד מיט איהם אויך זיין פריינד זאכאר איוואנאָוויטש דאס אלעס איז געווען א גליק פיר איוואן איליטש, ווייל דיא לעטצטע צווייא פּערזאָנען זיינען ניט נאָר געווען פון זיין פּארטייא, זאָנדערן זייא האבען זיך אויך געצעהלט אונטער זיינע פריינד.

אַנגעטהאָן אזא בושת. דאס האט אָבער פעראורזאכט, וואס בייא דער נעכסטער וועקסלונג פון עסטער, האט מען זיך שוין גאר אויף איהם ניט ארום געקוקט.

דאס האט פאסירט אין 1880, וועלכעס איז אויף געווען דאס ערגסטע יאָהר פון זיין לעבען. ערשטענס האט איהם שוין מעהר ניט געקלעקט וויפיעל ער האט פערדיענט, אונד צווייטענס, דאס וואס ער האט בעטראכט אלס איין אונ־בארמהערציגע אונגערעכטיגקייט, האבען אנדערע אָנגענומען אלס א געוועהנליכע זאך וואס דארף אזוי פאסירען. זאגאר זיין פאטער האט ניט איינגעזעהן דיא נויטה־ווענדיגקייט איהם צו העלפען.

ער האט זיך געשפירט פערלאָזען פון זיינע פריינדע, וועלכע האבען אימער בעהויפטעט, אז זיין פאָסטען, וועלכער האט איינגעבראכט 3500 רובעל יעהרליך, איז ניט נאָר גוט, זאָנדערן אויסגעצייכענט פאר אזא מענשען וויא ער איז.

ער איז געווען דיא איינציגע פערזאָן צו פיהלען דעם שמערץ פון פערצווייפלונג נאָך א פאלשער האָפנונג. זיין ווייב'ס בעשטענדיגע צאנקערייען, פאָרווירפע אונד גאר קללות מיט חרמות, האבען צערשמעטערט זיינע נערווען. דאן האט ער אָנגע־פאנגען צו פערזינקען אין חובות, לעבענדיג העכער לויט זיינע איינקינפטע, אונד דיא לאגע איז פון טאָג צו טאָג ערגער געוואָרען.

וועהרענד ריעזען זומער האט ער בעשלאָסען זיך אויסצורוהען א פאאר וואָכען, אירגענד וואו אויף א פעלד, אין א וואלד, סאי וואו דאס איז אין דער רוהע אונד שטילקייט, אבי אביסעל צו פערגעסען אן דיא צרות. אָבער, וויא געוועהנליך, האט איהם זיין ווייב ניט געוואָלט אבלאָזען פון איהרע אויגען אונד זיא האט איהם אוועק גענומען צו איהר ברודער אויף דאס לאַנד. דאָרט האט ער אפילו געהאט רוהע אין קערפער, אָבער זיין גייסט האט זיך ניט געקענט בערוהיגען. אונד ער האט פערהאסט אונד פעראכטעט אלעס ארום זיך. פראסקאָוויא האט ניט אונטער־בראָכען איהר פראָגראם פון קריעגען זיך, אונד זיא האט אימער געפונען איין אורזאכע ווארום אָנצופאנגען א שטרייט.

איוואן איליטש האט אין דיעזען צושטאנד אונטערדעסען אויסגערעכענט, אז עס איז אונמעגליך ער זאל ווייטער קענען אזוי לעבען וויא פריהער.

נאכדעם וויא ער האט צוגעבראכט א שלאָפלאָזע נאכט, שפאצירענדיג הין אונד צוריק אויף'ן באלקאָן, האט ער בעשלאָסען אוועק צו פאָהרען נאָך סט. פעטערסבורג, אונד אזוי לאַנג ארבייטען, אז ער זאל זיך נוקם זיין וועניגסטענס אן דיעזע וואס האבען ניט פערשטאַנען זיין ווערטה אונד ער זאל איבערגעשיקט ווערען אויף איין אנדערן פלאטץ.

איינריכטונג פון זייער וואָהנונג אין דער נייער שטאָדט וואוהין זיא האבען זיך בעדארפט ארויס ציהען.

איוואן איליטש׳ן האט זיך געדאכט, אז דיא גאנצע פערגאנגענהייט איז פערשוואונדען אונד פאר איהם עקזיסטירט נאָר א גליקליכע געגענוואַרט, וואו זאָגאר זיין פרוי איז צופריעדען אונד איז איהם קיין געננערין. ער האט זיך געזעהן נאהענט פון זיין ציעל, ווען ער וועט ווידער קענען פאָרטזעטצען צו לעבען אין רוהע אונד פערגניגען.

זיין צוריק קעהרען צו זיין שוואָגער אויף׳ן לאנד, איז אָבער נאָר געווען אויף א קורצער צייט, וייל אם 10טען דעצעמבער, האט ער געמוזט צוריק קעהרען צו זיין אלטען פאָסטען אונד פאָרטזעטצען זיינע פליכטען ביז דער נייער וועט פערטיג ווערען. ער האט אויך בעשלאָסען אין דערזעלבער צייט איינצופאקען זיינע זאכען, עפעס צו קויפען אונד זיך פאָרבערייטען פיר זיין נייער היימאטה.

זיין ווייב איז מיט איהם מיטגעפאָהרען. אָבער יעטצט איז שוין איהר געזעלשאפט ניט געווען אזוי איבערדריסיג וויא פריהער, זאָנדערן, זיא האט זיך געציינט ליעבענסווירדיג, אונד אזוי אנגענעהם, דאס ער האט זיך עראינערט נאך אמאל אן דיא גליקליכע צייטען באלד נאך זיין חתונה.

זיא האט איהם געשמייכעלט, געהאלזט, געקעבעלט אונד אלעס מעגליכע אָנגעווענדעט איהם צו מאכען פערגניגען. דיא גאנצע נאָהענטע משפחה, איז אויך געוואָרען אונגעהייער ליעבענסווירדיג אונד יעדער האט געוואָלט פאר איהם עפעס טהון.

איוואן איליטש האט צייטענווייז געשמייכעלט צו זיך אליין דאריבער, אונד זיך געטראכט: „וויא גוט עס איז צו זיין א גביר; מען האט דאן געטרייע פריינד אונד א גוטע ליעבענסווירדיגע פרוי.״

אָבער איוואן איליטש׳ן האט דאס ניט פערדראָסען, וואס מיט מעהר געלד, איז מען מעהר חשוב אונד מיט ווייניגער געלד, ווייניגער חשוב.

„וואס איז דער אונטערשיעד?״ האט ער זיך געטראכט, „אזוי איז דיא וועלט״ — אונד פון דיעזע געדאנקען איז ער ווייטער ניט געגאנגען.

„אזוי איז דיא וועלט? ווארום אזוי? איז עס ריכטיג אזוי? דארף עס אזוי זיין?״ דיעזע אלע פראגען האבען איהם ניט פיעל בעקימוערט.

נאך א קורצער צייט איז ער אליין אוועק געפאָהרען אין דער נייער שטאָדט, געדונגען א הערליכע וואָהנונג, געבויעט נאך דער אלטער מאָדע, אָבער זעהר

אין מאָסקווא איז דיזע נאכריכט בעשטעטינט געוואָרען, אתד זאָ שנעל
ודיא ער איז אָנגעקומען נאָך סט. פעטערסבורג, איז ער אוועק באלד צו זאכאר
איוואנאָוויטש, וועלכער האט איהם פערשפּראָכען א פּאָסטען.

מיט א וואָך שפּעטער, האט ער טעלעגראַפירט פאָלגענדעס צו זיין ווייב:

„אלעס איז זעהר גינסטיג. א גוטע אונד פּאסענדע שטעלע איז שוין יעטצט
זיכער.“

איוואן איליטש האט טריומפירט. ער האט ערהאלטען א פּאָסטען, וואס
איז געווען אויף איינמאל מיט צווייא שטופען העכער וויא פון זיינע קאָלעגען. זיין
שטעלע האט איהם איינגעבראכט אויסער דיא 5000 רובעל פעסטען געהאלט, אויך
3000 רובעל יעהרליך פיר הוצאות.

דיא וועקסלונג איז געקומען שנעל. ער האט אויף איינמאל פערגעסען אן
דער שנאה צו זיינע אלטע פיינד אונד ער האט זיך געשפּירט זעהר גליקליך. ער
איז צוריק געקומען צו זיין שוואָגער פיעל פרעהליכער וויא ער איז שוין געווען זייט
מעהרערע יאָהרען. זאָגאר פּראסקאָוויא פעאָדאָראָוונא האט זיך מיט איהם מיט־
געפרייט, אונד ניט נאָר וואס זיא האט זיך מיט איהם ניט געקריעגט, זאָנדערן זיא
האט נאָך מיט איהם געשלאָסען פאָלשטענדיגען פריעדען.

איוואן איליטש האט דערצעהלט זיין ווייב פון דער עהרע וואס ער האט גע־
האט אין סט. פעטערסבורג, וויא שעהן מען האט איהם בעהאנדעלט. אונד,
איבערהויפּט, וויא זיינע שונאים האבען איהם פּלוצלינג אָנגעהויבען צו שמייכלען
אונד זיך רייבען אן זיין יחוס. ער האט אָבער אין דערזעלבער צייט בטמערקט,
וויא זייא זיינען געווען אייפערזיכטיג איבער איהם, אונד פערשטאנען, אז אין הארץ
האבען זייא איהם געוואונשען אל־דאס־בעז.

פּראסקאָוויא פעאדאָראָוונא, געגען איהר געוואָהנהייט, האט איהם אלעס
אויסגעהערט אונד איהם אפילו איינמאל ניט אונטערבראָכען. נאָך מעהר, ווען ער
איז פערטיג געוואָרען, האט זיא געצייגט א מיענע, גלייך וויא זיא גלויבט איהם
אלסדינג אונד אפילו איינמאל ניט פּראָבירט איהם אייסצוזעטצען א פעהלער געגען
זיין בענעהמונג. דאס איז ווירקליך געווען א גרויסע זאך פאר איוואן איליטש'ס
ווייב אונד ער האט זיך ניט געקענט העלפען צו טראכטען: „געלד! געלד! דוא
ביסט מעכטיגער וויא אלעס, אונד אפילו מיין ווייב'ס מויל קענסטו אויך פער
שטאָפּען!“

פּראסקאָוויא האט דאן אָנגעפאנגען צו מאכען פּלענער וועגען דער

ערוואַרטעט. וועהרענד דיא זיטצונגען אין געריכט-הויז, האַבען מעהרערע מאָל זיינע געדאַנקען אוועק געוואַנדערט צו דיא פאַרהענגע, געגאָלדעטע שטעקענס, קונסט־בלומען אונד אַנדערע קליינינקייטען. דיא איינריכטונג האט איהם אַזוי בעשעפטיגט, דאס ער האט ניט נאָר איינמאל גענומען א האַמער אין זיין האַנד, געקלאַפּט אונד פעררירכט עפּעס, אָדער איבערגעשטעלט זאַכען וואס דיא אַרבייטער האבען איינמאל איינגעריכטעט.

אין א טאָג, בשעת ער האט זיך אַרויף געשטעלט אויף א ביינקעל אום צו ערקלערען איין אַרבייטער, וויא ער וויל געוויסע גאַרדינען זאָלען זיין איינגעריכטעט, האט ער זיך אויסגעגליטשט אונד איז אַרונטער געפאַלען.

זייענדיג אָבער שטאַרק אונד לייכט אויף זיינע פיס, האט ער זיך שנעל אויפ־געהויבען. ער האט בלויז געשפּירט א שמערץ פון א קלאַפּ אין דער זייט פון דעם וואס ער האט זיך אָנגעשלאַגען אן א זייט פון דעם ניעדריגען האָלץ פון פענסטער.

יא, עס האט איהם וועה געטהאָן, נאָר עס האט ניט פיעל געדויערט, אונד דער שמערץ איז פאַראיבער. ניט זיין געזונדהייט אונד ניט זיין גייסט איז דאדורך געשטערט געוואָרען. איבעריגענס האט ער גראַדע צו יענער צייט געשריעבען צו זיין פאַמיליע: „איך פיהל מיך מיט פונצעהן יאָהר איונגער.“

ער האט ערוואַרטעט אַלעס זאָל פערטיג ווערען צום שלוס פון מאָנאַט סעפּ־טעמבער, אָבער דיא אַרבייט האט זיך אוועק געצויגען ביז אין מיטען פון דעם מאָנאַט אָקטאָבער. דערפאַר אָבער, איז דיא מאַלערייא אין הויז געוועזען פאָל־קאָמען, ניט נאָר לויט זיין איינענער מיינונג, זאָנדערן יעדער בעזוכער האט אַזוי געזאָגט. אַלעס איבריגע איז געוועזען אויסגעשטאַטעט אַזוי גוט, אַזוי פיין אונד שעהן, דאס עס וואָלט שווער געוועזען צו אורטהיילען, אז דאָרט וואָהנט ניט קיין גאַנץ רייכער מאַן.

דיא נאָכקרימונג צו דיא רייכע, איז געוועזען א קונסטפאָלע: גאַרדינען, פאָר־הענגע, מעבעל, קאָווערען, בלומען, בראָנדפיגורען אונד אַלעס אַנדערע איז געוועזען זעהר שעהן. דיא עהנליכקייט צו דיא גאַנץ רייכע הייזער, איז פּאָזיטיוו געוועזען א רעזולטאַט פון א גוטען געשמאַק, אונד דאַפיר האט איוואַן איליטש אליין פערדיענט דעם דאַנק.

ער האט ערוואַרטעט זיין פאַמיליע בייא דער אייזענבאַהן-סטאַציאָן אונד זייא דאַן געבראַכט אין זיינע אויסגעמעבלירטע צימערן, וועלכע זיינען גלייך בעלייכטעט

בעקוועם. דאס צימער פיר זיין ביבליאָטהעק, איז נעוועזן גרויס אונד בריים; א שעהנעס קליידער צימער פיר זיין פרוי אונד טאָכטער; א פּאסענדעס שטודיר־צימער פיר זיין זוהן — מיט איינעם וואָרט, אלעס וואס ער האט געוואָלט.

איוואן איליטש, וועלכער איז געווען א מענש מיט געשמאַק, האט אלעס גאַנץ אליין איינגעריכטעט. ער האט אויסגעקליבען דיא פאָרהענגע אונד געקויפט דאס נייע מעבעל, וועלכעס האט אונטערדעסען ענטהאלטען איינינע אלטע שטיקער, אָבער פון א גרעסערן ווערטה וויא נייע.

דער גאַנצער צושטאנד האט זיך אָנגעפאַנגען לאנגזאם אויסצובילדען אונד זיך פערוואנדלען אין איוואן איליטש׳עס אידעאל.

האלטענדיג נאך אין מיטען, האט ער שוין געזעהן דאס בילד פון דער נאהענטער צוקונפט וויא שעהן אונד גראָסארטיג זיין וואָהנונג וועט אויסזעהן, אונד וויא לעבהאפט אונד אנגענעהם אלעס וועט ערשיינען.

אבענד, ווען ער איז נעגאַנגען שלאָפען, זיינען נאך זיינע געדאנקען געווען מיט זיינע צימערן, אונד עס האט זיך איהם פאָרגעשטעלט יעדער ווינקעל, וויא ער וועט זיין אויסגעציערט אונד אויסגעשטאטעט מיט יעדען לוקסוס. ער האט שוין בע־שטימט אין זיינע געדאנקען דעם פּלאַטץ וואו דאס פּאָרצעלייא וועט שטעהן, וואו דיא געבעמע שטוהלען וועלען פערנעהמען א שטעלע אונד וויא אזוי דיא בראָנזענע פיגורען וועלען אויסקוקען פון צווישען דיעזען פּראַכט.

ער האט הנאה געהאט פון דער אידעע, וויא אזוי איבעררראשט פּאשקא (פּראסקאָוויא) אונד ליזאנקא (עליזאבעט, זיין טאָכטער) וועלען זיין, וועלכע האבען אויך געהאט אזא גוטען געשמאַק וויא ער.

ער האט געוואוסט, אז זייא וועלען שטוינען וויא אזוי ער האט פאַר אזוי וועניג געלד געקענט איינהאנדלען אזוי פיעלע מציאות, וועלכע גיבען דעם הויז דאס גרעסטע אריסטאָקראטישע אויסזעהן.

ער האט זייא נאך ניט געבראַכט אין זיין נייער וואָהנונג. פריהער האט אלעס געמוזט פערטיג ווערען, אָבער דערווייל האט ער זייא געשריעבען בריעף, נאר ער האט גאר ניט געוואָלט דערמאָהנען פון דיא אלע אנטיקען, ווייל ער האט זייא גע־וואָלט נאך מעהר איבעררראשען וויא זייא האבען געקענט ערוואַרטען.

זיינע פליכטען אין נייעם אמט, האבען שוין אָנגעפאנגען, אָבער זיין אינ־טערעסע אין דער אויסשטאַטונג פון זיין הויז האט איהם אזוי בעשעפטיגט, דאס ער האט אביסעל פערנאכלעסיגט זיין אמט, וועלכעס ער האט פון אנפאנג ניט

אבער, טראַכט דעם וואס מאַן אונד ווייב האבען זיך ניט געקענט איינפערשטעהן איבער געוויסע גענענשטענדע, האט דאס ניט פערדונקעלט דיא ליכטיגע שטראַהלען פון אלגעמיינער צופריעדענהייט, אונד אַלעס איז אוועק רוהיג אונד אנשטענדיג.

נאַטירליך, קען מען ניט אין גאַנצען זאגען, אז עס האט שוין דורכאויס גע־הערשט פריעדען, אָבער אין פערגלייך מיט פריהער, האט עס אויסגעזעהן וויא א כאַלטע זומער-נאַכט געגען א פראָסטיגע ווינטער־נאַכט. איבערהויפט איוואַן איליטש, וועלכער איז שוין געוואָהנט געווען צו גאַנצע שטורמס, האט זיך ניט בעדאַרפט פיהלען אונגליקליך פון א פּאאר קליינע צאַנקערייען אונד בע־ליידיגונגען.

דאס אלעס, קען מען בעגרייפען, איז נאָר געווען א רעזולטאַט פון גע־וועקסעלטע צושטענדען. דאס נייע הויז, דיא נייע שטאָדט, דאס נייע מעבעל אונד דיא גרעסערע איינקינפטע, האבען געמוזט ווירקען צו בערוהיגען דיא אונרוהיגע גייסטער. אָבער אזוי שנעל וויא מען האט זיך צוגעוואָהנט דערצו אונד אלעס איז געוואָרען אַלט, געוועהנליך אונד אַלטעגליך, האבען זייא אנגעפאנגען זיך צו לאַנג־ווייַלען. זייא האבען דאַן ענטדעקט דיא טהאַטזאַכע, אז ניט נייעס מעבעל, א נייע וואָהנונג, זיידענע פאָרהענגע אונד בעסערע מיטאגען, בילדעט זייער גליק אונד רוה. עפּעס פעהלט וואס מען קען ניט ערפילען דורך אזעלכע זאכען.

דערווייל האט מען אָנגעהויבען צו מאכען נייע בעקאַנטשאַפטען, זיך אונטער־האַלטען אונד זיך אויפגערעגט, אונד דאס האט ווידער פערטריעבען דיא מיס־פערשטענדניסע אין לעבען, אָן וועלכע מען האט פערגעסען וועהרענד דיא נייע בעשעפטיגונגען.

עס האט אויסגעזעהן, אז איוואַן איליטש מיט זיין פרוי, מוזען פערטרייבען ווייערע פריוואַט געדאַנקען, גראדע וויא דער קאָרטען־שפּיעלער מיט קאָרטען אונד דער שיכור מיט טרינקען. ניכטער האבען זייא ניט געטאָרט זיין, זאָנסט האבען זייא געמוזט ארוים זעהן, אז זייא זיינען אונגליקליך.

איוואַן איליטש האט פערבראַכט דעם פריה־מאָרגען אין געריכט־הויז אונד איז אהיים געקומען מיטאג עסען. דיעזע ארט לעבען, האט איהם אויך אנפאַנגס אַמוזירט, אָבער שפּעטער האט זיך איהם געדאַכט, אז דאס מעבעל פעראורזאַכט איהם ערגערניס; היינט האבען איהם ניט געפעלען דיא פאָרהענגע, מאָרגען האט ער ענטדעקט א פלעק אויף א קאָזזאר, איבערמאָרגען דאס דיא סאָפא האט ניט

נעוואָרען, אום דיא סצענע זאָל מאכען מעהר איינדרוק. בייא דער טהיר איז גע־שטאנען א דיענער, מיט א ווייסען האלזדבאנד, וועלכער האט שנעל געעפענט דיא טהיר פון דעם פאָרדער־זאאל, וואו עס זיינען געשטאנען שעהנע בלומען. מוטער אונד טאָכטער האבען געשמייכעלט מיט פערגניגען דאס זעהענדיג. דאן זיינען זייא אריין אין דיא איבריגע צימערן אונד קוים געקענט אויסדריקען זייער בעוואונ־דערונג אין ווערטער. איוואן איליטש׳עס הארץ האט געקוואָלען מיט שטאָלץ אונד זיין געזיכט האט געשיינט פון פערגניגען.

אין דעמזעלבען אבענד, בשעת זייא זיינען געזעסען ביים טיש אונד געטרונקען טהעע, האט פראסקאָוויא פעאָדאָראָוונא, אין א בעמיטליידענדען טאָן, געפרעגט איהר מאן וויא אזוי ער איז געפאלען. איוואן איליטש האט אָנגעפאנגען צו לאכען אונד געציינט זיין פרוי דיא סצענע וויא ער איז ארונטער געפאלען אונד וויא אזוי דיא ארבייטער האבען זיך צולאכט.

„האב איך דען עפּעס אומזיסט געלערענט גימנאסטיק?“ האט ער געזאגט מיט שטאָלץ. „איין אנדערער אויף מיין פּלאטץ וואָלט געהרג׳עט געוואָרען, נאָר איך האב מיר בלויז גענטבען א קליינעם קלאפּ אין דער זייט, זעהסט — אָט דאָ איז עס; מיך שמערצט עס נאך ווען איך בעריהר פעסט, אָבער עס געהט שוין פאָראיבער, א קלייניגקייט, גאר ניט.“

4.

אויף דיעזער ארט האט זיך דיא פאמיליע איינגעריכטעט אין נייעם הויז. אָבער, עס איז ניט פיעל פאָראיבער, אונד זייא האבען אויסגעפונען, אז עס פעהלט זייא גראדע נאך איין צימער. נאָר עס איז שוין קיין רעדע ניט געווען פון קיין אנדערע וואָהנונג, דאס האט געמוזט זיין גוט.

זייא האבען נאטירליך שוין בעסער געלעבט לויט דיא גרעסערע איינקינפטע. אָבער ווען מען האט אָנגעפאנגען אויסצורעכענען, האט מען איינגעזעהן, אז נאך 500 רובעל וואָלט געווען אקוראט גענוג אום צו לעבען אזוי גוט, וויא זייא האבען זיך נאָר געקענט ווינשען.

אנפאנגס איז אלעס צוגעגאנגען זעהר גוט אונד אנגענעהם. עס איז נאטירליך ניט אלעס געווען פאָלקאָמען, דען ווען מען האט זיך ארום געקוקט, האט מען ענט־דעקט, אז איין זאך איז נאך ניט געענדיגט, איין אנדערע האט מען בעדארפט איבערמאכען אונד א דריטע וואָלט געטהיג געווען צו ערזעטצען מיט א נייע

ווען ער האט ניט געהאט פיעל צו טהון, האט ער געוויכט, געטרונקען טהעע, גערעדט איבער פּאָליטיק, בעשפּראָכען וועלטליכע זאכען אונד געשפּיעלט אין קארטען. זיין ליעבלינגס־בעשעפטיגונג אָבער, איז געווען צו דענקען איבער נאך א העכערן פּאָסטען. דאן ערמיעדעט אונד שטאָלץ מיט דעם בעוואוסטזיין, אז אלעס וואס ער טהוט איז ריכטיג אונד אנשטענדיג, האט ער צוריק געקעהרט אהיים.

זיין פרוי אונד טאָכטער זיינען דערוויל געווען שטארק בעשעפטיגט אין מאכען וויזיטען אָדער עמפּפאנגען געסט, זיין זוהן איז געגאנגען אין שולע אָדער ער האט געלערענט צו הויז זיינע לעקציאָנען מיט דער הילף פון א פּריוואט לעהרער. דיעזעס קינד האט איבערהויפּט געהאט א גוטען זכרון אונד זעהר פלייסיג געלערענט.

אלעס איז צוגעגאנגען שעהן, רוהיג אונד אנשטענדיג. נאך מיטאג, ווען עס איז ניט געווען קיין בעזוך, האט איוואן איליטש זיך גענומען לעזען עפּעס א בוך איבער וועלכען מען האט שוין געשפּראָכען אין דיא צייטונגען, אונד אבענד, האט ער זיך אָבגעגעבען מיט זיין פּראָפעסיאָן. ער האט איבערגעזעהן בעריכטע, נאכ־געקוקט געזעטצע, פערגליכט אורטהיילע אונד זיך אויסגעארבייט דעם פּראָגראם פיר זיין קומענדע ארבייט. דאס אלעס האט איהם ניט אמוזירט אָבער אויך ניט גע־לאנגוויילט. אין דער וואהרהייט געשפּראָכען אָבער, וואָלט ער בעסער פּ:רבראכט דיעזע צייט שפּיעלענדיג פּרעפעראנס, אָבער אזוי וויא עס פּאסט ניט טאָג אזוי נאכט צו שפּיעלען אין קארטען, האט ער פּאָרגעצויגען צו מאכען זיין פּראָפעסיאָ־נעלע ארבייט אנשטאט צו זיטצען לעדיג אָדער הנאה האבען פון זיין ווייבס גע־זעלשאפט.

עס האט איהם אויך אונטערהאלטען צו מאכען א מיטאג פיר אזעלכע דאמען אונד הערען, וועלכע האבען געשפּיעלט א בעדייטענדע ראָלע אין געזעלשאפט; דיעזע אונטערהעלטע פלעגען איהם דערמאָהנען אן רייכע פּערזאָנען, וועלכע האבען עהנליכעס געטהאָן אין זייערע עלעגאנטע פּאלאסטען, אונד עס האט זיך איהם גע־דאכט, אז ער איז איינער פון זייא, בלויז מיט איין אונבעדייטענדען גראד ניעדריגער. צייטענווייז האט ער זאָגאר געגעבען א באלל. מען האט געטאנצט אונד איוואן איליטש האט זיך הערצליך אונטערהאלטען. אזא אונטערהאלט וואָלט זאָנסט געגעבען א פּאָלקאָמענעס פערגניגען, נאָר ער האט געהאט אביסעל א העפטיגען אויפטריט מיט זיין ווייב איבער דיא טאָרטען אונד אנדערע צוקער־געבעקס, וועלכע זיא האט געמאכט ניט וויא ער האט פערשטאנען.

זיין גוטע ספּרונזשינעס ; ווירקליך, ער האט זיך אזוי בעמיהט אלעס זאל אויסזעהן אין דער בעסטער אָרדנונג, אונד צום סוף איז זיין מיה געווען אומזיסט. דאס האט איהם געערגערט אונד אמאל זעהר נערוועז געמאכט. אונטערדעסען האט ער זיך גראטולירט וואס זיין פרוי'ס מויל האט ניט געשאָטען מיט אזוי פיעל טוועבעל אונד פעך וויא פריהער.

אום 9 אוהר פלעגט ער אויפשטעהן, טרינקען קאפעע, לעזען דיא צייטונג, אָנציהען זיין אוניפאָרמע אונד געהן אין געריכט־הויז. דאָרט האט ער אָנגעבויגען זיין קאָפּ גראדע וויא דער אָקס וואס איז געוואָהנט צום יאָך, אנגעפאנגען זיין ארבייט אונד זיך ניט בעקלאגט. דיא בקשות וואס זיינען צו איהם געקומען, דיא ערקלע־רונגען וואס ער האט בעדארפט געבען, זיין ריכטערליכע ארבייט, עפענטליכע ויטצונגען אונד אדמיניסטראטיווע בעראטהונגען, האבען לאנגזאם אוועק גענומען פון איהם אלע זאָרגען איבער זיינע הויז־זאכען, אונד ער האט מיט דער צייט גע־פונען גענוג זאָרג, אויפרעגונג אונד בעשעפטיגונג אין זיין אמט.

ווען יעמאנד איז געקומען צו איוואן איליטש אום עפּעס צו פרעגען, האט ער איהם, אלס פובליק ריכטער, ניט בעדארפט ענטפערן ווען ער האט ניט געוואָלט. אָבער אזוי וויא מען לעבט אין א נייער געזעלשאפט, אונטער פרישע בעקאנטע, קומען באלד רעקאָמענדאציאָנען, געבעט־בריעף, אונד אנדערע זאכען וואס מען קען ניט ענטזאגען. איבערהויפט, ווען איוואן איליטש האט געזעהן, אז יעמאנד פון זיינע נייע בעקאנטע איז פעראינטערעסירט, האט ער אָנגעווענדעט אלעס מעגליכע צו ערפיללען דעם וואונש, אום צו ציינען, אז ער איז איין עהרענמאן, אונד איז בערייט אירגענד עטוואס צו טהון פיר א פריינד.

איוואן איליטש האט זיך באלד געמאכט א גוטען נאמען אלס פּראָפּעסיאָ־נעלער ריכטער אונד אלס פּריוואט מאן. צייטענווייז האט זיך אפילו גערעדט, אז ער פערמישט איינעס מיט דעם צווייטען, אָבער אין דער וואהרהייט געשפּראָכען, האבען נאָר אונערפאהרענע אין דעם געקענט האבען א טעות. ער, אלס אקט־געפראקטיצירטער ריכטער, האט געוואוסט וויא ווייט ער קען זיך ערלויבען צו זיין פריינדליך צו א פריינד אפילו אויף זיין ריכטער שטוהל, אָבער נאך אלעמען, איז ער געווען גערעכט אונד איז פון זיינע פליכטען ניט ארויס. אין דיעזער בעציהונג, איז ער אויך געווען צו עהרליך, אום צו האנדלען געגען געזעטץ, וועלכעס איז געווען גראדע וויא געגען זיין געוויסען. אָבער, וויא דיא זאך איז, האט ער געקריעגען זעהר א גוטען נאמען.

ליזאנקא איז ניט געווען מיאוס, אונד אונטער זאָלבע אומשטענדען, איז עס ניט געווען קיין וואונדער, דאס צאהלרייכע יונגע לייט האבען איהר אָנגעפאנגען צו ערקלערען ליעבע. איינער פון זייא, א געוויסער פעריטשעוו, א יונגער אינסטרוקציאָנס־ריכטער, דער זוהן פון דימיטרי איוואנאָוויטש פעטריטשעוו, רער איינציגער יורש פון א גרויסעס פערמעגען, האט אנגעפאנגען צו שענקען ליזאנקא׳ן דיא גרעסטע אויפמערקזאמקייט. איוואן איליטש האט דאס גאנץ גוט בעמערקט אונד ער האט אנגעפאנגען זיך צו בעראטהען מיט זיין ווייב, אויב עס וואָלט ניט געווען ראטהזאם, מען זאָל צוזאמען אויספאָהרען אין א טראָיקא, געבען פריוואט טהעאטער־פאָרשטעלונגען, אונד אזוי אריין פיהרען דעם יונגען מאן אין דער פאמיליע, דאס יעדער זאָל זעהן, עז ער האט זיך אויסגעקליעבען ליזאנקא׳ן.

אום צו זיין גערעכט, מוז מען מודה זיין, אז דיא לעטצטע ווערטער, פון אריין פיהרען דעם יונגען מאן אין דער פאמיליע, ער זאָל דאן ניט האבען קיין אנדערע ברירה אונד נאָר הייראטהען מיט ליזאנקא׳ן, האט ניט איוואן איליטש אונד ניט זיין פרוי דערמאָהנט. אָבער אין אזעלכע בעציהונגען זיינען ווערטער געווען איבריג, וויל זייא האבען זיך זעהר גוט פערשטאנען אויף׳ן וואונק.

5.

דיא גאנצע פאמיליע איז געווען געזונד. צו בעהויפטען, אז מען האט געקענט אָנרופען „אונוואָהל“ וואס איוואן איליטש האט זיך אמאל בעקלאגט, אז עס איז איהם ביטער אין מויל אונד ער האט א קליינעם שמערץ אין דער זייט, איז ניט ריכטיג. איוואן איליטש אליין האט דערפון געלאכט.

עס איז אוועק א קורצע צייט, אונד איוואן איליטש האט זיך אָנגעפאנגען צו שפירען אונבעקוועם פון דעם שמערץ אין זיין זייט. מאנכע מאל האט זיך איהם געדאכט, אז דאָרט ליעגט וויא א שווערע זאך, אונד צייטענווייז האט דאס איהם געגעבען א גאנץ גוטען שטאָך. אָבער איוואן איליטש זאָל דאס רעכענען אלס א קראנקהייט, וואָלט געווען בייא איהם א קינדערשע איינבילדונג.

יא, עס איז גוט צו זאגען, אז איינער איז א העלד זיך ניט איינצובילדען, אז עפּעס טהוט איהם וועה, ווען ער האט קיין שמערצען ניט, נאָר עס איז גאר קיין חכמה ניט צו זאגען, אז עס טהוט ניט וועה ווען מען האט יא שמערצען. דער שמערץ אין איוואן איליטש׳עס זייט האט געוואקסען. אבער דער שמערץ אליין האט איהם ווייניגער בעקימערט, וויא דאס וואס דער שמערץ האט איהם

אמאל האט עס פאסירט, וואס ער האט ניט געוואָלט פאָלגען פּראסקאָוויא פעאָדאָראָווגא אונד אלעס בעשטעלט בייא א ספּעציעלען קעכער, אין גרויסע מאסען, אונד דאס האט בעטראָפען 45 רובעל מיט קאָפּיקעס. א שטרייט איז ענטשטאנ־דען; זיין ווייב האט איהם גערופען „משוגענער נאר,“ אונד ער, אין זיין אויפרעגונג הערענדיג אזעלכע ווערטער, האט דערמאָהנט דאס וואָרט „שיידונג.“

דער אונטערהאלט אליין, איז אונטערדרעסען פּאראיבער פּאָרטרעפליך. דיא העכסטע פּערזאָנען זיינען דערבייא געוועזען, אונד איוואן איליטש האט געטאנצט מיט פּרינצעסין טרופאָנאוואַ, א שוועסטער פון א בעריהמטען מאן אין רוסלאנד.

זיין זעלבסט־אכטונג האט ער בעפריעדיגט זיטצענדיג אויף זיין ריכטער־שטוהל; זיין נארישען שטאָלץ האט ער דורכגעפיהרט אין הויכע געזעלשאפט, נאָר זיין וואהרעס פּערגניגען איז געלעגען אין קארטען־שפּיעל. ער האט מודה געוועזן, דאס נאך דיא טרויעריגסטע מאָמענטען, האט ער געפונען דיא איינציגע צער־שטרייאונג אונד פּערגניגען, שפּיעלענדיג א פּרעפעראנס, אונד דיא וואהרהייט איז, אז דאמאלס האט זיין געזיכט געשטראהלט מיט פּערגניגען, איבערהויפּט ווען ער האט געשפּיעלט מיט גוטע שפּיעלער אונד געקענט צייגען זיין שארפזינן. ווען דיא קארטען זיינען גוט געגאנגען, האבען זיינע אויגען געגלאנצט מיט א בעזונדערער יוגענד־קראפט; ווען זייא זיינען שלעכט געגאנגען, האט ער זיך אויפגעמונטערט מיט א גלאָז וויין. יעדענפאלס, איז ער ניט מיעד געוואָרען צו זיטצען אונד שפּיעלען 10, 12 אונד אויך 15 שטונדען דורכאנאנד. דאן האט ער געוואָלט עפּעס עסען מיט זיינע פריינדע — עס האט קיין אונטערשיעד געמאכט וואס עס איז, אפּעטיט איז געוועזן, אונד אזוי האט מען געלעבט.

דאס איז געוועזן דער פּראָגראם פון עקזיסטענץ צווישען איוואן איליטש אונד זיין פאמיליע. זייער געזעלשאפט איז געוועזן א געוועהלטע: פּערזאָנען פון הויכען שטאנד אונד יונגע מענשען אויך פון דערזעלבער קלאסע. דיעזע פלעגען אָפט בע־זוכען זיין הויז. פאטער, מוטער אונד טאָכטער, האבען געהאט דיעזעלבע אנזיכטען איבער דער געזעלשאפט; אונד אלע דרייא, אָהנע זיך איינצופערשטעהן מיט ווערטער, האבען געוואוסט וויא לויז צו ווערען פון געוויסע פריינדע אונד קרובים, וועלכע זיינען געקומען אין זייער הויז אום זיך צו רייבען אין יחוס, אָבער זייא אליין זיינען געוועזן אונבעדייטענדע מענשען. אויף אזא ארט זיינען דיא אונגעווינשטע פריינד באלד פערשוואונדען, אונד דיא גאָלאָווינע פאמיליע איז זיך נאָר צוזאמען געקומען מיט דיא פּראָמינענטע הערען א גוּר דאמען.

פּראסקאָוויא נעציטערט, אונד אום דאס ניט צו ברענגען צו ווייט, האט זיא איינ־געזעהן, אז דיא צייט איז געקומען זיא זאָל פערשוויינען. דאס איז אפילו געווען פאר פּראסקאָוויא'ן דיא שרעקליכע מארטערניסע, אָבער זיא האט זיך אנדערש ניט גע־קענט העלפען. ווען א סקאנדאל איז ענטשטאנדען ביים טיש, האט זיא זיך שנעל געזעהן פערטיג ווערען מיט דעם עסען, דאמיט זיא זאָל ניט דארפען זיין צופיעל מיט איהם צוזאמען אין איין צימער.

זיא האט זיך בעטראכטעט, אין דיעזער בעציהונג, אלס א היילינגע מארטירערין, אונד האט מעהרערע מאל געזאגט צו זיך אליין: „זאָל דאס זיין איין אָבקומענעש אויף מיינע זינד.“ זיא איז געווען זיכער, אז דאפיר וואס זיא, פּראסקאָוויא פעאָדאראָוונא, איז אימשטאנדע זיך צו בעהררשען אונד איבערשווייגען איהר מאן, וועט זיא שוין געוויס ניט ליידען קיין גיהנום אויף יענער וועלט.

אָבער וואס מעהר פּראסקאָוויא האט אויף זיך רחמנות געהאט, אלץ מעהר האט זיא געהאסט איהר מאן. זיא וואָלט זיך פיעללייכט געוואונשען מיט'ן גאנצען הארצען ער זאָל שטארבען, אָבער זיא האט עס ניט געקענט טהון. ווייל ווען איוואן איליטש וואָלט געשטאָרבען, וואָלט געגומען א סוף פון דעם געהאלט וואס ער האט געקריעגען, אונד דאס האט נאך פערגרעסערט איהר האס צו איהם. זיא האט זיך בעטראכטעט אלס דיא אונגליקליכע פּרוי אין דער וועלט, וועלכע זאָגאר דער טויט וואָלט ניט געקענט העלפען. איהר אויפרעגונג האט געוואקסען פון מינוט צו מינוט, ווייל עס האט איהר מאנכע מאל אויסגעזעהן, אז זיא מוז פּלאצען איידער ווייטער צוריק צו האלטען איהר צאָרן.

ענדליך האט פּאסירט א סצענע צווישען מאן אונד ווייב, אין וועלכען איוואן איליטש האט זיך נאכהער אליין אנערקענט פאר שולדיג.

„ענטשולדיג מיר, פּראסקאָוויא,“ האט ער געזאגט מיט א ציטערענדער שטימע. „איך בין ניט דער וואס איך בין אמאל געווען. דער שמערץ טרייבט מיך צום וואנזינן.“

זיא האט איהם געראטהען ער זאָל געהן צו א בעריהמטען ארצט אונד זעהן וואס עס פעהלט איהם. ער איז געגאנגען.

מיט איוואן איליטש'ן האט עס פּאסירט גראדע וויא ער האט ערוואַרטעט. ער האט געמוזט אבשטעהן א היבשע צייט ביז דער ארצט האט איהם עמפּפאנגען, אונד דאן האט ער געזעהן אין דיא בענעהמונגען פון דעם ארצט, א ביסל פון זיך אליין אלס ריכטער, בשעת ער האט געשפּיעלט דיא ראָלע פון שטאָלץ זיין אויף דער פּראָפעסיאָן.

געשטערט מאנכע מאל צו עמפפאנגען אונד אונטערהאלטען דיא געסט וויא עס פאסט.

שטרייטיגקייטען האבען אנגעפאנגען עפטער צו פאסירען. דיא קליינע אינזלען וואו מען האט געאנקערט דיא שיף אין מיטען דעם שטורמישען לעבענס-ים, זיינען פערשוואונדען, אונד דיא אלטע אונצופריעדענהייט האט צוריק געקעהרט. פראסקאָוויא פעאָדאראוונא פלעגט זאגען, אונד אויך ניט אָהן אורזאכע, אז איהר מאן בעזומצט א געפעהרליכען צאָרן. זיא האט נאטירליך איבערטריבען דיא זאך מעהר וויא זיא איז ווירקליך געוועזן, דען איהר מאן האט אפילו געקענט זיין א מלאך, וואָלט ער אויך ניט געקענט זיך איינהאלטען פון אויסברעכען אין צאָרן, נאכדעם זיא האט איהם טאָג אזוי נאכט געשטאָכען מיט איהרע ווערטער.

פראסקאָוויא האט זיך אבער ביז יענער צייט ניט בעקלאגט, דען זיא האט זיך אין דיעזער בעציהונג גוט געקענט, אז זיא איז אימער דיא ערשטע ארויס צו רופען א שטרייט; דיא אורזאכע פון איהר קלאגע איז געוועזן בעגרינדעט דארויף, וואס איוואן איליטש אליין, האט שוין מעהר ניט געקענט זיך בעהערשען, אונד בייא דער מינדעסטער געלעגענהייט האט ער זיך געקריעגט אונד געשריען מיט אזעלכע קולות, אז מען האט געקענט הערען ביז אויף דער גאס. דאס איז געוועזן א רעזולטאַט פון דעם שמערץ אונד אונרוהע וואס זיין פערוואונדעטע זייט האט איהם פערארזאכט.

ווען מען האט זיך געזעטצט צו טיש, האט ער געברומט. אנפאנגס איז דאס געוועזן איבער דער זופ וואס האט איהם ניט געשמעקט, אמאל האט ער געפונען א פעהלער אין דיא טעלער וואס זיינען געוועזן צושפאָלטען, אז דער גאנצער מיטאג טויג ניט, אָדער זיין זוהן האט זיך אנגעלעהנט מיט ביידע עלענבויגענס אויף'ן טיש וויא א „ווילדע חיה.“ צייטענווייז איז איהם איינגעפאלען, אז זיין טאָכטער'ס האאר זיינען ניט פריזירט וויא עס דארף צו זיין — אונד דיא גאנצע שולד נאטירליך, האט געטראגען זיין ווייב פראסקאָוויא, גראדע וויא דער פאַל איז אמאל געוועזן מיט איהר וואס זיא האט איהם אין אלעמען בעשולדיגט.

אנפאנגס האט פראסקאָוויא ניט געוואָלט פערשווייגען, אונד זיא האט גע-עפענט איהר מויל אונד אויסגעשאָטען א ים מיט ווערטער, וויא א שנעל-שיסענדער קאנאָן מיט קוגלען. אָבער דיא אלטע צייטען זיינען אוועק, ווען איוואן איליטש האט זיך געקענט בעהערשען. זיין שטימע האט איבערגעשריען דיעזע פון זיין ווייב, אונד א פאאר מאל האט עס פאסירט, וואס ער איז אזוי אויפגערעגט געוואָרען, אז זיא האט געלעזען אין זיינע אויגען אירגענד איין ענטשלוס. פאר קלעפ האט

נאך זיין געלעהרטער אנזיכט, איז עס אויסגעקומען, אז דער פאציענט קען ליידען פון אלע דרייא צוזאמען, נאר אונטערדעסען האט ער בעשלאסען צו עקזאמינירען דיא השתנה, פיעללייכט איז עס גאר איין אנדערע קראנקהייט.

עס וואלט איבעריגענס געווען זעהר דום פון דעם געלערענטען דאקטאר, ער זאל מיר־נישט־דיר־נישט פון איין בעזוך שוין אלסדינג ערקלערען. דאס נעהמט צייט אונד מען מוז דיא זאך זעהר פארזיכטיג בעטראכטען אונד אונ־טערזוכען.

דאס איז געווען אקוראט דיזעלבע מעטהאדע וואס איוואן איליטש האט אנגעווענדעט אין זיין פראפעסיאן מיט הונדערטער פערזאנען אונטער פערדאכט. אזוי פלעגט ער אויך אנפאנגען ביז ער האט דיא אנגעלעגענהייט געפיהרט צו א גלענצענדען רעזולטאט — אבער נאך פיר זיך, ניט פיר דער צווייטער פערזאן. איוואן איליטש האט ביטער געשטייכעלט, ווען ער האט זיך אן אלעמען דער־מאהנט.

דער שלוס פון דעם דאקטאר׳ס אונטערזוכונג איז געווען, אז איוואן איליטש איז ווירקליך קראנק אונד מיט איהם איז כמעט אלעס אין גרויסער אונארדנונג. דער פאציענט האט זיך אליין בערויערט אונד פערדאמט דעם דאקטאר.

ער האט דאס אבער ניט געזאגט, זאנדערן, ער האט זיך אויפגעהויבען, בע־צאהלט א גוטען פדיון, אונד בעמערקט מיט א זיפץ:

„מיר פאציענטען זיינע אהנט צווייפעל זעהר נייגיעריג אלעס צו וויסען. אבער דאקטאר, איך קען מיר ניט העלפען אונד איך מוז אייך פרעגען: איז מיין קראנק־הייט א געפעהרליכע אדער ניט?“

דער דאקטאר האט איהם צוגעווארפען א שטרענגען בליק איבער זיינע ברילען, וועלכעס האט אויסגעזעהן צו זאגען: „געפאנגענער! ענטפער נאר אויף מיינע פראגען, אונד ווען דוא בעקימערסט דיך מיט ווערטער וועגען דיין שיקזאל, דאן שיק איך דיך אב אין געפעננגנים.“

הויך האט דער דאקטאר געזאגט: „איך האב שוין איינמאל בעמערקט, אז מען קען ניט אלעס טהון אין איילענעש. עס ערפארדערט נאך איין עקזאמינאציאן, אונד דאן וועל איך אלעס וויסען.“

בייא דיזע ווערטער האט זיך דער דאקטאר פערנייגט אונד איוואן איליטש איז אוועק אהיים. אויף׳ן וועג פאהרענדיג אין זיין שליטען, האט איוואן איליטש איבערגעדענקט דעם דאקטאר׳ס ווערטער, אונד געזוכט צו ערגרינדען פון דיא

ער האט בעמערקט דיא געוועהנליכע שטאָלצע האלטונג, דיא אייבינע אונ־געענדערטע פראַגען וואס האבען אימער געמוזט געבען דיזעלבע ענטפערס, נאָר מען פרעגט דאָך אונד מען ענטפערט דאָך, ווייל אזוי פיהרט זיך דיא וועלט.

דער דאָקטאָר האט איהם דאַן עקזאמענירט, געקלאפּט מיט זיינע פינגער אויף זיין לייב, וויא ער טהוט בייא יעדען איינציגען. איוואַן איליטש האט פער־שטאַנען, אז דאס אין גאנצען איז א צערעמאָניע אונד איין איבריגע זאַך, אונד ניט אויף דיזער ארט וועט דער דאָקטאָר וויסען וואס עס פעהלט איהם. אָבער ער האט געשוויעגען אונד זיך דערמאָהנט אן זיינע אייגענע בענעהמונגען אין געריכט־הויז, ווען ער בענעהט אונצעהליגע אונניטצליכע דומהייטען, נאָר ווייל דיא פראָ־פעסיאָנעלע צערעמאָניע פאָרדערט עס. עס האט איהם אויסגעזעהן, אז דער דאָקטאָר האט זיך נעטראכט: „בייא מיר איז עס קיין אונטערשיעד ווער דער פּאַציענט איז; יעדער מוז בעהאנדעלט ווערען וויא דער פּראָפעסיאָנס־עטיקעטע פאָרדערט, אונד וואס עס אנבעלאַנגט צו דער קראַנקהייט, וועלען מיר זעהן פיעל־לייכט דורך אנדערע מיטלען עפּעס אויסצוגעפינען.“

דאַן האט ער געהערט דעם דאָקטאָר מורמלען העכער אוננעפעהר אזוי: „דאס איז דער רעזולטאַט פון דער עקזאמינאציאָן אונד בעדייטעט אזוי: נאָר, ווען מיין השערה זאָל ניט זיין קיין ריכטיגע, דאַן, נאָך א ווייטערע אונטערזוכונג, וועלען מיר אומענדערן דיא בעשליסע,“ א. ז. וו.

איוואַן איליטש האט זיך גאר ניט בעקימערט אום אלע פלוידערייען. אלעס וואס איהם האט אינטערעסירט איז געווען צו וויסען, אויב זיין צושטאַנד איז גע־פעהרליך אָדער ניט. אָבער דער דאָקטאָר האט זיך גאר ניט בעקימערט אום אזא „אונפּאַסענדע“ פראַגע. פון א דאָקטאָרישען פּראָפעסיאָנעלען שטאַנדפּונקט, האט מען גאר ניט בעדאַרפט רעדען דאריבער.

ווען איוואַן איליטש האט געדרענגט דעם דאָקטאָר ער זאָל איהם דאָך זאגען וואס עס פעהלט איהם, האט דער ארצט, מיט פיעלע וויסענשאַפטליכע ווערטער ארויס געבראכט, אז דיא קראַנקהייט קען זיין א געריהרטע מילץ, א כראָנישער קאַטאַר, א לעבער־פערהארטונג אָדער גאר עפּעס אנדערש אויף דער דרינגענדער פראַגע אויב דאס איז לעבענס־געפעהרליך, האט דער קלוגער ארצט גאר ניט גע־וואָלט ענטפערן.

דאַן האט דער געלעהרטער דאָקטאָר אבגעהאלטען א גאנצע מעדיצינישע פאָרלעזונג איבער געריהרטע מילצען, כראָנישע קאַטארען אונד לעבער־פערהארטונגען.

אליין האט איהם געטרייסט, אז ער וועט געוויס האבען א רפואה, נאכדעם, ער פערנאכלעסיגט ניט וויא אנדערע דיא אויפטרעגע פון דעם ארצט.

אונטערדעסען האט ער זיך גענומען זעהר פלייסיג שטודירען איבער דער צוזאמענזעטצונג פון דעם מענשליכען קערפער, וויא אויך איבער אלע קראנקהייטען צו וואס דער מענש איז אונטערוואָרפען. ווען יעמאנד האט דערמאָהנט אין זיין גע־געגנווארט א קראנקהייט, טויט, אָדער וויעדער געזונד ווערען, אונד איבערהויפט ווענען א קראנקהייט עהנליך צו זיינער, האט ער אויפמערקזאם צוגעהערט, אונד אָבוואָהל ער האט מיט זיין מויל ניט געוואָלט אויסדריקען זיינע געפיהלע, האט ער אינערליך זעהר פיעל דאריבער נאכגעדענקט אונד דאס פערגליכען מיט זיין אייגענער קראנקהייט.

זיינע ליידען אונד שמערצען האבען ניט אויפגעהערט. זייא זיינען פיטללייכט געווען נאך שטארקער וויא פריהער, נאָר ער האט אלעס מעגליכע אָנגעווענדעט צו גלויבען, אז ער פיהלט זיך בעסער. ווען ער האט זיך ניט אויפגערעגט, האט ער אויך ווירקליך ניט אזוי שטארק געשפירט דעם שמערץ. אָבער איין אויפטריט מיט זיין פרוי, א ווידערשפרוך אין געריכט־הויז, אָדער א פערלוסט אין קארטען־שפיעלען, האט זאָפאָרט ארויס גערופען דעם שמערץ צו דער העכסטער שטופע פון ליידען. אנפאנגס האט ער דאס געקענט אריבער טראגען, מיט דער האָפנונג, אז אלעס וועט פאָראיבער, נאָר יעטצט האט איהם אירגענד איין ערגערניס געפיהרט צור פערצווייפלונג.

ער פלעגט צו זיך זאגען: „מיר האט אָנגעפאנגען בעסער צו געהן, אונד דיא מעדיצין וואס איך האב גענומען, האט געמאכט א גוטען איינדרוק, אָבער אין מיטען מוז עפּעס טרעפען אום צו פערביטערן מיין לעבען.“ דאן האט ער געשפירט א שרעקליכען האס צו אלעמען, וועלכעס האט זיך איהם געדאכט, אז דאס האט ארויס גערופען זיינע ליידען.

ער האט געוואוסט, אז דער צאָרן שאדעט איהם, נאָר ער האט זיך ניט גע־קענט בעהעררשען. מאנכע מאל האט ער זיך אבזיכטליך צוריק געצווינגען אום צו האבען רוהע אונד זיך מיט קיינעם ניט בעגעגענען איהם אויפצורעגען, אָבער דיא מינדעסטע זאך האט איהם צורייצט אונד ער האט געליטען.

זיין צושטאנד איז נאך טויזענד מאל ערגער געווארען, דאמיט וואס ער האט געלעזען מעדיצינישע ווערקע. זיין איינבילדונג איז צייטענווייז געווען אזוי שטארק, דאס ער האט געליטען דיא שמערצען כמעט פון יעדער אינערליך קראנקהייט איבער

אונצעהליגע וויסענשאפטליכע אויסדריקע פיעללייכט וועט ער קענען עפעס ער־ פאהרען. דער שלום איז אָבער געווען, אז ער האט בעגריפען, דאס דער דאָקטאָר וויים נאך וועניגער פון איהם וואס איהם פעהלט.

איבער איין זאך איז ער זיכער געווען, דאס דער דאָקטאָר האט פּאָזיטיוו געזאגט, אז ער איז זעהר קראנק. עס איז איהם פאָרגעקומען, אז דער דאָקטאָר מוז אזוי פיעל געווים פערשטעהן, נאכדעם ער האט שוין גענוג ערפאהרונג געהאט מיט קראנקע. אלסדינג אויף דער שטראסע, דיא איזוואָסטשיקעס, דיא הייזער אונד קראָמען, האבען אויסגעזעהן זעהר טרויעריג אונד זיין הערץ האט אונהיימליך געקלאפט.

דער טיעפער אונד שטארקער שמערץ, האט איהם ניט געגעבען קיין רוה אפילו אויף א מינוט, אונד דאבייא איז איהם איינגעפאלען, פיעללייכט וויים יא דער דאָקטאָר וואס איהם פעהלט. נאָר וויל דיא קראנקהייט איז געפעהרליך, האט ער איהם ניט געוואָלט זאגען. דאס האט פעראורזאכט, וואס ער האט זיך מעהר צוגעהערט צו דעם שמערץ אונד ער האט געשווידערט.

אלס ער איז אהיים געקומען, האט ער אָנגעפאנגען אלעס צו דערצעהלען זיין פרוי, וועלכע האט איהם אנפאנגס אויסגעהערט. אָבער אין מיטען דרינען, איז אריין געקומען זיין טאָכטער, אויסגעפוצט, פערטיג אוועק צו געהן מיט איהר מוטער. ליזאנקא האט זיך אוועק געזעטצט זעהר אונגעדולדיג אום זיך צו מאכען, אז זיא הערט וואס איהר פאטער דערצעהלט, נאָר אין דער וואהרהייט געשפראָכען, האט ניט זיא אונד ניט איהר מוטער געוואָלט הערען וואס איוואן איליטש האט דערצעהלט.

„גוט, גוט, עס פרייט מיך,“ האט פראסקאָוויא געזאגט זעהר אונגעדולדיג אונטערברעכענדיג איהר מאן. „איך האָף, אז דוא וועסט שוין יעטצט אכטונג געבען צו נעהמען דיא מעדיצין רעגעלמעסיג. גיב מיר נאָר דעם רעצעפט ; איך וועל גלייך שיקען געראסימען אין דער אפּאָטהעקע.“

זיא איז אָוועק. איוואן איליטש האט ווידער ביטער געשמייכעלט, זיך טראָכטענדיג, אז עס איז בעסער צו שווייגען, וויל זיין פרוי קימערט זיך זעהר וועניג אום איהם אונד אום זיינע שמערצען.

„אָבער נאך אלעמען,“ האט ער געזאגט, „פיעללייכט שרעק איך מיך נאר אומזיסט אונד דיא גאנצע געשיכטע איז גאר ניט ?“

ער האט גענומען דיא מעדיצין אונד געטהאָן אלעס וואס דער דאָקטאָר האט איהם געהייסען. איוואן איז געווען זעהר פּינקטליך אין דיעזער בעציהונג, אונד דא־

שמארקער, אונד ער אליין האט געשפירט, אז א נערוך פון פוילקייט איז ארויס געקומען פון זיין מויל אונד נאזלעכער. דער אפעטיט אונד קראפט האבען אנגע־פאנגען צו פערשווינדען מיט גרויסער שנעללינקייט.

עס איז קיין צווייפעל געווען, אז עטוואס שוידערהאפטעס, שרעקליכעס, אונ־געוועהנליכעס מיט א וויכטיגער לעבענס-פראגע דערנעהנטערט זיך אונד דיא קריזיס אין איהם מוז פריהער אדער שפעטער שטאטפינדען. אבער ער איז געווען דער איינציגער מענש וואס האט דאס פערשטאנען אונד בעגריפען; אלע ארום איהם, וויא איהם האט געשיינט, האבען ענטוועדער ניט פערשטאנען אדער ניט געוואלט פערשטעהן וואס מיט איהם געהט פאר. יעדער האט געדענקט, אז אין דער וועלט איז גאר קיין נייעס פארגעפאלען אונד אלעס פיהרט זיך וויא גע־וועהנליך.

דאס האט איהם שרעקליך געמארטערט. סטייטש, זיין וועלט, געהט צו גרונד, אונד ניעמאנד וויל דערפון וויסען אדער אפילו מיט איהם האבען מיטלייד.

ער האט געקענט זעהן וויא זיין פאמיליע, איבערהויפט זיין פרוי אונד טאכ־טער, האבען געשוואומען אין א ים פון פערגניגען אונד מונטערקייט, אונד אום זיין לאגע, האבען זייא זיך בעקימערט וויא אום דעם פאריאהריגען שנעע. ער האט אויך גאנץ גוט בעמערקט, אז זיינע זיפצען אונד קרעכצען זיינען א גרויסע שטערונג פיר זייא, אונד זייא שפירען זיך זעהר אונבעקוועם איבער זיינע שמערצהאפטע מיענעס אונד אום דיא זארג וואס זייא דארפען טראגען צוליעב איהם.

טראטץ זייער פערשטעלונג, איהם צו צייגען צערטליכקייט, איז ער ניט בלינד געווען איינצוזעהן, אז זייא קענען איהם ניט ליידען. וואס עס אנבעלאנגט פראס קאוויא פעאדאראוונא, האט זיא איינמאל בעשלאסען, אז איהר מאן מאכט מעהר פון זיין קראנקהייט וויא דיא וואהרהייט איז. בייא איהר האט עס אויסגעזעהן, אז ער פיעסטעט זיך פאר איהר, אונד דערבייא איז זיא געבליעבען, ווען ער האט אפילו געפיהלט, אז דער שמערץ שיסט דורך זיין גאנצען קערפער וויא מיט רויט־רערהיטצטע אייזענס.

„איהר מוזט וויסען,“ פלעגט זיא אמאל זאגען צו איהרע פריינדע, „אז איוואן איליטש איז ווירקליך אביסעל קראנק, אבער ער איז גאר קיין מענש ניט. ער וויל ניט בעפאלגען וואס מען הייסט איהם, אונד ער בלייבט אימער אליין דער חכם ניט וועלענדיג ערפילען דיא אויפטרעגע פון דיא בעסטע ערצטע. איין טאג געחמט ער מעדיצין, עסט וואס מען האט איהם געהייסען עסען, אונד געהט פריה צו בעט;

וועלכע ער האט געליטען. דאן איז געקומען די בעראטהונג מיט די ערצטע אונד דאס האט זעהר שנעל פערערגערט זיין צושטאנד. ער האט דערפון גאנץ גוט געוואוסט, אבער ער האט ניט אויפגעהערט זיך מיט זייא צו בעראטהען.

אין דעמזעלבען מאנאט האט ער בעזוכט נאך א בעריהמטען דאקטאר, וועלכער האט געזאגט כמעט דאסזעלבע ווי דער ערשטער, אבוואהל ער האט זיך אויסגעדריקט מיט אנדערע ווערטער. די נייע בעראטהונג האט נאר פערגרעסערט מעהר אונרוהע אונד שרעק אין דעם פאציענט. א פריינד'ס פריינד — אויך א בע־ריהמטער ארצט — האט דאן געגעבען א גאנץ אנדערע מיינונג איבער דער קראנק־הייט, אונד אבוואהל ער האט פערשפראכען דאס אויסצוהיילען, האבען זיינע פראגען אונד השערות פארלויפיג נאך מעהר פערווירט דעם ארמען ליידענדען.

נאר איין אנדער דאקטאר, האט געגעבען א גאנץ נייעם נאמען דיעזער קראנקהייט אונד בעזארגט דעם פאציענט מיט א שאכטעל פיללען, וועלכע ער האט אנגעפאנגען צו נעהמען זעהר פינקטליך. אבער ווען איוואן איליטש האט אויסגע־נומען די פילען אונד דער שמערץ האט נאך מעהר געשטאכען אין זיין זייט, האט ער זיך געשפירט זעהר אונגליקליך אונד שטארק חרטה געהאט, ווארום ער האט ניט פארגעזעטצט צו נעהמען די מעדיצינען פון די אנדערע ערצטע.

אין א טאג איז צו איהם געקומען א בעקאנטע דאמע אונד איהם דערצעהלט, אז זיא איז געהיילט געווארען אקוראט פון אזא קראנקהייט, דורך דער פערמיטלונג פון איקאנעס (הייליגע בילדער.) איוואן איליטש האט גלייך אנגעפאנגען ערנסט נאכצודענקען דאריבער, אונד איז שוין באלד פערטיג געוועזען זיך צו הייסען ברענגען איקאנעס. אבער ווען ער האט זיך דערמאהנט וואו ער איז אין דער וועלט, האט ער געשווידערט.

„איז דאס מעגליך," האט ער געפרעגט, „דאס מיין פערשטאנד איז שוין אזוי אבגעשוואכט געווארען פון די ליידען? מיין גאט, דאס איז שרעקליך! דומ־הייטען! עס איז מיין אייגענע שולד, איך דארף מיך ניט לאזען הינרייסען, וויא א קינד, פון א קליינעם שמערץ. איך וועל מיך האלטען בייא איין דאקטאר. אזוי בלייבט עס. איך וועל מיר מעהר קיין יסורים ניט מאכען, אונד אזוי וועל איך אבפיהרען ביז צום זומער. דאן וועלען מיר זעהן. גענוג זיך נאריש מאכען."

דאס איז אבער געוועזען לייכטער געזאגט וויא געטהאן. דער שמערץ אין זיין זייט איז יעדעס מאל העפטיגער געווארען, אונד עס איז שוין געוועזען זעלטען ווען דער ווערטאג האט איהם נאכגעלאזען. די זויער־ביטערקייט אין מויל איז געווארען

זאָל רעדען שעהנע ווערטער מיט ערמונטערונג. שווארץ, מיט זיין פרעהליכער בענעהמונג אונד גליקליכען שטייכעל אויף זיין געזיכט, האט נאך געזאגט א ווערטעל אונד איהם דערמאָהנט אן זיין איינענער קראנקהייט מיט צעהן יאָהר צוריק, פון וועלכער ער איז פאָלקאָמען געזונד געוואָרען. שווארץ האט אייגענטליך אמאל גע־ליטען פון א לייכטער פערקיהלונג, אונד איוואן איליטש האט זיך געפרעגט וואו'זום דיעזע מענשען מארטערן איהם אונד ווילען ניט פערשטעהן, אז אין זיין קערפער ליעגט א געהיימער עפעס וואס רייסט פון איהם שטיקער לעבעדיגערהייט.

אין איין אבענד האבען זיך פערזאמעלט איינינע פריינדע אום צו שפיעלען א פרעפעראַנס מיט איהם. זייא האבען זיך אוועק געזעצט, אויסגעטהיילט דיא קארטען; איוואן איליטש האט נעקריעגען א גוטע פערטהיילונג אונד דער שפיעלער נעגען איהם, האט אויך נעקריעגען א גוטע פערטהיילונג. ביידע האבען אָנגעפאנגען צו קאָנקורירען; דיא אויפרעגונג פון שפיעל האט נעוואַקסען, אונד איוואן איליטש האט געזיעגט! אָבער פלוצלינג איז ערשיענען דיא זויער־ביטערקייט אין מויל, דער שלעכטער גערוך האט אָבגעשלאָגען אין זיינע נאָזלעכער, אונד ער האט פערלוירען דיא גאנצע אינטערעסע אין דעם שפיעל.

ער האט געקוקט צו זיין מיטשפיעלער מיכאיל מיכאילאָוויטש אונד געזעהן וויא פערטיעפט אונד פעראינטערעסירט ער איז מיט דעם שפיעל. מיכאיל האט צוזאמענגעלעגט דיא קארטען, געלאכט, געזאגט א ווערטעל, אונד דאן אוועק גע־לעגט דיא קארטען אין מיטען טיש אום איוואן איליטש זאָל נעהמען אויך טהיילען.

„ווארום בין איך אזוי גלייכגילטיג?“ האט זיך איוואן איליטש געפרעגט א זיינע געדאנקען. „בעווייזט ניט דיעזע גלייכגילטיגקייט אליין, אז איך בין געפעהרליך קראנק?“

יעדער האט בעמערקט וויא זיין געזיכט האט זיך פערענדערט אונד אָנגענומען דיא דונקעל־גרינע פארבע, אלס א פאָר.פאָסטען פון שמערץ.

„מיר קענען אויפהערען, ווען דאס מאכט דיך מיעד,“ האבען זייא געזאגט.

„רוה זיך אויס אביסעל.“

רוהען? אָה ניין, ער איז גאר ניט מיעד געווען, אונד ער האט בעשלאָסען צו ענדיגען דעם פרעפעראַנס. פיעללייכט האט דאָך יעדער רעכט, אז מען דארף זיך ניט אזוי אָבלאָזען צו א קראנקהייט?

יעדער איז געבליעבען זיטצען שטיל אונד עטוואס טרויעריג. איוואן איליטש

אָבער אויף מאָרגען — סיידען איך גיב אכטונג אויף איהם — פערגעסט ער שוין אן אלעמען, עסט ער גאָט ווייס וואס, אונד זיטצט ביז אום איינס אוהר פאַרטאָג אונד שפּיעלט אין קארטען. נו, ווער איז שולדיג? איך קען מיין קאָפּ אויף איהם ניט ארויף זעטצען!"

„וואס? ווען?" האט איוואן איליטש דאן געפרעגט מיט א שרעקערינגער מיענע. „עס האט נאָר פּאסירט איינמאל, בייא פּיאָטער איוואנאָוויטש."

„אונד נעכטען, מיט שעבעק'ן?"

„אָך, עס איז דאָך געוועזן דערפאַר, ווייל דער שמערץ האט מיך ניט געלאָזען שלאָפען."

„וואס איז דאָ פאר איין אונטערשיעד? א מענש דארף וויסען וויא זיך אָב־צוהיטען. ווען דוא ווערסט אזוי לעבען, וועט דיר נאָר ערגער ווערען, אונד דוא וועסט אונז ניט אויפהערען צו מארטערן. גאָט ווייס דעם אסת, איך קען שוין ניט אויסהאלטען!"

לויט וויא פּראסקאָוויא האט געשילדערט פאר איהרע פריינדע אונד לויט וויא זיא האט עס געזאגט איוואן איליטש'ן אליין, איז דיא גאנצע קראנקהייט מעהר ניט געוועזן וויא איין אויסגעטראכטע מעשה פון איהם אליין, מיט דער איינציגער אבזיכט זיא ניט צו לאָזען רוהען אונד האבען פערגניגען פון איהר לעבען.

„וואס!" פלעגט זיא אויסשרייען. „אפשר ניט אזוי? קען איך דיך ניט גאנץ גוט? וויפיעל מאל האסטו שוין געטהאָן אזעלכע זאכען אום נאָר מיך צו ערגערן? דוא ביסט ניט קראנק, ניין! ניין! איך שווער עס דיר; עס איז נאָר מיך צו פּלאגען."

זיין בלאסעס געזיכט, זיין ציטערענרער קערפּער, דאס האט זיא ניט געקענט זעהן מיט איהרע אויגען, אָדער זיא האט זיך דיא מיה ניט געגעבען דאס צו זעהן. איוואן איליטש איז געוועזן זיכער, אז זיא איז איבערצייגט דאריבער וואס זיא זאגט. אָבער דאס אלעס האט נאך ניט געקענט פערלייכטערן זיין שמערץ אפילו אויף א האאר.

אין געריכטס־הויז האט ער בעמערקט, אָדער ער האט זיך פאָרגעשטעלט, אז יעדער קוקט אויף איהם מיט דיזעלבע אויגען וויא זיין פרוי. דאן האט ער גע־רעכענט, אז זיינע קאָלעגען אונד אונטערגעאָרדנעטע בעטראכטען איהם אלס א מאן, וועלכען'ס פּלאַטץ וועט באלד פרייא ווערען. זיינע פריינדע האבען פּראָבירט איהם צו ערמוטהיגען, גלייך וויא דער שמערץ וואָלט דאדורך נאכגעלאָזען ווען מע־

6.

אזוי איז פאַראיבער א היבשע צייט אין דיעזען צושטאנד. אין דעם אבענד פון נייא־יאָהר, איז איוואן איליטש'עס שוואָגער זייא געקומען בעזוכען. פראס־קאָוויא פעאָדאָראָוונא, איז גראדע דאמאלס אוועק געגאנגען איינקויפען.

איוואן אליטש איז געוועזן אין גערינכט-הויז. ווען ער איז א היים געקומען, האט ער געטראָפען זיין שוואָגער, א שטארקער בליהענדער מענש, וועלכער האט געהאלטען אין אויספאקען זיין קופערט מיט דיא זאכען וואס ער האט מיט־געבראכט.

ווען ער האט דערהערט איוואן איליטש'עס טריט, האט ער אויפגעהויבען זיין קאָפּ אונד איהם בעטראכט א פאאר אויגענבליק אין שטילשווייגען. איוואן איליטש האט געזעהן אין דיעזען בליק אלעס. דעם שוואָגער'ס ליפען האבען זיך געעפענט מיט שרעק, גלייך וויא ער האט געוואָלט אויסשרייען, אָבער ער האט זיך צוריק געהאלטען. דאס האט אויך איוואן איליטש געזעהן אונד ער האט זיך איבערציינגט, אז ער איז געווים ערשיענען פאר דעם שוואָגער אין דעם ריכטיגען צושטאנד פון פערצווייפלונג, אין וועלכען ער האט זיך ווירקליך געפונען.

„אלזאָ,“ האט איוואן איליטש אָנגעפאנגען, זעהענדיג, אז דער אנדערער האט קיין מוטה צו רעדען, „בין איך ניט זעהר שטארק געענדערט?“

„יא, געענדערט — יא, יא, זעהר געענדערט.“

אונד דער שוואָגער האט ווייטער אויסגעמיעדען יעדע געלעגענהייט צו רעדען מיט איוואן איליטש איבער דעם צושטאנד וויא ער זעהט אוים.

ווען פראסקאָוויא פעאָדאָראָוונא איז אהיים געקומען, איז איהר ברודער אריין אין איהר צימער מיט איהר עפּעס צו רעדען. איוואן איליטש האט זיך דאן פער־שלאָסען אין זיין צימער, אונד זיך אוועק געשטעלט א היבשע צייט פאר'ן שפּיעגעל אום זיך צו שטודירען וויא ער זעהט אוים. דאן האט ער ארונטער גענומען זיין פאָטאָגראפיע אונד דיעזע פערגלייכט מיט דער פיגור וואס ער האט געזעהן אין שפּיעגעל.

יא, עס איז געוועזן א גרויסער אונטערשיעד צווישען דיעזע צוויא פאָר־שטעלונגען.

איוואן איליטש האט געזיפצט, אונד אנגעפאנגען ארויפצוציהען דעם ארבעל פון זיין ראָק אונד העמד אויף זיין האנד. ער האט זיך בעטראכט דעם ארעם,

האט געוואוסט, אז ער איז דיא אורזאַכע פון דעם טרויער, אָבער ער האט דא
ניט געקענט אָבשאַפען.

דער קארטען־שפּיעל האט געמוזט אונטערבראָכען ווערען. דער שמערץ הא
איהם יעדעס מאל וויא דורכגעשטאָכען מיט מעססערס.

אָבער דיא געזעלשאַפט פון טרויעריגע קראַנקע, איז קיינעם ניט אנגענעה
אונד דיא פריינדע האבען איינציגווייז גענומען אבשיעד, ראטהענדיג איוואן איליטש
צו געהן רוהען.

איוואן איליטש איז געבליעבען אליין מיט זיין טרויער אונד שמערץ. ער אי
געווען איבערצייגט, אז זיין לעבען איז זעהר אונגליקליך אונד ער מאכט נאך אנדער
אויך אונגליקליך. אָבער, ווען ער האט זיך געפרעגט, מיט וואס דאס קען זי
ענדיגען, האט ער געזעהן פאר זיך אויפשטייגען א פינסטערן וואָלקען.

ער האט אָנגעפאַנגען איבערצודענקען אונד איבערצורעכענען דעם גאַנצע
לויף פון זיין קראַנקהייט, ווייל דאס האט געשטיעגען אלץ העכער אונד העכע
ביז דיא געגענווארט איז עררייכט געוואָרען. אונד ווען ער האט זיך געפרעגט וואָ
ווייטער קען זיין, האט ער אויפגעציטערט.

אָבער טראָטץ דיעזעס טרויעריגע בעוואוסטזיין, טראָטץ זיינע מארטערענד
ליידען אונד פינסטערע אויסזיכטען, איז ער געצוואונגען געווען צו געהן צו בעט
אָבער דאָרט האט ער אָפּטמאָל צוגעבראַכט דעם גרעסטען טהייל פון דער נאַכ
אין דיא אונבעשרייבליכע שמערצען.

ווען דער פריהמאָרגען איז געקומען, האט ער געמוזט וויעדער אויפשטעה
זיך אָנקליידען, געהן אין געריכט־הויז, רעדען, שרייבען, אונד טהון זיינע פליכטע
ווען ער איז אהיים געקומען פריהער, האט ער בעדאַרפט צעהלען דיא שטונדען פ
שמערץ איינע נאך אנאנדער. אזוי האט ער געלעבט, שטונדען, טעג, נעכט, וואָכ
אונד מאָנאטע. ער האט זיך אימער געזעהן אויף דעם ראנד פון פינסטערן אָב
גרונד, וואוהין ער מוז פריהער אָדער שפּעטער אריין געשליידערט ווערען, אונ
דערווייל דארף ער ליידען דיא שרעקליכסטע שמערצען וואס א מענש קען איבער
שטעהען.

דער גרעסטער שמערץ איז אָבער געווען, וואס קיינער, אונד איבערהויפּ
זיין פרוי, האט איהם געוואָלט פערשטעהן אָדער אפילו מיטלייד האבען מ
איהם.

נעזאנט. פיאָטער איוואנאָוויטש איז געווען דעם דאָקטאָר׳ס פריינד, אונד דורך איהם אָדער מיט איהם, האט ער זיך געוואָלט בעראטהען מיט דעם ארצט.

ער האט אָנגעקלינגעלט, געהייסען איינשפּאַנען אום צו פאָהרען.

„וואוהין ווילסטו פאָהרען, איוואן?“ האט איהם זיין ווייב געפרעגט, מיט איין אונגעוועהנליכען צערטליכען טאָן אין איהר שטימע.

איוואן איליטש האט זיך אומגעווענדעט אונד זיא בעטראכט שטילשווייגענד. איהר צערטליכקייט האט איהם באלד אזוי געשמערצט וויא זיין אָבגעריסענע מילץ. אויף זיין געזיכט האט זיך אָבגעשפּיעגעלט זעהר א טרויעריגע מיענע.

„איך פאָהר צו פּיאָטער איוואנאָוויטש,“ האט ער ענדליך געענטפערט גלייכגילטיג.

ווען ער איז געקומען צו זיין פריינד פּיאָטער, האט ער איהם געבעטען, ער זאָל איהם בעגלייטען צום דאָקטאָר׳ס וואָהנונג. זייא האבען געטראָפען דעם ארצט צו הויז, אונד זייא האבען מיט איהם געהאט א לאַנגע אונטעררעדונג.

איבערקלערענדיג אַלעס וואס דער דאָקטאָר האט איהם געזאגט, אונד לויט וויא ער האט אליין גאנץ גוט געקענט דיא פערשיעדענע טהיילען אין מענשליכען קערפּער, האט איוואן איליטש שוין אלעס דייטליך פערשטאנען.

ער האט בעגריפען פון דעם דאָקטאָר׳ס ווערטער, אז אירגענד עפּעס איין אָרגאַן, זאָל עס זיין דיא מילץ, דיא לעבער אָדער נירען, האט פערלוירען דיא פעהינקייט צו ארבייטען. דיעזער אָרגאַן, ווען ער זאָל ניט קומען אויף זיין פּלאַטץ, מוז זיין ארבייט דורכגעפיהרט ווערען דורך איין אנדערן. יעטצט איז דיא הויפּט אויפגאבע, צו בעוועגען איין אנדערן אָרגאַן ער זאָל טהון אויך דיא פליכט פאר דעם וואס איז געשטערט געוואָרען.

ער איז אהיים געקומען שפּעט צו מיטאג. ער האט געגעסען אונד גע־שפּראָכען אין א לעבהאפטען טאָן, אָבער ער האט זיך ניט געקענט ענטשליסען אנצופאַנגען איין ארבייט. ענדליך האט ער געפּאסט א נעוואלט־בעשלוס, אריין צוריק אין זיין צימער אונד זיך געזעטצט צו דיא פּאַפּירען. דאס געפיהל פון איין אלטער געוואָהנהייט, אז ער האט וויכטיגע געשעפטען צו בעזאָרגען, האט איהם אָנגעטריעבען ער זאָל פערטיג מאכען אלעס וואס ער בענעטהיגט.

ווען דיא ארבייט איז געווען פאַראיבער, האט ער זיך ווידער דערמאָהנט אן דעם אָרגאַן וואס האט פערלוירען דיא פעהינקייט צו ווירקען. אָבער ער האט מיט אַלע מעגליכקייטען פערטריעבען דיא אידעע פון זיך אונד צוריק געקעהרט אין שפּייזע־צימער צו טרינקען טהעע.

ווידער ארונטער געשלעפּט דעם ארבעל, אונד זיך אוועק געזעטצט אויף א סאפא
דאן איז זיין געזיכט געוואָרען שרעקליך שווארץ.

„ניין, ניין, עס דארף ניט אזוי זיין! ניין, ניין, עס דארף ניט!“ האט ער
געמורמעלט צו זיך אליין. דאן איז ער פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען, צוגעגאנגען צום
טיש, גענומען א געזעטצליכעס פּאפּיר אונד אָנגעפאנגען אין דעם צו קוקען. אבער
פאר זיינע אויגען האט זיך געצייגט א דונקלע מאסע אונד ער האט גאר ניט גע־
קענט לעזען.

ער האט אויפגעשלאָסען דיא טהיר אונד איז אריין אין שפּייזע־צימער. דיא
טהיר פון דעם צווייטען צימער נטבענבייא, איז געווען צוגעמאכט. ער איז צוגע־
גאנגען אויף דיא שפּיטץ פינגער, צוגעלעגט זיין אויער אום צו הערען.

„דוא איבערטרייבסט, דוא איבערטרייבסט, זאג איך דיר!“ האט זיך פראס־
קאוויא פעאָדאָראָוונא געבעזערט.

„איך איבערטרייב? קענסטו ניט זעהן, דאס א סקעלעט, א טויטער מענש,
געהט אַרום? קוק זיך נאָר איין אין זיינע גלעזערנע אויגען מיט דיא טויטע
קאָלירען. מיין גאָט, פּראסקאוויא, זאג מיר, וואס איז מיט איהם גע־
שעהען?“

„ווער ווייס? ניקאָלאיעוו (א דאָקטאָר) האט עפּעס געזאגט, נאָר איך האב
שוין פערגעסען. לעבטשעטיטסקי (דער בעריהמטער פּראָפעסאָר) האט בעהויפּטעט
גראדע דעם גענענטהייל. וואס קען איך דען טהון?“

איוואן איליטש האט זיך אָבגעווענדעט, אריין אין זיין צימער, זיך געלעגט
אויף דער סאָפא אונד פראָבירט נאכצודענקען.

„דיא מילץ,“ האט ער געמורמעלט, „יא דיא אָבגעריסענע מילץ, דאס איז עס.
דיא מילץ האט זיך מיר אָבגעריסען ביים פאל...“

ער האט געדענקט אלעס וואס דיא ערצטע האבען איהם געזאגט, וויא אזוי
דיא מילץ, געריהרט פון פּלאטץ, ווערט נאך ערגער געריהרט פון פיעל בעוועגונג.
דאן האט איוואן איליטש אָנגעפאנגען שטארק צו ארבייטען מיט זיינע געדאנקען
גראדע וויא ער האט מיט דער אידעע געוואָלט פּאקען דיא מילץ, זיא אָבהאלטען
פון אָרום וואנדערן אין זיין בויך, אונד דאן צוריק לעגען אויף איהר געהעריגען
פּלאַטץ. דיא גאנצע געשיכטע וויא דאס צו טהון, האט איהם אויסגעזעהן א
קליינינקייט.

„אלזא, איך וועל נאך אמאל געהן צו פּיאָטער איוואנאוויטש,“ האט ע

ער האט צוגעלעגט דיא האנד צו זיין זייט אונד ניט געשפירט קיין שמערצען.

„געוויס בין איך שוין פיעל געזינטער; איך שפיר נאר קיין שמערצען,“ האט ער געזאגט צו זיך אליין. דאן האט ער אויסגעלאָשען דאס ליכט אונד זיך אוועק געלעגט אויף זיין זייט, רענקענדיג אין דעזעלבער צייט, אז דיא געזונדע אָרגאנען האבען שוין איבערגענומען דיא ארבייט פון דעם קראנקען אָרגאן אונד דיא נאטור האט געזיעגט.

ער האט זיך געפרייט. ליידער אָבער האט דיזע פרייד ניט פיעל געדויערט, דען פלוצלינג האט ער געפיהלט א שטאָך.

ער האט איהם דערקענט. דאס איז געווען דער אלט־בעקאנטער שטאָך. ער האט זיך שטארק דערשראָקען. דאן האט אנגעפאנגען דער שמערץ צו קומען שנעל, שארף, שיסענדיג, שטעכענדיג, ברעכענדיג אונד ברענענדיג. דער שלעכטער טעם אין מויל איז אויך דאמאלס צוריק געקומען, אונד דער ארמער ליידענדער האט גענעבען א שמערצהאפטען זיפץ.

„מיין גאָט!“ האט ער אויסגעשריען פערצווייפעלט, „וועט דאס טאקי קיינ־מאל ניט אויפהערען?“

ער האט געשווידערט.

„ווייטער, ווייטער,“ האט ער געמורמעלט. „עס איז דיא מילץ! ניין, ניין, עס איז דאס לעבען וואס זוכט איין עפענונג ארויס צו געהן, אונד דאן — דער טויט! יא, דאס איז עס: דאס לעבען געהט אבשיעד פון מיר, אונד איך קען עס ניט צוריק האלטען. זעהט דען ניט יעדער איינער, אויסער איך זעלבסט, אז איך האלט אם שטערבען? עס איז נאָר א פראגע פון טעג אונד וואָכען — אָדער, פיעללייכט שטעהט שוין דער טויט דאָ ביים בעט אונד באלד וועט נעהמען פון אלעמען א סוף? עס איז געווען ליכטיג, אונד יעטצט קומט פינסטערניס. איך בין געווען דאָ, אונד יעטצט געה איך אוועק — וואוהין?“

ער האט געשפירט, אז דער גאנצער קערפער ווערט איהם קאלט אונד ער האט נאך קוים געקענט אטהעמען. ער האט אבער געהערט דאס קלאפען פון זיין הערצען.

„גוט, אלזא, שטארבען — איך וועל שטארבען אונד אויפהערען צו עקזיס־טירען אויף דיעזער ערד. אָבער וואו דען וועל איך זיין? וואס וועט פון מיר בלייבען? גאר ניט! וואו וועל איך זיין ווען ניט דאָ? אין דער ערד — אונד

דאָרט זיינען שוין געזעסען א פּאאר געסט. מאנכע האבען געשפּראָכען, אונד פון זייטען־צימער האט זיך געהערט אויך זינגען אונד שפּיעלען. דער יונגער אינסטרוקציאָנס־ריכטער, וועלכען ער האט גערעכענט אלס א פּאסענדע פּארטיע פיר זיין טאָכטער, איז אויך דאָרט געוועזן.

איוואן איליטש האט פערבראכט דעם אבענד מונטערער וויא זייט דיא לעטצטע פּאאר מאָנאט. וועניגסטענס האט זיין ווייב אזוי געדענקט. אָבער אונטערדעסען, האט ער אליין אויף קיין אויגענבליק פערגעסען אן זיין קראנקהייט.

אום 11 אוהר, האט ער געוואונשען זיינע געסט „גוטע נאכט" אונד האט צוריק געקעהרט אין זיין צימער.

זייט זיין קראנקהייט, האט ער איינגעפיהרט צו שלאָפען אין דעם קליינעם שטיבעל נעבען זיין שטודיר־צימער. ער האט זיך געלעגט, אונד אום צו פערווירען זיינע געדאנקען, האט ער גענומען זאָלא'ס א ראָמאן צום לעזען. אָבער עס איז איהם אונמעגליך געווען נאכצופאָלגען דיא געדאנקען פון דעם שרייבער.

פאר זיין פאנטאזיע זיינען געשטאנען אלע זיינע אינערליכע אָרגאנען. עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער זעהט זיין מילץ אוועק געריסען פון נעבען דער לעבער, אונד זיא הייננט נאך אויף א קליינעם הייטעל. ניט זייענדיג אימשטאנדע צו ארבייטען, האט דיא מילץ פערלוירען איהר פארב אונד אויסגעזעהן וויא א טויטעס שטיק פלייש, אָדער זיא האט שוין אָנג פאנגען צו פוילען. ער האט געקוקט ווייטער אין זיין פאנטאזיע אונד זיך פאָרגעשטעלט וויא דיא נאטור צווינגט דיא לעבער, דיא נירען אונד דעם ניעדריגערן טהייל פון דיא לונגען זייא זאָלען אָנגעפאנגען צו ארבייטען אונד ערפילען דיא פליכטען פון דער מילץ.

דער ראָמאן איז ארויס געפאלען פון זיין האנד, אונד ער האט געמורמעלט:

„ריכטיג, אזוי איז עס; דאס דארף מען טהון; מען מוז געבען דער נאטור דיא מעגליכקייט צו טהון איהר ארבייט."

דאן האט ער זיך דערמאָהנט, אז ער מוז איינגעהמען דיא מעדיצין. ער האט זיך אויפגעהויבען, איינגעשלונגען א פאאר פילען אונד זיך ווידער אויסגעשטרעקט אויף זיין רוקען שטודירענדיג לאנגזאם דיא ווירקונג וואס דאס מאכט אויף איהם.

„אלעס וואס איך דארף יעטצט טהון איז," האט ער געזאגט, „איינצונעהמען דיא מעדיצין רעגעלמעסיג אונד אויסמיידען שעדליכען איינפלוס. איך פיהל שוין ווירקליך בעסער — זעהר פיעל בעסער."

איך בין נעוואָרען שוואַכער אונד שוואַכער. יעטצט האָב איך שוין מעהר קיין כח ניט; מיינע אויגען זיינען וויא צווייא שטיקער גלאָז, דער טויט קלאַפּט מיר אין דיא פּלייצעס, אונד צווישען אַלע בּילדער וואס איך זעה אויפשטייגען, ערבּליק איך א פוילע אונד אָבּגעריסענע מילץ! מיין גאַנצע אידעע איז נאַר, וויא אַזוי דיא אַנדערע אָרגאַנען זאָלען ארבּייטען פאַר דיעזער מילץ! אָבער דיא אידעע איז א פאַלשע! זאָל דאס ווירקליך זיין דער טויט?"

דיא שרעק האט צוריק געקעהרט. אימער סאָפּענדיג, האט ער זיך אָנגעבּויגען זוכען דיא שוועבּעלעך. ער האט צוגעדריקט זיין עלענבּייגען צום טיש. עס האט איהם וועה געטהאָן אונד איהם געשטערט. ער איז אין כעס געוואָרען אויף'ן טיש, איהם האסטיג אבּגעשטויסען אויף א זייט, וועלכער איז נאכהער אויך אומגעפאַלען. נאָך מעהר אויפגערעגט אונד ניט קענענדיג כאַפּען דעם אטהעם, האט ער זיך נאָך אמאל געוואָרפען אויף זיין רוקען אונד ערוואַרטעט דיא ענדע זאָל קומען.

צו דיעזער צייט האבען דיא בעזוכער גענומען אבּשיעד, אונד נאכדעם וויא פּראַסקאָוויא פּעאָדאָראָוונא האט זייא בּעגלייטעט ביז צו דער טהיר, האט זיא גע־הערט דעם גערויש פון דעם אומגעפאַלענעם טיש, אונד איז אריין געלאָפען אין איהר מאַן'ס צימער.

„וואס איז דאָ פאַר א קלאַפּערייא?" האט זיא געפרעגט.

איוואַן איליטש האט זיך פאַר איהר דערשראָקען, אונד, וויא א קינד וואס האט געמאַכט א שאדען, האט ער געענטפערט:

„גאַר ניט; איך האב עפּעס אומגעוואָרפען אומגערן."

זיא האט געשוויעגען אונד איז ארויס געגאַנגען. דאַן האט זיא צוריק גע־קעהרט מיט איין אָנגעצונדענעם ליכט.

איוואַן איליטש איז געלעגען אונד געסאָפּעט וויא א מענש וואס איז געלאָפען א גאַנצע מייל.

„וואס איז, איוואַן?" האט זיא ווייטער געפרעגט.

„גאַר ניט; איך האב — אומגעוואָרפען..."

„וואס זאָל איך ווייטער רעדען," האט ער זיך געטראַכט, „זיא וועט מיך ניט פערשטעהן אונד וויל מיך ניט פערשטעהן."

זיא האט איהם ווירקליך ניט פערשטאַנען. אונטערדעסען האט זיא אויפ־געהויבען דעם טיש, אָנגעצונדען איהר מאַן'ס ליכט, אונד איז ארויס פון צימער אוננערולדיג, ווייל זיא האט זיך נאָך בעדאַרפט געזעגענען מיט דיא אַנדערע געסט.

וואס איז דאָרט? אויף'ן הימעל — אונד וואס איז דאָרט? זאל איך יעטצט ווירקליך זיין אזוי נאהענט פון דעם טויט? ניין, מיין גאָט! עס זאל ניט זיין, עס דארף ניט זיין!"

ער האט זיך אויפגעהויבען וויא א פערוואונדעטער, פראָבירט אנצוצינדען דאס ליכט, געזוכט אין דער פינסטער מיט זיינע ציטערענדע הענד, אונד דאן האט ער אבגעלאזען דאס ליכט, וועלכעס איז ארונטער געפאלען. ער אליין איז אויך צוריק געפאלען אויף זיינע קישען.

„אונד ווארום ניט? ווארום זאל איך ניט שטארבען? וואס קען דען ווערען דערפון?" האט ער זיך געפרעגט בליקענדיג אין דער פינסטערניש. „טויט, יא, דאס איז דער טויט, אונד זייא ווילען ניט פערשטעהן: זייא ווענדען זיך אָב פון מיר אונד האבען אפילו קיין רחמנות ניט. הערט, הערט, וויא מען שפיעלט, זינגט אונד מען פרייט זיך."

ער האט דאבייא געהערט וויא יעדער האט זיך אונטערהאלטען אין זאלאָן.

„וואס קימערט זייא?" האט ער וויטער געפרעגט. „אבער זייא וועלען אויך מוזען שטארבען — דיא דומקעפּ! איך וועל טאקי געהן פריהער, אָבער זייא מוזען נאכקומען. זייער צייט איז אויך ניט זעהר וויט. אונד דענגאך הערט וויא דיא אידיאָטען לאכען!"

ער איז שיער דערשטיקט געוואָרען פאר כעס אונד וועהטאג.

איז דאס מעגליך, אז מיר אלע מענשען זיינען אונטערוואָרפען צו עהנליכע טרויעריגע שרעקען?

איוואן איליטש האט זיך ווידער אויפגעהויבען אונד געזאגט:

„איך מוז גוט נאכדענקען איבער אלעס; איך מוז ערגרינדען דיעזעס פינסטערע געהיימניס."

ער האט אויך אָנגעהויבען טיעף נאכצודענקען:

„לאָמיר זעהן; דער אנפאנג פון מיין קראנקהייט, שטאמט פון יענעם קלאפּ אין דער זייט. אנפאנגס האב איך ניט פיעל געשפירט, בלויז א קליינעם שמערץ. דאן האט עס אָנגעהויבען לאנגזאם אָבער רעגעלמעסיג ערגער צו ווערען; דאן איז געקומען איין דאָקטאָר, נאך א דאָקטאָר, מיינע טרויעריגע געדאנקען, אויפרעגונג אונד ווידער א דאָקטאָר; דערוויל האב איך מיך אימער געהאלטען אין דער־נעהנטערן צום קבר. מיין קראפט איז געפלויגען אונד פערשוואונדען געוואָרען

אלזא, וואס דען בין איך?“ האט ער זיך פּלוצלינג געפרעגט. „הא! איך געדענק! איך בין אמאל געווען דער קליינער וואניא, איך האב געהאט א פּאפּא אונד א מאמא, מיט קליינע ברידערלעך, שפּיעלרייען, א קוטשער אונד איין אמע, דאן האב איך מיך געשפּיעלט מיט קאטינקא'ן, געשטיפט, געלאכט, אונד...“

ער האט אנגעהויבען צו געהן וויטער, אריבער שטייגענדיג דיא קינדישע צייט, קומענדיג צו דער סטודענטען צייט אונד וואנדערענדיג וויטער צו דער ערנסטער טהעטיגקייט ביז צו דער געגענווארט.

איז דאס געווען ק. וואס האט אזוי געליעבט דיא שעהנע פעלדער? איז דאס געווען ק. וואס האט געקושט זיין מאמא'ס האנד, וואס האט געטאנצט, אָדער וועלכער האט ליעב געהאט צוקער־געבעק אין דער געזעטץ־שולע? האט ק. אמאל געליעבט? איז דאס געווען ק. וואס האט אזוי קלוג געפיהרט דיא פּראָצעסען?

„יא, עס איז וואהר, דאס ק. איז שטערבליך, אונד עס איז אויך גאנץ נאַטירליך, אז ער זאָל שטארבען; אבער איך, וואניא, איוואן איליטש, מיט אלע מיינע געפיהלע אונד גייסטיגע קראפט — איך בין פערשיעדען, אונד עס איז גאנץ אוננאטירליך, אז איך זאָל שטארבען. אך, דאס וואָלט געהייסען, אז געגען מיר האנדעלט מען זעהר שלעכט.“

דאן האט ער ארגומענטירט: „ווען איך זאל מוזען שטארבען וויא ק., וואָלט איך אקצעפּטירט דיא טהאטזאכע; מיין אינערעס בעוואוסטזיין, וואָלט עס מיר אימער געזאגט. אבער דאס איז ניט דער פאל מיט מיר. איך אונד מיינע פריינדע פערשטעהען גאנץ גוט, אז מיר האבען ניט וואס מורא צו האבען פאר ק.'ס שיקזאל. אונד דעננאך, וואס איז עפּעס יעטצט געווארען? עס איז אונמעגליך, מיין נאַט, עס איז אונמעגליך! אונד דאָך, אזוי איז עס; עס קען אנדערש ניט זיין. אָבער וויא איז דאס מעגליך, וויא אזוי זאל איך דאס פערשטעהן?“

ניין, איוואן איליטש האט ניט געוואלט אקצעפּטירען דעם פאקט, אז ער איז שטערבליך, אונד דערצו איז נאך דיא שטערבליכקייט זעהר נאהענט פון איהם. ער האט געקעמפּפט געגען דיזער אידעע, נאָר עס האט איהם ניט געהאָלפען, זיא האט יעדעס מאל צוריק געקעהרט, גראדע וויא א גומי־באָל, וועלכען מען שמייסט אוועק אונד ער שפּרינגט צוריק.

ער האט אנגעווענדעט אנדערע ארגומענטען, פיעללייכט וועלען זייא איהם איבערצייגען, אז ער איז ניט ק. אונד ער איז אלזא ניט שטערבליך. ער האט

ווען זיא איז שפּעטער צוריק געקומען, איז ער נאָך אימער אַזוי געלעגען ווי פריהער, אויף זיין רוקען, אונד זיינע אויגען האָבען געקוקט אַרויף.

„וואָס איז? איז דיר ערגער?“ האָט זיא געפרעגט.

„יא.“

זיא האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אונד זיך אַוועק געזעטצט.

„זאג מיר, איוואַן, אפשר וואָלט איך געלאָזען רופען לעבטשעטיסקי'ן?“ האָט זיא געפרעגט. דאָס האָט געהייסען, אַז מען זאָל לאָזען ברענגען דעם גרויסען פּראָפעסאָר, ניט אַכטענדיג אויף דער גרויסער סומע וואָס מען דאַרף איהם בעצאָהלען פאַר'ן וויזיט.

ער האָט ביטער געשמייכעלט אונד געענטפערט: „ניין.“

זיא איז אונטערדעסען געזעסען ווי אויף שפּילקעס. דאַן האָט זיא זיך אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען, אונד איהם געגעבען אַ קוש אויף'ן שטערן. ער האָט זיא געהאַסט פון זיין טיעפסטען הערצען ווערענד זיא האָט איהם געקושט. ער האָט געמוזט אָנווענדען אַלע זיינע שוואַכע קרעפטען זיך צו בעהערשען אונד זיא ניט אָבשטויסען.

„גוטע נאַכט, פאַרלויפיג,“ האָט זיא געזאָגט. „איך האָף, אַז דוא וועסט באַלד איינשלאָפען.“

„יא,“ האָט ער געענטפערט טרויעריג, ווערענד זיא איז אַרויס געגאַנגען אָהנע זיא אומצוקוקען.

7.

איוואַן איליטש איז געווען זיכער, אַז ער האַלט ביים שטאַרבען. ער איז געווען פערוויררט אונד פערזונקען אין פערצווייפלונג. ער האָט פּאָזיטיוו געוואוסט, אַז ער איז נאָהענט פון דער נסיסה, אָבער דאָך האָט ער זיך ניט געקענט צו געוועהנען צו דער אידעע פון דעם טויט. ער האָט עס ניט געקענט טהון.

דאַן האָט ער זיך דערמאָהנט אָן דער לאָגיק וואָס ער האָט אַמאָל געלערענט אין קיזיוועטער'ס בוך אונד געזאָגט:

„ק. איז אַ מענש; אַלע מענשען זיינען שטערבליך; פאָלגליך איז ק. שטערבליך.“

ביז צו יענער מינוט האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַלע מענשען מעגען זיין שטערבליך, ק. איז אויך שטערבליך. נאָר ער אַליין איז ניט אַריין גערעכענט.

דעם אלבום אונד אָנגעפאַנגען איבער צו קוקען דיא פּאָטאָגראַפען. ער איז שטאַרק אין כעס געוואָרען אויף זיין טאָכטער, וועלכע האט צערוואָרפען דיא בילדער, אונד ער האט זייא צוזאַמען געלעגט.

דאַן האט ער זיך געטראַכט, אז ער וועט איבערשטעלען דעם טיש נעבען דיא פענסטער צווישען דיא בלומען. ער האט אָנגעקלינגעלט פיר דעם דיענער, אָבער זיין ווייב אונד טאָכטער זיינען גראַדע אריין געקומען. אלס ער האט זייא דערצעהלט וואס ער וויל טהון מיט דעם טיש, האבען זייא ניט איינגעשטימט אונד פּראָטעס־טירט דאַגעגען. דאס האט איהם אויפגערעגט.

איבריגענס, וואס האט עס איהם געקימערט, זאָלאַנג אירגענד עמעס קען פון איהם פערטרייבען זיינע טרויעריגע געדאַנקען?

אלס ער האט אָנגעפאַנגען צו ריהרען דאס מעבעל, האט זיין פרוי געזאגט:

„לאָז שטעהן, איך בעט דיך; דיא דיענער קענען עס טהון. זעה, דו וועסט דיר ווידער וועה טהון.“

ער האט געוואלט עמעס ענטפערן, נאָר עס איז איהם פינסטער געוואָרען אין דיא אויגען. דער שמערץ האט דורכגעשאָסען פון זיין זייט איבער דעם גאַנצען קערפּער אונד ער האט פעסט צוזאַמענגעדריקט מיט זיינע צייהן, ער זאָל ניט אויס־שרייען. ער האט אָנגעווענדעט אַלעס מעגליכע צו פערגעסען, צו פערטרייבען דעם שמערץ מיט זיינע געדאַנקען, אָבער ער האט ניט געקענט.

„עס איז א טהאָטזאכע,“ האט ער זיך געטראַכט, „אז איך האב געאָפּפערט מיין לעבען אום צו אראַנזשירען א פאָרהאַנג, אונד דאס זעהט מיר אויס גראַדע וויא איך וואָלט געפאַלען אין שלאַכט־פעלד; יענער פאַר דער עהרע פון זיין פאַ־טערלאַנד אונד איך פאַר דעם וואס דער פאָרהאַנג זאָל זיין שעהן. איז דאס מעגליך? וויא נאַריש דאס איז, אונד דעננאָך וויא שרעקליך! ניין, ניין, עס איז אונמעגליך! אונמעגליך, אונד עס איז דאָך א פאַקט!“

דאַן איז ער צוריק אריין אין זיין שטודיר־צימער, זיך אניעדער געלעגט אונד איז געבליבען אַליין מיט זיינע געדאַנקען. ער האט אָבער ניט געהאט דעם מוטה, ווייטער צו ארגומענטירען, אונד א קעלט איז געלאָפען איבער זיין גאַנצען לייב.

נעהאָפּט זיך צו טרייסטען דאמיט. ער האט פּראָבירט זיך צו שטירצען איז יענער וועלט מיט פאנטאזיען, וועלכע האט אימער אזוי קונסטפאָל פאר איהם פערשטעלט דאס בילד פון דעם טויט. אָבער יענע פאנטאסטישע וועלט האט יעטצט אָנגע־פאנגען זיך צו צערשמעלצען וויא אייז נעגען א ברענענדער זונן, אונד דיא ווירקליכקייט, דיא טרויערינע אונד נאקעטע ווירקליכקייט, איז פאר איהם ערשיענען.

דאן האט זיך איוואן איליטש דערמאָהנט, אז ער האט אימער געקענט פער־געסען אן אלעמען, זאָגאר אן זיין פרוי, ווען ער איז געזעסען בעשעפטיגט אויף דעם ריכטער־שטוהל. ער האט געמורמעלט:

„יא, יא, איך וועל מיך אומווענדען צו מיינע אָפיציעלע פליכטען אונד וועל פערגעסען אן אלעמען.“

ער האט זיך אויף א ווײלע ווידער געזעהן אין געריכט־הויז, אומרינגט פון זיינע קאָלעגען, אונד בליקענדיג אויף דיא אנגעקלאגטע אָבער פּלוצלינג איז זיין בליק געפאלען אויף זיינע אויסגעמאגערטע הענד, וועלכע ער האט געהאלטען אויף זיין שטוהל, דער שמערץ האט דורכגעשאָסען אין זיין זייט אונד ער האט זיך דער־מאָהנט אן זיין צושטאנד.

מאנכע מאל האט ער געוואָלט אבטרייסלען פון זיך דעם שמערץ, גראדע וויא איין אָקס וויל פון זיך ארונטער ווארפען א וואָלף וואס איז אויף איהם ארויף געשפּרונגען, אָבער ער האט ניט געקענט.

איוואן איליטש איז געבליעבען אין דער היים. ער האט שוין מעהר ניט גע־קענט בעזוכען דאס געריכט־הויז.

ווען ער האט זיך ערבליקט אין שפּיעגעל, איז ערשיענען א טרויעריגער שמייכעל אויף זיינע ליפּען, וועלכער איז באלד פערשוואונדען פלאטץ צו מאכען פאר א דערשראָקענער מיענע, אונד ער האט זיך געפרעגט.

„איז דער טויט שוין דיא איינציגע ווירקליכקייט?“

אין א טאָג איז ער אריין געגאנגען אין דעם צימער, וואס ער האט אליין אויסגעשטאטעט; אין דעמזעלבען צימער וואו ער איז געפאלען אונד זיך א קלאפּ געגעבען.

ער איז געבליעבען שטעהן אונד זיך דערמאָהנט אן אלעמען. ער האט פער־טריעבען דיא טרויערינע געדאנקען פון זיך. ער האט זיך אוועק געזעטצט, געעפענט

זיינע ריינע רוסישע קליידער, וועלכער האט נעהאט אזא אונאנגענעהמע פליכט צו־פֿירען, האט שוין פֿאראורזאכט איוואן איליטש'ן ער זאָל זיך שעהמען, אדער שפירען א שטארקעס געפיהל פון שאנדע.

אין א טאָג, ווען דער דאָקטאר האט געזאָגט, אז איוואן איליטש האט געקוקט אויף זיינע נאקעטע אונד אויסגעטאנערטע גליעדער, פון וואנען דיא מוסקעלען האבען ארויס געשטעקט, איז געראססים אריין אין צימער מיט לייכטע אבער פעסטע שריט, אונד זיינע דיקע שטיוועל האבען ארויס געגעבען א סמאָלע גערוך מיט א ווינטער פרישקייט.

ער האט געטראגען א ריינע שירצע מיט א לייווענטען העמד, אונד דיא ארבעל זיינען געווען ארויף געקאטשעט ווייט איבער זיינע גרויסע אונד שטארקע ארמס. עס האט אויסגעזעהן, גלייך וויא געראססים האט ניט געוואָלט ארויס צייגען זיין געזונדען גייסט וואס האט געשיינט פון זיינע אונשולדיגע אויגען, דאמיט ער זאָל ניט אויפרעגען דעם קראנקען.

„געראססים!" האט איוואן איליטש געזאגט אין א שוואכען טאָן. דער מוזשיק האט אומגעווענדעט זיין פרייעס אונד עהרליכעס געזיכט, פריש מיט יוגענד אונד געזונדהייט, ארום וועלכען עס האט נאָר וואס אָנגעפאנגען ארויס צו שפראָצען האאר.

„וואס קען איך טהון פאר אייך, מיין העררי?" האט ער געפרעגט.

„איך דענק וויא אונאנגענעהם דאס אלעס מוז זיין פאר דיר; ענטשולדיג מיר, איך קען דערבייא גאר ניט העלפען."

„אָה, מיין העררי," האט געראססים געענטפערט ארויס שטעלענדיג זיינע ווייסע צייהן, וועהרענד אויף זיין געזיכט האט זיך אָבגעשפּיעגעלט א שמייכעל. „ווארום זאָלט איהר מיך דען ניט בעמיהען? איהר זייט דאָך קראנק, אונד יעמאנד מוז אייך יעדענפאלס העלפען."

נאכדעם וויא ער האט אבגעטהאָן זיין געוועהנליכע ארבייט, איז ער ארויס מיט לייכטע שריט פון דעם צימער. מיט 5 מינוטען שפעטער, האט ער צוריק געקעהרט אזוי מונטער וויא אימער.

איוואן איליטש איז נאך אימער געזעסען אין זיין לעהנ־שטוהל, וויא דער מוזשיק האט איהם איבערגעלאָזען.

„געראססים," האט ער געזאגט, „קום אהער, איך בעט דיך, אונד העלף מיר."

געראססים איז צוגעגאנגען.

8.

עס וואָלט נים נעווען לייכט צו ערקלערען, וויא אזוי דאס אלעס האט פּאַ־
סירט צום דריטען מאָנאט פון איוואן איליטש'עס קראנקהייט. אלעס האט אויס־
געזעהן צו קומען לאנגזאם, אָבער רעגעלמעסיג מיט אזא קראפט, דאס קיינער האט
עס נים געקענט צוריק האלטען.

זיין פרוי, זיין זוהן אונד טאָכטער, זיינע פריינדע, דיענער, דער דאָקטאָר
אונד זאגאר ער זעלבסט — יעדער האט נאָר געדענקט וויא לאנג נאך עס וועט
דויערן ביז ער וועט פרייא מאכען דעם פּלאַטץ פאר איין אנדערן אין געריכט־הויז,
אונד וויא לאנג דאס וועט נעהמען ביז ער וועט פערשוואונדען ווערען אונד שוין
מעהר נים פּלאגען, מארטערן אונד אויפרעגען יעדען איינציגען מיט זיין נענענווארט
אונד מיט זיינע שמערצען.

ער איז יעדעס מאל אלץ וועניגער געשלאָפען, אונד מען האט איהם בעד־
דארפט איינגעבען אָפּיום, וויא אויך איינשפּריטצען מאָרפיום, אום ער זאל אביסעל
רוהען אונד פערלירען וועניגסטענס אויף עטליכע מינוטען דעם שמערץ. וועהרענד
דער בעטויבונג פון דיעזע שארפע מעדיצינען, האט ער זיך אין דער ערשטער צייט גע־
פיהלט וויא אויף איין אנדערע וועלט, גליקליך, צופריעדען אונד פרייא פון שמערצען,
אבער, וויא דער שטענער איז, האט זיך זיין קערפער באלד געוואָהנט דערצו, אונד
ווען דיא שמערצען זיינען געקומען, זיינען זייא געווען נאך שארפער אונד שרעקליכער
וויא פריהער.

דער דאָקטאָר האט איהם געהייסען צובערייטען ספּעציעלע שפּייזען, אָבער
נים נאָר וואס ער האט קיין אפּעטים געהאט צו זייא, זאָנדערן ער האט זייא גאר
אין מויל אריין נים געקענט נעהמען.

דאן האט מען געמוזט מאכען איינריכטונגען פיר זיין ריינליכקיים. דאס האט
איהם פעראורזאכט שרעקליכע ערנעדריגונג, נים נאָר דערפאר וואס דיא גאנצע גע־
שיכטע איז זעהר אונאנגענעהם, זאָנדערן ווייל ער האט דערבייא געמוזט זיין אבהענגיג
פון אנדערע. אָבער פון דיעזע אלע שלעכטע צושטענדען, איז געקומען א געוויסע
בעקוועמליכקיים.

אויף דעם מוזשיק געראססים, איז געפאלען דיא פליכט איהם צו בעדיענען.
געראססים איז געווען א יונגער, ריינער, געזונדער יונגער מענש, אימער מיט א
גליקליכעס אונד צופריעדענעס געזיכט. בלויז אָנצוקוקען דיעזען יונגען מענשען אין

„נעווים, נעווים, איך קען עס זעהר לייכט טהון.“

דער מוזשיק האט אויפגעהויבען זיין הערר׳ס פיס העכער, אונד דעם קראנקען האט זיך געדאכט, אז ער פיהלט מעהר קיינע שמערצען.

„אבער וואס ווערסטו טהון ווענען דעם האלץ?“ האט ער נעפרענט.

„בעקימערט זיך ניט, מיין הערר. עס איז נאך דא גענוג צייט צו טהאן אזא קליינינקייט.“

איוואן איליטש האט איהם דאן נעהייסען ער זאל זיך אנידער זעטצען אונד האלטען זיינע פיס.

זייא האבען געשפראכען איבער פערשיעדענעס, אונד, מערקווירדיג איוואן איליטש איז נעוועזען איבערצייגט, אז ער האט וועהרענד דעם גאר קיין שמערצען געפיהלט.

נאך דיעזער סצענע, פלעגט איוואן איליטש לאזען רופען גראססימען זעהר אפט. ער פלעגט איהם בעטען, ער זאל איהם ערלויבען צו האלטען זיינע פיס אויף זיינע שולטערס, אונד וועהרענד דעם האט ער געהאט גרויסעס פערגניגען מיט איהם צו רעדען.

דער מוזשיק האט זיך נעציינט בערייט אלעס צו טהון פאר זיין הערר, אונד דאבייא האט ער געוויעזען אזוי פיעל גוטסקייט, צערטליכקייט, אויפמערקזאמקייט אונד נאכדענקען, דאס איוואן איליטש איז נעוועזען שטארק גערירט דערפון.

דיא געזונדהייט, קראפט אונד פרעהליכער מוטה פון אנדערע, האט דער פאציענט נעהאסט. דאגעגען אבער, האט ער הנאה געהאט פון גראססים׳ס קראפט, מונטערקייט אונד געזונדהייט.

אמטייסטען האט איהם געערגערט, וואס כמעט אלע זיינע נאהענטע בעקאנטע, דארונטער נאטירליך זיין ווייב, האבען אלע בעהויפטעט, אז ער איז בלויז קראנק אונד איז ניט אם שטערבען. זייא פלעגען איהם ראטהען ער זאל זיך זעקבסט אויפמונטערן, געדולדיג איבערלעבען א קורצע צייט, נעהמען רעגעלמעסיג דיא מעדיצין, אונד דאן וועט ער געזונד ווערען.

ער האט אבער אויך געוואוסט, אז וואס מעהר זיין לעבען וועט נעדויערן, וועט ער אלץ מעהר ליידען. אונד דער איינציגער אויסוועג פון זיין קראנקהייט, איז דער טויט.

אלע דיעזע שקרים אונד בעטרינערייען, האבען איהם געקריינקט אונד גע־מארטערט.

„הויב מיך אויף; איך קען עס ניט אליין, אונד דימיטרי'ן האב איך אוועק געשיקט.“

דער מוזשיק האט איהם אנגענימען גראדע מיט אזא לייכטען גריף וויא זיין שרים; אונד אָהנע צו מאכען דיא מינדעסטע אנשטרענגונג אויף זיין מעכטיגען קערפּער, אָדער אויסצוזעהן עטוואס בעמיהעט, האט ער כמעט גענצליך אויפגעהויבען דעם קראנקען אונד איהם געהאָלפען זיך זעטצען אויף דער סאָפא.

„איך דאנק דיר,“ האט ער געזאגט. „וויא לייכט דוא האסט דאס גע־מאכט.“

דער מוזשיק האט נאך אמאל געשמייכעלט אונד געוואָלט ארויס געהן. איואן איליטש האט אָבער געשפירט גלייך וויא עס איז איהם לייכטער, ווען געראססים איז געבען איהם. ער האט איהם דערפאר צוריק געהאלטען.

„דאָ, זעה, איך בעט דיך,“ האט ער געזאגט. „ברענג מיר אהער יענעם שטוהל, ניין, ניט דעם, דעם אנדערען מיין איך; שטעל דאס אונטער מיינע פיס; איך פיהל לייכטער ווען מיינע פיס זיינען אויפגעהויבען.“

געראססים האט צוגעבראכט דעם שטוהל, אוועק געשטעלט לייכט אָהנע צו מאכען א רעש, אונד דאן האט ער לאנגזאם ארויף געלעגט איוואן איליטש'עס פיס.

„אך,“ האט איוואן איליטש געזאגט. „איך פיהל עפּעס בעסער ווען דיא פיס הייגנען מיר ניט ארונטער. זייא נאך אזוי גוט אונד לעג מיר אונטער דאס קישען.“

געראססים האט געפאָלגט. ער האט נאך אמאל אויפגעהויבען זיין הערר'ס פיס אונד אונטערגעלעגט דאס קישען.

איוואן איליטש האט אָבער געפיהלט א מערקווירדיגע בעקוועמליכקייט, בשעת דער מוזשיק האט געהאלטען זיינע פיס. ווען ער האט דיא פיס ארונטער געלאָזען, האט דער שמערץ צוריק געקעהרט.

„געראססים,“ האט ער געזאגט. „האסטו יעטצט פיעל צו טהון?“

„ניין, איך האב גאר ניט וואס צו טהון.“

„וואס דארפסטו נאך היינט טהון?“

„וואס איך דארף נאך טהון? לאמיך זעהן: אה, איך האב שוין גאר ניט וואס צו טהון, אויסער אנהאקען אביסעל האָלץ אויף מאָרגען.“

„דאָ, זייא אזוי גוט, אונד האלט אביסעל מיינע פיס העכער וויא זייא זיינען יעטצט.“

„ערנערט זיך ניט, איוואן איליטש, איך האב נאך נענוג צייט צו נעהען שלאָפען,“ האט דער קראנקער נעפיהלט, אַז עס לעבט נאך ווענינסטענס איין מענש אין דער וועלט, וואס פיהלט זיין שמערץ.

ער איז נעווען פאָלקאָמען גליקליך, ווען דער מוזשיק פלענט זיך פערגעסען אונד זאגען אין א גאַנץ פאמיליארען טאָן: „יא, ווען איהר זאָלט ניט קראנק זיין, וואָלט נעווען גאַנץ אַנדערש. אָבער אַזוי, מוז איך אייך דאָך העלפען.“

נעראססים איז אויך נעווען דער אייגציגער, וואס האט קיינמאל ניט פראָבירט צו בעהאלטען דיא וואהרהייט. מען האט גאַנץ לייכט נעקענט ארויס זעהן, אז דער יונגער מוזשיק האט אלעס פערשטאַנען, אונד ניט אייננעזעהן דיא נויטהווענדיגקייט עפעס צו בעהאלטען אָדער פערדעקען.

ער פלענט מעהרערע מאל אויסדריקען זיין אויפריכטינען מיטלייד צו זיין קראנקען הערר, אונד איינמאל, ווען איוואן איליטש האט איהם נעשיקט שלאָפען, האט ער נעזאגט:

„מיר וועלען אלע מוזען שטארבען, ווארום זאָל איך אלזא פאר אייך ניט יעטצט טהון אלעס מעגליכע?“

ער האט דערמיט נעוואָלט בעהויפטען, אז מען מוז זיך אביסעל מעהר אַנשטרענגען צוליעב א שטערבענדען מענשען, נאכדעם ער אליין, וועט אויך אמאל מוזען שטארבען.

צייטענווייז האט אָבער דאס אלעס זעהר שטארק נעערגערט דעם קראַנקען. ער האט זיך נעפרענט, ווארום ער איז אזוי אונגליקליך, דאס בלויז נעראססים האט אויף איהם רחמנות אונד קיין אנדערער ניט. אין דיעזער בעציהונג, איז ער נעווען וויא א קינד, וואס זוכט צערטליכקייט, אונד ער האט מאנכע מאל נעוויינט פאר פערדרוס.

ער האט נעוואָלט מען זאָל איהם גלעטען, קושען אונד וויינען איבער איהם. ער האט נעוואוסט, אז ער איז איין ערשטע קלאסע ריכטער; ער האט נעביינקט נאך זיין אמט, אָבער ער האט זיך ניט נעקענט העלפען. ווען נעראססים האט איהם נעציינט דיא צערטליכקייט, פלעגט ער מאנכע מאל דענקען:

„מיין גאָט, האב איך דען קיין רעכט צו ערווארטען אויך פון זייא צערטליכקייט? זיא איז דאך מיין פרוי, אונד זייא, מיינע קינדער, מיין בלוט אונד פלייש, וואו איז זייער צערטליכקייט? אונד דיא גאַנצע מחנה פריינדע, וועלכע האבען מיך נעקענט אזוי שמייכלען, וואו זיינען זייא? האב איך ווירקליך אזוי שטארק נעזינדיגט, אז מען מוז מיך פעראכטען?“

„ווארום דארפען זייא מיך נארען?“ פלענט ער זיך פרעגען. „ווייסען זייא דען ניט, אז איך בין א מבין אויף מיר זעלבסט?“

עס האט איהם אוננעהייער געשמערצט זעהענדיג, וויא יעדער וויל פאר איהם בעהאלטען פאקטען איבער זיין קראנקהייט, וואס אלע האבען געוואוסט אונד ער אליין האט גאנץ גוט בעגריפען. עס האט איהם אויך געמארטערט וויסענדיג, אז ער שפיעלט מיט דיא ראָלע אונד מוז איינשטימען אויף דאס וואס מען זאגט איהם.

עס האט איהם בעטריעבט, זיך זעהענדיג אויף דער שוועל פון קבר, ווען ער איז נאך אימער געצוואונגען צו הערען ליענען, זאגען ליענען אונד זעהענדיג דיא גאנצע אומגעבונג מיט פאלשקייטען.

מאנכע מאל האט זיין גאנצער גייסט פראָטעסטירט דאגעגען אונד ער האט געוואָלט אויסשרייען:

„הערט אויף מיט דיא שקרים! איהר ווייסט גאנץ גוט, אז איך האלט ביים שטארבען, אונד איהר ווייסט אויך, אז פאר מיר איז דאס קיין סוד ניט. גענוג ליענען, גענוג! יעטצט, אזוי נאהענט פון דעם טויט, דארף מען זיין ערנסטער.“

אָבער עס האט איהם געפעהלט דיא ענערגיע דאס ארויס צו זאגען. ער האט גאנץ גוט געזעהן, אז זיין לאנגעס קראנק ליענען אונד דער ענדליכער טויט, פער-אורזאכט זיין פאמיליע, ניט קיין ערנערניס, זאָנדערן עפּעס אונאנגענעהמעס, גראדע וויא יעמאנד וואָלט אריין געבראכט אין א שעהנעם זאָלאָן איין אונאנגענעהמען גערוך.

ער האט זיך געזעהן ארום געריננעלט מיט דיא אלע ליגנערישע אונד פאלשע עטיקעטען, וועלכע ער האט פערגעטערט בשעת ער איז געוועזן געזונד. ער האט געזעהן, אז קיינער וויל מיט איהם קיין מיטלייד ניט האבען, אונד ניעמאנד וויל זיך אפילו אינטערעסירען צו בעגרייפען זיין עלענדען צושטאנד. געראססים איז געוועזן דער איינציגער וואס האט איהם פערשטאנען, אונד אויך דער איינציגער וואס האט אויף איהם רחמנות געהאט; אונד דאס איז אויך געוועזן דיא אורזאכע, ווארום איוואן איליטש האט זיך קיינמאל ניט געפיהלט אזוי געטרייסט, וויא צור צייט וואס געראססים איז מיט איהם געוועזן.

ער האט זיך געפיהלט גאנץ גליקליך, ווען דער יונגער מושיק איז געזעסען נעבען איהם א גאנצע נאכט אונד געהאלטען זיינע פיס. אונד ווען ער האט געזאגט:

„וואס ווינשט מיין הערר?" האט ער געפרעגט.

„ברענג מיר מיין אוהר."

פּיאָטער האט גענומען דיא אוהר פון דעם טיש אונד דערלאנגט דעם ליידענדען.

„עס איז שוין האלב 9 אוהר. זיינען זייא שוין אויפגעשטאנען?"

„ניין. וואסילי איוואנאָוויטש (דער זוהן) איז אוועק אין שולע; אונד פּראסקאָוויא פעאָדאָראָוונא האט מיר געהייסען געהן נאך פרעגען וואס איהר טהוט. ווינשט איהר איך זאָל זיא אויפוועקען?"

„ניין, עס לוינט זיך ניט דיא מיה. זאָל זיא שלאָפען."

איוואן איליטש האט געזיפצט, אונד דאן, עטוואס נאכדענקענדיג, האט ער געזאגט:

„ברענג מיר א גלאָז טהעע."

פּיאָטער האט נאָר וואס געוואָלט פערלאזען דאס צימער, ווען איוואן איליטש האט מורא געקריגען צו בלייבען אליין. אָבער וויא אזוי זאָל ער איהם צוריק האלטען נאכדעם וויא ער האט איהם איינמאל געשיקט? איוואן איליטש האט זיך דערמאָהנט אן דער מעדיצין אונד געזאגט:

„פּיאָטער, דערלאנג מיר דיא מעדיצין."

ער האט זיך געטראכט, אז דאס וועט איהם פיעללייכט לייכטער מאכען. ער האט דאן איינגענומען א לעפעל מעדיצין.

„אָבער וואס ניטצט מיר נאך דיא גאנצע צערעמאָניע?" האט ער זיך פּ־וצלינג געפרעגט. „איז עס ניט דום נאך צו האָפען אונד ווארטען? אבער, מיין גאָט, וואס האב איך אזוי געזינדיגט איך זאָל דארפען אזוי ליידען? ווען איך דארף שטארבען, זאָל איך שטארבען, נאָר ווארום מוז איך נאך אזוי פיעל ליידען?"

ער האט אָנגעפאנגען צו קרעכצען אונד פּיאָטער איז צו איהם צו־געגאנגען.

„ניין, ניין," האט ער געזאגט, „געה אוועק אונד ברענג מיר אביסעל טהעע."

פּיאָטער איז ארויס פון דעם צימער, אונד זאָ שנעל וויא איוואן איליטש איז געבליעבען אליין, האט ער ווידער אמאל אָנגעפאנגען צו קרעכצען אונד זיפצען, ניט אזוי דורך זיין שמערץ וויא פון זיינע גייסטיגע ליידען.

„אזוי מארטערט עס מיך," האט ער געמורמעלט. „אָבער ווארום נעהמט עס ניט באלד איין ענדע? באלד? וועה איז מיר, וויא קען מען זיך ענטשליעסען צו

ער האט געוואָלט וויינען, אונד האבען יעמאנדען פאר וועמען ער זאָל זיך קענען אויסדערצעהלען זיין הארץ — נאָר דענקענדיג וויטער, איז ער געבליעבען שטיל, רוהיג אונד בעטראכטענדיג דיא וועלט ארום זיך, האט ער געמורמעלט :

„איין עקעלהאפטע, מיאוס׳ע וועלט !"

9.

אין א גאנץ פריה, האט געראססים פערלאָזען דאס צימער, אונד פיאָטער, דער צוויטער דיענער, האט פערטרעטען זיין פלאטץ. דער לעטצטער האט אויסגעלאָשען דיא ליכט, ארויף געצויגען דיא פאָרהענגע אונד אלעס צוגעראמט אין צימער.

איז דאס געווען פריה־מאָרגען אָדער אבענד ? איז דאס געווען פרייטאג אָדער זונטאג ? איוואן איליטש האט זיך געפרעגט דיעזע פראגען, נאָר ענדליך האט ער זיך געטראכט, אז עס בלייבט זיך גלייך, וויל עס איז קיין חילוק פאר איהם, נאכדעם ער ליידעט אימער. עס איז געווען דערזעלבער שיסענדער אונד שטעכענדער שמערץ, נאָר נאך אביסעל העפטיגער ; ער האט געשפירט וויא דאס לעבען געהט אויס לאנגזאם וויא א ליכט, אונד דערוויל ליידעט ער דיא שוידערהאפטעסטע שמערצען אונד דערנעהנטערט זיך אלץ מעהר צום טויט — צו דער איינציגער ווירקליכקייט ! וואס אלזא האט איהם בעדארפט קימערן מאָרגען, אבענד, פרייטאג, זונטאג — עס איז אימער געווען דאסזעלבע.

„ווינשט איהר צו טרינקען אביסעל טהעע ?" האט פיאָטער געפרעגט.

„ער וויל נאָר אלעס זאָל זיין סיסטעמאטיש," האט ער זיך געטראכט. „אימער מיט דער עטיקעטע ; עס איז וואהרשיינליך פריה־מאָרגען, אונד ער וויל טראקטירען זיין הערן מיט טהעע."

דאן האט ער געענטפערט הויך : „ניין !"

„זאָל איך אייך זעטצען אויף׳ן שטוהל ?" האט פיאָטער וויטער געפרעגט.

„איך פערשטעה," האט איוואן איליטש ווידער געטראכט. „ער וויל אלעס ריכטיג אויפראמען, אונד דאָך, זייענדיג אין בעט, בין איך איהם א שטערונג ; יא, איך בין דער שמוטץ אינד אונאָרדנונג זעלבסט !"

ער האט דאן געענטפערט הויך : „ניין, לאָז מיך דאָ זיין."

פיאָטער האט אביסעל געצעגערט. איוואן איליטש האט אָבער אויסגעשטרעקט דיא האנד אונד פיאָטער איז צוגעגאנגען.

„איך האב אָנגעבראכט א גאנצען דרויסען מיט קעלט," האט ער געזאגט. „עס איז א שרעקליכער פראָסט. איך מוז מיך פריהער אביסעל אָנווארעמען." ער האט זיך דאן ווייטער געריבען דיא הענד אונד עס האט אויסגעזעהן גלייך וויא ער וויל זאגען: „באלד, באלד וועל איך אלעס ברענגען אין אָרדנונג."

„אלזאָ, אונד וויא געהט עס אין אלגעמיינעם?" האט דער דאָקטאָר אונטערדרעסען געפרעגט.

איוואַן איליטש האט פערשטאנען, אז דער דאָקטאָר וויל וויסען וויא ער האט צוגעבראכט דיא לעצטע נאכט אונד אויב דיא מעדיצין האט נאך ניט געמאכט דיא געווינשטע ווירקונג. איוואַן איליטש האט אָנגעקוקט דעם דאָקטאָר אונד זיך געטראכט: „ביז וויא לאנג נאך וועסטו זיין אזוי אונפערשעהמט מיך אלץ צו נארען?"

דער דאָקטאָר האט זיך אָבער ניט גענומען דיא מיה צו ערגרינדען וואס זיין פאציענט דענקט, אונד איוואַן איליטש האט בעמערקט:

„איך קען שוין ניט אויסהאלטען דעם שמערץ. קענט איהר מיר ניט פיעל־לייכט עפּעס געבען דערצו?"

„אזוי זייט איהר אלע קראנקע," האט דער דאָקטאָר געענטפערט. „אונגע־דולד! נאָר אונגעדולדיג! אָבער, פאר אלעמען, ווינש איך אייך פריהער א גוט מאָרגען, אונד דאן וועלען מיר ווייטער רעדען."

זייא האבען זיך געריכט דיא הענד.

דיא פּראָפעסיאָן האט דאן געפאָדערט צו זיין ערנסט. דער דאָקטאָר איז שוין געווען א געניטער מענש אונד ער איז אויך געוואָרען ערנסט. ער האט דאן עקזאמענירט דעם פאציענט, געטאפּט זיין דופק, ארונטער גענומען דעם גראד היטץ אונד זיך צוגעהערט מיט זיין אויער צו דער זייט.

איוואַן איליטש איז געווען איבערציינט, אז דאס אלעס צוזאמען איז נאָר געווען א צערעמאָניע. ער האט אָבער געשוויעגען אונד זיך געלאָזען דער דאָקטאָר זאָל מיט איהם טהון וואס ער וויל. גראדע וויא ער איז איז געוואָהנט געווען אין געריכט־הויז צו לאָזען רעדען איין אדוואָקאט צוויא שטונדען דורכאנאנד, אָבוואָהל ער האט געוואוסט, אז ער וועט זיין בעשלוס אין פּראָצעס שוין ניט מעהר ענדערן. דער דאָקטאָר האט זיך נאך אימער בעשעפטיגט מיט זיינע אינסטרומענטען ארום דעם פּאציענט, ווען עס האט זיך געהערט דאס גערויש פון פראסקאָוויא פעאָ־דאָראָוונא׳ס זיידענעם קלייד פון יענער זייט טהיר, וואו זיא האט אויך אויסגעזידעלט

פערביימען ליכט אויף פינסטערניש, אזא שעהנע וועלט אויף א שוידערהאפטען קבר? ניין, ניין! אלעס אין דער וועלט, נאר ניט דעם טויט!“

ווען פיאטער האט אריין געבראכט דיא טהעע, איז איוואן איליטש געווען אויסער זיך פאר אויפרעגונג, זאָ דאס ער האט א היבשע צייט געקוקט צו פיאטער'ן אָהנע ער זאָל וויסען וואס ער טהוט דארט. דער דיענער האט זיך געשפירט אונרוהיג, אונד דאס האט איוואן איליטש'ן דערמאָהנט וואו ער איז אין דער וועלט.

„אך, דיא טהעע,“ האט ער געזאגט. „גוט, גוט. שטעל אוועק, אונד העלף מיר אָנטהון א ריינעם העמד.“

דאן האט ער זיך אָנגעפאנגען צו וואשען נאך שווערער מיה אונד זיך אָנגע־צווינגען. צום שלוס האט ער זיך אויסגעריבען דיא צייהן, זיך פערקאמט דיא האאר אונד זיך אָנגעקוקט אין שפיעגעל. ער האט זיך דערשראָקען פאר דיא פייכטע האאר וואס האבען זיך געקלעפט צו זיין געזיכט וואס איז געווען געל וויא וואקס.

עס האט אויסגעזעהן, אז דער שמערץ האט איהם אויף א ווײלע אבגעלאזען. ער האט גענומען דיא טהעע, אָבער אזוי שנעל וויא ער האט זיך בענעטצט דיא ליפען, האט ער געשפירט דעם שלעכטען טעם צוריק קעהרען אין זיין מויל.

ניין! ער האט ניט געקענט האבען קיין רוה אויף א גאנצער מינוט; וויא א שטראהל האפנונג האט זיך נאר געוויזען, איז זאָפאָרט ווידער ערשיענען דער פינסטערער וואָלקען פון פערצווייפלונג, אונד ער האט זיך געשפירט אונ־גליקליך.

„ווען מען זאָל מיר נאר א גרויסע פארציע מארפיום געבען, עס זאָל מיך בעטויבען אונד איך זאָל אן אלעמען פערגעסען!“ האט ער זיך געטראכט. „יא, איך וועל בעטען דעם דאָקטאָר ער זאָל דאס מיר געבען. עס איז אונמעגליך איך זאָל קענען אריבער טראגען אזוי פיעל צרות.“

צווייא שטונדען זיינען פאריבער אין דיעזען צושטאנד, ווען יעמאנד האט אָנגעקלונגען. עס איז געווען דער דאָקטאָר. ער איז אריין אין צימער פריש, מונטער אונד פרעהליך, מיט א מיענע וואס האט אויסגעדריקט: „דוא מעגסט זיך שרעקען וויפיעל דוא ווילסט, אָבער אין מיינע הענד ליענט דער שליסעל פון לעבען אונד טויט, אונד איך קען אלעס ווידער גוט מאכען.“

ער האט זיך געריבען דיא הענד אויף אזא ארט, וויא צו ערמונטערן זיין פאציענט.

רעמזועלבען טאָג רופען דעם בעריהמטען פראָפעסאָר, אז ער זאָל איהם עקזאמי-נירען צוזאַמען מיט מיכאיל דאַנילאָוויטש (דער פאַמיליען־ארצט.)

„איך בעט דיך, ענטזאג דאס מיר ניט. טהו עס מיר צוליעב.“ זיא האט געזאגט דיעזע ווערטער מיט א טאָן אויסצודריקען, אז עס וועט שוין אַלעס ווערטה זיין, ווען זיא וועניגסטענס וועט זיך בערוהיגען.

ער האט געשוויעגען אונד געביסען דיא ליפען. ער האט שנעל איבערגע־רעכנעט וואס פאר איין אינטערעסע זיא האט אין איהם, אונד ער איז געקומען צום בעשלוס, אז זיא וויל ער זאָל לעבען, אָבער ניט דערפאַר ווייל זיא איז איהם א פריינד, זאָנדערן ווייל זיא ווייס, אַז זיין שטארבען קען איהר שאדען.

אונגעפעהר אום 12 אוהר, איז ערשיענען דער בעריהמטער פראָפעסאָר. מען האט זיך וויעדער אמאל שטאַרק בעשעפטיגט מיט דיא אינסטרומענטען אונד איין ערנסטע בעראַטהונג האט געפאָלגט; טהיילוויז אין איוואַן איליטש׳עס גע-גענווארט אונד טהיילוויז אין צוויַיטען צימער. דיא מילץ, לעבער, נירען אונד אַנדערע אָרגאַנען זיינען בעשפּראָכען געוואָרען מיט א צוזאַמענמישונג פון פרעמדע ווערטער, איבער וועלכע איוואַן איליטש איז געווען אין צווייפעל אויב זייא געפינען זיך גאַר אין אירגענד וועלכען ווערטערבוך. דאס געשפרעך איז אזוי וויית גע־גאַנגען, דאס דיא וויכטיגסטע פראגע, פון לעבען אונד טויט, וואס האט דעם פאציענט אממייסטען אינטערעסירט, איז גאר פערגעסען געוואָרען. דער רעזולטאט איז ענדליך געווען אימער דער אַלטער, אז דיא מילץ איז אוועק פון איהר פלאַטץ אונד זיא דארף געבראַכט ווערען אין אָרדנונג.

דאס האט שוין איוואַן איליטש פון לאַנג געוואוסט, אָבער ער האט פער־שטאַנען, אז דיא ערצטע וויסען גראדע אזוי ניט וויא מען קען צוריק צו טשעפען א מילץ, וויא ער אליין בעגרייפט עס ניט. דער בעריהמטער פראָפעסאָר האט גע־נומען אבשיעד מיט איין ערנסטע מיענע אָבער פול האָפנונג. אלס ענטפער אויף איוואַן איליטש׳עס נעוואַגטער פראגע, אויב עס גיבט נאך עפּעס האָפנונג, האט ער געזאגט, אז פאָרלויפיג קען ער נאך פאָזיטיוו קיין זאך בעשטימען, אָבער א גע־לעגענהייט געזונד צו ווערען, איז גע ויס פערהאַנדען. אין איוואַן איליטש׳עס אויגען האט זיך אָבגעשפּיעגעלט אזא מיטליידיגער האָפנונגס־בליק, אַז זאָגאַר פראַסקאָוויא האט אָנגעפאַנגען צו וויינען, וועהרענד זיא האט פערלאָזען דאס צימער צו געבען דעם בעריהמטען פראָפעסאָר דעם פדיון פאַר זיין בעזוך.

מיט איינינע מינוטען שפּעטער האט דיא מרה שחורה אונד פערצווייפלונג, וויעדער צוריק געקעהרט צו איוואַן איליטש. אונד דערמיט אויך דער שרעקליכער

פאר עפעס פיאָטער'ן אונד איהם דאַן פאָרגעוואָרפען ווארום ער האט איהר ניט באלד מיטגעטהיילט, אז דער דאָקטאָר איז געקומען.

זיא איז אריין אין צימער, געקושט איהר מאַן, אונד אָנגעפאנגען צו דער־צעהלען, אז זיא איז שוין וואך זייט א היבשער צייט, אונד זיא וואָלט שוין לאנג אריין געקומען, נאָר א מיספערשטענדניס האט זיא צוריק געהאלטען.

איוואן איליטש האט אויפמערקזאם בעטראכט זיין פרוי; אין זיין הערץ האט ער איהר ניט פערגונען איהר קלארעס געזיכט, וויסע הענד, דיקען האלז, גלענצענדע האאר אונד לעבהאפטע אויגען. ער האט זיא געהאסט פון זיין טיעפער זעעלע, אונד יעדע בעריהרונג מיט איהר, האט איהם געעקעלט.

פראסקאָוויא פעאָדאָראָוונא'ס מיינונג איבער איהר מאַן'ס קראנקהייט אונד איהר בענעהמונגען נעגען איהם, האט זיך נאך אימער ניט געוועקסעלט. נראדע וויא דער דאָקטאָר האט געהאט איין מיינונג וויא צו בעהאנדלען זיינע פאציענטען אונד וויא זיך צו בענעהמען נעגען זייא מיט איין ערנסט, אָבוואָהל ער האט דאס ניט געפיהלט. אזוי איז אויך געוועזען מיט איוואן איליטש'עס ווייב נעגען איהר מאַן.

זיא איז געוועזען איבערצייגט, אז איוואן איליטש איז נאָר קראנק דערפאר, ווייל ער וויל קראנק זיין, אָדער ער האט געוואָלט קראנק זיין, אונד יעטצט איז שוין צו שפעט זיך צו העלפען. זיא פלעגט איהם אימער דערפאר מאכען לייכטע פאָרווירפע.

„זעהט איהר, דאָקטאָר,“ האט זיא געזאגט, „דאס אלעס וואס איהר בע־מיהט זיך פאר איהם האט קיין ווערטה. ער בעקימערט זיך אום גאר ניט אונד נעהמט אפילו ניט דיא מעדיצינען וויא מען הייסט איהם. איבערהויפט האט ער זיך לעטצטענס געמאכט א מאָדע, אז ער וויל מען זאָל האלטען זיינע פיס אין דער לופט. וויא געפעלט דאס אייך?“

דאַן האט זיא דערצעהלט וואס ער הייסט געראסימען טהון.

דער דאָקטאָר האט געגעבען א לייכטען אונד פעראכטענדען שמייכעל, גלייך וויא ער וויל זאגען: „וואס קען מען טהון? דיא קראנקע האבען אימער משוגעתן, אונד מען דארף זייא נאכגעבען.“

וויא דער דאָקטאָר איז פערטיג געוואָרען מיט זיין עקזאמינאציאָן, האט ער געקוקט אויף זיין זייגער. דאַן האט פראסקאָוויא פעאָדאָראָוונא ערקלערט פאר איהר מאַן, דאס אויב ער שטימט יא איין אָדער ניט, וועט זיא שיקען נאך אין

דיא פאטערליכע געפיהלע האבען ערוואכט אונד זיין הערץ האט גוט גע־פיהלט. ער האט געענטפערט:

„יא, יא, הייס זייא אריין קומען.“

זיין טאָכטער איז ערשיענען, אָנגעצויגען אין איין אבענד־קלייד; אָבער איהרע נאַקעטע הענד אונד שטארק אויסגעשניטענע ברוסט, האט איהם שרעקליך גענערגערט. זיא ווידער, ליזאנקא, זיין טאָכטער, איז געווען הויך, זעהר שעהן, געזונד אונד שטארק בעשעפטיגט מיט דער אידעע פון איהר קומענדער פערלאָבונג, אָבער אויך אונגעהייער גענערגערט איבער איהר פאטער׳ס קראנקהייט, ליידען אונד קומענדער טויט, וואס שטערט איהר פערגניגען.

פעטרישטשעוו איז געווען אָנגעצויגען אין א שווארצען אנצוג, זיינע האאר פריזירט, זיין האלז ארום געוויקעלט מיט א שנעע־ווייסען קראגען אונד זיין ברוסט פרייא פון דעם שווארצען ראָק אונד בעדעקט מיט דעם קלארען העמד, וועלכעס האט נעבען האלז געטראגען א ווייס־זיידענעם באנד. אין זיין האנד, האט ער גע־האלטען דעם אָפערא הוט. הינטער זייא איז געגאנגען דער יונגער סטודענט, אָנגעצויגען אין א נייער אוניפאָרמע אונד געטראגען האנדשוה. דער אינגעל האט געהאט בלויע קארבען אונטער זיינע אויגען, אונד איוואן איליטש האט פערשטאנען דיא בעדייטונג דערפון. ער האט געוואוסט, אז נאך געראסטימען, האט איזם ריעזעס קינד פערשטאנען אונד מיט איהם געהאט מיטלייד.

זייא האבען זיך אלע אוועק געזעטצט. פריהער זיינען געקומען דיא געוועהנ־ליכע פראגען איבער דער געזונדהייט. דאן איז שטיל געווארען, אונד ליזאנקא האט געפרעגט איהר מוטער, וואו עס געפינט זיך דער אָפערא־שפּאקטיוו. עס איז ענט־שטאנדען דערפון א צאנקערייא. מוטער אונד טאָכטער האבען איינע בעשולדיגט דיא צווייטע, אז זייא האבען ערגעץ אוועק געלעגט דעם אָפערא־שפּאקטיוו אונד זייא געדענקען ניט וואו. עס איז ווירקליך געווען איין אונפאסענדע צייט אונד נאך איין אונפאסענדער פלאטץ פיר אזא שטרייט.

פעטרישטשעוו האט אונטערדעסען געפרעגט איוואן איליטש אויב ער האט שוין געזעהן סארא בערנהארד. אנפאנגס האט דער קראנקער גאר ניט אויסגעזעהן צו פערשטעהן דיא פראגע, נאָר ענדליך האט ער געענטפערט: „ניין! האט איהר ויא שוין געזעהן?“

„יא, איך האב זיא געזעהן שפּיעלען אדריאן לעקאָוורער.“

פראסקאָוויא האט בעהויפטעט, אז סארא בערנהארד איז געווען געטליך אין א געוויסער פּיעסע אונד ליזאנקא האט מיט איהר ניט איינגעשטימט. דאן האט

שמערץ. ער האט ענדליך געפועלט מען זאָל איהם אריין שפריטצען א היבשע פּאָרציע פּאָרפיום, וועלכעס האט איהם בעטויבט.

ווען ער האט זיך דערמינטערט, האט עס שוין אָנגעפאנגען דונקעל צו ווערען אונד מען האט איהם אריין געבראכט זיין מיטאג. ער האט בלויז געקענט פערזוכען א פאאר לעפעל זופּ, אונד דאן האט אָנגעפאנגען א פרישע נאכט.

אום 7 אוהר איז ערשיענען פּראסקאָוויא פּעאָדאָראָוונא אָנגעצויגען אין איהר אבענד קלייד, איהר בוזים שטארק ארויס געדריקט איהר טאליע פעסט איינגע־צוינגען אונד איהר געזיכט אָנגעפּודערט.

זיא האט מיטגעטהיילט איהר מאַן נאך אין דער פריה, אז זיא געהט אבענד אין טהעאטער, וואו סארא בערנהארד שפּיעלט בייא איהר דורכרייזע. נאך מעהר, ער אליין, האט זיא נאך געהייסען נעהמען א גאנצע לאָזשע. ער האט אָבער אן דעם אלעמען פערגעסען, אונד איהר אויסגעפּוטצטער קערפּער האט איהם איבער־ראשט. דעננאך האט ער קיין בעמערקונג געמאכט, אונד דאן האט ער זיך אויף דערמאָהנט, אז ער אליין האט איהר געהייסען געהן, ווייל דאס וועט זיין א שעהנער אונד בעלעהרענדער אונטערהאלט פאר דיא קינדער.

פּראסקאָוויא פּעאָדאָראָוונא, וועלכע האט זיך אביסעל פריהער געשפּירט פּאָלקאָמען צופריעדען, האט פּלוצלינג געפיהלט אין דער געגענווארט פון איהר קראנקען מאַן, וויא א פערברעכער. זיא האט זיך אוועק געזעטצט נעבען איהם אונד געפרעגט נאך זיין געזונדהייט. אָבער איוואן איליטש האט פערשטאנען, אז איהר פראגע איז נאָר געוועזען דערפאר, אום עפּעס צו רעדען, זאָנסט האט זיא זיך ניט בעקימערט. איבריגענס, וואס האט ער איהר געקענט זאגען, ווען דער בע־ריהמטער פּראָפעסאָר וויים אויך ניט פ'על ? דאן האט זיא בעמערקט, אז קיין זאך אין דער וועלט וואָלט זיא בעוואוינגען צו געהן אין טהעאטער, ווען זיא וואָלט ניט שוין גענומען א לאָזשע, אונד דאן איז עס אונמעגליך פאר איהר, אלס מוטער, צו לאָזען איהר טאָכטער אליין געהן מיט פּערעטשעוו'ן, איהר קינפטיגער חתן. זיא וויעדער, האט פּראסקאָוויא וויטער ערקלערט, וואָלט זיך פיעל רוהיגער געפיהלט צו קענען זיטצען נעבען איהר מאַן. זיא האט איהם אונטערדעסען געבעטען, ער זאָל פּינקטליך בעפאָלגען דיא אויפטרעגע פון דעם ארצט, ווייל דאס איז איהם לטובה.

„אך! פּעטריטשעוו האט געוואָלט אריין געהן מיט מיר,“ האט זיא געזאגט „מעג ער אריין קומען מיט ליזאנקא'ן ?“

10.

ווען עס איז געוואָרען שפּעט אין דער נאכט, איז זיין ווייב ערשיענען אויף דיא שפּיטץ פינגער. ער האט אלעס געהערט. ער האט געעפענט זיינע אויגען אונד וויא אויך באלד פערמאכט. זיא האט געוואָלט אוועק שיקען געראססימען אונד זיך אוועק זעטצען אויף זיין פּלאַטץ.

איוואַן איליטש האט נאך אמאל געעפענט זיינע אויגען אונד געמור־מעלט:

„ניין. דוא קענסט געהן שלאָפען."

„האסטו גרויסע שמערצען?"

„וואס מיינסטו דערמיט?"

„דוא זאָלסט נעהמען אביסעל אָפּיום."

דערצו האט ער איינגעשטימט אונד גענומען אביסעל אָפּיום. דאַן איז זיא ארויס פון דעם צימער.

ער איז פערבליעבען אין א האלב אונבעוואוסטען צושטאנד ביז 3 אוהר פאר־טאָג. עס האט זיך איהם געחלום׳ט, דאס יעמאנד שטופּט איהם מיט געוואלט אין א טיעפען, פינסטערן, ענגען זאק, אונד אָבוואָהל מען האט איהם שטארק גע־דריקט, האט ער דאָך ניט געקענט אריין. יעדער דריק האט איהם שרעקליך וועה געטהאָן. ער האט זיך דערשראָקען, געוואָלט קעמפּפען דאגעגען, אָבער ער האט ניט געקענט. דאַן האט זיך איהם געדאכט, אז ער האט זיך אויסגעריסען אונד איז ארונטער געפאלען. זיין בעוואוסטזיין האט צוריק געקעהרט. געראססים איז נאך אימער געשטאנען נעבען זיינע פיס, שלעפעריג, אָבער רוהיג אונד גע־דולדיג.

איוואַן איליטש איז געבליעבען ליעגען מיט זיינע אויסגעמאָגערטע פיס אויף דעם מוזשיק׳ס שולטערן. דאסזעלבע ליכט מיט דעמזעלבען שאטען האבען זיך געזעהן, אונד דער שמערץ האט ניט אויפגעהערט.

„קענסט געהן רוהען, געראססים," האט איוואַן איליטש געזאגט.

„עס שאדעט ניט, איך קען בלייבען."

„ניין; פערלאָז מיך."

ער האט ארונטער גענומען זיינע פיס, זיך אומגעקעהרט אויף א זייט לינענדיג אויף זיין האנד אונד ער האט זיך זעלבסט בעמיטליידעט.

אַנגעפאַנגען א געשפּרעך איבער דאס שעהנע אונד נאַטירליכע שפּיעלען פון דער קינסטלערין, וועלכעס איז דאס אַלטענ.יכע געשפּרעך, אונפערענדערט, איבער סאַראַ בערנאַהרד.

וועהרענד דעם, האט פּעטריטשעוו א בּליק געטהאָן אויף איוואַן איליטש אונד איז געבליעבען שטיל. דיא אַנדערע האבען אויך דאסזעלבּע געטהאָן. איוואַן איליטש'עס אויגען האבען אויסגעזעהן וויא פערלאָפען מיט בלוט אונד ווילד ; ער איז געוועזן זעהר אויפגערעגט. זייא האבען זיך געוואָלט ענטשולדיגען פאר זייער שלעכטער בּענעהמונג אין זיין געגענווארט, אָבער עס איז שוין געוועזן צו שפּעט.

אָבוואָהל עס איז נעטהיג געוועזן צו אונטערברעכען דיא אונאַנגענעהמע שטילקייט, האט עס אָבער דאָך קיינער ניט געוואָגט צו טהון. עס האט אָבער ניט פיעל געדויערט, אונד ליזאַנקא'ס אוננעדולד האט שרעקליך געשטיעגען. אָהנע זיך צו בעקימערן אום איהר אייגענער עקעלהאפטער בענעהמונג אונד אום איהר ליידענדען פאטער, האט זיא פּלוצלינג געזאגט.

„ווען מיר האבען צו געהן, דאַן זאָלען מיר געהן !“ דערבייא האט זיא ארויס גענומען איהר אוהר צו זעהן וויא שפּעט עס איז. מיט א בליק פון איהרע פונקלענדע אויגען אונד א שמייכעל אויף איהרע ליפּען, האט זיא אנגעציינט פּעטריטשעוו'ן, אז ער זאָל זיך אויפהויבּען. זיא האט זיך אונטערדעסען אויך שנעל אויפגעהויבען אונד איהר קלייד האט גערוישט.

אַלע אַנדערע זיינען אויפגעשטאַנען, געוואונשען א שנעלען „אַדיע“ אונד פערלאָזען דאס צימער.

איוואַן איליטש האט זיך געפיהלט אַביסעל בעסער ווען זייא זיינען אוועק, דעננאָך איז דער שמערץ אין דער זייט צוריק געבליעבען ; דערזעלבער שמערץ אונד דיעזעלבּע שרעק ; קיין זאַך האט דאס שוין געקענט צוריק האַלטען, אונד ער האט זיך געמערקט, אז דיא קראַנקהייט האלט אין שטייגען.

דאַן זיינען פּאָראיבער נאָך שטונדען מיט אונ־אונטערבראָכענעם שמערץ אונד דיא שרעק פאַר'ן טויט האט אלץ מעהר געוואַקסען.

„שיק מיר אַהער געראַססימען,“ האט ער געזאגט צו פּיאָטער'ן.

פלוצלינג האט דיא נעהיימניספאָלע שטימע ווידער געפרענט:

„לעבען! ווילסט לעבען? ווילסטו ווידער זיטצען אויף דיין ריכטער־שטוהל אונד הערען דעם געריכטס־דיענער אויסשרייען: דער פּראָצעס פאנגט אָן?“

„דער פּראָצעס פאנגט אָן!“ האט איוואַן איליטש געדענקט. „יא, ער פאנגט אָן, אונד איך בין יעטצט דער אנגעקלאגטער, ניט דער ריכטער. אָבער איך בין ניט שולדיג! ניין! ניין! איך בין אונשולדיג! ווארום זאָל איך זיין שולדיג? וואס האב איך געטהאָן?“

ער האט זיך אומגעווענדעט, דיא טרערען האבען זיך אויסגעטריקענט, אונד ער האט זיך געפרעגט:

„פון וואנען קומען אלע דיעזע שרעקליכע געדאנקען, פון וואנען?“

11.

נאך אנדערע 14 טעג זיינען פאָראיבער. איוואַן איליטש האט ניט פערלאָזען דיא סאָפּא אונד ניט געוואָלט זיך לעגען אין בעט. מיט זיין געזיכט אומגעווענדעט בעשטענדיג צו דער וואנט, האט ער אויפגעהערט צו שטודירען זיין צושטאנד אונד איבערדענקען זיין פערגאנגענהייט.

„וואס איז דאס?“ האט ער זיך געפרענט. „איז עס ווירקליך דער טויט?“

„דיא געהיימניספאָלע שטימע האט ווידער געענטפערט:

„יא, יא, דאס איז דער טויט!“

„אָבער ווארום דארף איך אזוי פיעל ליידען?“

„עס גיבט קיין גוטע אורזאכע דאפיר. ווייל —“

קיין אנדערער ענטפער איז ניט געקומען.

זייט איוואַן איליטש איז קראנק געווארען אונד צום ערשטען מאל בעזוכט דעם דאָקטאָר, האט ער געלעבט צווישען פערצווייפלונג אונד האָפנונג; מאנכעס מאל האט ער געזעהן פאר זיך א שוידערהאפטע צוקונפט, פינסטערניש אונד טויט; אונד דאן, ווידער האָפענדיג, האט ער אָנגעפאנגען צו שטודירען זיין קערפּער אונד דיא אָרגאַנען.

מאנכעס מאל האט ער זיך פאָרגעשטעלט, אז דיא מילץ איז אָבגעטהיילט אביסעל פון איהר געהעריגען פלאטץ אונד דיא אנדערע אָרגאנען האבען אָנגע־פאנגע צו ארבייטען פיר דער מילץ, אונד דאן איז פאר איהם ווידער

אלס נעראָסים איז ארויס פון צימער, האט ער אָנגעפאנגען צו וויינען וויא א קינד. ער האט געקלאגט איבער זיין טרויעריגען צושטאנד, אויף זיין שרעקליכער איינזאמקייט אונד געגען גאָט.

„אָה, גאָט! ווארום מארטערסט דוא מיך אזוי?"

ער האט קיין ענטפער ערווארטעט, ווייל ער האט געוואוסט אז ער וועט ניט קריעגען. דער שמערץ איז געוואָרען ערנסטער, נאָר ער האט קיינעם ניט גערופען. דאן האט ער געמורמעלט צו זיך זעלבסט:

„וואס האב איך געזינדיגט? ווארום מוז איך אזוי פיעל ליידען?"

ער איז דאן שטיל געווארען, אונד עס האט זיך איהם געדאכט, אז יעמאנד פרעגט איהם:

„וואס דען ווילסטו?"

„וואס איך וויל? מיין גאָט! איך וויל מעהר ניט ליידען אונד לעבען!"

ער האט ווידער געדענקט: „לעבען? וויא זאָל איך לעבען? יא, אזוי לעבען וויא איך האב געלעבט: געניסען גליק אונד הנאה האבען פון דער וועלט."

דאן האט זיך איהם ווידער געדאכט, אז יעמאנד פרעגט איהם:

„האסטו דען ביז יעטצט געלעבט? האסטו ווירקליך גענאָסען גליק אונד הנאה געהאט פון דער וועלט?"

דיא פראגע האט איהם שטארק פעראינטערעסירט, אונד וויא פערגעסענדיג אן דעם שמערץ, האט ער אָנגעפאנגען נאך אמאל איבערצוקוקען זיין לעבען, אנאַליזירען זיינע זאָנטנאנטע גליקליכע מאָמענטען, אונד עפעס נייע געפיהלע, נייע געדאנקען, זיינען ענטדעקט געווארען. ער האט געשווידערט.

זיין פערגאנגענהייט איז ערשיענען וויא א פאָטאָגראפיטעס ביכל פאר איהם, וואו ער האט געזעהן פאלשע בילדונג אין שולע, פאלשע ליעבע אלס יונגער מאן, פאלשע אנזיכטען אין דער הייראטה, אונד — אלעס האט איהם אויסגעזעהן וויא א שווידערהאפטער אונד שרעקליכער חלום!"

„איז דאס לעבען ווירקליך אזוי ווערטהלאָז?" האט ער זיך געפרעגט. „אָדער איז נאָר מיין לעבען אזוי געוועזען? ווארום האב איך ניט אלעס פריהער ארויס געזעהן? איז דאס מעגליך, אז איך האב ניט אָבגעפיהרט מיין וועלט וויא עס בעדארף צו זיין? וואס האב איך דען געקענט אנדערש טהון? האב איך ניט אָבגעהיט מיינע פליכטען? האט ניט יעדער מיך געהאלטען פאר א פיינעם מענשען? אונד דאך זעהט מיר אלעס אויס אזוי געמיין אונד ניעדריג!"

געלד אונד דאָך האט זיא זיך ניט גוט געטראגען. ער האט זיך עראינערט, דאס ער האט שוין אמאל געהאט א געשפּרעך איבער לעדער — אה! ווען ער איז נאָך געוועזן א קינד; ווען ער האט צוריסען זיין פאטער׳ס לעדערנעס טאשענבוך אונד מען האט איהם דערפאר געשלאגען. דאן האט איהם זיין מאמא געגעבען צוקער־געבעק ער זאָל אויפהערען צו וויינען.

ווידער אלס קינד! וואוהין ער האט זיך געווענדעט, איז דיא קינדהייט פאר איהם דייטליכער ערשיענען.

„עס איז וואהרשיינליך דיא איינציגע ווירקליכקייט בייא מיר," האט ער זיך געטראכט, „אויסער דער אידעע פון דעם טויט. דער מיטעלער טהייל אין מיין לעבען, צווישען דיא קינדהייט אונד דער טויט, האט גאר ניט ווערטה געהאט אונד דעריפאר זעהט עס מיר נאָר אויס וויא א פוסטער חלום."

ער האט אלעס מעגליכע אָנגעווענדעט צו דענקען איבער עפּעס אנדערש וויא דיא קינדהייט אונד דער טויט, אָבער ער האט ניט געקענט אָבטרייבען דיעזע געדאנקען.

דאן האט ער אָנגעפאנגען צו דענקען איבער זיין קראנקהייט אונד פערגלייכען מיט צייטען, ווען ער האט ניט געליטען.

„ניט געליטען?" האט ער זיך געפרעגט. „איך האב אימער געליטען, נאָר איך בין געוועזן בעטויבט אונד ניט געפיהלט. דיא איינציגע צייט פון גליק, איז געוועזן דיא קינד..."

ער האט ניט געוואנט אויסדענקען דאס גאנצע וואָרט „קינדהייט."

דאן איז געקומען דיא אידעע פון דעם טויט.

„עס איז געוועזן א צייט," האט ער זיך געטראכט, „אין אנפאנג, דאס איך זאָל מיך רעטען. דאמאלס איז נאָך געוועזן א שטראהל פון האָפנונג איך זאָל לעבען, נאָר יעטצט איז אלעס פערשוואונדען. עס ווערט יעדעס מאל דונקלער, פינסטערער, אונד באלד וועט אלעס זיין פינסטער אויף אימער אונד אייביג. דאס איז דער טויט!"

עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער זיטצט אויף דיא פליעגלען פון דער צייט, אונד ער פליהט, שוועבט אונד יאָגט אהין וואו מען פאלט ארונטער אלץ טיעפער אונד טיעפער, אין אָבגרונד, וואו עס ווערט שטיל אום ניעמאלס מעהר אויפצו־וואכען.

ער האט אויפגעציטערט אונד געשווירערט. עס האט איהם אויסגעזעהן, אז

ערשיענען דיא שרעק פון דעם געהיימניספאָלען טויט, פון א קבר, מארטערנים, אונד...

דיעזער ארט געדאנקען, האבען אנפאנגס אבוועקסלענד בעשעפטיגט זיין געהירן. אָבער נאכדעם וויא זיין קראנקהייט האט פאָרגעשריטען, האט דער טויט, דיא אידעע פון אויפהערען צו לעבען, פערטרעטען א גרעסערן פלאטץ אין זיינע געדאנקען. דיא שפורען פון האָפנונג האבען אָנגעפאנגען אלץ מעהר אונד מעהר פערווישט צו ווערען, אונד ער האט זיך אלץ געזעהן נעהנטער צו דער ווירקליכ־קייט, צו דער איינציגער ווירקליכקייט — טויט!

וועהרענד דער לעטצטער צייט פון זיין קראנקהייט, האט איוואן איליטש געלעבט אין דער גרעסטער איינזאמקייט. מיט זיין געזיכט צו דער וואנט, האט ער פערגעסען אן זיין פאמיליע, פריינדע אונד דיא גאנצע עקזיסטירענדע וועלט. ער האט נאָר פאר זיך געזעהן דיא פערגאנגענהייט, וועלכע איז איהם ערשיענען וויא א גרויסעס, לעערעס אונד וויסטעס פעלד, וואו ער האט שפאצירט, אונד ער האט זיך געפרעגט, אויב אויף אזא וועלט הייסט לעבען — געלעבט.

וויא דיא שטראהלען אונד שאטענס פון א בעוועגענדען שפיעגעל זיינען פאר איהם ערשיענען דיא בילדער פון זיין פערגאנגענהייט: אָט האט ער זיך געזעהן אלס קינד, באלד וויעדער אלס פאטער, אלס סטודענט, אלס ריכטער, אלס קינדער-קאמעראד אונד אלס מאן פון געזעלשאפט. ער האט מייסטענטהיילס ביטער געשמייכעלט אויף דיעזער פערגאנגענהייט.

אין א טאג האט מען איהם געבראכט געסאָכטע פלוימען צום עסען. ער האט זייא אָנגעקוקט אונד זיך דערמאָהנט אן דיא פלוימען, וועלכע ער האט זעהר געליעבט אלס קינד. עס האט זיך איהם געדאכט, אז דער שלעכטער טעם פון זיין מויל איז פערשוואונדען אונד דער קינדישער אפעטיט איז ערשיענען, ווען ער, צו־זאמען מיט זיינע חברים, ברידער אונד שוועסטער, האבען געקלעטערט אויף דיא בוימער, אונד —

„ניין, ניין!“ האט ער געמורמעלט, „איך טאָר ניט דענקען דאריבער, ווייל דאס איז געוועזען דיא איינציגע גליקליכע צייט אין מיין לעבען, אונד איין ערינערונג אן דעם, שמערצט מיך צופיעל.“

זיינע געדאנקען האבען זיך אומגעווענדעט צו דער געגענוואַרט. דער גרויסער קנאָפּ אויף דער לעדערנער סאָפא, אויף וועלכער ער איז געלעגען, האט איהם פעראינטערעסירט. ער האט זיך דערמאָהנט, אז דיא לעדער האט געטאסט א סך

„אום גאָטעס ווילען!“ האט ער אויסגעהויכט מיט א הערצרייסענדער שטימע. „לאָמיך שטארבען צופריעדען! שניידט ניט פון מיר קיין שטיקער נאך יעמצט!“

זיא האט זיך דערמאָהנט, אז זיא איז איהם געקומען אנזאגען דיא בשורה פון זיין טאָכטער'ס פערלאָבונג, אָבער זיינע ווערטער האבען זיא אזוי אויפגערעגט, דאס ווען זיא וואָלט אפילו געוואוסט, אז ער וועט שטארבען אונד ניט הערען פון זיין טאָכטער'ס גליק, וואָלט זיא אויך מעהר ניט דאָרט געבליעבען.

פראסקאָוויא פעאָדאָראָוונא האט אויך געהאסט איהר מאן. ווארום, האט זיא פיעללייכט זעלבסט זיך ניט געקענט גענוי ערקלערען, אָבער זיינע ליידען האבען אויף איהר ניט געמאכט קיין שטארקען איינדרוק.

זיא האט נאָר וואס געוואָלט פערלאָזען דאס צימער, ווען דיא טהיר האט זיך געעפענט פון דער אנדערער זייט אונד ליזאנקא איז ערשיענען צו ווינשען איהר פאטער „גוט מאָרגען.“

דער ליידענדער האט זיין טאָכטער צוגעוואָרפען אויף דעמזעלבען בליק וויא איהר מוטער. אלס זיא האט איהם געפרעגט וויא עס געהט איהם, האט ער גע־ענטפערט:

„עס געהט מיר אויף אזוי פיעל גוט, אז דוא וועסט שוין ניט האבען פיעל צו ליידען; באלד וועסטו פון מיר פטור ווערען.“

פראסקאָוויא איז פערבליעבען נאך א פאאר מינוטען צוליעב איהר טאָכ־טער. ביידע האבען אונטערדעסען געשוויעגען אונד געשטאנען פון ווייטען. דאן האבען זייא זיך אומגעווענדעט אונד פערלאָזען דאס צימער.

„וואס זיינען מיר שולדיג?“ האט ליזאנקא געזאגט צו איהר מוטער. „גלייך וויא מיר וואָלטען איהם קראנק געמאכט! עס טהוט מיר זעהר לייד אום מיין פאפא, אָבער ווארום מארטערט ער אונז אזוי?“

דער דאָקטאָר איז געקומען פינקטליך צו דער בעשטימטער שטונדע.

איוואן איליטש האט איהם אנפאנגס געענטפערט אין קורצע ווערטער אויף אלעמען וואס ער האט געפרעגט, אונד זיך צוריק געהאלטען מיט אלע זיינע כוחות אום אויסצודריקען זיין האס, אָדער, בעסער געזאגט, זיין עהרליכע מיינונג. אלס דער דאָקטאָר האט איהם אָבער געדרונגען מיט פראגען, האט ער אויס־גערופען:

„וואס פרעגט איהר! אום גאָטעס ווילען, וואס ווילט איהר האבען פון מיר?

ער וויל קעמפּפען דאנעגען, אָבער ער האט זיך באלד דערמאָהנט, אז דיא מיה איז אומזאָנסט אונד ער מוז זיך אונטערגעבען.

ער האט געבליקט מיט זיינע אויגען אויף איין פּלאַטץ, אונד עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער זעהט ערשיינען א סקעלעט, פון זיין מויל האבען זיך ארויס געזעהן דיא בּרייטע אונד נאַקעטע צייהן, אונד א שטימע האט וויא געמורמעלט: „דאס איז דער טויט!"

איוואן איליטש איז געבליעבען ליעגען גאַנץ היל פּלאָז אויף איינינע אויגענ־בליקען, נאָר דער שרעקליכער שמערץ האט איהם צו זיין בעזינונג געבראכט.

„יא," האט ער זיך געטראכט, „איך האב אָבגעלעבט א וועלט ניט וויא מען בּעדארף. אָבער וויא האב איך געקענט אנדערש טהון? דאס אלעס איז אונ־פּערשטענדליך. דאס גאנצע לעבען איז א געהיימניס. אָבער ווארום גראדע מוז איך ליידען? אך, דיעזע מארטערניסע, זיינען אונערטרעגליך!"

12.

נאך פּערצעהן טעג זיינען פאָראיבער אין דיעזען טרויערינען צושטאנד. וועהרענד דיעזער צייט, איז דיא האָפנונג פון איוואן איליטש אונד זיין ווייב ערפילט געוואָרען.

אין איין אבענד האט פּעטריטשעוו פערלאנגט ליזאנקא'ס האנד אום מיט איהר צו הייראטהען. אויף'ן צווייטען מאָרגען, איז פּראסקאָוויא פּעאָדאָראָוונא אריין אין איהר מאַן'ס צימער, פריהער נאכדענקענדיג אין וואס פאר איין ארט זיא זאָל איהם אנזאגען דיא בשורה. פּראסקאָוויא פּעאָדאָראָוונא האט געוואוסט, אז יעטצטע נאכט, פיעללייכט ווען איהר טאָכטער'ס הערץ האט געטאנצט מיט דער פרייד פון ליעבע, האט זיך איהר מאַן'ס צושטאנד שטארק געערגערט. ווען זיא איז יעטצט אריין אין זיין צימער, האט זיא איהם געטראָפען גאנץ אנדערש ליעגענדיג וויא עס איז איהר בעקאנט געוועזן פון פריהער. דער אונגליקליכער איז געלעגען אויף זיין רוקען, קרעכצענדיג וויא א ניט־דערקווילעטער אָקס אונד זיינע אויגען האבען געבליקט אין איין ריכטונג, אָהנע זיך צו בעוועגען.

ווען זיא האט אָנגעפאנגען צו רעדען פון נייע רפואות, האט ער פּלוצלינג אבּגעווענדעט זיינע אויגען צו איהר אונד זיא האט דאָרט געלעזען אזוי פיעל האס אונד פּעראכטונג, דאס זיא האט ניט נאָר געשוויגען, זאָנדערן זיא האט אויך גע־שוידערט.

ער האט אויפגעציטערט.

„אין דיעזען פאל,“ האט ער ווייטער געדענקט, „מוז איך פערלאזען דיא וועלט מיט בעוואוסטזיין, אז איך האב ניט ערפילט מיינע פליכטען אלס מענש אונד איך האב בלויז אָבגעלעבט מיין וועלט אין דומהייט, געמיינהייט, בעטרוג, שווינדעל אונד ליעגען. וואס קען איך טהון?“

ער האט זיך געלעגט אויף זיין רוקען אונד ווידער אמאל איבערגעדענקט זיין גאנצעס לעבען.

אין דער פריה, ווען ער האט געזעהן פיאָטער'ן, דאן זיין פרוי, טאָכטער אונד דאָקטאָר, זייערע בענעהמונגען אונד טאָן פון זייער שפראכע, האט ער זיך נאך מעהר איבערציינגט איבער דער שרעקליכער וואהרהייט פון וועלכער ער האט אזוי פיעל געדענקט לעטצטע נאכט.

ער האט אין זייא געזעהן א שפיעגעל פון וועלכען עס האט זיך אָבגעשפיעגעלט זיין גאנצע פערגאנגענהייט, פון לוג, בעטרוג אונד שווינדעל.

„אה,“ האט ער זיך געטראכט. „עס איז שוין אלץ קיין וואונדער ניט, וויא אזוי דיא גרויסע וואהרהייט פון דעם טויט, קען זיך פערבאָרגען אונטער אזא דיקען פאָרהאנג פון שקר — א גאנצעס לעבען פון געמיינע, ניעדריגע אונד אונפער־שעהמטע ליעגען!“

דיעזע אידעען האבען נאך פיעל מעהר פערגרעסערט זיינע קערפערליכע ליידען. ער האט געקרעכצט, זיך געוואָרפען אונד געריסען דיא קליידער פון זיך; אלעס האט אויסגעזעהן איהם צו דריקען אונד שטיקען. זיין ווייב איז ערשיענען אקוראט דאמאלס ווען ער איז געווען אין אזא צושטאנד.

א גרויסע פאָרציע אָפּיום, האט איהם אונטערדעסען בערוהיגט, דאס הייסט, אוועק גערויבט דאס געפיהל פון שמערצען אונד איהם געמאכט אָהנמעכטיג. אום מיטאג־צייט, האט אָבער דיא קריזיס צוריק געקעהרט. ער האט געהייסען יעדער זאָל ארויס געהן פון צימער אונד ער איז געווען שטארק פערצווייפעלט.

פראסקאָוויא האט אָבער געפיהלט, אז איהר פליכט איז, זיא זאָל בלייבען נעבען איהם. וואס וועט דיא וועלט זאגען? זיא איז צוריק אריין געקומען אין צימער אונד געזאגט:

„מיין טהייערער איוואן, איך בעט דיך, טהו עפעס צוליעב מיר,“ (צוליעב איהר, געוויס!) „עס וועט דיר חלילה גאר ניט שאדען; עס וועט דיך בלעבען בערוהיגען. וואס דאס איז? א דומהייט, א נארישקייט; געזונדע מענשען געהמען דאס אויך.“

איהר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז איהר קענט מיר ניט העלפען. דאַן לאָזט מיך צופריעדען, פּלאָגט מיך ניט!"

„איך קען פערלייכטערן אייער שמערץ," האָט דער דאָקטאָר געענטפערט מיט א טאָן, וועלכער האָט געצייגט אַ אונפערשעהמטהייט, אַ אַ געוואָהנהייט צו הערען סאַי וואָס פון אַ פּאַציענט.

„עס איז ליעגען! איהר קענט דאָס אויך ניט טהון. לאָזט מיך, איך בעט אייך, לאָזט מיך רוהיגער שטאַרבען."

דער דאָקטאָר איז אַריין געגאַנגען אין זאַלאָן, אום מיטצוטהיילען פּראַסקאָוויא פעאָדאָראָווגא, אַז דער צושטאַנד פון איהר מאַן האָט זיך געערגערט, אונד פאָרלויפיג גיבט עס נאָר איין רפואה — אָפּיום — צו פערלייכטערן זיין שמערץ, וועלכער איז שוין ווירקליך געוועזען אונערטרעגליך.

דער דאָקטאָר האָט רעכט געהאַט, ווען ער האָט בעצייכענט איוואַן איליטש'עס שמערץ אַלס אונערטרעגליך. אָבער האָט דער דאָקטאָר געקענט האָבען אַ בעגריף וויא אונערטרעגליך דער שמערץ איז ווירקליך געוועזען? אָט דאָ ליעגט דער הונד בעגראַבען. דיא הערצען ערצטע קענען זיך נאָר מערקען.

איוואַן איליטש האָט שוין געקענט ליידען; ער האָט זיך דערצו שוין געוואָהנט, נאָר זיין שלעכטע שטימונג איז ענטשטאַנדען פון לעטצטער נאַכט ווען ער האָט געבליקט צו געראַססים'ס גוטעס געזיכט, שלעפעריגע אויגען אונד מעכטיגע קערפּער־געביידע.

„וואָס ווערט פון מיר ווערען?" האָט ער זיך געפרעגט. „לאָמיר אָננעהמען, אַז מיין לעבען איז ניט געפיהרט געוואָרען וויא עס האָט בעדאַרפט צו זיין — ווער איז דאַפיר פעראַנטוואָרטליך?"

דיא אידעע, אַז ער האָט ניט ריכטיג געלעבט, האָט זיך געדרונגען מיט געוואַלט אין זיין געהירן. ער האָט בעטראַכטעט זיין גאַנצעס לעבען, זיין יוגענד, זיין הייראַטה, זיין קאַריערע אַלס ריכטער אונד מיטגליעד אין געזעלשאַפט — אַלעס, אַלעס, איז פאַר איהם ערשיענען פאַלש, ליעגען אונד שווינדעל.

ער האָט פּראָבירט זיך צו פערטהיידיגען, זיך צו גערעכטפערטיגען, אָבער זיינע אַרגומענטען זיינען געוועזען צו שוואַך דאַפיר.

„עס גיבט קיין פערטהיידיגונג!" האָט ער זיך געטראַכט. „אַ מענש מוז אונד זאָל זיין אַ מענש! איך בין עס ניט געוועזען אונד זוך נאָך מיך צו פערטהיידיגען!"

איהר שטימע האט איהם אונטערדעסען אויפגערעגט; ער האט ענטדעקט אין דעם טאָן דיא פאלשקייט, דעם ליעגען אונד ער האט געגבען א גרויסען זיפץ.

„אויך דאס איז א ליעגען!“ האט ער אויסגעשריען הויך. „אלעס איז ליעגען אונד שווינדעל! דער גלח מיינט, אז ער קען אָבנארען דעם טויט; ער וויל דאס מיר איינרעדען; זייא אלע ווילען מיר איינרעדען — אָבער עס איז ליעגען! ליעגען! דער טויט טהוט זיין ארבייט אונד קימערט זיך ניט אום דיא שקרים!“

ער האט דערשפירט, אז עטוואס מערקווירדיגעס, נייעס, שוידערהאפטעס אונד שרעקליכעס געהט פאָר אין איהם. עס האט זיך איהם געדאכט, אז יעמאַנד לעבערט איהם מיט איין ענבויער, דורך זיין זייט, קישקעס אונד לייב! ער האט נאך קוים געקענט אטהעמען.

ווען ער האט געענטפערט „יא“ אויף זיין ווייב'ס פראגע, איז זיין געזיכט שווארץ געוואָרען אונד אָנגענומען א שרעקליכע מיענע. ער האט אונווילענדיג גע־עפענט זיינע אויגען אונד ערבליקט זיין ווייב'ס געזיכט.

„געה, געה! אוועק פון מיר! לאָז מיך!“ האט ער געמורמעלט וויא א שטערבענדער זיינע לעטצטע מאָמענטען.

פון יענער סעקונדע אן, האבען אָנגעפאנגען דיא געשרייען, וועלכע האבען ניט אויפגעהערט דרייא טעג דורכאנאנד; זייא זיינען געוועזען אזעלכע שרעקליכע גע־שרייען, דאס ווען יעמאנד האט זייא געהערט אפילו מיט צווייא טהירען ווייטער, האט ער אויך געשוידערט.

ער האט זיך שוין מעהר ניט געוואָלט לאָזען נארען, אונד עס האט איהם פערדראָסען אויף זיך זעלבסט, ווארום ער האט ערלויבט דיא גאנצע אונניטצליכע צערעמאָניע. ער האט געפיהלט דעם טויט זיך דערנעהנטערן יעדעס מאל מעהר, אונד ער האט שוין מעהר ניט געהאָפט. דיא פראגע פון דעם לעבען, דאס רע־טעניש פון דעם לעבען, האט ער אָבער אונטערדעסען נאך ניט געהאט אויפגעלעזט.

ער האט געשריען:

„נע באָטשו!“ (איך וויל ניט!) אונד דער געשרייא האט זיך אויסגעצויגען בייא דער לעטצטער זילבע: „אראראו!“

דרייא טעג האט דאס אָנגעהאלטען. ער האט זיך, וויא מען זאגט, גע־ראנגעלט מיט'ן טויט, אונד עס האט זיך איהם געדאכט, אז מען שלעפט איהם אריין אין א שווארצען זאק.

ער האט נעעפענט זיינע אויגען אונד זיא אָנגעקוקט.

„וואס מיינסטו?“ האט ער געפרעגט. „וידוי זאגען? זיך לאָזען בעד שפּריצען פון דעם גלח? הא, איך פערשטעה. דוא זאָרגסט זיך פאר מיין נשמה. אָבער דאס קען מיר גאר ניט העלפען! איך וויל ניט! ניין, ניין! אָבער דאך —“

זיא האט אָנגעהויבען צו וויינען.

„יא, מיין טהייערער, איך וועל שיקען ברענגען דעם גייסטליכען. ער איז זעהר א ליעבער מענש.“

„זעהר אַנגענעהם! זאָל זיין אזוי!“ האט ער געענטפערט גראדע וויא א מענש וואס רעדט פון א חלום.

„ווייסט ניט,“ האט פּראסקאָוויא ווייטער געזאגט, „אז פיעלע מענשען וואס האבען שוין געהאלטען בייא דער גסיסה, ניט דאָ געדאכט, זיינען נאך דעם געזונד געוואָרען?“

ער האט אָבער צוגעוואָרפען איין אונגלויבליכען בליק.

דער גלח איז ערשיענען אונד געמאכט זיין צערעמאָניע.

דאס רעליגיעזע געפיהל האט אביסעל בערוהיגט דעם קראנקען אונד דיא שמערצען האבען אויפגעהערט. איוואן איליטש האט אָנגעפאנגען צו האָפען.

„פיעללייכט? ווער ווייס? אפשר איז דאס טאקי דאך עפּעס?“ האט ער געדענקט.

דער גייסטליכער האט פּאָרטגעזעטצט דיא גרויסע גריכיש־קאטאָלישע צערע־מאָניע, וויא מען איז זיך נוהג בייא א שטערבענדען. איוואן איליטש איז געריהרט געוואָרען אונד ער האט געוויינט.

ווען דער גלח איז אוועק, האט ער זיך געשפּירט בעדייטענד בעסער. ער האט געדענקט, אז מען האט אין הויז גערעדט פון איין אָפּעראציאָן אונד ער האט זיך געטראכט, דאס ווען דיעזע זאָל געלינגען, דאן איז ער געראטעט.

„איך וויל לעבען!“ האט ער געמורמעלט.

זיין ווייב איז צו איהם צוגעגאנגען אונד איהם גראטולירט וויא דער מנהג איז.

„פיהלסטו ניט בעסער?“ האט זיא געפרעגט.

„יא,“ האט ער געענטפערט אָהנע זיך אומצוקוקען.

שטראהל ליכט. עס איז אויך געווען גראדע דאן, ווען ער האט זיך געפרעגט:
„אבער וואס? מיין גאט, וואס?"

דער מאמענט האט איהם אונטערדעסען שטארק בערוהיגט אונד ער איז גע-בליעבען ליעגען שטיל.

ער האט געשפירט דעם ברענענדען קאפ אויף זיין האנד, דיא הייסע טרערען בענעטצענדיג זיין הויט, אונד ער האט געעפענט דיא אויגען. ער האט ערבליקט זיין זוהן. ער האט אויך איהם רחמנות געהאט.

פראסקאוויא איז אויך צוגעגאנגען אונד ער האט צו איהר געקוקט. זיא האט צו איהם געבליקט מיט איין אפענעם מויל אונד אין איהרע אויגען האט זיך אבגע-שפיעגעלט פערצווייפלונג אונד שרעק; פון איהרע אויגען האבען זיך געגאסען דיא טרערען.

איוואן איליטש האט אויף איהר אויך רחמנות געהאט.

„יא," האט ער זיך געטראכט, „איך מארטער זייא, זייא טהוט לייד אום מיר; דורך גטוויסע אורזאכען; איך וויס; אבער דיא בעסטע זאך וועט דאך זיין, ווען איך וועל שטארבען."

ער האט זעהר געוואלט דאס ערקלערען פאר זיין פאמיליע, אבער ער האט ניט געקענט.

„איבעריגענס," האט ער ווייטער געדענקט, „וואס ניטצט רעדען, מען דארף עפעס טהון.

ער האט געוויזען צו זיין ווייב אויף זיין זוהן, אבער נאר מיט דעם בליק פון זיינע אויגען, אונד געמורמעלט גאנץ שטיל: „עס טהוט מיר לייד אום מיין קינד... אויך אום דיר... טהוט מיר לייד..."

ער האט דאן געוואלט זאגען „פראסטי!" (זייא מוחל) אבער ער האט גע-זאגט „פראפוסטי!" (לאז דורך!) אונד ניט האבענדיג קיין קרעפטען צו פערריכטען זיין פעהלער, האט ער ארונטער געלאזען זיין האנד אין פערצווייפלונג, האפענדיג אבער, אז דארט וואו קיין ליעגען הערשען ניט, וועט מען איהם פערשטעהן, אונד וואו אלעס איז ליעגען, וואס איז פאר איין אונטערשיעד?

„עס טהוט מיר לייד אום זייא," האט ער זיך געטראכט, „איך וואלט געוואלט זייא זאלען ניט אזוי פיעל ליידען... אבער וואו איז מיין שמערץ? וואס איז גע-ווארען פון מיר? איז דאס דער טויט?"

ניין, ער האט זיך נאך אימער ניט אין גאנצען צוגעוואהנט, אז ער מוז שטארבען. דאן האט ער געלעגט זיינע געדאנקען אום צו זוכען דעם שמערץ.

ער האט נעקעמפפט וויא א מענש וואס איז פעראורטהיילט נעוואָרען צום טויט אונד וויל דאָך ניט שטארבען דורך דעם תלין׳ס האנד, אָבוואָהל ער וויים אז ער קען זיך ניט רעטען.

דיא נעדאנקען זיינען איהם אָפטמאל פערמישט געוואָרען אונד ער האט זיך געזעהן וויא מען שליסט איהם צו צו א שווארצען גרוב, צו א פינסטערן קבר, אונד ער קעמפפט דאנגעגען. ווען דיא נעדאנקען האבען זיך אויסגעלייטערט, האט ער געזעהן אז ער קעמפפט נעגען דער אידעע, אז זיין לעבען איז געוועזען איין גרויסער שווינדעל אונד ער וויל זיך פערטהיידיגען, אז ער איז ניט שולדיג.

פלוצלינג האט זיך איהם נעדאכט, אז א גרויסע אונד שווערע מאסע האט איהם געטראָפען אויף זיין ברוסט אונד זייט; דאס האט איהם אנפאנגס וויא דערשטיקט אונד איהם דאן אריין געוואָרפען אין א פינסטערן גרוב; אונד דאָרט, אין טיעפען תהום, האט ער ערבליקט א שטראהל פון ליכט.

איוואן איליטש איז געוועזען וויא דיעזע וואס פאָהרען אויף דער באהן אונד דיא באהן האלט גראדע אין פאָהרען צוריק, ווערהענד זייא מיינען, אז זייא פאָהרען פאָרווערטס. אויך ער האט ניט געקענט גענוי בעגרייפען וואוהין עס טרייבט איהם.

„עס איז ניט געוועזען דאס,“ האט ער געמורמעלט. עפּעס אנדערש! אָבער וואס? מיין גאָט, וואס?“

דאן איז ער געבליבען ליעגען שטיל.

עס איז געוועזען צום ענדע פון דעם דריטען טאג, מיט א שטונדע פריהער פאר דער גסיסה. דאמאלס האט זיך געעפענט דיא טהיר אונד זיין זוהן איז אריין געקומען. דאס קינד איז צוגעגאנגען אויף דיא שפיטץ פינגער צו זיין פאטער׳ס בעט.

דער שטערבענדער האט פלוצלינג וויעדער אמאל אָנגעפאנגען צו שרייען אונד זיך וואַרפען מיט זיין גאנצען קערפער. זיך וואַרפענדיג האט ער געטראָפען מיט זיין האנד דעם אינגעל׳ס קאָפּ.

דאס קינד האט אָנגעכאפט דיא האנד, אויפגעציטערט, דאן צוגעלעגט צו זיינע ליפען אונד פון זיינע אויגען האבען געפלאָסען גרויסע אונד הייסע טראָפענס טרערען.

דיעזער מאָמענט איז גראדע געוועזען דאמאלס, ווען איוואן איליטש האט זיך געזעהן ארונטער געוואָרפען אין א תהום, אונד ער האט פלוצלינג ערבליקט א

„אח, ער איז דאָ! ער שיסט ווייטער — גוט אלזא, אתד וואו איז דער טויט?"

א נייעס געפיהל איז אין איהם ענטשטאנדען. בייא דיעזער לעטצטער פראגע פון טויט, האט ער זיך שוין מעהר ניט דערשראָקען. ער האט זיך געוואונדערט דאריבער.

„וואו איז ער? וואס איז טויט?"

דער טויט האט שוין פערלוירען זיינע שרעקען פיר איוואן איליטש. אנשטאט טויט האט ער דערזעהן א מערקווירדיגעס אונד שעהנעס ליכט.

„אך! דאס איז ער!" האט ער אויסגעשריען הויך. „וויא שעהן אונד הערליך!"

דער צושטאנד אין זיין גייסט האט זיך געענדערט, נאָר אין זיין קערפער, האט דער שמערץ נאך אָנגעהאלטען צווייא שטונדען.

עפּעס האט אָנגעהויבען צו קאָכען אונד זידען אין זיין ברוסט; א ציטער איז דורכגעלאָפען איבער זיין גאנצען אייסגעמאָגערטען קערפער. דאן האט אויך דאס קאָכען אונד זידען אויפגעהערט.

„עס איז שוין נאך אלעמען!" האט יעמאנד אין צימער בעמערקט.

ער האט געהערט דיא ווערטער גאנץ גוט אונד זיך געפרעגט אויב ער איז שוין ווירקליך טויט.

„ניין," האט ער זיך געטראכט, „איך בין נאך ניט טויט. א טויטער מענש הערט ניט. וואס דען האבען זייא פאָרט געזאגט? איז דאס ווירקליך דער טויט? ניין, נאך ניט; איך בין נאהענט פון איהם."

ער האט פּראָבירט עפּעס צו זאגען, אָבער ער האט קיין וואָרט געקענט ארויס ברענגען — דאן איז זיין געזיכט געוואָרען שווארץ־גרין אונד צוזאמענגע־צויגען — איוואן איליטש איז געבליעבען ליעגען טויט.

ע נ ד ע.

6969

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT

21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it. A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

PLEASE ADVISE CHANGE OF ADDRESS

DATE DUE

DEC 1 3
FEB
MAY
MAY
APR

טאלסטאי, לעא	בעל
גערועלטע ווערק	טאל
6969	

DEC 1 3 1990 21554
FEB 2 34265
MAY 1 1 1999 Weinberger
MAY 2 8 1999 28234

#6969